STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01135

# SEYFER HASHABES

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Henry Lewis Shapiro*
*in memory of*
*Jack Scarlet*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ספר השבת

# SEFER HASHABAT

TRANSLATED FROM HEBREW
By
I. J. SCHWARTZ

▼

FARBAND BOOK PUBLISHING ASSOCIATION, Inc.
New York
1947

# סֵפֶר הַשַּׁבָּת

## שבת אין אידישן לעבן
## דורך אלע דורות

איבערזעצט פון העברייאיש

פון

## י. י. שווארץ

ערשטער טייל

ארויסגעגעבן פון

**פאַרבאַנד ביכער־פאַרלאַג**

געגרינדעט פון אידיש־נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַרבאַנד

ניו יארק — 1947

Copyright, 1947, by
Farband Book Publishing Association, Inc.
45 East 17th Street, New York 3, N. Y.

*Printed in U.S.A. by*
Shulsinger Bros. Linotyping & Publishing Co.
21 East 4th Street, New York 3, N. Y.

# אַ וואָרט פון די אַרויסגעבער

דער פאַרבאַנד-פאַרלאַג, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן סוף לעצטן יאָר, וועט אין פאַרלויף פון יאָר 1947 אַרויסגעבן דריי ביכער: „ספר השבת״, איבערזעצט פון העברייאיש פון י. י. שוואַרץ, אין צוויי טיילן, און דער דריטער בוך וועט זיין אין ענגליש, אַן אַנטאָלאָגיע וועגן די טעאָרעטיקער, גרינדער און בויער פון דער ציוניסטיש-סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דער וועלט.

די גענעראַל עקזעקוטיווע פון אידיש-נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַרבאַנד האָט געגרינדעט דעם פאַרלאַג האָבנדיק דעם באַוואוסטזיין, אַז דאָס אידישע אַמעריקע מוז איצט אַנטוויקלען אַ גרויסע שעפערישע קולטור-טעטיקייט, כדי נישט צו לאָזן איבעררייסן די גאָלדענע קייט פון אידישן שאַפן און כדי מיטצוהעלפן אויספילן די גרויסע קולטור-פאַרלוסטן, וואָס אונזער פאָלק האָט אַזוי שווער געליטן אין די לעצטע טראַגישע יאָרן.

עס איז דערפאַר ניט קיין צופאַל, וואָס דער פאַרבאַנד איז איצט צוגעטראָטן צו שאַפן אַ פאַרלאַג אַרויסצוגעבן אָריגינעלע און איבערגעזעצטע ווערק אין אידיש, העברייאיש און ענגליש וועגן די פּראָבלעמען פון אידן און אידישקייט, איבער פראַגן פון דער אידישער פאַרגאַנגנהייט און צוקונפט און וועגן דעם לעבן פון אַמעריקאַנער אידנטום.

מיר שטעלן זיך אַלס אויפגאַבע צו באַקענען דעם אידישן לייענער, ווי אויך די אונטערוואַקסנדע יוגנט מיט די אוצרות פון אידישן שאַפן אין לויף פון אַלע דורות פון דער אידישער געשיכטע.

דער פאַרלאַג ווערט פיל געהאָלפן פון דעם ענדאַומענט פאָנד פאַר הונדערט טויזנט דאָלער, וואָס דער פאַרבאַנד האָט אָנגעהויבן שאַפן מיט אַ צייט צוריק און וואָס האָט געקראָגן אַזאַ וואַרימען אָפּרוף צווישן חברים און פריינט פון פאַרבאַנד.

צום סוף פון בוך ווערט פאַרעפנטלעכט אַ ליסט פון די חברים, וואָס האָבן בייגעטראָגן צום ענדאַומענט פאָנד, און האָבן מעגלעך געמאַכט, אַז דער פאַרבאַנד-פאַרלאַג זאָל אָנהייבן פונקציאָנירן.

מיט דער גרינדונג פון פאַרבאַנד-פאַרלאַג איז די פאַרוואַלטונג גלייכצייטיק צוגעטראָטן צו שאַפן אַ ביכער-קלוב, לויטן מוסטער פון די גרויסע ענגלישע ביכער-קלובן, פון טויזנטער שטענדיקע אַבאָנאַ-מענטן. אַ גרויסע צאָל פאַרבאַנד-חברים און פריינט פון דער אידישער קולטור האָבן זיך שוין ביז איצט אָנגעשלאָסן אין דעם ביכער-קלוב. מיר האָפן, אַז מיט דער דערשיינונג פון די ערשטע דריי ביכער, וואָס דער פאַרבאַנד-פאַרלאַג גיט אַרויס אין יאָר 1947, וועט דער ביכער-קלוב פאַרגרעסערט ווערן מיט נאָך טויזנטער לייענער. מיר זיינען זיכער, אַז די חברות און חברים פון פאַרבאַנד וועלן שטיצן די וויכ-טיקע קולטור-אונטערנעמונג און העלפן פאַרשפּרייטן די ביכער פון פאַרבאַנד-פאַרלאַג.

**פאַרבאַנד ביכער־פאַרלאַג**

גענרינדעט פון

**אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד**

ניו יאָרק, יולי, 1947.

# אינהאַלט

## ערשטער קאַפּיטל

אַריינפיר ............ א. מענעס
פון דער תורה............ 3
פון נביאים וכתובים............ 6
פון די אַפּאָקריפן............ 13
פון די באַהאַלטענע ספרים............ 15
פון דער אידיש־גריכישער ליטעראַטור............ 18

## צווייטער קאַפּיטל

פון תלמוד און מדרש............ 31
פון דער גאונים־ליטעראַטור............ 59

## דריטער קאַפּיטל

ראשי־פּרקים של הלכות שבת (לויט דעם רמב״מ׳ס „משנה תורה״)...... 65
ר׳ שלמה יצחקי (רש״י) — וועגן שבת............ 75
ר׳ יהודה פון באַרצעלאָנאַ — פון „ספר־העתים״............ 79
ר׳ יצחק פון ווין — פון ספר „אור זרוע״............ 80
ר׳ צדקיהו הרופא פון רוים — פון ספר „שבלי הלקט״............ 82
ר׳ יוזפא הלוי — שבת און בר־מצוה............ 84
רבנו יהודה החסיד — פון „ספר חסידים״............ 84
פון „מנהגי מהרי״ל״............ 88
פון „מנהגי האר״י״............ 89
ר׳ ישעיה הלוי הורוויץ — פון „שני לוחות הברית״............ 89
ר׳ יוזפא האן ניירלינגען — פון „יוסף אומץ״............ 92
ר׳ אליהו מווילנא (הגר״א) — פון א בריוו............ 99
פון ר׳ יעקב עמדינ׳ס סידור............ 100
ר׳ חיים יוסף אזולאי — פון „עבודת הקודש״............ 102
פון סידור „אור זרוע לצדיק״............ 104
ר׳ אברהם דאנציג — פון „חיי אדם״............ 107
ר׳ משה מרדכי ששון — פון ספר „דבר־בעתו״............ 108
ר׳ אברהם טריסקער — פון „מגן־אברהם״............ 111
לעאָפּאָלד צונץ — קריאת התורה און די שבת׳דיקע דרשה............ 111
ר׳ יצחק בער לעווינזאָן — פון „זרובבל״............ 114
ספּעציעלע שבתים............ 119

# פערטער קאַפּיטל


ר׳ יהודה הלוי — פון ספר הכוזרי ........ 125
ר׳ משה בן מיימון (רמב"ם) — פון „מורה נבוכים" ........ 128
ר׳ אברהם אבן־עזרא — די קדושה פון שבת ........ 129
ר׳ שמואל בן מאיר — פון זיין פירוש אויף דער תורה ........ 130
ר׳ משה בן נחמן (רמב"ן) — פון זיין פירוש אויף דער תורה ........ 131
ר׳ דוד קמחי (רד"ק) — פון זיין פירוש אויף דער תורה ........ 132
ר׳ שלמה בן אדרת (רשב"א) — שבת איז די וועלט פאַרפולקאָמט געוואָרן ........ 133
ר׳ בחיי בן־אשר — די מצוה פון ליכט בענטשן ........ 133
ר׳ יצחק עראמה — פון „עקידת יצחק" ........ 136
ר׳ יוסף אלבו — פון ספר „העיקרים" ........ 141
דאָן יצחק אברבנאל — פון זיין פירוש אויף דער תורה ........ 142
ר׳ משה ברי יוסף (פון טראַני) — שבת איז באַנייט געוואָרן ביי מתן־תורה ........ 145
ר׳ משה אלשיך — פון זיין פירוש אויף דער תורה ........ 145
ר׳ אליהו דע ווידאַש — פון „ראשית חכמה" ........ 147
מהר"ל פון פראג — פון „גבורות ה׳" ........ 148
ר׳ אליהו גאון פון ווילנע (גר"א) — עונג־שבת ........ 149
ר׳ שניאור זלמן לאַדיער — דער אונטערשייד צווישן בית־שמאי און בית־הלל ........ 150
ר׳ משה חיים לוצאַטו — דאָס אָפּהיטן פון צוויי שבתים ........ 151
ר׳ יעקב המגיד (דער דובנער מגיד) — שבתים און יום־טובים זיינען געגעבן געוואָרן צו פאַרבעסערן דעם מענטשנס מידות ........ 151
ר׳ חיים טשערנאָוויץ — פון „סדור של שבת" ........ 153
ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער — גאָט ברוך הוא האָט תענוג פון דער שמחה פון שבת ........ 154
נפתלי הערץ וויזל — ווען גאָט האָט פאַרענדיקט מאַכן די וועלט — האָט ער געמאַכט רוען אין איר די שכינה ........ 155
ר׳ מרדכי טשערנאָבילער — צוויי מינים רו ........ 156
ר׳ ישראל בעל שם־טוב (בעש"ט) — „זיי זאָלן זאַט ווערן און האָבן תענוג" ........ 157
ר׳ חיים אריה לייב (פון יעדוואַבניע) — די שבת׳דיקע הוצאות מאַכן רייך דעם מענטשן ........ 158
ר׳ שמעלקע פון ניקלסבורג — אַ מענטש דאַרף זיין צוגעגרייט פאַר דער קדושה פון שבת ........ 159
ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָן — די מורא פון שבת ........ 160
ר׳ יוסף בריסקער — מיטן שבת האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי־באַשאַף ........ 161
ר׳ אהרן לעווין (רב פון ריישע) — מיטן אָנקומען פון שבת ווערט געענדיקט דעם מענטשנס אַרבעט ........ 162
ר׳ שבתי אבן־בודד — אַרבעטן אין דער וואָכן איז אַ מצוה ........ 163
ר׳ שמואל דוד לוצאַטו — די מצוה פון שבת ........ 164
ר׳ שמשון רפאל הירש — די קדושה פון שבת איז אויף אייביק ........ 165
ר׳ משה נאַכט — די שבת׳דיקע רו פרישט אָפּ דעם מענטשנס כוחות ........ 167
ר׳ ישראל מאיר הכהן (חפץ חיים) — דער שבת איז אַ צייכן פאַרן פאָלק ישראל ........ 168
זאב יעבץ — די שבת׳דיקע נשמה־יתירה ........ 173
יצחק ניסנבוים — דער כח פון שבת ........ 175

הרב א. י. קוק — דער זכות פון שבת איז דער וועג צו גאולה............ 176
ר׳ משה אביגדור עמיאל — דער אונטערשייד צווישן דעם אידישן
שבת און דעם גוייִשן טאָג פון רו.............................. 177
פראָפ. הערמאַן כהן — וועגן שבת.............................. 178
פראָפ. דוד ניימאַרק — פון „תולדות העקרים בישראל״.............. 184
פראָפעסאָר באַרט — דער אידישער שבת און דער באַבילאָנישער שבת 186
הרב צבי נאָבעל — דער שבת.................................. 190

## פינפטער קאַפיטל

קבלה און חסידות — פון „זוהר״.............................. 199
ר׳ יוסף גיקטיליה — שבת איז דער טויער פון עולם־הבא........... 206
ר׳ אליהו דע־ווידאש — פון „ראשית חכמה״........................ 208
ר׳ יוסף קארו — פון „מגיד מישראל״............................ 208
פון שני לוחות הברית......................................... 210
ר׳ יעקב יוסף הכהן — פון „תולדות יעקב יוסף״.................. 213
ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער..................................... 215
ר׳ דוד מעזריטשער............................................ 217
ר׳ פנחס קאָרעצער — פון „מדרש פנחס״.......................... 217
ר׳ נחום טשערנאָבילער — פון „מאור־עינים״...................... 217
ר׳ ישראל דער קאָזשעניצער מגיד............................... 218
ר׳ שמחה בונים פון פשיסכע — די צירונג פון שבת................ 219
ר׳ נחמן בראצלאווער — שמחה איז דער עיקר פון כבוד־שבת.......... 220
ר׳ מנחם מענדל קאָצקער......................................... 221
ר׳ אברהם סאָכאטשאָווער — וועגן „זכור״ און „שמור״.............. 221
ר׳ יהושע בעלזער — די מלאכי השרת און די מלאכי השלום........... 221
ר׳ מרדכי טשערנאָבילער — שבת מיינט שלימות..................... 222
ר׳ יוסף סאמיגה — פון „מקראי קודש״............................ 222
ר׳ ברוך פון מעזבוזש — שבת איז גרעסער פון עולם הבא............ 223
ר׳ נפתלי ראָפשיצער — פון „אהל נפתלי״.......................... 224
ר׳ יחיאל מיכל זלאָטשאָווער — פון „מים רבים״................... 224
ר׳ יצחק מאיר פון גור.......................................... 225
ש. מ. גשורי — דאָס שבת׳דיקע זינגען ביי די מקובלים און די חסידים 225

## זעקסטער קאַפיטל

פראָפ. א. מאַרמאָרשטיין — שבת אין גלות אין די צייטן פון די
אמוראים .................................................... 231
פון מסעות ר׳ יצחק חילו...................................... 234
פון „מסעות רבי עובדיה מברטנורא״.............................. 235
פון די רייזע־באַשרייבונגען פון קאראאים שמואל יעמש״ל............ 237
פון די רייזע־באַשרייבונגען פון קאראאים משה ירושלמי............. 238
פון די רייזע־באַשרייבונגען פון ר׳ שמחה בר׳ יהושע.............. 238
יעקב ספיר הלוי — פון „אבן־ספיר״.............................. 239
ישראל בן יוסף בנימין — פון „ספר מסעי ישראל״.................. 244
אפרים דיינארד — די שבת־מנהגים פון די קרימער קאראאימען......... 245
צבי כשדאי — שבת אין סיביר.................................... 247
שלמה ריינמאן — שבת אין עדת „בני ישראל״ פון באָמביי.............. 248

דר. פ. פייטעלאָוויטש — שבת ביי די אידן פאַלאַשן ........ 249
אליעזר הלוי — די שבת מנהגים ביי די שומרונים ........ 249
י. בן־צבי — פון „ספר השומרונים" ........ 251
נחום סלושץ — שבת ביי די אנוסים ........ 251
צבי כשדאי — שמירת שבת ביי די רוסישע גרים ........ 253
א. מ. לונץ — שבת אין ירושלים און אין אנדערע שטעט פון ארץ־ישראל ........ 257
ר׳ יצחק יחזקאל יהודה — שבת ביים כותל מערבי ........ 259
י. מ. סופר ........ 260
צבי הירש מאַסליאַנסקי — שבת אין ווילנע ........ 261
שמואל ראַפּאָפּאָרט — שבת אין גאַליציע ........ 261
בן־מנחם — שבת ביי די אידישע פּויערים פון מאַרמאַרעש ........ 265
יוסף בן פנחס עוזיאל — שבת אין סאַלאָניקי ........ 265
אַלעקסאַנדער קיילאַנד — שבת אין סאַלאָניקי ........ 271
א. י. ברור — שבת אין חלב (ארם־צובא) ........ 272
וו. י. פישל — שבת ביי די אנוסים פון פּערזיע ........ 273
ר׳ בנימין — שבת אין קאַאירא ........ 273
פּראָפ. נחום סלושץ — שבת אין ראָדאָס ........ 273
י. אלימלך — שבת אין בערלין ........ 274


## זיבעטער קאַפּיטל

## לעגענדעס און תענוגים פון שבת


ר׳ גרשון ב״ר אליעזר — דער טייך סמבטיון ........ 283
ר׳ משה דיישער — אריאל ........ 285
ברוך עוזיאל — אַ מעשה מיט אַ רב און אַ טערק אַ פּרוכטהענדלער ........ 287
בערטאָלד אויערבאַך — אַ מעשה מיט אַ פרומען מאַן ........ 288
מרדכי בן יחזקאל — פאַר די שבת׳דיקע הוצאות ........ 288
יוסף מיוחס — חלול־שבת און די שטראָף דערפאַר לויט דער אראַבי־שער לעגענדע ........ 291
ר׳ מרדכי ששון — דער עונש פאַר חילול־שבת ........ 297
מיכה יוסף בערדיטשעווסקי — דער כח פון שבת׳דיקן דאַווענען ........ 298
א. ל. גראָסמאַן — אַ חסידישע מעשה וועגן בעש״ט ........ 300
יהודה עלזעט — די שבת׳דיקע מאכלים ........ 310
וויצן און גלייכווערטלעך ........ 332
שמירת שבת ביי די אומות העולם ........ 337
קלמן שולמאַן — גריכישע און רוימישע שרייבער וועגן שבת ........ 339
א. יעלינעק — דער שבת האָט באַצוואונגען די וועלט ........ 341

## א. מענעס

# שבת — דער אידישער טאָג און די אידישע אידייע

שבת קודש, דער הייליקער טאָג שבת, איז במשך פון דורות און דורות געוועזן און געבליבן דער סימבאָל פון אידיש לעבן. שבת איז דער אידישער טאָג אָבער אויך, און אפשר קודם כל, די אידישע אידעע. א סך מער ווי ביי אַנדערע ימים טובים איז ביי שבת גילטיק דער כלל — סוף מעשה במחשבה תחילה; פריער איז געוועזן די שבת־אידעע, ערשט שפּעטער איז געקומען די שבת־ווירקלעכקייט. ווארום שבת איז א סך מער ווי בלויז אַ טאָג פון אָפּרו, אַ טאָג פון ניט־טאָן. כאַראַקטעריסטיש פאַר שבת איז גראַד, וואָס מען טוט יע שבת, וואָס מען מאַכט פון שבת און ווי מען מאַכט שבת. גאָט האָט פאַרענדיקט באַשאַפן די וועלט — דערציילט אונז א מדרש — ניט אין זעקס טעג, נאָר אויפן זיבעטן טאָג, ווארום ערשט אין דעם זיבעטן טאָג האָט גאָט באַשאַפן דעם שבת. און כל זמן עס איז ניט געוועזן קיין שבת אויף דער וועלט איז די וועלט ניט געוועזן פאַרענדיקט. דעריבער, דערקלערט דער מדרש, שטייט געשריבן: ויכל אלהים ביום השביעי מלאכתו אשר עשה. שבת איז די אידישע אידעע וועגן דעם זין פון דער וועלט און דעם פּלאַן פון דער וועלט־געשיכטע, וועלכע קען געפינען איר תיקון נאָר אין דעם וועלט־שבת, אין דעם יום שכולו שבת, ווי די משיח־צייט ווערט באַצייכנט אין דער אידישער טראַדיציע. שבת איז אָבער נאָך מער ווי אַן אידעע. אין דער אגדה און קבלה־ליטעראַטור באַווייזט זיך פאַר אונז די שבת־געשטאַלט אין איר פולער פּראַכט. עס איז די פּערזאָניפיצירונג פון דער העכסטער, געלייטערטער גייסטיקייט. שבת איז די נשמה יתרה פון דער וועלט, און דערפאַר זינגען אונזערע מיסטישע דיכטער מיט אַזוי פיל הייליקייט און דערהויבנקייט זייערע פּיוטים און זמירות לכבוד דער בת מלכה שבת.

די מאָטיוון פון שבת פירן אונז אַריין אין די פאַרבאַרגנסטע ווינקעלעך פון אידישן געדאַנק וועגן צייט, געשיכטע און אייביקייט. צום אידישן פאָלק האָט זיך די געטלעכע השגחה אַנטפּלעקט ניט אין די מאַניפעסטאַציעס פון נאַטור־לעבן, נאָר אין די גרויסע קריזיסן פון דער געשיכטע. די אידן האָבן דערפאַר קיינמאָל ניט פאַרגעטערט די בלינדע כוחות פון דער נאַטור. דער בליק פון די גרויסע אידישע דענקער איז תמיד געווען געווענדעט צום מענטשן און צו דער געשיכטע פון די פעלקער. דער גורל פון מענטשן און פעלקער איז פאַר די אידישע נביאים געווען ניט קיין רעזולטאַט פון שפּיל פון צופאַל, נאָר איז פון זיי באַטראַכט געוואָרן ווי אַ טייל פון אַ גרויסער וועלט־

היסטאָרישער דראַמע. און דער גרונט־מאָטיוו פון אָט דער וועלט־היסטאָרי־שער דראַמע איז — דער כסדר׳דיקער קאָנפליקט צווישן גלות און גאולה. מיטן פאַקט פון גלות הויבט זיך אייגנטלעך די וועלט־געשיכטע אָן — עס איז די פאַרטרייבונג פון די ערשטע מענטשן פון גן־עדן. זינט יענער אור־קאַ־טאַסטראָפע איז — לויט דער ביבלישער פאָרשטעלונג — די וועלט אין גלות, ווייט פון גאָט און ווייט פון גערעכטיקייט. אויך דער אָנהויב פון דער אידישער געשיכטע שטייט אונטערן צייכן פון גלות און גאולה — פון שעבוד מצרים און יציאת מצרים. און דער גאַנצער ווייטערדיקער וועג פון אידישן פאָלק איז איין לאַנגער אומאונטערבראָכענער קאַמף צווישן די פינסטערע קליפות פון גלות און די הייליק־לויטערע פונקען פון גאולה.

די ערשטע קאַפּיטלעך פון בראשית מאָלן אונז אַ בילד פון דער מאָראַלישער ירידה פון דעם מענטשן און פון דער וועלט. די דאָזיקע טיף־פעסימיסטישע שטימונג קומט דייטלעך צום אויסדרוק אין דעם וואָרט־שפּיל אדם — אדמה (מענטש־ערד): פון דער ערד איז דער מענטש באַשאַפן געוואָרן; די ערד מוז ער באַאַרבעטן; און צו דער ערד מוז ער זיך צוריקקערן. אָט די טראַגישע גורל־פאַרבונדנקייט צווישן מענטש און ערד באַאומרואיקט אַזוי שטאַרק דעם אידישן דענקער. ער ווייס, אַז דער מענטש איז באַרופן צו מער, אַז ער האָט אַ העכערע שליחות אויף דער וועלט, און ער קען דערפאַר נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז מיט די וואָכנדיקע טעג, מיט די טעג פון אַר־בעט, זאָרג און פּיין, קען ווערן אויסגעפילט דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן. דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פון דעם אַרבעטס־מענטשן איז שווער, אין שווייס פון זיין פּנים עסט ער זיין ברויט. דערנער און ווילדע פּירות — קלאָגט זיך דער דיכטער פון חומש — וואַקסן פון זיך אַליין, אָבער פאַרן שטיקל ברויט, וואָס דער מענטש דאַרף האָבן פאַדערט די ערד שווערע אַרבעט. דער אידישער געדאַנק האָט דעם דאָזיקן צושטאַנד בשום אופן ניט געקענט באַטראַכטן פאַר אַן ענדגילטיקן. דעם ענטפער האָבן אידן געפונען אין דעם משיח־גלויבן, וואָס איז אפשר דאָס העכסטע צו וואָס דער אידישער רעיון איז דערגאַנגען. אָבער אפילו די משיח־אוטאָפּיע האָט דעם אידישן אַרבעטס־מענטשן ניט געקענט געבן די פולע באַפרידיקונג. אויך איצט, אין דער פון גאָט פאַרשאָלטענער וועלט, וויל דער מענטש זיך אַמאָל באַפרייען פון די טאָג־טעגלעכע זאָרגן און נויטן, וויל ער אַמאָל, לפחות אויף אַ קורצער צייט, געניסן דעם טעם פון גן עדן און משיח־צייט. צו דעם צוועק האָט ער נאָך פון דער גליקלעכער גן־עדן צייט געראַטעוועט אַ קליינעם רעשט פאַר דער געגנוואַרט אין דער געשטאַלט פון שבת, דעם טאָג פון מנוחה און קדושה, ווען דער מענטש ווערט באַפרייט פון זיין צוגעבונדנקייט צו דער ערד און ווען ער קען זיך ווידער דערנענטערן צו זיין גייסטיקן שורש.

א מדרש דערציילט: אין דעם זעקסטן טאָג פון דער בריאה האָט גאָט באַשאַפן דעם מענטשן. אין דעם זעלביקן טאָג, פרייטיק, האָט זיך דער מענטש פאַרזינדיקט און זיין שטראָף וואָלט געווען זייער אַ שווערע. איז אָבער אָנגעקומען דער טאָג שבת, דער פון גאָט געבענטשטער טאָג. האָט זיך דער שבת איינגעשטעלט פאַרן מענטשן און האָט געזאָגט צו גאָט ברוך הוא: האַר פון דער וועלט! אין די זעקס טעג פון באַשאַף איז קיין איינציקער פון דיינע ברואים ניט אומגעקומען, ווילסטו מיט מיר אָנהויבן? איז דאָס מיין קדושה און איז דאָס מיין ברכה? איז אדם הראשון ניצול געוואָרן פון דעם דין פון גיהינום אין זכות פון שבת. און ווען אדם האָט געזען דעם כוח פון שבת האָט ער אָנגעהויבן זינגען: מזמור שיר ליום השבת!

***

די זעקסטעגיקע אַרבעטסוואָך מיטן זיבעטן אָפּרו־טאָג, שבת, פאַרנעמט בכלל אַ פּלאַץ פאַר זיך אין אונזער קאַלענדאַר־סיסטעם. דער טאָג, דער חודש און דאָס יאָר זיינען אונז געגעבן געוואָרן פון דער נאַטור, זיי זיינען פאַרבונדן מיט די באַוועגונגען פון דער זון און פון דער לבנה לגבי דער ערד, ווי זיי ווערן געזען פון אונז. דער חשבון פון דער זיבנטעגיקער וואָך אָבער האָט צום אַסטראָנאָמישן קאַלענדאַר קיין שום שייכות ניט. די וואָך איז אויסשליסלעך אַ פּראָדוקט פון מענטשלעכן שכל. דאָס האָט דער מענטש געמאַכט דעם פּרואוו זיך צו עמאַנציפּירן פון דער נאַטור, צו באַווייזן זיין זעלבסטשטענדיקייט, זיין אויטאָנאָמיע אין די ראַמען פון אַ געבונדענער וועלט. מיט דער זיבנטעגיקער וואָך האָט דער איד געשאַפן זיין אייגענעם ריטם פון אַרבעט און אָפּרו, זיין אייגענעם סדר פון די טעג און די צייטן.

דער מאָדערנער מענטש, וואָס איז אַזוי צוגעוואוינט צו דער זיבנטעגיקער וואָך, קען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, אַז עס איז אַמאָל געווען אַ צייט, ווען מען האָט נאָך ניט געוואוסט פון דער וואָך און פון דער ריטמישער איינטיילונג אין טעג פון אַרבעט און טעג פון אָפּרו. דער אמת איז, אַז עס זיינען נאָך היינט פאַראַן קולטור־פעלקער, וועלכע האָבן ניט אונזער וואָך־רעכענונג און וועלכע האָבן אויך ניט דעם נאָרמאַלן, פּעריאָדישן אָפּרו־טאָג. אפילו די מערב׳דיקע קולטור־פעלקער, וואָס האָבן ביי אונז אידן איבערגענומען די זיבנטאָגיקע וואָך, האָבן ביז גאָר ניט לאַנג ניט אַזוי שטרענג אָפּגעהיט דעם געבאָט צו רוען אין דעם זיבעטן טאָג. אין אַ סך קולטור־לענדער איז נאָך במשך פון גאַנצן 19־טן און אפילו נאָך אין אָנהויב פון אונזער יאָרהונדערט די פּולע, זיבנטאָגיקע אַרבעטסוואָך ווייט ניט געווען קיין זעלטנהייט. דאָס איז באַזונדערס נוגע דעם האַנדל, וואו מען האָט געאַרבעט כמעט די גאַנצע 365 טעג פון יאָר. עס איז מחמת דעם ווייט ניט קיין גוזמא צו זאָגן: אַז די

איינפירונג פון שבת איז ניט נאָר דער ערשטער, נאָר, קולטור־היסטאָריש באַטראַכט, בלי ספק דער באַדייטנדסטער פּרואוו צו רעגולירן די אַרבעטס־צייט און צו באַפרייען דעם מענטשן פון דעם שטענדיקן כסדר׳דיקן יאָך פון אַרבעט און זאָרג. שבת האָט אָבער דעם מענטשן באַפרייט ניט נאָר פון דער קללה פון „בזעת אפיך תאכל לחם״, נאָר אויך פון דער שווערער משא וואָס האָט אַזוי אָפט געדריקט אויפן אַרבעטס־מענטשן מחמת דעם אומגערעכטן סדר העולם.

א תלמודישע אגדה דערציילט: ווען משה איז צום ערשטן מאָל אַרויס צו זיינע ברידער און האָט געזען זייער שווערע אַרבעט איז ער געקומען צוריק צו פּרעה׳ן, דעם קעניג פון מצרים, און האָט צו אים געזאָגט: אויב אימיצער האָט אַ קנעכט און ער לאָזט אים ניט אָפּרוען איין טאָג אין וואָך, קען ער שטאַרבן. און דיינע קנעכט, אויב דו וועסט זיי ניט געבן איין טאָג אין וואָך רו, וועלן זיי אומקומען. האָט פּרעה צו אים געזאָגט: גיי און טו ווי דו פאַרשטייסט. איז משה אַוועק צו זיינע ברידער און האָט פאַר זיי באַשטימט דעם טאָג שבת פאַר אַן אָפּרו־טאָג.

שבת איז בכן, לויט דער אגדה, דער ערשטער און עלטסטער אידישער יום טוב; אפילו נאָך עלטער ווי פּסח, דעם יום טוב פון אידישער פרייהייט, ווען פון די קנעכט אין מצרים איז געוואָרן דאָס פאָלק ישראל. עס איז בכל אופן ריכטיק, אַז די שבת־אידעע ליגט אין יסוד פון אַלע אידישע ימים טובים, און די געבראַכטע אגדה האָט בלי ספק געשעפּט פון דעם קוואַל פון דער גאָר אַלטער אידישער טראַדיציע. וואָרום שבת איז לכל הדעות שוין אין דער צייט פון תנ״ך באַטראַכט געוואָרן ווי דער וויכטיקסטער אידישער יום טוב. אין די עשרת הדברות, וואו עס ווערן אויסגערעכנט די צען רעליגיעז־עטישע עיקרים פון דער אידישער אמונה, ווערט פון אַלע ימים טובים בלויז שבת דערמאָנט: „געדענק דעם טאָג שבת, אים צו האַלטן הייליק (זכור את יום השבת לקדשו״). צוויי מאָטיווירונגען ווערן אונז אין חומש געגעבן פאַר דער אויסערגעוויינ־לעכער וויכטיקייט פון דער מצוה פון שבת: אין שמות (כ׳, י״א) ווערט שבת פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון מעשה בראשית: „וואָרום אין זעקס טעג האָט גאָט געשאַפן דעם הימל און די ערד, דעם ים, און אַלץ וואָס געפינט זיך אין זיי, און דעם זיבעטן טאָג האָט ער גערוט; דערפאַר האָט גאָט געבענטשט דעם טאָג שבת, און האָט אים געהייליקט״. אין דברים אָבער ווערט די מצוה פון שבת מאָטיווירט דער עיקר ווי אַ סאָציאַלע אינסטיטוציע: „זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן אַלע דיינע מלאכות; אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת צו ה׳ דיין גאָט, זאָלסט ניט טאָן קיין מלאכה, דו און דיין זון, און דיין טאָכטער און דיין קנעכט, און דיין דינסט, און דיין אָקס, און דיין אייזל, און אַלע דיינע בהמות, און דער פרעמדער וואָס אין דיינע טויערן; כדי דיין קנעכט

און דיין דינסט זאָלן רוען אַזוי ווי דו. און דו זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביזטו געווען אין לאַנד מצרים, און ה׳ דיין גאָט האָט דיך אַרויסגעצויגן פון דאָרטן מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם; דרום האָט ה׳ דיין גאָט דיר באַפוילן צו מאַכן דעם טאָג שבת״. עס איז אין תוך ניטאָ קיין סתירה צווישן די דאָזיקע צוויי מאָטיווירונגען. שבת איז אַ אוניווערסאַלע אינסטיטוציע, וואָס דאַרף זיין אַ טאָג פון ברכה און קדושה פאַר דער גאַנ־צער וועלט, עס איז אָבער קודם כל דער הייליקער אידישער טאָג, דער סימבאָל פון אידישער פרייהייט און פון דער אידישער אידעע פון פרייהייט און גלייכ־הייט.

ווי אַזוי האָט דער אידישער פויער געוואוסט וועלכער טאָג איז שבת? עס קען אפילו אין פלוג אויסזעהן, אַז די גאַנצע פראַגע איז ניט אויפן אָרט: וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ גרויסע חכמה צו וויסן, ווען איז שבת? דער אמת איז, אַז דאָס איז גאָרניט געווען אַזוי איינפאַך. דער איד פון דער צייט פון תנ״ך האָט זיך גרינגער געקענט געבן אַן עצה מיט אויסרעכענען די שעה׳ן פון טאָג און באַשטימען די צייט פון אַנהויב חודש און אַנהויב יאָר. די באַוועגונגען פון דער זון און דער לבנה האָבן דאָן אַרויסגעהאָלפן. ווי גיט מען זיך אָבער אַן עצה מיט די טעג פון דער וואָך? דאָ האָט מען געמוזט אָנווענדן דעם פשוט׳ן מעטאָד פון ציילן און געדענקען. דערפאַר ווערט טאַקע געזאָגט אין די עשרת הדברות: „געדענק דעם טאָג שבת, אים צו הייליקן״. (זכור את יום השבת לקדשו). עס איז מחמת דעם פאַראַן אַ גרונד משער צו זיין, אַז דער מנהג פון ספירה, פון ציילן די טעג איז לכתחילה געווען פאַרבונדן מיט דער אינסטיטוציע פון דער זיבנטעגיקער וואָך. אין דער צייט פון ספירה, אין די טעג צווישן פסח און שבועות, האָט מען אייגענטלעך געציילט ניט די טעג נאָר די וואָכן. און ווען עס פאַרענדיקט זיך דער קרייז פון די וואָכן, דער פעריאָד פון זיבן מאָל זיבן — פון זיבן וואָכן צו זיבן טעג —פייערט מען דעם יום טוב פון די וואָכן, דעם יום טוב שבועות.

פאַרוואָס איז דער מנהג פון ציילן ספירה אויפגעהיט געוואָרן נאָר פאַר די זיבן וואָכן פון פסח ביז שבועות? דערויף איז אונז היינט שווער צו געבן אַ באַפרידיקנדיקן ענטפער. מעגלעך אַז גראָד אין דער צייט פון שניט איז געווען באַזונדערס וויכטיק צו דערמאָנען די פויערים, אַז שבת דאַרף מען אָפּשטעלן די אַרבעט. אַ רמז פאַר דעם קען מען געפינען אין שמות ל״ד, כ״א: „זעקס טעג — לייענען מיר דאָ — זאָלסטו אַרבעטן און דעם זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען; אין דער אַקערצייט און שניטצייט זאָלסטו רוען״. עס ווערט דאָ, ווי מיר זעען, באַזונדערס באַטאָנט די וויכטיקייט צו רוען שבת גראָד אין דער אַקערצייט און אין דער שניטצייט, ווען עס איז פאַראַן אַזוי פיל אַר־בעט אויפן פעלד און דער נסיון איז אָפטמאָל זייער גרויס אויסצונוצן אויך

דעם שבת׳דיקן טאָג פאַר וואָכעדיקער אַרבעט. עס איז אַ חוץ דעם אויך פאַראַן אַ אידעאַישע קרובה׳שאַפט צווישן שבת און פסח. כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, וואָס דער ערשטער טאָג פסח ווערט אין חומש באַצייכענט מיטן וואָרט שבת — דער שייכות׳דיקער טעקסט אין ויקרא וועגן דער מצוה פון ספירה לייענט זיך:

„און איר זאָלט אייך ציילן פון אויף מאָרגן נאָך דעם שבת, פון דעם טאָג וואָס איר ברייגנגט די גאַרב פון אויפהייבונג (עמר התנופה — דער עמר איז געבראַכט געוואָרן אין אָנהויב שניט ווי אַ דאַנק־מתנה צו גאָט פאַר דער מזל־ברכה אויף די פעלדער) זיבן גאַנצע וואָכן זאָלן עס זיין; ביז אויף מאָרגן נאָך דעם זיבעטן שבת זאָלט איר אָפציילן פופציק טעג און ברענגען אַ שפּייזאָפּפער פון דער נייער געוועקס צו גאָט״. עס ווייזט אויס, אַז דווקא אין שניט־צייט האָט מען די מצוה פון שבת־רו אָפּגעהיט מיט אַ באַזונדערער פייערלעכקייט. צוליב דעם טעם האָט דער יום טוב וואָס שליסט אָפּ דעם פעריאָד פון דער שניט־צייט, דער חג הקציר אָדער דער חג הבכורים, געקריגן דעם נאָמען שבועות־וואָכן, יום טוב פון די וואָכן.

דאָס וואָרט „קדש״ — הייליקן, קען אַ חוץ דעם אויך האָבן די באַ־דייטונג פון — פייערלעך פּראָקלאַמירן, אָנזאָגן. אַזוי פלעגט מען אָנזאָגן דאָס אָנקומען פון שבת, יום טוב און ראש חודש דורך סיגנאַלן און רעליגיעזע צע־רעמאָניעס, וועלכע ווערן אין דער תלמודישער ליטעראַטור באַצייכנט מיט די ווערטער קידוש החודש (דאָס פּראָקלאַמירן פון דעם נייעם חודש) און קידוש היום (ביים אָנקומען פון שבת און יום טוב). דאָס איז דער גרונד פאַר דעם מנהג פון קידוש און הבדלה — אויף אַ פייערלעכן אופן ווערט דער שבת אויפגענומען, און אויף אַ פייערלעכן אופן באַגלייט דער איד דעם שבת.

***

פון וואַנען קומט צו אידן די שבת־אידעע און שבת־אינסטיטוציע? פאַרשיידענע פאָרשער האָבן געפּרוּאווט באַווייזן, אַז אין דעם ענין שבת זיינען די אידן געווען תלמידים פון די חכמי בבל. הגם עס איז אמת, אַז אין ענינים פון קאַלענדאַר בכלל האָבן אידן אַ סך געלערנט פון דער עלטערער בבלישער קולטור, האָבן מיר שוין אָבער פריער באַמערקט, אַז די זיבנטעגיקע וואָך און דער אָפּרו־טאָג שבת פּאַסן זיך לחלוטין ניט אַריין אין דער סיסטעם פון דעם קלאַסישן בבלישן קאַלענדער. עס האָט זיך אָגב ביז צום היינטיקן טאָג ניט איינגעגעבן צו אַנטדעקן וועלכע ניט איז שפּור פון דעם אידישן שבת אין די אַלטע בבלישע דענקמעלער. מען האָט, אמת, יע געפונען אַן אַלטן בבלישן טעקסט, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז באַשטימטע טעג אין חדש זיינען ניט מזל׳דיק

און מען דאַרף זיך דעריבער אָפּהאַלטן פון צו טאָן אין זיי געוויסע אַרבעטן. אָבער די דאָזיקע ניט־מזל׳דיקע טעג פאַלן ניט צונויף מיטן אידישן שבת; זיי זיינען צוגעפּאַסט צום חשבון פון חדש און ניט פון דער וואָך. אויך לויט זייער גאַנצן כאַראַקטער האָבן זיי לחלוטין ניט צו טאָן מיט דער שבת־אידעע און די שבת־דינים ווי זיי ווערן פאָרמולירט און באַשטימט אין תנ״ך.

די עצם שבת־אינסטיטוציע איז אין תוך געווען אַ פּראָטעסט קעגן דער דעמאָלטיקער אָריענטאַלישער קולטור בכלל און דעם אָריענטאַלישן קאַ־לענדאַר בפרט. דערפאַר אָבער פּאַסט זיך שבת אויסגעצייכענט אַריין אין דער אידישער אידעען־וועלט און אין דעם ריטם פון אידישן סאָציאַלן לעבן און פון אידישן רעליגיעזן געדאַנק. אין דער אידישער וועלט איז שבת ניט קיין צופעליקע און ניט קיין איזאָלירטע דערשיינונג. אַ גענויערער אַנאַליז פון די געהעריקע ביבלישע טעקסטען באַווייזט, אַז מיר האָבן אין דער תורה אַ גאַנצע סיסטעם פון שבת־געזעצן, וועלכע זיינען אַלע דורכגעדרונגען מיט איין צענטראַלער אידעע — מיט דער אידעע פון גאולה און באַפרייאונג.

אין פּרשה משפּטים (שמות כ״א—כ״ג), די עלטסטע זאַמלונג פון אידי־שע געזעצן, געפינען מיר צוויי וויכטיקע סאָציאַלע געבאָטן, וואָס זיינען אי־דעאיש פאַרבונדן מיטן שבת געדאַנק. די פּרשה משפּטים הויבט זיך אָן — און דאָס איז אגב כאַראַקטעריסטיש פאַרן סאָציאַל־עטישן גייסט פון דער ביב־לישער געזעצגעבונג בכלל — מיט באַשטימען די רעכט פון די קנעכט: „אויב דו קויפסט אַ אידישן קנעכט, זעקס יאָר זאָל ער דינען, און אויפן זיבעטן יאָר מוז ער ווערן באַפרייט״. נאָך זעקס אַרבעטס־יאָר קומט דער זיבעטער שבת־יאָר, דער יאָר פון פרייהייט. עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז דער געזעצגעבער האָט מיט דעם געהאַט אין זינען אַן אַלגעמיינעם יאָר, אַ יאָר פון פרייהייט פאַר אַלע קנעכט, פּונקט ווי שבת איז אַ טאָג פון פרייהייט און אָפּרו פאַר אַלע אַרבעטס־מענטשן. זיכער איז בכל אופן, אַז די עצם אינסטיטוציע פון אַ זיבן יאָריקער וואָך מיט אַ שבת־יאָר איז אין דער צייט פון תנ״ך גע־ווען גוט באַקאַנט. די נאָענטע אידעאישע קרובה׳שאַפט צווישן שמיטה — ווי דאָס שבת־יאָר הייסט אין חומש — און שבת נויטיקט זיך ניט אין קיין שום באַזונדערע באַווייזן. שמיטה און שבת ווערן אין פּרשה משפּטים דערמאָנט צוזאַמען. דער טעקסט לייענט זיך:

„און זעקס יאָר זאָלסטו זייען דיין לאַנד און אַראָפּנעמען די תבואה; אָבער דאָס זיבעטע יאָר זאָלסטו דיין פעלד לאָזן פריי, די אָרימע פון דיין פאָלק זאָלן דערפון עסן, און דעם רעשט זאָלן עסן די חיות פון פעלד. אַזוי זאָלסטו אויך טאָן מיט דיין ווייננאָרטן, מיט דיין איילבערטגאָרטן.

זעקס טעג זאָלסטו טאָן דיין אַרבעט, און אויפן זיבעטן טאָג זאָלסטו

רוען, כדי עס זאָל רוען דיין אָקס און דיין איזל, און עס זאָל אָפּעטעמען דער זון פון דיין דינסט און דער פרעמדער".

אין די צייטן פון שבת און שמיטה פאַרשווינדן די סאָציאַלע אונטער־שיידן צווישן מענטשן. און פונקט ווי שבת איז אַן אָפּרו־טאָג פאַר אַלע באַ־שעפעניש, אפילו פאר די אַרבעטס־בהמות, פאַרן אָקס און פאַרן איזל, אַזוי געניסן פון דער פרייהייט פון שבת־יאָר ניט נאָר די אָרימע, נאָר אויך די חיות פון פעלד. אין דעם יאָר פון שמיטה ווערט אָפּגעשאַפט דאָס אייגנטום אויף דער ערד. די וועלט, וואָס גאָט האָט באַשאַפן, געהערט איצט אַלעמען, ווייל: „אין פאָטער האָבן מיר אַלע, איין גאָט האָט אונז באַשאַפן". דערפאַר ווערן אין דעם יאָר פון שמיטה אויך די בעלי חובות — און דאָס זיינען דעמאָלט געווען דער עיקר פאַראָרימטע פויערים — באַפרייט פון זייערע שולדן: „צום סוף פון אַלע זיבן יאָר זאָלסטו מאַכן שמיטה. און דאָס איז דער דין פון שמיטה: יעטוועדער זאָל אָפּלאָזן די חובות וואָס ער האָט געליען זיין חבר; ער זאָל ניט מאָנען פון זיין חבר און זיין ברודער, ווייל מען האָט אויסגערופן שמיטה צו גאָט".

די ענליכקייט צווישן דעם שבת־טאָג און דעם שבת־יאָר גייט נאָך ווייטער. דער ציקל פון זיבן וואָכן צו זיבן טעג, וואָס פאַרענדיקט זיך מיטן יום טוב פון די וואָכן־שבועות, האָט זיין פאַראַלעל אין דער אינסטיטוציע פון יובל: נאָך אַ פעריאָד פון זיבן יאָר־וואָכן צו זיבן יאָר קומט דאָס הײ־ליקע פופציקסטע יאָר, דאָס גרויסע שבת־יאָר, דאָס יאָר פון פולער פרייהייט פאַרן גאַנצן פאָלק:

„און זאָלסט אָפּציילן זיבן שבתים יאָרן, זיבן מאָל זיבן יאָר; און די טעג פון די זיבן שבתים יאָרן וועלן דיר זיין ניין און פערציק יאָר. דענסטמאָל זאָלסטו לאָזן הערן דעם קול פון שופר, אין זיבעטן חודש, אין צענטן טאָג פון חודש, אום יום־כפור, זאָלט איר לאָזן הערן דעם קול פון שופר אין אייער גאַנצן לאַנד. און איר זאָלט הייליקן דאָס פופציקסטע יאָר, און אויסרופן פרייהייט אין לאַנד פאַר אַלע אירע באַוואוינער. יובל זאָל עס אייך זיין; און איר זאָלט אייך אומקערן איטלעכער צו זיין אייגנטום, און איטלעכער צו זיין משפחה זאָלט איר אייך אומקערן. יובל זאָל דאָס פופציקסטע יאָר אייך זיין... אין דעם דאָזיקן יאָר פון יובל זאָלט איר אייך אומקערן איטלעכער צו זיין אייגנטום". (ויקרא כ"ה)

אין דעם יאָר פון יובל ווערט פאַרווירקלעכט, לפחות אויף אַ געוויסע צייט, דער משיחיש־נביאישער אידעאַל פון סאָציאַלער גלייכהייט און ברי־דערלעכקייט. דער פאַראָרימטער פויער, וואָס איז אויס נויט געווען געצוואונגען צו פאַרקויפן זיין נחלה, באַקומט אין דעם הייליקן יובל־יאָר זיין לאַנד צוריק. דער אָרימער אַרבעטס־מענטש, וואָס האָט צוליב דער שווערער משא פון די

חובות זיך אַליין געמוזט פאַרקויפן פאַר אַ קנעכט, ווערט אינם יאָר פון יובל ווידער אַ פרייער מענטש: „איטלעכער צו זיין אייגנטום און איטלעכער צו זיין משפחה זאָלט איר אייך אומקערן".

שבת דערמאָנט אונז אָן דער משיח־צייט. עס איז אַליין א שטיק משיח־צייט, דערפאַר איז שבת דער סימבאָל פון פרייהייט און שלום פאַר אַלעמען. אין סוף פון די טעג — זאָגט אונז דער נביא — וועלן די מענטשן איבער־שמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס און זייערע שפיזן אויף שניידמעסערס, איין פאָלק וועט ניט אויפהייבן קיין שווערד קעגן דעם אַנדער פאָלק און מען וועט מער ניט לערנען קיין מלחמה. אויך דער אייביקער קאַמף צווישן מענטש און חיה וועט אויפהערן: „און איך וועל לאָזן שליסן אַ בונד צווישן די חיות פון פעלד און די פויגלען פון הימל, בויגן, שווערד און מלחמה וועל איך אָפּשאַפן פון דער וועלט (וכרתי להם ברית ביום ההוא עם חית השדה ועם עוף השמים וקשת וחרב ומלחמה אשבור מן הארץ. הושע ב׳, כ׳). אָפּהיטן די שבת־און שמיטה־געזעצן, סיי לגבי מענטשן און סיי אפילו לגבי די בעלי חיים, הייסט מקרב זיין די גאולה, ברענגען שלום אויף דער וועלט. היט דער איד אָפּ שבת, קומען די מלאכים פון שלום אים בענטשן, ברענגען זיי אים די ברכה פון שלום אין זיין היים אַריין; וואָלט די וועלט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון שבת, וואָלט די וועלט באַגריפן ווי צו היטן שבת, וואָלטן די מלאכים פון שלום שוין לאַנג געבראַכט די ברכה פון שלום פאַר דער גאַנצער וועלט.

***

שבת איז דער אידישער טאָג, דער צייכן פון בונד צווישן גאָט און דעם פאָלק ישראל: „און די קינדער פון ישראל זאָלן היטן שבת, צו האַלטן שבת, אויף זייערע דור דורות; אַן אייביקער בונד (ברית עולם) צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל איז דאָס אַ צייכן אויף אייביק". (שמות ל"א) אַ באַזונדערע ראָלע האָט ווייזט אויס אין דעם פּרט געשפּילט די תקופה פון גלות־בבל. די נביאים וואָס האָבן נאָך געווירקט פאַרן חורבן דערמאָנען אָפט שבת צוזאַמען מיט אַנדערע ימים טובים, באַזונדערס ווערט שבת דער־מאָנט צוזאַמען מיט ראש חדש. אין דער צייט פון גלות בבל איז שבת גע־וואָרן דער סימבאָל פון אַנגעהעריקייט צום אידישן כלל: „און אויך מיינע שבתים — זאָגט אונז יחזקאל, דער נביא פון גלות, אין גאָטס נאָמען — האָב איך זיי געגעבן, זיי זאָלן זיין אַ צייכן צווישן מיר און צווישן זיי, צו וויסן אַז איך ה׳ האָב זיי געהייליקט (וגם את שבתותי נתתי להיות לאות ביני וביניהם לדעת כי אני ה׳ מקדשם). דאָ, אין דעם פרעמדן לאַנד, אין אַ פרעמדער ניט־אידישער וועלט, האָבן די פאַרטריבענע פון יהודה געפילט די באַזונדערע

וויכטיקייט און נויטיקייט פון אידישן טאָג. שבת איז מען זיך צונויפגעקומען, מען האָט אָפּגעפּרישט די זכרונות פון דעם גרויסן עבר און מען האָט ווייטער געשפּונען דעם פאָדים פון דער אידישער געשיכטע. שבת איז דאָ געוואָרן גלייכצייטיק דער סימבאָל פון אידיש לעבן און פון אידישער האָפענונג, פון אידישן קאַמף און אידישער גאולה. שבת האָט זיך דאָ דער אידישער מענטש באַפרייט פון דעם דאָפּלטן גלות — פון דעם גלות פון די טאָג־טעגלעכע זאָרגן און פון דעם גלות פון נאַציאָנאַלער עבדות. שבת איז אָבער פאַר די פאַרטריבענע און בבל אויך געווען אַ פּראָבלעם: — ווי קען מען אָפּהיטן און האַלטן שבת אין אַ פרעמדן לאַנד, צווישן פרעמדע? אָבער גראד ווייל עס איז געווען אַזוי שווער צו היטן שבת, איז די מצוה פון שבת געוואָרן אַלץ טייערער און הייליקער. אָפּהיטן שבת איז מיט דער צייט געוואָרן ניט נאָר דער וויכטיקסטער סימן, נאָר אויך איינער פון די וויכטיקסטע עיקרים פון אידישקייט: „וואויל צו דעם מאַן — לייענען מיר אין צווייטן טייל פון ישעיה, אין די נבואות פון נחמה — וואָס טוט דאָס דאָזיקע, און דעם מענטשן־קינד וואָס האַלט זיך אין דעם: וואָס היט שבת, אים ניט צו פאַרשוועכן, און היט זיין האַנט פון צו טאָן בייז (אשרי אנוש יעשה זאת ובן אדם יחזיק בה שמר שבת מחללו ושמר ידו מעשות כל־רע) אין דער זעלביקער צייט באַטאָנט דער נביא די אוניווערסאַלע באַדייטונג פון שבת און פון דער אידישער אמונה בכלל:

„אויך די פרעמדע וואָס באַהעפטן זיך צו גאָט,
אים צו דינען,
און ליב צו האָבן דעם נאָמען פון גאָט,
אים צו זיין פאַר קנעכט;
איטלעכער וואָס היט שבת אים ניט צו פאַרשוועכן,
און האַלט זיך אין מיין בונד,
זיי וועל איך ברענגען צו מיין הייליקן באַרג,
און וועל זיי דערפרייען אין מיין הויז פון געבעט;
זייערע בראַנד אָפּפער און זייערע שלאַכט אָפּפער
וועלן זיין צו באַוויליקונג אויף מיין מזבח;
וואָרום מיין הויז וועט גערופן ווערן
דאָס הויז פון תפילה פאַר אַלע פעלקער. (ישעיה נו)

שבת איז פאַרן נביא פון נחמה, אַ סך מער ווי בלויז איינע פון די מצוות פון דער תורה. אָפּהיטן שבת הייסט — אָפּהיטן אידישקייט. אַזוי זיינען אגב די דאָ ציטירטע שטעלן פון ישעיה נ״ו אויך אויסגעטייטשט געוואָרן פון די בעלי התלמוד. אין ירושלמי נדרים לייענען מיר: „האָט גאָט ברוך הוא געזאָגט צום פאָלק ישראל: אויב איר וועט זוכה זיין צו היטן שבת, וועל איך עס אייך רעכענען ווי איר וואָלט אָפּגעהיט אַלע מצוות פון דער תורה, און אויב איר טוט פאַרשוועכן שבת, רעכן איך דאָס אייך ווי איר וואָלט פאַר־

שוועכט אַלע מצוות. ווארום אַזוי זאָגט דער פסוק: שומר שבת מחללו ושומר ידו מעשות כל רע".

ווען עזרא און נחמיה זיינען צוריקגעקומען פון בבל קיין ארץ ישראל זיינען זיי געווען איבערראַשט און דערשיטערט, וואָס גראָד דאָ, אין דעם לאַנד פון די אידישע האַפענונגען, אין דעם לאַנד פון די אבות, איז גאָטס תורה כמעט ווי „פאַרגעסן" געוואָרן און שבת איז דאָ וועניקער אָפּגעהיט געוואָרן ווי אין בבל. נחמיה דערציילט אונז: „אין יענע טעג האָב איך געזען אין יהודה ווי מע טרעט קעלטערן אום שבת, און מע ברענגט אַריין די גאַרבן, און מען לאָדט אָן אויף אייזלען, און אויך וויין, טרויבן און פייגן, און אַלערליי משא, און מען ברענגט אין ירושלים אין טאָג פון שבת; און איך האָב זיי געוואָרנט אין דעם טאָג וואָס זיי האָבן פאַרקויפט שפּייז. אויך די צורים וואָס האָבן געוואוינט אין איר, פלעגן ברענגען פיש און אַלערליי סחורה, און פאַרקויפן אום שבת צו די קינדער פון יהודה, און אין ירושלים. האָב איך זיך געקריגט מיט די אַדל־לייט פון יהודה, און איך האָב צו זיי געזאָגט: וואָס איז דאָס פאַר אַ שלעכטע זאַך וואָס איר טוט, און פאַרשוועכט דעם טאָג פון שבת?...

און עס איז געווען, ווי די טויערן פון ירושלים האָבן אָנגעהויבן ווערן טונקל פאַר שבת, האָב איך באַפוילן און די טירן זיינען פאַרשלאָסן געוואָרן, און איך האָב אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל זיי ניט עפענען ביז נאָך שבת; און פון מיינע לייט האָב איך געשטעלט ביי די טויערן, אַז קיין שום סחורה זאָל ניט אַריינקומען אין טאָג פון שבת. און די הענדלער און די פאַרקויפער פון אַלערליי סחורה האָבן גענעכטיקט מחוץ פון ירושלים איין מאָל און צוויי מאָל. האָב איך זיי געוואָרנט, און האָב צו זיי געזאָגט: פאַרוואָס נעכטיקט איר לעבן דער מויער? אַז איר וועט עס טאָן אַ צווייט מאָל, וועל איך לייגן אַ האַנט אויף אייך (יד אשלח בכם). פון יענער צייט אָן זיינען זיי ניט געקומען אום שבת. און איך האָב אָנגעזאָגט די לויים, זיי זאָלן זיך רייניקן, און קומען היטן די טויערן, צו הייליקן דעם טאָג שבת. אויך דאָס געדענק מיר, גאָט מיינער און באַשיץ מיך לויט דיין גרויס גענאָד". (נחמיה יג)

***

צוויי מאָטיוון דאָמינירן אין דער אידישער שבת־קולטור — דער מאָטיוו פון קדושה און די אידעע פון עונג שבת. דער הייליקער טאָג איז אין דערזעלביקער צייט אַ טאָג פון פרייד, פון אָפּרו און פון גייסטיקער דערהויבנקייט. דער עונג שבת טאָר דערפאַר ניט טראָגן קיין וואָכעדיקן כאַראַקטער, נאָר מוז ווערן געאיידלט און געלייטערט דורך דער שבת'דיקער

קדושה. דערפאַר האָט דער אידישער שבת געטראָגן אַן אַנדער כאַראַקטער ווי די אָפּרו־טעג ביי די אַנדערע פעלקער. דעם ענין פון האַנדלען, קויפן און פאַרקויפן האָט מען אין דער אַלטער צייט ניט באַטראַכט פאַר קיין מלאכה. פאַר די דאָרפסלייט איז דאָס קומען אין שטאָט, אויפן מאַרק, געווען אפילו אַ שטיקל שמחה. און דערפאַר באַגעגענען מיר אָפט די פאַרבינדונג פון יום טוב און מאַרק־טאָג. דער פויער קען דאָן אויסנוצן זיין פרייע צייט סיי פאַר רע־ליגיעזע, און סיי פאַר געשעפטלעכע צוועקן. אויך מצד די האַנדלס־לייט איז אין דעם פרט ניט געווען קיין מניעה. עס איז קוים פאַראַן נאָך אַ פּראָפעסיאָנעלע גרופּע, וואָס שפּירט אַזוי ווייניק די נויטיקייט אין פּעריאָדישע אָפּרו־צייטן ווי הענדלער. ביים פויער און נאָך מער ביים שטאָטישן אַרבעטער איז די באַדערפעניש אין אַ רעגולערן ריטם פון אַרבעט און אָפּרו אַ סך שטאַר־קער. די פיזישע כוחות פון מענטשן זיינען באַגרענעצט און נאָך אַ געוויסער צייט פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט מוז דער קערפּער זיך אָפּרוען; אַ קרע־מער אָבער קען זיצן אין געשעפט פון גאַנץ פרי ביז שפּעט ביינאַכט 365 טעג אַ יאָר. זיין אַרבעט איז ווייניקער קאָנצענטרירט, ווייניקער אינטענסיוו און דער עיקר — ער איז ווייניקער פריי צו אָרגאַניזירן זיין אַרבעטס־צייט, ער מוז זיך מער צופּאַסן צום קונה. צוליב די טעמים האָט אפילו די מאָדער־נע סאָציאַלע געזעצגעבונג זיך קודם כל פאַראינטערעסירט צו רעגולירן די אַרבעטסצייט אין די פאַבריקן, בעת די אַרבעטס־צייט אין האַנדלס־געשעפטן איז נאָך אפילו אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אין גאַר אַ סך קולטור־לענדער געווען כמעט ווי ניט באַגרענעצט. דעריבער האָט דער פאַקט, וואָס ביי אידן איז שבת אויך געווען פאַרווערט צו האַנדלען, געשפּילט אַזאַ אויסערגעוויינ־לעכע ראָלע אין דער אידישער געשיכטע, באַזונדערס אין די גלות־ישובים, וואו דער האַנדל איז אָפט געווען די וויכטיקסטע אידישע פּרנסה. די רעלי־גיעזע פירער פון אידישן פאָלק זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער: די הייליקייט פון שבת פאָדערט, אַז דער איד זאָל אין דעם הייליקן זיבעטן טאָג אפילו ניט ריידן וועגן וואָכעדיקע ענינים:

אז דו וועסט אָפּהאַלטן צוליב שבת דיין פוס,
פון פאַרנעמען זיך מיט דיינע עסקים אין מיין הייליקן טאָג;
און וועסט רופן שבת א תענוג,
וועסט אָפּגעבן כבוד דעם הייליקן [טאָג] פון גאָט;

ניט צו זוכן אין אים אַ געשעפט, אָדער אָפּרעדן אַ זאַך. (ישעיה נח, יג־יד) שבת דאַרף דער איד אפילו ניט רעדן וועגן ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו די זאָרגן פון געשעפטלעכן וואָכעדיקן לעבן (שלא יהא דבורך של שבת כדבורך של חול). געווען פרומע אידן, וואָס פלעגן בכלל שבת ניט ריידן בלשון חול, נאָר בלשון הקודש, ווארום דער אָפּרו פון שבת מוז זיין א „מנוחה שלמה“,

אָן אָפּרו ניט נאָר פון קערפּער, נאָר אויך פון דער נשמה: „די מנוחה פון שבת — שרייבט פילאָן פון אַלעקסאַנדריע — ווערט פון אונז ניט אויסגע־נוצט פאַר ספּאָרט, טעאַטער־פאָרשטעלונגען און טענץ — ווי עס זיינען זיך נוהג אַ סך אַנדערע פעלקער אין זייערע ימים טובים — נאָר אויסשליסלעך פאַר ענינים פון תורה און חכמה". שבת האָט דער אידישער פאָלקס־מענטש פאַרבראַכט דער עיקר אין דער היים, אין שול און אין בית מדרש. איז טאַקע ניט קיין חידוש, וואָס אַ גריכישער דענקער באַצייכנט די אידן ווי אַ פאָלק פון פילאָזאָפן: „לויט דער גריכישער פאָרשטעלונג — שרייבט דער באַקאַנטער פאָרשער דזשאָרדזש פוט מור — איז דער אידישער בית מדרש געווען אַ מין פילאָזאָפישע שול... אויך דאָס וואָס מען האָט געלערנט אין בית המדרש, באַזונדערס דער יסוד פון מאָנאָטעאיזם און די עטישע עיקרים, איז פאַר דער גריכישער השגה געווען אַריין פילאָזאָפישע שיטה"... שבת איז ממילא גע־וואָרן דער טאָג פון אידישן גייסטיקן לעבן, פון אידישן געדאַנק.

די קדושה פון שבת טאָר אָבער ניט שטיין אין קיין סתירה צו דעם כלל פון עונג שבת, ווארום „שבת איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אייך און ניט איר צום שבת" (היא מסורה בידכם ולא אתם מסורים בידה). און די אידישע טראַדיציע האָט באַוויזן, אַז קדושת שבת און עונג שבת זיינען ניט קיין תרתי דסתרי, אַז וואָס מער קדושה אַלץ מער עונג, אַלץ ריינער, שטאַרקער און געלייטערטער איז דער עונג שבת. עס האָט זיך אָבער מיט דער צייט אַרויסגעוויזן די נויטיקייט פון געוויסע תקנות, כדי אין אויסנאַם־פאַלן צוצו־פאַסן די דינים פון שבת צו די תנאים פון לעבן. עס איז אַמאָל אַ מצוה מחלל צו זיין איין שבת (אין פאַל פון פיקוח נפש אָדער מלחמה), כדי שפּעטער צו קענען אָפּהיטן אַ סך שבתים. מיט אָט דער אויפגאַבע האָבן זיך פאַרנומען די פרושים און די עלטערע תנאים אין דער צייט פון בית שני.

⁂

דער טיף רעליגיעזער איד האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן קיין גרעסערן חילול־שבת ווי מלחמה האַלטן אום שבת. די גאַנצע אידישע אמונה איז דאָך אין תוך איין גרויסער פּראָטעסט קעגן אַלע פאָרמען פון שנאה און אונטערדריקונג. דער חלום פון אייביקן שלום פאַרנעמט דערפאַר אַזאַ צענט־ראַלן פּלאַץ אין דער אידישער משיחישער ליטעראַטור. היינט ווי אַזוי זאָל דער איד אַרויסגיין אין מלחמה, פאַרגיסן בלוט, אין דעם הייליקן טאָג, אין דעם טאָג פון שלום און גאולה? איז דערפאַר ניט קיין חידוש, וואָס אידן האָבן אַלץ געטאָן, כדי אויסצומיידן חילול־שבת אפילו אין מלחמה צייטן. אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ניט אַלעמאָל קען אַ פאָלק מאַכן שבת פאַר

זיך. אין דעם גרויסן קאָנפליקט צווישן די אידן און דער גריכיש־סעלעווקי־דישער אימפּעריע אין דער צייט פון די חשמונאים האָבן די פרומע אידישע קעמפער אין דער ערשטער צייט מיט מסירת נפש אָפּגעהיט שבת. האָט איינמאָל פּאַסירט — ווערט דערציילט אין ספר חשמונאים א׳ — ווען די גריכישע סאָלדאַטן זיינען אָנגעפאַלן אויף די אידישע מורדים, וואָס האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן אין מדבר, אום שבת. האָבן די אידן זיך ניט אַנטקעגנגעשטעלט, און זיי זיינען אַלע אומגעקומען מיט זייערע פרויען און זייערע קינדער:

„האָבן מתתיהו און זיינע פריינט געהערט פון דער זאַך און עס האָט זיי זייער ווי געטאָן. האָבן זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן: אויב מיר וועלן אַזוי טאָן ווי אונזערע ברידער, וועלן זיי אונז באַלד אַלעמען פאַרטיליקן. און זיי האָבן דעמאָלט באַשלאָסן: אויב אונזערע פיינט וועלן אויף אונז אָנפאַלן אין דעם טאָג פון שבת, וועלן מיר אַרויסגיין אַנטקעגן זיי און מיר וועלן זיך פאַרטיידיקן, און מיר וועלן ניט שטאַרבן, ווי עס זיינען געשטאָרבן אונזערע ברידער אין זייערע באַהעלטענישן״.

מיר האָבן אין משנה און תלמוד א סך חומרא׳ס, וואָס איז שייך די דינים פון שבת, מען באַמערקט אָבער געוויינלעך ניט דעם פאַקט, אַז די בעלי המשנה האָבן גאָר אַ סך געטאָן, כדי מעגלעך צו מאַכן אָפּצוהיטן דעם הייליקן זיבעטן טאָג ווי אַ טאָג פון מנוחה און אמת׳דיקן עונג שבת. די וויכטיקסטע תקנה, וואָס די פרושים האָבן איינגעפירט, איז געווען די אינסטיטוציע פון עירוב: על פי דין טאָר מען שבת ניט אַריבערטראָגן קיין שום זאַך פון איין רשות אין אַ צווייטן רשות: פון שטוב אין גאַס, אָדער פון גאַס אין שטוב, אָדער פון איין הויז אין אַ צווייטער הויז. על פי דין טאָר מען אויך שבת ניט אַרויסגיין פון שטאָט ווייטער ווי אַ מרחק פון צוויי טויזנט איילן, א תחום שבת. דאָס האָט זייער שטאַרק געשטערט די פרייע באַוועגונג אום שבת, אפילו וואָס איז שייך דאָס סאָציאַלע און רעליגיעזע לעבן. האָט מען מחמת דעם איינגעפירט די תקנה פון עירוב, וואָס גיט די מעגלעכקייט צו פאַרוואַנדלען אַ גאַנצע קהילה אין אַ רשות היחיד. כדי צו פאַרגרינגערן די באַוועגונג אויסערן שטאָט האָט מען איינגעפירט די אינסטיטוציע פון עירובי תחומין, אַזוי, אַז אין באַזונדערע פאַלן קען מען גיין ווייטער ווי אַ תחום שבת. געווען עקסטרעם־ריגאָריסטישע ריכטונגען ביי אידן, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מען טאָר שבת ניט לאָזן קיין ליכט און מען טאָר ניט געניסן פון מאכלים, וואָס זיינען פאַקטיש פאַרטיק געוואָרן אום שבת. די פרושים האָבן פאַרקערט באַטאָנט די געוואַלטיקע וויכטיקייט פון בענטשן שבת־ליכט און עסן וואַרימס (חמין) ביי די שבת׳דיקע סעודות. מען מעג בכן אַריינשטעלן דאָס עסן אין אויוון פרייטיק פאַרנאַכט און עס לאָזן אויפקאָכן אין משך פון שבת.

און וואָס איז שייך פקוח נפש זיינען בנוגע דעם קיינמאָל קיין חילוקי דעות ניט געווען אין די קרייזן פון די פרושים. עס איז אַ מצוה מחלל שבת צו זיין אפילו אין אַ פֿאַל פון אַ קליינעם חשש פון סכנה. און ווען מען פאַרנעמט זיך מיט פקוח נפש — שרייבט דער רמב״ם — טוט מען עס נישט דורך ניט־אידן און ניט דורך קנעכט אָדער פרויען — נאָר דורך די גדולי ישראל.

אידן האָבן ניט נאָר אָפּגעהיט שבת, אידן האָבן געשאַפן שבת, האָבן געמאַכט שבת: „כל המשמר את השבת כאלו עשה השבת״ (מכילתא, כי תשא). און יעדער דור און יעדער יחיד האָט אויף זיין אופן געקעמפט פאַרן שבת, גע־שאַפן דעם שבת און געמאַכט שבת. אויפן לאַנגען וועג פון די אידישע וואַגלונגען און וואַנדערונגען איז דער שבת גאָר אָפט געווען אין גרויס סכנה. עס איז גאָרניט געווען אַזוי גרינג פאַרן אידישן ישובניק אין די פאַר־וואָרפענע דערפער פון רוסלאַנד און פוילן צו האַלטן שבת און אָפּצוהיטן שבת. אָבער ניט געקוקט אויף אַלע מניעות און אויף אַלע שוועריקייטן האָבן אידן ניט נאָר אָפּגעהיט שבת, נאָר האָבן נאָך אפילו באַרייכערט און פאַרלענגערט דעם שבת. און דער כלל פון מוסיפין מן החול על הקודש — מען דאַרף צו־געבן פון דער וואָכעדיקער צייט צו דער שבת׳דיקער צייט, איז ווייט ניט געווען קיין פוסטע פראַזע. אין די תקנות פון דער חברה „פועלי צדק״ אין טשאַרטקאָוו לייענען מיר: „קבלנו על עצמנו שלא לעשות שום מלאכה לא בערבי שבתות ולא בערבי יו״ט אחר חצות — מיר האָבן אָנגענומען אויף זיך ניט צו טאָן קיין שום מלאכה ערב שבת און ערב יום טוב נאָך אַ האַלבן טאָג״. דאָס איז אַ תקנה, וואָס איז אָפּגעהיט געוואָרן פון פשוט׳ע אידישע בעלי מלאכות. דער איד גייט אַנטקעגן דעם שבת, איז מקבל שבת, פירט אַריין דעם שבת צו זיך אין דער היים אַריין. די מיסטיקער אין צפת פלעגן אַרויסגיין אויסערן שטאָט כדי מקבל פנים זיין די בת מלכה שבת. שבת הויבט זיך אָן, ווען די מאַמע בענשט ליכט און שבת ענדיקט זיך, ווען אידן מאַכן הבדלה. איר קענט פאַרלענגערן דעם שבת — איר קענט פריער בענשן ליכט און שפּעטער מאַכן הבדלה. און כל זמן אידן מאַכן ניט קיין הבדלה איז שבת אויף דער וועלט, שבת אויף דער ערד און שבת אויפן הימל; אפילו די רשעים אין גיהינום געניסן פון דעם לענגערן שבת. אין ביאַליק׳ס „החצוצרה נתביישה״ ווערט באַשריבן אַ רירנדיקע סצענע ווי אַ אידישע מאַמע בענשט ליכט אין וואַלד. מען האָט די גאַנצע פאַמיליע ערב שבת אַרויסגעשיקט פון דאָרף. אין דער גרויסער בהלה האָט די מאַמע פונדעסטוועגן ניט פאַרגעסן מיטצו־נעמען שבת־ליכט. און ווען די זון האָט געהאַלטן ביים פאַרגיין, איז זי אַראָפּ פון פור, אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט און די מאַמע האָט געבענטשט ליכט: „און די בוימער אין וואַלד האָבן שטום באַוואונדערט די אידישע פרוי, וואָס

איז איצט געשטאַנען צווישן זיי, האָט אויסגעשפּרייט די הענט איבער די ליכט און האָט שטיל געוויינט".

שבת, דער טאָג פון מנוחה, איז אויך דער טאָג פון גלויבן אין גאולה און אונטערן צייכן פון אָט דעם גלויבן באַגלייט דער איד דעם שבת. אין די זמירות פון מוצאי שבת באַגריסט דער שבת־איד דעם אָנזאָגער פון דער גאולה, אליהו הנביא:

במוצאי יום מנוחה
המצא לעמך רוחה
שלח תשבי לנאנחה
ונסו יגון ואנחה

.............................................................................................................

חדש ששוני אל נא
והבא את אליהו הנביא

.............................................................................................................

הרץ ושלח ושמח לבבי
את אליהו הנביא

.............................................................................................................

במהרה יבוא אלינו
עם משיח בן דוד.

# ערשטער קאַפּיטל

# פון דער תורה

א. און עס זיינען פֿאַרענדיקט געוואָרן דער הימל און די ערד און זייער גאַנצער חיל. און גאָט האָט געענדיקט צום זיבעטן טאָג זיין אַרבעט וואָס ער האָט געמאַכט, און ער האָט גערוט אויפֿן זיבעטן טאָג פֿון זיין גאַנצער אַרבעט, וואָס ער האָט געמאַכט. און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג, און האָט אים געהייליקט, וואָרום אין אים האָט ער גערוט פֿון זיין גאַנצער אַרבעט וואָס גאָט האָט באַשאַפֿנדיק געמאַכט.

(בראשית ב׳ א׳—ג׳)

ב. און עס איז געווען אויפֿן זעקסטן טאָג, האָבן זיי געקליבן צוויי מאָל אַזוי־פֿיל ברויט, צוויי עומר׳ס פֿאַר איטלעכן; און אַלע פֿירשטן פֿון דער עדה זיינען געקומען און האָבן דערציילט משה׳ן. האָט ער צו זיי געזאָגט: אַ רואונג, אַ הייליקער שבת איז מאָרגן צו גאָט; וואָס איר ווילט באַקן באַקט, און וואָס איר ווילט קאָכן קאָכט, און אַלץ וואָס בלייבט איבער, לייגט איך אַוועק צו האַלטן ביז אינדערפֿרי. האָבן זיי עס אַוועקגעלייגט ביז אינ־דערפֿרי, אַזוי ווי משה האָט באַפֿוילן, און עס האָט ניט געשטונקען, און קיין ווערים זיינען דערין ניט געווען. און משה האָט געזאָגט: עסט עס היינט, וואָרום היינט איז שבת צו גאָט, היינט וועט איר עס ניט געפֿינען אין פֿעלד. זעקס טעג זאָלט איר קלייבן, אָבער אויפֿן זיבעטן טאָג איז שבת, דענסטמאָל וועט עס ניט זיין. און עס איז געווען אויפֿן זיבעטן טאָג, זיינען פֿון פֿאָלק אַרויסגעגאַנגען קלייבן, אָבער זיי האָבן ניט געפֿונען. האָט גאָט געזאָגט צו משה׳ן: ביז וואַנען וועט איר ניט וועלן היטן מיינע געבאָט און מיינע לער־נונגען? זעט, אַז גאָט האָט אייך געגעבן דעם שבת, גיט ער אייך דערפֿאַר אין זעקסטן טאָג ברויט אויף צוויי טעג. זיצט איטלעכער אויף זיין אָרט; קיינער זאָל ניט אַרויסגיין פֿון זיין אָרט אין זיבעטן טאָג. און דאָס פֿאָלק האָט גערוט אין זיבעטן טאָג.

(שמות ט״ז, כ״ב—ל׳)

ג. געדענק דעם טאָג פֿון שבת, אים צו האַלטן הייליק. זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן אַלע דיינע מלאכות; אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת צו יהוה דיין גאָט, זאָלסטו ניט טאָן קיין מלאכה, דו און דיין זון און דיין טאָכטער, דיין קנעכט און דיין דינסט און דיין בהמה און דיין פֿרעמדער וואָס אין דיינע טויערן. וואָרום זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און

די ערד, דעם ים און אַלץ וואָס אין זיי און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער גערוט; דרום האָט גאָט געבענטשט דעם טאָג פון שבת און האָט אים געהייליקט.

(שמות כ׳, ח׳—י״א)

ד. זעקס טעג זאָלסטו טאָן דיינע אַרבעט און אויפן זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען, כדי עס זאָל רוען דיין אָקס און דיין אייזל און עס זאָל אָפּאָטעמען דער זון פון דיין דינסט און דער פרעמדער.

ה. און גאָט האָט געזאָגט צו משה׳ן, אַזוי צו זאָגן: דו רעד אויך צו די קינדער פון ישראל, אַזוי צו זאָגן: איר זאָלט נאָר אָפּהיטן מיינע שבתים, וואָרום אַ צייכן איז דאָס צווישן מיר און צווישן אייך אויף אייערע דור־דורות, כדי איר זאָלט וויסן, אַז איך יהוה הייליק אייך. און איר זאָלט היטן שבת, וואָרום ער איז הייליק פאַר אייך; דער וואָס פאַרשוועכט אים, זאָל טייטן געטייט ווערן; וואָרום איטלעכער וואָס טוט אין אים אַן אַרבעט, יענע זעל זאָל פאַרשניטן ווערן פון צווישן איר פאָלק. זעקס טעג זאָל געטאָן ווערן אַרבעט, אָבער אויפן זיבעטן טאָג זאָל זיין אַ שבת פון רואונג, הייליק צו גאָט; איטלעכער וואָס טוט אַן אַרבעט אין טאָג פון שבת, זאָל טייטן געטייט ווערן. און די קינדער פון ישראל זאָל היטן שבת, צו האַלטן שבת אויף זייערע דור־דורות; אַן אייביקער בונד. צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל איז דאָס אַ צייכן אויף אייביק, אַז זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די ערד און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער אויפגעהערט און גערוט.

(שמות ל״א, י״ב—י״ז)

ו. זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און אויפן זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען; אין אַקערצייט און אין שניט זאָלסטו רוען.

ז. און משה האָט איינגעזאַמלט די גאַנצע עדה פון די קינדער פון ישראל און האָט צו זיי געזאָגט: דאָס זיינען די ווערטער וואָס גאָט האָט באַפוילן זיי צו טאָן: זעקס טעג זאָל געטאָן ווערן אַרבעט, אָבער אויפן זיבעטן טאָג זאָל אייך זיין הייליק, אַ שבת פון רואונג צו גאָט; איטלעכער וואָס טוט אין אים אַן אַרבעט, זאָל געטייט ווערן. איר זאָלט ניט אָנצינדן קיין פייער אין אַלע אייערע וואוינערטער אין טאָג פון שבת.

(שמות ל״ה א—ג)

ח. און גאָט האָט גערעדט צו משה׳ן, אַזוי צו זאָגן: רעד צו דער גאַנצער עדה פון די קינדער פון ישראל, און זאָלסט זאָגן צו זיי: הייליק זאָלט איר זיין, וואָרום איך יהוה אייער גאָט בין הייליק. איר זאָלט איטלעכער האָבן אָפּשיי פאַר זיין מוטער און זיין פאָטער, און מיינע שבתים זאָלט איר היטן: איך בין יהוה אייער גאָט.

(ויקרא י״ט, א—ג)

ט. זעקס טעג זאָל געטאָן ווערן אַרבעט, אָבער אויפן זיבעטן טאָג איז אַ שבת פון רואונג, אַ הייליקע צונויפרופונג; קיין אַרבעט זאָלט איר ניט טאָן; דאָס איז שבת צו גאָט אין אַלע אייערע וווינערטער.

(ויקרא כ״ג, ג׳)

י. און גאָט האָט גערעדט צו משה׳ן, אַזוי צו זאָגן: באַפעל די קינדער פון ישראל, זיי זאָלן דיר ברענגען ריינע געשלאָגענע בוימל פאַר דער לייכטונג, אויף אָנצוצינדן אַ ליכט תמיד. דרויסן פון דעם פרוכת פון געזעץ אין אוהל־מועד זאָל עס אהרן צוריכטן אויף פון אָוונט ביז אין דערפרי פאַר גאָט תמיד; אַן אייביק געזעץ אויף אייערע דור־דורות. אין דער ריינער מנורה זאָל ער צוריכטן די רערלעך פאַר גאָט תמיד. און זאָלסט נעמען זעמל־מעל און אויסבאַקן דערפון צוועלף חלות; פון צוויי צענטל זאָל זיין יעטוועדער חלה. און זאָלסט זיי לייגן אין צוויי רייען, זעקס אין אַ ריי, אויפן ריינעם טיש פאַר גאָט. און זאָלסט אַרויפטאָן אויף איטלעכער ריי לויטערן ווייראויך, כדי עס זאָל זיין צו דעם ברויט פאַר אַ דערמאָנונג, אַ פייעראָפּפער צו גאָט. שבת אין שבת זאָל ער אויסלייגן פאַר גאָט תמיד; פון די קינדער פון ישראל אַן אייביקער בונד.

(ויקרא כ״ד, א—ט)

י״א. מיינע שבתים זאָלט איר היטן און פאַר מיין הייליקטום זאָלט איר האָבן אָפּשיי: איך בין יהוה.

(ויקרא כ״ו, ב׳)

י״ב. און ווען די קינדער פון ישראל זיינען געווען אין דער מדבר, האָבן זיי געפונען אַ מאַן קלייבנדיק האָלץ אום שבת. האָבן די וואָס האָבן אים געפונען קלייבנדיק האָלץ, אים געבראַכט צו משה׳ן און צו אהרנ׳ען און צו דער גאַנצער עדה. און מע האָט אים אַריינגעזעצט אין וואַך, וואָרום עס איז ניט באַשיידט געוואָרן וואָס אים זאָל געטאָן ווערן. האָט גאָט געזאָגט צו משה׳ן: טייטן זאָל געטייט ווערן דער מאַן; די גאַנצע עדה זאָל אים פאַר־וואַרפן מיט שטיינער אויסן לאַגער. און די גאַנצע עדה האָט אים אַרויס־געפירט אויסן לאַגער, און זיי האָבן אים פאַרוואָרפן מיט שטיינער און ער איז געשטאָרבן; אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משה׳ן.

(במדבר ט״ו, ל״ב—ל״ו)

י״ג. און אין טאָג פון שבת: צוויי שעפסן יאָריקע אָן אַ פעלער און צוויי־צענטל זעמלמעל, אַ שפּייזאָפּפער, פאַרמישט מיט אייל, מיט זיין גיס־אָפּפער; אַ בראַנדאָפּפער פון שבת, אַחוץ דעם שטענדיקן בראַנדאָפּפער און גיסאָפּפער.

(במדבר כ״ח, ט—י)

י״ד. היט דעם טאָג פון שבת אים צו האַלטן הייליק, אַזוי ווי יהוה דיין גאָט האָט דיר באַפוילן. זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן אַלע דיינע מלאכות; אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת צו יהוה דיין גאָט, זאָלסטו ניט טאָן קיין מלאכה, דו און דיין זון און דיין טאָכטער און דיין קנעכט און דיין דינסט און דיין אָקס און דיין אייזל און אַלע דיינע בהמות און דער פרעמדער וואָס אין דיינע טויערן; כדי דיין קנעכט און דיין דינסט זאָלן רוען אַזוי ווי דו. און זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מצרים, און יהוה דיין גאָט האָט דיך אַרויסגעצויגן פון דאָרטן מיט אַ שטאַר־קער האַנט און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם; דרום האָט יהוה דיין גאָט דיר באַפוילן צו מאַכן דעם טאָג פון שבת.

(דברים ה׳ י״ב—ט״ו)

# פון נביאים וכתובים

ט״ו. און זי האָט גערופן צו איר מאַן און געזאָגט: שיק מיר, איך בעט דיך, איינעם פון די יונגען מיט איינער פון די אייזעלינס, און איך וועל אַריבערלויפן צום געטלעכן מאַן און וועל זיך אומקערן. האָט ער צו איר געזאָגט: פאַרוואָס גייסטו צו אים היינט, ניט ראש־חודש און ניט שבת?

(מלכים ב׳, ד׳, כ״ב—כ״ג)

ט״ז. און ער האָט זיי באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: דאָס איז די זאַך וואָס איר זאָלט טאָן: אַ דריטל פון אייך, די וואָס קומען אַריין שבת און היטן די היטונג פון דעם מלכ׳ס הויז — נאָך אַ דריטל איז געווען ביים טויער סור, און אַ דריטל ביים טויער הינטער די לויפערס — זאָלט היטן די היטונג פון פּאַלאַץ פאַר אַן אָפּצאַם. און צוויי טיילן פון אייך, אַלע וואָס גייען אַרויס שבת, זאָלן היטן די היטונג פון גאָט׳ס הויז אַרום דעם מלך.

(מלכים ב׳ י״א, ה—ז)

י״ז. האָבן די הויפּטלייט פון די הונדערטן געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס יהוידע דער כהן האָט באַפוילן און זיי האָבן גענומען איטלעכער זיינע מענטשן, די וואָס קומען אַריין שבת, מיט די וואָס גייען אַרויס שבת און זיי זיינען געקומען צו יהוידע דעם כהן.

(מלכים ב׳ י״א, ט—י)

י״ח. ראש־חודש און שבת, רופן אַ צונויפרופונג — אומרעכט מיט איינ־זאַמלונג קען איך ניט ליידן.

(ישעיה א׳, י״ג)

י"ט. אַזוי האָט גאָט געזאָגט: היט רעכט און טוט גערעכטיקייט, וואָרום
נאָענט איז מיין הילף צו קומען און מיין גערעכטיקייט זיך צו אַנטפּלעקן.
וואויל צו דעם מאַן וואָס טוט דאָס דאָזיקע און דעם מענטשנקינד וואָס האַלט
זיך דעראַן! וואָס היט שבת, אים ניט צו פאַרשוועכן, און היט זיין האַנט פון
פון צו טאָן אַ שום בייז. און ניט זאָגן זאָל דער פרעמדגעבאָרענער וואָס באַהעפט
זיך צו גאָט, אַזוי צו זאָגן: אָפּזונדערן וועט מיך אָפּזונדערן גאָט פון זיין פאָלק;
און ניט זאָגן זאָל דער סריס: זע, איך בין אַ טרוקענער בוים. וואָרום אַזוי
האָט גאָט געזאָגט אויף די סריסים וואָס היטן מיינע שבתים, און ווילן אויס
דאָס וואָס איך וויל, און האַלטן זיך אָן מיין בונד: זיי וועל איך געבן אין
מיין הויז און אין מיינע מויערן אָן אָנדענק און אַ נאָמען, בעסער פון זין און
טעכטער; אַן אייביקן נאָמען וועל איך זיי געבן, וואָס וועט ניט פאַרשניטן
ווערן. און די פרעמדגעבאָרענע וואָס באַהעפטן זיך צו גאָט, אים צו טאָן
דינסט, און ליב צו האָבן דעם נאָמען פון גאָט, אים צו זיין פאַר קנעכט; איט־
לעכער וואָס היט שבת אים ניט צו פאַרשוועכן און האַלט זיך אָן מיין בונד,
זיי וועל איך ברענגען צו מיין הייליקן באַרג און וועל זיי דערפרייען אין מיין
הויז פון געבעט; זייערע בראַנדאָפּפער און זייערע שלאַכטאָפּפער וועלן זיין
צו באַוויליקונג אויף מיין מזבח; וואָרום מיין הויז וועט גערופן ווערן דאָס
הויז פון געבעט פאַר אַלע פעלקער.

(ישעיה נ"ו, א—ז)

כ. אַז דו וועסט אָפּהאַלטן צוליב שבת דיין פוס, פון טאָן דיינע עסקים אין
מיין הייליקן טאָג; און וועסט רופן שבת אַ תענוג, דעם הייליקן טאָג
פון גאָט, געערלעכט; און וועסט אים ערלעכן, ניט צו טאָן דיינע גאַנגען,
ניט צו געפינען דיר אַן עסק, אָדער אָפּרעדן אַ זאַך. דענסטמאָל וועסטו זיך
קוויקן מיט גאָט, און איך וועל דיך אַרויפזעצן אויף די הייכן פון דער ערד
און דיך מאַכן עסן די נחלה פון דיין פאָטער יעקב; וואָרום דאָס מויל פון גאָט
האָט גערעדט.

(ישעיה נ"ח, י"ג—י"ד)

כ"א. און עס וועט זיין, ראש־חודש אין ראש־חודש, און שבת אין שבת,
וועלן קומען אַלע לייבער זיך בוקן פאַר מיר, זאָגט גאָט.

(ישעיה ס"ו, כ"ג)

כ"ב. אַזוי האָט צו מיר גאָט געזאָגט: גיי און זאָלסט זיך שטעלן אין טויער
פון די קינדער פון פאָלק, וואָס דורך אים קומען אַריין די מלכים פון
יהודה, און וואָס דורך אים גייען זיי אַרויס, און אין אַלע טויערן פון ירושלים.
און זאָלסט זאָגן צו זיי: הערט דאָס וואָרט פון גאָט, איר מלכים פון יהודה,
און גאַנץ יהודה, און אַלע באַוואוינער פון ירושלים, וואָס קומען אין די דאָזיקע

טויערן. אַזוי האָט גאָט געזאָגט: היט אייך אום אייער זעל, און איר זאָלט ניט טראָגן קיין משא אין טאָג פון שבת און אַריינברענגען אין די טויערן פון ירושלים. און איר זאָלט ניט אַרויסטראָגן קיין משא פון אייערע הייזער אין טאָג פון שבת און קיין שום אַרבעט זאָלט איר ניט טאָן, און איר זאָלט האַלטן הייליק דעם טאָג פון שבת, אַזוי ווי איך האָב באַפוילן אייערע עלטערן. אָבער זיי האָבן ניט געהערט און ניט צוגענייגט זייער אויער, און זיי האָבן האַרט געמאַכט זייער נאַקן ניט צוצוהערן, און ניט צו נעמען קיין מוסר. דרום וועט זיין: אויב צוהערן וועט איר צוהערן צו מיר, זאָגט גאָט, ניט אַריינצו־ברענגען קיין משא אין די טויערן פון דער דאָזיקער שטאָט אין טאָג פון שבת, נייערט צו האַלטן הייליק דעם טאָג פון שבת, ניט צו טאָן אין אים קיין שום אַרבעט, וועלן קומען אין די טויערן פון דער דאָזיקער שטאָט מלכים און האַרן וואָס זיצן אויפן טראָן פון דוד, וואָס רייטן אויף רייטוועגן און אויף פערד, זיי און זייערע האַרן, די מענער פון יהודה און די באַוווינער פון ירושלים; און די דאָזיקע שטאָט וועט זיין באַזעצט אויף אייביק. און מע וועט קומען פון די שטעט פון יהודה, און פון רונד אַרום ירושלים, און פון לאַנד בנימין, און פון דער נידערונג און פונעם געבערג און פונעם דרום, ברענגענדיק בראַנדאָפּפער און שלאַכטאָפּפער און שפּייזאָפּפער און ווייַרויך און ברענגענדיק דאַנקאָפּפער אין הויז פון גאָט. אויב אָבער איר וועט ניט צוהערן צו מיר, צו האַלטן הייליק דעם טאָג פון שבת און ניט צו טראָגן קיין משא און אַריינקומען דערמיט אין די טויערן פון ירושלים אין טאָג פון שבת, וועל איך אָנצינדן אַ פייער אין אירע טויערן, און עס וועט פאַרצערן די פּאַלאַצן פון ירושלים, און וועט ניט פאַרלאָשן ווערן.

(ירמיה י״ז, י״ט—כ״ז)

כ״ג. און איך האָב זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים און האָב זיי געבראַכט אין דער מדבר. און איך האָב זיי געגעבן מיינע חוקים און מיינע געזעצן זיי געלאָזט וויסן, וואָס אַז דער מענטש טוט זיי, לעבט ער דורך זיי. און אויך מיינע שבתים האָב איך זיי געגעבן, צו זיין פאַר אַ צייכן צווישן מיר און צווישן זיי, כדי זיי זאָלן וויסן אַז איך יהוה הייליק זיי. אָבער דאָס הויז פון ישראל האָבן ווידערשפּעניקט אָן מיר אין דער מדבר: אין מיינע חוקים זיינען זיי ניט געגאַנגען און מיינע געזעצן האָבן זיי פאַראַכט, וואָס אַז דער מענטש טוט זיי, לעבט ער דורך זיי; און מיינע שבתים האָבן זיי פאַרשוועכט ביז גאָר; און איך האָב געטראַכט אויסצוגיסן מיין צאָרן אויף זיי אין דער מדבר, כדי זיי צו פאַרלענדן.

(יחזקאל כ׳, י—י״ג)

כ״ד. ווייל מיינע געזעצן האָבן זיי פאַראַכט און מיינע חוקים, און זיי זיינען אין זיי ניט געגאַנגען, און מיינע שבתים האָבן זיי פאַרשוועכט; ווייל נאָך זיינע אָפּגעטער איז געגאַנגען זייער האַרץ.

(יחזקאל כ, ט״ז)

כ״ה. און איך האָב געזאָגט צו זייערע קינדער אין דער מדבר: אין די חוקים פון אייערע עלטערן זאָלט איר ניט גיין און זייערע געזעצן זאָלט איר ניט היטן און מיט זייערע אָפּגעטער זאָלט איר אייך ניט פאַראומרייניקן. איך יהוה בין אייער גאָט, אין מיינע חוקים גייט און מיינע געזעצן היט און טוט זיי. און מיינע שבתים האַלט הייליק און זיי זאָלן זיין פאַר אַ צייכן צווישן מיר און צווישן אייך, כדי איר זאָלט וויסן אַז איך יהוה בין אייער גאָט. אָבער די קינדער האָבן ווידערשפּעניקט אָן מיר: אין מיינע חוקים זיינען זיי ניט געגאַנגען און מיינע געזעצן האָבן זיי ניט געהיט זיי צו טאָן, וואָס אַז אַ מענטש טוט זיי, לעבט ער דורך זיי; מיינע שבתים האָבן זיי פאַרשוועכט און איך האָב געטראַכט אויסצוגיסן מיין גרימצאָרן אויף זיי.

(יחזקאל כ׳, י״ח—כ״א)

כ״ו. איך האָב אויפגעהויבן מיין האַנט צו זיי אין דער מדבר זיי צו פאַר־שפּרייטן צווישן די פעלקער, און זיי צו צעוואָרפן אין די לענדער; ווייל מיינע געזעצן האָבן זיי ניט געטאָן און מיינע חוקים האָבן זיי פאַראַכט, און מיינע שבתים האָבן זיי פאַרשוועכט.

(דאָרטן כ׳ כ״ג—כ״ד)

כ״ז. זע, די פירשטן פון ישראל, איטלעכער לויט זיין אָרעם, זיינען אין דיר געווען כדי בלוט צו פאַרגיסן. פאָטער און מוטער האָט מען גרינג־געשאַצט אין דיר, קעגן פרעמדן האָט מען זיך באַגאַנגען מיט רויב אין דיין מיט, אַ יתום און אַן אלמנה האָט מען געקריוודעט אין דיר. מיינע הייליקייטן האָסטו פאַראַכט און מיינע שבתים האָסטו פאַרשוועכט.

(יחזקאל כ״ב, ו׳—ח׳)

כ״ח. אירע כוהנים האָבן פאַרבראָכן קעגן מיין תורה, און פאַרשוועכט מיינע הייליקייטן; צווישן הייליק און אומהייליק האָבן זיי ניט אָפּגעשיידט, און צווישן ריין און אומריין האָבן זיי ניט צו וויסן געטאָן, און פון מיינע שבתים האָבן זיי פאַרהוילן זייערע אויגן און איך בין פאַרשוועכט געוואָרן צווישן זיי. (דאָרטן כ״ב, כ״ו)

כ״ט. נאָך דאָס האָבן זיי געטאָן צו מיר: זיי האָבן פאַראומרייניקט מיין הייליקטום אין דעם אייגענעם טאָג, און מיינע שבתים האָבן זיי פאַר־שוועכט. (יחזקאל כ״ג, ל״ח

ל. און אויף דעם פירשט זאָלן זיין די בראַנדאָפּפער, און דאָס שפּייזאָפּפער און דאָס גיסאָפּפער און די יום־טובים און אום ראש־חודש און אין די שבתים און אַלע פייערטעג פון דעם הויז פון ישראל.

(יחזקאל מ״ה, י״ז)

ל״א. אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר: דער טויער פון דעם אינעווייניקסטן הויף וואָס איז געקערט צו מזרח, זאָל זיין פאַרשלאָסן די זעקס אַרבעט־טעג, נאָר אין טאָג פון שבת זאָל עס געעפנט ווערן און אין טאָג פון ראש־חודש זאָל עס געעפנט ווערן. און דער פירשט זאָל אַריינגיין דורכן פירהויז פון טויער פון דרויסן, און זאָל שטיין ביי דעם ביישטיבל פון טויער, און די כוהנים זאָלן מאַכן זיין בראַנדאָפּער און זיין פרידאָפּפער, און ער זאָל זיך בוקן אויפן שוועל פון טויער און אַרויסגיין; אָבער דער טויער זאָל ניט פאַרשלאָסן ווערן ביזן אָוונט. און דאָס פאָלק פון לאַנד זאָל זיך בוקן פאַר גאָט אין איינגאַנג פון יענעם טויער, אין די שבתים און אום ראש־חודש. און דאָס בראַנדאָפּפער וואָס דער פירשט זאָל מקריב זיין צו גאָט אין טאָג פון שבת, איז זיבן שעפּסן אָן אַ פעלער און אַ ווידער אָן אַ פעלער; און אַ שפּייזאָפּפער אָן איפה צו אַ ווידער און צו די שעפּסטן אַ שפּייזאָפּפער לויט דער גאָב פון זיין האַנט און אייל אַ הין צו אַן איפה.

(יחזקאל מ״ו, א—ה)

ל״ב. און אַז דער פירשט וועט מאַכן אַ פרייוויליקן קרבן, אַ בראַנדאָפּפער, אָדער אַ פרידאָפּפער, אַ פרייוויליקן קרבן צו גאָט, זאָל מען עפענען פאַר אים דעם טויער וואָס איז געקערט צו מזרח, און ער זאָל מאַכן זיין בראַנדאָפּפער און זיין פרידאָפּפער, אַזוי ווי ער מאַכט אין טאָג פון שבת, און אַרויסגיין; און מע זאָל פאַרשליסן דעם טויער נאָך זיין אַרויסגיין.

(יחזקאל מ״ו, י״ב)

ל״ג. און איך וועל פאַרשטערן איר גאַנצע פרייד; איר יום־טוב, איר ראש־חודש און איר שבת, און אַלע אירע פייערטעג.

(הושע ב, י״ג)

ל״ד. הערט דאָס צו, איר וואָס ווילט איינשלינגען דעם אביון און פאַרטיליקן די אָרימע פון לאַנד, אַזוי צו זאָגן: ווען וועט אַריבער ראש־חודש, אַז מיר זאָלן פאַרקויפן תבואה, און שבת, אַז מיר זאָלן עפענען קאָרן, צו פאַרקלענערן די איפה און צו פאַרגרעסערן דעם שקל און צו פאַרדרייען מיט פאַלשע וואָגשאָלן; כדי צו קויפן פאַר געלט די אָרימע, און דעם אביון פאַר אַ פּאָר שיך, און דעם אָפּפאַל פון קאָרן וועלן מיר פאַרקויפן. גאָט האָט געשוואָרן ביי דעם שטאָלץ פון יעקב: אויב איך וועל אייביק פאַרגעסן אַלע זייערע מעשים!

(עמוס ח׳, ד׳—ז׳)

ל״ה. אַ מזמור, אַ געזאַנג פֿאַר דעם טאָג פֿון שבת. גוט איז צו לויבן גאָט, און זינגען צו דיין נאָמען דו העכסטער; צו דערציילן אין פֿרימאָרגן דיין חסד און דיין טריישאַפֿט אין די נעכט, אויף אַ צענסטרונע און אויף אַ גיטאַר, מיט פֿאַרטראַכטונג אויף דער האַרף. וואָרום האָסט מיך דערפֿרייט, גאָט, מיט דיין ווערק, איך זינג וועגן די מעשים פֿון דיינע הענט. ווי גרויס זיינען דיינע מעשים, גאָט! טיף ביז גאָר זיינען דיינע טראַכטונגען. דער בהמישער מענטש ווייס ניט, און דער נאַר פֿאַרשטייט דאָס ניט. אַז די רשעים שפּראָצן ווי גראָז און עס בליען אַלע טוער פֿון אומרעכט, איז דאָס כּדי זיי זאָלן פֿאַרטיליקט ווערן אויף אייביק. אָבער דו ביסט דערהויבן אויף אייביק, גאָט. וואָרום אָט דיינע פֿיינט, גאָט, וואָרום אָט דיינע פֿיינט וועלן אונטערגיין, צעשפּרייט וועלן ווערן אַלע טוער פֿון אומרעכט. און האָסט דערהייכט ווי ביי אַ ווילדשטיר מיין האָרן; איך האָב מיך באַזאַלבט מיט פֿרישן אייל. און מיין אויג האָט זיך אָנגעזען אויף מיינע לויערער; אויף די שלעכטסטוער וואָס שטייען אָן אויף מיר, הערן מיינע אויערן זיך אָן. דער צדיק וועט בליען ווי אַ טייטלבוים, ווי אַ צעדערבוים אין לבנון וועט ער וואַקסן. איינגעפֿלאַנצט אין הויז פֿון יהוה, אין די הויפֿן פֿון אונדזער גאָט וועלן זיי בליען. זיי וועלן נאָך שפּראָצן אין גראָער עלטער, פֿעט און זאַפֿטיק וועלן זיי זיין; צו דערציילן אַז גאָט איז רעכטפֿאַרטיק, מיין פֿעלז וואָס קיין אומרעכט איז אין אים ניטאָ.

(תהלים צ״ב)

ל״ו. גאָט האָט געמאַכט פֿאַרגעסן אין ציון אַ יום־טוב און אַ שבת און פֿאַראַכט אין זיין גרימצאָרן דעם מלך און דעם כּהן.

(איכה ב׳, ו׳)

ל״ז. און אויפֿן באַרג סיני האָסטו אַראָפּגענידערט און גערעדט צו זיי פֿון הימל, און האָסט זיי געגעבן ריכטיקע געזעצן און אמתע לערנונגען, גוטע חוקים און געבאָט. און דיין הייליקן שבת האָסטו זיי געלאָזט וויסן און האָסט זיי באַפֿוילן געבאָט און געזעצן און אַ תּורה דורך משה דיין קנעכט.

(נחמיה ט׳, י״ג—י״ד)

ל״ח. און דאָס איבעריקע פֿאָלק, די כּוהנים, די לויים, די טויערליט, די זינגערס, די נתינים און אַלע וואָס האָבן זיך אָפּגעשיידט פֿון די פֿעלקער פֿון די לענדער צו דער תּורה פֿון גאָט, זייערע ווייבער, זייערע זין און זייערע טעכטער, איטלעכער וואָס האָט געוואוסט און פֿאַרשטאַנען, האָבן זיך געהאַלטן אָן זייערע ברידער, זייערע גרויסע ליט און זיי זיינען אַריין אין אַ קללה און אַ שבועה צו גיין אין דער תּורה פֿון גאָט, און צו היטן און צו טאָן אַלע געבאָט פֿון יהוה אונדזער האַר, און זיינע געזעצן און זיינע חוקים; און אַז מיר זאָלן ניט געבן אונדזערע טעכטער צו די פֿעלקער פֿון לאַנד און זייערע

טעכטער ניט נעמען פאַר אונדזערע זין; און די פעלקער פון לאַנד וואָס ברענגען סחורות און אַלערליי תבואה אין טאָג פון שבת צו פאַרקויפן, זאָלן מיר פון זיי ניט קויפן אום שבת אָדער אַ הייליקן טאָג; און אַז מיר זאָלן אָפּלאָזן דאָס פעלד אין זיבעטן יאָר און איטלעכן חוב. און מיר האָבן געשטעלט אויף אונדז אַ מצוה, אַרויפצולייגן אויף זיך אַ דריטל שקל אַ יאָר פאַר דעם דינסט פון אונדזער גאָט׳ס הויז, פאַר דעם אויסגעלייגטן ברויט און דעם שטענדיקן שפּייזאָפּפער פון די שבתים, פון ראש־חודש, פאַר די יום־טובים; און פאַר די געהייליקטע קרבנות, און פאַר די זינדאָפּפער מכפּר צו זיין אויף ישראל, און פאַר דער גאַנצער אַרבעט פון אונדזער גאָט׳ס הויז.

(נחמיה י׳, כ״ט—ל״ד)

ל״ט. אין יענע טעג האָב איך געזען אין יהודה ווי מע טרעט קעלטערן אום שבת און מע ברענגט אַריין די סטויגן און מע לאָדט אָן אויף אייזלען, און אויך ווייַן, טרויבן און פייגן און אַלערליי משא און מע ברענגט אין ירושלים אין טאָג פון שבת; און איך האָב זיי געוואָרנט אין דעם טאָג וואָס זיי האָבן פאַרקויפט שפּייז. אויך די צורים וואָס האָבן געוואוינט אין איר, פלעגן ברענגען פיש און אַלערליי סחורה, און פאַרקויפן אום שבת צו די קינדער פון יהודה, און אין ירושלים. האָב איך זיך געקריגט מיט די אַדל־לייט פון יהודה, און איך האָב צו זיי געזאָגט: וואָס איז דאָס פאַר אַ שלעכטע זאַך וואָס איר טוט, און פאַרשוועכט דעם טאָג פון שבת? האָבן ניט אַזוי געטאָן אייערע עלטערן, און אונדזער גאָט האָט געבראַכט דאָס דאָזיקע גאַנצע בייז אויף אונדז, און אויף דער דאָזיקער שטאָט? און איר מערט נאָך גרימ־צאָרן אויף ישראל, מחלל שבת צו זיין? און עס איז געווען, ווי די טויערן פון ירושלים האָבן אָנגעהויבן ווערן טונקל פאַר שבת, אַזוי האָב איך געהייסן, און די טירן זיינען פאַרשלאָסן געוואָרן, און איך האָב אָנגעזאָגט, אַז מע זאָל זיי ניט עפענען ביז נאָך שבת; און די הענדלער און די פאַרקויפער פון אַלערליי סחורה האָבן גענעכטיקט דרויסן פון ירושלים איין מאָל און צוויי מאָל. האָב איך זיי געוואָרנט און האָב צו זיי געזאָגט: פאַרוואָס נעכטיקט איר לעבן דער מויער? אַז איר וועט עס טאָן אַ צווייט מאָל, וועל איך לייגן אַ האַנט אויף אייך. פון יענער צייט אָן זיינען זיי ניט געקומען אום שבת. און איך האָב אָנגעזאָגט די לויים, אַז זיי זאָלן זיך רייניקן און קומען היטן די טויערן, כדי צו האַלטן הייליק דעם טאָג פון שבת.

(נחמיה י״ג, ט״ז—כ״ג)

מ. און טייל פון די קינדער פון די קהתים, פון זייערע ברידער, זיינען געווען איבער׳ן אויסגעלייגטן ברויט, דאָס צוצוגרייטן שבת אין שבת.

(דברי־הימים א׳, ט׳ ל״ב)

מ״א. און שלמה האָט געשיקט צו חירם דעם מלך פון צור, אַזוי צו זאָגן:
אַזוי די דו האָסט געטאָן מיט מיין פאָטער דוד׳ן, וואָס דו האָסט אים געשיקט צעדערן צו בויען פאַר זיך אַ הויז אויף צו וואוינען דערין, איז אַט בוי איך אַ הויז צו דעם נאָמען פון יהוה מיין גאָט, כדי עס צו הייליקן צו אים, און צו רייכערן פאַר אים ווייריך פון שמעקעדיקע געווירצן און פאַר דער שטענדיקער אויסלייגונג פון דעם הייליקן ברויט און פאַר די בראַנד־אָפּפער אין דערפרי און אין אָוונט, אין די שבתים און אום ראש־חודש, און אין די יום־טובים פון יהוה אונדזער גאָט, וואָס דאָס איז אייביק אַ חוב אויף ישראל.

(דברי־הימים ב׳ ב׳, ב׳—ג׳)

מ״ב. און יחזקיהו האָט באַשטימט די אָפּטיילונגען פון די כוהנים און די לוים לויט זייערע אָפּטיילונגען, איטלעכן ווי נאָך זיין דינסט, סיי די כוהנים און סיי די לוים, פאַר בראַנדאָפּפער און פאַר פרידאָפּפער, אויף צו דינען און צו דאַנקען און לויבן אין די טויערן פון גאָט׳ס לאַגערן; און דעם מלכ׳ס צושטייער פון זיין פאַרמעג פאַר די בראַנדאָפּפער — פאַר די בראַנד־אָפּפער פון אין דער פרי און פון אָוונט, און די בראַנדאָפּפער פון די שבתים, און פון ראש־חודש, און פון די יום־טובים, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין דער תורה פון גאָט.

(דברי־הימים ב׳, ל״א, ב׳—ג׳)
(אידיש: יהואש)

# פון די אַפּאָקריפן

(אנטיוכס עפיפאנעס)

און דעם קיניג׳ס מענטשן פון דוד׳ס שטאָט אין ירושלים האָבן געהערט, אַז גאָר פיל האָבן האַרט געמאַכט זייער האַרץ, ניט צו פאָלגן דעם קיניג׳ס געבאָט, און אַז זיי האָבן אויך פאַרלאָזן די שטעט זיך צו באַהאַלטן אין מדבר, און אַז גאָר אַסך מענטשן האָבן זיך מיט זיי פאַרזאַמלט. האָבן זיי זיך פלוצים אויפגעהייבן און זיך גענומען אין טאָג פון שבת און געזאָגט צו זיי: ווי לאַנג וועט איר ניט וועלן זיך צוהערן צום קיניג׳ס קול? שטייט אויף און קומט אַרויס פון דאָרטן און פאָלגט זיינע געבאָטן וועט איר זיצן רואיק. האָבן זיי געענטפערט און געזאָגט: מיר וועלן ניט אַרויסקומען, וואָרן דעם קיניג׳ס וואָרט וועלן מיר ניט פאָלגן און דעם שבת וועלן מיר ניט פאַר־שוועכן.. זיינען זיי צוגעטראָטן צו דער הייל און אָנגעשטעלט די כלים פון מלחמה אַנטקעגן איר. און די מענטשן וואָס אין איר האָבן ניט אויפגעהייבן

זייערע הענט צו ווארפן א שטיין, אדער פארמאכן איר עפענונג. און זיי האבן צו זיי געזאגט: מיר וועלן בעסער שטארבן אין אונזער אומשולד און הימל און ערד זיינען עדות אז איר הרג׳עט אונז בייזוויליק. זיינען זיי באפאלן אין טאג פון שבת און אויסגע׳הרג׳עט אלץ וואס האט זיך געפונען אין הייל און זיי זיינען געשטארבן, זיי, און זייערע ווייבער און קינדער און זייערע בהמות. און די טויטע זיינען געווען ארום טויזנט מאן.

און מתתיהו און זיינע חברים האבן דאס דערהערט — האט זיי זייער באנג געטאן. און זיי האבן געזאגט איינער צום אנדערן: אויב טאן וועלן מיר ווי אונדזערע ברידער האבן געטאן, זיך ניט אקעגנצושטעלן די גויים פאר אונדזער לעבן און אונדזער תורה, וועט לאנג ניט נעמען און זיי וועלן אונדז אויסראטן. האבן זיי זיך אלע געהאלטן אן עצה אין יענעם טאג, אזוי צו זאגן: אויב אונדזערע שונאים וועלן אויף אונדז מלחמה האלטן אין טאג פון שבת, וועלן מיר ארויסקומען זיי אקעגן און מיר וועלן זיך אויפשטעלן פאר אונדזער לעבן און מיר וועלן ניט שטארבן, ווי אונדזערע ברידער זיינען געשטארבן אין די היילן.

(חשמונאים א, פרק ב׳)

און ניקאנאר האט געהערט, אז יהודה און זיינע מענטשן האבן זיך פארזאמלט ביי דער גרענעץ פון שומרון — האט ער געזאגט: לאמיר זיי באפאלן אין טאג פון שבת. האבן די אידן, וואס ער האט צוגעהאלטן צו גיין מיט אים, צו אים געזאגט: מיר בעטן דיך, זאלסט ניט טאן מיט אונדז דאס דאזיקע גרויסע שלעכטס און זאלסט אונדז צורו לאזן, און גיב אפ כבוד צו דעם טאג וואס גאט האט אפגעגעבן כבוד און אים געהייליקט. האט זיי דער רשע געפרעגט און זיי געזאגט: ווער איז ער דאס, וואס האט אייך געגעבן דעם שבת? צי דען איז אין הימל פאראן א גאט? האבן זיי געענטפערט און געזאגט: דאס איז גאט, דער גאט פון הימל, וואס האט אונדז געגעבן דעם טאג פון שבת און אונדז פארזאגט, אים צו האלטן הייליק.

(חשמונאים ב׳ פרק ט״ו)

# פון די באַהאַלטענע ספרים

## (ספר היובלים)

(דער „ספר היובלים" איז פאַרפאַסט געוואָרן לויט דער מיינונג פון אַ סך פאָרשער אין דער צייט פון די מאַקאַבייער, און סיווערט צוגעשריבן צו די אסיים. ער טיילט איין די געשיכטע פון וועלט־באַשאַף ביז מתן־תורה לויט אַ סדר פון יובלים. דער מלאך וואָס שטייט פאַר גאָט׳ס פנים דערציילט משה׳ן, דורך גאָט׳ס באַפעל, וועגן וועלט־באַשאַף ביז משה׳ס געבאָרן ווערן און דאָס אויפשטעלן פון משכן און ער זאָגט אָן משה׳ן צו פאַרשרייבן אין בוך די געשיכטע פון מענטשן. אַן אָנגעזעענעם פלאַץ פאַרנעמט אין בוך דער ענין שבת און זיינע מצוות. אַ סך מאָל זיינען די דינים פון שבת, וואָס זיינען אין אים אויסגערעכנט אין קעגנזאַץ צו אונדזער מסורה (ווי למשל דאָס פאַרבאָט פון „עונה" אום שבת און זיי שטימען מיט די אָנשויאונגען פון די שומרונים און קאַראַאיטן).

און דער מלאך וואָס שטייט פאַר גאָט׳ס פנים האָט אויף גאָט׳ס וואָרט געזאָגט צו משה׳ן, אַזוי צו זאָגן: עס שטייט געשריבן אין בוך פון דער געשיכטע פון הימל און ערד, אַז אין זעקס טעג האָט גאָט געענדיקט גאָר זיין אַרבעט וואָס ער האָט באַשאַפן און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער גערוט און אים געהייליקט אויף אייביק און אים געמאַכט פאַר אַ צייכן איבער אַלע זיינע מעשים. — — און ער האָט געענדיקט גאָר זיין אַרבעט אויפן זעקסטן טאָג — — און ער האָט אונדז געמאַכט פאַר אַ גרויסן צייכן דעם טאָג פון שבת, ווייל זעקס טעג טוען מיר יעדע אַרבעט און אויפן זיבעטן טאָג רוען מיר פון יעדער אַרבעט, אַלע מלאכים וואָס שטייען פאַר גאָט און אַלע מלאכים פון קדושה. צו אונדז, צו די צוויי דאָזיקע גרויסע מינים, האָט ער דאָס דאָזיקע וואָרט געזאָגט, אַז מיר זאָלן היטן מיט אים צוזאַמען אין הימל און אויף דער ערד דעם טאָג פון שבת. און ער האָט צו אונדז געזאָגט: איך וועל מיר אָפטיילן אַ פאָלק פון צווישן די פעלקער, וואָס וועט אויך פייערן דעם טאָג שבת. און איך וועל אים הייליקן פאַר מיר אַ פאָלק און איך וועל אים בענטשן, ווי איך האָב געהייליקט די טעג פון שבת און זיי געבענטשט — אַזוי וועל איך אים בענטשן און זיי וועלן מיר זיין אַ פאָלק און איך וועל זיין צו זיי אַ גאָט. און איך האָב אויסדערוויילט דעם זאָמען פון יעקב פון אַלע אַנדערע וואָס איך האָב געזען און איך האָב אים פאַרשריבן פאַר מיין ערשטגעבוירענעם זון און איך האָב אים הייליק געמאַכט פאַר מיר אויף אייביק און אייביק. און איך האָב זיי געלערנט זייער אַרבעט. דעם טאָג שבת, אַז זיי זאָלן אין אים רוען פון גאָר זייער אַרבעט. און ער האָט געמאַכט דורך אים אַ צייכן, אַז זיי זאָלן אויך פייערן מיט אונדז דעם טאָג שבת אויפן זיבעטן טאָג צו עסן און צו טרינקען און צו בענטשן דעם

וואס האט אלץ באשאפן, ווי ער האט אים געבענטשט און אים געהייליקט פאר א פאלק, צו שטיין בראש פון אלע פעלקער און צו פייערן מיט אונדז צוזאמען דעם טאג פון שבת. — — — דער דאזיקער טאג איז געבענטשט און געהייליקט. — — און יעקב און זיינע קינדער זאלן תמיד זיין די געבענטשטע און די געהייליקטע, ווי ער האט אמאל געבענטשט און געהייליקט דעם טאג שבת אויפן זיבעטן טאג. און ער האט באשאפן דעם הימל און די ערד און אלץ וואס ס'איז באשאפן געווארן אין די זעקס טעג, און גאט האט באשטימט א הייליקן פייערטאג פאר אלע זיינע ברואים. דעריבער האט ער באפוילן, אז יעדער וואס פארשוועכט אים זאל געטייט ווערן. און דו זאלסט באפוילן די קינדער פון ישראל, אז זיי זאלן היטן דעם דאזיקן טאג אים צו הייליקן, ניט צו טאן אין אים קיין שום מלאכה, און זיי זאלן אים ניט פארשוועכן, ווייל ער איז הייליקער פון אלע אנדערע טעג און יעדער איינער וואס וועט אים מטמא זיין און יעדער איינער וואס וועט טאן אין אים אן ארבעט זאל געטייט ווערן אויף אייביק און אייביק. דערמיט, אז די קינדער פון ישראל זאלן היטן דעם דאזיקן טאג אין זייערע דורות און זיי זאלן ניט אויסגעראטן ווערן פון דער וועלט. ווייל דאס איז א הייליקער טאג און א געבענטשער טאג און יעדער מענטש וואס וועט אים אפהיטן און רוען אין אים פון אלע זיינע ארבעטן וועט זיין, ווי מיר, הייליק און געבענטשט. און דו לאז וויסן און דער־קלער צו די קינדער פון ישראל דעם מיין פון דאזיקן טאג, אז זיי זאלן רוען אין אים און זיי זאלן אים ניט פארלאזן דורך דער פארדארבנקייט פון זייער הארץ. זיי זאלן קיין זאך ניט טאן אין אים פאר זייערע באדערפעניש און ס'זאל ניט געמאכט ווערן קיין עסן וואס ווערט געגעסן, און קיין געטראנק וואס ווערט געטרונקען. און זיי זאלן ניט שעפן קיין וואסער און ניט טראגן און קיין משא ארויסצוטראגן און אריינצוברענגען אין זייערע טויערן, אויב זיי האבן דאס ניט צוגעגרייט פון אלע טעג פון יובל דורך די יארן פון יובל. אין אים האבן מיר גערוט איידער ס'איז אנטפלעקט געווארן צו א מענטשנ'ס אויער צו רוען אויף דער ערד אין יענעם טאג. און דער בורא פון גאנצן באשאף האט אים געבענטשט, אבער ער האט ניט געהייליקט אלע מענטשן פון דער וועלט און אלע פעלקער צו רוען אין אים, נייערט דאס פאלק ישראל אליין. צו אים אליין האט ער געגעבן דעם שבת צו עסן און טרינקען און צו רוען אין אים אויף דער ערד. (פרק ב')

און לויט די דאזיקע רייד, לויט דעם דאזיקן געזעץ האב איך דיר געלאזט וויסן די טעג פון שבת אין מדבר־סיני, וואס צווישן אלים און צווישן סיני — — — און אויך די מצוות פון שבת האב איך פאר דיר פארשריבן און אלע זיינע געזעצן. זעקס טעג זאלסטו טאן די ארבעטן און אויפן זיבעטן טאג איז שבת פאר גאט אייער גאט. איר זאלט ניט טאן אין אים קיין ארבעט, איר

און אייערע קינדער און אייערע קנעכט און אייערע דינסטן און אַלע אייערע בהמות און דער פרעמדער וואָס איז מיט דיר, און דער מאַן וואָס טוט אין אים אַן אַרבעט זאָל געטייט ווערן. יעדער איינער וואָס וועט פאַרשוועכן דעם דאָזיקן טאָג, וואָס וועט ליגן מיט זיין ווייב און וואָס וועט וועלן אין אים אַרויסגיין אין וועג, אָדער קויפן און פאַרקויפן, און דער וואָס וועט שעפּן וואַסער און האָט זיך ניט אָנגעגרייט מיט דעם פון זעקסטן טאָג, און דער וואָס טראָגט משא ווייטער פון זיין געצעלט אָדער הויז — זאָל געטייט ווערן. איר זאָלט ניט טאָן קיין אַרבעט אין טאָג פון שבת, אויב איר האָט זיך ניט אָנגעגרייט פון זעקסטן טאָג צו עסן און צו טרינקען און צו רוען און האַלטן שבת פון יעדער מלאכה אין דאָזיקן טאָג און צו בענטשן אייער גאָט, וואָס ער האָט אים צו אייך געגעבן אַ פייערטאָג. אַ הייליקער טאָג, אַ טאָג פון הייליקן קיניגטום, זאָל דער דאָזיקער טאָג זיין פאַר אַלע אידן אייער גאַנץ לעבן אויף אייביק. ווייל גרויס איז דער כבוד וואָס גאָט האָט געגעבן צום פאָלק ישראל, זיי זאָלן עסן און טרינקען און זאָט זיין אין יענעם טאָג און רוען פון יעדער אַרבעט מיט וועלכער אַ מענטש פאַרנעמט זיך, אויסער צו רויכערן קטורת, און מקריב זיין אַ געשמאַקסאַפּפער און אַ גאַנצאָפּפער פאַר גאָט אין טאָג פון שבת. בלויז די דאָזיקע אַרבעט מעג געטאָן ווערן אין די טעג פון שבת אין בית־המקדש, מכפר צו זיין תמיד אויפן פאָלק ישראל טאָג און טאָג מיט אַ קרבן, פאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט דורך אַלע טעג פון יאָר, ווי דו ביסט פאַרזאָגט געוואָרן. און יעדער מאַן וואָס וועט טאָן אַן אַרבעט, וועט גיין אין וועג אַריין, און וועט שפייזן זיינע בהמות אין הויז אָדער אין אַן אַנדער פּלאַץ, און דער וואָס וועט אָנצינדן פייער, אָדער ער וועט רייטן אויף אַ בהמה אָדער פאָרן אין אַ שיף אויפן ים, און דער מאַן וואָס וועט שלאָגן אָדער טויטן, צי שחט'ן אַ חיה אָדער אַן עוף, און דער וואָס וועט פאַנגען אַ חיה און אַ פויגל און אַ פיש, און דער וואָס וועט פאַסטן און דער וואָס טוט אַן אַרבעט אין טאָג פון שבת, דער וואָס טוט איינע פון די זאַכן אין טאָג פון שבת — זאָל געטייט ווערן, כדי די קינדער פון ישראל זאָלן היטן שבת לויט די געזעצן פון די ערדישע שבתים, ווי ער האָט איבער־געשריבן פון די הימלישע לוחות, וואָס ער האָט מיר געגעבן אין האַנט, כדי איך זאָל דיר פאַרשרייבן די געזעצן פון דער צייט, און די צייט לויט דער איינטיילונג פון אירע טעג.

# פון בוך: „דאָס לעבן פון אדם און חוה"

נאָכדעם, ווי חוה האָט אָפּגערעדט די דאָזיקע רייד צו אירע קינדער, האָט זי אויסגעשפּרייט אירע הענט צום הימל אין תפילה, און אירע קני האָט זי געבויגן ביז צו דער ערד און דאַנקענדיק און לויבנדיק גאָט איז זי אויסגעגאַנגען און געשטאָרבן. און אַלע אירע קינדער האָבן זי מקבר געווען און געוויינט אַ גרויס געוויין. נאָכדעם ווי זיי האָבן פיר טעג געטרויערט האָט זיך צו זיי אַנטפּלעקט מיכאל, דער מלאך וואָס שטייט פאַר גאָט'ס פּנים, און געזאָגט צו שת'ן: געטלעכער מאַן, זאָלסט ניט טרויערן אויף קיין טויטן מער פון זעקס טעג; ווייל דער זיבעטער טאָג איז אַ טאָג פון רו, אַ צייכן אויף תחית־המתים אין סוף פון די טעג, און אויפן זיבעטן טאָג האָט גאָט גערוט פון גאָר זיין אַרבעט.

(פרק „מות חוה")

# פון דער אידיש־גריכישער ליטעראַטור

## אַריסטובלוס

(אַריסטובלוס איז געווען דער ערשטער אידישער פילאָזאָף, וואָס האָט זיך געמיט צו מאַכן שלום צווישן אידנטום און גריכישער פילאָזאָפיע. ער האָט געלעבט אַרום הונדערט יאָר פאַרן חורבן)

וועגן ענין פון וועלט־באַשאַף אין זעקס טעג: „און ער האָט גערוט אויפן זיבעטן טאָג" — — ניט חלילה, אַז ס'האָבן זיך געפונען סימנים פון שוואַכקייט אָדער מידקייט אין בורא, נאָר די כוונה איז, אַז אויף אַלץ איז דאָ אַ שעה און אַ צייט פאַר איטלעכער זאַך אונטערן הימל, און אַז אַלע טראָפּן און געשעענישן דערפילן זייערע אויפגאַבן אין פאַרבינדונג מיט די אורזאַכן און זייערע רעזולטאַטן. און וויבאַלד אַזוי, איז אין מאמר „און ער האָט גערוט אויפן זיבעטן טאָג", ניטאָ דער מיין, אַז גאָט'ס ווירקונג אין זיין וועלט האָט זיך אָפּגעשטעלט, נאָר אַז ער האָט איינגעשטעלט די געזעצן פון הימל און ערד און אַלץ וואָס אין דער וועלט געפינט זיך, און די דאָזיקע געזעצן וועלן זיך פון פאַרן בורא ניט ענדערן, און ער גיט השגחה אויף זיי, אַז זיי זאָלן ניט ענדערן זייערע אויפגאַבן. און דער טעם פאַר די „זיבן טעג" פון וועלט־באַשאַף: „אַז זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די ערד און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער אויפגעהערט און גערוט" — — ווייל דער צאָל „זיבן" באַזיצט אַ גרויסן סוד אין דעם גאַנצן באַשאַף און אין

דער פירונג פון דער וועלט. און אומעטום וואו ס׳ווערן אין פסוק דערמאָנט גאָט׳ס מעשים, איז די כוונה אויף די כוחות פון דער נאַטור וואָס האַלטן אין איין ווירקן און הערן ניט אויף.

## פילון האלכסנדרוני

### 1.

## דער געבוירנטאָג פון דער וועלט

נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעגעבן כבוד דעם וועלט־באַשעפער האָט דער נביא (משה) זיך אויפגעשטעלט און באַקרוינט דעם הייליקן שבת, ווייל ער האָט געזען מיט זיין שאַרף אויג, אַז זיין פּראַכט וואָס איז העכער פון יעדער אַנדער פּראַכט איז פאַרזונקען אין גאַנצן וועלט־בנין און זעט זיך אַרויס אין געשטאַלט פון דער נאַטור גופא. ווייל אַזוי האָט ער אויסגעפונען און אַרויסגעבראַכט דורך זיין פאַרשן, אַז דער זיבעטער טאָג איז אויך דער וועלט׳ס געבוירנטאָג, אַז דער הימל און די ערד און אַלע באַשעפענישן וואָס אויף דער ערד — פייערן אים מיט שמחה און צופרידנהייט צוליב דעם צאָל זיבן, וואָס איז אומעטום אַ האַרמאָנישער צאָל. און מחמת דעם טעם, האָט משה, וואָס איז געווען גרויס אין אַלע זיינע דרכים, באַפוילן די מענטשן פון זיין הייליקער עדה צו פייערן דעם טאָג שבת לויט דעם סדר פון דער נאַטור, ווי אַ פאָלקס יום־טוב, מיט אַ פריידיקן געמיט און חדוה, דורך זיין אָפּגעשיידט פון פעלד־אַרבעט, פון יעדער האַנט־אַרבעט וואָס ווערט געטאָן פאַר געצאָלט, און פון יעדער פעולה וואָס באַצוועקט צופרידנצושטעלן זייערע באַדערפענישן; דורך פולשטענדיקער מנוחה און צוריקגעהאַלטנקייט פון יעדער שווערער מידמאַכנדיקער דאגה. זיי זאָלן נאָר אין זייער פרייער צייט זיך ניט אָפּגעבן מיט ליצנות און נאַרישקייטן פון ליצנים און טענצער, נאָר בלויז מיט פילאָסאָפישע לימודים. ניט מיט יענער פילאָזאָפיע, מיט וועלכער די פוסטע פלוידערער און סאָפיסטן פאַרנעמען זיך . . . נאָר מיט דער אמת׳ער פילאָזאָפיע, וואָס איז באַגרינדעט אויף אידייען, זאַכן און מעשים, און נעמען זיך צונויף אין איין גאַנצקייט, מיטן צוועק צו דערגרייכן תענוג און גליקזעליקייט.

(משה׳ס לעבן 3)

און באמת, נאָכדעם ווי די וועלט איז פאַרענדיקט געוואָרן אין זעקס טעג, לויט דער טבע פון צאָל זעקס, וואָס איז די קרוין פון שלימות, האָט דער האַר פון אַלע מעשים באַצייכנט דעם זיבעטן טאָג נאָך זיי, דורך אַ מידה וואָס קען העכער ניט געבן, דורך דעם, וואָס ער האָט אים געבענטשט און געהייליקט. ווייל דער דאָזיקער טאָג איז ניט אַ פייערטאָג פון עפּעס אַ שטאָט, אָדער ערגעץ אַ לאַנד — נאָר פון דער גאַנצער וועלט, און דער אמת איז,

אַז ער פאַרדינט מען זאָל אים אָנרופן יום־טוב סיי פון דעם יחיד און סיי פון כלל, און געבורט־יום־טוב פן דער וועלט. איך וואונדער מיך, צי ס׳איז פאַראַן אַ מענטש, וואָס זאָל קענען געניג לויבן דעם צאָל זיבן, ווייל ער איז דערהויבענער פון יעדער לויב. און הגם ער איז זייער וואונדערלעך און ס׳איז ניטאָ גענוג ווערטער אין שפּראַך אים צו דערקלערן, טאָרן מיר אָבער וועגן אים ניט שווייגן, נאָר מיר זיינען מחוייב לכל הפחות פּרואוון צו דערקלערן וואָס מיר באַגרייפן מיט אונדזער פאַרשטאַנד, הגם מיר זיינען ניט אימשטאַנד אויסצורעכענען אַלץ, אָדער אפילו דעם עיקר פון זאַכן. (נאָכדעם קומען דעטאַליזירטע חקירות וועגן דעם כאַראַקטער און מעלות פון צאָל זיבן) אַזוי אומגעפער און מערער רעדט מען און טראַכט וועגן צאָל זיבן. און דעריבער האָט ער זוכה געווען און דערגרייכט בטבע צו דער העכסטער מדרגה און די דענקער צווישן די העלעניסטן און באַרבאַרן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דער חכמה פון מאַטעמאַטיק טיילן אים איין גרויס כבוד. אָבער מער פון זיי אַלע האָט אים באַצייכנט משה דער מאַן פון גערעכטיקייט, וואָס האָט דערקלערט זיין רום אין די הייליקע לוחות פון דער תורה און אים איינגעקריצט אין די הערצער פון זיין עדה דורך דעם, וואָס ער האָט זיי באַפוילן הייליק צו האַלטן תמיד דעם זיבעטן טאָג צום סוף פון זעקס טעג, זיך אָפּצוהאַלטן פון יעדער מלאכה וואָס מען קען זיך דערפון מפרנס זיין און בלויז זיך אָפּצוגעבן מיט טיפע חקירות, ווי אויסצובעסערן די מידות און באַנעמען דאָס קול פון יצר־טוב, וואָס איז איינגעפלאַנצט אין מענטשס האַרצן.

(וועגן וועלט־באַשאַף, קאַפּיטל ל, מ״ג)

## 2.

## אַ טאָג פון רו פאַר אַלע באַשאַפענע

ווער ווייסט ניט אָפּגעבן קיין כבוד דעם דאָזיקן הייליקן טאָג, וואָס גיט אַן אָפּרו פון דער אַרבעט, מיר און מיינע נאָענטע, און ניט בלויז צו די פרייע מענטשן אַליין, נאָר אפילו אויך צו די קנעכט און צו לאַסט־בהמות. וואָרן פון אָפּרו פון דער אַרבעט האָבן הנאה אַלע שקלאַפן און אַלע בהמות, וואָס די נאַטור האָט זיי באַשטימט צו זיין קנעכט ביים מענטשן, און אַלע ביימער און אַלע מינים פלאַנצן. ווייל מען טאָר ניט אָפּרייסן קיין צווייג און קיין ריטל און אפילו קיין בלעטל. מ׳טאָר ניט אָפּפליקן קיין אירגענד וועלכע פרי, אַלץ ווערט צורו געלאָזן אין דאָזיקן טאָג און איז פריי אין אַ געוויסן זין, ווייל דער מענטש טאָר אויף קיין זאַך ניט לייגן זיין האַנט, ווי אויף אַ מלכ׳ס באַפעל.

(משה׳ס לעבן, 2)

## 3.

# טאָג פון תורה, טאָג פון נשמה און פרייהייט

דעריבער איז דער דאָזיקער טאָג ראוי, באַטראַכט צו ווערן ווי דער געבוירנטאָג פון דער וועלט, וואָס אין אים האָט זיך אַנטפּלעקט דאָס הויפּט־ווערק אין זיין פולע שלימות, באַהאַפטן פון טיילן פון פולער שלימות. ווייל די תורה האָט פאַרבאָטן צו טאָן וועלכע ניט איז אַרבעט, אָבער ניט ווייל די תורה וויל איינגעוואוינען דעם מענטשן צו לייכטזיניקייט... נאָר כדי צו פאַרלייכטערן פון אים דעם דרוק פון שטענדיקער אומאויפהערלעכער אַרבעט און דורך דעם וואָס זי גיט אים אַן איינגעשטעלטע צייט אויף צו רוען — צו פאַרשטאַרקן און באַנייען זיינע כוחות צו אַקטיוויטעט... אָבער הגם זי האָט פאַרבאָטן אויפן זיבעטן טאָג אַלע פיזישע אַרבעטן, האָט זי דערלויבט זיך צו באַשעפטיקן מיט דערהויבענע זאַכן, ווי דהיינו, מיט רעדעס און מיט לעקציעס וועגן מאָראַל; זי איז זיי מעורר אין דעם דאָזיקן טאָג זיך צו פאַרנעמען מיט פילאָזאָפיע אויף צו פאַרשענערן אונדזער גייסט און געדאַנק. ווייל דורך די שבתים זיינען אין אַלע שטעט אָפן אַן אַ שיעור שולן פאַר וויסן און באַלערונג, פאַר קרעפטיקן און מוטיקן דאָס האַרץ און פאַר אַלע אַנדערע גוטע מידות; דאָרטן זיצן מענטשן מיט אַ סדר און מנוחה און האָרכן אויס די לערער מיטביידע אויערן, ווייל זיי זיינען דאָרשטיק צו לערנען און צו וויסן; און איינער פון די מער געלערנטע מענטשן שטייט און גיט זיי אַ לעקציע וועגן ניצלעכע געגנשטאַנדן, וואָס זיינען צו פאַרשענערן דאָס גאַנצע לעבן פון מענטשן... פונדאַנען זעסטו באַשיימפּערלעך, אַז משה לאָזט ניט אויף איין רגע אַרומגיין ליידיק יענע מענטשן וואָס האַלטן זיך אָן זיין הייליקער תורה. פאַרקערט, וויבאַלד מיר זיינען צונויפגעשטעלט פון מאַטעריע און גייסט, האָט ער באַשטימט פאַרן גוף די אַרבעט וואָס פּאַסט זיך פאַר אים און פאַרן גייסט, די פּאַסיקע באַשעפטיקונג פאַר אים, און האָט מתקן געווען אַז זיי זאָלן זיך ביידע בייטן און אַזוי נאָך רוט די נשמה ווען דער גוף טוט זיין אַרבעט, און אַרבעט אין דער צייט ווען דער גוף רוט זיך, און דורך דעם געפינסטו אַז די אַנגעזעענסטע וועגן פון לעבן, די וועגן פון הלכה און טאַט, האַלטן זיך אין בייטן און מאַכן פּלאַץ איינער פאַרן אַנדערן. פאַרן פּראַקטישן לעבן און פיזישער אַרבעט איז געשטעלט געוואָרן דער צאָל זעקס, און פאַרן גייסטיקן לעבן איז געשטעלט געוואָרן דער צאָל זיבן, פאַר דער אויפמונטערונג פון שכל און פאַר גייסטיקער שלימות.

אָבער אין דעם דאָזיקן טאָג טאָר מען קיין פייער ניט אַנצינדן, ווייל עס דינט ווי אַן אַנהייב און אַ קוואַל פאַר אַלע טעטיקייטן פון פּראַקטישן לעבן. וואָרן אַן פייער איז אוממעגלעך צו טאָן אַן אַרבעט פון די מלאכות וואָס זיינען אומבאַדינגט נייטיק צוצוגרייטן לעבנס־באַדערפעניש. און פון

דעם דרינגסטו, אַז פון דעם דאָזיקן איינציקן פאַרבאָט פון דעם ערשטן וויכטיקסטן באַדינג פאַר יעדער אַקטיוויטעט און האַנט־אַרבעט, איז אויך פאַרמיטן צו טאָן אינדיווידועלע מלאכות. נאָר משה האָט אויך צוגעגעבן אַנדערע באַפעלן — געוויס ווייל ער האָט געהאַט אין זינען ווידערשפּעניקע מענטשן וואָס פאָלגן ניט אויס קיין געזעצן איז אים נישט גענוג געווען דאָס וואָס ער האָט באַפוילן פרייע מענטשן ניט צו טאָן קיין אַרבעט אום שבת, נאָר ער האָט אויך אַרויסגעוואָרפן די אייגענע גזירה אויף די שקלאַפן און דינסטן, און דורך דעם האָט ער זיי געגעבן פולשטענדיקע רו און כמעט פרייהייט צום סוף פון יעדע זעקס טעג. דערמיט האָט ער בײדע געגעבן אַ טייערע לעקציע: די האַרן — בעט ער, זיי זאָלן זיך איינגעוואוינען צו טאָן אַליין פאַר זיך זייער אַרבעט און ניט אַרויסצוקוקן אויף דער הילף פון זייערע שקלאַפן... און וואָס אַנבאַלאַנגט די שקלאַפן, דאַרפן זיי זיך ניט אָפּוועגדן פון דער ליכטיקער האָפענונג, אַז וויבאַלד די רו וואָס קומט נאָך יעדע זעקס טעג דינט זיי ווי אַ ליכטיקער שטראַל און אויפבליץ פון פרייהייט, קענען זיי דערוואַרטן, אַז אויב זיי וועלן זיין געטריי און איבערגעגעבן צו זייערע האַרן, וועלן זיי סוף כל סוף דערגרייכן צו עכטער פרייהייט. און אמת'דיק, אויב די פרייע מענטשן וועלן זיך פון צייט צו צייט, אָפּגעבן מיט שקלאַפּישע אַרבעט און די שקלאַפן וועלן זיין באַפרייט פון צייט צו צייט, וועט דעם מענטשנס לעבן זיך פאַרשענערן בתכלית השלימות, ווייל סיי די וואָס געפינען זיך אין אַ ליכטיקן מצב און סיי די וואָס געפינען זיך אויף נידעריקער מדרגה — וועלן געדענקען, אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך און זיי וועלן דערפילן זייערע פליכטן איינע צו די אַנדערע מיט גערעכטיקייט. נאָר די תורה האָט געגעבן אין דעם טאָג פון שבת ניט בלויז צו די שקלאַפן אַליין, נייערט אויך צו דער בהמה. וואָרן לויט דער נאַטור זיינען דאָך די שקלאַפן פרייע מענטשן — וואָרן בטבע איז דאָך אַ מענטש ניט קיין געבאָרענער שקלאַף — בעת די בעלי־חיים אָן שכל זיינען באַשאַפן געוואָרן פאַרן מענטשלעכן געברויך און שטייען צו זיין דינסט, און דעריבער שטייען זיי אויף אַ קנעכטישער מדרגה; און פונדעסטוועגן, וויבאַלד זיי זיינען געצוואונגען צו טראָגן משא און צו טאָן אַרבעט און זיך צו מיען לטובת פון זייערע באַלעבאַטים, זיינען זיי אויך זוכה צו רוען אין טאָג פון שבת... אַפילו אַן אָקס, וואָס עקזיסטירט אויף דער וועלט כדי אויסצופירן אַ מלאכה אין וועלכער ס'איז פאַראַן אַ באַדערפעניש און גרויסע נוצן פאַרן מענטשנס לעבן — שפּאַנט מען ניט אין יאָך אין דעם דאָזיקן טאָג, כדי ער זאָל אָנטייל נעמען אין דעם געבוירנ־טאָג פון דער וועלט. און אַזוי שפּרייט זיך אויס די קדושה פון שבת אויף אַלע באַשאַפענע.

(וועגן די געזעצן 2)

## 4.

# דאָס אָפּהיטן פון שבת

די פערטע דברה זאָגט אָן וועגן הייליקן שבת, אַז מען זאָל אים פייערן דורך פרומקייט און אויף אַן אופן וואָס איז אָנגעלייגט ביי גאָט אין די אויגן. אייניקע לענדער פייערן זייער שבת איינמאָל אין חודש. ווייל זיי ציילן לויטן מולד פון לבנה, אָבער דאָס אידישע פאָלק פייערט זיין שבת אין זיין אָרדענונג נאָך יעדע זעקס טעג. אַ וויכטיקן טעם דערפאַר גיט די דערציילונג פון וועלט־באַשאַף: דאָרטן שטייט, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אין זעקס טעג, און אויפן זיבעטן טאָג, ווען די שאַפונגס־טאַט איז פאַרענדיקט געוואָרן, האָט גאָט אָנגעהויבן זיך צוקוקן צו דעם געשאַפענעם. און דעריבער האָט ער באַפוילן אויף אַלע צוקינפטיקע מענטשן, וואָס וועלן וואוינען אין דער דאָזיקער מדינה נאָכצופאָלגן אין גאָטס דרכים אויך אין דעם, ווי אין אַלע אַנדערע זאַכן; זעקס טעג אין וואָך צו טאָן זייער אַרבעט און צו רוען אויפן זיבעטן טאָג, זיך צו פאַרנעמען מיט דענקען און זיך צוקוקן צו דער נאַטור, און איבערהויפּט, זיך צו פאַרטיפן אין זיך, צי זיי האָבן דורך דער וואָך באַגאַנגען ניט קיין שיינע מעשים. אָפּגעבן זיך אַליין אַ דין וחשבון, פאַר דער אייגענער נשמה, אויף דעם וואָס זיי האָבן געטאָן אָדער גערעדט און דורך דער דאָזיקער אונטערזוכונג, מיט דער הילף פון דער תורה׳ס געזעצן, מתקן צו זיין די פעלערן און זיך אויסצוהיטן פון נייע טעות׳ן. אָבער גאָט האָט באַשאַפן און פאַרפאָלקאָמט די וועלט אין איינע זעקס טעג, הגם אין דער אמת׳ן האָט ער קיין שום מאָס פון צייט ניט געדאַרפט האָבן; נאָר דער מענטש, וואָס איז פון נאַטור אויס שטערבלעך און דאַרף האָבן אַ סך זאַכן כדי צופרידנצושטעלן זיינע לעבנס באַדערפעניש, קען דאָך ניט רוען ביזן סוף פון זיינע יאָרן — דערפאַר אָבער איז ער מחוייב צו רוען אין די שבתים. איז דאָס ניט אַ וואונדערלעכע תורה, וואָס האָט אין זיך אַלץ, כדי צו העלפן יעדער גוטער מידה, און איבערהויפּט די מידה פון פרומקייט. ער (דער געזעצגעבער) זאָגט דורך דעם אומגעפּער אַזוי: „דו זאָלסט תמיד גיין אין די מידות פון דיין באַשעפער. ער זאָל דיר זיין אַ דערהויבענער מוסטער, צו באַשטימען אַ צייט פאַר דיינע געשעפטן, אַ צייט פון זעקס טעג, וואָס אין דער צייט האָט גאָט באַשאַפן די וועלט; און דער זיבעטער טאָג אין וועלכן ער האָט באַטראַכט זיין מעשה־יצירה, ווי ס׳שטייט געשריבן, זאָל דיר זיין אַ מוסטער, אַז דו זאָלסט אויך זיך צוקוקן און באַטראַכטן די מעשים פון נאַטור און אויך זיך אַריינטראַכטן וועגן תכלית פון דיין לעבן און דיינע שטרעבונגען — פון דיין אייגענעם גליק״.

(וועגן די עשרת־הדברות, פרק כ׳)

# יוסף בן מתתיהו

1.

## די מלחמה מיט פּאָמפּעיוסן

פּאָמפּעיוס האָט געהייסן פאַרשיטן דעם גראָבן וואָס אויף דער צפון־זייט און דעם גאַנצן טאָל, און זיינע חיילות האָבן געבראַכט דעם גאַנצן מאַטעריאַל, וואָס ער האָט דערפאַר באַדאַרפט האָבן. אָבער ס׳איז שווער געווען אָנצופילן דעם גראָבן, מחמת ער איז געווען זייער טיף, און די אידן אויף דער מויער האָבן געשטערט די אַרבעטער מיט אַלע זייערע כוחות. און כמעט, אַז ס׳וואָלט זיך ניט איינגעגעבן די רוימער דורכצופירן זייער אַרבעט, ווען פּאָמפּעיוס וואָלט ניט אָפּגעוואָרט צו טאָן די אַרבעט דורכן שבת׳דיקן טאָג, ווען אידן זיינען אָפּגעהיט ניט צו טאָן קיין שום אַרבעט, לויט די חוקים פון זייער גאָטעסדינסט; אין יענע טעג האָט ער געהייסן אויפהייבן דעם אָנשיט און ער האָט אָפּגעהאַלטן זיינע חיילות ניט אָנצוגרייפן אין יענעם טאָג די אידן, ווייל בלויז אויף צו באַשיצן זייערע לעבנס קעמפן זיי אין יענעם טאָג. און אָט איז דער טאָל פאַרשאָטן געוואָרן און פּאָמפּעיוס האָט געהייסן אויפצושטעלן הויכע טערעמער אויפן אָנשיט און דערנענטערט די קריגס־מאַשינען, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן פון צור און גענומען שטורעמען די מויערן פון הר־הבית.

(מלחמות היהודים ספר א׳ פרק ז׳)

2.

## די איסיים

און אין די טעג פון שבת זיינען זיי (די איסיים) מחמיר ניט צו טאָן קיין שום אַרבעט, מער פון אַלע אַנדערע אידן. ניט גענוג פאַר זיי, וואָס זיי גרייטן צו דאָס עסן פון ערב־שבת, וואָס זיי מאַכן ניט קיין פייער אין יענעם הייליקן טאָג, נאָר זיי וואַגן ניט אפילו איבערצושטעלן אַ כלי פון איין פּלאַץ אויפן אַנדערן און אַרויסגיין אין דרויסן. (פאַר זייערע נאַטירלעכע באַדערפענישן)

(דאָרט, ספר ב׳ פרק ח׳)

3.

## יוחנן פון גוש־חלב צו טיטוסן

און יוחנן (פון גוש־חלב) האָט זיך געווענדט צו טיטוסן מיט די ווערטער: די עצה וואָס דו גיסט מיר געפעלט מיר און איך בין בכוח איבערצורעדן יענע וואָס זיינען איינגעשפּאַרט, אָדער זיי אָפּצוהאַלטן איבערגעוואָלט.

אָבער דו, טיטוס, דאַרפסט לאָזן די אידן אָפּהיטן דעם דאָזיקן טאָג, ווי דער דין איז, ווייל דאָס איז דער טאָג פון שבת, און אין אים טאָרן מיט ניט אַרויס אין מלחמה און אַפילו ניט פאַרהאַנדלען פרידן מיטן שונא. ס׳איז דאָך ניט פאַרהוילן פון די אויגן פון די רוימער, אַז ס׳איז ביי אונדז אַ געזעץ צו רוען יעדן זיבעטן טאָג, און אויב איר וועט אונדז צווינגען איבערצוטרעטן דעם דאָזיקן געזעץ, וועט אייער שולד, איר וואָס מאַכט אונדז זינדיקן, זיין גרעסער פון דער שולד פון די געצוואונגענע.

(דאָרט, פרק ב׳ פּאַראַגראַף ג׳)

## .4

# תקיעות ערב־שבת און מוצאי־שבת

און נאָך האָבן די קנאים אויפגעבויט פיר מעכטיקע טורעמס, און פון דער הויך געשאָסן זייערע פיילן אויף די מענטשן. איין טורעם איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין מזרח — צפון׳דיק ווינקל, דער צווייטער איבער דער לשכת הגזית, דער דריטער פון אַן אַנדער ברעג אַנטקעגן דער אונטערשטער שטאָט, און דער פערטער איז אויפגעבויט געוואָרן איבער דעם גרעסטן שפּייכלער פון בית־המקדש, אויפן פּלאַץ וואו איינער פון די כוהנים פלעגט זיך נוהג זיין זיך אָװעקצושטעלן יעדן ערב־שבת און בלאָזן אין טראָמפּייט, ווי אַ צייכן, אַז ס׳איז נאָכט (די נאַכט פון שבת) און אַזוי פלעגט ער אויך טאָן מאָרגן אין אָוונט, ווייל דער ערשטער סיגנאַל האָט געלערנט דעם פאָלק צו רוען פון יעדער אַרבעט, און דער צווייטער סיגנאַל — צוריקצוגיין צו דער אַרבעט. אויף די שפּיצן פון די דאָזיקע טורעמס האָבן די קנאים אָװעקגעשטעלט זייערע פלינקע שליידער־מאַשינען.

(דאָרט, ט׳ י״ב)

## .5

# דער טייך פון שבת

און אויף זיין וועג דורך סוריה האָט טיטוס געזען אַ טייך, וואָס ס׳איז ווערט מ׳זאָל דערציילן פון אים. ער געפינט זיך אויפן וועג צווישן ערקה, און אַגריפּסעס מלוכה, און צווישן רפנאה, און ער האָט אַ מערקווירדיקע אייגנשאַפט: ווען ער שטראָמט איז ער פול מיט וואַסער און ער שטראָמט מיט האַסט. נאָכדעם, ווערט ער פאַרשוואונדן אויף גאַנצע זעקס טעג נאָכאַנאַנד אין זיין גאַנצער לענג ביז זיינע קוואַלן, און זיין שטח זעט אויס אינגאַנצן טרוקן. אָבער אויפן זיבעטן טאָג שיקט ער ווידער אַרויס זיינע וואַסערן, ווי ס׳וואָלט קיין ענדערונג מיט אים ניט פאַרגעקומען. און ס׳איז שוין לאַנג אויס־

געפּאַרשט געוואָרן, אַז פון אייביק אָן היט דער טייך אָפּ פּינקטלעך די דאָזיקע געזעצן און דעריבער האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן: „דער טייך פון שבת" (סאַבאַטיקוס) אויפן נאָמען פון זיבעטן טאָג, וואָס איז הייליק ביי אידן.

(דאָרט ספר ז׳ ח׳)

## 6.

# אין לויב פון היטן שבת

אַגאַטאַרכידעס דערציילט די פאָלגנדיקע זאַכן — — — און ער שרייבט אַזוי: „אָט די וואָס ווערן אָנגערופן אידן, וואָס וואוינען אין אַ שטאָט, וואָס איז שטאַרקער און פעסטער פון אַלע אַנדערע שטעט, וואָס די באַוואוינער אירע האָבן אַ נאָמען געגעבן ירושלים, זיינען געוואוינט צו רוען אויפן זיבעטן טאָג און זיי גורטן ניט אָן קיין שווערד אין דאָזיקן טאָג און זיי באַאַר־בעטן ניט די ערד און טוען ניט אין יענעם טאָג קיין שום אַרבעט — נאָר זיי האַלטן אויסגעשפּרייט זייערע הענט און דאַווענען אַ גאַנצן טאָג ביזן אָוונט אין זייערע הייליקע הייזער. און ווען תלמי בן לאַגאָס איז געקומען מיט זיין חיל אין די טויערן פון דער שטאָט און אירע איינוואוינער האָבן אָפּגעהיט אָט דעם נאַרישן געזעץ זייערן — איז אָנשטאָט צו באַוואַכן זייער שטאָט, איז די נחלה פון זייערע עלטערן אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ שטרענגן האַר — — —." איז דאָס ביי אַגאַטאַרכידוסן אין די אויגן געווען צום געלעכטער, אָבער יענע מענטשן וואָס וועלן די זאַך באַטראַכטן אָן שלעכטע כוונות, וועלן אַנטפּלעקן אַז שיין און לויבנסווערט זיינען די מעשים פון מענטשן, וואָס זייערע געזעצן און פאַרכט פאַר גאָט זיינען ביי זיי אין די אויגן טייערער פון זייער לעבן און פון דער פרייהייט פון זייער לאַנד.

(יוסף אַנטקעגן אַפּיאָן, מאמר א׳)

נון, פון אונדז זיינען די געזעצן אַנטפּלעקט געוואָרן צו אַלע אַנדערע מענטשן, וואָס האָבן פון דור צו דור זיי אייפערדיק אָפּגעהיט. די ערשטע זיינען געווען די גריכישע חכמים (די פילאָזאָפן), וואָס פאַרן אויג האָבן זיי אָפּגעהיט די מנהגים פון זייערע עלטערן, אָבער אין זייערע ספרים און זייער חכמה זיינען זיי געגאַנגען אין משה׳ס וועגן, ווייל אין זייער געדאַנק האָבן זיי געדענקט דאָס אייגענע וואָס ער וועגן גאָט, און אַזוי ווי ער האָבן זיי געלערנט וועגן אָרנטלעכקייט אין לעבן און התקרבות פון מענטש צו מענטש. אויך צווישן די מאַסן האָט זיך געשטאַרקט פון אַ סך דורות דער צאָל מענטשן וואָס האַלטן פון אונדזער גאָטעסדינסט, און ס׳איז ניטאָ קיין איין שטאָט פון די גריכישע שטעט, וואו ס׳האָט זיך ניט פאַרשפּרייט דער מנהג פון זיבעטן טאָג אין וועלכן מיר רוען פון יעדער אַרבעט, און אויך דאָס אָפּהיטן

פון פאַסט־טעג און אָנצינדן ליכט און אַ סך געזעצן פון דער דיעטע, וואָס זיינען אונדז פאַרזאָגט געוואָרן.

(דאָרט, מאמר ב׳ פּאַראַגראַף ל״ט)

7.

## דורך דער מלחמה־צייט אין טבריה

ווען איך האָב דאָס דערהערט, (אַז די מענטשן פון טבריה גייען מורד זיין אין אים) האָב איך מיך שטאַרק דערשראָקן; ווייל מיינע באַוואָפנטע מענטשן האָב איך שוין געהאַט אַוועקגעשיקט פון טראַכיי (אַ פעסטונג נאָענט צו טבריה) יעדן איינעם אַהיים, ווייל דער מאָרגנדיקער טאָג איז געווען שבת און כ׳האָב נישט געוואָלט, אַז די מענטשן פון טבריה זאָלן געשטערט ווערן יענעם טאָג פון צופיל זעלנער... און שיקן רופן מיינע זעלנער צוריק — האָב איך ניט געהאַלטן פאַר ריכטיק, ווייל דער טאָג איז שוין געווען כמעט אַריבער; און אפילו ווען די זעלנער וואָלטן געווען מיט מיר, וואָלט איך אויך ניט געקענט נעמען וואָפן אין האַנט אין יענעם טאָג, ווייל די געזעצן פון דער תורה פאַרבאָטן אונדז דאָס צו טאָן, און אפילו ווען ס׳האַנדלט זיך מכוח אַ נייטיקער באַדערפעניש.

(יאָזעפוס לעבן, פּאַראַגראַף ל״ב)

אין יענעם טאָג האָבן זיי זיך אַלע צונויפגעזאַמלט אין שול... נאָר די רייד פון רעדנער זיינען דעם עולם ניט געפעלן געוואָרן און זיי זיינען גרייט געווען צו מאַכן אַ טומל, ווען ניט פאַר דער זעקסטער שעה, און צוליב איר איז זיך די אסיפה צעגאַנגען, ווייל אין יענער שעה אין טאָג פון שבת מוזן מיר, לויט אונדזערע געזעצן, זיך זעצן צום טיש עסן.

(דאָרט, פּאַראַגראַף נ״ד)

8.

## דאָס אָפּהיטן שבת אין חוץ־לארץ

ניקאָלאָס פון דמשק שרייבט אין זיין געשיכטע: ווען אַנטיוכס האָט אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל פון נצחון ביים טייך ליקוס, נאָכדעם ווי ער האָט מנצח געווען אינדאַטוסן, דעם פירער פון די פּאַרטהיאַנער, איז ער דאָרטן געשטאַנען צוויי טעג. ער האָט דאָס געטאָן אויף דער בקשה פון הורקנוס דעם איד, ווייל ס׳איז דאַן געווען יום־טוב, וואָס זיי האָבן איבערגענומען פון זייערע עלטערן, אַ יום־טוב אין וועלכן „מ׳טאָר ניט מאַרשירן.״ און באמת, די דאָזיקע רייד זיינע זיינען ריכטיק; ווייל יענער יום־טוב, וואָס מיר רופן אים אָן שבועות איז אויסגעפאַלן אויף מאָרגן נאָך שבת, און לויט די געזעצן

פון אונדזער תורה טאָרן מיר ניט מאַכן קיין מאַרשרוט, ניט שבת און ניט יום־טוב.

(קדמוניות היהודים, ספר י״ג, פרק ח׳)

**9.**

## אידן באַקלאָגן זיך פאַרן רוימישן קאָנסול אויף די גריכן

אויפן זיבעטן טאָג האַלטן מיר זיך אָפּ פון יעדער אַרבעט; דער דאָזיקער טאָג איז הייליק צו לערנען אונדזער תורה און אונדזערע געזעצן, ווייל מיר האַלטן פאַר ריכטיק זיי צו לערנען, אַזוי ווי יעדער אַנדער גוטע זאַך, כדי מיר זאָלן ניט קומען צו קיין זינד און זיי לייגן אויף אונדז ציגזן און זיי ברענגען אונדז אין די געריכט־הייזער אין אונדזערע הייליקע טעג.

(דאָרטן, ספר ט״ז, פרק ב׳)

# צווייטער קאַפּיטל

# פון תלמוד און מדרש

## 1.

## דער שבת איז אַ פיינע מתנה פאַר אידן

א. „כדי איר זאָלט וויסן, אַז איך גאָט הייליק אייך" — גאָט ברוך־הוא האָט געזאָגט צו משה'ן: משה, אַ פיינע מתנה האָב איך אין מיינע אוצרות און איר נאָמען איז שבת, און איך וויל זי אָוועקגעבן צו די אידן, גיי און לאָז זיי וויסן.

(שבת י'; ביצה ט"ז)

ב. „זעט, אַז גאָט האָט אייך געגעבן דעם שבת" — וואָס מיינט „זעט"? האָט ר' יוסי געזאָגט: זעט די פערל וואָס איך גיב אייך.

(ילקוט שמעוני, פ' בשלח)

ג. האָט געזאָגט ר' יוחנן פונוועגן ר' שמעון בן־יוחאי: אַלע מצוות וואָס גאָט ברוך־הוא האָט געגעבן צו די אידן — האָט ער זיי געגעבן פאַר אַלעמען אין די אויגן, אויסער דעם שבת, וואָס ער האָט זיי געגעבן באַהאַלטענערהייט, ווי ס'שטייט געזאָגט: „צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל איז דאָס אַ צייכן אויף אייביק".

(ביצה ט"ז)

## 2.

## שבת איז דער בן־זוג פון פאָלק ישראל

ד. האָט ר' שמעון בן יוחאי געלערנט: שבת האָט געזאָגט פאַר גאָט־ברוך־הוא: רבונו של עולם, אַלע האָבן אַ בן־זוג און איך האָב קיין בן־זוג ניט! האָט גאָט ברוך־הוא אים געענטפערט: דאָס פאָלק ישראל איז דיין בן־זוג. און ווען די אידן זיינען געשטאַנען פאַרן באַרג סיני האָט גאָט ברוך־הוא צו זיי געזאָגט: געדענקט, וואָס איך האָב געזאָגט צום שבת — דאָס פאָלק ישראל איז דיין בן־זוג. און דאָס איז וואָס ס'שטייט געשריבן: „געדענק דעם טאָג פון שבת, אים צו האַלטן הייליק".

(בראשית רבה, י"א)

## 3.

# די קדושה פון שבת

ה. „און איר זאָלט היטן שבת, וואָרום ער איז הייליק פאַר אייך" — דאָס מיינט, אַז דער שבת גיט צו הייליקייט צום פאָלק ישראל: „וואָס איז דער מער מיט דעם, וואָס זיין געוועלב איז געשלאָסן"? — ווייל ער היט אָפּ שבת! — „וואָס איז מיט יענעם וואָס ער גייט אַרום ליידיק"? ווייל ער היט אָפּ שבת.

(מכילתא כי תשא)

ו. אין תורה און אין נביאים און כתובים געפינען מיר, אַז שבת איז וויכטיק ווי אַלע מצוות פון דער תורה אינאיינעם. אין תורה — ווייל ס'איז געזאָגט: „זעט, אַז גאָט האָט אייך געגעבן דעם שבת." אין די נביאים — ווייל עס שטייט געזאָגט: „אָבער דאָס הויז פון ישראל האָבן ווידער־שפעניקט אָן מיר אין דער מדבר, אין מיינע חוקים זיינען זיי ניט געגאַנגען", א. אַ. וו. (יחזקאל כ׳, י״ג) און עס שטייט געזאָגט: „און מיינע שבתים האָבן זיי פאַרשוועכט ביז גאָר." אין די כתובים — ווייל עס שטייט געזאָגט: „און אויפן באַרג סיני האָסטו אַראָפּגענידערט און זיי געגעבן . . . חוקים און געבאָט" . . . און ס'שטייט געזאָגט: „און דיין הייליקן שבת האָסטו זיי געלאָזן וויסן", א. אַ. וו.

(נחמיה ט׳, י״ג—י״ד)

## 4.

# דאָס אָפּהיטן פון שבת

ז. גאָט ברוך הוא האָט געזאָגט צום פאָלק ישראל: אויב איר וועט זוכה זיין אָפּצוהיטן שבת, וועל איך אייך דאָס פאַררעכענען, ווי איר וואָלט אָפּגעהיט אַלע מצוות פון דער תורה, און אויב איר וועט אים פאַרשוועכן, וועל איך אייך דאָס פאַררעכענען, ווי איר וואָלט פאַרשוועכט אַלע מצוות. און אַזוי זאָגט ער: „ער היט שבת, אים ניט צו פאַרשוועכן און היט זיין האַנט, ניט צו טאָן קיין שום בייז."

(ירושלמי נדרים פ״ג)

ח. דער וואָס היט אָפּ שבת — איז ווי ער וואָלט מקיים געווען די גאַנצע תורה.

(פסיקתא)

ט. „וואָס היט שבת, אים ניט צו פאַרשוועכן און היט זיין האַנט, ניט צו טאָן קיין שום בייז" (ישעיה נ"ו, ב') פון דאַנען לערנען מיר, אַז יענער וואָס היט אָפּ שבת איז דערווייטערט פון אַן עבירה.

(מכילתא כי תשא)

י. דער וואָס היט אָפּ שבת איז ווי ער וואָלט געמאַכט דעם שבת, ווייל עס שטייט געזאָגט: „צו מאַכן דעם שבת."

(מכילתא כי תשא)

י"א. „צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל איז דאָס אַ צייכן אויף אייביק" — דאָס מיינט, אַז שבת וועט ביי אידן קיינמאָל ניט בטל ווערן. און אַזוי געפינסטו, אַז יעדע זאַך פאַר וועלכער אידן האָבן זיך מוסר־נפש געווען, ווי אַ שטייגער, שבת און מילה און לערנען תורה, אָט די דאָזיקע האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביי זיי און ניט צוגענומען געוואָרן, אָבער יעדע זאַך פאַר וועלכער אידן האָבן זיך ניט מוסר־נפש געווען, איז ניט ביי זיי אויפגעהאַלטן געוואָרן.

(מכילתא, כי תשא)

י"ב. האָט מען געזאָגט אויף אים, אויף ר' חנינא בן חכינאי, אַז אַלע זיינע טעג איז ער געזעסן אין תענית, פון צוועלף יאָר ביזן פינף און נייַנציקסטן יאָר, און יענער טאָג, ווען מ'האָט אים אַרויסגעפירט צו הרג'ן איז געווען ערב שבת. האָבן זיינע תלמידים צו אים געזאָגט: רבי, דו ווילסט עפּעס טועם זיין איידער דו ווערסט גע'הרג'עט? האָט ער צו זיי געזאָגט: ביז איצט האָב איך געפאַסט, און איצט, ווען איך ווייס ניט אין וואָס פאַר אַ וועג איך וועל גיין — זאָגט איר מיר עסן און טרינקען! האָט ער אָנגעהויבן מיטן קדוש פון טאָג, פון „ויכלו" ביז „ויקדש" — און זיי האָבן אים ניט געלאָזן ענדיקן און אים דער'הרג'עט. איז אַרויס אַ בת־קול און געזאָגט: וואויל איז דיר, ר' חנינא בן חכינאי, וואָס דו ביסט געווען הייליק און דיין נשמה איז דיר אויסגעגאַנגען אין הייליקייט.

(מדרש אלה אזכרה)

י"ג. איינמאָל האָט דאָס מלכות גוזר געווען אַ גזירה אויף אידן, אַז זיי זאָלן ניט היטן שבת און ניט מל'ן זייערע קינדער. איז געגאַנגען ר' ראובן בן איסטרובלי און אָפּגעשאָרן זיינע האָר אויפן רוימישן שטייגער, געגאַנגען און געזעסן מיט זיי צוזאַמען. האָט ער צו זיי געזאָגט: ווען עמיץ האָט אַ שונא, זאָל ער זיי פאַראָרימען אָדער באַרייכערן? האָבן זיי געענטפערט: ער זאָל זיי פאַראָרימען. האָט ער צו זיי געזאָגט: אויב אַזוי — זאָלן זיי דורך די שבתים ניט טאָן קיין

אַרבעט, כדי זיי זאָלן פּאַראַרימט ווערן. האָבן זיי געזאָגט: גוט האָסטו געזאָגט, און מבטל געווען די גזירה.

(מעילה י״ז)

י״ד. דעם אַכט־און־צוואַנציקסטן אדר איז געקומען פאַר אידן אַ גוטע בשורה. דאָס מלכות האָט געהאַט גוזר געווען אַ גזירה, אַז זיי זאָלן מחלל־שבת זיין. וואָס האָבן געטאָן יהודה בן־שמוע און זיינע חברים? זיי האָבן זיך געהאַלטן אַן עצה מיט איינער אַ מאַטראָנאַ, וואָס די גרעסטע לייט פון שטאָט פלעגן זיין ביי איר איינגייער. האָט זי צו זיי געזאָגט: גייט און שרייט און וועקט דורך די נעכט. זיינען זיי געגאַנגען און געוועקט און געשריען אין די נעכט. זיי האָבן גע׳טענה׳ט: גאָט אין הימל! צי דען זיינען מיר ניט אייערע ברידער, צי דען זיינען מיר ניט קינדער פון איין מאַמע, מיט וואָס זיינען מיר אַנדערש פון יעדער אַנדער אומה ולשון, וואָס איר זייט גוזר אויף אונדז האַרבע גזירות: און זיי האָבן זיי מבטל געווען. און יענעם טאָג האָבן זיי געמאַכט אַ יום־טוב.

(ראש־השנה י״ט)

ט״ו. גרויס איז שבת, וואָס איז וויכטיק אַנטקעגן אַלע אַנדערע מצוות, ווייל יענער, וואָס איז מחלל שבת בפרהסיא אָדער ער דינט צו אַן עבודה־זרה, זיינען ווי גויים אין יעדער זאַך. גרויס איז שבת, וואָס גאָט ברוך הוא האָט אים געגעבן אויסצופּרואוון מיט אים די גרי־צדק, ווייל פון אַלע תרי״ג מצוות האָט ער ניט אויסגעזונדערט בלויז דעם שבת אַליין. ווייל עס שטייט געזאָגט (ישעיה נ״ו, י׳). און די פרעמדגעבאָרענע, וואָס באַהעפטן זיך צו גאָט אאַז״וו. איטלעכער וואָס היט שבת אאַז״וו. גרויס איז שבת, ווייל דער כהן־גדול קען ניט צוטרעטן צו דער עבודה נאָכדעם ווי ער ווערט געזאַלבט, ביז עס גייט דורך אַ שבת, ווייל עס שטייט געזאָגט: „זיבן טעג זאָל זיי אַנטאָן, דער פון זיינע זין, וואָס ווערט דער כהן אויף זיין אָרט״. (שמות כ״ט, ל׳) גרויס איז שבת, ווייל ווען אידן זיינען אָרעם געוואָרן פון מעשים טובים איז זיי בייגעשטאַנען בלויז דער זכות פון שבת, ווייל ס׳שטייט געזאָגט: „און זיי האָבן געלאָגערט איינע אַנטקעגן די אַנדערע זיבן טעג,״ (מלכים א׳ כ״ט) ביז דער שבת וועט אויף זיי אַריבער. גרויס איז שבת, וואָס ווערט ניט נדחה, סיידן צוליב סכנת־נפשות, ווי למשל, צוליב אַ חולה־מסוכן, צי אַ קינד וואָס איז אַריינגעפאַלן אין ים, אָדער אין אַ טייך, אָדער אין אַ גרוב, און דאָס גלייכן.

(מדרש הגדול, אַכטער פּרק)

ט״ז. האָט געזאָגט רב חייא בר אבא פונוועגן ר׳ יוחנן: דער וואָס היט אָפּ שבת ווי ס׳געהער צו זיין, אפילו ער דינט צו אַן עבודה־זרה ווי אין

אנוש׳ס דור,איז מען אים מוחל, ווייל ס׳שטייט געזאָגט: „וואויל צו דעם מאַן וואָס טוט דאָס דאָזיקע... וואָס היט שבת אים ניט צו פאַר־שוועכן" (ישעיה נ״ו, ב׳) לייען ניט „מחללו", נייערט, „מחול לו".

י״ז. ר׳ חייא בר אבא האָט געזאָגט: „בעסער אַ האַנטפול מנוחה", דאָס איז דער טאָג פון שבת, „איידער פולע הויפנס מי און ווינטיאָגעניש" — דאָס זיינען די זעקס אַרבעטטעג; וואָרן ר׳ חייא בר אבא האָט געזאָגט: אידן וועלן אויסגעלייזט ווערן נאָר צוליב דעם זכות פון שבת, ווייל ס׳שטייט געזאָגט: „אין שטילקייט און מנוחה וועט איר געהאָלפן ווערן."

(קהלת רבה ד׳)

י״ח. ר׳ יהודה האָט געזאָגט פון רב׳ס וועגן: ווען אידן וואָלטן אָפּגעהיט איין שבת, וואָלט קיין אומה ולשון אויף זיי ניט געהאַט קיין שליטה, ווייל ס׳שטייט געזאָגט (שמות ט״ז, כ״ז) „און עס איז געווען אויפן זיבעטן טאָג, זיינען פון פאָלק אַרויסגעגאַנגען קלייבן" — און באַלד נאָכדעם שטייט געזאָגט (י״ז, ח) „און עמלק איז געקומען.

י״ט. האָט געזאָגט רב יוחנן פונוועגן ר׳ שמעון בן יוחאי: ווען אידן וואָלטן אָפּגעהיט צוויי שבתים ווי ס׳געהער צו זיין וואָלטן זיי באַלד אויס־געלעזט געוואָרן, וואָרן ס׳שטייט געזאָגט: „וואָרן אַזוי האָט גאָט געזאָגט אויף די סריסים וואָס היטן מיינע שבתים" (ישעיה נ״ו, ד׳) און נאָכ־דעם שטייט: „און וועל זיי ברענגען צו מיין הייליקן באַרג".

(שבת, קי״ח)

כ׳. „זע, מיין בונד וועט זיין מיט דיר... און איך וועל געבן דיר און דיין זאָמען נאָך דיר דאָס לאַנד פון דיין וואוינשאָפט" — (בראשית י״ז ד׳ ח׳) ר׳ יודן זאָגט: אויב דיינע קינדער וועלן אָננעמען שבת וועלן זיי אַריינקומען אין לאַנד, און אויב ניט — וועלן זיי ניט אַריינקומען.

(בראשית רבה פרשה מ״ו)

כ״א. אביי האָט געזאָגט: ירושלים איז חרב געוואָרן בלויז דערפאַר וואָס זיי האָבן אין איר מחלל שבת געווען, ווייל עס שטייט געזאָגט: (יחזקאל כ״ב, כ״ו) און פון מיינע שבתים האָבן זיי פאַרהוילן זייערע אויגן, און איך בין פאַרשוועכט געוואָרן צווישן זיי."

(שבת קי״ט)

כ״ב. טור שמעון פאַרוואָס איז חרב געוואָרן? ווייל זיי האָבן געשפּילט באַל אום שבת.

(ירושלמי תענית פ״ד)

כ״ג. „זאָלסט ניט זאָגן... פאַלשע עדות״ (שמות כ׳ ט״ז) שטייט געזאָגט: „געדענק דעם טאָג פון שבת, אים צו האַלטן הייליק״ און אַנטקעגן דעם שטייט: „זאָלסט ניט זאָגן פאַלש עדות״ מיינט מיט דעם דער פסוק צו זאָגן, אַז דער וואָס איז מחלל שבת זאָגט פאַלשע עדות אויף גאָט, אַז ער האָט ניט באַשאַפן די וועלט אין זעקס טעג און ניט גערוט אויפן זיבעטן טאָג; און דער וואָס היט שבת, זאָגט עדות אויף גאָט, אַז ער האָט באַשאַפן זיין וועלט אין זעקס טעג און גערוט אויפן זיבעטן טאָג, ווארן ס׳איז געזאָגט: (ישעיה מ״ג, י׳) „איר זענט מיינע עדות, זאָגט גאָט״.

(מכילתא יתרו)

5.

# ישראל און שבת און גאָט ברוך הוא

כ״ד. דריי זאָגן עדות איינס אויף דאָס אַנדערע: ישראל און שבת און גאָט־ברוך־הוא. ישראל און גאָט ברוך הוא זאָגן עדות אויפן שבת, אַז ס׳איז אַ טאָג פון רו; ישראל און דער שבת זאָגן עדות אויף גאָט ברוך הוא, אַז ער איז איינאונאיינציק אין זיין וועלט; גאָט ברוך הוא און שבת זאָגן עדות אויף ישראל.

(מדרש)

כ״ה. דער שי״ן באַשטייט אַנטקעגן די דריי הייליקייטן אין דער וועלט און דאָס זיינען זיי: די קדושה פון גאָט־ברוך־הוא, די קדושה פון שבת און די קדושה פון ישראל. די קדושה פון גאָט־ברוך־הוא, פונוואַנען ווייסן מיר? ווייל ס׳שטייט געזאָגט: „און דו ביסט הייליק״ (תהלים כ״ב, ג) די קדושה פון שבת פונוואַנען ווייסן מיר? ווייל ס׳שטייט געזאָגט: „און איר זאָלט היטן שבת, ווייל ער איז הייליק פאַר אייך.״ (שמות ל״א, י״ד) די קדושה פון ישראל, פונוואַנען ווייסן מיר? ווייל ס׳שטייט געזאָגט: „הייליק ביי גאָט איז ישראל, דאָס ערשטע פון זיין תבואה.״ (ירמיה ב׳ ג׳)

(אותיות דרבי עקיבא)

כ״ו. אין טאָג פון שבת האָט ער (המן) געוואָרפן גורל. האָט זיך אויפגעשטעלט דער שר פון ישראל פאַר גאָט ברוך הוא און געזאָגט: רבונו של עולם! אין טאָג פון שבת זיינען פאַרענדיקט און פאַרפאַלקאָמט געוואָרן אַלע דיינע מעשים, ווי ס׳שטייט געשריבן: און גאָט האָט געענדיקט צום זיבעטן טאָג (בראשית ב׳ ב׳) און ס׳שטייט געשריבן: „צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל איז דאָס אַ צייכן אויף

אייביק." (שמות ל"א, י"ז) און אויב דו ווילסט זיי אויסרייסן — רייס אויס דעם שבת און זיי אים מבטל און נאכדעם ערשט פארלענד זיי.
(אסתר־רבה פרק ז׳)

### 6.

## „זכור און שמור"

כ"ז. „געדענק דעם טאג פון שבת אים צו האלטן הייליק" (שמות כ׳, ח) דא שטייט געשריבן „זכור" און ווייטער „שמור" (דברים ה׳, י"ב) זאגט ר׳ יודן ברב איבן אין נאמען פון ר׳ שמעון בן לקיש: ס׳איז א משל צו א מלך, וואס האט געשיקט זיין זון צום קרעמער און אים געגעבן א מטבע און א קריגל. האט ער צעבראכן דאס קריגל און פארלארן די מטבע. האט ער אים אנגעדרייט פארן אויער און אנגעריסן פאר די האר און אים געגעבן א צווייט מאל און אים געזאגט: היט זיך, דו זאלסט אויך די ניט פארלירן, ווי דו האסט פארלארן די ערשטע אזוי, דערפאר וואס די אידן האבן פארלארן דעם „זכור" אין מדבר, האט ער זיי געגעבן דעם „שמור".
(פסיקתא רבתי)

### 7.

## לערנען תורה דורכן שבת׳דיקן טאג

כ"ח. האט געזאגט ר׳ ברכיה אין נאמען פון ר׳ חייא בר אבא: דער טאג שבת איז געגעבן געווארן בלויז פאר תענוג. ר׳ חגי אין נאמען פון ר׳ שמואל בר נחמן: שבת איז געגעבן געווארן בלויז פאר לערנען תורה. און ס׳איז ניט קיין מחלוקה צווישן זיי; דאס וואס ר׳ ברכיה אין נאמען פון ר׳ חייא בר אבא זאגט פאר תענוג — דאס זיינען די לומדים, וואס מיען זיך אין דער תורה די גאנצע וואך און שבת קומען זיי און האבן פארגעניגן; און דאס וואס ר׳ חמי אין נאמען פון ר׳ שמואל בר נחמן זאגט פאר לערנען תורה — דאס זיינען די ארבעטער, פארנומען מיר זייער ארבעט די גאנצע וואך און שבת קומען זיי און פארנעמען זיך מיט תורה.
(פסיקתא רבתי)

כ"ט. „און משה האט איינגעזאמלט" (שמות ל"ה א׳) — אנדערע רביים, די בעלי־אגדה, זאגן: פון אנהייב תורה ביזן סוף איז ניטא אין איר קיין פרשה, אחוץ די דאזיקע, וואו ס׳איז געזאגט „איינגעזאמלט" (ויקהל). גאט ברוך הוא האט געזאגט: מאך די גרויסע פארזאמלונגען און דרשן

פאַר זיי פאַר אַ גרויסן עולם די דינים פון שבת, זיך צונויפקומען אין די בתי־מדרשים צו לערנען און לערנען אידישע קינדער דברי־תורה, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט, אַז מיין גרויסער נאָמען זאָל געריימט ווערן צווישן מיינע קינדער.

ל. ר׳ מאיר איז געזעסן און גע׳דרש׳נט אין דער נאַכט פון שבת.
(ויקרא רבה פרשה ט׳)

ל״א. ר׳ מאיר איז געזעסן שבת, מנחה־צייט, אין בית־מדרש און גע׳דרש׳נט.
(מדרש משלי)

ל״ב. ר׳ יוחנן און ריש לקיש פלעגן שבת זיך פאַרטיפן אין ספרים פון אגדה.
(גיטין ס׳, א׳)

ל״ג. „און ער האָט זיך צוגעקוקט צו זייער שווערער אַרבעט" (שמות ב׳ י״א) — ער האָט געזען אַז זיי האָבן קיין מנוחה ניט, איז ער געגאַנגען און געזאָגט צו פרעה׳ן: דער וואָס האָט אַ קנעכט, אויב ער רוט ניט איין טאָג אַ וואָך מוז ער שטאַרבן, און די דאָזיקע קנעכט דיינע, אויב דו וועסט זיי ניט געבן איין טאָג אַ וואָך רו — וועלן זיי שטאַרבן. האָט ער אים געזאָגט: גיי און טו צו זיי, ווי דו זאָגסט. איז ער געגאַנגען און איינגעפירט פאַר זיי דעם טאָג שבת אויף צו רוען.
(שמות רבה פרשה א׳)

ל״ד. „זאָל די אַרבעט שווערער זיין אויף די מענטשן" (שמות ה׳ ט׳) פון דעם איז געדרונגען, אַז זיי האָבן געהאַט אין זייער האַנט מגילות, וואָס זיי פלעגן זיך פאַרוויילן מיט זיי פון שבת צו שבת, צו זאָגן, אַז גאָט ברוך הוא איז זייער אויסלייזער, ווייל זיי פלעגן רוען אום שבת. האָט אים פרעה געזאָגט: „זאָל די אַרבעט שווערער זיין אויף די מענטשן, אַז זיי זאָלן זיין פאַרטאָן מיט איר און זיך ניט פאַרנעמען מיט פאַלשע גערעדן" — זיי זאָלן זיך ניט פאַרוויילן און זיי זאָלן ניט רוען אין טאָג פון שבת.

ל״ה. האָט די תורה געזאָגט: רבונו של עולם, ווען די אידן וועלן אַריינקומען אין לאַנד — וואָס וועט זיין מיט מיר? יעדער איינער פון ישראל וועט אַוועק אַקערן און זייען זיין פעלד — און וואָס וועט זיין מיט מיר? האָט ער צו איר געזאָגט: איך האָב פאַר דיר אַ זיווג וואָס איך גיי דיר געבן, דאָס איז דער טאָג שבת, ווען אידן זיינען פריי פון אַרבעט, וועלן זיי גיין אין די שולן און אין בתי־מדרשים און לערנען תורה.
(שמות־רבה)

## 8.

# דער שבת פאַרשענערט דעם מענטשנס מידות

ל״ו. „דו וואָס זיצסט אין די גערטנער, די חברים האָרכן אויף דיין קול, לאָז מיך אים הערן״ (שיר־השירים ח׳ י״ג) — ר׳ נתן אין נאָמען פון ר׳ אחא זאָגט: ס׳איז אַ משל אויף אַ מלך וואָס איז אין כעס געוואָרן אויף זיינע קנעכט און זיי פאַרשפאַרט אין תפיסה. וואָס האָט דער מלך געטאָן? האָט ער גענומען אַלע זיינע חיילות און זיינע קנעכט און איז געגאַנגען הערן, וואָס זיי רעדן. הערט ער ווי זיי זאָגן: „אונדזער האַר דער מלך איז אונדזער לויב, ער איז אונדזער לעבן, מיר זאָלן אונדזער האַר דעם מלך קיינמאָל ניט אויספעלן״. האָט ער צו זיי געזאָגט: קינדער מיינע, הייבט אייער קול העכער, כדי חברים וואָס שטייען איבער אייך זאָלן הערן. אַזוי דאָס אייגענע: הגם אידן זיינען פאַרנומען מיט זייער אַרבעט אַלע זעקס טעג פון דער וואָך, אָבער שבת שטייען זיי אויף גאָר פרי און קומען אין שול אַריין און לייענען קריאת־שמע און דאַווענען פאַרן עמוד און לייענען אין דער תורה און זאָגן מפטיר פון די נביאים. און גאָט ברוך הוא זאָגט צו זיי: קינדער מיינע, הייבט אויף אייער קול העכער, כדי חברים וואָס שטייען איבער אייך זאָלן הערן — און די חברים זיינען ניט קיין אַנדערע ווי די מלאכי־השרת און באַשליסט ביי זיך, איר זאָלט ניט פיינט האָבן איינע די אַנדערע, ניט מקנא זיין איינע די אַנדערע, ניט קריגן זיך איינע מיט די אַנדערע און ניט מבייש זיין איינע די אַנדערע, אַז די מלאכי־השרת זאָלן פאַר מיר ניט זאָגן: רבונו של עולם! מיט דער תורה וואָס דו האָסט אידן געגעבן — גיבן זיי זיך ניט אָפּ, און אָט האָסטו ביי זיי פיינטשאַפט און קנאה־שנאה און קריגערייען — און איר זאָלט מקיים זיין די תורה אין שלום.

ל״ז. „די טעג ווען מ׳זאָל באַשאַפן ווערן און איינער צווישן זיי איז געווען פאַר אים״ (תהלים קל״ט, ט״ז) דאָס איז דער טאָג פון שבת פאַרן פאָלק ישראל. וואָס הייסט? אַ מענטש טוט זיין אַרבעט אַלע זעקס טעג פון וואָך און רוט אין זיבעטן טאָג — בעט ער זיך איבער מיט זיינע קינדער און זיין הויזגעזינט. ווייטער: אַ מענטש טוט אַרבעט אַלע זעקס טעג פון וואָך פאַר זיינע שונאים אין די אויגן און רוט אין זיבעטן טאָג — פאַרגעסט ער אָן אַלע פאַרדרוסן וואָס ער האָט געהאַט. אַזוי איז דער טבע פון מענטשן: אַ גוטער טאָג מאַכט פאַרגעסן אָן שלעכטן טאָג, אַ שלעכטער טאָג מאַכט פאַרגעסן אָן גוטן טאָג.

(תנא דבי אליהו, א׳)

## .9

# די הכנות פאַר שבת

ל״ח. „געדענק דעם טאָג פון שבת״ (שמות כ׳ ח׳) — ר׳ אלעזר בן חנניה זאָגט: אים געדענקען פון ערשטן טאָג אין וואָך, אַז אויב ס׳וועט זיך דיר מאַכן עפּעס גוטס זאָלסטו עס צוגרייטן פאַרן שבת.

(מכילתא, יתרו)

ל״ט. מיר האָבן געלערנט: מ׳האָט געזאָגט אויף אַלטן שמאי: אַלע זיינע יאָרן האָט ער געגעסן לכבוד שבת. האָט ער געפונען אַ פיינע בהמה — פלעגט ער זאָגן: די וועט זיין אויף שבת. האָט ער געפונען אַן אַנדערע אַ בעסערע פון איר — פלעגט ער אָוועקשטעלן די צווייטע און עסן די ערשטע. אָבער הלל הזקן האָט געהאַט אַן אַנדער מידה, וואָרן אַלע זיינע מעשים זיינען געווען לשם־שמים, ווי ס׳שטייט געזאָגט: „געלויבט איז גאָט טאָג פאַר טאָג.״

(ביצה ט״ז)

מ. „זכור ושמור״ — געדענקען — ערשט און נאָכדעם — היטן; דערפון האָט מען געזאָגט: מען איז מוסיף פון וואָך צו הייליקייט, געגליכן צו אַ וואָלף, וואָס פאַרצוקט פאַר און הינטער זיך.

(מכילתא יתרו)

## .10

# ערב שבת

מ״א. דער וואָס טוט אַן אַרבעט ערב שבת און ערב יום־טוב פון מנחה־צייט און ווייטער און מוצאי יום־טוב און מוצאי יום־כפור און אומעטום וואו ס׳איז פאַראַן אַ חשש עבירה — וועט קיינמאָל ניט זען קיין מזל־ברכה אין זיין אַרבעט.

מ״ב. אונדזערע רביים האָבן געלערנט: פאַראַן אַ פלייסיקער מענטש וואָס פאַרדינט און פאַראַן אַ פלייסיקער מענטש וואָס פאַרלירט; פאַראַן אַ פוילענצער וואָס פאַרדינט און פאַראַן אַ פוילענצער וואָס פאַרלירט. אַ פלייסיקער מענטש און פאַרדינט — דער וואָס אַרבעט אַ גאַנצע וואָך און אַרבעט ניט ערב־שבת; אַ פלייסיקער מענטש און פאַרלירט — דער וואָס אַרבעט אַ גאַנצע וואָך און אַרבעט אויך ערב־שבת. אַ פוי־לענצער און פאַרדינט — דער וואָס אַרבעט ניט די גאַנצע וואָך און אַרבעט ניט שבת; אַ פוילענצער און פאַרלירט — ער אַרבעט ניט אַ גאַנצע וואָך און אַרבעט ערב־שבת.

(פסחים)

מ״ג. רב חסדא האָט געזאָגט: אַ מענטש זאָל תמיד אויפשטיין פרי פאַר דער שבת'דיקער הוצאה, ווייל ס'שטייט געזאָגט: „און עס וועט זיין אויפן זעקסטן טאָג זאָלן זיי צוגרייטן וואָס זיי וועלן אַהיים ברענגען" (שמות ט״ז, ה׳) און תיכף.

(שבת קי״ז)

מ״ד. יעדן ערב־שבת פלעגט ר׳ חנינא בן דוסא'ס ווייב געוואוינט זיין איינ־צוהייצן דעם אויוון און אַריינוואַרפן אַהין אַ רויכערדיקע האָלעוועשקע, מחמת בושה. האָט זי געהאַט אַ שלעכטע שכנ'טע. האָט זי זיך געטראַכט: איך ווייס דאָך אַז זיי האָבן גאָרנישט ניט — לאָמיך גיין זען וואָס דאָרט טוט זיך? איז זי געגאַנגען און אָנגעקלאַפּט אויף דער טיר. האָט זי (ר׳ חנינא בן דוסא'ס ווייב) זיך פאַרשעמט און אַנטלאָפן אין אַן אַנדער חדר. איז איר געשען אַ נס און די שכנ'טע האָט געפונען דעם אויוון פול מיט לעבלעך ברויט און די מולטער פול מיט טייג. האָט זי אָנגעהויבן רופן: באַלעבאָסטע, באַלעבאָסטע! ברענג אַ לאָפּע־טע, דיין ברויט איז צוגעברענט. האָט זי איר געענטפערט: צוליב דעם בין איך אַריין אין צווייטן חדר.

(תענית)

מ״ה. איין מאָל, אַן ערב שבת פאַרנאַכט האָט ר׳ חנינא בן דוסא געזען, אַז זיין טאָכטער איז אומעטיק. האָט ער צו איר געזאָגט: טאָכטער, וואָס ביסטו אומעטיק? האָט זי צו אים געזאָגט: אַ כלי מיט עסיק האָט זיך מיר פאַרביטן אויף אַ כלי מיט אייל און איך האָב אָנגעצונדן מיט דעם אַ לאָמפּ אויף שבת. האָט ער צו איר געזאָגט: טאָ וואָס זשע אַרט דיך, טאָכטער? דער וואָס האָט געזאָגט צום אייל ס'זאָל ברענען, וועט זאָגן צום עסיק, ס'זאָל ברענען. האָט דאָס געברענט און געברענט ביז מ'האָט גענומען פון דעם אַ ליכט פאַר הבדלה.

(תענית כ״ה)

מ״ו. ר׳ אבוהו פלעגט זיצן אויף אַ שטול פון עלפנביין און אויפבלאָזן דאָס פייער. (לכבוד שבת) ר׳ ענן פלעגט אָנטאָן אַ פשוט'ן שוואַרצן בגד, ווייל ביי ר׳ ישמעאל'ן האָט מען געלערנט, אַז אין די בגדים וואָס מען קאָכט אַ טאָפּ פאַרן האַר, זאָל מען ניט אָנגיסן דעם ווין פאַר זיין האַרן. רב ספרא האָט געזענגט אַ קאָפּ (פון אַ בהמה) רבא פלעגט איינזאַלצן אַ העכט. רב הונא פלעגט אָנצינדן אַ ליכט. רב פפא פלעגט פלעכטן אַ קנויט. רב חסדא פלעגט צושניידן בוראַקעס, רבה און ר׳ יוסף האָבן געשפּאָלטן האָלץ. ר׳ זירא פלעגט אָנצינדן שפּענדלעך. ר׳ נחמן בר יצחק פלעגט אַריינטראָגן כלים אויף די פּלייצעס און אַרויס־

טראָגן. ער פלעגט זאָגן: ווען כ׳וואָלט מיך געטראָפן מיט ר׳ אמי און ר׳ אַסי, צי דען וואָלט איך ניט געטראָגן זייערע זאַכן אויף די פּלייצעס?
(שבת קי״ט)

מ״ז. ר׳ יהודה האָט געזאָגט פון רב׳ס וועגן: אַזוי פלעגט זיין דער מנהג פון ר׳ יהודה בר עלאי: ערב שבת פלעגט מען אים ברענגען אַ מולטער פול מיט וואַרעם וואַסער און ער פלעגט וואַשן זיין פּנים, זיינע הענט און פיס, און פלעגט זיך איינוויקלען און זיצן אין ליילעכער, וואָס זיינען געווען איינגעמאַכט מיט ציצית און האָט אויסגעזען ווי אַ מלאך ה׳ צבאות.
(שבת קי״ט)

מ״ח. ר׳ שמעון בן יוחאי און זיין זון ר׳ אלעזר האָבן געזען ערב שבת פאַרנאַכט ווי אַ זקן האַלט אין האַנט צוויי בינטלעך מירטן און לויפט. האָבן זיי צו אים געזאָגט: דאָס — צו וואָס דאַרפסטו? האָט ער צו זיי געזאָגט: לכבוד שבת!
— וואָלט ניט געווען גענוג איין בינטל?
— איינס אַנטקעגן „זכור״ און איינס אַנטקעגן „שמור״.
האָט ר׳ שמעון געזאָגט צו זיין זון: זע, ווי באַליבט די מצוות זיינען ביי אידן.
(שבת ל״ג)

מ״ט. „ווי אַ רויז צווישן דערנער אַזוי איז דיין געליבטע צווישן די טעכטער״ (שיר־השירים ב׳ ב׳) אַזוי ווי די דאָזיקע רויז איז צוגעגרייט פאַר שבתים און יום־טובים אַזוי זיינען אידן צוגעגרייט צו מאָרגנדיקער גאולה.
(ויקרא רבה פ׳ כ״ג)

נ. ר׳ חנינא פלעגט זיך איינוויקלען און שטיין ערב־שבת פאַרנאַכט און פלעגט זאָגן: קומט לאָמיר גיין אַנטקעגן דער מלכה־שבת.

נ״א. ר׳ חנינא איז געוואוינט געווען יעדן ערב־שבת צו שיקן אַן אָרעמען מענטשן פיר גילדן.
(כתובות ס״ד)

נ״ב. ר׳ ינאי פלעגט ערב שבת אָנטאָן זיינע קליידער און זאָגן: קום, כלה! קום, כלה!
(שבת קי״ט)

נ״ג. יעדן ערב־שבת פאַרנאַכט פלעגט ר׳ הונא שיקן זיין שליח אין מאַרק און אָלע גרינסן, וואָס זיינען די מאַרקלייט איבערגעבליבן — פלעגט ער אויפקויפן און זיי אַריינוואַרפן אין טייך. — זאָל עס בעסער אַוועק־

געגעבן ווערן צו אָרעמעלייט? — ווען זיי זיך אַמאָל אויף דעם פאַר־לאָזן און ניט קויפן. — זאָל ער עס וואַרפן פאַר בהמות? — ער האַלט, אַז מענטשלעך עסן גיט מען ניט פאַר בהמות. — זאָל ער גאָרנישט אָפּקויפן? וועלן די גערטנירער אויפהערן ברענגען אין דער צוקונפט.

(תענית כ׳ ב׳)

## 11.

# די ברכה פון שבת

ב״ד. „און דאָס פאָלק האָט גערוט אויפן זיבעטן טאָג״ (שמות ט״ז, ל׳) דו מיינסט, אַז איך האָב דיר געגעבן דעם שבת פאַר דיין רעה וועגן? כ׳האָב דיר אים געגעבן בלויז פון דיין טובה וועגן. ווי אַזוי? האָט ר׳ חייא ברבי אבא געזאָגט: דו האָלסט הייליק דעם שבת מיט עסן און מיט טרינקען און אַ ריין בגד און דו האָסט הנאה און איך גיב דיר נאָך דערפאַר שכר. פונוואַנען איז דאָס געדרונגען? ווייל ס׳שטייט געזאָגט: „און וועסט רופן שבת אַ תענוג״ (ישעיה נ״ח, י״ג) וואָס שטייט נאָכדעם? — „דאַן וועסטו זיך קוויקן מיט גאָט״ (דאָרטן, י״ד) „און ער וועט דיר געבן די פאַרלאַנגען פון דיין האַרצן.״

(תהלים ל״ז, ד׳)

ב״ה. „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און אים געהייליקט״ (בראשית ב׳ ג׳) ער האָט אים געבענטשט מיטן ליכט פון פנים, ער האָט אים געהייליקט מיטן ליכט פון מענטשנס פנים. ס׳איז ניט גלייך דאָס ליכט פון מענטשנס פנים פון אַ גאַנצע וואָך צו דעם וואָס פון שבת.

(בראשית רבה, פרשה י״א)

ב״ו. און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג״ — מיט דריי ברכות האָט גאָט ברוך הוא געבענטשט זיין וועלט. די ערשטע ברכה אויף די פיש, די צווייטע — אויפן מענטשן, די דריטע — אויפן שבת. און מחמת דעם — די כהנים בענטשן די אידן דריי ברכות מיט דריי פסוקים: יברכך ה׳, יאר ה׳, ישא ה׳. לערן: די אַלע זיינען ניט אויף קיין אַנדער זאַך, ווי אויף דער ברכה פון שבת.

## 12.

# די באַנייאונג פון שבת

ב״ז. אויפן זיבעטן איז גאָט ברוך הוא געזעסן אויפן שטול פון שמחה און האָט פאַרבייגעפירט פאַר זיך דעם שר פון וואַסער מיט גרויס שמחה, דעם שר פון טייכן מיט גרויס שמחה, דעם שר פון געבערג מיט גרויס

שמחה, דעם שר פון די הימלען מיט גרויס שמחה, דעם שר פון די תהום׳ען מיט גרויס שמחה, דעם שר פון מדבריות מיט גרויס שמחה, דעם שר פון זון, לבנה, שטערן און מזלות מיט גרויס שמחה, דעם שר פון גראָזן מיט גרויס שמחה, דעם שר פון גן־עדן און גיהנום מיט גרויס שמחה, דעם שר פון שרצים, חיות, בהמות, פיש, היישעריקן און פויגלען מיט גרויס שמחה, דעם שר פון מלאכים, הימל און הימל, מחנה און מחנה, די הייליקע חיות, די כרובים פון כבוד, אופנים, און יעדער שר און שר געאַכפּערט אין פורכט און אין מורא, און זיי זיינען אַלע געשטאַנען אין גרויס שמחה אין קוואַל פון שמחה און זיך געפריידט און געטאַנצט און געזונגען און אים געלויבט מיט כל המינים לויב און כל המינים געזאַנג, רום און לויב, און די מלאכי־השרת האָבן אויפגעעפנט זייער מויל און געזאָגט: גאָט׳ס כבוד זאָל זיין אויף אייביק!״ און אַלע האָבן נאָך זיי אָפּגעענטפערט: „גאָט זאָל זיך פרייען מיט זיינע מעשים!״ און דער הימל ערבות איז פול געווען מיט שמחה און אַ קול פון פּראַכט און שטאַרקייט און מעכטיקייט און גבורה און גאוה און פּראַכטיקייט און גדולה, לויב און געזאַנג, ליד און קלאַנג, נצחון און יושר, כבוד און דאַנק אין יענער שעה, ווייל ס׳שטייט געזאָגט: „גלאַנץ און שיינקייט זיינען פאַר זיין פּנים, שטאַרקייט און פּראַכט אין זיין הייליקטום״. (תהלים צ״ו, ו׳) „גלאַנץ און שיינקייט״ — אַנט־קעגן שבת. „שטאַרקייט און פּראַכט״ — אַנטקעגן „ער האָט גערוט״.

אין יענער שעה האָט גאָט ברוך הוא געבראַכט דעם שר פון שבת און אים אַוועקגעזעצט אויפן כסא־הכבוד און געבראַכט פאַר אים געזאַנג, און יעדער שר און שר פון יעדן הימל און פון יעדן תהום און תהום האָבן געטאַנצט און זיך געפריידט פאַר אים און געזאָגט: „דאָס איז שבת צו גאָט!״ און די אַנדערע גרויסע שרים ענטפערן: „צו גאָט אַ שבת!״ און אויך אדם הראשונ׳ען האָט גאָט ברוך הוא אויפגעבראַכט אין די הויכע הימלען, אין די אויבערשטע הימלען, זיך צו פרייען מיט דער שמחה פון שבת. האָט גאָט ברוך הוא געמאַכט דעם שבת פאַר אַ באַנייאונג פון הימל און ערד, און אַלע האָבן זיך גע־פרייט מיט דער שמחה פון שבת. אין יענער שעה, ווען אדם הראשון האָט געזען די רום און גרויסקייט פון שבת, די שמחה און גדולה פון שבת, וואָס אַלע פרייען זיך מיט אים און ער איז דער אָנהייב און ערשט פון אַלע שמחות, האָט ער באַלד געעפנט זיין מויל און געזאָגט: „מזמור שיר ליום השבת!״ האָט גאָט ברוך הוא געזאָגט צום שבת: „דו זאָג מיר אַ מזמור, וואָס איך בין דער גאָט פון שבת!״ האָט זיך דער שבת באַלד אויפגעשטעלט אויף זיינע פיס, געפאַלן אויף זיין פּנים און

געזאָגט: „גוט איז צו לויבן גאָט!" און הימל און ערד האָבן געענט־פערט: „און זינגען צו דיין נאָמען, דו העכסטער!"

(סדר רבה דבראשית דמרכבה)

**13.**

## רשעים אין גיהנום רוען אין טאָג פון שבת

נ״ח. די פערטע דברה: זאָלסט געדענקען דעם טאָג שבת אים צו הייליקן, ווי גאָט דיין האַר האָט דיך באַפוילן; זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן אַלע דיינע מלאכות און דער זיבעטער טאָג איז שבת פאַר דיין גאָט, דו זאָלסט ניט טאָן קיין אַרבעט. דעם זיבעטן טאָג האָט גאָט ברוך־הוא אויסדערווײלט און אים געהייליקט פאַר זיין נאָמען, די צירונג פון טעג האָט ער אים גערופן, ווייל דורך אים האָט ער באַהאַפטן דעם הימל און די ערד, און אים געבענטשט, ווי ס׳שטייט געזאָגט: און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און האָט אים געהייליקט, און האָט זיין פאָלק ישראל אים געמאַכט אַרבן, ווייל ער האָט זיי אויסדערווײלט פון אַלע אַנדערע אומות און האָט אים געגעבן אויף זייער חלק, אַז ס׳זאָל קיין צער ניט זיין אין זייערע מחנות, ווייל אויף גרויסער שמחה האָט אים גאָט אונדז געגעבן, און אפילו די רשעים אין גיהנום רוען אין טאָג פון שבת. ווען דער שבת קומט אַריין, איז דער מלאך וואָס איז ממונה איבער די נפשות, „דומה" איז זיין נאָמען, רופט ער אויס און זאָגט: „גייט אַרויס פון גיהנום!" און ער לאָזט זיי פריי און זיי ווערן ניט גע׳משפט אום שבת. און ווען אידן זאָגן קדושה שבת צו נאַכט — רופט דער מלאך דומה אויס און זאָגט: גייט צוריק אין הויז פון טויטשאָטן און דאַרבן. און דעריבער זיינען אַלע אידן מחוייב צו זאָגן שבת צו נאַכט דעם סדר פון קדושה און צו היטן שבת, ווייל דער וואָס היט אָפּ שבת האָט אַ חלק לעולם הבא און דער וואָס איז מחלל שבת איז ווי ער וואָלט געזאָגט פאַלש עדות אויף זיין האַר. וואויל צו יענע וואָס היטן שבת און יענע וואָס גיבן אים אָפּ כבוד, ווי ס׳שטייט געזאָגט (ישעיה נ״ח, י״ג) „און ועסט אים ערלעכן, ניט צו טאָן דיינע גאַנגען, ניט צו געפינען דיר אַן עסק, אָדער אָפּרעדן אַ זאַך".

(פרקי דרבי אליעזר, פרק י״ט)

נ״ט. „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג" — ערב שבת איז ער (אדם) אַרויסגעטריבן געוואָרן און אַרויסגעגאַנגען, אַאַז״וו. איז געקומען דער טאָג שבת און איז געוואָרן דער מליץ־יושר פאַר אדם הראשון.

האָט ער געזאָגט פאַר אים: רבונו של עולם, אין די זעקס אַרבעטטעג איז אויף דער גאַנצער וועלט קיינער ניט גע׳הרג׳עט געוואָרן, און מיט מיר הייבסטו אָן! און דאָס איז זיין קדושה, און דאָס איז זיין ברכה, ווייל ס׳שטייט געזאָגט: „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און האָט אים געהייליקט״? און מיטן זכות פון שבת איז אדם ניצול געוואָרן פון דין פון גיהנום, און אדם האָט האָט געזען דעם כוח פון שבת און געזאָגט: ניט אומזיסט האָט גאָט ברוך הוא געבענטשט דעם טאָג פון שבת, און ער האָט אים געהייליקט.

(פרקי דרבי אליעזר)

## 14.

# די מלאכי השרת

ס. „שוואַרץ בין איך, אָבער שיין״ (שיר־השירים א׳ ה׳) — שוואַרץ בין איך די גאַנצע וואָך, אָבער שיין בין איך אום שבת.

(שיר־השירים רבה, א׳)

ס״א. רב חסדא האָט געזאָגט פון עוקבא׳ס וועגן: דער וואָס דאַוונט ערב־שבת און זאָגט „ויכלו״ — איז די צוויי מלאכים וואָס באַגלייטן דעם מענטשן, לייגן אַרויף זייערע הענט אויף זיין קאָפּ און זאָגן אים: ״אָפּטאָן וועט זיך דיין פאַרברעך און דיין זינד וועט פאַרגעבן ווערן.״

(ישעיה ו׳ ז׳)

ס״ב. מיר האָבן געלערנט, ר׳ יוסי בר׳ יהודה זאָגט: צוויי מלאכים באַגלייטן דעם מענטשן ערב שבת פון שול אין זיין הויז אַריין, איינער אַ גוטער און דער צווייטער — אַ שלעכטער. און אַז ער קומט אין הויז און געפינט, אַז די ליכט זיינען אָנגעצונדן, דער טיש איז געגרייט און די בעט איז געמאַכט — זאָגט דער גוטער מלאך: זאָל זיין גאָט׳ס ווילן, אַז דער קומענדיקער שבת זאָל אויך זיין אַזוי און דער שלעכטער מלאך ענטפערט אָמן איבערגעוואַלט; און אויב ניט — זאָגט דער שלעכטער מלאך: יהי רצון אַז דער קומענדיקער שבת זאָל אויך זיין אַזוי, און דער גוטער מלאך ענטפערט אָמן איבערגעוואַלט.

(שבת קי״ט)

## 15.

# ליכט צינדן

ס״ג. „און דו וועסט רופן שבת אַ תענוג״ (ישעיה נ״ח, י״ג) — דאָס איז אָנצינדן ליכט אויף שבת.

נאָך אַ זאַך מיינט „ויברך אלוהים״ — ווייל ס׳איז ניטאָ קיין אַנדער

זאַך וואָס פאַרהיילּיקט דעם שבת, דערהויבט אים, ווי אָנצינדן אַ לאָמפּ. און פאַרוואָס? ווייל אין אַלע טעג פון דער וואָך צינדט מען אָן אַ לאָמפּ און מען גיסט אַריין אייל פיר און פינף מאָל און דאָך גייט עס אויס, אָבער אין די נעכט פון שבת צינדט מען עס אָן ווען ס'איז נאָך טאָג און מ'גייט אין בית־מדרש און מ'קומט צוריק און מ'עסט און מ'טרינקט און מ'בעט אויס דאָס בעט און עס ברענט נאָך אַלץ. דעריבער שטייט געזאָגט: „און ער האָט אים געהייליקט", מיט וואָס האָט ער אים געהייליקט? מיט אָנצינדן אַ ליכט פון ערב שבת.

(מדרש גנזי שחטר ח"א, ו')

ס"ד. „און מיין זעל איז פאַרשטויסן געוואָרן פון פרייד" (איכה ג' י"ז) — האָט ר' אַבוהו געזאָגט: פון אָנצינדן אַ לאָמפּ אויף שבת. „איך האָב פאַרגעסן אָן גוטס" (דאָרט) דאָס איז דאָס בית־המרחץ. ר' יוחנן זאָגט: אָרומוואַשן די הענט און די פיס מיט וואַרעם וואַסער. ר' יצחק נפחא (שמיד) זאָגט: דאָס איז אַ שיין בעט און שיינע בעטצייג וואָס אויף אים.

(שבת כ"ה; תנחומא)

ס"ה. רב הונא האָט געזאָגט: דער וואָס איז געוואוינט אָנצוצינדן אַ ליכט — וועט האָבן זין תלמידי־חכמים.

רב הונא פלעגט פאַרביי גיין הין און צוריק ר' אבין דעם סטאָליער'ס טיר, האָט ער געזען, אַז ער איז געוואוינט אָנצוצינדן אַ סך ליכט, האָט ער געזאָגט: צוויי גרויסע לייט וועלן אַרויסקומען פון דאַנען. זיינען אַרויסגעקומען פון זיי ר' אידא בר אבין און ר' חייא בר אבין.

(שבת כ"ג)

ס"ו. ר' אלעזר האָט געזאָגט: „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג" — ער האָט אים געבענטשט מיט אַ ליכט. און מיט מיר אַליין האָט געטראָפן אַ מעשה: איינמאָל האָב איך אָנגעצונדן אַ ליכט אויף דער נאַכט פון שבת און בין געקומען שבת־צו־נאַכט און עס געפונען ברענענדיק.

(בראשית־רבה פ' י"א)

ס"ז. שבת — זיינע ליכט זיינען זיין כבוד. אויב איר היט די ליכט פון שבת, וועל איך אייך ווייזן די ליכט פון ציון, ווייל ס'שטייט געזאָגט: „און עס וועט זיין אין יענער צייט, וועל איך דורכזוכן ירושלים מיט ליכט". (צפניה א' י"ב)

(ילקוט שמעוני)

## 16.

# דאָס פאַרהייליקן פון שבת

ס״ח. „געדענק דעם טאָג פון שבת, אים צו האַלטן הייליק״ — מיט וואָס זאָלסטו אים האַלטן הייליק? מיט פסוק און משנה, מיט עסן און מיט טרינקען און מיט אַ ריינעם בגד און מיט רו.

(מכילתא; תנא דבי אליהו כ״ו)

ס״ט. „אים צו האַלטן הייליק״ — מיט אַ ברכה. פון דאַנען האָט מען געזאָגט: מ׳מאַכט קדוש אויף וויין ווען ער קומט אַריין.

(מכילתא, יתרו)

ע. דער וואָס מאַכט קדוש אויף וויין אין די נעכט פון שבתים, דערלענגערט מען זיינע טעג און יאָרן אויף דער וועלט און מ׳דערלייגט אים יאָרן לעבן אין דער קומענדיקער וועלט (פרקי דרבי אליעזר פרק י״ח). ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: דריי וועלן האָבן עולם הבא... דער וואָס מאַכט הבדלה איבער וויין שבת־צו־נאַכט.

(פסחים קי״ג, א׳)

ע״א. ר׳ זכאי׳ס תלמידים האָבן אים געפרעגט: מיט וואָס האָסטו זוכה געווען צו לאַנגע יאָרן? האָט ער צו זיי געזאָגט: כ׳האָב קיינמאָל מיינע חברים ניט גערופן קיין נעמען, און האָב נישט מבטל געווען דעם קדוש פון שבת און יום־טוב. כ׳האָב געהאַט אַן אַלטע מאַמע, איינמאָל האָב איך ניט געהאַט קיין וויין אויף קדוש, האָט זי פאַרקויפט די הויב פון קאָפּ און מיר געבראַכט וויין אויף קדוש.

(ברכות ע״ג, ע״א)

ע״ב. מיר האָבן געלערנט: ווען זי איז געשטאָרבן האָט זי אים געלאָזן דריי הונדערט פעסער וויין; ווען ער איז געשטאָרבן האָט ער געלאָזן זיינע קינדער דריי טויזנט פעסער וויין.

(מגילה כ״ז)

## 17.

# די שבת׳דיקע סעודה

ע״ג. ר׳ אליעזר האָט געזאָגט: אַ מענטש זאָל אַלעמאָל צוגרייטן ערב־שבת זיין טיש, הגם ער דאַרף נישט מער ווי אַ כזית.

(שבת קי״ט)

ע״ד. ר׳ יוסי האָט געזאָגט: מיין חלק זאָל זיין מיט יענע וואָס עסן שבת דריי סעודות.

(דאָרט, קי״ח)

ע״ה. „און וועסט רופן שבת אַ תענוג״ (ישעיה נ״ח, י״ג) — מיט וואָס גיט ער אים צו תענוג? האָט געזאָגט ר׳ יהודה, דער זון פון רב שמואל בר שילה אין נאָמען פון רב: מיט אַ געקעכץ פון גרינסן, און גרויסע פיש און קעפּלעך קנאָבל. רב חייא בר אשי זאָגט פון רב׳ס וועגן: אפילו אַ קליינע זאַך, נאָר ער האָט עס געמאַכט לכבוד שבת — איז עס שוין אַ תענוג. וואָס איז דאָס? זאָגט רב פּפּא: קליינע פישלעך איינגעפּרעגלט מיט מעל אין זייער אייגענער פעטס.

(דאָרט, קי״ח)

ע״ו. „און עס פלעגט זיין אויפן זעקסטן טאָג... פלעגט עס זיין טאָפּלט״ — משונה׳דיק ברויט. וואָס הייסט? — יעדן טאָג פלעגט זיין איין עומר און שבת צוויי עמרים; יעדן טאָג פלעגט זיין ריח אויפגיין און שבת — נאָך מער; יעדן טאָג פלעגט עס גלאַנצן ווי גאָלד און שבת נאָך מער.

(מכילתא בשלח)

ע״ז. האָבן אונדזערע רביים געלערנט: וויפיל סעודות איז אַ מענטש מחוייב שבת צו עסן? — דריי. ר׳ חידקא זאָגט: פיר.

## 18.

## שבת׳דיקע מלבושים

ע״ח. „און דו זאָלסט אים אָפּגעבן כבוד״ (ישעיה נ״ח, י״ג) — אַז דיין שבת׳דיק מלבוש זאָל ניט זיין ווי דיין וואָכעדיק מלבוש. האָט רב הונא געזאָגט: אויב ער האָט וואָס איבערצובייטן — זאָל ער איבער־בייטן, און אויב ער האָט ניט וואָס איבערצובייטן — זאָל ער לענגער מאַכן.

(שבת קי״ג)

ע״ט. רב חנינא האָט געזאָגט: אַ מענטש דאַרף האָבן צוויי איבערציערס, איינעם פאַר דערוואָכן און איינעם פאַר שבת. און אַזוי האָט רב שמלאי גע׳דרש׳נט פאַרן עולם. האָבן די תלמידים געוויינט פאַר אים. זיי האָבן צו אים געזאָגט: רבי, וואָס מיר טראָגן אינדערוואָכן האָבן מיר צוטראָגן אויף שבת. האָט ער צו זיי געזאָגט: דאָך דאַרפט איר עפּעס ענדערן לכבוד שבת.

(ירושלמי פאה, פ״ח)

## 19.

# וויניק גערעדט אום שבת

פ. „און וועסט אים ערלעכן, ניט צו טאָן דײַנע גאַנגען, אאַז״וו — אַז דײַן גאַנג שבת זאָל ניט זײַן ווי דײַן גאַנג אינדערוואָכן. „ניט צו געפינען דיר אַן עסק״ — דײַנע עסקים טאָרסטו ניט, אָבער דײַנע הימלשע עסקים — מעגסטו; „און אָפּרעדן אַ זאַך״ — אַז דײַן רעדן אום שבת זאָל ניט זײַן ווי דײַן רעדן אינדערוואָכן.

(שבת קי״ג)

פ״א. ר׳ שמעון בן יוחאי׳ס מוטער, אַז זי פלעגט אַרויסרעדן אַן איבעריק וואָרט אום שבת, פלעגט ער איר באַלד זאָגן: היינט איז שבת — פלעגט זי אַנטשוויגן ווערן.

(ויקרא רבה, פרשה ל״ד)

פ״ב. „און ער האָט גערוט״ (בראשית ב׳ ב׳) וואָס מיינט גערוט? ער האָט גערוט פון ריידן. ווייל יעדן טאָג און טאָג האָט ער געזאָגט: זאָל זײַן אַזוי — און ס׳איז געווען אַזוי; און שבת זיינען פולקאָם געוואָרן די מעשי־בראשית און דאָס וואָרט האָט אויפגעהערט. איז פונוואַנען נעמען מיר, אַז דאָס אויפהערן ריידן ווערט אָנגערופן רוען? ווייל ס׳שטייט געזאָגט: (איוב ל״ב, א׳) „און די דאָזיקע דריי מענער האָבן אויפגעהערט ענטפערן איוב׳ן״.

(מדרש הגדול בראשית)

## 20.

# שבת איז ניטאָ קיין אבלות

פ״ג. ר׳ עקיבא איז געזעסן און געוויינט אום שבת. האָבן זײַנע תלמידים צו אים געזאָגט: רבי, האָסטו דאָך אונדז געלערנט: „דו זאָלסט רופן שבת אַ תענוג״. האָט ער זיי געענטפערט: דאָס איז מײַן תענוג.

(מדרש)

פ״ד. איינמאָל, אין אַ שבת׳דיקן טאָג האָט ר׳ מאיר געטראָפן אבלים און זיך נאָכגעפרעגט וואָס זיי מאַכן. האָבן זיי געזאָגט צו ר׳ יוסי׳ן: ער איז דאָס דער וועמען דו לויבסט אַזוי שטאַרק! האָט ער צו זיי געזאָגט: וואָס אַזוינס האָט ער געטאָן? האָבן זיי צו אים געזאָגט: ער האָט געזען אבלים אום שבת און ער האָט זיך נאָכגעפרעגט בײַ זיי. האָט ער צו זיי געזאָגט: איר ווילט וויסן, וואו ליגט זײַן כוח? ער קומט אונדז

צו לאָזן וויסן, אַז שבת איז ניטאָ קיין אבלות, ווי ס׳שטייט געזאָגט: „די ברכה פון גאָט — זי מאַכט רייך" (משלי י׳, כ״ב) דאָס איז די ברכה פון שבת, און, מ׳דאַרף צו מאָל זיך ניט קימערן" (דאָרט) דאָס איז אבלות.

(ירושלמי, מועד קטן פ״ג)

## .21

# זאַכן וואָס מען מעג אום שבת

פ״ה. רב חסדא און רב המנונא האָבן ביידע געזאָגט: חשבונות פון מצוה־זאַכן מעג מען מאַכן אום שבת. און ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: מען מעג באַשטימען צדקה פאַר אָרעמעלייט אום שבת. און רב יעקב בר אידי האָט געזאָגט פון רב יוחנן׳ס וועגן: מ׳גיט אַכטונג אויף פּיקוח־נפשות און פּיקוח־ציבור אום שבת, און מ׳גייט איבער די שולן אַכטונג צו געבן אויף קהל׳שע זאַכן אום שבת. און רב שמואל בר נחמני האָט געזאָגט פון ר׳ יוחנן׳ס וועגן: מ׳גייט איבער די טעאַטערס, צירקן, באַסיליקעס, אַכטונג צו געבן מכוח קהל׳שע זאַכן.

פ״ו. ביי ר׳ מנשה האָט מען געלערנט: מ׳פאַר׳שדכנ׳ט קינדער, זיי צו פאַר־קנס׳ן אום שבת, און וועגן קינדער זיי צו לערנען לייענען און שרייבן און צו לערנען אַ קינד אַ אומנות, ווייל דער פסוק האָט געזאָגט: „ניט צו געפינען דיר אַן עסק, אָדער אָפּרעדן אַ זאַך". (ישעיה נ״ח, י״ג) דיינע עסקים — טאָר מען ניט, אָבער מצוה־זאַכן מעג מען.

(שבת ק״נ)

פ״ז. האָט רב תנחום געזאָגט פונוועגן ר׳ יהושע בן לוי: אַ מענטש זאָל אַלע מאָל לויפן צו טאָן אַ דבר־מצוה און אפילו אום שבת.

(ברכות ו׳)

## .22

# עונג-שבת

פ״ח. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט פון ר׳ יוסי׳ס וועגן: דער וואָס קוויקט זיך מיטן שבת — גיט מען אים אַ נחלה אָן אַ ברעג, ווייל ס׳שטייט געזאָגט: „דענסטמאָל וועסטו זיך קוויקן מיט גאָט... און דיך מאַכן עסן די אַרב פון דיין פאָטער יעקב" (ישעיה נ״ח, י״ד) ניט ווי אברהם, וואָס אויף אים שטייט געשריבן: „שטיי אויף, גיי דורכן לאַנד פאַר לענג און ברייט" (בראשית י״ג, י״ז) און ניט ווי יצחק, וואָס אויף אים שטייט

געשריבן: „צו דיר און צו דיינע זאָמען וועל איך געבן די דאָזיקע לענדער" (בראשית כ"ו, ג') נאָר ווי יעקב, וואָס אויף אים שטייט געשריבן: און וועסט זיך אויסשפּרייטן קיין מערב און קיין מזרח און קיין צפון און קיין דרום. (בראשית כ"ח, י"ד) רב נחמן בר יצחק זאָגט: ער וועט ניצול ווערן פון שעבוד מלכות: דאָ שטייט: „און דו וועסט אויף זייערע הייכן טרעטן".

(דברים ל"ג, כ"ט)

פ"ט. רב יהודה האָט געזאָגט פון רב'ס וועגן: דער וואָס קוויקט זיך מיטן שבת גיט מען אים אַלץ וואָס זיין האַרץ באַגערט, ווייל ס'שטייט געזאָגט: „און קוויק זיך מיט גאָט און ער וועט דיר געבן די פאַרלאַנגען פון דיין האַרצן" (תהלים ל"ז ג') — דאָס דאָזיקע תענוג ווייס איך ניט, וואָס איז אַזוינס? אָבער ווען ער זאָגט: „און דו וועסט רופן שבת אַ תענוג" — איז דערפון געדרונגען: אַז דאָס איז עונג־שבת.

(שבת קי"ח)

צ. אין אליהו'ס בית מדרש האָט מען געלערנט: הגם ר' עקיבא האָט געזאָגט: „זאָלסט מאַכן דיין שבת וואָכעדיק און ניט אָנקומען צו מענטשן" — אָבער אַ מענטש דאַרף דאָך טאָן כאָטש אַ קלייניקייט ביי זיך אין הויז (לכבוד שבת).

(פסחים קי"ב)

צ"א. רב תחליפא, דער ברודער פון רבנאי חוזאה האָט געלערנט: גאָר דאָס עסן פון מענטשן ווערט באַשטימט אויף זיין חלק צווישן ראש־השנה ביז יום־כפור אויסער זיין הוצאה אויף שבתים און ימים־טובים און די הוצאה פאַר זיינע קינדער אויף צום לערנען תורה, אויב ער האָט אויסגעגעבן ווייניקער — גיט מען אים ווייניקער און אויב ער האָט אויסגעגעבן מערער — גיט מען אים מערער.

(ביצה ט"ז)

23.

## דער שכר פון יענע וואָס האַלטן טייער דעם שבת

צ"ב. יוסף מוקיר שבת האָט געזאָגט אין זיין שכונה איינעם אַ גוי, וואָס האָט געהאַט זייער פיל גיטער. האָבן די כאַלדייער־שטערנזעער צו אים געזאָגט: אַלע דיינע גיטער וואָס דו האָסט — וועט זיי יוסף מוקיר שבת אויפעסן. איז ער געגאַנגען, פאַרקויפט אַלע זיינע גיטער און געקויפט פאַר זיי אַ פּערל און זי געטראָגן אין היטל. איינמאָל, גייענדיק איבער אַ בריק האָט דער ווינט אַראָפּגעטראָגן דאָס היטל און די פּערל

איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער אַריין. האָט אַ פיש זי איינגעשלונגען. איז דער פיש געכאַפּט געוואָרן און מ׳האָט אים געבראַכט אין מאַרק אַריין ערב שבת פאַרנאַכט. האָבן זיי זיך נאָכגעפרעגט: ווער וועט אים אין דער שעה קויפן? האָט מען זיי געענטפערט: גייט און ברענגט אים צו יוסף מוקיר שבת, ווייל ער קויפט אַלע מאָל. האָט מען אים געבראַכט צו אים און ער האָט אים אָפּגעקויפט. האָט ער אים אויפגעשניטן און געפונען אין אים אַ פּערל. האָט ער זי פאַרקויפט פאַר דרייצן מאָס גילדערנע רענדלעך.

האָט אים אָנגעטראָפן איינער אַ זקן און געזאָגט: דער וואָס לייט צוליב דעם שבת — יענעם טוט דער שבת אָפּצאָלן.

(שבת קי״ט)

צ״ג. רב חייא בר אבא האָט געזאָגט: איינמאָל בין איך געווען אַן אורח ביי אַ באַלעבאָס אין לודקיא. האָט מען געבראַכט פאַר אים אַ גאָלדענעם טיש, אַ משא פאַר זעכצן מענטשן, און זעכצן זילבערנע קייטן זיינען געווען אין אים איינגעפאַסט מיט שיסלען, מיט בעכערס, מיט קרוגן און פלעשער איינגעפאַסט אין אים; און אויפן טיש זיינען געווען כל־המינים פרוכטן און געווירצן, פון אַלץ וואָס ס׳איז באַשאַפן געוואָרן אין די ששת ימי בראשית, און אַ קינד איז געזעסן אויפן מיטן טיש. ווען מ׳האָט אים אַוועקגעזעצט האָט דאָס קינד אויסגערופן און געזאָגט: „גאָטס איז די ערד און איר פולקייט, די וועלט און די וואוינער אין איר״ (תהלים כ״ד, א׳); און ווען מ׳האָט אים צוגענומען האָט ער געזאָגט: „די הימלען זיינען הימלען צו גאָט, אָבער די ערד האָט ער געגעבן צו די מענטשנקינדער״. (תהלים קט״ו, ט״ז) האָב איך צו אים געזאָגט: מיין זון, מיט וואָס האָסטו צו דעם זוכה געווען? האָט ער געזאָגט: אַ קצב בין איך געווען, און אויף יעדער פיינער בהמה האָב איך געזאָגט: די וועט זיין אויף שבת. האָב איך אים געזאָגט: וואויל איז דיר, וואָס דו האָסט זוכה געווען; און געבענטשט איז גאָט, וואָס ער האָט דיך מזכה געווען.

(בראשית רבה)

## .24

# שבת׳דיקע מאכלים

צ״ד. „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג״ (בראשית ב׳ ג׳) — ר׳ אלעזר אין נאָמען פון ר׳ יוסי זאָגט: צוליב די פיינשמעקער האָט ער אים געבענטשט מיט געריכטן.

(בראשית רבה)

צ״ה. האָט דער קיסר געזאָגט צו ר׳ יהושע בן חנניה: פאַרוואָס שמעקט דאָס שבת׳דיקע געקעכטס אַזוי גוט? האָט ער צו אים געזאָגט: מיר האָבן אַ געווירץ מיטן נאָמען שבת, וואָס מיר וואַרפן אַריין אין אים און דעריבער שמעקט עס. האָט ער צו אים געזאָגט: גיב אונדז אַביסל פון אים. האָט ער אים געענטפערט: יענער וואָס היט שבת — יענעם העלפט עס, אָבער יענער וואָס היט ניט שבת — יענעם העלפט עס ניט.

(שבת קי״ט)

צ״ו. רבי האָט איין שבת געמאַכט אַ סעודה פאַר אַנטאָנינוס׳ן, געבראַכט פאַר אים אַ קאַלט געקעכטס. האָט ער געגעסן און געהאַט הנאה. אַן אַנדערש מאָל האָט ער פאַר אים געמאַכט אַ סעודה אינדערוואָכן. געבראַכט פאַר אים אַ קאָכעדיק געקעכטס. האָט אַנטאָנינוס געזאָגט: יענע האָבן מיר בעסער געשמעקט פון די איצטיקע. האָט רבי צו אים געזאָגט: עס פעלט זיי איין געווירץ. זאָגט ער צו אים: צי דען פעלט עפּעס אויס אין די קיניגלעכע אוצרות? האָט ער צו אים געזאָגט: שבת פעלט זיי — האָסט דען שבת?

(בראשית־רבה י״א)

## .25

# דער אונטערשייד צווישן שבת און די אַנדערע טעג

צ״ז. האָט טורנוסרופוס געפרעגט ר׳ עקיבאַ׳ן, האָט צו אים געזאָגט: מיט וואָס איז שבת אַנדערש פון אַנדערע טעג? האָט ער אים געענטפערט: און מיט וואָס איז איין מאַן גרעסער פון אַנדערע מענער? האָט ער אים געזאָגט: ווייל דער מלך האָט געוואָלט מיך אָפּגעבן כבוד. האָט ער אים געענטפערט: דאָס אייגענע איז מיטן שבת, וואָס דער מלך פון אַלע מלכים וויל אים אָפּגעבן כבוד. האָט ער צו אים געזאָגט: אַזוי האָב איך דיר געזאָגט — ווער וועט אָבער זאָגן, אַז היינט איז שבת? האָט ער צו אים געזאָגט: דער סמבטיון וועט עדות זאָגן, וואָס אַ גאַנצע וואָך וואַרפט ער שטיינער און שבת רוט ער. האָט ער צו אים געזאָגט: דו פאַררעדסט מיך מיט נאַרישקייטן. האָט ער אים געזאָגט: דער בעל־אוב (כישוף־מאַכער) וועט עדות זאָגן, אַ גאַנצע וואָך ברענגט ער אויף די גייסטער פון די טויטע, אָבער שבת ניט; דיין טאַטנס קבר וועט עדות זאָגן, וואָס ער רויכערט זיך ניט אום שבת.

האָט ער צו אים געזאָגט: האָסט אים מבזה געווען, האָסט אים מביש געווען, האָסט אים געשאָלטן...

איז ער געגאַנגען נאָכזוכן זיין טאַטנס קבר. אַ גאַנצע וואָך איז פון אים געגאַנגען אַ רויך און שבת איז ניט געגאַנגען. נאָך שבת האָט ער אויפגעבראַכט זיין גייסט. האָט ער צו אים געזאָגט: אַז דו ביסט געשטאָרבן ביסטו גאָר געוואָרן אַ איד! האָט ער אים געזאָגט: ווער עס היט ניט אָפּ ביי אייך שבת מיטן אייגענעם ווילן, דאָ וועט ער אים אָפּהיטן איבערגעוואַלט. האָט ער צו אים געזאָגט: וואָס פאַר אַ מי האָט איר עס אַ גאַנצע וואָך? האָט ער אים געזאָגט: אינדערוואָכן ווערן מיר גע׳משפט און שבת רוען מיר.

האָט ער זיך צוריקגעקערט צו ר׳ עקיבא׳ן, האָט ער צו אים געזאָגט: אויב ס׳איז ווי דו זאָגסט, אַז גאָט ברוך הוא וויל אָפּגעבן כבוד דעם שבת, זאָל ער ניט מאַכן בלאָזן אין אים קיין ווינטן, זאָל ניט מאַכן אין אים רעגענען, און זאָל ניט מאַכן אין אים שפּראָצן גראָז. האָט ער צו אים געזאָגט: כ׳וועל דיר געבן אַ משל, צו וואָס דאָס איז געגליכן: צו איינעם וואָס וואוינט ביי זיך אויפן הויף; מעג ער דאָך אַרומטראָגן זאַכן איבערן גאַנצן הויף. דאָס אייגענע איז דאָס מיט גאָט ברוך הוא, ווייל די גאַנצע וועלט איז זיינע און קיין אַנדער רשות איז ניט פאַראַנען מעג ער דאָך אַרומטראָגן איבער דער גאַנצער וועלט.

(סנהדרין ס״ה)

## 26.

# מעשים פון פרומע לייט, וואָס האָבן אָפּגעהיט שבת

צ״ח. אַ מעשה מיט איינעם אַ פרומען מאַן, וואָס איז שבת אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן ביי זיך אין ווייַנגאָרטן, האָט ער געזען דאָרט אַן איינגעבראָכן פּלאָץ, האָט ער אַ טראַכט געטאָן דאָס צו פאַרריכטן מוצאי־שבת. שפּעטער האָט ער געזאָגט: וויבאַלד איך האָב געטראַכט דאָס צו פאַר־צאַמען אום שבת — וועל איך דאָס שוין קיינמאָל ניט פאַרצאַמען. מיט וואָס האָט אים גאָט ברוך הוא דערפאַר אָפּגעצאָלט? אַ פּרוכט־בוים איז געוואַקסן אינווייניק, האָט ער אים אַרומגעצאַמט און פון דעם האָט ער זיך געשפּייזט און זיך מפרנס געווען אַלע זיינע יאָרן.

(שבת ק״נ)

צ״ט. אונדזערע רבנים האָבן געלערנט ס׳איז געווען אַ מעשה און אַ פייער איז אַריינגעפאַלן שבת אין הויף פון יוסף בן סימאי, אין שיחין, זיינען געקומען די זעלנער פון צפורי צו פאַרלעשן דאָס פייער, ווייל ער איז געווען דער קיניגלעכער אויפזעער — און ער האָט זיי ניט געלאָזן צוליב שבת; ער האָט צו זיי געזאָגט: לאָזט דעם איינמאָנער איינמאָנען

זיין חוב. איז אים געשען אַ נס, און רעגנס זיינען אַרונטער און פאַר־לאָשן. אין אָוונט האָט ער צו יעדן איינעם פון זיי געשיקט צו טאָלער און צום עלטסטן זייערן פופציק. און ווען די חכמים האָבן פון דעם געהערט האָבן זיי געזאָגט: ער האָט דאָס ניט געדאַרפט האָבן, ווייל מיר האָבן דאָך געלערנט: אַז אַ גוי קומט לעשן — זאָגט מען צו אים ניט לעש, אָדער, לעש ניט.

(שבת קכ״א)

ק. אַ מעשה מיט איינעם אַ פרומען מאַן, וואָס האָט געהאַט אַ קו, וואָס איז געגאַנגען אין אַקער. אין אַ צייט אַרום איז דער דאָזיקער פרומער מאַן געוואָרן אַ יורד, און ער האָט זי פאַרקויפט צו אַ גוי. האָט דער גוי געאַקערט מיט איר די זעקס טעג פון וואָך. שבת האָט ער זי אַרויסגעפירט צו אַקערן, האָט זי זיך אָוועקגעלייגט אונטערן יאָך און נישט געוואָלט טאָן קיין אַרבעט. האָט ער זי געשלאָגן און געשלאָגן און זי האָט זיך ניט גערירט פון פלאַץ. אַז ער האָט געזען, אַז ער קען מיט איר גאָרניט מאַכן איז ער אָוועק צום פרומען מאַן און אים געזאָגט: גיי און נעם צו דיין קו. זעקס טעג האָב איך מיט איר געאַרבעט און שבת האָב איך זי אַרויסגעפירט אין דרויסן — האָט זי זיך אָוועק־געלייגט אונטערן יאָך און וויל ניט טאָן קיין שום מלאכה אויף דער וועלט, און וויפל כ׳האָב זי ניט געשלאָגן רירט זי זיך אַלץ פון פלאַץ ניט.

וויבאַלד ער האָט אים דאָס דערציילט האָט יענער פרומער מאַן פאַרשטאַנען פאַרוואָס זי טוט קיין אַרבעט ניט, ווייל זי איז געווען געוואוינט שבת צו רוען. האָט אים יענער פרומער מאַן געזאָגט: קום, איך וועל זי אָוועקשטעלן און וועל זי מאַכן אַקערן. ווי נאָר ער איז צוגעגאַנגען צו איר האָט ער איר איינגערוימט אין אויער: קיעלע, קיעלע, ווען דו ביסט געווען אין מיין רשות האָסטו גערוט אום שבת, אָבער איצט, ווען מיינע זינד האָבן גורם געווען און כ׳האָב דיך פאַרקויפט צום דאָזיקן גוי, בעט איך דיך, שטעל דיך אויף און טו דעם רצון פון דיין האַרן!

באַלד האָט זי זיך אויפגעשטעלט און געוואָלט טאָן אַן אַרבעט. האָט דער גוי געזאָגט צו יענעם פרומען מאַן: כ׳וועל דיך ניט אָפּלאָזן, ביז דו וועסט מיר זאָגן, וואָס אַזוינס האָסטו געטאָן צו איר און וואָס דו האָסט איר איינגערוימט אין אויער — אפשר האָסטו איר אָפּגעטאָן אַ כישוף? האָט יענער פרומער מאַן אים געזאָגט: אָט דאָס און דאָס האָב איך איר געזאָגט.

ווען דער גוי האָט דאָס דערהערט איז ער נבהל ונשתומם געוואָרן און געמאַכט אַ קל וחומר אויף זיך אַליין און געזאָגט: מה דאָך די,

וואָס האָט ניט קיין לשון און ניט קיין וויסן און ניט קיין פאַרשטאַנד, האָט דערקענט איר באַשעפער, איך, וואָס גאָט ברוך הוא האָט מיך באַשאַפן אין זיין אויסזען און געשטאַלט און מיר געגעבן וויסן און פאַרשטאַנד — זאָל איך ניט דערקענען מיין בורא?

איז ער באַלד געגאַנגען און זיך מגייר געווען און האָט זוכה געווען צו לערנען תורה און מ׳האָט אים גערופן ר׳ יוחנן בן תורתא. (תורתא — אַ קו אין אַראַמייאיש).

(פסיקתא רבתי י״ד)

## 27.

# שבת שיידט פאַנאַנדער צווישן ישראל און פעלקער

ק״א. קומט שבת — קומט מנוחה.

(סנהדרין ל״ח)

ק״ב. „און גאָט האָט געבענטשט" — גיי אַרויס און זע דעם אונטערשייד צווישן אידן און גוים, די גוים אַרבעטן בייטאָג און ביינאַכט און האָבן ניט קיין רו און קיין תענוג, און ערב־שבת אַפילו דער אָרעמסטער איד רוט און האָט הנאה, דעריבער איז אויף שבת געזאָגט געוואָרן ברכה.

(מדרש)

ק״ג. „און גאָט האָט געבענטשט" — גיי אַרויס און זע דעם אונטערשייד ער האָט אים געמאַכט פאַר אַ צייכן פאַר אידן. ווייל ווען פליטים קומען פון אַ ווייטער מדינה וואו ס׳זיינען קיין אידן ניט פאַראַנען, צו אַ מדינה וואו אַ העלפט זיינען גוים און אַ העלפט אידן; און זיי קומען וואו די גוים זיינען און זעען די געוועלבער זיינען אָפן און דער האַנדל גייט אָן אין מאַרק. דערנאָך קומען זיי וואו די אידן זיינען און זעען, אַז די געוועלבער זיינען צוגעשלאָסן און אויפן מאַרק איז שטיל, און זיי פרעגן: וואָס איז דער מער מיט די דאָזיקע? זאָגט מען זיי: די דאָזיקע געהערן צו אידן. און מען זאָגט זיי ווייטער: ווען גאָט ברוך הוא האָט באַשאַפן די וועלט זינט די ששת ימי בראשית און גערוט אויפן זיבעטן טאָג, מאַכן זיי דעם שבת אַ טאָג פון משתה און שמחה. האָבן זיי געזאָגט: „געבענטשט איז דער גאָט פון די דאָזיקע, וואָס האָט געהייליקט דאָס פאָלק ישראל און זיי געגעבן די דאָזיקע זאַכן און ער האָט באַגערט דעם טאָג פון שבתו!".

(מדרש פון גנזי שחטר)

## .28

# שבת איז אַ יום-סגולה

ק״ד. „און איך וועל געבן דעם רעגן פון אייער לאַנד אין זיין צייט״. ר׳ נתן זאָגט: „אין זיין צייט״ — פון די נעכט פון שבת צו די נעכט פון שבת.

(ספרי)

ק״ה. „אויפן זיבעטן טאָג, אַז דעם מלכ׳ס האַרץ איז געווען פריילעך פון וויין״... זאָגט רבא: ס׳איז געווען שבת, ווען אידן עסן און טרינקען, זיי הייבן אָן מיט דברי־תורה און מיט לויב.

(מגילה י״ב, א׳)

ק״ו. „און גאָט האָט געענדיקט אויפן זיבעטן טאָג״ — האָט באַשאַפן דעם זיבעטן טאָג. עס שטייט ניט ביי אים קיין מלאכה און ס׳שטייט ניט ביי אים „און עס איז געווען אָוונט און עס איז געווען פרימאָרגן״ — ווייל ער ווערט אָפּגעהיט אויף דור־דורות, ווי ס׳שטייט געזאָגט: „און עס וועט זיין איין (לאַנגער) טאָג, וואָס וועט זיין באַוואוסט ווי גאָט׳ס טאָג, און ניט נאַכט״. צו וואָס איז דאָס געגליכן? צו איינעם וואָס האָט געהאַט טייערע כלים און געוואָלט זיי מאַכן ירש׳נען צו זיין זון וואָס טוט אים דינען. אַזוי אויך מיט גאָט ברוך הוא: דעם טאָג פון שבת, אַ טאָג פון מנוחה און קדושה האָט ער געוואָלט מאַכן ירש׳נען דעם פאָלק ישראל.

(פרקי דרבי אלעזר)

ק״ז. שבת איז איין זעכציקט־חלק פון עולם־הבא.

(בראשית רבה)

ק״ח. דאָס אָראָפּגעפאַלענע בלאַט פון עולם־הבא — איז שבת.

(בראשית רבה)

ק״ט. „שבת — שלאָפן בשבת איז אַ תענוג.

(ילקוט רבה ואתחנן)

ק״י. ר׳ שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: אַ נשמה יתירה גיט גאָט ברוך הוא אַריין אין דעם מענטשן ערב שבת און מוצאי שבת נעמט מען זי צו פון אים.

(ביצה ט״ז)

קי״א ר׳ חנינא האָט געזאָגט: אַ מענטש זאָל אַלע מאָל צוגרייטן זיין טיש פאַר מוצאי־שבת, הגם ער דאַרף ניט האָבן מער ווי אַ כזית.

קי״ב. וואַרעמס פאַר שבת־צו־נאַכט — איז אַ רפואה. וואַרעם ברויט פאַר שבת־צונאַכט איז אַ רפואה.

(קי״ט)

## 29.

# פיקוח־נפש איז דוחה שבת

קי"ג. פונוואַנען ווייסן מיר, אַז פיקחו־נפש איז דוחה שבת? ר' יוחנן בן יוסף זאָגט: "הייליק איז ער (שבת) פאַר אייך" — דער שבת איז איבערגעגעבן ביי אייך אין האַנט, אָבער איר זענט ניט איבערגעגעבן אין זיין האַנט. ר' שמעון בן מנסיה זאָגט: "און די קינדער פון ישראל זאָלן היטן דעם שבת" — די תורה האָט געזאָגט: פאַרשוועך איבער אים איין שבת, כדי ער זאָל אָפּהיטן אַ סך שבתים.

(יומא, פ"ה)

## 30.

# שבת לעתיד לבוא

קי"ד. ר' סימון האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' שמעון החסיד: אויף דער וועלט, ווען אַ מענטש גייט קלייבן פייגן אום שבת זאָגט אים דער פייגנבוים גאַרנישט; אָבער לעתיד לבוא וועט ער שרייען און זאָגן: "ס'איז שבת!"

(שוחר־טוב, ע"ג)

# פון דער גאונים־ליטעראַטור

אַלע אידישע מענטשן זיינען מחוייב שבת צו רוען. מחמת, ווען גאָט־ברוך־הוא האָט באַשאַפן זיין וועלט — האָט ער זי באַשאַפן אין זעקס טעג און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער גערוט און אים געבענטשט און אים געהייליקט. ווי איינער, וואָס בויט אַ הויז, און שטעלט אַריין די טירן און פאַרענדיקט זיין אַרבעט — מאַכט ער יום־טוב אויף איין טאָג, ווי מענטשן רופן דאָס, אַ "חנוכת־הבית", ווייל עס שטייט געזאָגט: "און גאָט האָט געענדיקט אויפן זיבעטן טאָג". און גאָט האָט אונדז פאַרזאָגט: רוט דעם טאָג שבת, ווי איך האָב אין אים גערוט, ווייל עס שטייט געזאָגט: "דו זאָלסט געדענקען דעם שבת, אים צו האַלטן הייליק". און מ'טאָר שבת ניט פאַסטן, נאָר ס'איז אויף אַ אידן אַ מצוה זיך אָנצוטאָן וואוילטאָג מיט עסן און מיט טרינקען, אום אים ערלעך האַלטן מיט פיינע בגדים און געבעקס, ווייל ס'שטייט געזאָגט: "און דו זאָלסט רופן שבת אַ תענוג".

(שאלתות דרב אחאי גאון)

...און יענער וואָס פאַסט אום שבת, און מאַכט אים וואָכעדיק בכיוון, וועט ניט האָבן קיין חלק — ניט אויף דער וועלט און ניט אויף יענער וועלט, ווייל אַזוי שטייט געשריבן: „דער וואָס פאַרשוועכט אים זאָל טייטן געטייט ווערן". טויט אויף דער וועלט און וועט געטויט ווערן אויף יענער וועלט. ווייסטו דאָך וועלן מיינען, „דער וואָס פאַרשוועכט אים" גייט אויף יענעם וואָס טוט אַן אַרבעט שבת, שטייט שוין אָבער אין יענעם פּסוק: „יענער וואָס טוט אין אים אַן אַרבעט זאָל פאַרשניטן ווערן" — נאָר דאָס פאַרשוועכן גייט אויף יענעם וואָס גיט אים ניט אָפּ קיין תענוג און מאַכט אים וואָכעדיק... און די חכמים האָבן געלערנט: ווער עס טוט אָן דעם שבת אַ תענוג איז זוכה צו ביידע וועלטן: צו דער וועלט און צו יענער וועלט און צו משיח'ס צייטן, ווייל ס'שטייט געזאָגט: „דעמאָלט וועסטו זיך קוויקן מיט גאָט", אאַז"וו. און נאָך האָבן די חכמים געלערנט: דער וואָס האַלט פון אַלע דריי סעודות אין טאָג פון שבת — ווערט ניצול פון דריי פּורעניות: פון די יסורים פון משיח'ס קומען, פון מלחמת גוג־ומגוג און פון פייער פון גיהנום. ווייל אַזוי שטייט געשריבן: און משה האָט געזאָגט: „עסט דאָס היינט", אאַז"וו. אָבער פאַסטן און זיך פּייניקן באַשיצן אויפן מענטשן בלויז אויף דער וועלט. און דער תענוג פון איין שבת איז גרעסער פון טויזנט קרבנות און פון טויזנט תעניתים, ווייל עונג שבת איז אַ חוב און אַ מצוה, באַשיצט דעם מענטשן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

(פּירקוי בן באבוי, אַ תלמיד פון רב יהודאי גאון)

אין די פריערדיקע דורות, ווען מ'פלעגט לייענען אין דער תורה שבת צו מנחה — פלעגט מען זאָגן מפטיר פון ספר ישעיה, פון די קאַפּיטלעך פון נחמיה, און מער ווי צען פּסוקים פלעגט מען ניט לייענען, נאָר אין די יאָרן פון די פּרסים (פּערסיאַנער) איז אַרויס די גזירה ניט צו זאָגן מפטיר, און וויבאַלד מ'האָט איינמאָל אויפגעהערט — איז שוין אַזוי פאַרבליבן.

(רב נטרונאי גאון)

אין אָנהייב, איז אין אַ סך פלעצער געווען איינגעפירט צו זאָגן מפטיר נאָך דער מנחה'דיקער לייעניש פון שבת, און ס'זיינען נאָך פאַראַנען ספרים מיט די הפטרות פון מנחה פאַר אַ גאַנץ יאָר, וואָס מען רופט נחמה (טרייסט), טרייסטרייד פון ישעיה און טרייסטרייד פון ירמיה. און ס'זיינען פאַראַן פלעצער אין עילם אין די פערזישע אינזלען, וואָס זיי היטן אָפּ דעם מנהג ביז צום היינטיקן טאָג.

(רב האי גאון)

אַ איד, אויף וועמען דער שבת האָט זיך געהייליקט אין אַ וויטן, צי אין אַ נאָענטן, וועג און האָט נישט מיט זיך ניט קיין ברויט און ניט קיין וואַסער, און האָט געטראָפן גויים, וואָס באַקן ברויט אום שבת און שעפן וואַסער — מעג דער איד עסן פון יענעם ברויט און טרינקען פון יענעם וואַסער. דער טעם דערפאַר? ווייל ס׳שטייט געשריבן „און דו זאָלסט רופן דעם שבת אַ תענוג״, אַ תענוג זאָלסטו פון אים מאַכן, אָבער נישט קיין פייניקונג...

(תשובת גאון)

אין חוץ לארץ, וואו די שרים פון די פרעמדע אומות זיינען ממונה איבער דער וועלט, דאַרף מען זאָגן „שומר עמו ישראל״, ווייל וויפיל זיי זיינען דאָס מקטרג אויפן פאָלק ישראל אין יעדן טאָג און טאָג! אָבער ווי נאָר דער שבת קומט אַריין — טוען זיי זיך אַ ריר פון זייער פלאַץ און גאָט־ברוך־הוא אַליין פאַרנעמט דעם פלאַץ, און ממילא ווערן די שאָף אָפּגעהיט אונטער דער סוכה פון שלום און דעריבער דאַרף מען זאָגן: „הפורש סוכת שלום״, אאַז״וו. און אַזוי איז דער מנהג.

(רב האי גאון)

און שבת־צו־נאַכט שטעלט זיך דער שליח־צבור אַוועק און הייבט אָן אַזוי: והוא רחום, אאַז״וו. און ער זאָגט „ברכו את ה׳ המבורך״. און אַ מענטש דאַרף מאריך זיין שבת־צו־נאַכט אין ברכו, כדי ער זאָל ניצול ווערן פון היזקות דורך דער וואָך.

(פון סדור רב עמרם גאון)

# דריטער קאַפּיטל

# ראשי־פרקים של הלכות שבת

(לויט דעם רמב״מיס „משנה־תורה״)

## .1

## דאָס שבת׳דיקע רוען פון אַרבעט

א. דאָס רוען אויפן זיבעטן טאָג פון אַרבעט איז אַ מצות־עשה, ווייל ס׳שטייט געזאָגט: „אויפן זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען״. און דער וואָס טוט אין אים אַן אַרבעט — האָט מבטל געווען אַ מצות־עשה און עובר געווען אויף אַ „לא תעשה״, ווייל ס׳שטייט געזאָגט: „דו זאָלסט ניט טאָן קיין שום אַרבעט״.

ב. דער וואָס טוט אַן אַרבעט אום שבת, הגם ער דאַרף ניט האָבן די אַרבעט גופא, — איז ער חייב. ד״ה אויב ער האָט פאַרלאָשן דעם לאָמפּ ווייל ער דאַרף האָבן דאָס אייל, הגם ער דאַרף ניט האָבן דאָס פאַרלעשן גופא, איז ער דאָך חייב.

## .2

## פקוח-נפש איז דוחה שבת

ג. שבת ווערט נדחה צוליב סכנת־נפשות ווי אַלע אַנדערע מצוות, דעריבער טוט מען פאַר אַ חולה־מסוכן אַלע זיינע באַדערפעניש אום שבת, און אפילו וואו ס׳איז פאַראַן אין דעם אַ ספק, איז מען מחלל־שבת, ווייל ספק־נפשות איז דוחה שבת. און ס׳איז אַ מצוה פאַר די גדולים ביי אידן און זיינע חכמים, צו באַווייזן, אַז ס׳איז ניט בלויז אַ „מעג״, נאָר אויך אַ „מוז״. און פאַר אַ געפערלעך קראַנקן טאָר מען זיך קיין רגע ניט קווענקלען מכוח חלול־שבת, ווייל ס׳שטייט געזאָגט: „וואָס דער מענטש זאָל זיי טאָן און לעבן דורך זיי״ — אָבער ניט, ער זאָל שטאַרבן דורך זיי. פון דעם לערנסטו, אַז די דינים פון דער תורה זיינען קיינמאָל ניט קיין אַכזריות, נאָר רחמים און חסד און שלום אויף דער וועלט. אַ חולה וואָס איז אויסער געפאַר — טוט מען אַלע זיינע באַדערפענישן דורך אַ גוי. אַ קימפּעטאָרין, וואָס גייט צו קינד, איז אין סכנת־נפשות און מ׳איז מחלל־שבת איבער איר.

ד. דער וואָס גייט אין וועג דורך אַ מדבר און ווייס ניט, ווען שבת איז — דאַרף ציילן פון טאָג וואָס ער האָט געמאַכט דעם טעות זעקס טעג און מאַכט הבדלה שבת־צו־נאַכט. און יעדן טאָג אין טאָג, און אפילו אין טאָג וואָס ער האָלט היילּיק מעג ער טאָן געננוג אַרבעט בלויז פאַר זיין פרנסה, אָבער ער טאָר ניט טאָן מער וויפל ער דאַרף פאַר זיין פרנסה, וויבאַלד אַז יעדער איינציקער טאָג איז ביי אים אַ ספק־שבת.

## 3.

# מלחמה דורך שבת׳דיקן טאָג

ה. גויים וואָס האָבן באַלאַגערט אידישע שטעט — אויב זיי זיינען געקומען בלויז אַרויסצופרעסן געלט איז מען צוליב דעם ניט מחלל־שבת און מען פאַרפירט ניט מיט זיי קיין מלחמה. אָבער אין אַ שטאָט וואָס איז נאָענט צו אַ גרענעץ — אַפילו אויב זיי זיינען געקומען פאַר היי און שטרוי, און דאָס אייגענע, אויב זיי קומען מלחמה האַלטן, אָדער זיי האָבן סתם באַלאַגערט — גייט מען אַרויס אויף זיי מיט כלי־זיין און מען איז מחלל־שבת איבער זיי. און ס׳איז אַ מצוה אויף אַלע אידן, וואָס קענען קומען און העלפן זייערע ברידער, וואָס געפינען זיך אין באַלאַגערונג און זיי מציל זיין פון גויאישע הענט אום שבת. און זיי טאָרן זיך ניט אָפּהאַלטן ביז שבת־צו־נאַכט. און נאָכדעם ווי זיי האָבן מציל געווען זייערע ברידער מעגן זיי זיך צוריק־קערן מיט זייערע כלי־זיין צו זייער פלאַץ אום שבת, כדי זיי ניט מכשיל צו זיין אין דער צוקונפט. און דאָס אייגענע מיט אַ זינקענדיקע שיף אין ים, און אַפילו מיט אַ יחיד וואָס געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון סכנה, איז אַ מצוה אים מציל צו זיין און מען מעג טאָן אַ סך מלאכות אום שבת און אַפילו פאַר־ריכטן כלי־זיין כדי אים צו ראַטעווען. אין צייט פון מלחמה מאַכט מען מלחמה אַפילו אום שבת, הגם עס איז אַ מלחמת־רשות, און ס׳איז איבעריק צו זאָגן, ווען דאָס איז אַ מלחמת־מצוה.

## 4.

# אָנהייבן אַן אַרבעט ערב־שבת

ו. מען מעג אָנהייבן אַן אַרבעט ערב־שבת, הגם זי ווערט פאַרענדיקט פון זיך אַליין אום שבת ווייל ס׳איז אונדז פאַרבאָטן צו טאָן אַן אַרבעט נאָר דורכן טאָג גופא, אָבער ווען די אַרבעט ווערט אָפּגעטאָן פון זיך אַליין אום שבת מעגן מיר הנאה האָבן דערפון וואָס ווערט געמאַכט פון זיך אַליין אום שבת. מ׳לאָזט דעם טאָפּ אויפן פייער אָדער דאָס פלייש ביי אַ רער (פון קאָכעדיק וואַסער) אָדער אויף די קוילן און מ׳לאָזט דאָס קאָכן דעם גאַנצן

שבת און מען מעג עסן שבת. אָבער אין פאַלן וואו ס׳איז פאַראַן אַ חשש, אַז ס׳וועט קומען פאַנאַנדערצושאַרן די קוילן אום שבת — טאָר מען ניט.

## 5.

## ליכט-צינדן

ז. אָנצינדן אַ ליכט אויף שבת איז אַ חוב. און סיי מענער און סיי פרויען זיינען מחויב צו האָבן אַן אָנגעצונדן ליכט אויף שבת, ווייל דאָס גייט אַריין אין כלל פון עונג־שבת. און מען איז מחויב צו מאַכן אַ ברכה פאַרן אָנצינדן. די פרויען זיינען אָנגעזאָגט וועגן דעם מער ווי מענער, ווייל זיי זיינען אַלע מאָל פאַראַן אין הויז און זיי פאַרנעמען זיך מיט הויזאַרבעט. פונדעסט־וועגן מוז דער מאַן זיי וואָרענען אידער ס׳ווערט טונקל. פון דער צייט פון זונענאונטערגאַנג ביז ס׳באַווייזן זיך דריי מיטעלע שטערן — איז די צייט וואָס ווערט אָנגערופן בין־השמשות, וואָס איז ספק־טאָג, ספק־נאַכט און דער דין איז מחמיר צו זיין און דעריבער טאָר מען שוין מער ניט צינדן ליכט און מ׳טאָר ניט טאָן קיין אַרבעט, אַזוי ערב־שבת און אַזוי מוצאי־שבת.

ח. אין אַלע מדינות און אידישע שטעט בלאָזט מען שופר פרייטיק פאַר נאַכט, כדי וואָרענען דעם עולם אָפּצושטעלן יעדער אַרבעט און צושליסן די קראָמען.

## 6.

## די מלאכות וואָס זיינען פאַרבאָטן צו טאָן אום שבת

דורך דרש׳נען די פסוקים פון דער תורה האָבן די בעלי־התלמוד אַרויסגעדרונגען, אַז די צאָל פאַרבאָטענע מלאכות אום שבת איז ניין־און־דרייסיק; אָט די ניין־און־דרייסיק מלאכות, וואָס מ׳האָט באַדאַרפט טאָן ביים בויען דעם משכן און זיי ווערן אָנגערופן אב־מלאכות, און די מלאכות וואָס זיינען געגליכן צו איינער פון יענע מלאכות ווערן אָנגערופן „תולדות״ און זיינען אויך פאַרבאָטן. לדוגמא: מאָלן (מעל) איז אַן אב־מלאכה. מאָלן הייסט, ווען מען נעמט איין קערפער און מען צעטיילט אים אין אַ סך קערפערס. און דעריבער, אַז מען נעמט אַ שטיק מעטאַל און מען צעמאָלט דאָס, כדי זיך צו באַנוצן מיט זיין שטויב, ווי די גאָלדשמידן טוען עס, איז דאָס אַ תולדה פון מאָלן.

און דאָס זיינען די ניין־און־דרייסיק אָב־מלאכות מיט זייערע תולדות:

א. אַקערן. דער וואָס אַקערט אָדער גראָבט און מאַכט אַ גראָבן — איז דאָס אַן אָב־מלאכה. און דער וואָס גראָבט אויס די וואָרצלען פוןביימער, דער וואָס שניידט אָפּ גראָז, דער וואָס שניידט אונטער קאַרטשעס, כדי צו

פאַרשענערן דעם באָדן, און דאָס אייגענע, ווער עס גלייכט אויס די אויבער־פלאַך פון אַ פעלד, למשל, ער מאַכט נידעריק אַ בערגל און גלעט אים אויס, אָדער פילט אָן אַ טאָל און דאָס אייגענע, ווען ער גלייכט אויס גריבער — די אַלע זיינען תולדות פון אַקערן.

ב. זייען. דער וואָס פאַרזייט געוויקסן, אָדער ער פלאַנצט ביימער, דער וואָס שטעקט אַריין אַ ביימל אין דער ערד כדי עס זאָל וואַקסן, צי ער מאַכט אַ הרכבה פון איין מין בוים אין צווייטן, צי ער באַשניידט דעם בוים — דורך יעדער איינער פון די דאָזיקע מלאכות האָט ער בכוונה, צו מאַכן שפּראָצן געוויקסן. דער וואָס באַוואָסערט געוויקסן און ביימער, אָדער יענער וואָס פאַרווייקט ווייץ און גערשטן אין וואַסער און דאָס גלייכן — די אַלע זיינען תולדות פון זייען.

ג. שניידן. דער וואָס שניידט תבואה אָדער אַרבעס, דער וואָס רייסט וויינטרויבן, פליקט איילבירטן, קלייבט פייגן, יעדע איינע פון די דאָזיקע מלאכות האָט בכוונה אויסצורייסן אַ זאַך פון פלאַץ וואו זי וואַקסט. און אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט דער דאָזיקער מלאכה — מיינט: שניידן.

ד. מאַכן גאַרבן. צונויפנעמען די תבואות פון דער ערד אויפן פלאַץ וואו זיי וואַקסן און אויפצוהויפן צוזאַמען. צונויפנעמען פייגן און מאַכן פון זיי אַ לאַבן, דורכשטעכן לעכלעך אין די פייגן און דורכציען דורך זיי אַ שטריקל ביז זיי באַהעפטן זיך אין איין גוף — דאָס זיינען אַלץ תולדות פון מאַכן גאַרבן.

ה. דאָס דרעשן. דרעשן גייט אויף אַלץ וואָס וואַקסט פון באָדן, דאָס אָפּצוטיילן פון זיין פסולת וואָס איז פון דער נאַטור מיט אים באַהאָפטן. פאַנאַנדערנעמען אַ זאַך, ווי דאָס טרעטן פון איילבירטן און וויינטרויבן — דאָס איז אַ תולדה פון דרעשן, און דאָס אייגענע, דאָס שעדיקן פון אַ בעל־חי, וואָס האָט אויף זיך אַ פעל, — איז דאָ אין דעם פון פאַנאַנדערנעמען.

ו. דאָס שופלען, ז. דאָס איבערקלייבן, ח. דאָס איבערזיפן — האָבן אַלע איין מיין: אָפּצוטיילן דאָס עסנוואַרג פון פסולת. און פאַרוואָס האָבן די חכמים זיי געציילט ווי דריי? מחמת יעדע מלאכה וואָס ס׳איז געווען ביים בויען דעם משכן איז געציילט געוואָרן באַזונדער. דער וואָס קלייבט אויס דאָס עסנוואַרג פון פסולת איז ניט חייב, סיידן ער נעמט פון דער כלי וואָס איז ספּעציעל דערפאַר באַשטימט, ווי למשל, פון אַ רעשעטע אָדער אַ זיפּ, אָבער דער וואָס קלייבט אַרויס דאָס פסולת פון עסנוואַרג אפילו מיט דער האַנט — איז אסור. אויסשלאָגן פוטער פון מילך איז אַ תולדה פון איבערקלייבן.

ט. דאָס מאָלן. צעטיילן אַ זאַך אויף אַ סך טיילן פאַר וואָס פאַר אַ געברויך עס זאָל ניט זיין. צעשטויסן געווירצן און קרייטעכצער אין אַ שטייסל, הייסט אויך מאָלן.

י. דאָס קנעטן. צו באַהעפטן קליינע חלקים דורך דער פאַרמיטלונג פון וועלכער ניט איז פליסיקייט און מאַכן פון זיי אַ פאַרמישעכץ. פאַרמישן

ערד — איז אויך אַ תולדה פון קנעטן. און דאָס אייגענע, דער וואָס גיט אַריין קערנדלעך פון מאָן און פלאַקס און דאָס גלייכן אין וואַסער, ווייל זיי מישן זיך אויס איינע אין די אַנדערע.

יא. דאָס באַקן. סיי דער וואָס באַקט ברויט און סיי דער וואָס קאָכט אַ מאכל, אָדער געווירצן, אָדער ער וואַרעמט וואַסער — ס׳איז אַלץ די אייגענע זאַך. דער וואָס צעשמעלצט איינעם פון אַלע מינים מעטאַלן, און דאָס אייגענע, ווער עס צעשמעלצט וואַקס, אָדער חלב, אָדער פעך צי שוועבל און דאָס גלייכן, די אַלע זיינען די תולדות פון קאָכן.

יב. דאָס שערן. שערן וואָל אָדער האָר פון אַ בהמה צי אַ חיה, אויס־רייסן אַ פליגל פון אַ פייגל, און דאָס אייגענע, שניידן די נעגל אָדער גאָלן די האָר — זיינען תולדות פון שערן.

יג. דאָס בלייכן. בלייכן וואָל אָדער פלאַקס און דאָס גלייכן, פון זאַכן וואָס ליגט אין זייער טבע זיך אויסצובלייכן. וואַשן קליידער איז אַ תולדה פון בלייכן.

יד. דאָס צעשפּאַלטן. באַפרייען די וואָל אָדער די פלאַקס דורכן שפּאַלטן, כדי צו מאַכן פון זיי פעדים.

טו. דאָס פאַרבן. דער פאַרבער איז ניט חייב, סיידן ס׳איז אַ דויערדיקע פאַרב. מאַכן דורך אַ פאַרמישונג פון קרייטעכצער אַ זאַך וואָס מען קען מיט איר פאַרבן — איז אַ תולדה פון פאַרבן.

טז. דאָס שפּינען. שפּינען וואָל, פלאַקס, פעדערן, האָר, אָדערן, און אַלץ פון זייער גלייכן.

יז. דאָס צוגרייטן פאַר פלעכטן. מאַכן די צוויי פאַרבינדונג־פלעצער. מאַכן אַ אַ רעשעטע אָדער אַ זיפּ אָדער אַ קאָרב אָדער אַ בעטל געפלאָכטן פון שטריק — איז אַ תולדה פון די פאַרבינדונג־פלעצער און ווער ס׳מאַכט צוויי פאַרבינדונג־פלעצער אין איינער פון די אַלע זאַכן איז חייב.

יח. אָנציען די ראָם.

יט. דאָס וועבן. דער שטייגער פון וועבער איז, אַז זיי ציען פריער אָן די פעדים אין דער לענג פון דער וועבאַרבעט און אין דער ברייט, אַז זיי פאַרפעדעמען זיי איין פאָדים לעבן אַנדערן ביז ס׳ווערט אין גאַנצן אין לענג אָן דער ברייט, און דאָס אָנציען פון די פעדים פון דער ברייט דורך דער לענג, הייסט דאָס וועבן.

כ. דאָס איבערשניידן, אָפּטיילן דאָס געוועב, סיי ער ציט אַרויס די פעדים וואָס לויפן אין דער ברייט פון דער לענג, אָדער די לענג פון דער ברייט, אויב ער האָט בכוונה צו פאַרבעסערן די אַרבעט, ווי דער שטייגער איז פון יענע וואָס פאַראייניקן זייער לייכטע בגדים, וואָס פריער שניידן זיי איבער די פעדים און נאָכדעם מאַכן זיי דערפון איינס און וועבן איבער.

כא. דאָס פאַרבינדן. אַ דויערנדן קנופּ, פון אַ גוטן בעל־מלאכה, ווי למשל, אַ קנופּ פאַר קעמלען און דעם קנופּ פאַר מאַטראַסן און קניפּלעך פאַר שיך און סאַנדאַלן, וואָס די שוסטערס מאַכן ביי דער אַרבעט און דאָס גלייכן. פלעכטן שטריק פון שטעקלעך פלאַקס, אָדער פון אַלע אַנדערע מינים פעדים איז אַ תולדה פון פאַרבינדן.

כב. ד אָ ס א ו י ס ק נ י פּ ן. אויף אַ קנופּ וואָס מען איז חייב פאַרן מאַכן, איז מען אויך חייב ווען מען קניפּט אים אויס.

כג. דאָס נייען. צונויפקלעפּן פּאַפּירן אָדער פּאַרמעטן מיט סופרישן קליי און דאָס גלייכן איז אַ תולדה פון נייען.

כד. דאָס רייסן. דאָס צערייסן כדי צו נייען. פאַנאַנדעררייסן צונויפ־געלייגטע פּאַפּירן אָדער צונויפגעקלעפּטע פּאַרמעטן איז אַ תולדה פון רייסן.

כה. דאָס בויען. בויען עפּעס, וואָס ס׳זאָל ניט זיין, — איז מען חייב. מאַכן אַ דויערנדיקן געצעלט — איז אַ תולדה פון בויען. און דאָס אייגענע, מאַכן אַ ערדענע כלי, ווי למשל, אַן אויוון און דאָס גלייכן, צונויפקלאַפּן אַ האָלץ מיט אַ האָלץ מיט טשוועקעס, אָדער דורך אירגענד וועלכן אופן — איז אַ תולדה פון בויען.

כו. דאָס צעוואַרפן. צעוואַרפן וואָס ס׳זאָל ניט זיין, און ניט כדי עפּעס קאַליע צו מאַכן, איז מען חייב. אַ צעריסן געצעלט, אָדער אַרויסשלעפּן אַ פלאָקן פון זיין פּלאַץ איז אַ תולדה פון צעוואַרפן, און דאָס, ווען מ׳האָט בכוונה עפּעס צו פאַרריכטן.

כז. צוקלאַפּן מיטן האַמער. טאָן עפּעס אַ זאַך, וואָס איז אַ גמר־מלאכה און אַפילו די קלענסטע פּעולה, ווי צוקלאַפּן מיטן האַמער.

כח. פאַנגען. פאַנגען עפּעס וואָס דער שטייגער איז צו פאַנגען, ווי חיות, פייגלען און פיש. חיות און עופות וואָס זיינען אין מענטשנס רשות, ווי געגנדז און הינער — הייסט ניט פאַנגען. שעדלעכע אינזעקטן מעג מען פאַנגען, אויב מען האָט בכוונה ניצול צו ווערן פון זייער בייסן.

כט. דאָס שחט׳ן. ניט בלויז שחט׳ן, נאָר צונעמען דאָס לעבן פון כל־המינים חיות און בהמות, פייגל און שרצים, סיי דורך שחט׳ן און סיי דורך שטעכן אָדער שלאָגן. חיות און אינזעקטן וואָס בייסן און טויטן — אוודאי, ווי, למשל, שלאַנגען אין ארץ־ישראל און אַ משוגענעם הונט אין יעדן פּלאַץ, מעג מען הרג׳ענען ווען זיי באַווייזן זיך, און אַלע אַנדערע מזיקים אויב זיי יאָגן זיך נאָך אַ מענטשן — מעג מען הרג׳ענען.

ל. דאָס שינדן. אָפּשינדן און אָפּטיילן די פעל פון פלייש פון אַ בעל־חי נאָך זיין טויט.

לא. דאָס באַאַרבעטן. זאַלצן און באַאַרבעטן אַ פעל כדי עס צוגרייטן און ווייך מאַכן.

ושמרו את השבת

ש. ראַסקין



מאַמע בענטשט ליכט

ש. ראַסקין

לב. אָפּשאָבן אַ פעל. אַראָפּנעמען די האָר אָדער די וואָל פון פעל נאָך דער מיתה, כדי גלאַט צו מאַכן דאָס פעל.

לג. שניידן די פעל. שניידן די פעל און האָבן אינזינען ווי לאַנג און ווי ברייט ס׳זאָל זיין און שניידן מיט דער כוונה פון אַ באַשטימטער אַרבעט. און דאָס אייגענע מיט איטלעך שטיק וואָס אַ סטאָליער שניידט צו פון האָלץ אָדער דער שמיד פון וועלכן ניט איז מעטאַל — דאָס הייסט שניידן.

לד. שרייבן. שטריכן און צייכענען מיט פאַרב, ווי די מאָלערס מאַכן צייכענונגען — איז אַ תולדה פון שרייבן.

לה. ליניִרן. מאַכן ליניעס כדי צו שרייבן — איז מען חייב. די סטאָ־ליערס וואָס מאַכן שטריכן מיט אַ רויטן בליישטיפט אויף אַ קלאָץ, כדי צו זעגן גלייך, און דאָס גלייכן מיט שטיינשניצער, וואָס טוען דאָס אייגענע אין שטיין כדי אָפּצוטיעסן גלייך — איז דאָס אַ תולדה פון מאַכן ליניעס סיי מיט פאַרב און סיי אָן פאַרב.

לו. מעקן. אָפּמעקן אָן אויפשריפט, וואָס שטייט איבער אַ שריפט, מיט דער כוונה אויסצובעסערן. און דאָס אייגענע, אָפּמעקן אַ צייכענונג כדי צו פאַרריכטן, איז דאָס אַ תולדה פון מעקן.

לז. אָנצינדן. סיי אָנצינדן אַ ליכט און סיי אונטערצינדן אַ פייער פון האָלץ, פאַר וואַרעמקייט אָדער באַלייכטונג. אַריינגיסן אייל אין ברענענדיקן לאָמפּ איז אַ תולדה פון אָנצינדן.

לח. פאַרלעשן. פאַרלעשן אַ ליכט אָדער אויסלעשן קוילן פון האָלץ. זיך באַנוצן (פאַר אַנדערע צוועקן) מיטן אייל פון אָן אָנגעצונדענעם לאָמפּ — איז אַ תולדה פון פאַרלעשן.

לט. אַרויסטראָגן פון איין רשות אין אַ צווייטן רשות. מ׳טאָר ניט אַרויסטראָגן קיין חפץ אָדער עפּעס, אין אַ מאָס וואָס קען ברענגען נוצן, פון אַ רשות־היחיד אין אַ רשות הרבים, אָדער, פון רשות־הרבים אין אַ רשות־היחיד. און דאָס אייגענע, אַריבערטראָגן עפּעס אין אַ רשות־הרבים אויף אַ מרחק פון ד׳ אמות. מ׳טאָר ניט אַרויספירן קיין משא אויף אַ בהמה אום שבת, ווייל ס׳שטייט געזאָגט: „כדי ס׳זאָל רוען דיין אָקס און דיין אייזל.״

שבות. ס׳איז געזאָגט געוואָרן אין דער תורה „דו זאָלסט רוען״, דאָס מיינט, ס׳זיינען פאַראַן זאַכן וואָס זיינען ניט קיין מלאכה, און דאָך איז דער מענטש מחוייב זיך צו היטן פון זיי, און דעריבער האָבן די חכמים זיי גע׳אסר׳ט מחמת „שבות״, צי דערפאַר וואָס זיי זעען אויס ווי מלאכות, ווי למשל מאַכן וואָכעדיקע חשבונות אום שבת, אָדער צו באַטראַכטן די באַלעבאַטישקייט, אָדער צוליב דער מורא, טאָמער וועט מען קומען צו אָן איסור־מלאכה, ווי למשל, רייטן אויף אַ בהמה.

מוקצה. די חכמים האָבן גע׳אסר׳ט אַרומצוטראָגן עפּעס, וואָס דער מענטש האָט אויסגעשלאָסן פון זינען אום שבת, ווי למשל געלט, העלצער און שטיינער, וואָס מ׳טאָר זיך מיט זיי ניט באַניצן אום שבת.

ערובין און ערובי־חצרות. אין אַ סך־קהילות איז מען מתקן אַן ערוב אין אַלע גאַסן און געסלעך (מ׳קלאַפּט אַריין שטעקן פון ביידע זייטן גאַס און מען ציט אַריבער אַ שטעקן, אָדער אַ שטריקל, אַז ס׳זאָל זיך באַקומען אַן אויסזען פון אַן אַריינגאַנג) און די איינוואוינער פון אַלע באַזונדערע הויפן מאַכן שותפות דורך עפּעס אַן עסנוואַרג, וואָס מ׳לייגט דאָס אַוועק ערב־שבת אין איינס אַ הויז, און דורכדעם ווערן אַלע פאַררעכנט ווי איין רשות.

ערובי־תחומין. מ׳טאָר שבת ניט אַרויסגיין פון פּלאַץ וואו אַ מענטש מאַכט שבת, ווייטער פון דעם באַגרענעצטן תחום, וואָס איז צוויי טויזנט איילן. און יענער וואָס נייטיקט זיך צו גיין ווייטער פון אַ תחום־שבת, לייגט ערב שבת אַוועק עסן פאַר צוויי סעודות אויפן תחום, און דורכדעם ווערט אָט דאָס פּלאַץ פאַררעכנט, ווי אַ וואוינונג־פּלאַץ, און פון דאָרטן הייבט זיך אָן רעכענען די מאָס פון צוויי טויזנט איילן און מעג גיין וואוהין ער דאַרף.

ניטאָ קיין תחום העכער פון צען טפחים און אַ שיף איז אַלע מאָל העכער פון דער ערד מיט צען טפחים.

## .7

# דער שבת׳דיקער קידוש

ס׳איז אַ מצות־עשה פון דער תורה צו פאַרהייליקן דעם טאָג שבת דורך תפילה, ווייל ס׳שטייט געזאָגט: „געדענק דעם טאָג פון שבת, אים צו האַלטן הייליק״. דאָס הייסט, געדענק אים אַ געדענקונג פון ליבּ און פאַר־הייליקונג, און מ׳דאַרף אים אָפּגעבן כבוד ביי זיין אָנקומען און ביי זיין אַוועק־גיין, ביי זיין אָנקומען — מיטן קידוש פון טאָג און ביי זיין אַוועקגיין — מיט הבדלה. און אַ מענטש טאָר ניט עסן אָדער טרינקען וויין פון דער צייט וואָס דער טאָג ווערט הייליק ביז ער מאַכט קידוש. ס׳איז אַ מצוה צו מאַכן קידוש און הבדלה אויף וויין, און מ׳מאַכט קיין קידוש ניט ווי בלויז אויפן פּלאַץ וואו מען עסט.

## .8

# קבלת־שבת

דער נביא זאָגט: „און וועסט רופן שבת אַ תענוג, דעם הייליקן טאָג פון גאָט, געערלעכט״. וואָס הייסט, פאַרערלעכן? אויף דעם האָבן די חכמים געזאָגט, אַז ס׳איז אַ מצוה אויפן מענטש צו וואַשן זיין פּנים און זיינע הענט ערב־שבת מיט וואַרעם וואַסער, צוליב דעם כבוד פון שבת און זאָל זיך

אָוועקזעצן און וואַרטן אויפצונעמען דעם שבת, ווי מ׳ריכט זיך מקבל־פנים זיין אַ מלך. די ערשטע חכמים פלעגן צונויפנעמען זייערע תלמידים פרייטיק פאַרנאַכט, פלעגן זיך איינוויקלען און זאָגן: קומט לאָמיר אַרויסגיין אַנטקעגן דער מלכה־שבת! און ס׳איז אין כבוד פון שבת, אַז אַ מענטש זאָל זיך אָנטאָן אַ ריין בגד און זיין וואָכעדיק מלבוש זאָל ניט זיין ווי זיין שבת׳דיק אָנטאָן. און עזרא האָט איינגעפירט, אַז דאָס פאָלק זאָל וואַשן אויפן פינטן טאָג פון וואָך, לכבוד שבת.

## 9.

# לכבוד שבת

אַ מענטש זאָל אַלץ צוגרייטן פאַרן טיש ערב־שבת און ער דאַרף צו־גרייטן זיין הויז ווען ס׳איז נאָך גרויסער טאָג, צוליב דעם כבוד פון שבת, און דאָס ליכט זאָל זיין אָנגעצונדן, דער טיש געגרייט צום עסן און די בעטן פאַרבעט, ווייל דאָס אַלץ איז לכבוד שבת. און הגם ער איז זייער אַ אדם־חשוב און ס׳איז ניט זיין שטייגער צו קויפן זאַכן אין מאַרק און זיך צו פאַר־נעמען מיט שטובּיקע אַרבעטן — איז ער דאָך מחויב צו טאָן זאַכן וואָס פאָדערן זיך לכבוד־שבת קערפּערלעך, און דאָס איז פאַר אים אַ כבוד.

## 10.

# עונג־שבת

וואָס איז דער דאָזיקער תענוג פון וועלכן די חכמים האָבן גערעדט? מ׳דאַרף אָפּקאָכן אַ געקעכטס, וואָס איז באַ׳טעמ׳טער ווי אינדערוואָכן און אַ ווייַן וואָס איז מער געווירצט לכבוד שבת, אַלץ לויט די קעשענע פון מענטשן. און יענער וואָס גיט אויס אַ סך אויף שבת פאַר צוגרייטונג פאַר גוטע פייַנע געריכטן — דאַרף געלויבט ווערן. און דער וואָס קען דאָס ניט באַהויפּטן, אפילו ער האָט גאָרנישט פאַרוואָס צוצוגרייטן, זאָל צוגרייטן אָפּגעקאָכטע גרינסן, צי פּרוכטן — און דאָס זאָל זיין זיין עונג־שבת. און ער איז ניט מחויב זיך צו פאַרענגן און זיך פאַרבאָרגן ביי אַנדערע, צוליב עסן אַ סך לכבוד שבת. די פריערדיקע חכמים האָבן געזאָגט: מאַך דיין שבת וואָכעדיק, כדי דו זאָלסט ניט דאַרפן אָנקומען צו מענטשן.

ווער ס׳איז פאַרצערטלט און רייך און אַלע זיינע טעג זיינע ווי איין לאַנגער שבת, באַדאַרף ענדערן זיין שבת׳דיק עסן פון זיין וואָכעדיק עסן, און אויב ס׳איז אים ניט מעגלעך צו ענדערן — זאָל ער בייטן די צייט פון עסן, אויב ער איז געוואוינט צו עסן פרי — זאָל ער עסן שפּעטער, און אויב שפּעטער — זאָל ער עסן פריער.

## .11

# שלוש־סעודות

אַ מענטש איז מחויב צו עסן דריי סעודות דורכן שבת'דיקן טאָג. פרייטיק־צו־נאַכט, שבת אינדערפרי און נאָך מנחה. און מ'דאַרף אָפּהיטן די דאָזיקע דריי סעודות, ניט ווייניקער פון די דריי, — און אפילו אַן אָרעמאַן וואָס באַקומט זיין פּרנסה פון צדקה. אויב ער איז קראַנק פון צופיל עסן — איז ער פּטור פון דריי סעודות.

מ'מאַכט קידוש אויף וויין און „המוציא" אויף צוויי חלות. עסן פליישׁ און טרינקען וויין געהערט צו עונג־שבת; און דאָס איז אַלץ געערעדט לגבי יענעם וואָס קען דאָס באַהויפּטן. דער מנהג פון די פריערדיקע פרומע איז געוועזן: אַ מענטש דאַווענט שחרית און מוסף אין שול און גייט אַהיים עסן די צווייטע סעודה, דערנאָך גייט ער צוריק אין בית־המדרש און לערנט און לייענט ביז מנחה און דאַווענט מנחה; דערנאָך גייט ער עסן די דריטע סעודה און עסט און טרינקט ביז מוצאי־שבת.

## .12

# מ'טאָר זיך ניט מצער זיין אום שבת

מ'טאָר זיך ניט פּייניקן, פאַסטן, וויינען און בעטן רחמים אום שבת, און אפילו אין אַ צייט פון אַ צרת־רבים, ווען דער עולם פאַסט און בעט פאַר רחמים — טאָר מען שבת און יום־טוב ניט פאַסטן און ניט בעטן, אַחוץ פון אַ שטאָט, וואָס איז באַלאַגערט געוואָרן פון חיילות, אָדער פון אַ שיף וואָס האַלט ביים אונטערגיין אין ים, וואָס מען מעג שבת בעטן פאַר הילף.

## .13

# די ווערט פון שבת

שבת איז וויכטיק, ווי אַלע אַנדערע מצוות פון דער תורה צוזאַמענגענומען. דער שבת איז דער צייכן צווישן אונדז און צווישן גאָט ברוך הוא אויף דער וועלט. און דעריבער, איז יענער וואָס איז מחלל־שבת בפרהסיא געגליכן צו אַ געצנדינער. און דער נביא לויבט יענעם וואָס היט שבת און זאָגט: וואויל צו דעם מאַן, וואָס טוט דאָס דאָזיקע און צו דעם מענטשנקינד וואָס האַלט זיך אָן אָן דעם.

## ר׳ שלמה יצחקי (רש״י)

# וועגן שבת

**.1**

כ׳האב געפונען אין נאָמען פון רבנו שלמה, זצ״ל: איינמאָל האָט איינע אַן אלמנה געבענטשט ליכט אין הויז און איז געגאַנגען אין שול אַריין דאַוונען. זי האָט געלאָזן דאָס הויז פאַרשלאָסן און פאַרמאַכט די טיר פון צימער, כדי די ליכט זאָלן זיך ניט אויסלעשן פון אַ צוגווינט; ווען זי איז צוריקגעקומען פון שול האָט זי געפונען אַלע ליכט אַרונטערגעפאַלן און אויסגעלאָשן אויף דער ערד, האָט אַ גויע אַ שכנ׳טע, וואָס האָט געוואוסט פון אַלע אידישע מנהגים און דינים, געוואָלט אָנצינדן צוריק די ליכט — אָבער די אלמנה האָט זי ניט געלאָזן דאָס טאָן, ביז זי וועט פרעגן דעם רב, צי זי מעג דערפון הנאה האָבן. האָט זי געשיקט איר אינגל פרעגן ביים רב די שאלה — האָט דער רב איר געזאָגט, אַז אַ איד טאָר זיך ניט באַנוצן מיטן ליכט, וואָס איז אָנגעצונדן געוואָרן אום שבת פאַר אַ אידן.

(שבלי־הלקט)

**.2**

אין נאָמען פון רבינו שלמה: פאַרוואָס איז מען זיך נוהג צו זאָגן „ויכלו״ שטייענדיקערהייט? ווייל די חכמים האָבן געזאָגט: דער וואָס זאָגט ערב־שבת „ויכולו״ זאָגט עדות אויף גאָט־ברוך־הוא, אַז ער האָט באַשאַפן אַלע מעשי־בראשית, און וויבאַלד דאָס מיינט עדות־זאָגן, האָבן מיר דאָך אַ קיימא־לן, אַז זאָגן עדות דאַרף מען שטייענדיקערהייט, ווי ס׳שטייט געשריבן: „און די צוויי מענטשן זאָלן זיך אויפשטעלן״, און דאָס גייט וועגן עדות.

(דאָרט)

**.3**

„ואני תפילתי״ — האָט רבינו שלמה זצ״ל דערקלערט דעם טעם דערפון, ווייל אַ פסוק העכער שטייט געשריבן: „עס רעדן פון מיר די טויער־זיצער און דאָס געזאַנג פון די וויינטרינקער״. ((תהלים ס״ט, י״ג) דוד האָט געזאָגט פאַר גאָט ברוך הוא: רבונו של עולם! אין אַ טאָג פון שמחה ביי די אומות־העולם און אין זייערער אַ חגא, טרינקען זיי און שכור׳ן און זינגען אַ גאַנצן טאָג אין זייערע טרינקהייזער און דערמאָנען ניט דיין נאָמען — אָבער מיר זיינען ניט אַזוי: אין טאָג וואָס דו האָט גרויס געמאַכט דיין שמחה ביי אידן, אין טאָג פון רו און פרייד, נאָכדעם ווי איך בין זאַט און געאיידלט און געצערטלט, פאַרגעס איך דיך ניט. אַז עס קומט די צייט פון דאַוונען, בין

איך מפסיק מיין טרינקען און מיינע תענוגים און גיי אין גאָט׳ס הויז אַריין און אייל זיך צו דער תפילה אין אַ צייט פון באַוויליקונג אין דער באַשטימטער שעה און גיב אָפּ אַ דאַנק פאַר מיין חלק. און מחמת דעם דאָזיקן טעם, איז מען זיך נוהג דאָס צו זאָגן אין דער שבת׳דיקער תפילה פון מנחה, און מען זאָגט דאָס ניט יום־טוב, ווייל עזרא האָט מתקן געווען, אַז שבת צו מנחה זאָל מען לייענען אין דער תורה צוליב די מאַרקזיצער. און דעריבער דאַנקען מיר פאַר אונדזער חלק און זאָגן „ואני תפילתי לך ה׳" און מיר לויבן אים, וואָס ער האָט אונדז ניט געמאַכט ווי די אַנדערע משפחות פון דער ערד, צו זיצן אין די מאַרקפּלעצער און זינגען אין די טרינקהייזער. נייערט, מיר קומען תמיד אין דער צייט פון רצון אין דיין הויז; נאָר אין יום־טוב׳דיקער מנחה האָט עזרא ניט איינגעפירט צו לייענען אין דער תורה.

## 4.

אין דער תפילה פון מנחה איז מען זיך נוהג צו זאָגן „דו ביסט איינער און דיין נאָמען איז איינער" און כ׳האָב אין נאָמען פון רבינו שלמה געפונען דעם טעם דערפון. מיר געפינען אין דער אגדה: פאַרוואָס איז דאָס מעשה־בראשית באַשאַפן געוואָרן אין זעקס טעג און ניט אין מער טעג, אָדער ווייניקער? פון דעם קענסטו לערנען פון גאָט׳ס געטלעכקייט, ווייל די דאָזיקע זעקס טעג זיינען דריי כיתות פון עדות, וואָס זיינען ראוי עדות צו זאָגן און זיי זאָגן עדות אויף גאָט ברוך הוא, אַז ער איז איינער און ניטאָ קיין אַנדערער אויסער אים און ער האָט באַשאַפן די גאַנצע וועלט פון אויבן און פון אונטן, און ער איז דער ערשטער און דער לעצטער; און צוויי טעג זאָגן עדות אויפן פאָלק ישראל, אַז דאָס איז אַן איינציק פאָלק און דער איינציקער גאָט האָט אים אויסדערוויילט און זיין געטלעכע מלכות איז איבער אונדז; און צוויי טעג זאָגן עדות אויפן שבת, אַז אין זעקס טעג האָט ער אַלץ געמאַכט און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער אויפגעהערט און גערוט און באַפוילן זיין פאָלק אין אים צו רוען, ווי אַ זכר למעשי בראשית. קומט אויס, אַז זיי זאָגן עדות איינע אויף די אַנדערע, אַז זיי זיינען געריכטע האַרן: גאָט ברוך הוא איז דער האַר און דער מלך וואָס שטאַלצירט איבער אַלץ, דאָס פאָלק ישראל זיינען האַרן און צייכענען אים אויס פון אַלע אַנדערע פעלקער, דער שבת איז אַ טאָג פון רו און דער מלך איבער אַלע אַנדערע טעג. און די דאָזיקע דריי האַרן זאָגן ווידער עדות איינער אויפן אַנדערן: גאָט ברוך הוא און דאָס פאָלק ישראל זאָגן עדות אויפן טאָג שבת, אַז ער איז אויסדערוויילט פון אַלע אַנדערע טעג אין אים צו רוען און ער איז איינציק פון אַלע אַנדערע טעג, ווי ס׳שטייט געשריבן: „די טעג פון באַשאַפן ווערן — און איינער פון זיי איז געווען פאַר אים", (תהלים קל״ט, ט״ז) — דאָס איז דער שבת, וואָס איז אויסדערוויילט פון אַלע טעג. און דער דאָזיקער טאָג איז איינער פאַר גאָט־ברוך־הוא, אַ זכר

פון וועלט־באַשאַף, די אַרבעט פון זיינע הענט; ישראל און שבת זאָגן עדות אויף גאָט ברוך הוא, אַז ער איז איינער און אַלץ איז באַשאַפן געוואָרן דורך זיין וואָרט און ער איז דער וואָס פאַרהייליקט דאָס פאָלק ישראל און דעם שבת, ווייל ס׳שטייט געשריבן: „דאָס איז אַ צייכן צווישן מיר און צווישן אייך פאַר אונדזערע דור־דורות, צו וויסן, אַז איך גאָט מאַך אייך הייליק״ (שמות ל״א, י״ג) און ס׳איז געשריבן: „און איר זאָלט זיין הייליק — ווייל איך בין הייליק״ (ויקרא י״א, מ״ד) און ס׳איז געשריבן: „און האָט אים געהייליקט, ווייל אין אים האָט ער גערוט״. און גאָט ברוך הוא און שבת זאָגן עדות אויף ישראל, אַז ס׳איז אַ פאָלק אַן אויסגעצייכנט פון אַלע פעלקער און אַ הייליקס, אַן איינציק פאָלק אויף דער ערד, און איז באַפוילן געוואָרן צו פאַרהייליקן דעם גאָט פון ישראל און צו האַלטן הייליק דעם שבת. עס פאַסט זיך פאַרן איינציקן גאָט זיך מייחד צו זיין מיטן איינציקן פאָלק, אין דעם איינציקן טאָג, דעריבער זאָגט מען שבת צו מנחה: דו ביסט איינער און דיין נאָמען איז איינער, און ווער איז נאָך ווי דיין פאָלק ישראל אַן איינציק פאָלק אויף דער ערד.

(דאָרט)

### 5.

מען איז זיך נוהג צו זאָגן אין פרקי־אָבות: „משה האָט באַקומען די תורה אויפן באַרג סיני״, צו זאָגן: מיר גיבן זיך אָפּ כבוד אין כבוד פון משה־רבינו, וואָס איז נפטר געוואָרן אין דער דאָזיקער שעה (שבת צו מנחה) ווייל אַזוי איז דער מנהג: נאָכדעם ווי דער מענטש שטאַרבט ווערט דערציילט פון זיין כבוד און זיינע מעשים טובים.

(דאָרט)

### 6.

שבת זאָגן מיר זיבן ברכות און ניט אַכצן. וואָס איז דער טעם דער־פאַר? האָט רב הונא געזאָגט: ווייל דער מענטש טאָר ניט מאָנען פאַר זיינע באַדערפענישן אום שבת, ווייל שבת איז אַ טאָג פון רו און תענוג, ווי ס׳שטייט געשריבן: „און דו זאָלסט רופן שבת אַ תענוג״ און אין דער תפילה פון שמונה־עשרה זיינען פאַראַן זאַכן, וואָס אויב אַ מענטש באַדאַרף זיי האָבן — וועט ער האָבן דערפון צער. ווי למשל די ברכה פון דערלעזט ווערן, פון היילונג, פון דער ברכה פון יאָר און אַנדערע. און ווען דער מענטש וואָלט שבת זאָגן די אַכצן ברכות, וואָלט ער האָבן צער דערפון, וואָס ער דערמאָנט זיך פון דעם אַלעם. האָט מען זיך סומך געווען צו זאָגן זיבן ברכות פון מזמור שיר ליום השבת אין וועלכן ס׳זיינען פאַראַן זיבן דערמאָנונגען — מזמור שיר ליום השבת: „ס׳איז גוט צו דאַנקען גאָט,״ „דו האָסט מיך, גאָט, דערפרייט

מיט דיין ווערק״, „ווי גרויס זיינען דיינע מעשים, גאָט״, „און דו ביסט דער־הויבן, גאָט, אויף אייביק״, „וואָרן אָט דיינע פיינט, גאָט״, „פאַרפלאַנצט אין הויז פון גאָט״, „צו דערציילן אַז גאָט איז רעכטפערטיק״ — אָט האָסטו די זיבן אזכרות, און אַנטקעגן דעם האָט מען מתקן געווען די זיבן ברכות פון שבת.

(דאָרט)

## 7.

כ׳האָב געפונען געשריבן: ס׳איז אַ משל אַנטקעגן צוויי מענטשן, וואָס האָבן געהאַט צוויי קנעכט. איינער היט אָפּ זיין סטאַדע שאָף און זיצט מיט פאַרלייגטע הענט און דער אַנדערער האָט אויסגעבויט אַ שטאַל און פאַרשליסט זיין סטאַדע ווי געהעריק. דער וואָס פאַרמאַכט ניט זיין סטאַדע — קומט אַ וואָלף און צערייסט, קומט אַ לייב און צעטרעט, אָבער דער וואָס האָט באַשיצט און אויפגעבויט אַ שטאַל האָט קיין מורא ניט, ניט פאַרן וואָלף און ניט פאַרן לייב. אַזוי איז דורך דער וואָכן, ווייל אידן זיינען ניט פאַרטאָן אין מצוות האָבן זיי מורא פאַר מזיקים. דעריבער דאַרפן זיי מתפלל זיין „און דו זאָלסט היטן אונדזער אַרויסגיין און אונדזער קומען״, „ער היט זיין פאָלק ישראל״, אָבער שבת, ווען זיי זיינען פאַרטאָן אין מצוות און היטן זיך ניט אָנצוצינדן קיין פייער, האָט זיי גאָט מבטיח געווען, אַז זיי האָבן ניט וואָס מורא צו האָבן פאַר מזיקים, ווייל די מצוה פון שבת טוט זיי טאָן באַשיצן, ווי ס׳שטייט געזאָגט: „און די קינדער פון ישראל זאָלן היטן דעם שבת, אאַז״וו, אַן אייביקן בונד״; זיי האָבן אַ פאַרשלאָסענעם בונד, אַז זיי זאָלן ניט גע׳ניזוק׳ט ווערן, ווייל איך היט זיי אָפּ און דאָס איז דער צייכן וואָס צווישן מיר און צווישן איך, ווייל ס׳שטייט געזאָגט: „און די קינדער פון ישראל זאָלן היטן דעם שבת, אאַז״וו, צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל איז דאָ אַ צייכן אויף אייביק.״

(רש״י׳ס סידור)

## 8.

וואָס איז דער טעם פון מאַכן אַ ברכה אויף בשמים שבת־צו־נאַכט? ווייל דער שבת גיט אַריין אַ נשמה־יתירה אין מענטשן, און ווען ער מאַכט הבדלה ווערט זי פון אים צוגענומען, האָט ער איצט אַ סך צו טראַכטן, צוריק פאַרנומען מיט זיינע טרחות און געשעפטן, און זיין נשמה איז שוין ניט מער פריילעך ווי פריער — און דעריבער האָט מען איינגעפירט צו שמעקן בשמים אין הבדלה, כדי דעם מענטשנ׳ס פאַרבליבענע נשמה זאָל זיך קוויקן מיטן גוטן ריח; דורכדעם וועט זיין צער געלינדערט ווערן און ס׳וועט אים ניט זיין אומעטיק אויפן האַרצן, ווען ער דערמאָנט זיך אָן די זעקס אַרבעטטעג. דאָס

אַלץ האָט מען מתקן געווען, כדי דער זכר פון שבת זאָל אים בלייבן אין האַרצן און ער זאָל זיין פריילעך אפילו ווען דער שבת גייט אַוועק.

(לקוטי פרדס רש״י)

## ר׳ יהודה פון באַרצעלאָנאַ

## פון „ספר־העתים״

### 1.

### וואַרעמע שפייז אויף שבת

און אויף שבת האָבן די חכמים מתקן געווען צו שטעלן טשאָלנט פאַר־נאַכט, כדי דאָס עסן זאָל אויפגעהאַלטן ווערן וואַרעם פאַר שבת. און אַ סך פון די נאָכפאָלגער פון בייתוס... האָבן פאַרפירט די פאַרפירטע, אַז וואַרעם עסן איז אָסור פאַר שבת — און דעריבער, ווער עס עסט ניט קיין וואַרעמע עסנס דאַרף געלייגט ווערן אין חרם, ווייל דאָס איז דרך־מינות און מ׳דאַרף אים אָפּטיילן פון כלל־ישראל... פונדעסטוועגן, דאַרפן מיר אים וואַרענען און אים לאָזן וויסן, אַז ער זאָל זיך דערווייטערן פון יענעם דרך — ער זאָל זיך אַליין צווינגען, שבת הנאה צו האָבן, ווי די חכמים האָבן מתקן געווען, צוצוגרייטן וואַרעמע שפייזן אויף שבת.

### 2.

### פאַרוואָס מען זאָגט „במה מדליקין״ פרייטיק־צו־נאַכט

מ׳האָט איינגעפירט צו זאָגן דעם דאָזיקן פרק יעדן פרייטיק־צו־נאַכט, ווייל ס׳האָבן זיך געמערט ענג׳ס תלמידים (די סעקטע קאַראַאימען) וואָס האָבן באַקעמפט דאָס אָנצינדן ליכט אויף שבת, און זיי האָבן מחמיר געווען אויפן המון, זיי זאָלן זיצן אינדערפינצטער. דערפאַר האָט מען באַשטימט צו לייענען פרייטיק ביינאַכט דעם פרק פון „במה מדליקין״, אַרויסצוגעמען פון מענטשנס הערצער די נטיה זיך צו באַקערן צו די מינים, און צו וויסן, אַז דער חיוב פון אָנצינדן ליכט ערב־שבת איז אַ חיוב־מצוה, און אַז די חכמים זיינען קיינמאָל ניט געווען אין ספקות, צי מען מעג אָנצינדן ליכט אויף שבת, נייערט — מיט וואָס מעג מען יאָ אָנצינדן און מיט וואָס טאָר מען ניט אָנצינדן.

### 3.

### צוויי מאָל פסוק און איינמאָל תרגום

און אונדז דוכט זיך, לויט אונדזער אָרעמען שכל, אַז היינט, אין די מערסטע פלעצער וואו זיי זיינען פושעים לגמרי און זיי פאַרטייטשן ניט דעם פסוק בציבור, ביז די מערסטע מענטשן און די עמי־הארצות האָבן פאַרגעסן

אָן דער מצוה פון פאַרטייטשן, — איז אַ מצוה זיי אויפצואוואַרפן און מוסר'ן אויף דעם. און ס'איז נייטיק איינצופירן אָפּצולאָזן אַנדערע זאַכן אום שבת, ווי למשל, צופיל דאַוונען, וואו מען איז צופיל מאריך, און דאָס אייגענע צופיל דרשות, כדי זיי זאָלן האָבן מער צייט פאַר פאַרטייטשן און די מצוה פון תרגום זאָל ניט פאַרגעסן ווערן, ווייל די מצוה פון תרגום אין דער צייט איז אַ גרעסערע מצוה פון לערנען, און מיר טאָרן ניט מזלזל זיין מיטן תרגום. און דער וואָס איז מחמיר אָפּצוטאָן פון אידן דעם דאָזיקן משונה'דיקן מנהג, און אָוועקשטעלן דעם תרגום אויף זיין פריערדיקן פלאַץ, וועט קריגן זיין שכר פון רבונו־של־עולם.

# ר' יצחק פון ווין

# פון ספר „אור זרוע"

## 1.

## פאַרוואָס מען מאַכט קידוש אין שול

פאַראַן פלעצער וואו מען האַלט פון אונדזער מנהג, צו מאַכן קידוש אין שול, הגם ס'זיינען קיין אורחים ניטאָ, ווייל ס'איז פאַראַן אין ירושלמי: און לויט יענעם וואָס זאָגט, אַז קידוש מאַכט מען אויפן פלאַץ וואו מען עסט — טאָ למאי מאַכט מען קידוש אין שול? כדי מזכה זיין דורכדעם די קליינע קינדער, דאָס מיינט, זיי לויפן איינס פאַר דאָס אַנדערע צו זופן פון וויין און דערווייל הערן זיי קידוש.

## 2.

## מזמורים לכבוד שבת

אונדזערע חכמים האָבן מתקן געווען און צוגעגעבן מזמורים לכבוד שבת, ווי למשל „די הימלען דערציילן גאָט'ס כבוד" אאַז"וו. און מיר זעט אויס, אַז עס נעמט זיך פון דעם טעם, ווייל מיר געפינען, אַז גאָט־ברוך־הוא האָט אין טאָג פון שבת ניט אויסדערוויילט די לויבן פון די מלאכי השרת, נייערט די לויבן פון פאָלק ישראל, דערפון וואָס ווערט געזאָגט אין מדרש: „צו זעקס פליגלען, צו זעקס פליגלען האָט איטלעכער געהאַט" (ישעיה ו, ב'). די מלאכי־השרת זינגען יעדן טאָג פון וואָך, ער זינגט אויס מיט אַ פליגל זיין טאָג, וואָס מיינט, זעקס פליגלען פאַר די זעקס טעג. אין טאָג פון שבת האָבן די מלאכי־השרת געזאָגט פאַרן רבונו של עולם: מיר האָבן ניט קיין פליגל פאַר דיר צו זינגען, גיב אונדז אַ זיבעטן פליגל און מיר וועלן זינגען פאַר דיר היינט. האָט גאָט־ברוך־הוא צו זיי געזאָגט: איך האָב איין פליגל

אויף דער ערד וואָס טוט פאַר מיר היינט זינגען, ווייל ס׳שטייט געזאָגט: „פון פליגל פון דער ערד האָבן מיר געזאַנגען געהערט: פראַכט צו דעם גערעכטן״. (ישעיה כ״ד, ט״ז) און דאָס איז וואָס ס׳שטייט געשריבן: „גאָט האָסטו אויס־דערווײלט היינט״, אין דעם אויסדערווײלטן טאָג, וואָס איז שבת „און גאָט האָט דיך היינט אויסדערווײלט״ — (דברים י״ז, י״ח) ער וויל דיך, מער פון די מלאכי־השרת.

**3.**

## בקור חולים ואבלים

מיר האָבן אַ מנהג, נאָכדעם ווי מען גייט שבת פון שול, גייט מען באַזוכן די קראַנקע און די אבלים.

**4.**

## מ׳דאַרף אויסציען דעם מעריב׳דיקן „ברכו״

און דערפאַר וואָס מען באַגלייט אַרויס דעם שבת, ווי מען באַגלייט אַרויס אַ מלך דאַרף מען אויסציען דעם „ברכו״. און אַזוי בין איך דער קטן זיך נוהג (ר׳ אלעזר בעל „הרוקח״) און אַזוי האָב איך געהערט, אַז ר׳ אלעזר בן רבנו משולם הגדול איז געווען אַ חזן און ער פלעגט אויסציען „ברכו״ מיט אַלע זיינע כוחות.

## פון ספר „מנהגי־טוב״

און ס׳איז אַ גוטער מנהג, פרייטיק־צו־נאַכט ווען מ׳קומט פון שול צו־צוגיין תיכף צו די ברענענדיקע ליכט, זיך אָנקוקן אויף די ליכט, אַנטקעגן ביידע, און זאָגן: „מלאכים פון רחמים און שלום, אייער קומען איז לשלום! אייער קומען לשלום, עליכם שלום, צו אייך אַלעמען שלום!״

און ס׳איז אַ גוטער מנהג שבת צו זינגען בייטאָג און ביינאַכט, איט־לעכער ביי זיין טיש, לכבוד שבת, דערציילן די מעלות פון שבת און ווי באַליבט דער שבת איז ביי גאָט ברוך הוא. און ער זאָל לויבן זיין באַשעפער וואָס ער האָט אים באַשאָנקען מיט דער דאָזיקער גרויסער און חשובער מתנה, וואָס איז אַ תענוג און זעליקייט.

און ס׳איז אַ גוטער מנהג שבת־צו־נאַכט נאָך מעריב צו מאַכן הבדלה אויף וויין... און ער זאָל מאָנען ביי גאָט אויף זיינע באַדערפעניש, אַז ער זאָל זיין מיט אים וואוהין ער וועט זיך קערן און ווענדן און זאָל אים געבן אַ האַרץ מקיים צו זיין זיינע מצוות.

און ס׳איז אַ גוטער מנהג, שבת אײַנגאַנצן ניט אַרויסצוגײן פֿון הויז, גײן בלויז אין אָוונט און אינדערפֿרי אין שול אַרײַן, אָדער צו אַ בר־מצוה, און אויך אום שבת כּלל ניט צו רעדן, נײַערט אין דברי־תורה, אָדער אָפּצוגעבן דעם צווייטן שלום... און ס׳איז אַ כּלל, שבת און יום־טוב דעם מאַרקפּלאַץ אײַנגאַנצן ניט אָנצוקוקן... און דאָס אַלץ, כּדי זיך צו דערווײַטערן פֿון אַן עבֿירה, עס זאָל ניט צעשטערײַען פֿון די שבת׳דיקע לימודים.

# ר׳ צדקיהו הרופא פֿון רוים

## פֿון ספֿר „שבלי הלקט"

### 1.

### די צוויי שבת־ליכט

כ׳האָב געטראָפֿן אין נאָמען פֿון ר׳ אליעזר בר׳ יואל הלוי ז״ל, אַז מ׳טאָר ניט אָנצינדן ווייניקער ווי צוויי ליכט, אײנס אַנטקעגן „זכור" און אײנס אַנטקעגן „שמור". אויך טאָר מען ניט עסן אויפֿן הויף פֿון אַ מענטשנס הויז אויף דער נאַכט פֿון שבת, נאָר אויפֿן פּלאַץ וואו ער האָט ערבֿ־שבת אָנגעצונדן ליכט „און דו זאָלסט וויסן, אַז ס׳איז שלום אין דײַן געצעלט".
(איוב ה׳, כ״ה)

### 2.

### „ישמח משה"

מען איז זיך נוהג צו דאַווענען אין שחרית „ישמח משה במתנת חלקו". וואָס איז די חכמים אײַנגעפֿאַלן צו דערמאָנען משה־רבינו ע״ה אין דער תּפֿילה פֿון שבת? דעם טעם דערפֿאַר האָב איך געפֿונען אין נאָמען פֿון ר׳ נתן בר׳ מכיר, ז״ל, ווײַל די תּורה איז געגעבן געוואָרן שבת אינדערפֿרי דורך משה׳ן, דעריבער פּאַסט זיך צו דערציילן פֿון משה׳ס כּבֿוד, אַז די תּורה איז אים געגעבן געוואָרן אַ מתּנה, ווײַל ס׳שטייט געשריבן: „און ער האָט געגעבן משה׳ן, ווי ער האָט געענדיקט רעדן מיט אים אויפֿן באַרג סיני צוויי שטיינערנע לוחות". (שמות ל״א, י״ח) און איך האָב געפֿונען נאָך אַן אַנדער טעם אין מדרש, אַז משה רבינו איז נתעלה געוואָרן בײַ פּרעה׳ן אין די אויגן האָט פּרעה געזאָגט צו משה׳ן: משה, וואָס פֿאַר אַ מתּנה ווילסטו פֿון מיר האָבן? האָט ער אים געענטפֿערט: גיב מיר איין טאָג אין דער וואָך, ווען די קינדער פֿון ישׂראל זאָלן רוען פֿון דער אַרבעט, און ער האָט אים געגעבן, און משה האָט אויסדערוויילט דעם זיבעטן טאָג אין וועלכן די קינדער פֿון ישׂראל זאָלן אין אים ניט אַרבעטן, ווי אין די אַנדערע טעג פֿון וואָך.

און דער שבת איז נאָך אַלץ ניט געווען געגעבן, און ווען גאָט־ברוך־הוא האָט פאַרבאָטן אַרבעטן אום שבת האָט זיך משה רבינו געפרייט, וואָס דער שבת איז אויסגעפאַלן אויף זיין חלק. דעריבער זאָגט מען „ישמח משה במתנת חלקו״.

**3.**

## הזכרת־נשמות און ברכות פאַר די וואָס זיינען זיך עוסק בצרכי ציבור

און נאָכן לייענען פון דער הפטורה איז מען זיך נוהג מזכיר־נשמות צו זיין און צו בענטשן יענע וואָס זיינען זיך עוסק בצרכי ציבור. אַזוי איז זיך נוהג מיין ברודער בנימין, גאָט זאָל אים היטן און שיצן; ווייל דער טאָג פון שבת איז אַ טאָג פון רו, ענלעך צו עולם־הבא, אַ טאָג, וואָס אַפילו די מתים רוען אים און ווערן ניט גע׳משפט און דעריבער איז ווערט מען זאָל זיי דערמאָנען אין רו און אין ברכה און טאָן פאַר זיי תפילה. אַזוי אויך בענטשט מען אַלע וואָס זיינען עוסק מיט קהלשע באַדערפעינישן און מיט צדקה און גמילות־חסדים, און אַלע וואָס זיינען מנדב ליכט אויף צום לערנען און מענטעלעך פאַר די ספרי־תורה און אַלע וואָס פאַרנעמען זיך מיט לערנען. און דאָס אַלץ איז אַ גוטער און אַ פיינער מנהג, און דער לעבעדיקער מענטש זאָל דאָס באַנעמען, ווי גרויס עס איז דער שכר פון יענעם וואָס פאַרנעמט זיך מיט די עסקים פון ציבור, און פון יענעם וואָס גיט זיך אָפּ מיט תורה און צדקה און גמילות־חסדים און וויפל ברכות ס׳ווערט אים צוגעוואונטשן אין אַלע שולן שבת אין שבת.

**4.**

## די תפילה פון „תכנת־שבת״

מען איז זיך נוהג מתפלל צו זיין אין דער תפילה פון מוסף „תכנת שבת רצית קרבנותיה״. די קרבנות פון שבת וויל ער יאָ און די קרבנות פון דער וואָך וויל ער ניט? ס׳איז מיר אַ וואונדער! נאָר אַזוי איז פון דעם דער פירוש: אַז דו באַוויליקסט ניט קיין שום קרבן, סיידן ער האָט דורכגעלעבט אַ שבת און אַזוי איז דאָס אין דער פסיקתא וועגן אַן אָקס אָדער אַ שעפּס: „און זיבן טעג זאָל ער זיין אונטער זיין מוטער״ (ויקרא כ״ב, כ״ז), ר׳ יהושע פון סיכנין אין נאָמען פון ר׳ לוי זאָגט: ס׳איז אַ משל צו אַ מלך, וואָס איז אַריינגעקומען אין אַ מדינה און געלאָזט אויסרופן און זאָגן: קיין מענטש זאָל זיך ניט ווייזן פאַר מיין פנים ביז ער וועט פריער זען די מאַטראָנאַ. אַזוי האָט גאָט־ברוך־הוא געזאָגט צו די אידן: איר זאָלט ניט מקריב זיין צו מיר קיין קרבן ביז עס וועט אַריבער איבער אים אַין שבת,

ווייל ס׳זיינען ניטאָ קיין זיבן טעג אָן אַ שבת און די מצוה פון מילה איז ניטאָ אָן אַ שבת, דעריבער האָבן זיי איינגעפירט צו זאָגן „רצית קרבנותיה,״ דו האָסט באַוויליקט אירע קרבנות. און דאָס לשון פון „רצית״ מיינט ווי, „און פון אַכטן טאָג אָן און ווייטער וועט עס באַוויליקט ווערן״.

## ר׳ יוזפא הלוי

(שמש פון ווערמייזער קהילה)

## שבת און בר־מצוה

אַ שבת נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן בר־מצוה, דרייצן יאָר און איין טאָג אַלט, ווערן די בר־מצוה אינגלעך די חזנים, לייענען די סדרה פאַרן עולם, און זיי הייבן אָן מיט „ויעזור ויגן״ מיט אַ שיינעם ניגון... פאַראַן בר־מצוה אינגלעך וואָס האָבן זייער זיסע שטימען און זיינען בקי צו דאַווענען פאַרן עולם און זיי דאַווענען פרייטיק־צו־נאַכט, שחרית און מוסף, אָדער יענע תפילה וואָס זיי קענען... דער טאַטע באַקליידט זיין זון צו דער בר־מצוה אין שיינע מלבושים, און ער פוצט זיך אויס ווען שבת־קודש קומט. און שבת נאָך מנחה מאַכט ער לכבוד אים אַ סעודה, און דער שמש רופט ניט דעם עולם צו דער סעודה, נאָר אַ שטיקל צייט פאַר מנחה — רופט דער בר־מצוה די פאַרבעטענע געסט צו דער סעודה... און ער זאָגט יעדן איינעם פון זיי, אַז ער זאָל עסן מיט אים שלש־סעודות... לכבוד דער שמחה פון זיין ווערן בר־מצוה.

## רבנו יהודה החסיד

(געלעבט בערך 1150—1217)

## פון „ספר חסידים״

א. „זאָלסט געדענקען דעם טאָג שבת, אים צו האַלטן הייליק.״ צי דען קען געמאָלט זיין אים פאַרגעסן? איז דאָך יעדער זיבעטער טאָג שבת. נאָר דו זאָלסט געדענקען אָן טאָג שבת, פון זאַכן וואָס מאַכן פאַרגעסן פון צו געדענקען דעם טאָג שבת, ווי למשל, אויב ס׳האָט עפּעס געטראָפן, וואָס קען דיך מאַכן טרויערדיק זאָלסטו פון דעם ניט טראַכטן, ווייל אויב דו וועסט זיך אָן דעם דערמאָנען, וועסטו האָבן צער. „זאָלסטו געדענקען דעם טאָג שבת״ — טו זאַכן וואָס דו זאָלסט זיך דערמאָנען אָן שבת: זיך וואַשן ערב־שבת, זיך אָנטאָן שיינע בגדים, זיך צוגרייטן מיט עונג־שבת און לייענען זאַכן, וואָס מען איז זיך נוהג שבת צו לייענען.

ב. ס׳איז אַ מצוה צו מאַכן קידוש אויף ווײַן, ווײַל דער ווײַן פון פערטן יאָר אין ארץ־ישראל — דערפרייט דאָס האַרץ און וועגן שבת שטייט געשריבן: „אין טאָג פון אײַער פרייד.״

(במדבר י׳, י׳)

ג. תמיד זאָל זיך דער מענטש פאַרנעמען מיט אַן אַרבעט, וואָס איז ניטאָ אין איר קיין זינד, ווײַל ס׳שטייט געזאָגט: „איך וועל אויפהייבן מיין געדאַנק ווייט, און מיין באַשעפער וועל איך געבן גערעכטיקייט״. (איוב ל״ו, ג׳) ווי למשל, איינער וועמעס געשעפט עס איז צו גיין אַ לאַנגן וועג מיט זיין סחורה, טרעפט אַמאָל, אַז ער קען ניט דערגרייכן אַ שטאָט ווען ס׳איז נאָך ליכטיק, און ער מוז אַריינציען זיין וואָך אין שבת. און ער זאָל ניט וואוינען אין אַ גויאישער שטאָט, וואו שבת איז דער מאַרקטאָג, ווײַל ער וועט שוין אַריינקומען אין שטאָט ערב־שבת און ער טאָר שבת ניט האַנדלען — וועט ער ניט מקבל־שבת זיין אין צייט צוליב זיינע טרחות. ווידער וועט ער דאגה׳ן, אַז מענטשן וועלן שבת אַוועק פון שטאָט, און וועט זיך באַקימערן און וועט זיי זען דורכן שבת און ס׳שטייט געשריבן (ישעיה נ״ח, י״ג) „פון טאָן דיינע עסקים אין מיין הייליקן טאָג״.

ד. פרייטיק ביי האַלבן טאָג איז גלייכער צו בלייבן אין אַ פרידלעכן פלאַץ, אָדער אויפן פלאַץ וואו ער האָט איבערגענעכטיקט די נאַכט, כדי ער זאָל זיך ניט שטעלן אין אַ פלאַץ פון סכנה און ער וועט ניט קענען מקבל־שבת זיין ווען עס איז נאָך ליכטיק, אין דער צייט. און אויב ער וועט זאָגן, איך ווייס, אַז ווען די שעה וועט קומען מקבל־שבת צו זיין, אפילו אויב ס׳וועט זיין אַ סכנה וועל איך מיך דאָך פון פלאַץ ניט רירן — טוט ער טאַקע אַ גרויסע מצוה, וואָס ער שטעלט אין סכנה זיין גוף און זיין געלט. און פונעדסטוועגן, אויב גזלנים זיינען געקומען אים צו שעדיקן, און ער קען זיך אַרויפכאַפּן אויף אַ פערד און אַנטלויפן פון זיי — זאָל ער אַנטלויפן צוליב פיקוח־נפש, אָדער ער וועט מוזן אָפּגעבן דין, פאַרוואָס ער האָט זיך אַליין גורם געווען מחלל־שבת צו זיין.

ה. מענטשן זיינען געגאַנגען ערב־שבת צו אַ לויה. צווישן די מלווים האָט זיך געפונען איינער אַ צדיק. האָט ער צו זיי געזאָגט: גייט צוריק אַהיים און גרייט צו עסן אויף שבת און מאַכט אַלע אייערע שבת׳דיקע הכנות.

ו. אַז גויים האָבן געכאַפּט אַ רייכן אידן און צווינגען אים צו שרייבן שבת, מ׳זאָל אים אַרויסשיקן אַ סומע געלט אויף וועלכער זיי האָבן זיך פאַרשטענדיקט, און דער געפאַנגענער איד האָט געקענט מאַכן אַ פשרה צו וואַרטן ביז שבת־צו־נאַכט און דער איד האָט ניט געוואָלט און געשריבן אום שבת. נאָכדעם ווי מ׳האָט אים צוריקגעקערט אַהיים — דאַרף ער געבן אַרימעלייט

אויף שבת, אין דער סומע וואָס די פאַנגער וואָלטן מרוצה געווען צו נעמען פון אים, אויב זיי וואָלטן געוואַרט ביז שבת־צו־נאַכטס.

ז. צוויי האָבן זיך געקריגט אום שבת אָדער אום יום־טוב און דער געריכטער האָט מנצח געווען, זאָל מען זיי צוערשט שטעלן צום דין, וואָס זיי האָבן מחלל־שבת געווען און נאָכדעם מכוח זייער סכסוך.

ח. אויב אַ מענטש האָט אַ פרוכטבוים אין זיין הויף — דאַרף ער אָנשטעקן דערנער אויף זיין פּלויט, כדי קינדער זאָלן ניט קלעטערן אויפן פּלויט און רייסן די פירות אום שבת. אויף קינדער איז דאָך ניט רעכט צו זאָגן: „שטאָפּ אָן דעם רשע און זאָל ער פּלאַצן."

(בבא קמא ס"ט, ע"א)

ט. איינער אַ פרומער מאַן פלעגט אָנטאָן שבת זיינע בעסטע בגדים, הגם אינדרויסן האָט געדעגנט: „אין טאָג פון גוטס, זיי אין גוטן."

(קהלת ז׳ י"ד)

י. בעסער אַ מאכל פון גרינסן שבת מיט דער ליבשאַפט פון זיין ווייב און הויזגעזינט, איידער אַ פעטער אָקס מיט שנאה אַרום דעם. אַז אַ מענטש זאָל ניט זאָגן: כ׳וועל איינקויפן אַלדאָסגוטס אויף שבת, און ער ווייס, אַז ער וועט זיך אַרומקריגן מיט זיין ווייב, אָדער מיט זיין פאָטער און מוטער. „בעסער אַ טרוקענער ביסן און שלווה דערביי" אאַז"וו. (משלי י"ז, א) סיי אום שבתים און אום יום־טובים, און דאָס מיינט, „אַ כבוד פאַר אַ מענטשן איז זיך אָפּצוהאַלטן פון קריג" (משלי כ׳ ג׳) ער זאָל אָפּגעבן כבוד דעם שבת, ניט צו פאַרפירן אין אים קיין קריג.

י"א. אַ מעשה פון איינעם וואָס האָט מאריך ימים געווען, און מ׳האָט דערפאַר קיין זכות ניט געקענט געפינען, סיידן, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט אָנגעצונדן קיין חלב׳נע ליכט, נייערט לאָמפּן מיט אייל פון איילבירטן.

י"ב. „און אין טאָג פון אייער שמחה" (במדבר י׳, י׳) דאָס איז שבת, דעריבער טאָר מען ניט זיין טרויעריק אום שבת.

י"ג. שבת זאָל אַ מענטש ניט רעדן פון פאַרשטאָרבענע פריינט, אָדער, פון קראַנקע פריינט, כדי ער זאָל זיך שבת ניט מצער זיין. אויב ס׳זיינען פאַראַן בגדים פון אַ גוטן פריינט וואָס איז געשטאָרבן, זאָל ער זיי שבת ניט זען פאַר די אויגן, טאָמער וועט ער האָבן צער, און ס׳שטייט געשריבן: „און ער זאָל ניט מערן קיין קומער אין אים".

י"ד. אַ מענטש זאָל שבת ניט דערציילן קיין טרויעריקע זאַכן, וואָס קענען ברענגען צו טרערן.

ט"ו. „זאָלסטו געדענקען דעם טאָג שבת, אים צו האַלטן הייליק" — ווי אַזוי קען ער אים פאַרגעסן, ער קומט דאָך יעדן זיבעטן טאָג? נאָר ער

דאַרף געדענקען פון שבת, אַז עס מאַכט זיך עפּעס וואָס מ׳דאַרף פאַרגעסן. ווי למשל, עמיצער איז ביי אים געשטאָרבן, זאָל ער ניט זאָגן, איך האָב קיין חשק ניט צו עסן, נייערט, ער זאָל עסן ווי אין יעדן אַנדערן שבת און ניט וויינען.

ט״ז. אַ מעשה מיט איינעם אַ פרומען מאַן, וואָס האָט אָנגעלאָדן זיין וואָגן מיט קליידער, און קומענדיק צום פּלאַץ וואו ער האָט זיי געזאָלט פאַרקויפן — האָט ער אויסגעשפּאַנט דעם וואָגן פאַר דער אַכסניה, און נאָכדעם ווי ער האָט געמאַכט קידוש זיינען אָנגעקומען אין שטאָט דעם מלכ׳ס זעלנער און גענומען ראַבירן אין די הייזער. איז געגאַנגען דער איד, דער באַלעבאָס פון וואָגן, און אין דער נאַכט פון שבת איינגעשפּאַנט פערד אין וואָגן, כדי אַרויסצופירן דעם וואָגן פון שטאָט אַרויס. דערווייל איז אָנגעקומען אַ שליח פון מלך, און אָנגעזאָגט זיינע צינזמאַנערס, אַז זיי זאָלן פון די אידן גאָרניט נעמען. ווען דער איד איז געקומען צוריק אַהיים — איז ער געגאַנגען צו אַ געלערנטן, ער זאָל אים לערנען, ווי אַזוי צו קריגן אַ תשובה־שלימה. האָט אים דער געלערנטער געזאָגט: זאָלסט אָנפילן דיין וואָגן מיט בגדים אין דער זעלבער מאָס, און דאָס געלט וואָס די בגדים זיינען ווערט זאָלסטו אָפּגעבן פאַר צדקה, אָדער דו זאָלסט באַשטעלן ספרים ביי אַ סופר, חומשים, נביאים וכתובים. און זאָלסט זיי ניט איינבינדן צוזאַמען, ווייל דעמאָלט וועט בלויז איינער אָדער צוויי קענען לייענען אין זיי און ניט מער. און גיב זיי צו יתומים און אָרעמע קינדער, וואָס האָבן קיין געלט ניט צו קויפן אַ ספר. קויף ספרים וואָס גאָטספאַרכטיקע מענטשן זאָלן אין זיי לערנען, אָדער אָרעמעלייט און יתומים, און אויך סידורים און מחזורים און גמרות און פירושים, יעדע מסכתא באַזונדער און פאַרליי זיי צו יעדן איינציקן מענטשן. און אויב ס׳וועט דיר נאָך עפּעס בלייבן פון געלט, גיב עס אָפּ צו אָרעמע איידעלע מענטשן וואָס שעמען זיך צו נעמען, אַז אַלע זאָלן וויסן. האָט דער בעל־תשובה געזאָגט צום געלערנטן: פאַרוואָס הייסטו מיך ניט שרייבן אַ ספר־תורה? האָט דער געלערנטער געענטפערט: גענוג פאַר קהל דריי אָדער פיר ספרי־תורה... ווייל דאָס וואָס ס׳האָט ווער ס׳זאָל זיך מיט דעם אָפּגעבן איז ניט אַזאַ גרויסע מצוה...

י״ז. „און עס וועט זיין אויפן זעקסטן טאָג, זאָלן זיי צוגרייטן״ (שמות ט״ז, ה׳). זייער און זייער דאַרף אַ מענטש זיין פאַרזיכטיק צוצוגרייטן אויף שבת און פלינק און אָפּגעהיט, ווי אַ מענטש וואָס האָט געהערט, אַז די מלכה קומט און זי וועט איינשטיין ביי אים אין הויז, אָדער די כלה און איר סוויטע קומען ביי אים אין הויז. וואָס זשע טוט ער? ער פרייט זיך אַ גרויסע פרייד און זאָגט: וואָס פאַראַ גרויס כבוד מ׳האָט מיך אָנגעטאָן, וואָס זיי קומען אונטער מיין באַלקן! און ער זאָגט צו זיינע קנעכט: גרייט צו דאָס הויז, ראַמט אויף און קערט אויס און פאַרבעט די בעטן פאַרן כבוד פון די געסט

און איך וועל גיין קויפן ברויט און פלייש און פיש, וויפל נאָך איך קען קויפן פאַר זייער כבוד וועגן — היינט וואָס איז ביי אונז גרעסער פון שבת, וואָס איז אַ כלה און אַ מלכה אינאיינעם און ווערט אָנגערופן די פאַרצויגענע? על אחת כמה וכמה, אַז מען מען דאַרף זיך באַמיען, אַז דער באַלעבאָס אַליין זאָל מאַכן צוגרייטונגען, אפילו ווען ער האָט הונדערט קנעכט.

# פון „מנהגי מהרי״ל״

(ר׳ יעקב סגל, איינער פון די גרעסטע רבנים אין דייטשלאַנד. געבאָרן אין מאַינץ און נפטר געוואָרן אין וואָרמז אין צווייטן יאָרהונדערט פון זעקסטן טויזנט)

א. זאָגט מהרי״ל סגל, אַז מען דאַרף איינחזר׳ן מיט אינגלעך די הגדה של פסח אין שבת־הגדול.

ב. שבת־חול־המועד זינגט מען אַלע ניגונים, ווי מען זינגט יום־טוב.

ג. זאָגט דער מהרי״ל: דאָס וואָס מען מאַכט געפּילעכץ פרייטיק אויף דער נאַכט איז אַ זכר פון מן, אויף וועלכן ס׳איז געלעגן טוי פון אויבן און טוי פון אונטן, דאָס אייגענע דאָ, דאָס פלייש ליגט איינגעוויקלט אין טייג פון אַלע זייטן.

ד. דער מהרי״ל האָט ניט אַראָפּגענומען די טישטעכער פון טיש דורכן גאַנצן שבת׳דיקן טאָג. אפילו זומערצייט נאָך מנחה, ווען ער פלעגט לערנען הלכה מיט די תלמידים פלעגט ער זיי אויך ניט לאָזן אַרונטערנעמען, נאָר פלעגט אויסשפּרייטן איבער זיי זיין לייכטן אויבערמאַנטל, כדי זיי זאָלן ניט ווערן שמוציק פון די ספרים אין וועלכע די בחורים האָבן אַריינגעקוקט.

ה. זאָגט דער מהרי״ל: דאָס וואָס אינגלעך און מיידלעך שפּילן שבת אין ניס, קייקלען זיי אַרונטער פון אַ ברעטל און דער וואָס רירט מיט זיין נוס אָן דעם חבר׳ס געווינט יענעמ׳ס ניס — וואָלט געוועזן רעכט, דאָס צו אסר׳ן אום שבת, ווייל ס׳איז דאָ אין דעם אַ חשש פון אויסגלייכן אַ גריבל, וואָס לאָזט דעם נוס ניט לויפן — נאָר ווער וועט אַזוינס פאַרווערן? בעסער אַז זיי טוען דאָס בשוגג, איידער במזיד.

# שבת־צו־נאַכט

ו. אני הקטן האָב געהערט, אַז ר׳ אליזער בר׳ משולם הגדול, פלעגט אויסציען „ברכו״ מיט זיין גאַנצן כוח... ווייל די נשמות גייען צוריק אין גיהנום תיכף נאָך „ברכו״, און אויך צוליב דעם, וואָס מען באַגלייט די מלכה־שבת.

ז. מהרי״ל סגל האָט געהאַט אַ באַזונדערן טלית פאַר שבת, און פלעגט אים צונויפלייגן יעדן שבת־צו־נאַכט. ער פלעגט זאָגן: מ׳דאַרף אָנהייבן מיט אַ מצוה אויף אַ פולער וואָך.

ח. מורנו הרב שמואל האָט געזאָגט: אַז דאָס וואָס מען איז זיך נוהג צו זאָגן שבת־צו־נאַכט וועגן אליהו הנביא און זמירות וואו זיין נאָמען איז פאַרפלאָכטן — נעמט זיך דערפון, ווייל ס׳איז פאַראַן אין תוספות, אַז מוצאי־שבת זיצט אליהו ז״ל אונטערן עץ־החיים און פאַרשרייבט די זכיות׳ן פון יענע וואָס היטן אָפּ שבת.

## פון „מנהגי האר״י״

(ר׳ יצחק לוריא, געבאָרן אין ירושלים אין פערטן
יאָרהונדערט פון זעקסטן טויזנט)

א. אַ מענטש זאָל יעדן ערב־שבת פון מנחה אָן זיין אָפּגעהיט צו לייענען שיר־השירים, אָנגעטאָן אין שבת׳דיקע בגדים.

ב. ווען מ׳שערט די נעגל, דאַרף מען ניט מקפיד זיין צו שערן זיי לויט זייער סדר.

ג. מ׳דאַרף זיין אָפּגעהיט זיך אָנצוטאָן יעדן שבת פיר ווייסע קליידער: דער אויבערשטער און אונטערשטער בגד, אַ גאַרטל און אַ קיטל.

ד. מ׳דאַרף מקפיד זיין, צו עסן שבת און יום־טוב אויף אַ פירפור־סיקן טיש.

ה. אַ מענטש זאָל אויפפּאַסן גרייטן דעם טיש פאַר יעדער סעודה מיט צוועלף חלות, אַנטקעגן די צוועלף חלות פון לחם־הפנים, לענגאויס דעם טיש, און זאָל אַוועקשטעלן צוויי בינטלעך הדסים אויפן טיש און אין יעדן בינטל צו דריי ריטלעך הדסים.

## ר׳ ישעיה הלוי הורוויץ

(רב אין פראַנקפורט, גאון און מקובל, אַוועק אין
ארץ־ישראל אין יאָר ה׳שפ״ב)

## פון „שני לוחות הברית״ (של״ה)

### 1.

### עונג־שבת

די חכמים ז״ל האָבן געזאָגט: „דער וואָס גיט עונג דעם שבת״ און ניט „ווער ס׳האָט תענוג אין שבת״ — מחמת דער מענטש זאָל ניט האָבן זיך אַליין בכוונה, נייערט ער זאָל נעמען דעם תענוג אין כבוד שבת. און דאָס

איז דער מיין פון „און דו זאָלסט רופן שבת אַ תענוג״. ווי איינער וואָס לאַדט־איין אַ גרויסן חשוב׳ן גאַסט און מאַכט אַ סעודה פון זיין כבוד וועגן, וואָס אַן דעם גאַסט וואָלט אים שווער געווען, זיך מרבה־בהוצאה זיין. דעריבער, יענע מענטשן וואָס שטאָפּן זיך אָן אַ פולן בויך ווי די בהמות, און נאָכדעם באַפאַלט זיי דער שלאָף פון צופיל עסן וואָס איז מבלבל זייער מוח, די דאָזיקע גיבן ניט דעם שבת קיין תענוג, נאָר זיי האָבן שבת זייער אייגענעם תענוג. דעריבער, זאָל אַ מענטש טאָן זאַכן מיט אַ רעכענונג, און אַז ער זעצט זיך עסן זאָל ער זיך דערמאָנען אַ דבר־תורהביים טיש און זאָל מאַכן אַ ברכה איבער אַ כוס וויין און זאָל זיך אויפהייבן לשלום און גיין לערנען, אָדער אין שול אַריין צו זאָגן אַ קאַפּיטל תהלים... אַלץ לויטן פלאַץ און לויט דער צייט. און אַזוי שטייט געשריבן אין נאָמען פון איינעם אַ חכם: אַז דער טעם דערפון וואָס השם־יתברך האָט אונז אָנגעזאָגט צו עסן דריי סעודות איז דער, וואָס דער מענטש וועט זיך ניט אָנפּאַקן אַ פולן בויך, ווען ער וויס, אַז שפּעטער קומט נאָך אַ מאָלצייט וואָרום באמת, אויב ער ווייסט, אַז קיין אַנדער סעודה וועט ניט זיין, וועט ער עסן צופיל און זיין מוח ווערט פאַר־שוואומען און ער פאַלט אַריין אין אַ טיפן שלאָף און צעדרייבט דאָס לערנען און זיין דביקות, ווייל דער שבת איז הייליק און דער מענטש דאַרף זיך מתדבק זיין מיט קדושה.

## 2.

## דאָס שבת׳דיקע שלאָפן

אין שבת׳דיקן טאָג זאָל אַ מענטש ניט אויפשטיין פרי־באַגינען ווי דורך די אַנדערע אַרבעטטעג פון וואָך. און דער מרדכי ז״ל האָט געשריבן: און דאָס וואָס דער עולם איז זיך נוהג אויפצושטיין פרי אינדערוואָכן, גייט אין שול אַריין דאַווענען און לערנען און שבת שלאָפט מען שפּעט — דער טעם דערפון איז דאָס, וואָס אין די אַנדערע טעג פון וואָך שטייט ביים קרבן־תמיד פון שחרית „יעדן פרימאָרגן און פרימאָרגן״, אָבער ביים שבת־דיקן קרבן־תמיד שטייט ניט אין פרימאָרגן נייערט „אין טאָג פון שבת״. וואָס דאָס מיינט, שפּעטער, ווי מיר פאַרשטייען אין גמרא יומא. און דעם דאָזיקן טעם האָט ר״י בר יודא געהערט אין שטאָט רוים פון ר׳ האי גאון.

## 3.

## מוצאי־שבת

ער זאָל אויך אָפּגעבן כבוד דעם שבת ווען ער גייט אַוועק, דורך הבדלה און זמירות און דורך איינגעשטעלטן מאָלצייט. און אַזוי שרייבט מיין פאָטער מיין לערער ז״ל אין „עמק־הברכה״: און ער זאָל מאַכן הבדלה מיט אַ שיינעם פיינעם ניגון, כדי אַרויסצולאָזן די מלכה מיט שמחה און מיט

שירים. און דעריבער זיינען מיך זיך נוהג צו מאַכן הבדלה שטייענדיקערהייט, הגם ס׳וואָלט מער געפּאַסט צו זיצן. ווייל דער שטייגער איז צו באַגלייטן שטייענדיקערהייט. און דער „תולעת־יעקב״ ז״ל אין סימן ע״ז שרייבט: דאָס וואָס מען איז מוסיף פון דער וואָך צו קדושה — צו לערנען און באַווייזן, אַז ס׳איז שווער זיך צו שיידן מיטן הייליקן גאַסט, און דעריבער פאַרהאַלט מען אים און מען באַגלייט אים מיט גרויס ליבשאַפט, מיט לידער און לויבגעזאַנג, ווי דער פסוק זאָגט: „כ׳וועל דיך באַגלייטן מיט שמחה און מיט געזאַנגען״.

.4

## „גוט־שבת!״

איך האָב בקבלה: אַ מענטש וואָס באַזוכט זיין חבר שבת אינדערפרי זאָל ניט זאָגן ווי אין די וואָכעדיקע טעג: גוט־מאָרגן, נייערט „גוט־שבת״, מקיים צו זיין דעם פסוק: זאָלסט געדענקען דעם טאָג פון שבת, אים צו האַלטן הייליק.

.5

## חידושי־תורה לכבוד שבת

אַ מענטש איז מחויב צו מאַכן חידושי־תורה דורך זיין אייגענעם שכל יעדן שבת און שבת. און דער זוהר אויף פרשה „שלח לך״ זאָגט: די חכמים האָבן געלערנט: ווען דער שבת קומט אַריין נידערן אַרונטער נשמות און רוען אויפן הייליקן פאָלק און די נשמות פון צדיקים שוועבן אַרויף אין הימל. ווען דער שבת גייט אַוועק גייען די נשמות וואָס האָבן גערוט אויף די אידן אַרויף אין הימל און נשמות גייען אַרונטער, דאָס זיינען די נשמות פון די צדיקים. ווען אַלע נשמות קומען צוריק אַרויף אין הימל — פרעגט גאָט־ברוך־הוא ביי זיי אַלעמען: וואָס פאַראַ חידושים אין דער תורה האָסטו געזאָגט, נשמה פון יענעם מענטשן? און ווען גאָט־ברוך־הוא פרעגט זיי און זיי ווייסן ניט, און זיי שוויגן ווי די חיות־הקודש, וואָס שטייט וועגן דעם געשריבן? „אַז זיי שטעלן זיך אָפּ — לאָזן זיי אַראָפּ זייערע פליגלען״, (יחזקאל א׳ כ״ד) און ס׳שטייט: „זיי שטייען און ענטפערן ניט מער.״ (איוב ל״ב, ט״ז).

.6

## רעדן לשון־קודש אום שבת

פרומע מענטשן זיינען זיך נוהג שבת ניט צו רעדן, אפילו וועגן די נייטיקסטע זאַכן, אויף אַן אַנדער שפּראַך, ווי בלויז אין לשון־קודש, ווייל הייליק איז דער טאָג פאַר אונדזער האַר, און שבת איז אַ צייכן צווישן גאָט־

ברוך־הוא און אונדז, דעריבער דאַרף מען ניט רעדן אויף קיין אַנדער לשון, ווי נאָר אויף לשון־קודש, און דאָס אויך בלויז דאָס נויטיקסטע. און וואויל איז דעם, וואָס געוואוינט זיך איין צו רעדן אויף לשון־קודש אפילו אינדער־וואָכן, ווייל ס׳איז גאָר קיין שעור ניטאָ צו דער מעלה פון לשון־קודש.

### 7.

## שבת טאָר מען ניט טראַכטן פון וואָכעדיקע זאַכן

ר׳ יונה ז״ל אין זיין „אגרת המוסר״ שרייבט: אַ מענטש טאָר ניט טראַכטן פון זיינע עסקים אום שבת. הגם די חכמים האָבן געזאָגט רעדן טאָר מען ניט, טראַכטן מעג מען — אָבער אויב ער האָט פון טראַכטן פאַרדרוס און דאגות — טאָר מען ניט, ווייל ס׳שטייט אין מכילתא, אַז דו זאָלסט קוקן אויף דעם ווי דו וואָלסט שוין אָפּגעטאָן גאָר דיין אַרבעט, כדי דו זאָלסט פון איר ניט טראַכטן, און אַזוי זאָגן מיר אין דאַוונען: „אַ רו פון שלום און שטילקייט און זיכערקייט, אַ פולע רו, וואָס דו באַוויליקסט זי.״ און אין ברכת־המזון זאָגן מיר: „אַז ס׳זאָל ניט זיין קיין צרה, קיין טרויער און זיפץ אין טאָג פון אונדזער רו״.

## ר׳ יוזפא האַן ניירלינגען

(געלעבט אין דור פון ב״ח און של״ה, ראש בית־דין פון פראַנקפורט)

## פון „יוסף אומץ״

### 1.

## ערב שבת דאַרף מען טיילן צדקה צו אָרעמעלייט

...און איך האָב געהערט פון אַלטע לייט, אַז אין די אַמאָליקע צייטן איז דאָ אין פראַנקפורט ניט געווען דער מנהג, אַז דער גבאי איבער צדקה זאָל יעדע וואָך אויסטיילן צדקה פאַר די שטאָטישע אָרעמעלייט, ווייל זיי אַליין פלעגן יעדן ערב־שבת אַרומגיין פון הויז צו הויז קלייבן צדקה, ביז איינמאָל האָט זיך באַוויזן אַן אָרעמע פרוי, נאָך איר טויט, אין דער צייט פון דאַוונען אויפן שולהויף לעבן שטיין; מ׳האָט זי דערמאָנטביים נאָמען, נאָר כ׳האָב מיך פאַרגעסן, ווער זי איז געווען. ווען מ׳האָט זי געפרעגט, וואָס טוט זי דאָ? האָט זי געענטפערט, אַז זי איז געקומען וואָרענען, מ׳זאָל ווייטער ניט געשטרויכלט ווערן דורך דער דאָזיקער זינד, ווייל די אָרעמעלייט מוזן שוואַרצן די פנים׳ער איטלעכן ערב־שבת און אַרומגיין איבער די הייזער, און אויב ס׳וועט אַזוי אָנגיין — וועלן, חס־ושלום, די מענטשן פון שטאָט באַשטראָפט ווערן מיט אַ גרויסן עונש, און דערפאַר האָט מען איינגעפירט

צו מאַנען ראש־חודש געלט, וואָס איז אַ מנהג ביז היינטיקן טאָג און די גבאים פאַרטיילן דאָס צו אָרעמעלייט יעדן ערב־שבת, אַז זיי זאָלן ניט דאַרפן פאַרשעמט ווערן אַרומצוגיין איבער די הייזער. דאָס האָב איך געהערט פון אַ מענטשן אויף וועלכן מ׳קען זיך פאַרלאָזן.

## 2.

# אַן אורח אויף שבת

יעדער גאַטספאַרכטיקער מענטש זאָל פרייטיק צו־נאַכט זיך ניט זעצן צום טיש, ביז ער וועט האָבן געגעבן, אָדער געשיקט אַן אָרעמאַן אַ חלק פון זיינע בעסטע מאכלים. און איך האָב געשריבן, אַז עס ווענדט זיך ווער דער אָרעמאַן איז, פאַראַן אַן אָרעמאַן וואָס שעמט זיך צו נעמען אַן אָפּגעקאָכטן חלק און שעמט זיך ניט צו נעמען געלט, און אין אַזאַ אופן שטייט: „אַשרי משכיל אל דל״. און ווער עס האַלט אויס אַ ישיבה־בחור אָדער אַן אָרעמען יתום ביי זיין טיש, איז חשוב׳ער פון אַלע.

## 3.

# די שבת׳דיקע חלות

אונדזערע אָבות האָבן געהאַט אַ מנהג צו מאַכן באַזונדערע ברויטלעך אויף שבת צו מאַכן אויף זיי „המוציא״ און די ווייבער פלעגן מקיים זיין אויף זיי די מצוה פון נעמען חלה, אָבער מ׳האָט באַדאַרפט זיין זייער פאַר־זיכטיק, אַז דאָס זאָל ניט זיין קיין מצוה וואָס קומט דורך אַן עברה. ווייל אין ענין פון נעמען חלה האָב איך געזען אַ שלעכטע זאַך, וואָס די פרוי קליגט זיך און איז מדקדק צו נעמען חלה יעדן ערב־שבת, וואָס איז כלל קיין חיוב ניט, און זי קאַרגן צו נעמען ווייניקער וויפל דער שעור איז, וואָס איז אומגעפער אַ כלי וואָס האַלט אייך מעסטל און אַ האַלב פערטל פראַנקפורטער מעסטל, אָבער דאָס מעל איז אָפּגעשטראָכן און ניט אָנגע־הויפנט. און ווען זיי נעמען ווייניקער וויפל דער שיעור איז, איז זייער ברכה אוודאי אַ ברכה לבטלה.

אַמאָליקע יאָרן, ווען איך בין געווען יונג, איז געווען דער מנהג צו מאַכן פשוטע ברויטלעך און זיי פלעגן אויף די ברויטלעך מאַכן אַ סך שטעך מיט אַ מעסער. דער טעם דערפון איז געווען, ווי איך האָב געהערט, אַז זיי פלעגן אַמאָל אַריינטאָן אין זיי שמאַלץ, און כדי ניט צו מאַכן קיין טעות נאָך שבת און זיי עסן מיט מילך, האָבן זיי אין דעם געמאַכט אַ סימן. נאָר היינט איז ביי די רייכע געמאַכט געוואָרן אַן ענדערונג צום גוטן, וואָס מען מאַכט זיי לאַנגע און דיקע און מען ווירצט זיי מיט אַ סך מינים געווירצן, ביז זיי זיינען שיין אין אויסזען און מחיה׳דיק צו עסן. אויך איז אין זיי ניטאָ

קיין שום חשש פון חיוב חלה. נאָר מענטשן פון מיטעלער מדרגה טוען קאַרגן און טיילן אויס המוציא׳ס פון דער גרויסער חלה, ווי מען מאַכט זי אין דייטשלאַנד, פאַרן גאַנצן הויזגעזינט, פאַר גרויס און קליין, פאַר אייגענע און פאַר אורחים; און מ׳קען זי פאַר זייער קאַרגן ניט באַשולדיקן, ווי כ׳האָב אויבן געשריבן, ווייל אַ מענטש דאַרף זיך ניט אויסברענגען אויף שבת, מיט מער וויפיל ער קען באַהויפּטן, און בפרט אין די דאָזיקע שווערע צייטן, וואָס דער יקרות איז זייער גרויס און די פאַרדינסטן זיינען כמעט ווי גאָר־נישט, און בפרט ווען די דאָזיקע ברויטן ווערן על פי רוב אויפגעגעסן אינדערוואָכן.

## 4.

## פאַרזוכן פון די שבת׳דיקע געריכטן

ס׳איז אַ מצוה צו פאַרזוכן ערב־שבת פון די שבת׳דיקע געקעכצן, צי זיי זיינען געווירצט ווי ס׳דאַרף צו זיין פאַרן כבוד פון שבת. און דער מקובל הערץ טריוואַש ז״ל, וואָס איז געווען דאָ חזן, האָט געשריבן, אין זיין פירוש אויף תפילה, אויפן פסוק „טועמיה חיים זכו״, אַז מ׳דאַרף פאַרזוכן דעם טשאָלנט ערב־שבת, און די דאָזיקע מצוה האָב איך אַלע מאָל מקיים געווען.

## 5.

## קבלת־שבת

דער סדר פון קבלת־שבת, וואָס איז ביי אונדז אַ נייע איינפירונג איז אַ פיינער און אַ שיינער מנהג. און ווען די צייט איז צו לאַנג מקבל־שבת צו זיין מיט קהל מיט שירים און געזאַנג — קען דאָך זיך מקדים זיין צו קומען פריער אין שול און זאָגן די מזמורים ביחידות.

ס׳איז ניט קיין מנהג צו זאָגן ביי קבלת־שבת דעם ערשטן חרוז פון „לכה־דודי״. ווייל מיר זיינען זיך ניט נוהג אַרויסצוגיין פון פּלאַץ צו פּלאַץ מקבל צו זיין דער מלכה שבת, ווי דער מנהג איז אין ארץ־ישראל אַרויס־צוגיין לכל־הפּחות אויפן שולהויף... און מחמת דעם אייגענעם טעם זאָג איך ניט „אַנטקעגן שבת קומט און לאָמיר אַרויסקומען״, נייערט, איך זאָג אַנשטאָט דעם: „ליבבתיני, שבת־מלכה״, כדי אויסצופילן דעם למד פון נאָמען פון מחבר פון דעם דאָזיקן שיר.

### 6.

## שבת׳דיקע בשמים

...און דער נייער מנהג וואָס מ׳האָט איינגעפירט, צו מאַכן אַ ריח פון בשמים אין שול צו קבלת־שבת געפעלט מיר ניט; „פאַרן בלינדן זאָלסטו ניט לייגן קיין שטרויכלונג״, פון בטול־ברכה וואָס מען איז מחוייב צו מאַכן „בורא מיני בשמים״, ווייל זיי מאַכן דעם ריח פון נעגעלעך וואָס רויכן זיך.

### 7.

## אַ מעשה מיט אַ שבת׳דיקן חלה־קוכן

דאָס פרייטיק־צו־נאַכטיקע קוכן וואָס מען איז זיך נוהג צו מאַכן אין דייטשלאַנד, איז אַ שיינער און אַ פיינער מנהג, ווייל ס׳איז ניכר דורך אים דער כבוד פון שבת פאַר גרויס און קליין. כ׳האָב געהערט אַ מעשה, וואָס איז אַמאָל פאַרלאָפן, ווי דורך דעם דאָזיקן שבת׳דיקן קוכן איז געשען אַ גרויסער זכות, אַז אַ אידיש קינד איז ניט געפאַנגען געוואָרן צווישן גויים. איינמאָל איז אַ קינד געכאַפּט געוואָרן פון כאַפּערס און זיי האָבן אים אַוועקגעפירט אין אַ פּלאַץ וואו אידן וואוינען. פרייטיק־צו־נאַכט אויף דער אַכסניה וואו דאָס קינד איז איינגעשטאַנען מיט די כאַפּערס האָט דאָס קינד ביטער געוויינט נאָכן עסן, פאַרוואָס מ׳האָט אים ניט געגעבן קיין חלק פון דעם שבת׳דיקן קוכן און די כאַפּערס האָבן אים ניט געקענט איינשטילן ביז זיי האָבן אים געבראַכט צווישן אידן און דורכדעם איז ער אויסגעלייזט געוואָרן, דערפאַר איז ווערט מען זאָל דעם מנהג אָפּהיטן.

### 8.

## „קוגל״

און אַ סך מענטשן זיינען זיך נוהג אַנשטאָט דעם אויבנדערמאָנטן קוכן צו עסן אַ געפילעכץ וואָס מען רופט קוגל, אַ זכר צום מן, וואָס איז געווען צוגעדעקט פון אויבן און פון אונטן, און אַזוי איז דאָס אויך ביים מהרי״ל.

### 9.

## רעדן לשון־הרע

און די גאָטספאָרכטיקע מענטשן אין ארץ־ישראל רעדן אום שבת בלויז אין לשון־קודש און אַחוץ דער קדושה פון לשון גופא, פאַרמיידן זיי אויך מן־הסתם צו רעדן פון נאַרישקייטן און פון מיאוסע זאַכן.

## .10

# דער לימוד פון קבלה דורכן שבת

די מקובלים האָבן געשריבן, אַז שבת דאַרף מען לערנען ספרי־קבלה, און דער ריכטיקער טעם דערפון זעט מיר אויס צו זיין, וואָס שבת קומט אַרונטער אין מענטשן די נשמה־יתירה, וואָס איז אַ באַליבטער גאַסט, און ווען ביי אַ מענטשן קומט אַ ליבער גאַסט, איז ער אים מכבד מיט כל־ערליי כבודים, כדי דער גאַסט זאָל האָבן הנאה, און אַזוי ווי די נשמה האָט קיין הנאה ניט, ניט פון עסן און ניט פון טרינקען, בלויז פון לערנען און מער פון אַלע לימודים פון לימוד פון קבלה — דעריבער דאַרף מען איר פאַרשאַפן הנאה מיט דעם וואָס זי האָט ליב אַמבעסטן. און דער טעם דערפון, וואָס זי האָט הנאה מער פון לימוד הנסתר ווי פון לימוד הנגלה איז דער: ווייל דער לימוד הנסתר איז אַ געטלעכע חכמה און די נשמה איז אַ חלק פון גאָט וואָס זיצט אויבן. און הגם איך האָב מיך קיינמאָל ניט פאַרנומען מיט נסתר — האָב איך דאָך זיך ניט אָפּגעהאַלטן צו געבן דעם פּאַסיקן טעם.

## .11

# שבת׳דיקע דרשות

מיר געפעלט כלל ניט דער ניי־אויפגעקומענער מנהג צו האַלטן שבת אין דער פרי דרשות נאָך דער תפילה פון יוצר, וואָס אונדזערע אבות־אבותינו האָבן פון דעם ניט געוואוסט. ווייל ס׳זיינען פאַראַן חולים און זקנים און טראַגנדיקע פרויען און זויגעוודיקע וואָס האָבן צער פון דער דאָזיקער פייניקונג און אויב זיי דאַרפן פאַסטן צוליב דעם ביז האַלבן טאָג — איז דאָ אין דעם אַן איסור אויך. און ס׳איז קלאָר פון „מטה משה“, אַז אין מדינת־פוילין איז אין זיינע צייטן אַזאַ מנהג ניט געווען און אין „בית־יוסף“ איז בפירוש געשריבן צו דרשנ׳ען נאָך דער שבת׳דיקער סעודה און דער „עמק־הברכה“ ברענגט (און יענער מחבר קומט פון רוסלאַנד) אַז אויך דאָרט איז אַזוי דער מנהג. און פון רש״י אויף ברכות איז געדרונגען, אַז ר׳ יוסף פלעגט דרשנ׳ען יעדן שבת פאַר דער פרימאָרגן סעודה. קען אפשר געמאָלט זיין, אַז ר׳ יוסף האָט גע׳דרש׳נט די דינים פון שבת, כדי דאָס פאָלק זאָל וויסן זיינע דינים, ווי ס׳איז פאַראַן אין מדרש ויקהל — אָבער היינט זיינען די דרשנים מאריך אין דרוש און זיי פאַרענטפערן גמרות, וואָס האָבן גאָר־נישט צו טאָן מיט שבת, נאָר זיי ווילן באַווייזן זייער בקיאות און חריפות און זיינען אָפטמאָל מאריך אַ שטיק נאָך האַלבן טאָג — דאָס איז אַוודאי אַן איסור גמור.

12.

## אַ שלעכטער מנהג

מ׳דאַרף זען אָפּצוגעוואוינען די בחורים און פּוסטע אינגלעך פון טרינ־קען שבת בראַנפן, ווייל דאָס בראַנפן איז גורם צו אַ סך שלעכטע זאַכן, ווי למשל, אַז ס׳איז ניטאָ קיין מנין צו מוסף; און אַ סך בחורים טרינקען זיך אָן ביז זיי ווערן שכור און פאַרגעסן צו דאַווענען מוסף. און אויב אפילו זיי פאַרגעסן ניט, טאָר דאָך אָבער אַ שיכור ניט דאַווענען. דערצו גנב׳נען זיי און גזלנ׳ען כדי צו קריגן בראַנפן. ניט די מויז איז דער גנב, נאָר די לאָך, דעריבער דאַרף מען זייער און זייער געבן אויף דעם השגחה.

13.

## שפּאַצירן אום שבת

מיר זעט אויס, אַז יענע וואָס זיינען מאריך אין שפּאַצירן און שמועסן און אפילו אין דברי־תורה — טוען ניט גוט. זיי פאַרשפּעטיקן מיטן עסן און זיינען דורכדעם מצער זייערע הויזגעזינטן און די קליינע קינדער, וואָס פאַסטן שבת מער ווי אינדערוואַכן, וואָס איז געוויס אַ גרויסער איסור. די תורה האָט דאָך זייער מקפּיד געווען אויף צער בעלי־חיים, היינט ווי שוין, אויפן צער פון מענטשן, און היינט נאָך ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן שבת, וואָס איז געגעבן פאַר תענוג און ניט פאַר צער, און די פּוסקים האָבן בפירוש געשריבן, אַז מ׳טאָר שבת ניט פאַסטן ביז נאָך האַלבן טאָג, און ממילא קומט אויס, אַז עסן פריער איז אַ מצוה.

14.

## שלש-סעודות

מיט דער צייט ווען צו עסן שלוש־סעודות — זיינען פאַראַן דאָ פאַר־שיידענע מנהגים. דער אַמאָליקער מנהג איז געווען צו עסן פאַר מנחה, און אין אייניקע פּלעצער אין דייטשלאַנד און איבער דער גאַנצער וועלט איז מען זיך נוהג צו עסן צווישן מנחה און מעריב. דורך דער צייט פון גירוש, ווען מיר זיינען געווען צעשפּרייט און צעזייט איבער די אַרומיקע דערפער און שטעטלעך, וואָס האָבן פון זיך אַליין איינגעפירט צו עסן צווישן מנחה און מעריב, און מחמת מיר זיינען געווען ביי זיי אין די הענט, האָבן מיר זיי נאָכגעטאָן און געגעסן מיט זיי אין איין צייט, און נאָכדעם, ווען דער טוער פון נסים האָט אונדז צוריקגעקערט אין אונדזער שטאָט, האָבן אונדזערע שטאָטסלייט ניט געוואָלט זיך אָפּצוזאָגן פון מנהג, וואָס זיי האָבן אָנגענומען, ווען זיי זיינען געווען אין דער פרעמד. האָב איך מיך אַריינגעלייגט אין דעם

און געמאַכט, אַז דער אב־בית־דין און דיין און איך, האָבן מסכים געווען אין ועד, צו מאַכן אַ תקנה, אַז פון היינט און ווייטער זאָל מען ניט משנה זיין פון אַלטן מנהג, וואָס איז געווען איינגעפירט פון די גאוני עולם, און אויך ווי ס'איז קלאָר פון מהרי"ל'ס רייד, אַז אַזוי איז געווען דער מנהג אין דייטשלאַנד. אויך האָט דער רב גוזר געווען אויפן שמש, אַז זומער זאָל ער ניט רופן אין שול אַריין דאַווענען ביז נאָך זיבן אַזייגער, כדי אַ מענטש זאָל האָבן צייט צו עסן און הנאה האָבן פאַר מנחה... געמיט זיך זייער שטאַרק וועגן דעם האָט דער גאון וחכם ר' משה מענדעלעש זצ"ל און האָט גוזר געווען מיט אַ חרם אויפן שמש, און מחמת ס'זיינען ביי אונדז געווען אייניקע פּרנסים, וואָס האָבן זיך געוואָלט פאַרברענגען אין זייער סעודה צווישן מנחה און מעריב, ווייל אויב זיי וועלן אָפּעסן פאַר מנחה וועלן זיי ניט וויסן וואָס צו טאָן מיט זיך צווישן מנחה און מעריב — האָבן זיי אונטערגע'חנפה'ט דעם שמש מיט גלאַטע רייד, און ער האָט ניט געפאָלגט דעם רב, און גערופן אין שול אַריין זעקס אַזייגער, אַזוי אַז דער עולם האָט ניט געהאַט קיין צייט צו עסן און הנאה האָבן פון דער שבת'דיקער סעודה, ווייל מ'האָט אים באַלד גערופן אין שול אַריין דאַווענען. דורכדעם איז דער עולם געווען געצוואונגען ניט צו עסן ביז נאָך מנחה... נאָר וואָס קען מען מאַכן? הגם, גאָט איז אַן עדות, אַז מיר איז דאָס ניט צום האַרצן. און דורכדעם, וואָס מען עסט צווישן מנחה און מעריב קומט מען צו אַ שטרויכלונג פון זינד, מיט טרינקען וואַסער, ווייל דאָ איז געווען אַן אָנגענומענער מנהג, אַז ביי וועמען דער טאַטע צי די מאַמע זיינען געשטאָרבן — האָט נאָך מנחה ניט געטרונקען קיין וואַסער, און דורכדעם וואָס מען עסט איז מען געצוואונגען צו טרינקען וואַסער.

## .15
## מ'האַלט ניט קיין דרשות צווישן מנחה און מעריב

שבת צווישן מנחה און מעריב זאָגט מען ניט קיין דרשות צוליב דעם כבוד פון משה־רבנו, וואָס איז אין דער שעה געשטאָרבן. פונדאַנען שטאַמט דער מנהג ניט צו דרשנ'ען פאַרן עולם אין דער שעה, ווי מען טוט יום־טוב, און אפילו דאַן ווען דער מנהג איז געווען צו עסן שלוש־סעודות פאַר מנחה, האָבן מיר דאָך קיינמאָל ניט געהערט און ניט געזען עמיצן דרשנ'ען אין יענער שעה. און צוליב דעם אייגענעם טעם, איז אַן איסור אויפן רבי'ן צו זאָגן פאַר זיינע תלמידים תוספות, צי פון אַן אַנדער ספר.

## .16
## געבן דער גויע אַ שטיקל חלה

מ'טאָר אַ גויע ניט געבן קיין שטיקל חלה, אַן דאָס גלייכן, ווען ס'איז קלאָר, אַז זי וועט דאָס ניט אויפעסן איידער זי וועט אַרויס אין גאַס, און

וועגן, זאָל מען איר געבן עפּעס וואָס זי וועט באַלד אויפעסן, ווי טשאָלנט
וועגן, זאָל מען איר געבן עפּעס וואָס זי וועט באַלד אויפעסן, ווי טשאָלט
וכדומה, הגם ער וויס ניט געוויס, צי זי וועט דאָס ניט אַרויסטראָגן אויסערן
ערוב — פונדעסטוועגן מעג מען. אין דער צייט, ווען ס'איז געווען אַ מנהג
צו געבן אַ גויע אַ שטיקל חלה פון איטלעכן הויז אַחוץ קליינגעלט — פלעגט
מיין פאָטער לערער ז"ל, זיך נוהג זיין צו געבן איר קליינגעלט אַנשטאָט
דער חלה יעדן זונטיק, און אויך מיר זיינען זיך נוהג אַזוי צו טאָן.

**.17**

## מ'דאַרף מאריך זיין פרייטיק־צו־נאַכט ביים עסן

יעדער מענטש איז מחויב צו איילן און מאַכן קידוש תיכף ווי ער קומט פון שול, און אויך דערפאַר ווייל זיינע בני־בית זיינען מיד און הונגעריק — איז למאי זאָל ער זיי אומזיסט פייניקן. נאָר אַלע שטימען־איין, אַז ער דאַרף פאַרציען דאָס עסן ביז אין נאַכט אַריין, און אויב ס'איז מעגלעך אַריינצוציען דאָס עסן ביז די שטערן אין הימל קומען אַרויס — איז אַוודאי גוט. דעריבער זאָל ער ממשיך זיין און זינגען זמירות. און כדי אַ מענטש זאָל קענען מאריך זיין אין עסן און ניט ריידן קיין דברים בטלים און ליצנות האָב איך פאַרפאַסט אַ ניי געזאַנג לכבוד שבת. אין דעם דאָזיקן ליד האָב איך צונויפגענומען אַלע דינים פון ליכט־בענטשן, וואָס זיינען מיר באַקאַנט. און מחמת דאָס רוב דינים פון ליכט־בענטשן זייען פאַר פרויען, דעריבער האָב איך יעדן איינציקן פערז דערקלערט אין דייטשישן לשון.

## ר' אליהו מווילנא (הגר"א)

## פון אַ בריוו

און שבת־יום־טוב זאָלט איר כלל ניט רעדן פון זאַכן וואָס זיינען ניט זייער נויטיק, און אפילו אין זאַכן וואָס זיינען נויטיק — זאָלט איר מקצר זיין, ווייל די קדושה פון שבת איז זייער גרויס און מיט שוועריקייטן האָט מען מתיר געמאַכט צו זאָגן גוט־שבת. זעט ווי מען האָט מחמיר געווען אויף איין וואָרט. און דו זאָלסט אָפּגעבן דעם שבת גרויס כבוד, ווי אין אַמאָליקע יאָרן און דו זאָלסט כלל ניט קאַרגן, ווייל אַלע מזונות פון מענטשן ווערן פאַר אים באַשטימט פון ראש־השנה ביז יום־כּפּור, חוץ די הוצאות פאַר שבתים און יום־טובים.

# פון ר׳ יעקב עמדינ׳ס סידור

אזוי שרייבט דער אר״י ז״ל: ווער עס וויל אריינקומען צום מלך, באדארף זיך קודם מכין זיין, זיך צו באווייזן פארן מלך אין א שיין מלבוש, ווייל מ׳קען ניט קומען צום מלך אנגעטאן אין א זאק, און ער וועט אוודאי זיך אויסצירן דורכן פארלויף פון טאג און מערער. אזוי דארף ער אויך ערב־שבת זיך צוגרייטן און ס׳איז א חוב אויפן מענטשן מיט זיין גוף אפצוגעבן כבוד דעם שבת, לויט זיינע כוחות, און דאס איז זיין כבוד, אפילו ווען ער האט א סך קנעכט און משרתים, ווי מיר געפינען ביי די חכמי־התלמוד, וואס האבן געטאן פיזישע ארבעט לכבוד שבת, הגם זיי האבן געהאט אסך באדינער.

דאס הויז דארף זיין צוגעגרייט געהעריק און ליכט זאלן ברענען אין אלע חדרים פון הויז; ער זאל אויסצירן דאס הויז מיט שיינע כלים און פיינע דעקעס, ווי ער וואלט צוגרייטן דאס הויז אויפצונעמען א גרויסן חשובן שר, וואס נעמט לכבוד אים ארויס זיינע טייערסטע חפצים און באהאלטענע אוצרות און צינדט אן ליכט אין איטלעך ווינקל פון זיין דירה — היינט ווי שוין דארף זיך א מענטש גרייטן אויפצונעמען די מלכה, אונדזער צירלעכע קרוין. אפילו דער ארעמסטער איד באדארף זיך פארגרייטן מיט א בעט און א טיש לכבוד דער שכינה, מיט א שטול און א מנורה, איטלעכער, לויט דעם, ווי ער קען באהויפטן. און מיר זיינען מחוייב, זייער שטארק צו היטן דעם כבוד פון שבת, אים אפצושיידן און אים הייליק האלטן פון אלע אנדערע טעג, און ווער ס׳איז מער אפגעהיט און באמיט זיך מיט אלע כוחות צו האלטן שבת הייליק — יענער זאל זיין געלויבט און געערט, און מען פארמערט אים כבוד און רייכקייט, און מ׳גיט אים אין האנט אריין, ער זאל דעם שבת פארשאפן תענוג פון רייכקייט און פון שפע. און מ׳גיט אים אלץ וואס זיין הארץ טוט גלוסטן, ווייל ס׳שטייט געזאגט: „קוויק זיך מיט גאט און ער וועט דיר געבן די פארלאנגען פון דיין הארצן״. (תהלים ל״ז, ד׳) און אויף וואס פאר א וועג דער מענטש וויל גיין — אויף יענעם וועג טוט מען אים פירן, און אויף דעם האט מען געזאגט: „זיי שטארק ווי א לעמפערט, צו טאן דעם ווילן פון דיין פאטער אין הימל״. און אפילו דער מיטלמעסיקער מענטש זאל ניט קארגן אין די הוצאות פון שבת, אבער — ווען ער קען ניט, האט די תורה אים באפרייט דערפון, ווער ס׳איז ניט פארמעגלעך זאל ניט ארויפוואַרפן זיין משא אויף אנדערע מענטשן צוליב דער מצוה פון כבוד־שבת, ווייל אין אזא פאל איז קיין כבוד־שבת ניטא און בעסער א מאכל פון גרינסן אין וועלכן ס׳איז דא ליבשאפט, אפילו פישלעך געפרעגלט אין אייל, וכדומה; אויב ער האט זיי צוגעגרייט לכבוד שבת האט ער שוין מקיים געווען די מצוה פון עונג־שבת און דאס ווערט אים פאררעכנט ווי א זכות, ווייל דאס אלץ גייט לויט דער כוונה פון זיין הארץ און דאס צענט־חלק פון

אַן אַרעמאַנס מעסטל איז פונקט אַזוי וואָגיק ווי דער קרבן־עולה פון דעם רייכן, און נאָך חשוב׳ער: לויטן צער איז דעם מענטשנס שכר. און זיין כוח איז כפל־כפליים גרעסער פון דעם רייכן וואָס פראַוועט עונג־שבת, ווייל מיט זיין ביסל איז ער אָנגענומען ביי גאָט, און ניט נאָר איז דאָס ניט ווייניקער אין ווערט — נאָר אדרבה, זיין שכר איז טאָפּלט, ווייל אָט דאָס ביסל איז אים אָנגעקומען מיט צער און מיט יסורים, מער ווי די גרויסע הוצאות וואָס דער רייכער מאַכט פון רחבות און נחת־רוח.

מ׳דאַרף באַשטימען אַ צייט נאָכן פרימאָרגנדיקן עסן צו לערנען תורה, און גרויס איז יענעמס עונש, ווער ס׳איז דאָס מבטל. און צוליב אַזאַ זאַך ווערן באַלעבאַטים יורדים. און דוקא באַלעבאַטים און מענטשן פון המון, ווייל אַ גאַנצע וואָך קענען זיי זיך ניט אָפּגעבן מיט תורה, ווייל זיי זיינען פאַר־נומען מיט האַנדל און פאַרהאַוועט מיט פרנסה און אויב זיי וועלן שבת זיין פאַרנומען בלויז מיט עסן און מיט טרינקען — טאָ וואָס וועט זיין מיט דער תורה? פונוואַנען וועט דער מענטש פון המון וויסן די פליכטן פון זיין תורה און אמונה? וויבאַלד אַז דורך די אַרבעטסטעג איז דער גייט צו זיין וויינגאַרטן און יענער צו זיין מלאכה. אָבער תלמידי חכמים, וואָס תורה איז זייער אומנות, זיינען באַאפוילן שבת צו עסן און טרינקען לענגער; פונדעסטוועגן, אפילו דער תלמיד־חכם, נאָכדעם ווי ער האָט מקיים געווען דעם פסוק „דאָס איז שבת פאַר אייך", האָט געגעסן גענוג און געהאַט תענוג מיט גאָט, דאַרף אויך מקיים זיין דעם „דאָס איז שבת פאַר גאָט". ער דאַרף זיך באַשעפטיקן מיט תורה, צי פיל, צי ווייניק, נאָר די כוונה זיינע זאָל זיין אַ ריינע. און אויב ער איז געוואוינט צו שלאָפן נאָכן עסן — זאָל ער דאָס ניט מבטל זיין, ס׳איז ביי אים אַ תענוג, אָבער אַ מענטש זאָל ניט זאָגן: איך וועל מיך גוט אויס־שלאָפן, כדי איך זאָל קענען טאָן אַרבעט ביינאַכט.

וואָס פאַר אַ לימוד פון תורה זאָל ער לערנען פריער? אַזוי האָבן געזאָגט אונדזערע רביים: גרויס איז יענער לימוד, וואָס פירט צו מעשים און דעריבער איז ער וויכטיק ווי אַלע אַנדערע מצוות צוזאַמען און דאָס איז די גאַנצע פרוכט פון לערנען, אַז דער מענטש זאָל וויסן אָפּצוהיטן, צו טאָן און מקיים צו זיין גאָט׳ס געזעצן און זיינע לערעס. דאָס איז תורה לשמה, דעריבער דאַרף מען איינפירן אַ סדר אין לערנען און לערנען פריער צו וויסן די מצוות ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, איטלעכע זאַך אין איר צייט און פאַר גאָט־ברוך הוא איז ליב יעדער לימוד און לימוד אין זיין טאָג. דעריבער דאַרף דער מענטש נאָך זיין שטענדיקן לימוד וואָס קומט צוערשט בהכרח, לערנען די דינים פון שבת, וויסן אַלע מצוות וואָס זיינען אָנגעהאַנגען אין שבת, אין דעם כלל גייען אַריין די דינים און מנהגים פון דאַווענען און די ברכות פון לייענען און זייערע כוונות און די מנהגים וואָס זיינען מיט זיי פאַרבונדן. און זאָל אַ מענטש ניט מיינען: זיי זיינען ווייניק און לייכט, פאַרקערט: זיי

זיינען גאָר אַ סך און האַרב! הלוואי וואָלטן די תלמידי־חכמים פון אונדזער דור געווען געניט אין די אַלע דינים, און איך פאַרשפּאַר צו זאָגן די דינים פון די ל״ט מלאכות און זייערע תולדות און שבות׳ן און תחום־שבת׳ן און עירוב׳ס און זייערע צווייגן, וואָס זיינען געוואַלדיק טיף, אַ סך מער פון דיני־ממונות. נאָר אַ מענטש זאָל זיך ניט מטריח זיין אין אַ צו שווערן ענין, און איך פאַרשפּאַר צו זאָגן, ער זאָל זיך ניט פאַרטיפן אין אַ שווערער גמרא, ווייל דאָס ווערט אויך פאַררעכנט ווי אַ חילול־שבת, און ס׳איז אַ בפירושע גמרא: ר׳ זביד איז נאָכגעגאַנגען נאָך אַ פּאָר לומדים און געזאָגט צו זיי: איך בעט אייך, איר זאָלט ניט מחלל־שבת זיין. מאַכט רש״י, ווען ער פלעגט זען פאַרלעך תלמידי־חכמים, וואָס רעדן דברי־תורה, פלעגט ער אַזוי זיי זאָגן. און ער האָט דערצו אַ גוטן טעם: תלמידי־חכמים פאַרנעמען זיך דאָך ניט מיט פּוסטע זאַכן אפילו אינדערוואָכן, און מ׳דאַרף זיי ניט פאַנאַנדער־טיילן, ווייל זיי ווייסן ווי זיך צו היטן. און אַזוי האָבן די חכמים געלערנט: מ׳הויבט ניט אָן אַ נייעם ענין מיט קינדער, צי דערפאַר ווייל די טאַטעס דאַרפן זיין פריי פאַר דער מצוה פון שבת, צי דאָס עסן און טרינקען איז ביי זיי טייערער, דערפון פאַרשטייען מיר, אַז זיי האָבן מורא פאַר דער טרחה פון די טאַטעס און די קינדער צוזאַמען אין האַרבן לימוד פון דער תורה, און זיי זאָלן זיך שבת אין דעם ניט מיען ווי זיי טוען אינדערוואָכן. נאָר מ׳דאַרף מאַכן אַן אונטערשייד אין שבת מיט יעדער זאַך, אַז אפילו דער הייליקער לימוד דאַרף זיין אַ תענוג און ניט זיין אַ שווערע האַרבע משא. און דאָס איז, וואָס ר׳ זביד האָט מקפיד געווען אויף די פאַרלעך לומדים, וואָס האָבן אויף דעם ניט מקפיד געווען און געמיינט, אַז זיי באַגייען אַ מצוה — פונדעסטוועגן, האָט ער געווערט אַנטקעגן דעם און האָט זיי באַשולדיקט אין חלול־שבת ווייל סתם צוויי תלמידי־חכמים וואָס רעדן דברי־תורה, זיינען געוואוינט זיך צו פאַרטיפן אין שאַרפן פלפול, וועט אויסקומען, אַז דער כבוד פון שבת וועט פאַרגעסן ווערן, ווייל מען איז מיט אים נוהג אַ וואָכעדיקן מנהג. דאָס איז קלאָר.

## ר׳ חיים יוסף אזולאי

(געב. אין ירושלים היתפ״ו — געש. היתקס״ד)

# פון „עבודת הקודש״

### 1.

## שבת׳דיקע בגדים

אַ מענטש זאָל זיך משתדל זיין צו בייטן זיינע קליידער. „טוט אויס פון אים די קויטיקע קליידער״ — דאָס זיינען די וואָכעדיקע קליידער, און „וועל דיר אָנטאָן שיינע מלבושים״ (זכריה ג׳, ד׳) דאָס זיינען די שבת׳דיקע

פרייטיק צו-נאַכטס

ש. ראַסקין



קליידער. און ווארל איז דעם, וואָס האָט באַזונדערע בגדים אויף שבת, פון די פיס ביזן קאָפּ, וואָס טראָגט ניט אויף זיך קיין שום בגד, גרויס אָדער קליין, וואָס ער טראָגט אינדערוואָכן, און אַלץ וואָס ער טוט פריייטיק, הן די צוגרייטונג אויף שבת, און הן אין זיין וואַשן זיך און זיין אָנטאָן וכדומה, זאָל ער זאָגן מיטן מויל, אַז ער טוט דאָס לכבוד שבת.

**2.**

## אַ מענטש זאָל טאָן תשובה ביים קידוש

ער זאָל זייער מכוון זיין אין קידוש און זאָל טראַכטן פון תשובה, ווייל דאָס זאָגן פון „ויכולו״, קומט עדות צו זאָגן, אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד און גערוט אין טאָג פון שבת, און אַ רשע איז פסול צו זיין אַן עדות. דעריבער זאָל ער האָבן כוונות פון תשובה, אַז ער זאָל זיין ראוי צו זיין אַן עדות און ער זאָל „מאַכן שבת, אים צו האַלטן הייליק.״ און די חכמים ז״ל האָבן דאָס דערקלערט: זאָלסט אים געדענקען דורך זאָגן וואָס ווערן געזאָגט איבערן וויין, און אַלץ זאָל זיין מיט יראה און מיט ליבשאַפט און מיט גרויס שמחה.

**3.**

## מ׳דאַרף מצרף זיין קדושה צו קדושה

נאָך מעריב זאָל ער באַלד גיין אַהיים און מאַכן קידוש און זאָל ניט האַלטן זיך אָן מנהג פון מאַנכע מענטשן, וואָס זיצן אַ שעה אָדער צוויי מיט זייערע גוטע פריינט און חברים, אָדער זיי רעדן פון פוסטע זאַכן און דאָס גלייכן און וואַרפן אַוועק פון זיך די קדושה פון שבת. גיי ניט מיט זיי אין איין וועג און היט זיך פון זייער שטעג. זאָלסט היטן מצרף צו זיין קדושה צו קדושה, זיי ניט מפסיק צווישן דער קדושה פון מעריב צו דער קדושה פון קידוש און עסן.

**4.**

## מ׳טאָר ניט פאַרפירן קיין מחלוקת אום שבת

אין טאָג פון שבת טאָר מען ניט פאַרפירן קיין מחלוקת, צי אַריינפאַלן אין כעס, און דאָס איז אַ חטא־גמור, צוויי מאָל האַרבער ווי אינדערוואָכן. און בפרט מיט זיינע בני־בית דאַרף ער זיין אין שלום און ליבשאַפט און פריינטלעכקייט, לכבוד דער שכינה.

דער מענטש זאָל זיך באַטראַכטן, אַז אַ גאַנצע וואָך איז ער פאַרנומען מיט זיינע עסקים, זאָל ער לפחות אין טאָג פון שבת־קודש לערנען און זאָל

ניט פאַרברענגען דעם גאַנצן שבת אין שפּאַצירן־גיין, אין עסן און טרינקען און שלאָפן. און די חכמים ז״ל האָבן געזאָגט: אַז שבת און יום־טוב זיינען געגעבן געוואָרן בלויז פאַרן לימוד־התורה, און דער וואָס צע׳בטל׳ט ניט זיין צייט, האָט צייט פאַר אַלץ.

# פון סידור „אור זרוע לצדיק״

## 1.

## קבלת־שבת דורך שמחה און געזאַנג

אין ספר „תפארת הקודש״ פון ר׳ שלמה ז״ל: מחמת שבת מיינט דאָס רוען פון דער שכינה איבער אונדז, דעריבער ווערט שבת אָנגערופן מיטן נאָמען כלה און מיטן נאָמען מלכה, און צוליב דעם איז מען מקבל־שבת מיט גרויס שמחה און מיט שיינע לידער און לויבן און געזאַנג. און דאָס איז וואָס די חכמים ז״ל האָבן געזאָגט: די שכינה רוט ניט אויפן מענטשן, סיידן דורך דער שמחה של מצוה. און דעריבער זיינען מיר זייער שטאַרק געוואָרנט געוואָרן מכות שלום־בית, ווי ס׳שטייט אין בענטשן: „אַז ס׳זאָל ניט זיין קיין צרה, קיין טרויער און זיפץ אין טאָג פון אונדזער רו״. דאָס האַרץ דאַרף זיין מוכן ומזומן, אַז די שכינה זאָל אין אים רוען, אַז ס׳זאָל זיין קודש־קדשים.

ווי גוט און ליב ס׳איז דער גורל פון יענע מענטשן, וואָס דאַווענען שבת מיט שמחה און געזאַנג לכבוד גאָט־ברוך־הוא, און בפרט ביי קבלת־שבת. נאָר אַלץ דאַרף זיין פון גאָט׳ס וועגן, ווי ס׳שטייט געשריבן „איטלעך האַרץ און נירן זינגען פאַר דיין נאָמען.״ און ס׳זאָל חלילה וחס ניט זיין קיין שמחה פון צעלאָזנקייט. און ס׳איז ניטאָ גאָר קיין שיעור און ערך צו דער גרויסקייט פון דער שמחה של מצוה און בפרט דורכן טאָג פון שבת־קודש און אויף דעם שטייט אין תהלים: „מיין האַרץ און מיין לייב זינגען צום לעבעדיקן גאָט״.

## 2.

## די הכנות צום שבת

פרייטיק באַגינען דאַרף מען אָנהייבן זיך גרייטן פאַרן טאָג שבת. און דער גרויסער ירא־שמים ר׳ אברהם הלוי איז געווען דער גרויסער אַפּוטרופּוס פון שבת. פרייטיק, צוויי שעה איידער ס׳פלעגט נעמען טאָגן, פלעגט ער אַרומגיין איבער די הייזער וואָרענען די ווייבער, זיי זאָלן פאַרקנעטן דאָס טייג פאַר חלה, און ער פלעגט זיי מתרה זיין, אַז פרייטיק פאַרנאַכט, נאָענט צום שבת, זאָל ער ניט געפינען קיין געקעכטס זיך קאָכנדיק אויפן פייער. און

אַזוי פלעגט ער זיי זאָגן: איר זאָלט וויסן זיין, אַז אויב איך וועל אַזוינס ביי אייך געפינען, וועל איך אַלץ וואָס כ'וועל געפינען, אַוועקגעבן די אָרעמעלייט פון „הקדש". און די ווייבער האָבן מורא געהאַט פאַר זיין מאַכט און זיך אונטערגעשאיילט ווי וויט מעגלעך. און ס'זיינען פאַראַן עדות מכוח דעם אויבנ־דערמאָנטן ירא־שמים, אַז ער האָט געטאָן ווי ער האָט געזאָגט: פרייטיק פאַרנאַכט פלעגט ער נאָכקוקן אין אַלע הייזער, און וואו ער האָט עפּעס געזען אַזוינס שלא כדין, האָט ער צוגענומען און פאַרטיילט צווישן די אָרעמע־לייט פון הקדש.

אויך די פרוי דאַרף זיך היטן זיך אָנצוטאָן שיינע קליידער לכבוד שבת און בפרט צום ליכט־בענטשן, און ניט ווי יענע אָפּגעלאָזענע ווייבער, וואָס טוען זיך ניט אָן ביז זייערע מאַנען קומען פון שול, אָדער, ווי יענע, וואָס פּוצן זיך ערשט אויס אויף מאָרגן אינדערפרי... די מאַנען זייערע דאַרפן אָנשרייען אויף זיי און זיי וואָרענען מיט גוטן איידער זיי גייען אין שול אַריין, אַז זיי זאָלן זיי געפינען שיין אָנגעטאָן לכבוד שבת, אַזוי ס'זאָל ניט קומען צו כעס און צום קלענסטן פאַריבל אין האַרצן, ווען ער וועט צוריקקומען פון שול און זען, אַז זי איז נאָך ניט פאַרטיק מיטן אָנטאָן. און אויב זי איז ניט פאַרמעגלעך, זאָל זי זיך על־כל־פּנים איבערטאָן אין ריינע זאַכן. אויך דאַרף מען אָנזאָגן די ווייבער, זיי זאָלן זיך צופיל ניט פּוצן אפילו ווען זיי קענען דאָס באַהויפּטן, איבערהויפּט, זיך ניט פּוצן מיט זילבערנע און גילדערנע צירונגען, ווייל דאָס רופט אַרויס קנאה און שנאה מצד די פעלקער צווישן וועלכע מיר וואוינען. און יעדע פרוי זאָל זיך פּוצן ביי איר אין הויז, ווי ס'שטייט געזאָגט: „לויטער פּראַכט איז די בת־מלכה אינעווייניק, אין איר פּאַלאַץ." (תהלים מ"ה, י"ד).

3.

## פרייטיק־צו־נאַכט

נאָך מעריב זאָל זיך אַ מענטש לאַנג ניט פאַרהאַלטן, ווייל ס'איז אַ מצוה זיך מקדים צו זיין מיט קידוש, און מ'זאָל ניט טאָן ווי אייניקע נאַרישע מענטשן, וואָס שטעלן זיך אָפּ אין די גאַסן און שמועסן פון האַנדל און נאָך אַזעלכע זאַכן, און ס'איז אַפילו ניט ריכטיק פון יענע וואָס רעדן דברי־תורה, ווייל ס'איז ניט די צייט פאַר לערנען תורה און אויף אַלץ איז דאָ אַ צייט; ווען ער קומט אין הויז אַריין זאָל ער זאָגן „גוט־שבת" צו זיינע בני־בית אויפן הויכן קול, ווייל ס'איז גלייך, ווי ער וואָלט מקבל־פּנים זיין אַ כלה מיט אַ פריינטלעך פּנים און מיט גרויס שמחה, און ווער עס האָט אַ מאַמע אין שטאָט זאָל גיין און איר קושן אין האַנט יעדן פרייטיק אויף דער נאַכט.

און איך האָב געהערט אַ ריכטיקן טעם דערפאַר, וואָס אַלע אידן זיינען זיך נוהג צו בענטשן זייערע קינדער יעדן שבת און ערב יום־טוב. ווייל אינ־דערוואָכן טרעפט אַמאָל, אַז די טאַטעס און די מאַמעס שעלטן זייערע קינדער, אַמאָל פון ערגערניש, אַמאָל צוליב אַן אַנדער סיבה, ווי עס מאַכט זיך, און דעריבער, איצט, אין דער צייט פון שמחה, זיינען זיי מבטל די קללות דורך די ברכות, „און גאָט האָט פאַרוואַנדלט די קללה אין אַ ברכה", און די צייט איז גורם,, אַז אפילו דער שלעכטער מלאך זאָל ענטפערן אויף דעם: אָמן. אגב איז מען זיך נוהג צו בענטשן אויך אַנדערע מענטשן, ווי פעטערס און מומעס, זיידעס און באָבעס, אַלץ פון גרויס שמחה, צו באַווייזן אַז אין צייט פון חדוה איז קיין שלעכטס גאָר אויף דער וועלט ניט פאַראַן — נאָר אַלץ איז גוט און אַלע זיינען ליב און גוט, איינע צו די אַנדערע.

.4

## די מורא פון שבת און עונג-שבת

אין „ספר יראים" פון ר' אליעזר פון מעץ, בעל־התוספות:

א. גאָט־ברוך־הוא האָט באַפוילן, אַז דער מענטש זאָל טראָגן דאָס היטן פון שבת אין האַרצן, ווייל ס'שטייט געזאָגט: „און איר זאָלט היטן שבת". און ס'שטייט געשריבן „זאָלסט היטן דעם טאָג שבת, אים צו האַלטן הייליק", און היטן, מיינט מיטן האַרצן, ווי ס'שטייט געשריבן ביי יוסף'ן: „און זיין פאָטער האָט די זאַך געהיט אין האַרצן". (בראשית ל"ז, י"א)

ב. אַזוי ווי גאָט־ברוך־הוא האָט אָנגעזאָגט צו טראָגן אַ מורא פאַרן משכן, אַזוי האָט גאָט־ברוך־הוא אָנגעזאָגט צו האָבן אַ מורא פאַרן שבת. וואָס מיינט עס מורא פאַרן שבת? אַז אַ מענטש זאָל האָבן אין זינען אָפּצוגעבן כבוד דעם שבת, היטן שבת, און ציטערן איבער דעם — און ניט פאַרן שבת האָסטו מורא, נאָר פאַר יענעם דאַרפסטו מורא האָבן, ווער ס'האָט אָנגעזאָגט וועגן שבת.

ג. ס'איז אַ מצוה, אַז אַ מענטש זאָל האָבן תענוג אין טאָג פון שבת. און אַזוי ווי ס'איז דאָ תענוג אין עסן, אַזוי איז אויך דאָ תענוג אין דער הנאה פון גוף.

.5

## אָרעמע אורחים אויף שבת

געבן עסן אָרעמע מענטשן אויף זיין טיש, בפרט דורך שבתים, איז אַ דוגמא פון קרבנות. און מ'דאַרף דעם אָרעמען אורח געבן עסן מיט שמחה און צופרידנקייט, און בפרט, ווען אַ מענטש טראַכט, ווי דער דאָזיקער אָרעמאַן ליידט דחקות און צער אַ גאַנצע וואָך, אאַז"וו. על כל פנים, זאָל ער שבת

דערקוויקן זיין נשמה מיט גוטע מאכלים און אַ ליבן שמייכל; און געבן זאָל ער אים פון בעסטן און שענסטן, צו באַווייזן, אַז ער טוט די מצוה מיט ליב־שאַפט און פריינשאַפט און פון גאַנצן האַרצן, און ער שוינט דעם כבוד פון גאָט מער פון זיין אייגענעם כבוד; און דאָס איז די שיינקייט און פיינקייט, וואָס דער טיש איז מכפר אויפן מענטשנס זינד, ווי די חכמים ז״ל האָבן געזאָגט. אָבער ווען ער גיט עסן דעם אָרעמאַן מחמת ער האָט קיין אַנדער ברירה ניט און ער ווייזט אים ניט קיין שמייכל, גייט ער אַריין חס ושלום אין גדר פון אַ „צר־עין", און ער גיט דעם ביליקסטן חלק, און ער וואַרט נאָר, ווען וועט שוין דער אורח אַוועק פון טיש, ווייל אים גייט ניט איין דאָס עסן, ווען דער אורח זיצט אים אַנטקעגן, און ער טוט דאָס בלויז דער־פאַר, ווייל ער ווייסט, אַז מען דאַרף טאָן אַ מצוה, אָבער ניט מיטן גאַנצן האַרצן און ניט מחמת ליבשאַפט, — איז ער אַ דוגמא פון קין, וואָס האָט געבראַכט זיין קרבן פון דאָס ערגסטע און דערפאַר: האָט ער (גאָט) צו קינ'ען און זיין מתנה זיך ניט געקערט. און זע, וואָס דער רמב״ם ז״ל האָט געשריבן צום סוף פון זיינע הלכות אסורי מזבח: דער וואָס וויל זיך אַליין מזכה זיין — זאָל פאַרבויגן זיין יצר־הרע, ברייט צעעפענען זיין האַנט און ברענגען זיין קרבן פון שענסטן און בעסטן. ס'שטייט דאָך געזאָגט אין דער תורה: „און הבל האָט אויך געבראַכט פון די ערשטגעבוירענע פון זיינע שאָף — און גאָט האָט זיך געקערט צו הבל'ן און צו זיין מתנה". און דאָס אייגענע איז מיט אַלץ וואָס אַ מענטש טוט פאַר גאָט'ס נאָמען, אאַ״זוו. ער גיט אַ הונגעריקן עסן — זאָל ער אים געבן פון בעסטן און שענסטן. ווען אַ מענטש גיט אָרעמעלייט עסן אויף זיין טיש איז דאָס זיין קרבן, אַ פרידנ־אָפּפער צו גאָט, דעריבער דאַרף ער זיי געבן פון בעסטן.

## ר' אברהם דאַנציג

(דיין און מורה־דרך פון ווילנע — שווער פון ווילנער גאון, נפטר געוואָרן אין יאָר היתקע״א)

## פון „חיי אדם"

שבת־קודש איז דער גרויסער צייכן און דער בונד וואָס גאָט־ברוך־הוא האָט געגעבן אידן, און דאָס איז דער יסוד פון דער אמונה, צו וויסן, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אַ נייע, און ווי באַלד ער האָט דאָס אַלץ באַשאַפן איז ער דער האַר איבער דעם אַלץ און מיר זיינען זיינע קנעכט, און מיר זיינען מחויב צו טאָן זיין רצון מיט אונדזער גוף און נשמה און געלט — ווייל אַלץ איז זיינס. און די תורה האָט אָנגעזאָגט וועגן היטן שבת צוועלף מאָל, און די חכמים ז״ל האָבן געזאָגט, אַז דער וואָס היט אָפּ

שבת — איז ווי ער וואָלט מקיים געווען די גאַנצע תורה, און דער וואָס איז מחלל שבת — איז ווי ער וואָלט געלייקנט אין דער גאַנצער תורה. און די תורה האָט אָנגעזאָגט צו געדענקען שבת יעדן טאָג און טאָג, ווי ס׳שטייט געשריבן: „זאָלסט געדענקען דעם טאָג פון שבת״, וואָס מיינט, זאָלט תמיד געדענקען שבת, אים צו האַלטן הייליק און אים צו געבן תענוג. ווען מען ציילט די טעג פון וואָך זאָל מען זיי ציילן מיט שבת. היינו: יום א׳ בשבת, יום שני בשבת, און אַזוי אַלע טעג פון וואָך, ווייל די קדושה פון שבת ציט זיך דורך יעדן טאָג, ווייל שבת איז דער מיטלפונקט און אַלע טעג פון וואָך ציען פון אים די יניקה. די טעג א׳, ב׳, ג׳, ווערן אָנגערופן די טעג פון נאָכן שבת, ווייל זיי באַקומען זייער קדושה פון פאַרגאַנגענעם שבת און די טעג ד׳, ה׳, ו׳, ווערן אָנגערופן די טעג וואָס פאַרן שבת, ווייל זיי באַקומען שוין זייער השפעה און קדושה פון דעם קומענדיקן שבת...

ס׳איז א מצוה פאר יעדן איינעם אַליין אָנצוגרייטן עפעס אויף שבת אפילו ווען ער האָט משרתים און בפרט אין די קורצע ווינטערדיקע טעג. און איך האָב געזען פרומע יידן, גרויסע לומדים, וואָס האָבן אליין אויסגעקערט דאָס הויז אין די קורצע טעג, כדי ס׳זאָל ניט קומען צו חלול־שבת. און אַ מענטש זאָל ניט זאָגן: ס׳איז ניט לויט מיין כבוד, ווייל דאָס גופא איז זיין כבוד, וואָס ער גיט אָפּ דעם שבת כבוד.

## ר׳ משה מרדכי ששון

(רב און מקובל פון באַגדאַד, געשטאָרבן בערך היתי״ר)

## פון ספר „דבר־בעתו״

### 1.

### איינקויפן אויף שבת

אײדער אַ מענטש קויפט איין זאַכן אויף שבת זאָל ער זאָגן: לשם יחוד... איך קויף דאָס און דאָס לכבוד שבת. און דורכדעם וועט די קדושה פון שבת זיך אויסשפרייטן אויף יענער זאַך און זיין ריח וועט פון דעם אַרויס־שמעקן. און דאָס איז וואָס שטייט אין דער אגדה: מיר האָבן אַ געווירץ וואָס מען רופט אים שבת. און דאָס דערמאָנט אָן דער קדושה פון שבת אין עסן און טרינקען.

### 2.

### קיין שכר פאַר אָפּהיטן שבת

דער שבת איז משפיע אויף די שומרי־שבת מיט אַ פולער מאָס, און דער גאָטספאָרכטיקער מענטש זאָל חלילה וחס ניט האָבן בכוונה, דערפאַר באַלוינט צו ווערן, ווייל דורכדעם וועט ער אריינמישן וואַכיקייט אין קדושה.

און אויף אַזוינס ווערט געזאָגט: איר זאָלט ניט מאכן ביי מיר געטער פון זילבער און געטער פון גאָלד". (שמות כ', כ') דער אַנדייט איז: איר זאָלט ניט אַריינמישן אין אייער עבודה צו מיר קיין הנאָה פון זילבער און גאָלד.

**.3**

## עירובי-חצרות — אַ רמז אויף אידישער אייניקייט

עירובי-חצרות איז אַ רמז, אַז יידן זאָלן ניט זיין אָפּגעזונדערט איינע פון די אנדערע, נאָר זאָלן זיין פאַרקניפּט און פאַרבונדן, ווייל זיי זיינען דער רשות-היחיד פון דער וועלט און זיי מוזן זיין אין אחדות, ווי דאָס עירובי-חצרות, וואָס מ'נעמט פון איטלעך הויז, און פון אַלע הויפן ווערט איין רשות, אזוי זאָלן אלע יידן זיין איין רשות.

און ווער עס מאכט דעם עירוב, זאָל ער האָבן בכוונה יידישע אחדות און זאָל האָבן אין זינען מתקן צו זיין דאָס וואָס ער האָט עובר געווען אויפן אָנזאָג פון „דו זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך אַליין".

**.4**

## דאָס שבת'דיקע בענטשן

דאָס שבת'דיקע בענטשן איז שטאַרקער אין לויב פון בענטשן פון די וואָכעדיקע טעג — דעריבער זאָל ער דאָס זאָגן מיט א קלאָרער שפּראַך, מיט אימה און יראה און מיט אַ גרעסערער כוונה ווי אינדערוואָכן, פּונקט אַזוי ווי דאָס שבת'דיקע עסן איז באַטעמטער פון וואָכעדיקן עסן — אַזוי זאָל דאָס בענטשן, דער תענוג פאַר דער נשמה, זיין שענער פון וואָכעדיקן בענטשן.

שבת גייט די נשמה-יתירה אַרונטער פון א העכערן פּלאַץ, און האָט הנאָה פון די מאכלים פון די ניצוצות פון קדושה וואָס ס'ליגט אין זיי פאַר-באָרגן, און טראָגט די פונקן ארויף אין דער הויך, צום עולם העליון, און די דאָזיקע פונקן הויבן זיך אויף דורכן בענטשן, ווען מ'בענטש מיט כוונה.

**.5**

## דברי-תורה אין שבת'דיקער סעודה

יעדער בעל-נפש דאַרף זען, אז זיין טיש זאָל זיין פול מיט נשמה-שפּייז ד"ה מיט תורה ווערטער לכבוד שבת, יעדער איינער לויט זיין מדרגה. און דאָס איז איינער פון די צען תיקונים וואָס דאַרפן זיין ביים שבת'דיקן טיש. אַ תלמיד-חכם דאַרף איינלאַדן צו זיך איינעם וואָס קען מיט אים רעדן דברי-תורה. אויף דעם איז דאָ א רמז: „און דו זאָלסט רופן שבת א תענוג", אַ לשון פון לייענען און לערנען, אַז דו זאָלסט לייענען די תורה אין צייט פון

תענוג, וואָס ס׳מיינט די שבת׳דיקע סעודה, אז ער זאָל זאָגן דברי תורה ביים טיש, דאָס איז: „דעם הייליקן טאָג פון גאָט געערלעכט״, וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט זיך אָנצוטאָן בגדי־שבת און דאָס מיינט, געערלעכט. אַזוי ווי דו טוסט אָן דיין גוף אין ריינע קליידער אַזוי זאָלסטו אויך אים „ערלעכן״ — אים אָפּגעבן כבוד מיט לייענען ביים טיש, כדי דורך דעם צו באַצירן דיין נשמה. דעריבער זאָגט ער גלייך נאָכדעם: „דעמאָלט וועסטו זיך קוויקן מיט גאָט״.

## 6.

## שבת־צו־נאַכט

דער מנהג פון די פרומע אשכנזישע גאונים איז געווען פון זונאונטער־גאַנג ביז מעריב צו פאַרציען אין שירים און אין לויב, און זיי פלעגן טאַנצן מיט גרויס שמחה לכבוד דער מלכה שבת, זי צו באַגלייטן ביי איר אַוועקגיין ווי ביי איר קומען, ווי מען באַגעגנט און באַגלייט חתן־כלה. און מ׳דאַוונט מעריב מיט כוונה און שטאַרקייט, מיט געזאַנג און ניגון ווי אין די תפלות פון די יום־טובדיקע נעכט. און אַזוי דאַרף טאָן יעדער קלוגער מענטש אין זיין קהילה לכבוד דער מלכה און ס׳איז אַ גרויסע סגולה אויסצוראָטן אַלע בלוטיקע שונאים און זיי זיינען בטוח מיט ששון ושמחה אלע טעג פון דער וואָך, ווייל דער טאָג שבת איז דער שורש פון קדושה פון דער גאַנצער וואָך, און מחמת ער איז פול מיט שמחה און פרייד ביים שורש פון די טעג, ביים אַריינקומען פון שבת און ביי זיין אַוועקגיין — וועט דאָס אים געבן שטאַרקייט און חדוה אין די צווייגן. און די קדמונים האָבן דאָס סומך געווען אויפן פסוק: „וואָרן מיט שמחה וועט איר ארויסגיין און בשלום וועט איר געפירט ווערן״. (ישעיה נ״ה, י״ב) און ר׳ אברהם הלוי ז״ל איז געווען דער גרויסער אַפּוט־רופּוס פון שבת און ביי זיין אוועקגיין — פיל מער ווי ביי זיין אריינקומען.

## 7.

## זינגען אין טאָג פון שבת

א מענטש דאַרף זינגען פאַר השם־יתברך פאַרן דאַוונען און בפרט אין טאָג פון שבת־קודש, ווייל דאָס ליד דערוועקט דעם מענטשן און איז די סבה, אז די תפלות זאָלן אָנגענומען ווערן. דערפאַר געפינסטו, אז אומעטום וואו דוד המלך איז געווען אין אַ צרה — פלעגט ער אָנהייבן צו זינגען, ווייל ער האָט געהאַט בכוונה מעורר צו זיין דעם העכערן רצון. נאָר אַלע שירים זיינען געזאָגט געוואָרן בלויז פאַר די גאָטספאַרכטיקע און פאַר די וואָס אָפּ־פערן זיין הייליקן נאָמען. אָבער ניט יענע וואָס פאַרמישן זיך מיטן קול ביים המון־עם, צו געפינען חן ביי די צוהערער, ווייל די זיינען פאַרהאַסט און פאַר־

מיאוסט אין די אויגן פון השם יתברך און די שכינה שרייט: „זי האָט אויפגע־הייבן איר קול אויף מיר", (ירמיה י"ב, ח') „טו אָפּ פון מיר דאָס ברומען פון דיינע געזאַנגען" (עמוס ה', כ"ג) און דעריבער האָבן זיי מתקן געווען אין „נשמת כל חי" פאַר אונז צו זאָגן: אז איטלעך מויל טוט דיר דאַנקען און יעדע צונג טוט צו דיר שווערן. די כוונה דערפון איז: דאָס ליד און דאָס לויב איז בלויז פאַר דיר און ניט פאַר קיין אנדערן.

## ר' אברהם טריסקער

## פון „מגן־אברהם"

יעדער איינציקער ייד דאַרף נעמען אויף זיך אין טאָג פון שבת די דאָזיקע צוויי מידות: אמת און שלום, און ווער עס נעמט ניט אויף זיך די דאָזיקע צוויי מידות, לאָזט איבער זיך שולט זיין די מידות, וואָס זיינען זייער היפוך: שקר און מחלוקת.

שבת טראָגט אין זיך דעם סוד פון אמת און שלום. אפילו א פשוטער ייד האָט מורא שבת צו זאָגן א ליגן, ווייל ער האָט אויף זיך די אימה פון שבת און דורכדעם, וואָס דער מענטש דאַרף זיך הייליקן און אויסראַמען און ארויסטרייבן פון הארצן דאָס גאנצע שלעכטס און פאַלשקייט און דאַרף זיך האַלטן אן דער מידה פון אמת און דערפאַר וועט אים דער גאָט פון אברהם העלפן.

## מצוה - ליכט שבת - צו - נאַכט

שבת צו נאכט ווען מ'גייט פון שול איז מען זיך נוהג צו טראָגן ליכט אין די הענט צו באַלייכטן דעם וועג אהיים; און די דאָזיקע ליכט — זיינען מצוה ליכט. און אזוי האָב איך געפונען אין די פסקים פון מיין פאָטער מיין רבי'ן: מ'צינדט אָן אַ ליכט שבת צו־נאַכט פון די בית־המדרש ליכט ווען מ'גייט אהיים, ווייל דאָס הייסט א נר של מצוה. ווי מיר זאָגן אין מדרש: מיט־וואָס האָט שאול זוכה געווען צו דער מלוכה? ווייל ער האָט באַלויכטן דעם וועג פאַר זיין פאָטער דורך פינצטערע געסלעך מיט א סך ליכט. („מטה משה", דינים פון הבדלה).

## לעאָפּאָלד צונץ

### 1.

### קריאת־התורה און די שבת'דיקע דרשה

אין דער תקופה וואָס פאַרן חורבן בית־שני איז שוין דער מנהג פון לייענען די תורה יעדן שבת בצבור באַטראַכט געווען פאַר אן אַלטן מנהג פון דור־דורות.

שבת אין שבת און ראש־חודש אין ראש־חודש, ווען איטלעך לייב פלעגט קומען זיך בוקן צו גאָט אין בית־המקדש, האָט דער נביא אויך אויפ־געהויבן זיין וואָרט פאַר גאָט'ס פאָלק און זיי געשטראָפט „אין טויער פון די קינדער פון פאָלק", „וואָס דורך אים קומען אריין די מלכים פון יהודה". ווען די נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקייט איז אונטערגעגאַנגען און די מלוכה פון יהודה און ישראל איז חרוב געוואָרן — זיינען זיי אוועק אין גלות און נייע אידייען זיינען איינגעזאַפט געוואָרן אין זייערע הערצער און די שפּראַכן פון פרעמדע פעלקער — האָט זיך אָפּגעשטעלט די נבואה, נאָר גאָט'ס קול האָט ניט אויפגעהערט ארומצוגיין איבער יעקב'ס קהילות. די הערשאַפט און מלוכה זיינען פאַרביי — אָבער די תורה און דאָס לאַנד האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביים פאָלק און די ליבשאַפט פון זיי און די פאַרהייליקונג פון זיי איז כמעט נאָך גרעסער געוואָרן. אין די טעג פון שבת און יום־טוב האָט זיך דאָס פאָלק געצויגן אין זיינע בתי־מדרשים, צו פאַרשן גאָט פון דער געשריבענער ספר־תורה, דורך די רייד וואָס זיינען פאַרטייטשט געוואָרן פון די סופרים, די לע־רער, די חכמים און תנאים.

## 2.

## די שבת'דיקע תפלות לויט זייער סדר

קבלת שבת הייבט זיך אָן מיט „לכו נרננה" (די קאַפּיטלען צ"ה־צ"ט פון תהלים און נאָכדעם דער קאַפּיטל כ"ט) נאָכדעם דער פיוט פון „לכה דודי" און די מזמורים צ"ב (מזמור שיר ליום השבת) און צ"ג (ה' מלך) פון ספר תהלים. פאַראַן פלעצער וואו מען איז זיך נוהג צו לייענען „שיר־השירים" פאַר קבלת־שבת, אויך שטיקער פון „זהר" און פזמונות פון די מקובלים. די תפלה פון „שמונה־עשרה" שבת סיי פון מעריב און שחרית, סיי פון מוסף און מנחה אַנטהאַלט בלויז זיבן ברכות און ניט ניינצן. נאָך קבלת־שבת מאַכט דער חזן קידוש איבער ווין און דאַוונער קענען יוצא זיין מיטן הערן פון דעם דאַזיקן קידוש. די „פסוקי־דזמרא" פון שחרית'דיקן דאַוונען באַשטייען — חוץ די קאַפּיטלעך תהלים פון וואָכעדיקן דאַוונען — אויך פון די קאַפּיטלעך י"ט, ל"ד, צ', צ"א, קל"ה, קל"ו, ל"ב, צ"ב, צ"ג. קאַפּיטל ק' וואָס איז פאַראַן אין וואָכעדיקן דאַוונען ווערט שבת אויסגעלאָזן. נאָך דער שירה פון ים („אז ישיר") זאָגט מען די ספּעציעלע תפלה פון „נשמת כל חי". נאָך חזרת הש"ץ אין דער שחרית'דיקער תפלה עפנט מען דעם ארון קודש מיט דער ספּעציעלער תפלה פון „ויהי בנסוע" און מ'נעמט אויס צו לייענען. נאָכן לייענען קערט מען די ספר־תורה אום אין ארון (מיט דער שירה „ובנוחו יאמר") און מ'דאַוונט מוסף.

פרומע יידן פאַרברענגען די שעה'ן פון נאָכן עסן אין לערנען תורה, פאַר זיך אָדער מיט א כתה לערנער. פאַראַן שולן, וואו דער דרשן אָדער

דער באַשטימטער מגיד האלט זיין דרשה אין די פאַרנאַכטן; ווידער זיינען פאַראַן פלעצער וואו דער רב זאָגט פאַר מוסף, נאָכדעם ווי מ׳האָט צוריק אוועקגעשטעלט די רייניקייט אין היכל.

מנחה דאַווגען הייבט זיך אָן מיט „אשרי" (תהלים קמ״ה) און „ובא לציון גואל". נאָכדעם ווערן אויפגערופן דריי מענטשן און מ׳לייענט די סדרה פון דער קומענדיקער וואָך (ביז „שני") נאָך חזרת־הש״ץ זאָגט מען דריי פסוקים פון תהילים („צדקתך צדק") אחוץ אין יענע שבתים, וואָס פאַלן אויס ערב ראש־חודש, אָדער אין אנדערע טעג, ווען מ׳זאָגט ניט קיין תחנון.

אין דעם שבת־צו־נאַכטיקן דאַווגען פון שמונה־עשרה, ווערט אין דער פערטער ברכה געזאָגט א באַזונדערע תפלה („אתה חוננתנו") וועגן דעם אונטערשיד צווישן הייליקייט און וואָך און וועגן די טעג פון דער נייער וואָך, „וואָס קומען אויף אונז לשלום". נאָך שמונה־עשרה זאָגט מען דעם לעצטן פסוק פון קאַפּיטל צ׳ פון תהלים (ויהי נועם) און דאָס גאנצע קאַפּיטל צ״א „ואתה קדוש" (שבת־צו־נאַכט וואָס פאַלט אויס ערב א יום־טוב, אָדער ערב תשעה־באָב — זאָגט מען ניט „ויהי נועם" און „אתה־קדוש") און אַ ריי פסוקים פון תנ״ך („ויתן לך"; אויך די ווערן ניט געזאָגט שבת־צו־נאַכט ערב תשעה באב).

אין די אשכנזישע קהילות זינגט מען אין כאָר, פאַר קבלת־שבת, די מזמורים קמ״ד און ס״ח פון תהלים, און די ספרדים זאָגן אחוץ די אויבנדערמאָנטע — די קאַפּיטלעך צ״ה, קי״ט, ק״כ — קל״ד, ט״ז און ע״ה.

שבת אין וועלכן ס׳פאַלט אויס א יום־טוב — ווערן אין אים אָפּגעהיט אלע דינים פון שבת („יום־טוב איז ניט דוחה שבת") און אויך אין דעם סדר־תפלה ווערן אָפּגעהיט די עיקרים פון שבת. נאָך מער: א סך מנהגים פון יום־טוב, למשל, שופר־בלאָזן ראש־השנה, די מצוה פון לולב און אתרוג, און דאס גלייכן — ווערן בטל צוליב דער קדושה פון שבת. פאַראַן אויך תפלות וואָס מ׳זאָגט ניט שבת („אבינו מלכנו") און נאָך. אין שבת חול־המועד — איז דער סדר־תפלה ביז הלל ווי׳ אלע שבת (נאָר אין שמונה־עשרה זאָגט מען „יעלה ויבוא"), און אין דער מוסף׳דיקער תפילה ווי אין יום־טוב וואָס פאַלט אויס אום שבת. אין די אשכנזישע קהילות איז מען זיך נוהג צו לייענען אין די שולן די מגילה פון קוהלת (שבת חול־המועד סוכות), שיר־השירים (שבת חול־המועד פסח). קריאת־התורה שבת און יום־טוב, אָדער שבת חול־המועד איז איינגעשטעלט אויף א באַזונדערן אופן, לויטן יום־טוב נאָך. שבת אין וועלכן ס׳פאַלט אויס ראש־השנה — זאָגט מען האלב־הלל, אין שמונה־עשרה ווערט צוגעלייגט „יעלה ויבוא" און אין מוסף ווערט געזאָגט „אתה יצרת" (אַנשטאָט „תכנת שבת").

די שבת׳דיקע משפחה צערעמאָניע צייכנט זיך אויס מיט איר טראַדיציאָנעלן גייסט, אָנהייבנדיק מיט ליכט־בענטשן און ענדיקנדיק מיט די

אומעטיקע ניגונים פון זמירות, מיט וועלכע מ׳באַגלייט דער מלכה שבת פאַר הבדלה.

דער טאַטע, ווען ער קומט צוריק פון שול נאָכן קבלת־שבת, בענטשט זיינע זין מיט דער ברכה „ישימך אלהים כאפרים וכמנשה" (טעכטער — „ישימך אלהים כשרה, רבקה, רחל ולאה") און מיט דער ברכת כוהנים.

שבת — עסט מען דריי סעודות (איינע פרייטיק־צו־נאַכט און צוויי דורכן טאָג) דער פאָטער מאַכט קידוש פרייטיק־צו־נאַכט: הייבט אָן מיט „ויכולו", מאַכט אַ ברכה אויף וויין (אָדער איבער חלה) און פאַרענדיקט מיט דער ברכה פון קידוש־השבת. דער קידוש פון שבת׳דיקן טאָג (נאָך דער תפלה פון מוסף) הייבט זיך אָן מיט „ושמרו", מיט דער פערטער דברה וועגן שבת און ווערט פאַרענדיקט מיט „בורא פרי הגפן".

דורך די שבת׳דיקע סעודות „זיינען די אשכנזים זיך נוהג צו זינגען זמירות. (אין אָוונט — „כל מקדש", „מנוחה ושמחה, „יה רבון עולם" און אַנדערע; אינדערפרי — „ברוך ה׳ יום יום", און דאָס גלייכן). אין בענטשן גייען אריין צוויי באַזונדערע תפילות לכבוד שבת („רצה והחליצנו" „הרחמן"). שבת־צו־נאַכט מאַכט מען הבדלה פאַר אַ ליכט, און מען מאַכט אַ ברכה אויף בשמים און אויף וויין, אָדער אויף אַן אַנדער משקה. דער סדר פון הבדלה איז: יבנה: יין, בשמים, נר, הבדלה. אין אַ יום־טוב וואָס פאַלט אויס אום שבת־צו־נאַכט איז דער סדר פון קידוש: יקנה"ז: יין, קידוש, נר, הבדלה, זמן. נאָך הבדלה זינגט מען פאַרשידענע ניגונים („המבדיל" און אַנדערע). אַנדערע מאַכן אַ ספּעציעלע סעודה אַרויסצובאַגלייטן די מלכה־שבת („מלוה־מלכה").

(פון דער רוסיש־יידישער ענציקלאָפּעדיע)

## ר׳ יצחק בער לעווינזאָן

# פון „זרובבל"

## וועגן שבת

א. די שבת׳דיקע תפילות, וואָס די חכמי המשנה האָבן איינגעשטעלט, קומען מיט גרויסע הוספות און ענדערונגען איבער די וואָכעדיקע תפילות. אין די דאָזיקע שבת׳דיקע תפילות געפינען זיך טייערע און פּראַכטיקע לויבן און שבחים, וואָס זיינען מעורר דעם מענטשן צו גאָט׳ס אהבה און יראה. דאָס דאָזיקע שבת׳דיקע דאַווענען אין שול מיט דער קריאת־התורה און הפטורה, וואָס הייבט זיך אָן אין פרימאָרגן — ציט זיך אומגעפער צוויי־דריי שעה

(מסכת סופרים פרק כ״ח, הלכה ד׳). ערב שבת פאַרנאַכט קומען זיך אַלע צו־נויף אין די שולן און מ׳דאַוונט אומגעפּער א שעה און א האלבס, טייערע און וואונדערלעכע תפילות און מזמורים פון תהלים. און אויך אינמיטן עסן פון אָוונט און אין דער פרי און צווייטן אָוונט זינגט מען זמירות צו לויבן דעם באשעפער, וואָס וועקן דעם מענטשן צו יראה און אהבה, און דעם מיין פון די אלע תפילות בכלל און די ברכות און לויבן — האָבן אונז שוין די חכמי־התלמוד געלערנט אין מסכת אבות און אין מסכת ברכות, אז ניט דאָס וואָרט איז דער עיקר אין דאַוונען — נייערט די כוונה פון הארצן...

ב. ס׳איז אַ חוב אויף יעדן אידן (ווי ס׳ווערט דערקלערט אין גמרא ברכות) צו לייענען יעדן שבת די סדרה פון וואָך צוויי מאָל פּסוק און איין מאָל תרגום, אויב ער האָט דורך דער וואָך ניט געלייענט. דאָס רוב יידן פון אונזער צייט לייענען דוקא שבת, ווייל זיי זיינען דורך דער וואָך פאַרנומען. הייסט עס, אַז יעדער איד לייענט איבער דעם גאַנצן חומש דורכן יאָר צוויי מאָל אין לשון־קודש און איין מאָל אין תרגום־לשון, און איינמאָל הערט ער דעם בעל־קריאה לייענען שבת אין שול.

ג. ווי אזוי דער מענטש דאַרף זיך נוהג זיין שבת אינדערפרי נאָכן עסן וועלן מיר דאָ ברייננען די רייד פון תלמוד־ירושלמי: „נאָך דער פרי־מאָרגעדיקער סעודה (פון שבת) דאַרף מען באַשטימען א צייט צו לייענען די נביאים און דרש׳ען די אגדות״. און דער „מגן אברהם״ ז״ל שרייבט: „אָט דאָס דרשנ׳ען (וואָס ווערט דערמאָנט דאָ אין ירושלמי) מיינט: לערנען דאָס כּאָלק גאָט׳ס חוקים און אריינברייננען די יראה פאר גאָט אין זייערע הערצער״.

און נאָך שטייט דאָרט אין תלמוד־ירושלמי: „מ׳טאָר ניט באַשטימען אין יענער שעה קיין צייט פאַרן עסן (אין דער אויבנדערמאָנטער שעה) און פּועלים און באַלעבאַטים וואָס גיבן זיך ניט אָפּ מיטן למוד־התורה דורך דער וואָך, זיינען שבת מחוייב צו לערנען תורה, מער פון — לומדים, וואָס לערנען א גאנצע וואָך. די תלמידי־חכמים זאָלן פאַרברענגען מער מיט עסן און מיט טרינקען, ווייל זיי האָבן תענוג פון זייער למוד א גאנצע וואָך״.

אויך דאָס רוב ווייבער זיצן און לייענען (שבת נאָכן עסן) די סדרה אויף דער גערעדטער שפּראַך אומעטום וואו אידן וואוינען, און זיי לייענען אויך אנדערע ספרים, ספרים פון מידות און מוסר, וואָס זיינען געשריבן אויף דער גערעדטער שפּראַך.

אויך איז מען זיך נוהג בכל תפוצות ישראל, דערוואקסענע מענטשן און קליינוואַרג ווי אויך די מערסטע ווייבער, צו לייענען יעדן שבת פאר מנחה — זומער, א פרק פון „פרקי אבות״ (וואָס איז פול מיט וויסן און פאר־שטאנד און מוסר־השכל) און ווינטער, דאָס קאַפּיטל „ברכי נפשי״ און די ט״ו שיר המעלות׳ן פון תהלים. די פּרשה פון „ברכי נפשי״, איז פול מיט גאָט׳ס

ברכה פון מעשה־בראשית און די השגחה פון גאָט ברוך הוא אויף זיינע באַשעפענישן, וואָס ער האָט באַשאפן.

און מיר האָבן קיינמאָל ניט געזען און ניט געהערט פון אַ אידיש הויז, וואו מאנספאַרשוינען און ווייבער, בחורים און מיידלעך, זאָלן זיך צענויפקומען אין כנופיות אין די שיינקען, וואו מען פארקויפט בראָנפן, און זיך אָנטרינקען און שפרינגען ווי די ציגנבעק, ווי אנדערע, ניט אונזעריקע, זיינען זיך נוהג צו טאָן.

דער וואָס פאַרטיפט זיך אין תנ״ך מיט אַ סדר, וועט זען קלאָר, וואָס קלערער קען ניט זיין, אַז די נביאים האָבן מעורר געווען דעם פאָלק ישראל וועגן קדושה פון שבת, מער ווי וועגן אלע אנדערע מצוות מעשיות פון דער תורה (ווי וועגן מזוזה, סוכה, פסח און דאס גלייכן) האלטן שבת כהלכה, איז די גרעסטע פון אלע מצוות; ווייל שבת איז דער יסוד פון דער תורה, און דער עיקר׳דיקער יסוד אין דער נייקייט פון דער וועלט, וואָס מיינט, די מציאות פון גאָט און זיין השגחה, אַז ער איז איינער און ניטאָ קיין אנדערער. דעריבער — איז דער מענטש וואָס היט אָפּ שבת כהלכה, אַן עדות אויף דער נייקייט פון דער וועלט און אויף גאָט, אאז״וו, און ער לייקנט אין עבודה־זרה און אפילו אַז ער איז אמאָל געווען אַ געצנדינער, איז מען אים אלץ מוחל צוליב דעם זכות, וואָס ער היט אָפּ שבת. און דאָס איז וואָס ר׳ יוחנן האָט געמיינט: אפילו ער האָט געדינט עבודה־זרה ווי אנוש, איז מען אים מוחל, ווייל ער היט שבת.

## אזהרות וועגן היטן שבת אין פאַרשידענע צוואות

א. די צוואה פון ר׳ יהודה אבן־תבון (געבאָרן אין גראַנאַדע אַרום יאָר תת״ף פון פינפטן טויזנט):

מאַך אַ באַשטימטע צייט צו לערנען ביי דיר אין הויז תנ״ך און דקדוק אין שבתים און ימים־טובים. אין משלי און בן־משלי (ר׳ שמואל הנגיד׳ס א ווערק: בן־משלי.) מיין זון, איך בעט דיך, אַז דו זאָלסט יעדן שבת אריינקוקן אין דער פרשה פון די קינדער פון יונדב בן רכב, כדי דו זאָלסט זיין פאַרזיכטיק אָפּצוהיטן מיינע בקשות.

(צוואות גאוני ישראל, פילדלפיה, תרפ״ז)

ב. צוואה פון ר׳ יעקב בן הרא״ש צו זיינע קינדער:

יעדע טרחה וואָס דו טוסט זיך מיען אין ערד־ארבעט מיט אַקערן און זייהען, איז כדי ארויסצוציען פון דער ערד פירות, און דאָס אייגענע, אלץ וואָס דער מענטש מיט זיך פאַרן גוף איז כדי אויפצוהאַלטן זיין נשמה;

די פרוכט פון זיינע אלע טעגלעכע מעשים — איז די צייט פון תפלה, און די פרוכט פון אלע זיינע מעשים פון דער וואָך — איז דער טאָג שבת.

(גידעמאַן „התורה והחיים")

ג. צוואה פון ר' אליעזר בן שמואל הלוי:

איך בעט, אז מיינע זין און טעכטער זאָלן אָפּהיטן די דאָזיקע זאכן: יעדן ערב־שבת זאָלן זיי זיין פּאַרזיכטיק צו מאכן שבת, ווען ס'איז נאָך גרוי־סער טאָג. אָנצינדן ליכט אין ווינטער־צייט, אויסהייצן די אויוונס ווען דער טאָג איז נאָך גרויס, אַז זיי זאָלן ניט מחלל־שבת זיין. די ווייבער זאָלן צוגרייטן שיינע ליכט לכבוד שבת. אין יום־טובים און שבתים זאָלט איר האָבן אָרעמע מענטשן און יתומים ביי אייער טיש, כדי דאָס זאָל זיין אַ שמחה של מצוה.

(דאָרט, זייטן 218—219)

ד. צוואה פון ר' שלמה בן־הקדוש ר' יצחק בן צדוק, פון פּראָוואַנס, אין פערצנטן אָדער פופצנטן יאָרהונדערט:

דאָס זיינען די גדרים וואָס איך, שלמה בן הקדוש ר' יצחק בן צדוק, זצ"ל, האָב אויף זיך גוזר געווען: אז איך זאָל מאכן יעדן שבת שלוש־סעודות מיט חלה אָדער פּירות און אויב איך וועל אויף דעם עובר זיין — זאָל איך געבן אַ האלבן גילדן אויף צדקה. און איך זאָל ניט טרינקען מער פון צוויי כוסות וויין ביים עסן, אחוץ אין שבתים און יום־טובים. און נאָך: איך זאָל ערב־שבת ניט עסן קיין שווערע סעודה. איך זאָל ניט עסן מער ווי איין מאכל ביי יענעם עסן... און דאָס איז דער נוסח פון מיין צוואה, וואָס איך זאָג אָן מיין זון שלמה'ן, אַז ער זאָל אָפּהיטן. אַז ער זאָל שבת מאכן שלש־סעודות אויב ער קען מיט חלה, און אויב ניט — מיט פּירות. על־כל־פּנים, זאָלסטו לייענען יעדן שבת די פּרשה פון וואָך און דו זאָלסט האָבן אַ גוט־קאָרעגירטן חומש.

(„צוואות גאוני ישראל")

ה. דעם בעל־שם־טוב'ס צוואה:

אָפּצוהיטן שבת כהלכה, מיט אלע פּרטים און דקדוקים — און אַ סימן דערפאַר איז: „תשב אנוש עד דכא". ת' ש' ב' — זיינען די אותיות פון שבת. און די חכמים האָבן געדרשנט: אפילו ווען ער איז אַ געצנדינער ווי דער דור פון אנוש — איז מען אים דערפאַר מוחל זיינע זינד.

(„דרכי־חיים" לר' חיים ישעיה הכהן)

מ'דאַרף באמת תשובה טאָן אויף די יוגנטלעכע זינד און יעדן ערב שבת־קודש טיילן צדקה, זיין אויף די גאַנצע נאַכט פון פרייטיק אויף שבת

און לערנען תנ"ך, משנה, גמרא, זהר, ראשית־חכמה, תקונים, עין־יעקב, שולחן־ערוך אורח חיים, שולחן ערוך יורה דעה.

(לקוטי תורה מהצדיק ר' מרדכי מטשרנוביל)

ו. צוואה פון ר' אברהם דאַנציג, מחבר פון „חיי אדם":

און נאָכן דאַוונען איז גוט און וואויל, אויב ס'איז מעגלעך, צו לערנען תיכף ומיד א פרק משניות, נייערט, מ'זאָל זיך ניט איילן. על־כל־פנים, איך בין גוזר בגזירת כבוד אב, צו לערנען יעדן טאָג נאָכן דאַוונען אביסל אין דער דאָזיקער צוואָה און דעם קורצן ספר הלכות שבת, וואָס וועט אָנגערופן „זכרו תורת משה" — ביז איר זאָלט אים קענען אויף אויסנווייניק, און דאַן קענט איר לערנען אַן אנדער שעור, וואָס איז ניט אָנגעהאנגען אַן צייט. על־כל־פנים, ניט ווייניקער פון צוויי חדשים צייט זאָלט איר זיך איינחזר'ן מיין דאָזיקן קונטרס, אָבער דעם קונטרס פון די שבת'דיקע הלכות זאָלט איר חזר'ן תמיד.

(„בית אברהם")

ז. צוואה פון מקובל ר' אלכסנדר זיסקינד פון האָראָדנע, דער מחבר פון „יסוד ושורש העבודה":

ווען איך פלעג מיך אָנטאָן פרייטיק פאר מנחה די שבת'דיקע בגדים, פלעג איך אָפּגעבן א גרויסן דאנק מיט גרויס שמחה מיטן פולן מויל צו גאָט ברוך הוא בזה הלשון: מיין יוצר ובורא, געבענטשט זאָל זיין דיין נאָמען, איך גיב דיר אָפּ א לויב, דערפאר, וואָס דו האָסט מיר געגעבן חשובע בגדים לכבוד שבת, ניט ווערדליק מיינע מעשים טובים, נייערט, לויט דיין גרויס רחמים און דיינע גרויסע חסדים.

(ז. טז")

ח. צוואה פון גאון ר' יעקב פון ליסע, געשטאָרבן אין ה'תקצ"ב:

... און איר זאָלט ניט לאָזן די קליינע קינדער צווישן די גרויסע מחמת דער דור, בעוונותינו הרבים, איז צולאָזן און זיי לערנען זיך אָפּ אלע נארישקייטן און שמוץ. בפרט דורך די שבתים און יום־טובים, זאָלט איר השגחה געבן מער ווי דורך אלע אנדערע טעג, אז זיי זאָלן זיך ניט חבר'ן מיט צעלאָזענע ייִנגלעך, און איר זאָלט אָנזאָגן וועגן דעם זייערע מלמדים.

(„אוסף לתולדות החנוך")

# ספעציעלע שבתים

## 1.

## „שבת־הגדול"

א. שבת פאר פסח ווערט אָנגערופן דער „גרויסער שבת", ווייל דער פופצנטער ניסן, ווען די אידן זיינען אַרויס פון מצרים איז אויסגעפאַלן אויפן פינפטן טאָג אין וואָך, ווי מיר געפינען אין „סדר־עולם". דאָס אָנגרייטן פון קרבן־פסח אויפן צענטן פון חודש, דעם שבת פון פאר פסח — האָבן די יידן געזאָגט: „זע, אז מיר וועלן שלאכטן די אומווירדיקייט פון די מצרים פאר זייערע אויגן — צי וועלן זיי אונדז ניט פאַרשטיינען? „האָט גאָט ברוך הוא געזאָגט צו די אידן: איצט וועט איר זען דעם וואונדער וואָס איך וועל פאַר אייך מאַכן. זיינען זיי געגאַנגען יעדער איינער און אָנגעגרייט זייער קרבן־פסח פארן פערצנטן, און ווען די מצרים האָבן דאָס דערזען — האָבן זיי געוואָלט נעמען דערפאר נקמה, האָט מען זיי געברענט און געשניטן און ס'האָט זיי גאָרניט געשאָדט. און דערפאר, וואָס אין יענעם שבת זיינען מיט די יידן געשען א סך ניסים — דעריבער ווערט ער אָנגערופן „שבת הגדול". דער מחבר פון „שבלי־הלקט" ברענגט אן אנדער טעם דערפאר, ווייל דער עולם זיצט שפעט אין שול אין דאָזיקן שבת, צו הערן דעם רב'ס דרשה, ווען ער דרשנט ביז האלבן טאָג נאָענט צו מנחה, אאז"וו. און ער זעט אויס ביי זיי אין די אויגן ווי א גרויסער לאנגער טאָג, און דאָס אייגענע רופן מיר דעם טאָג פון יום־כפור — א גרויסער תענית. און דער מחבר פון „אבודרהם" זאָגט, אז ס'ווערט אָנגערופן „שבת הגדול" דערפאר, ווייל אין יענעם טאָג, דעם צענטן ניסן, זיינען זיי אָנגעזאָגט געוואָרן אויפן ערשטן געבאָט, און יידן זיינען אַריינגעקומען אין מצוות.

ערב שבת הגדול פלעגט מען זיך נוהג זיין אויסצובאקן א גרויסע חלה, וואָס פלעגט הייסן דעם אָרעמאַנ'ס חלה, אָדער, די שול־חלה, און מען פלעגט זי פאַרטיילן צווישן אָרעמעלייט און זינט מען האָט אָפּגעשאַפן דעם מנהג איז אריין א קללה אין דער תבואה פון פעלד. (אין נאָמען פון רא"ש) פאראַן פלעצער, וואו מען איז זיך נוהג צו נעמען שבת־הגדול די סעודה פון עירוב און דאָס פאַרטיילן צו אָרעמע מענטשן, אָבער ס'איז ניט רעכט אזוי צו טאָן, ווייל זיי וועלן יענעם שבת בלייבן אָן אן עירוב. („מטה משה") שבת־הגדול ווערט געזאָגט פיוט אין די תפילות פון שחרית און מוסף, אין וועלכע ס'געפינען זיך די דינים פון פסח, און נאָכמיטיק זאָגט מען די הגדה של פסח פון „עבדים היינו" ביז „לכפר על כל עוונותינו", און מ'הערט אויף זאָגן „ברכי־נפשי".

דער מנהג אין אלע יידישע קהילות איז, אז דער רב האלט א דרשה שבת־הגדול, צו באקענען דעם עולם מיט די דינים פון כשר'ן כלים און ווי

זיך אָפּצוהיטן פון חמץ בפּסח און די אנדערע דינים פון יום־טוב. און אויב דער שבת־הגדול פאַלט אויס דעם טאָג פון ערב־פּסח — האַלט ער די דרשה מיט אַ שבת פריער. אַמאָל פלעגט מען דרשנ׳ען דרייסיק טעג פאַר פּסח, און אין ספר „הרוקח" ברענגט ער אַ ראיה פון משה רבינו, וואָס ער האָט געזאָגט „דער דאָזיקער חודש פאַר אייך", הייסט עס, אַ גאַנצער חודש. אין די צייטן פון די גאונים פלעגט דער ראש־הישיבה דרשנ׳ען פאַר זיינע תלמידים אין חודש אדר און אין חודש אלול, וואָס פלעגן הייסן „די טעג פון דער כלה" און היינט איז מען סומך די דרשות פאַר שבת־הגדול און שבת־תשובה.

(י. ד. אייזנשטאַדט, פון ספר „אוצר דינים ומנהגים")

ב. דרייסיק טעג פאַר פּסח דרשנט מען וועגן די דינים פון פּסח און איצט בעוונותינו הרבים אין אונזער גלות האָט זיך געשטאַרקט דאָס פאַר־געסן, און מען איז זיך נוהג יוצא צו זיין מיט איין דרשה, און דאָס איז איינער פון די טעמים, וואָס יענער שבת ווערט אָנגערופן שבת־הגדול, ווי מיר רופן יום־כפּור אַ גרויסן תענית. אין יענעם שבת זיינען מיר מאריך אין דאַווענען און אזוי זיינען מיר אויך מאריך מיט דרשות, ווייל די דינים פון פּסח זיינען פיל און הארב.

ג. איך האָב געהערט פון שר וגאון מוהר"ר פּתחיה: דורך אנדערע שבתים מעג יעדער איינער דרשנ׳ען, ווייל זיי זיינען ניט פאַרבונדן און ווערן ניט געדרשנט מיט דינים, אָבער אין דאָזיקן שבת דרשנט מען די דינים פון פּסח, און דעריבער דאַרף דער גדול פון שטאָט דרשנ׳ען, כדי צו וואָרענען דעם עולם אויף די דינים וואָס האָבן אַ שייכות מיטן פאַר פּסח און פּסח גופא, דעריבער ווערט דער שבת אָנגערופן שבת־הגדול.

ד. איך האָב געפונען אין אַ סדור פון שבועות אַן אַלטן כתב־יד, מנהג קאָרפו, אויפן ערשטן בלאַט אויפגעשריבן: סדר „לשבת הגדול" של שבועות. זוכנדיק אין אויבנדערמאָנטן סדור האָב איך געפונען געשריבן: דעם שבת פאַר שבועות איז מען זיך דאָ נוהג צו רופן „שבת־הגדול", ווי דעם שבת־הגדול פון פאַר פּסח, צוליב דעם גרויסן נס וואָס איז אין אים געשען. דער טעם פאַר אונזער מנהג איז, וואָס מ׳האָט אין יענעם שבת אויסגערופן וועגן דער תורה וואָס וועט געגעבן ווערן שבועות, און וואָס איז גרעסער פון כהונה און מלכות — דעריבער איז מען אין דאָזיקן שבת זיך נוהג צו זאָגן יוצרות און רשות, ווי אין שבת־הגדול של פּסח.

(כתר שב טוב, להרב ר׳ שם־טוב גאגין)

ה. די שבתים פון פאַר פּסח, שבועות, ראש־השנה, סוכות — ווערן אָנגערופן שבת־הגדול.

(עלבאָגען, תולדות התפלה)

## .2

# „שבת־תשובה"

שבת־תשובה ווערט אָנגערופן אזוי אויפן נאָמען פון דער הפטורה: שובה ישראל (הושע י"ד) און אויך דערפאַר, ווייל א גרויסער עיקר און יסוד פאַר תשובה — איז אָפּצוהיטן שבת כהלכה אויך דורכן גאַנצן יאָר, ווי אונ־זערע חכמים האָבן געזאָגט: דער וואָס היט אָפּ שבת, אפילו ווען ער איז א געצנדינער ווי אין דור פון אנוש — איז מען אים מוחל. און דעריבער רופט מען יענעם שבת — „שבת תשובה". דערפאַר דאַרף א מענטש זיין זייער פאַרזיכטיק אָפּצוהיטן שבת מיט אלע פּרטים און דקדוקים — דאַן איז מען אים מוחל פאַר אלע זינד וואָס ער איז באַגאַנגען דורך אלע שבתים פון יאָר זינט ער איז געבוירן געוואָרן. און דערפאַר האָט שוין אויך אפילו דער גרוי־סער עולם אָנגענומען דעם מנהג פון גיין יענעם שבת אין מקוה זיך צו רייניקן פאַרן דאַווענען, הגם א גאַנץ יאָר זיינען זיי אין דעם ניט אָפּגעהיט. און באַלד נאָך דעם שחרית'דיקן אָנבייסן גייען זיי אין שול אריין הערן דעם רב'ס דרשה, וואו ער איז מעורר דעם עולם צו תשובה און צו פאַרבעסערן זייערע מעשים. און מיר זאָגן אין „מדרש רבה": ווען דער תלמיד־חכם זיצט און דרשנט און דער עולם הערט זיך צו מיט כוונה — איז גאָט ברוך הוא מכפר אויף אלע זייערע זינד.

(„דרך החכמה")

## .3

# „שבת־חזון"

דער שבת פאַר תשעה־באב ווערט אָנגערופן שבת־חזון אויפן נאָמען פון דער הפטורה: „חזון ישעיהו". און מען איז זיך נוהג, אז דער רב פון שטאָדט ווערט שבת־חזון אויפגערופן צו דער הפטורה, ווייל ער ווייסט, ווי מקונן צו זיין.

(„אוצר דינים ומנהגים")

## .4

# „שבת־שירה"

שבת־שירה פאַלט אויס אין סדרה בשלח, וואו ס'איז פאַראַן די שירה פון ים, וואָס ווערט געלייענט שבת פאַרן פופצנטן שבט, אָדער שבת דעם פופצנטן. שבת־שירה איז מען זיך נוהג צו וואַרפן גרויפּן און קאַשע פאַר פייגלען און עופות, מחמת אין דער סדרה בשלח געפינט זיך די פּרשה פון מן און ס'איז פאַראַן אין ילקוט אויפן פסוק: „און עס איז געווען אויפן זיבעטן

טאָג, זיינען פון פאָלק אַרויסגעגאַנגען קלייבן, אָבער זיי האָבן ניט געפונען." (שמות ט"ז, כ"ז) איז דאָך אַ קשיה: ער האָט באַדאַרפט שרייבן, אַז ס'איז ניט געווען, אַז ס'איז לכתחילה ניט געווען — נאָר דתן ואבירם זיינען שטילער־הייט שבת אינדערפרי אַרויס מחוץ למחנה און צעוואָרפן דאָס מן וואָס זיי האָבן געהאַט ביי זיך פון פריער, כדי פאַלש צו מאַכן משה'ס רייד, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז אויפן זיבעטן טאָג וועט קיין מן ניט זיין. נאָר די מענטשן וואָס זיינען אַרויס קלייבן האָבן ניט געפונען, ווייל די פויגלען האָבן דאָס אויפגעפּיקט איידער זיי זיינען געקומען. דעריבער גיט מען זיי אָפּ זייער שכר אין שבת־שירה, ווען מ'לייענט די פרשה פון מן. („מנהגי ישורון") אַן אַנדער טעם איז, צו באַווייזן, אַז גאָט ברוך הוא האָט געשפּייזט די יידן אין מדבר אָן מי און מאַטערניש, ווי די פויגלען און עופות, וואָס געפינען אַר־מעטום זייער עסן.

(אוצר דינים ומנהגים")

# פערטער קאַפּיטל

## ר׳ יהודה הלוי

# פון ספר־הכוזרי

### א.

דער כלל איז, אז אונזער תורה איז איינגעטיילט צווישן יראָה, ליבשאַפט און שמחה; זאָלסט זיך דערנענטערן צו גאָט אין יעדער איינער פון זיי, און דיין זיך פּייניקן אין טעג פון תענית איז ניט נעענטער צו גאָט ווי דיין שמחה אין די טעג פון שבתים און יום־טובים, אויב דיין שמחה וועט זיין מיט כוונה און מיטן גאנצן הארצן. און אזוי ווי תפלה דאַרף האָבן דיין פולן געדאַנק און כוונה, אזוי דאַרף די שמחה מיט זיין געבאָט און זיין תורה האָבן דיין געדאנק און כוונה, אז דו זאָלסט זיך פרייען מיט דער מצוה גופא, צוליב דיין ליבשאפט צו דעם מצוה־געבער, אז דו זאָלסט דורך זיי באַנעמען, אז דאָס איז פון דיין טובה וועגן, און זאָלסט דאנקן דערפאַר פון טיפן הארצן און ווי דו וואָלסט אַריינגעקומען אין זיין אַכסניה, פאַרבעטן צו זיין טיש און גוטסקייט, און זאָלסט דאַנקען דערפאַר פון טיפן האַרצן און דורך אַלע דיינע מעשים. און אויב די שמחה אין דיר וועט אריבערגיין אין געזאַנג און טאַנץ איז דאָס אויך עבודה און דבקות צו גאָט. און די זאכן האָט די תורה ניט געלאָזן אָפן — נאָר זיי זיינען אלע דורך גאָט׳ס געבאָט, ווייל מענטשן זיינען ניט ביכולת צו מאכן גייסטיקע און פיזישע תיקונים, און ווי גרויס דער שיעור דאַרף זיין פאַר רו און באַוועגונג. און גאָט ברוך הוא האָט משער געווען, וויפיל די ערד קען ארויסגעבן ביז זי וועט רוען אין יאָר פון שמיטה און פון יובל, נאָכדעם ווי ס׳וועט פון דעם געגעבן ווערן מעשר, אאז״וו. און ער האָט אָנגעזאָגט וועגן רו פון שבת און רו פון יום־טובים און רו פון דער ערד און דאָס אלץ איז א זכר פון יציאת־מצרים און א זכרון פון מעשה־בראשית. דאָס אָפּהיטן שבת, אין דעם גופא גיט שוין דער מענטש צו אז ס׳איז פאראן א וועלט־באַשעפער, ווייל דער וואָס נעמט אויף זיך די מצוה פון שבת, ווייל מיטן שבת איז פאַרגעקומען די פאַרענדיקונג פון מעשה־בראשית, האָט דאָך שוין מודה געווען אין דער בייקיט פון דער וועלט גאָר אָן ספק, און דער וואָס איז מודה אין איר בייקייט איז מודה אין דעם וועלט־באשעפער, יתברך; און יענער וואָס האָט ניט אָנגענומען די מצוה פאלט אריין אין צווייפל, אז די וועלט איז פון אייביק אָן, און זיין אמונה אין בורא עולם איז ניט ריין. וויבאלד אזוי, איז דאָס היטן פון שבת דערנענטערט צו גאָט מערער פון פרישות און נזירות.

(מאמר שני, נ׳)

ב.

... און די פרוכט פון דער וואָך איז דער טאָג פון שבת, ווייל ער איז באשטימט אז דער מענטש זאָל זיך באַהעפטן אין אים צו גאָט און זיין עבודה דאַרף זיין דורך שמחה און ניט דורך פייניקונג. דורכן פאַרלויף פון דער וואָך האָבן זיך אָנגעקליבן איבעריקע זאכן, וואָס פאַרפינצטערן די נשמה און מ׳קען זיי אַנדערש ניט ריייניקן ווי מיט דער עבודה צו גאָט און דאָס רוען פון גוף אום שבת און דאַן וועט דער גוף באַקומען כוחות אין שבת. דאָס וואָס ס׳האָט אים אויסגעפעלט אין די זעקס טעג און ער וועט זיין געלייטערט פאַר דער צו־קונפט; און אויך די נשמה וועט געדיינקען וואָס עס פעלט איר ווען דער גוף איז אין אַרבעט, ווי זי וואָלט אין יענעם טאָג זיך אויסגעהיילט פון א פריער־דיקער קראַנקהייט און זי גרייט זיך צו ווידערשטיין א קראַנקייט דורך דער קומענדיקער וואָך.

(מאמר שלישי, ה׳)

# שבת און יום־טוב האָבן אויפגעהאַלטן אידן אויף דער וועלט

ג

זאָגט דער חבר: און דאָס אייגענע מיט אנדערע ענינים, וואָס קיין אומה פון די אומות־העולם קען זיך צו אונז ניט גלייכן. דו זעסט דאָך, אז זיי האָבן אוועקגעשטעלט אַ טאָג פאַר רו אַנשטאָט דעם טאָג פון שבת — קענען זיי זיך צו אים גלייכן? ס׳איז בלויז ווי ס׳קען זיך גלייכן א צורה פון א געמעלעכץ צו דער צורה פון א לעבעדיקן מענטשן.

זאָגט דער כוזרי: כ׳האָב שוין זיך פאַרטראַכט אין אייער ענין און גע־זען, אַז ס׳איז א געטליכער סוד פאַראַן אין דעם וואָס ער האַלט אייך אויף, און אַז שבת און יום־טוב איז די גרעסטע סבה פאַרוואָס איר זענט געבליבן ביי אייער געשטאַלט און שיינעם אויסזען; ווייל די פעלקער וואָלטן זיך צו־טיילט מיט אייך און וואָלטן אייך גענומען פאַר קנעכט צוליב אייער שכל און קלאָרן פאַרשטאַנד. זיי וואָלטן אייך צוגענומען פאַר זעלנער, ווען ניט פאַר יענע טעג, וואָס איר היט זיי אָפּ אַ שטרענגע אָפּהיטונג, ווייל זיי קומען פון גאָט און פון שטאַרקע סבות, ווי זכר למעשה בראשית, זכר ליציאת מצרים, זכר למתן־תורה — און די אלע זיינען געטלעכע ענינים און ווען ניט זיי וואָלט קיינער פון אייך זיך ניט אָנגעטאָן קיין ריין בגד, און איר וואָלט ניט צוזאַמענגעקומען און די שולן לזכר פון אייער תורה — צוליב אייער גייסטיקער געפאַלנקייט פון שטענדיקן גלות. ווען ניט זיי וואָלט איר ניט געהאַט קיין הנאה אַפילו

איין טאָג אין אייערע לאַנגע יאָרן; איר האָט שוין געהאַט ביז איצט אַ זעקסט חלק פון אייערע יאָרן האָט איר שוין געהאַט מנוחת הגוף און מנוחת־הנפש, און די מלכים קענען גאָרנישט ניט טאָן מיט דעם. און ווען ניט זיי (יענע טעג) וואָלט אייער גאַנצע מי געווען פאַר פרעמדע, ווייל ס׳איז אַלעמאָל אויסגעשטעלט אויף רויב. און אויב אַזוי זיינען אייערע הוצאות אויף שבת און יום־טוב אייער פאַרדינסט אויף דער וועלט און אויך אויף יענער וועלט ווייל די הוצאות זיינען לשם שמים.

(דאָרטן, ט׳־י׳)

# אַנטקעגן די קאַראַאימען

## ד

זאָגט דער חבר: אין אַט דעם פשוטן ספר פון משה׳ן כדי צו וויסן ווי אַזוי די ווערטער זאָלן געלייענט ווערן און ווי אַזוי צו מאַכן זאַצן באַדאַרפן מיר אָנקומען צו אַ סך מדרגות פון מסורה, ווי ס׳זאָל זיין דער ניקוד, דער אַק־צענט, דאָס שליסן פון זאַץ און מסורה; היינט וויפיל מיר דאַרפן שוין אָנקומען צו דער מסורה ווען ס׳האַנדלט זיך צו פאַרשטיין די ענינים און זייער אויס־טייטשונג. דו קענסט זען פון דעם (ווי מיר מוזן אָנקומען צו מסורה) פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט: „דער דאָזיקער חודש איז דער הויפּט פון די חדשים" (שמות י״ב, ב׳) האָט דאָס פאָלק ניט געהאַט קיין ספקות, צי ער מיינט צו זאָגן די מאָנאַטן לויט דער צייטרעכענונג פון די מצרים, צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט, אָדער די חדשים פון די כאַלדעער, וואָס זיינען געווען מיט אברהם׳ן אין אור־כשדים. איך וואָלט געוואָלט, אַז די קאַראַאימען זאָלן מיר געבן אַ צופרידנשטעלנדיקן ענטפער אויף דעם און דאָס גלייכן — און איך וועל מיך באַקערן צו זייער מיינונג. און איך וואָלט וועלן, אַז זיי זאָלן מיר געבן דעם גבול פון „קיין מאַן זאָל ניט אַרויסגיין פון זיין פּלאַץ אין טאָג פון שבת", צי דאָס איז זיין הויז, זיין הויף, אָדער זיין רשות און אויב ער האָט אַ סך הויפן, אָדער זיין געסל, אָדער זיין שכונה, אָדער זיין פאַרשטאָדט, ווייל אין וואָרט „פּלאַץ" קען מען אַלץ איינטייטשן און נאָך מער פון דעם. און איך וואָלט געוואָלט, זיי זאָלן מיר באַווייזן דעם גדר פון דער אַרבעט וואָס איז פאַרבאָטן צו טאָן אום שבת און פאַרוואָס טאָר מען ניט נעמען דאָס פעדער און טינטער מגיה צו זיין אַן אות אין דער תורה און ס׳איז דערלויבט מטלטל צו זיין אַ גרויסן ספר און אַ טיש און אַנדערע מאכלים און אַ סעודה פאַר אורחים... און ווי אַזוי האַנדלען זיי מיט די מצוות, וואָס זיינען דוחה איינע די אַנדערע, ווי מילה מיט שבת און פסח מיט שבת — וואָס איז דוחה דאָס אַנדערע?

(דאָרטן, ל״ה)

# ר׳ משה בן־מיימון (רמב״ם)

# פון „מורה־נבוכים״

## 1.

## די צוויי טעמים פאַר דער מצוה שבת

די תורה פון שבת איז זייער א שטרענגע און דער האר פון די נביאים (משה) האָט געלאָזן טייטן פאר חלול־שבת. און אין די עשרת־הדברות איז זי די דריטע לויט איר באַדייט אין דער מציאות פון גאָט און צו דערווייטערן יעדער צווייאיקייט אין געטלעכקייט. דאָס איז באוואוסט, אז אידייען אָן מעשים, וואָס זאָלן זיי באַקאַנט מאַכן און מפרסם זיין אויף אייביק צום המון — קענען זיך ניט האלטן, און דעריבער האָט אונז די תורה אָנגעזאָגט וועגן דער גרויסקייט פון דעם דאָזיקן טאָג, ווייל דורך דעם ווערט אויפגעהאַלטן דער יסוד פון דער נייקייט פון דער וועלט און ס׳ווערט באַקאַנט און פעסט־געשטעלט, אז ווען מענטשן האלטן שבת אַלע אין איין טאָג און ווען מ׳וועט זיך נאָכפרעגן אויף דער סיבה דערפון, וועט זיין דער ענטפער, אַז „זעקס טעג האָט גאָט באַשאַפן״, אאַז״וו אאַז״וו. אָבער אַחוץ דער דאָזיקער סיבה איז פאַראַן נאָך אַ צווייטע סיבה, און זי איז דערקלערט אין משנה־תורה, ווייל דאָרט שטייט געזאָגט: „און דו זאָלסט געדענקען, אַז דו ביסט געווען אַ קנעכט, דעריבער האָט גאָט דיין האַר דיר באַפוילן צו מאַכן דעם טאָג שבת״. (דברים ה׳ ט״ו) די ערשטע סיבה פון נייקייט פון דער וועלט שליסט איין אַלע מענטשן — איז געקומען די תורה און מוסיף געווען, אַז שבת האָט אַ באַזונדערן ווערט פאַר די קינדער פון ישראל און איז נאָכמער געגעבן געוואָרן צו זיי צוליב דעם טעם, וואָס זיי זיינען געווען קנעכט אין לאנד מצרים, וואָס האָבן געאַרבעט ניט מיט זייער אייגענעם רצון, און האָבן ניט געקענט רוען, ווען זיי האָבן געוואָלט; איז געקומען דאָס באפעל פון שבת און רו, וואָס נעמט צונויףביידע ענינים, און דאָס זיינען: די נייקייט פון דער וועלט, וואָס לערנט וועגן דער מציאות־השם אין אָנהייב פון געדאַנק, און דאָס דערמאָנען גאָט׳ס חסדים מיט אונז, ווען ער האָט אונז ארויסגעצויגן פון דער לאַסט פון די מצרים. און דער ענין שבת אַנטהאַלט אין זיך דעם העכסטן גייסטיקן געדאַנק און אויך דעם חסד פון פאָלקס מאַטעריעל לעבן.

(מורה־נבוכים חלק ב׳ פרק ל״א)

### .2

## אַ טאָג פון רו

דער ענין פון שבת, א חוץ וואָס ער האלט אַן שטענדיק און באַשטעטיקט דאָס גלויבן אין דער נייקייט פון דער וועלט — איז אויך חשוב מצד פון דער רו גופא, אז א זיבענט חלק פון מענטשנס לעבן זאָל פארבראַכט ווערן אין רו און הנאה, זיך אָפּצורוען פון דער מי און האָרעוואַניע, וואָס סיי גרויס, סיי קליין קענען זיך פון דעם ניט אַרויסמאַכן.

(דאָרטן, חלק ג׳ פרק מ״ג)

# ר׳ אברהם אבן־עזרא

### .1

## די קדושה פון שבת

גאָט האָט געהייליקט דעם דאָזיקן טאָג און אים באַשטימט, אַז אַ מענטש זאָל אין אים באַקומען מער חכמה ווי אין די אנדערע טעג, דעריבער שטייט געשריבן: „גאָט האָט געבענטשט״... מיר האבן געזען, אז דאָס יאָר פון שמיטה איז געגליכן צו שבת, ווייל דאָס איז אויך דאָס זיבעטע פון יאָרן, און גאָט האָט באַפוילן מען זאָל לייענען די תורה אין אָנהייב יאָר פאַר די מענער, ווייבער און קינדער און דער טעם איז, „כדי זיי זאָלן הערן און כדי זיי זאָלן לערנען און אָפּהיטן״. נון, דער שבת איז געגעבן געוואָרן, כדי צו פארשטיין גאָט׳ס מעשים און זיך צו פארטיפן אין זיין תורה און אזוי שטייט געשריבן „דו האָסט מיך דערפרייט, גאָט, מיט דיין ווערק״. (תהלים צ״ב, ו׳) אלע טעג פון דער וואָך פארנעמט זיך דער מענטש מיט זיינע באַדערפענישן, אָבער אין דעם טאָג דאַרף א מענטש זיך אָפּזונדערן און רוען צוליב דעם כבוד פון גאָט׳ס נאָמען און ער זאָל זיך ניט פארנעמען צו ריידן פון זיינע באַדערפענישן און אָפילו ניט זיך האַלטן אַן עצה וואָס צו טאָן. און אַזוי זאָגט דער נביא: „ניט צו געפינען דיר אַן עסק, אָדער אָפּרעדן אַ זאַך״. און ס׳איז געווען ביי אידן אַ מנהג צו גיין אויף שבת צו די נביאים, ווי ס׳שטייט אין פסוק: „פארוואָס גייסטו צו אים היינט, ס׳איז ניט ראש־חודש און ניט שבת״. (מלכים ב׳ כ״ג) און כ׳האָב שוין דערמאָנט, אז דער וואָס טוט אַן ארבעט אום שבת לייקנט אין מעשה־בראשית, ס׳פארלייקנט בלויז ניט גאָט׳ס נאָמען. נון, ס׳איז ניט קיין ספק אַז דאָס וואָרט „דו״ נעמט אין זיך אריין יעדן איינעם וואָס איז א בן־מצוה, דעריבער איז דאָס רוען פון דיין קליינעם זון אָדער טאָכטער חל אויף דיר, און דו ביסט מחויב זיי צו היטן, אז זיי זאָלן ניט טאָן עפּעס וואָס דו טאָרסט ניט טאָן. און אויך דאָס אייגענע מיט דיין קנעכט און דיין דינסט.

וואָס זיינען אין דיין רשות, דו ביסט מחויב זיי צו היטן און זיי ניט לאָזן אַר־בעטן פאַר אַנדערע, ווארום אויב ניט ביסטו עובר אויף דער מצוה פון לאַ־תעשה: „כדי דיין קנעכט און דיין דינסט זאָלן רוען ווי דו". (דברים ה׳ י״ד) און מיט דעם תנאי מעג דער פרעמדער וואוינען אין דיינע טויערן, אַז ער זאָל ניט טאָן קיין ארבעט אום שבת און יום־כפור דעריבער שטייט צום צווייטן מאָל „דער פרעמדער"... און מיר זעען ביי ירמיה׳ן, אַז ער איז זייער שטארק מחמיר אין דער מצוה פון שבת און ער זאָגט בפירוש, אַז הגם ס׳איז ארויס דער גזר אויף ירושלים חרוב צו ווערן, אָבער אויב יידן וועלן אָפּהיטן שבת ווי זיי זיינען אָנגעזאָגט געוואָרן, — וועלן זיי ניט פארטריבן ווערן פון זייער פּלאַץ און אין ירושלים וועלן שטיין די שטולן פון מלכות בית־דוד.

(פרשה יתרו)

## 2.

## דאָס אָפּהיטן שבת איז חל אויף קליינע קינדער

וועגן פרשה קדושים, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „איר זאָלט איטליכער האָבן אָפּשיי פאַר זיין מוטער און זיין פאָטער און מיינע שבתים זאָלט איר היטן". די מוטער קומט פארן פאָטער, ווייל דאָס קינד דערקענט צוערשט זיין מוטער, נאָכדעם זיין פאָטער, און ערשט דערנאָך דעם שבת, ווייל ס׳איז א מצוה פארן קינד צו היטן שבת, וואָס ס׳איז ניט אַזוי מיט אַנדערע יום־טובים, און נאָכדעם זאָל ער דערקענען זיין גאָט, וואָס האָט גערוט אויפן זיבעטן טאָג. און ער זאָגט „איר זאָלט האָבן אָפּשיי", אין לשון־רבים, אַז די צוקוקער זיינען מחויב אים צו לערנען און אים צו צווינגען דערצו, און דאָס אייגענע מיטן אָפּהיטן שבת.

(ויקרא י״ט, ג׳)

## ר׳ שמואל בן־מאיר (רשב״ם)

## פון זיין פירוש אויף דער תורה

„זעקס טעג זאָלסטו ארבעטן און אויפן זיבעטן זאָלסטו רוען; אפילו אין אַקערצייט און שניטצייט זאָלסטו רוען". דאָס מיינט, ערד ארבעט, ווי ס׳שטייט געשריבן: „אַז דו וועסט באַארבעטן די ערד" (בראשית ד׳ י״ב), „דער וואָס באַארבעט זיין ערד האָט ברויט צו זאַט". אין אַקערצייט און שניטצייט זאָלסטו רוען — אַן ארבעט וואָס איז חשוב און זיס ביי מענטשן, טאָ ווער רעדט שוין פון אַנדערע ארבעטן.

דעריבער האָט גאָט געבענטשט דעם טאָג פון שבת. ווייל, ווען דער טאָג פון שבת איז געקומען האָט שוין גאָט ברוך הוא געהאַט באַשאַפן אַלע

באדערפעגישן פון מענטשן און זייער עסן — פון דעם געפינסטו אויס, אז דער שבת איז געבענטשט מיט אלעם גוטן. און דעריבער, האָט ער אים געהיי־ליקט אין רו, עדות צו זאָגן אויף גאָט ברוך הוא, אז קודם האָט ער אַלצדינג באַשאפן און נאָכדעם גערוט.

„איר זאָלט ניט אָנצינדן קיין פייער". ווייל ביי די יום־טובים שטייט געשריבן: „נאָר וואָס דאַרף געגעסן ווערן פון איטלעכן מענטשן, דאָס אליין מעג צוגעגרייט ווערן ביי אייך". און דאָרט איז דערלויבט געוואָרן אָנצוצינדן פייער אויף צום קאָכן און באַקן, אָבער וועגן שבת שטייט געשריבן: וואָס איר ווילט באקן — באַקט — ווען ס'איז נאָך טאָג — „און וואָס איר ווילט קאָכן קאָכט". דאָס איז אַן הזהרה, אז שבת זאָלט איר ניט אָנצינדן קיין פייער אויף צו מאַכן עסן, שוין אָפּגערעדט פון טאָן אַנדערע ארבעטן, וואָס זיינען פאַר־באָטן אפילו אום יום־טוב.

## ר׳ משה בן נחמן (רמב"ן)

# פון זיין פירוש אויף דער תורה

„און ער האָט געבענטשט און געהייליקט": ער האָט אים געבענטשט מיט מן און אים געהייליקט מיט מן. און אין נאָמען פון רב סעדיה גאון האָט מען געזאָגט, אז די בענטשונג און הייליקונג גייט אויף די היטער פון שבת, אז זיי זאָלן זיין געבענטשט און געהייליקט. און ר׳ אברהם אבן־עזרא האָט געזאָגט אז די ברכה איז א גוטער צוגאָב, אז דער גוף זאָל באַנייט ווערן מיט פרישע כחות, און די נשמה מיט חכמה און שכל. „און ער האָט אים געהייליקט" — ער האָט ניט געטאָן אין אים קיין ארבעט ווי אין די אנדערע טעג. און דער אמת איז, אז די ברכה אין טאָג פון שבת איז דער קוואַל פון אלע ברכות און דער יסוד פון דער וועלט. און ער האָט אים געהייליקט, אז ער זאָל ציען יניקה פון דער הייליקייט. און אויב איר פאַרשטייט מיינע ווערטער אז דער טאָג שבת האָט ניט קיין בן־זוג, און וואָס זיי האָבן ווייטער געזאָגט, אז די כנסת־ישראל וועט זיין זיין בן־זוג. און איר וועט באגרייפן, אז שבת איז באמת פאראן א נשמה־יתירה.

## טאָג אין טאָג דאַרף מען זיך דערמאָנען אָן שבת

און על פי פשט האָט מען געזאָגט, אז ער האָט אָנגעזאָגט, אז מיר זאָלן תמיד, יעדן טאָג, געדיינקען דעם טאָג שבת. ווייל ווען מיר וועלן אים געדיינקען תמיד, וועלן מיר אויך זיך דערמאָנען אָן מעשה־בראשית און מיר וועלן זיין עדות אין יעדער צייט, אז די וועלט האָט א באשעפער, און ער האָט אונז באַפוילן מיטן דאָזיקן צייכן, ווי ער האָט געזאָגט: „אז דאָס איז א צייכן צווישן

מיר און צווישן אייך״. (שמות ל״א, י״ג) און דער טעם אים צו הייליקן, אז אונזער געדענקען אים זאָל זיין הייליק ביי אונז אין די אויגן, ווי ער האָט געזאָגט: „און וועסט רופן שבת א תענוג, דעם הייליקן טאָג פון גאָט, גע־ערלעכט״. (ישעיה נ״ח, י״ג) און דעם טעם פארוואָס מיר זאָלן האָבן די רו פאר די אויגן איז, ווייל ס׳איז א הייליקער טאָג זיך צו באפרייען אין אים פון אלע געשעפטלעכע געדאנקען פון דער וואָך און געבן דער נשמה א תענוג צו גיין אין גאָט׳ס וועגן, גיין צו די חכמים און די נביאים צו הערן גאָט׳ס וואָרט, ווי ס׳שטייט געזאָגט: „פאַרוואָס גייסטו צו אים היינט, ס׳איז ניט ראש־חודש און ניט שבת״. און דאָס איז דער טעם פארוואָס די בהמה דארף אויך רוען, אז מיר זאָלן וועגן איר ניט האָבן קיין מחשבה און דעריבער האָבן די חכמים ז״ל געזאָגט, אז שבת איז וואָגיק אַנטקעגן אלע אנדערע מצוות פון דער תורה, ווייל דורך אים זאָגן מיר עדות אויף אלע עיקרים פון דער אמונה, אויף דער נייקייט פון דער וועלט, אויף גאָט׳ס השגחה און אויף נבואה.

## ר׳ דוד קמחי (רד״ק)

# פון זיין פירוש אויף דער תורה

„און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און אים געהייליקט״.

„געבענטשט״ — ברכה מיינט א פארמערונג פון גוטס, און צום טאָג שבת ווערט צוגעגעבן א גייסטיקע גוטסקייט, ווייל די נשמה געפינט רו אין דאָזיקן טאָג פון אלע געשעפטן פון עולם הזה און קאָן זיך אָפּגעבן מיט חכמה און גאָטס וואָרט, און גאָט האָט אים געבענטשט און געהייליקט, ווען ער האָט אָנגעזאָגט די יידן צו רוען אין אים און אים צו האלטן הייליק. „און ער האָט אים געהייליקט״ — אַז ער זאָל זיין הייליק און אָפּגעשיידט פון די אַנדערע טעג, ווייל די קינדער פון ישראל רוען אין דאָזיקן טאָג, און דאָס איז דער צייכן צווישן זיי און צווישן גאָט, ווייל זיי זיינען הייליק ווען זיי היטן שבת, וואָס איז אַן עדות אויף דער נייקייט פון דער וועלט און צו לאָזן וויסן דער גאַנצער וועלט, אז די וועלט איז ניט קיין קדמון, אז גאָט ברוך הוא האָט ניי־באשאפן אין זעקס טעג און גערוט אויפן זיבעטן טאָג. מ׳זאָגט אויך, אז אין ים איז פאראַנען א פיש, וואָס שווימט ניט אום שבת און ער רוט דעם גאנצן טאָג נאָענט צו דער יבשה אָדער א פעלזן, און די חכמים ז״ל זאָגן אויפן טייך שבתיון (סנהדרין פ״ה) אז דורך די זעקס טעג פון וואָך ציט ער ארויס שטיי־נער און זאַמד און דורכן טאָג פון שבת, רוט ער, דעריבער רופט מען אים שבתיון. אזוי האָט גאָט ברוך הוא געמאַכט א צייכן אין זיינע שאפונגען אויפן טאָג שבת, אז די וועלט זאָל דורך אים וויסן וועגן דער נייקייט פון דער וועלט.

## ר׳ שלמה בן־אדרת (רשב״א)

# שבת איז די וועלט פאַרפולקאָמט געוואָרן

דו ווייסט דאָך, אז הגם דער בורא יתברך האָט געקענט באשאפן די וועלט דורך איין זאָג, אָבער די חכמה זיינע האָט מחייב געווען זי צו באשאפן אין זעקס טעג און די וועלט איז ניט געווען פול ביזן זיבעטן טאָג און אויפן זיבעטן טאָג איז די וועלט ערשט פול געוואָרן, דעריבער איז ער געוואָרן געבענטשט, ווי ס׳שטייט געשריבן: „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג״. דאָס איז געווען דער ערשטער טאָג, ווען די וועלט איז געבענטשט און פאַרפולט געוואָרן. דאָס וואָרט „ברכה״ מיינט צוגאָב און פאַרמערונג, פון לשון „און ער וועט בענטשן דיין ברויט און דיינע וואַסערן״. ווייל אין יענעם טאָג איז געווען א פאַרפילונג און פאַרמערונג, מערער ווי אין די ערשטע טעג, ווען די וועלט איז נאָך ניט געווען פול, און דעריבער איז ער געהייליקט געוואָרן, ווייל ער איז געשטאַנען אויף דערגאַנצונג און פאַרפילונג און איז ראוי, אז גאָט ברוך הוא זאָל מאכן רוען אויף אים זיין כבוד און פראַכט, דעם סוד פון זיין פולן נאָמען אויף א פולער וועלט. און ער האָט דאָס געזאָגט: „און ער האָט גערוט אויפן זיבעטן טאָג, דעריבער האָט גאָט געבענטשט דעם טאָג פון שבת און אים געהייליקט״. „ער האָט גערוט״ פון לשון „און ס׳האָט אויף זיי גערוט דער גייסט״. און די טעג פון וועלט־באַשאַף זיינען געוואָרן א יסוד און א דוגמא פאר אלע קומענדיקע טעג פון דער וועלט, אז יעדער טאָג זאָל ווירקן פאר גאנצע דורות, לויט דער פעולה וואָס איז אין אים אָפּגעטאָן געוואָרן אין די ערשטע זיבן טעג. און דאָס איז, וואָס ר׳ שמעון בן לקיש זאָגט, אז ערב־שבת גיט מען אין מענטשן אריין א נשמה־יתירה. און דער מיין איז, אז ער זאָל געפינען אין זיין נשמה פאַרמערונג, גאַנצקייט און תענוג, ווי אין יענעם ערשטן טאָג און צוליב יענעם ערשטן טאָג — חזרט זיך אלץ דאָס איבער. און דאָס איז, וואָס שטייט געזאָגט „שבת וינפש״, פון לשון נפש און ברכה. ער מיינט צו זאָגן, אז דעמאָלט איז באשאפן געוואָרן די נשמה פון דער וועלט.

## ר׳ בחיי בן־אשר

### 1.

# די מצוה פון ליכט־בענטשן

וועגן פסוק: „אַזוי זאָלסטו זאָגן צום הויז פון יעקב״ (שמות י״ט, ג׳) — דאָס זיינען די פרויען. די גוטע פרוי איז א הילף צו דער תורה, ווייל זי קען אריינציען איר קינד אין בית־המדרש, מחמת זי איז תמיד אין דער היים און זי גיסט אויס אויפן קינד איר גאַנצע ליבשאַפט און בענקשאַפט, כדי אים

אריינצוציען אין למוד־התורה פון קינדהייט אָן, און אפילו ווען ער איז אלט נויגט ער זיך פון דעם ניט אָפּ. און דעריבער דארף די פרוי טאָן תפלה צו גאָט ברוך הוא ביים ליכט־בענטשן, ווייל עס ליגט אויף איר די מצוה, אז גאָט זאָל איר געבן קינדער וואָס זאָלן לויכטן אין דער תורה, ווייל דאָס גע־בעט וועט בעסער דערהערט ווערן ביים טאָן די מצוה, און אין זכות פון די שבת־ליכט וועט זי זוכה זיין צו קינדער בעלי־תורה, ווייל תורה ווערט אָנגע־רופן ליכט, ווי ס'שטייט געזאָגט: „דאָס געבאָט איז א ליכט און די תורה א ליכטיקייט". (משלי ו', כ"ג) און אזוי האָבן געזאָגט די חכמים ז"ל: דער וואָס זיין געוואוינהייט איז אָנצינדן ליכט וועט האָבן קינדער תלמידי־חכמים.

## 2.

# עונג שבת

און צוליב דער קדושה פון טאָג שבת — האָט דער נביא אים אָנגערופן „עונג", ד. ה. גייסטיקע פארגעניגן, ווייל די אויפגעקלערטע און גאָטספאָרכ־טיקע האָבן אין טאָג א גייסטיקן תענוג און זייער נשמה האָט א געדאַנקלעכע הנאָה.

## 3.

# די מצוה פון שבת על פי דרך השכל

און על פי שכל וועגן דער מצוה פון שבת: ס'איז באַקאַנט, אז די דאָ־זיקע חומר'דיקע וועלט פירט זיך דורך ליכט און פינצטערניש, נאַכט און טאָג, כדי ניט צו פארמאַטערן מענטשן אין אייביקער מי, און דעריבער איז דער טאָג געגעבן פאַר אַרבעט, ווייל אין אים גייט דער מענטש אַרויס צו זיין מי און ארבעט ביזקל אָוונט, און די נאַכט איז פאר רו און שלאָף, ווייל מענטשן דארפן זיך אָפּרוען און זיי דארפן שלאָפן, וואָס ס'איז א נאַטירלעכע זאַך ביי מענטשן, ווייל ס'איז ניטאָ קיין איין קערפּערליכער בעל־חי אויף דער וועלט וואָס זאָל ניט שלאָפן, מחמת אָן שלאָף קען ער קיין קיום ניט האָבן. און ווען די וועלט וואָלט זיך געפירט בלויז אין ליכטיקייט, וואָלט דעם מענ־טשנס מי געווען א שטענדיקע און די וועלט וואָלט קיין קיום ניט געקענט האָבן. אזוי איז די מצוה פון שבת — כדי ניט צו פארמאַטערן מענטשן דורך שטענדיקער מי דורך אלע טעג, נאָר זיי זאָלן האָבן איין רו־טאָג דורך דער וואָך, וואָס זיי זאָלן זיך אָפּרוען פון אלע ארבעטן און פון פיזישער מי און דערפון וועט א זיבעטל פון מענטשנס לעבן זיין אין רואיקייט און שטילקייט. און פארוואָס איז דאָס דער זיבעטער טאָג און ניט דער פינפטער אָדער דער זעקסטער? ווייל זיבן איז דער מיטלסטער אומקרייז און א סך מצוות פון דער תורה דרייען זיך ארום דעם ראָד פונ'ם דאָזיקן צאָל. און הגם דעם שבת האָבן

יברכך ה׳ וישמרך　　　　　　　　　　　מ. אָפּענהײם



מיר בקבלה און די יסודות פון תורה און אמונה זיינען אויף אים געבויט — קען מען אָבער אויך גלויבן אין אים על פי דרך השכל.

## 4.

## דינען גאָט אינדערוואָכן און אום שבת

„זעקס טעג זאָלסטו ארבעטן און טאָן גאָר דיין ארבעט" (שמות כ׳ ח׳). אלע זעקס טעג קען מען דינען גאָט ברוך הוא ווען דו טוסט דיין ארבעט, אזוי ווי די אבות, וואָס האָבן געדינט גאָט ווען זיי האָבן געארבעט ארום זייערע בהמות און אנדערע קערפערלעכע ארבעטן. אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת, איז אין גאנצן צו גאָט דיין האַר, אין אים זאָלסטו כלל ניט טאָן קיין ארבעט. דאָס האָב איך געהערט אין נאָמען פון רמב״ם ז״ל.

## 5.

## „שמור" — פאַרן שבת און נאָכן שבת

„און איר זאָלט היטן דעם שבת". נאָכדעם ווי ער האָט דערמאָנט, מיי־נע שבתים זאָלט איר היטן — האָט ער נאָכאמאָל איבערגעחזרט „און איר זאָלט היטן דעם שבת", כדי אָנצודייטן אויפן היטן פון נאָכן שבת און אויפן היטן פון ערב־שבת. דאָס היטן פון פאַרן שבת, ווען ס׳איז נאָך טאָג, און דאָס היטן פון נאָכן שבת, אז מ׳זאָל צוגעבן פון דער וואָך צום שבת.

## 6.

## שבת על פי פשט און על פי קבלה

„צו מאַכן שבת" (שמות ל״א, ט״ז). על דרך הפשט: צוצוגרייטן אַלץ וואָס מ׳באַדאַרף אויף שבת, פון לשון: „און ער האָט געאיילט אים צוצוגרייטן". (בראשית י״ח, ז׳) און דער מיין פון פסוק איז: א מענטש זאָל אָפּהיטן דעם כבוד פון שבת, זיך אָפּצוהיטן פון יעדער ארבעט, און זיך מיען אָנצוגרייטן אַלץ אויף שבת, כדי צו האָבן א פיינעם חלק אויף שבת. און דאָס איז וואָס דער נביא האָט געזאָגט: „און דו זאָלסט רופן שבת א תענוג", פון לשון „גע־רופענע", ס׳הייסט, זאָלסט אים איינלאַדן און זיך פאַרברענגען מיט אים, ווי א מענטש וואָס פאַרבעט צו זיך א גאַסט. און על פי קבלה: „מאַכן שבת" — דער וואָס היט אָפּ שבת אונטן, איז ווי ער וואָלט אים מאַכן אויבן. און דער מיין איז: אז דער וואָס איז מקיים די מצוה פון שבת אויף דער ערד איז אן עדות, אז ער איז מודה און גלויבט אין דעם עיקר און יסוד וואָס איז איינגעקריצט אין הימל. און יענער וואָס איז מבטל שבת, איז ווי ער וואָלט מבטל געווען דעם אויבערשטן שבת, און דערפון איז די דערמאָנונג „צו מאַכן". אייגנט־

לעך האָט דער פסוק באַדאַרפט זאָגן „צו היטן שבת" — נאָר זיין כוונה איז געווען אים צו פאַרגלייכן צום שבת של מעלה.

**7.**

## די נייקייט פון דער וועלט

„צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל איז דאָס א צייכן אויף אייביק". מ׳קען אויסטייטשן, אז דאָס וואָרט „אייביק", מיינט, אז שבת איז א צייכן און א סימן אויף דער נייקייט פון דער וועלט און דעריבער האָט ער ווייטער אויסגעטייטשט: ווי אזוי איז דאָס א סימן אויף דער נייקייט פון דער וועלט? אז זעקס טעג האָט גאָט באשאפן דעם הימל און די ערד.

**8.**

## אָנצינדן פייער איז כולל אין זיך אַלע אַרבעטן

און ער האָט אָנגעזאָגט פאַר אלע דורות: „איר זאָלט ניט אָנצינדן קיין פייער אין אַלע אייערע וואוינערטער אין טאָג פון שבת". ס׳איז, ווי ער וואָלט געזאָגט: איר זאָלט ניט טאָן קיין ארבעט אין אלע אייערע וואוינערטער. און ער האָט כולל געווען אַלע ארבעטן אין דער ארבעט פון מאכן פייער, ווייל, ווי באקאנט, די מערסטע ארבעטן וואָס מענטשן טוען נעמען זיך דורך פייער, ווייל פייער איז זייער סבה און עיקר. און דעריבער האָבן אונזערע חכמים ז״ל, מתקן געווען אין דער הבדלה שבת־צו־נאַכט, וואָס דאָס איז די התחלה פון מעגן טאָן אן אַרבעט, צו מאכן א ברכה אויף פייער, „בורא מאורי האש", ווייל פייער איז דער אָנהייב פון דער ארבעט אין מעשה־בראשית, און אזוי ווי ס׳שטייט געשריבן ביים ערשטן טאָג: „זאָל זיין ליכט!".

# ר׳ יצחק עראמה

## פון „עקידת־יצחק"

**1.**

## דאָס כנסת־ישראל איז דער בן־זוג פון שבת

שבת האָט געזאָגט פאר גאָט ברוך הוא: פאר יעדן איינעם האָסטו צו־געפּאַסט א פּאָר און מיר האָסטו קיין בן־זוג ניט געגעבן. האָט ער צו אים געזאָגט: דאָס כנסת־ישראל וועט זיין דיר א פּאָר. דאָס איז וואָס ס׳שטייט געשריבן: „געדענק דעם טאָג פון שבת, אים צו האלטן הייליק". און דאָס איז, ווייל אלץ וואָס גאָט ברוך הוא האָט באשאפן אין זיין וועלט — האָט ער באַ־שאפן זכר און נקבה; איך מיין צו זאָגן, ס׳זאָל זיין די סבה און מסובב, אָדער,

א באווירקער און באווירקטער. און ווייל דאָס רוען פון שבת איז די אָפּוועזנהייט פון יעדער טאָט און בטול פון אַלע מעשים — וועט אויסזען, אַז דער גאַנצער ענין פון דער וועזנטלעכקייט פון שבת איז זייער שוואַך, ווייל דאָס רוען האָט ניט אין זיך עפּעס אַזוינס פון כח וואָס קען באווירקט ווערן, שוין אָפּגערעדט פון א ווירקנדיקן כח. און דעריבער איז די טענה פון שבת געווען זייער א שטאַרקע, ווי ער וואָלט זיך געקלאָגט אויף דער שוואַכקייט פון זיין עקזיסטענץ און געזאָגט: צו אַלע וואָס געפינען זיך אויף דער וועלט איז געגעבן געוואָרן די ווירקזאַמע קראַפט צו מאַכן עפּעס א שלימות׳דיקע זאַך, אָדער, אויב ס׳איז א זאַך וואָס קאָן באווירקט ווערן, אַז זי זאָל די דאָזיקע באווירקונג אַרויסברענגען אל הפועל, און מיר, ניט גענוג, וואָס דו האָסט מיך ניט באַשאַפן צו זיין א באווירקער — דו האָסט מיר אפילו קיין בן־זוג ניט געגעבן, וואָס זאָל עפּעס אַרויסברענגען אל הפועל, און איך זיץ בטל איינער אַליין. דער ענטפער, אַז דאָס כנסת־ישראל וועט זיין דיין בן־זוג, ס׳הייסט, אויפן כנסת־ישראל ליגט דער חוב אויפצוהיטן דעם שבת און זיין רו, אַז ס׳זאָל זיין ניט בלויז בטול און רו אַליין, און ס׳זאָל אויך זיין אין דעם טאָט און ווירקונג, ווי ער זאָגט בפירוש: „און די קינדער פון ישראל זאָלן היטן שבת צו מאַכן שבת״ — אויך דאָס כנסת־ישראל וועט זיך איינשאַפן פון דער דאָזיקער רו דאָס וואונדערלעכע וויסן, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן ניי, נאָכדעם, ווי זי איז כלל ניט געווען במציאות. דאָס איז וואָס ס׳שטייט געשריבן: „געדענק דעם טאָג שבת, אים צו האַלטן הייליק״, ווען ער קומט אריין און דורכן המשך פון טאָג מיט תפלה, מיט תורה און מיט תענוג אין גאָט, ווייל דורך דעם געפינסטו, אַז דער שבת האָט א בן־זוג, וואָס באווירקט אים.

## .2

# געדענקען און היטן

פאַרוואָר, די נוצן וואָס זיי האָבן געהאַט בכוונה וועט קודם כל און הויפּטזעכלעך אַרויסקומען אין דעם אָפּרו און שטילקייט, צו מאַכן פּלאַץ פאַר פאַרשטענדעניש און זיך פאַרטיפן אין דעם אמת פון זיין עקזיסטענץ און זיינע גרויסע מעשים — ווייל די גרעסטע פון זיינע מעשים איז די נייקייט פון דער וועלט און איר יש פון אַבסאָלוטן גאָרנישט. נאָר צוערשט און הויפּטזעכלעך האָבן זיי געהאַט בכוונה מיט דעם בטול פון יעדער אַרבעט, אַז דורך דעם זאָלן דערמאָנט און געדענקט ווערן די גרויסע מורא׳דיקע זאַכן וואָס ער האָט געטאָן, ווען ער האָט אונדז אַרויסגעפירט פון אונטער די שווערע לאַסטן פון די מצרים און זייער אַרבעט. און ווייל דאָס וואָרט „היטן״ — זיך צו פאַרמיידן פון דעם, איז דעריבער — ווען די כוונה איז געווען צו געפינען רו און זעליקייט — דאַרף געזאָגט ווערן: „געדענק דעם טאָג פון שבת״, ווייל די כוונה

איז: געדענק צו רוען אין אים. און ווען די כוונה איז אויפן ביטול פון אַרבעט און זיך צוריקהאַלטן פון איר, דאַרף געזאָגט ווערן: „זאָלסט היטן דעם טאָג פון שבת", וואָס די כוונה איז, היט זיך ניט צו טאָן קיין שום אַרבעט. אין די ערשטע דברות שטייט „געדענק" ווייל אין זיי איז די כוונה געווען אין דער רו און זעליקייט, וואָס זייער נוצן איז צו דערקענען גאָט ברוך הוא און די אמונה אין דער נייקייט פון דער וועלט. און ער זאָגט: „אין זעקס טעג האָט גאָט באַשאַפן, אאַז"וו. און גערוט אויפן זיבעטן טאָג" און פאַרענדיקט: דעריבער האָט גאָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און אים געהייליקט". ד. ה. ער האָט אים געבענטשט מיט מנוחה און אים געהייליקט צו באַגרייפן זיינע ווערק. אָבער אין די צווייטע דברות, וואָס די כוונה איז גאָר צוערשט און הויפּטזאַכלעך אויף בטול פון דער ארבעט און זיך צוריקהאַלטן פון איר, ווי ס'ווערט דאָרט אויסגעדריקט: „און דו זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מצרים" וואָס דאָס ווערט נישט דערמאָנט אזוי אין די ערשטע דברות, וואָס מיינט, אַז דער עיקר כוונה אין דעם איז דאָס, וואָס ער האָט צעשטערט און צעבראָכן דעם יאָך פון דער מצרישער שקלאַפעריי און זייער אַרבעט, דעריבער זאָגט ער: „זאָלסט היטן דעם טאָג פון שבת". דאָ איז די כוונה, היט זיך ניט צו טאָן אין אים קיין שום אַרבעט, ניט דורך דיר און ניט דורך קיין אנדערן. די כוונה איז אַז יעדער מענטש זאָל אין דעם טאָג זיין בטל פון אַרבעט און דער קנעכט זאָל זיין פריי פון זיין האַר, אַ זכר צו דעם ווי איך האָב אייך אַרויסגעצויגען פון דער מצרישער קנעכטשאַפט. און וועגן דעם דאָזיקן בטול האָט ער געזאָגט: „דעריבער האָט גאָט דיין האַר דיר באַ־פוילן צו מאַכן דעם טאָג שבת", צו פאַרגרעסערן דאָס וואָס ער האָט געזאָגט אין די ערשטע דברות: „דעריבער האָט גאָט געבענטשט דעם טאָג שבת און אים געהייליקט".

## .3

# שבת איז וואָגיק אַנטקעגן אַלע מצוות

ס'איז באַשטימט געוואָרן איין טאָג אין וואָך אין וועלכן צו רוען פון אַלע טעגליכע עסקים, וואָס איז אַ גוטע סבה, אַז דער המון־עם זאָל זיך צו־נויפקומען הערן תורה פון אַ רבין און אַז זיי זאָלן אַלע לערנען פסוק, משנה און תלמוד, ווי מיר געפינען פאַר דעם אַלעם אַ באַשטימטן מנהג אין אַלע יידישע קהילות. ווייל אויף דעם האָט מען שוין געזאָגט אין תלמוד ירושלמי: אַז שבתים און יום־טובים זיינען געגעבן געוואָרן צו יידן אויף צו לערנען תורה. און דאָס איז אַ צד פון דער נשמה־יתירה, וואָס די חכמים האָבן גע־זאָגט, וואָס אַ מענטש באַזיצט אום שבת. און דאָס איז די כוונה פון מדרש, אַז מיר קענען דרינגען פון תנ"ך, אַז שבת איז וויכטיק אַנטקעגן אַלע מצוות. פון חומש: „ביז וואַנען וועט איר ניט וועלן היטן מיינע געבאָטן און מיינע

לערנונגען? זעט, אז גאָט האָט אייך געגעבן דעם שבת״. (שמות ט״ז, כ״ח־כ״ט) פון די נביאים: „וואָס היט שבת, אים ניט צו פאַרשוועכן און היט זיין האַנט פון צו טאָן אַ שום בייז״. (ישעיה נ״ו, ב׳) פון כתובים, ווי ס׳שטייט געשריבן: „און אויפן בארג סיני האָסטו אַראָפּגענידערט און גערעדט צו זיי פון הימל און האָסט זיי געגעבן ריכטיקע געזעצן און אמתע לערנונגען, גוטע חוקים און געבאָט, און דיין הייליקן שבת האָסטו זיי געלאָזט וויסן״. (נחמיה ט׳ י״ג—יד) און דאָס איז וועגן דער גרויסער צוגרייטונג פון כלל־האומה און אַלע אירע כיתות, זיך צו פאַרנעמען מיט די געטלעכע ספרים, כדי די מענער, פרויען און קינדער זאָלן לערנען גאָט׳ס געבאָט און זיי פאָלגן — אַזוי געפינען מיר, אַז שבת איז וויכטיק אַנטקעגן אַלע אַנדערע מצוות, פון דעם צד וואָס ער דינט, אַז אידן זאָלן לערנען תורה.

## 4.

# שבת איז דער קוואַל פון ברכה און קדושה

דער דאָזיקער גרויסער און הייליקער טאָג איז אַן אַנדייט און רמז אויף דער זיבעטער ספירה, וואָס ווערט אָנגערופן שבת און איז ווי א פּרוזדור צום אויבערשטן היכל, וואָס ווערט אָנגערופן שבת־הגדול. און לויט דעם קומט אויס, אז דער דאָזיקער שבת איז דער קוואל פון אלע ברכות און קדושות און פון אים באקומען קדושה אלע געהייליקטע יום־טובים. א גרויסן סימן דער־פאר געפינען מיר אין דער תורה, וואָס זיי ווערן אלע אָנגערופן מקרא קודש, ד. ה. א הייליקע צענויפרופונג. ווייל זיי זיינען גערופן פון אים און ווערן גע־הייליקט פון זיין הייליקייט. אָבער שבת וואָס באַדינט זיך ניט מיט קיין שום אַנדער הייליקייט אויסער זיין אייגענער, ווערט אין קיין שום פלאַץ ניט אָנגע־רופן אַ הייליקע צונויפרופונג. און צוליב דעם איז דער שבת באמת וויכטיק אנטקעגן אלע אנדערע מצוות, ווייל דער שבת איז סוד פון מאָס, מיט וועלכער אַלע מצוות זיינען געגעבן געוואָרן צו די אידן. און דעריבער איז שבת די ערשטע פון אַלע מצוות, ווי די חכמים האָבן געזאָגט: שבת און די דינים זיינען געזאָגט געוואָרן אין מרה. (סנהדרין, נ״ו).

## 5.

# דער אויבערשטער שבת

„ויקהל״. דער דאָזיקער הייליקער טאָג איז אַ גרויסער אַנדייט אויף דער אייביקער וועלט, וואָס איז אינגאַנצן שבת, און דאָס איז באמת דער שבת־הגדול. ווייל, ווי מיר האָבן געזאָגט, אז די זעקס ארבעט־טעג זיינען א זכר פאר אלע צייטן פון ענדערונג און באוועגונג, און דער טאָג שבת איז א זכר

פון רו, פאַרענדיקונג פון אַרבעט, אַזוי איז ער אויך אַן אַנדייט אויף דעם מענטשנס טעג, דורך וועלכע ער באַוועגט זיך צו מעשים וואָס פירן צו אַ צוועק, און דער זיבעטער טאָג איז דער טאָג פון רו, ווי אַ תכלית פאַר זיך. דאָס איז וואָס די איינשטעלער פון נוסח פון דאַוונען האָבן געזאָגט: „דו האָסט געהייליקט דעם זיבעטן טאָג דורך דיין נאָמען, דער ענדציל פון דער אַרבעט פון הימל און ערד". ווייל דאָס רוען איז דער ענדציל פון אַלץ. נון, דער ענדציל דאַרף באַטראַכט ווערן ווי איין טייל און אַלע פריערדיקע מעשים פאַר אַ צווייטן טייל, ווי גרויס אָדער ווי קליין יענע מעשים זיינען געווען, און דעריבער זיינען זיי גערעכט, ווען זיי זאָגן, אַז שבת איז וויכטיק אַנטקעגן אַלע אַנדערע מצוות. און אויף דעם האָבן די חכמים געהאַט בכוונה: וואָס נאָך האָט דער וועלט געפעלט? רו. איז געקומען שבת — איז געקומען רו. ווייל אַן אים — וואָלט דעם פועל געפעלט שלימות און ענדציל, און דאָס איז די אמת'דיקע רו, וואָס מיט איר ווערן פאַרפולקאָמט אַלע אַנדערע מעשים. און מכח דעם ענין האָט מען געזאָגט: גאָט ברוך הוא האָט געזאָגט צו משה'ן: איך האָב אַ גוטע מתנה אין מיינע אוצרות און שבת איז איר נאָמען און איך וויל זי געבן צו די אידן, גיי און לאָז זיי וויסן. (שבת, י׳) און די כוונה איז: ווען ער וועט זיי לאָזן וויסן וועגן דער מצוה פון שבת און ער וועט זיי וואָרענען, און זיי וועלן דעם שבת אָננעמען — איז דאָס אַ ריכטיקער סימן, אַז זיי וועלן אַרבן דעם העכסטן שבת, וואָס איז באַהאַלטן פאַר צדיקים... און ער זאָגט: אַז הגם היטן שבת איז אַנטפּלעקט פאַר אַלעמען, אָבער דער שכר פון דער מצוה איז ניט אַנטפּלעקט. דערפון איז קלאָר, אַז ס'זיינען פאַראַן צוויי מינים שבת, איינער אַן אָפענער און איינער אַ באַהאַלטענער, און דער באַהאַלטענער ווערט געגעבן צו יענעם וואָס היט דעם אָפענעם. און אויף דעם האָבן די חכמים ז"ל געזאָגט: „ווען אידן וואָלטן אָפּגעהיט צוויי שבתים — וואָלטן זיי באַלד אויסגעלייזט געוואָרן". ווייל באמת, אויב זיי וואָלטן געדענקט דעם ערשטן שבת, וואָס באַשטעטיקט דאָס מציאות־השם, און דעם צווייטן שבת, וואָס איז מרמז, אַז מ'זאָל לערנען תורה, וואָלטן זיי באַלד זוכה געווען צום דריטן שבת, וואָס דאָס איז די גאולה פון דער נשמה. און מ'קען דעם דאָזיקן וואונדערלעכן ענין ניט משיג זיין, סיידן ווען דער מענטש וועט זיך איבערגעבן צו דעם מיט גרויס חשק. מיר נעמען דאָס דערפון וואָס ס'שטייט איבעראַל: „זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן גאַר דיין אַרבעט און אויפן זיבעטן טאָג איז שבת", געגליכן צו דעם מאמר חז"ל: „ווער עס מיט זיך פון ערב־שבת וועט עסן אום שבת". טוט נאָר אַ קוק און זעט די וואונדער פון אונזער תורה, ווי זי האָט אָנגעזאָגט וועגן אַ סך שבתים („נאָר מיינע שבתים זאָלט איר היטן") און דאָס זיינען די דריי שבתים פון וועלכע מיר האָבן גערעדט.

## ר׳ יוסף אלבו

# פון ספר „העיקרים״

## וועלט־באַשאַף, מתן־תורה און שבת

א משל צו א מלך, וואָס האָט אויסגעבויט א מדינה, געגאַנגען און גע־נומען קנעכט און זיי באַפרייט און זיי באַזעצט אין איר, דערנאָך איז ער אהין געקומען רײדן מיט זיי, אז זיי זאָלן נעמען אויף זיך זיין עול־מלכות, און דאָס איז: „איך בין יהוה דיין גאָט״, ס׳הייסט, איר דאַרפט נעמען אויף זיך מיין עול־מלכות, ווייל איך בין דער, וואָס האָט אייך אַרויסגעצויגען צו פרייהייט; און נאָכדעם זאָגט ער זיי אָן, זיי זאָלן ניט אוועקגעבן זיין הערשאַפט צו אַנדערע אויסער אים, און דאָס איז: „זאָלסט ניט האָבן קיין אַנדערע געטער פאַר מיין פּנים״. און נאָכדעם, אַז זיי זאָלן זיך ניט נוהג זיין מיט אים קיין מנהג־בזיון, ווי למשל, שווערן פאַלש אין זיין נאָמען, און דאָס איז: „זאָלסט ניט אַרויס־ברענגען דעם נאָמען פון גאָט דיין גאָט צום פאַלשן״; און נאָכדעם איז ווערט צו באַשטימען א טאָג, ווי א זכר, ווען די מדינה איז געבויט געוואָרן, און זיי זאָלן דערמאָנען, ווי זיי זיינען אין איר געזעסן, אַז זיי זיינען געווען קנעכט און ער האָט זיי באַפרייט, און דערפאַר האָט ער זיי באַפוילן צו היטן דעם טאָג שבת, צו באַווייזן אויף דער נייקייט פון דער וועלט און פון יציאת מצרים, פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט. און דאָס איז וואָס די חכמים האָבן געזאָגט: „שמור וזכור״ זיינען געזאָגט געוואָרן אין איין דבור, וואָס מיינט, אַז דער שבת קומט ניט צו באַווייזן בלויז אויף דער עקזיסטענץ פון דעם פּועל דעם באַנייער אַליין, ווי ס׳ווערט דערמאָנט אין דבור „זכור״ ווייל אפילו דער פילאָזאָף איז מודה אין דער עקזיסטענץ פון פּועל. אָבער דער עיקר פון שבת קומט אונז צו לערנען אויף דער עקזיסטענץ פון פּועל, וואָס האַלט אין שטענדיקן ווירקן מיט זיין רצון, און אפילו אויך נאָכן וועלט־באַשאַף, ווי דאָס ווערט דערמאָנט אין דבור „שמור״ פון יציאת מצרים, וואָס פון דעם איז קענטיק, אַז גאָט ברוך הוא טוט זיין ווילן און פאַרלאַנג ניט בלויז אין דער צייט פון וועלט־באַשאַף, נאָר אַפילו נאָכדעם גיט ער אַכטונג און ענדערט די נאַטור, זי זאָל פאָלגן זיין באַגער און ווילן אין יעדער צייט, ווי ער האָט געטאָן בשעת יציאת־מצרים, כדי אָפּצולייקענען די יעניקע, וואָס זאָגן: „ביטאָ קיין נייעס אונטער דער זון״, און דעריבער האָבן זיי געזאָגט, אַז „זכור״, וואָס צייגט אויף דער עקזיסטענץ פון פּועל, און „שמור״, וואָס באַווייזט אויף דער עקזיסטענץ פון פּועל, וואָס ווירקט מיט אַ שטענדיקן ווילן, זיינען ביידע געזאָגט געוואָרן אין איין דבור, ס׳הייסט, אין דעם דבור וועגן דער מצוה פון שבת. לויט דער מיינונג פון די חכמים איז אין דער מצוה פון שבת פאַראַן נאָך אַן אַנדער כוונה, וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט אין דער מסכתא שבת: אלע זיינען מודה אז שבת איז

געגעבן געוואָרן די תורה און דערפאַר גייען אַריין אין כלל פון דער מצוה פון שבת די דריי עיקרים פון גלויבן, וואָס שליסן איין די עקזיסטענץ פון פועל און השגחה, תורה מן השמים, און דער שבת זאָל אויך זיין א זכר פון יענעם טאָג, ווען דער מלך האָט זיך צו זיי אַנטפּלעקט אין דער מדינה און זיי האָבן אויף זיך גענומען זיין עול מלכות.

# דאָן יצחק אברבנאל

## פון זיין פירוש אויף דער תורה

### .1

### שבת איז דער ענדציל פון מעשה-בראשית

„און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און אים געהייליקט". וואָס פאַר א ברכה איז דאָס געווען און וואָס פאַר אַ פאַרהייליקונג? און רש״י האָט געגעבן זיין פירוש, אַז דאָס גייט אויפן מן, אָבער דער רמב״ן האָט שוין וועגן דעם געשריבן, אַז דער פירוש איז ניט ריכטיק, ווייל ווי קען געמאָלט זיין א ברכה אויף א זאַך, וואָס איז ערשט געקומען מיט צוויי טויזנט פיר הונ־דערט און אכט און פערציק יאָר שפּעטער? אויך קען מען ניט דערקלערן די דאָזיקע קדושה און ברכה, אַז דאָס גייט אויף יענע, וואָס היטן אָפּ שבת, ווי רב סעדיה גאון מיינט, ווייל דער פסוק רעדט וועגן שבת און ניט וועגן די שומרי שבת. און דער פירוש איז: אַז אזוי ווי הימל און ערד זיינען געענדיקט געוואָרן און באַקומען זייער ערשטע שלימות און ענדגילטיקן אויסזען אין די זעקס טעג, אָבער דער ענדגילטיקער תכלית פון אלץ וואָס ס׳געפינט זיך אויף דער ערד איז צו ווירקן פון זיך אליין פאַרצווייגן זייער מין לויט זיין טבע און גע־שטאַלט; אָבער דאָס האָבן די באַשאַפענע געגנשטאַנדן ניט פאַרמאָגט אין די ערשטע זעקס טעג, נאָר די גראָזן און צמחים זיינען געשטאַנען אויפן זעלבן מצב, ווי אין דער צייט וואָס זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן, ניט קענענדיק פאַר־זעצן זייער מין. נאָר אויפן זיבעטן טאָג האָבן זיי באַקומען זייער שלימות און תכלית, ווייל דעמאָלט האָט יעדע זאַך אָנגעהויבן ווירקן פון זיך אליין, און וועגן דעם שטייט געזאָגט: „און גאָט האָט געענדיקט צום זיבעטן טאָג זיין ארבעט וואָס ער האָט געמאַכט". ד. ה. אַז אויפן זיבעטן טאָג האָט דער ערשטער באַ־איינפלוסער, זאָל געבענטשט ווערן, אריינגעגעבן אין זיינע מעשים דעם ענד־גילטיקן תכלית צוליב וועלכן זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן, וואָס מיינט, זיי זאָלן ווירקן פון זיך אַליין און אַרויסגעבן זריעה פאַרצווייגן זייער מין. און די חכמים האָבן שוין לאַנג אַנטפּלעקט דעם אמת פון דעם וואָס כ׳האָב דאָ דער־קלערט פון דעם דאָזיקן ענדציל מיט זייער תפלה פרייטיק אויף דער נאַכט: „דו האָסט געהייליקט דעם זיבעטן טאָג פונוועגן דיין נאָמען, דער ענדציל פון

די מעשים פון הימל און ערד". און ווי אזוי קען שבת זיין דער ענדציל פון די הימלישע קערפערס, וואָס ווירקן דורך זייערע באוועגונגען, און דער ענדציל פון דער ערד, וואָס נעמט צו זייער השפעה און באוועגט זיך — אויב ניט אויף דעם וועג, ווי איך האָב דאָ דערקלערט? און דערפאַר, וואָס מיטן זיבעטן טאָג זיינען באהאָפטן צוויי מעלות — ערשטנס, וואָס דער וועלט־באשאַף האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן אויף א נאַטירלעכן אופן... און צווייטנס, וואָס די געטלעכע ארבעט וואָס איז געווען אויסער דער נאַטור, איז צום סוף פון זעקסטן טאָג פאַרענדיקט געוואָרן, דעריבער זאָגט ער: „און גאָט האָט געבענטשט און אים געהייליקט". די ברכה איז באשטאַנען אין דעם, אז פון זיבעטן טאָג אָן און ווייטער, זאָלן אלע באשעפענישן ווירקן פון זיך אליין, לויט זייערע איינגעשלאָסענע נאַטירלעכע אייגנשאפטן. און די פאַרהייליקונג, וואָס ער האָט פאַרהייליקט אין רום און פּראַכט דעם זיבעטן טאָג, איז דערפאַר, וואָס מיט זיין אריינקומען איז פאַרענדיקט און פאַרפולקאָמט געוואָרן די ארבעט פון הימל און ערד. דער פאַרהייליקטער שבת קומט צו באווייזן אויף דער פאַרענדיקונג און שלימות פון דער ארבעט. און דאָס איז „און גאָט האָט פאַרענדיקט", ווייל דער ענין פון „ויקדש אותו" גייט אויף „וישבות ביום השביעי", מחמת די קדושה האָט אים אָפּגעשיידט אין שלימות און הייליקייט אָנצודייטן אויף דער פאַרענדיקונג פון דער געטלעכער ארבעט, וואָס איז געטאָן געוואָרן אין די זעקס טעג — און נאָכדעם קומט די רו און תענוג.

## .2

# מאַטעריעלער שבת און גייסטיגער שבת

„און גאָט האָט גערעדט צו משה'ן א. א. וו. מיינע שבתים זאָלט איר היטן". (ויקרא כ"ו, ב') ווייל גאָט ברוך הוא האָט אָנגעזאָגט צו מאַכן דעם משכן און זיינע כלים, וואָס באווייזט אויף דער דבקות פון השם יתברך און זיין שכינה צו דער אומה, וואָלט מען געקענט מיינען, אז אָט דאָס ווערק איז וויכטיקער פון אַלע אַנדערע פּעולות פון דער תורה און אוודאי וויכטיקער פון רוען אום שבת, ווייל דאָס שלימות פון יעדער זאַך איז אין זיין פעולה, און טאָט איז שלימות'דיקער פון רו און רוען. אָבער צוליב דעם, וואָס יידן וועלן אָנהייבן טראַכטן, אז די ארבעט פון בויען דעם משכן זאָל דוחה זיין שבת, ווייל דאָס טאָן וועט מער עדות זאָגן אויף זייער גלויבן איידער דאָס רוען און אָפּוועזנהייט, און עקזיסטענץ איז א גרעסערער עדות. און דעריבער וועט א מענטש טראַכטן, אז דאָס בויען פון משכן וועט געבן זיין עדות צו זאָגן, אז גאָט רוט צווישן אונז און אז ער איז דער בורא עולם. און צוליב דעם האָט גאָט ברוך־הוא געזאָגט צו משה'ן, אז ער זאָל זאָגן די יידן „נאָר מיינע שבתים זאָלן זיי היטן". נון, ער זאָגט מיינע שבתים אין לשון רבים, ווייל די מצוה פון שבת

באוויזט ניט בלויז אויף דעם וועלט־באַשאַף און זיין נייקייט, נאָר אויך אַז דער שבת וויזט אָן אויף דער גייסטיקער וועלט, וואָס דאָרטן איז די אמתע רו און נחלה, ווייל דאָרט איז די אמתע רואונג פון אַלע אַרבעטן און מאַטעריעלע זאַכן, און זי איז דער ענדציל פון אַלע אַרבעט און ניט די אַרבעט. און דעריבער האָבן די חכמים זי אָנגערופן שבת־הגדול. היינט וויבאַלד אַזוי זיינען די אַר־בעט טעג אָן אָנדייט אויף די מענטשלעכע מעשים אויף דער וועלט, וואָס פירן צום ענדציל, און דער זיבעטער טאָג איז אַן אָנדייט אויפן ענדציל. און דעריבער האָבן די חכמים מתקן געווען צו זאָגן אין דער שבת׳דיקער תפלה „אין דאָ־זיקן טאָג פון רו, און ניט געזאָגט „אין דאָזיקן טאָג פון שבת״, אָנצואווינקען אויף דער עכטער גייסטיקער רו וואָס ס׳איז דאָ אין שבת. האָבן מיר אַלזאָ צוויי מינים שבת: איינער, אַ מאַטעריעלער שבת, אַ זכר צו דער נייקייט פון דער וועלט און איר באַשאַף, און דער צווייטער, אַ גייסטיקער שבת, אַ זכר פון השארת־הנפש און איר תענוג נאָכן טויט; און אויף ביידע האָבן די חכמים געזאָגט „און דו האָסט אים ניט געגעבן, גאָט אונזער האַר, צו די פעלקער פון די לענדער״, אאַז״וו. אַז פון דאָזיקן צד זאָל דער שבת זיין אין דער מדרגה פון אַן ענדציל — האָבן די חכמים געזאָגט, אַז שבת איז וויכטיק אַנטקעגן אַלע אַנדערע מצוות. און פון דער דאָזיקער בחינה זאָגט ער „מיינע שבתים״, אין לשון רבים, ווייל דאָס רוען אין זיבעטן טאָג באַווייזט אויפן ערשטן שבת נאָכן וועלט־באַשאַף און איז אַן עדות אויף דער נייקייט פון דער וועלט און באַווייזט אויך אויף השארת־הנפש און איר מנוחה אין דער וועלט פון די נשמות — דעריבער שטייט „גאָט׳ס שבתים״. און דער פסוק דערקלערט די צוויי כוונות פון שבת און ער זאָגט וועגן ערשטן, אַז דאָס איז דער זכר פון נייקייט פון דער וועלט, „ווייל דאָס איז אַ צייכן צווישן מיר און צווישן אייך״, וואָס מיינט, אַז דאָס רוען אין זיבעטן טאָג זאָל זיין פאַר זיי אַ צייכן און אַן עדות־זאָגן, אַז גאָט האָט אין יענעם טאָג גערוט פון באַשאַפן דעם הימל און די ערד, און האָט געזאָגט „צווישן מיר און צווישן אייך״, דאָס מיינט, זיי זאָלן אויך טאָן ווי גאָט ברוך הוא האָט געטאָן, וואָס האָט גערוט אין זיבעטן טאָג. און ער דערקלערט, אַז דער ענדציל פון דעם דאָזיקן „דערמאָנען און וויסן״ איז צו וויסן, אַז איך, גאָט, בין דער וואָס מאַכט אייך הייליק, דאָס מיינט, אַז אין זכות פון דער דאָזי־קער מצוה, וועט איר זיין הייליק אין יענעם שבת וואָס קומט נאָכן טויט, ווייל דאָרט וועלן זיי פאַרהייליקט ווערן אין שבת פון דער נשמה, ווייל זיי האָבן אָפּ־געהיט אויף דער וועלט דעם שבת פון גוף. און זיי האָבן נאָך געזאָגט: „זעקס טעג זאָל געטאָן ווערן אַן אַרבעט״ דאָס מיינט, צו וואָרענען, אַז מיר זאָלן ניט פאַרבייטן די קדושה פון דעם דאָזיקן טאָג אויף אַן אַנדער טאָג פון דער וואָך, ווייל יענע זעקס טעג זיינען צוגעפּאַסט פאַר אַרבעט און ניט פאַר רוען.

## ר׳ משה בר׳ יוסף (פון טראני)

# שבת איז באַנייט געוואָרן ביי מתן־תורה

און הגם די יידן האָבן אָפּגעהיט שבת אין מצרים, האָט מען דאָך גע־דארפט באַפעלן וועגן דעם אין מרה אין די עשרת־הדברות, ווייל ניט אלע האָבן אים אָפּגעהיט, נאָר די רעכטפערטיקע צווישן זיי; און אויך ניט אין אלץ וואָס מען דארף זיין אָפּגעהיט אום שבת, נאָר אין די שווערע ארבעטן און דע־ריבער איז געזאָגט געוואָרן אין די עשרת־הדברות „געדענק דעם טאָג שבת, אים צו האלטן הייליק" (שמות כ׳ ח׳) ווייל ער איז געווען כמעט אינגאנצן פאר־געסן און מ׳האָט אים באדארפט דערמאָנען, און ניט, אז ס׳איז א נייע מצוה, וואָס מ׳האָט זי פריער ניט געטאָן, און דעריבער זאָגט ער, אים צו האלטן היי־ליק, מיט מערער הייליקייט, ווי דו האָסט אים געהאלטן פריער.

אָדער מ׳קען זאָגן, אז אין מצרים איז זיי געווען באוואוסט און דערמאָנט דער טאָג שבת, צוליב זייער שווערער ארבעט דורך די ארבעט־טעג, פון וועל־כער זיי פלעגן רוען אום שבת. אָבער איצט, אז זיי וועלן קיין ארבעט ניט האָבן אין מדבר — וועט פאַרגעסן ווערן די רו פון טאָג שבת, ווייל זיי רוען יעדן טאָג. און דעריבער זאָגט ער: „געדענק דעם טאָג שבת, אים צו האלטן הייליק", ווייל, דו זאָלסט געדענקען, אז דאָס וואָס דו רוסט אין אים איז צוליב זיין היי־ליקייט און ניט ווייל דו האָסט קיין ארבעט ניט צו טאָן, ווי אין די אנדערע טעג. און דעריבער דאַרפסטו אים געדענקען און אים הייליקן מיטן מויל, ווייל דורך דעם ווערט ער אָפּגעשיידט פון אַנדערע טעג אים צו הייליקן קודש־קדשים.

## ר׳ משה אלשיך

# פון זיין פירוש אויף דער תורה

### 1.

## שבת האָט געגעבן דער וועלט אַ נשמה

ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, איז זי געווען א חומר, ווי א גוף אָן א נשמה. און זי וואָלט געהאלטן אין איין פאַרלירן און וואָלט קיין קיום ניט גע־קאָנט האָבן. און ווער האָט אריינגעגעבן אין איר א נשמה און די שפע צו האָבן א קיום? דער טאָג שבת, ווייל אין אים איז אריינגעגאָסן געוואָרן די שפע פון קיום און פון רו, אז די וועלט זאָל ניט פאַרלירן. און דאָס איז וואָס שטייט: דער וועלט האָט געפעלט מנוחה, איז געקומען דער שבת און משפיע געווען א שפע פון קדושה אויף אַלץ, וואָס ס׳איז באַשאַפן, און די דאָזיקע שפע פאַר דער

וועלט איז געווען, ווי די נשמה אין דעם מענטשנ׳ס גוף. און דאָס איז וואָס שטייט: „שבת וינפש״, אַז דער שבת האָט אַריינגעגעבן אַ נפש אין דער וועלט, זי אויפצוהאַלטן. און דאָס איז: „געקומען שבת — איז געקומען רו״, ווייל אָן דעם וואָלט די וועלט ניט געהאַט קיין מנוחה און קיין קיום.

**.2**

## געדענק אָן שבת פון אָנהייב וואָך

געדענק אָן שבת פון אָנהויב וואָך אָן, אים צו האַלטן הייליק. משפיע צו זיין הייליקייט, צו זיין הייליקייט און שפע צו דעם שבת, וואָס קומט אויף דער וועלט. און דאָס וועט קומען דערפון, וואָס דו וועסט זיך הייליקן אינדער־וואָכן אין דער עבודה פון גאָט, וואָס זאָל זיין אַ הכנה צום שבת און דאָס מיינט: „זעקס טעג זאָלסטו דינען״ — גאָט. אַז דו זאָלסט מאַכן דערפון אַן עיקר, ווי די אַרבעט פון אַ קנעכט און אגב אורחא „זאָלסט אויך טאָן (ווי אַן הוספה) גאָר דיין אַרבעט״. און אין דיין דינען גאָט, זאָלסטו ניט מיינען, אַז דו האָסט אָפּגע־טאָן גאָר דיין אַרבעט, נאָר אין דיין אַרבעט, זאָלסטו האַלטן ביי זיך אַז דו האָסט זי שוין אינגאַנצן אָפּגעטאָן, און דורך דעם, וועסטו משפיע זיין קדושה אויפן טאָג, אַז ער וועט זיך מייחס זיין צו גאָט און דאָס איז „און דער זיבעטער טאָג איז שבת צו גאָט״, ווי דער שבת וואָלט געמאַכט אַ פאַרבינדונג צווישן דיר און גאָט. ווי ס׳שטייט געזאָגט: „צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל״. און טאָמער וועסטו זאָגן: אויב איך זע, אַז מיין אַרבעט איז ניט פאַרענדיקט — ווי אַזוי קען מיר קומען אויפן זינען, אַז איך האָב זי אָפּגעטאָן? אויף דעם זאָגט ער: ווייס, אַז הגם איך האָב די אַרבעט ניט אָפּגעטאָן אינגאַנצן, וועט דער זכות פון שבת זי פאַרענדיקן פון הימל.

**.3**

## שבת איז אינגאַנצן הייליק צו גאָט

זאָלסט געדענקען דעם טאָג שבת ניט בלויז צו רוען אין אים פון אַרבעט, נאָר אויך אים צו האַלטן הייליק, צוצוגעבן אין אים די קדושה פון דער תורה און איר סוד, ווייל אויב דו וועסט האָבן בלויז אין זינען צו רוען אַליין און ניט צו דינען גאָט, איז דאָך דאָס זעלבע ווי אינדערוואָכן, אַז זעקס טעג זאָלסטו בעצם דינען גאָט און אויך טאָן אַלע דיינע אַרבעטן; נאָר דאָס וואָס דו ביסט מוסיף אויף דער וואָך איז: אַז דער זיבעטער טאָג, וואָס איז שבת, זאָלסטו זיין אינ־גאַנצן הייליק צו גאָט, און זאָלסט ניט מיינען, אַז ס׳איז גענוג פאַר דיר בלויז צו רוען פון אַרבעט. ווייל מיט דעם אַליין, וואָס דו טוסט ניט קיין אַרבעט — זיינען דאָך אין דער בחינה אויך דיין קנעכט און דיין דינסט און דיין בהמה

גלייך מיט דיר. היינט וויבאַלד אַזוי, וואָס פאַרא שיינקייט קענסטו צוגעבן צום שבת, אויב ניט דאָס, וואָס דו ביזט אײַנגאַנצן הייליק צו גאָט? נאָר מיט דעם קענסטו זיך פאַרגלײַכן צו דײַן באַשעפער, וואָס זיין רוען אין שבת־בראשית איז ניט געווען אין דער בחינה פון ניט טאָן קיין אַרבעט, נאָר פון רוען (וינח) וואָס ער האָט משפיע געווען אַ שפע פון רו און קדושה אויף דער וועלט.

## 4.

## שבת באַהעפּט זיך דער מענטש צו זיין גאָט

גאָט ברוך הוא האָט אַזוי שטאַרק מחמיר געווען אויף אַרבעט אום שבת, אפילו מיט עפּעס וואָס איז גאָר קיין מלאכה ניט, ווי עפּעס וואָס אַרויסטראָגן פון איין רשות אין צווייטן. פאַרוואָס? ווייל די יידישע נשמות קומען פון אונ־טער די פליגלען פון דער שכינה, פון קוואַל פון אחדות, וואָס ס׳איז ניט אַזוי מיט אַנדערע פעלקער, און אין קיין אַנדער טאָג זעט זיך דאָס ניט אָן ביי יידן, ווי אין טאָג פון שבת, ווייל גאָט ברוך הוא שיקט אַרונטער אַ שפע פון קדושה צו יעדן איינציקן מענטשן לויטן שורש פון זיין נשמה, וואָס איז אונטער די פליגלען פון דער קדושה, און דורכדעם באַהעפּט זיך דער מענטש צו זיין באַ־שעפער, ווייל די שכינה גיסט אויס אויף אים אַ גייסט פון אויבן, וואָס שיידט זיך מיט אים ניט פאַנאַנדער, דעריבער פאַרבינדן מיר זיך מיט אים יתברך און טיילן זיך אָפּ פון דער אויסערלעכער וועלט. און דעריבער, ווייל מיר פאַראייניקן זיך אין טאָג פון שבת מיטן מקור פון אונזערע נשמות און דערווייטערן זיך פון פירוד זיינען מיר דערפאַר באַפוילן געוואָרן ניט אַרויסצוטראָגן פון רשות־היחיד, וואָס איז אַ רמז אויפן רשות מיט וועלכן מיר זיינען באַהאַפטן, אין רשות־הרבים, אַ רמז צו דער וועלט פון פירוד, וואָס פון דאָרטן שטאַמען אַלע אַנדערע אומות... דעריבער דאַרפן מיר זיך פרייען מיט גאָט ברוך הוא און זיך צערטלען אין זיין ליבע. פאַרקערט איז אָבער מיט די יעניקע, וואָס פאַרלאָזן גאָט׳ס גע־באָטן, וואָס דערפרייען די הערצער, צו גיין נאָך די הבלים פון דער צייט, וואָס זיינען פינצטער און ניט ליכטיק.

## ר׳ אליהו דע ווידאַש

## פון „ראשית חכמה״

## שבת איז דער שורש פון קדושה

שבת איז דער שורש פון אַלע קדושות, און דאָס איז וואָס די תורה האָט באַפוילן: „הייליק זאָלט איר זיין, ווייל איך בין הייליק״ — אַנצוזאָגן, אַז מיר זאָלן זיך הייליקן און ציען אויף זיך דורך די זעקס אַרבעטס־טעג פון ליכטיקייט פון דער קדושה פון שבת, ווייל שבת איז דער מיטלפּונקט פון צענטער, וואָס

אַרום אים דרייט זיך דער עגול פון די זעקס טעג; און ער ווערט אָנגערופן דער מיטלפּונקט, ווייל יעדער פּונקט האָט זיינע זעקס קדושות און דעריבער איז אַ מצוה צו ציילן די טעג אויפן נאָמען פון שבת: דער ערשטער טאָג, דער צווייטער טאָג, און דעריבער האָט מען געזאָגט, אַז דער וואָס געפינט זיך אין וועג אין אַ מדבר און ווייס ניט וועלכער טאָג ס׳איז שבת — דאַרף ער ציילן זעקס טעג פון יענעם טאָג, וואָס ס׳איז אים געקומען אויפן זינען, אַז ער האָט פאַרגעסן און האַלטן הייליק דעם זיבעטן טאָג, ווייל ער מעג מאַכן קידוש און הבדלה אין יענעם טאָג ווי אין שבת, הגם אין דער אמת׳ן איז דאָס ניט שבת, ווייל אין יעדן טאָג איז פאַראַן אַ מקצת שבת, דעריבער טאָר ער יעדן טאָג ניט טאָן מערער אַרבעט וויפיל ער דאַרף האָבן פאַר זיין אויסקומעניש, ווייל יעדער טאָג און טאָג איז אַ ספק־שבת און אויף דעם האָבן די חכמים געזאָגט: די שכינה טוט זיך קיינמאָל ניט אָפּ פון די יידן, אפילו אין די וואָכעדיקע שבתים.

## מהר״ל פון פראג

# פון „גבורות ה׳״

### 1.

## שבת איז די פאַרגאַנצונג פון באַשאַף

גאָט ברוך הוא האָט באַשאַפן זיין וועלט אין זיבן טעג און אָנגעזאָגט צו געדענקען דעם טאָג שבת, דערפאַר, ווייל דער שבת איז די פאַרגאַנצונג פון באַשאַף און אַלץ קערט זיך צו שלימות, וואָס דאָס איז דער עיקר, און דעריבער ווענדן זיך אַלע זעקס אַרבעטס־טעג צום שבת, וואָס ער איז די פאַרגאַנצונג פון באַשאַף. צוליב דעם דאַרף מען געדענקען אָן שבת דורך אַלע טעג פון דער וואָך, כדי אַלץ זאָל זיך ווענדן צו דער שלימות פון וועלט־באַשאַף.

### 2.

## דאָס פאָלק האָט זוכה געווען צום שבת, דערפאַר וואָס ס׳איז אַליין אַ בעל־שלימות

יידן, דערפאַר וואָס זיי זיינען בעלי־שלימות, האָבן אַ שבת, ווייל דער שבת באַווייזט אויף שלימות. חומריות אַליין איז ניט קיין בעל־השלמה, בלויז דאָס וואָס קען אָפּגעטיילט ווערן פון גשמיות קען האָבן שלימות, און דעריבער: „און דו זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מצרים. און גאָט האָט דיך אַרויסגעצויגן אאַז״וו״ מיינט, אַז גאָט האָט דיך אַוועקגענומען פון קנעכטשאַפט, ווייל, קנעכטשאַפט איז אַ מאַטעריעלע פאַרמינדערונג און דאָס

איז א ניט שלימות׳דיקע עקזיסטענץ, און ווען גאָט האָט דיך אַוועקגענומען פון קנעכטשאַפט — באַווייזט עס, אַז ביי יידן איז פאַראַן די מעלה פון השלמה, דע־ריבער האָט ער אייך געגעבן דעם שבת.

## 3.

## מזמור שיר ליום השבת

„באַלוינונג קומט צום סוף פון אַן אַרבעט און דאָס האָבן אויך די חכמים ז״ל געזאָגט: באַלוינונג ווערט אָפּגעצאָלט צום סוף פון אַן אַרבעט, און ווי עס ווערט באַוויזן שפּראַכלעך: תשלומים (באַלוינונג) פון לשון שלם (פולקאָם) ווייל אויף אַ האַלבע אַרבעט איז דאָך ניט שייך שלימות, און דעריבער, ווען אַ מענטש זוכט זיין שכר אויף דער וועלט, איז ווי ער וואָלט זוכן, אַז זיין סוף זאָל זיין אויף דער וועלט... און אויף דעם האָט דוד המלך ע״ה באַגרינדעט דעם „מזמור שיר ליום השבת“ (תהלים צ״ב) און מיר געפינען ניט אין גאַנצן מזמור, אַז ס׳זאָל דערמאָנט ווערן דער טאָג שבת, נאָר ווייל דער שבת האָט פאַרגאַנצט די ש״י עולמות, און ווייל ס׳זיינען פאַראַן אַנדערע וואָס זאָגן, אַז ס׳זיינען דאָ זאַכן אויף דער וועלט וואָס האָבן חסרונות, און בפרט, פאַראַן אַ צדיק וועמען ס׳איז שלעכט און אַ רשע וועמען ס׳איז גוט, און דאָס ווערט באַטראַכט ווי אַ חסרון, און אויף דעם האָט ער געזאָגט „מזמור שיר ליום השבת, ס׳איז גוט צו לויבן גאָט“, ווייל מ׳דאַרף לויבן גאָט פאַר דער שלימות פון וועלט־באַשאַף. און ווייל די דאָזיקע השלמה איז דאָך בלויז פון עולם־הבא, וואָס דורך אים וועט אַלץ קריגן אַ השלמה, דעריבער האָט ער געזאָגט: „מזמור שיר ליום השבת“ און רש״י ז״ל האָט מפרש געווען: „צום טאָג וואָס איז אינגאַנצן שבת און רו ביי דעם וואָס לעבט אייביק“, הגם וואָס מ׳זעט עפּעס אויף דער וועלט וואָס האָט אַ חסרון, אָבער אין דער קומענדיקער וועלט וועט אַלץ באַקומען השלמה. און שבת — נאָכדעם ווי ער האָט אַלץ באַשאַפן אין די ששת ימי בראשית האָט ער פאַרפולקאָמט דעם באַשאַף אין טאָג פון שבת, דעריבער האָט ער געזאָגט — מזמור שיר ליום השבת.

# ר׳ אליהו גאון פון ווילנע (גר״א)

## 1.

## עונג-שבת

אָפּצוגעבן תענוג דעם שבת מיט עסן און מיט טרינקען, און אים אָפּגעבן כבוד מיט אַ ריין קלייד, און אַז דעם מענטשנ׳ס כוונה זאָל זיין לשם שבת, און נישט לשם זיין אייגענער הנאה. און אַזוי זאָגט ער: „דער וואָס גיט דעם שבת אָפּ תענוג“. און אַזוי שטייט אין דאַווענען: „די וואָס געבן אים תענוג וועלן תמיד אַרבן כבוד“.

## 2.

# מיטן אַריינקומען פון שבת דאַרף מען אויפהערן טראַכטן פון וואָכעדיקער אַרבעט

„און גאָט האָט געענדיקט אויפן זיבעטן טאָג זיין אַרבעט, וואָס ער האָט געטאָן און גערוט אין זיבעטן טאָג" (בראשית ב׳ ב׳). דער אונטערשייד צווישן ענדיקן און רוען, איז דער, וואָס רוען באַווייזט אויף דער אָפּוועזנהייט פון אַרבעט און איבעררייס אינמיטן פון דער אַרבעט, און פאַרענדיקן גייט אויפן סוף פון דער אַרבעט, דאָס איז איין רגע נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט, ווייל דער סוף פון דער אַרבעט איז קענטיק בלויז נאָכדעם, ווען ס׳איז שוין מער ניטאָ וואָס צו טאָן, דעריבער מוז מען געצוואונגען זיין צו זאָגן: „און ער האָט געענדיקט... און ער האָט גערוט". ווען ס׳וואָלט געשטאַנען בלויז „ויכל", וואָלט איך געזאָגט, אַז ער האָט געענדיקט די פריער־דערמאָנטע אַרבעטן און נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן אַן אַנדער אַרבעט, דעריבער שטייט „וישבות", וואָס באַווייזט אויף אָפּוועזנהייט פון אַרבעט און איבעררייס אין מיטן פון דער אַרבעט. דעריבער זיינען מיר אָנגעזאָגט געוואָרן אויף אייביקע דורות, אַז ווען עס קומט שבת, איבערצורייסן יעדער אַרבעט אינמיטן און ניט צו טראַכטן פון וואָכעדיקער אַרבעט, וואָס צו טאָן ווייטער.

(סדור הגר״א)

## ר׳ שניאור זלמן לאַדיער

# דער אונטערשייד צווישן בית־שמאי און בית־הלל

„זאָלסט געדענקען דעם טאָג פון שבת" — האָבן די בית־שמאי געדרשנט: דו זאָלסט אים געדענקען פון ערשטן טאָג אין וואָך, אויב דיר האָט זיך געמאַכט אַ געשמאַקער ביסן אים איינצוהאַלטן אויף שבת. און מ׳דערציילט אויף שמאי הזקן, אַז אַלע זיינע יאָרן האָט ער געגעסן לכבוד שבת. וואָס הייסט? ס׳האָט זיך אים געמאַכט אַ פיינע בהמה — האָט ער זי אָפּגעקויפט און געזאָגט: דאָס וועט זיין אויף שבת. האָט ער נאָכדעם געפונען אַ בעסערע, האָט ער זי אָפּגעקויפט און געהאַלטן אויף שבת און געגעסן די ערשטע אינדערוואָכן, הייסט עס, אַז ער עסט די ערשטע בהמה, כדי די בעסערע זאָל געגעסן ווערן שבת. אָבער הלל הזקן האָט געהאַט אַן אַנדער מידה: ער פלעגט זאָגן: געלויבט איז גאָט דורך יעדן טאָג און טאָג, און ער וועט אונז געבן אַלע אונזערע באַדערפענישן. און אויך הלל איז מודה אַז ס׳איז ריכטיקער צו טאָן ווי די בית־שמאי זאָגן, נאָר ער פאַרלאָזט זיך אויף גאָט, אַז אַוודאי וועט ער אים צושיקן אויף שבת אַ בעסערן ביסן, ווי אינדערוואָכן.

## ר׳ משה חיים לוצאַטו (פּאָעט און מקובל)

### 1.

### דאָס אָפּהיטן פון צוויי שבתים

„נאָר מיינע שבתים זאָלט איר היטן״ — ער זאָגט שבתים, דאָס איז אַ רמז אויף דעם, וואָס די חכמים האָבן געזאָגט, אַז ווען יידן וואָלטן אָפּגעהיט צוויי שבתים — וואָלטן זיי תיכף אויסגעלייזט געוואָרן. דער גלות ציט זיך דערפאַר, ווייל יידן האָבן זיך דערווייטערט פון זייער שורש, און מיטן אָפּהיטן פון צוויי שבתים, ווי ס׳געהער צו זיין, וואָלטן זיי זיך צוריק פאַרבונדן מיט זייער שורש, ווי ס׳דאַרף צו זיין, און דורך דעם וואָלטן זיי אויסגעלייזט געוואָרן.

### 2.

### שבת אַנטפּלעקט זיך דאָס ליכט פון חכמה

„זאָלסט היטן דעם טאָג שבת, אים צו האלטן הייליק״ — אין טאָג פון שבת אַנטפּלעקט זיך דאָס ליכט פון חכמה און דעריבער דאַרף מען היטן שבת, אים צו הייליקן און ממשיך צו זיין דאָס אויבערשטע הייליקע ליכט, וואָס איז די חכמה. „ווי ער האָט צו דיר באַפוילן״, האָבן די חכמים ז״ל געזאָגט: ווי ער האָט דיר באַפוילן אין מרה. און פאַרוואָס זיינען זיי אָנגעזאָגט געוואָרן אין מרה וועגן שבת? די יידן האָבן באַדאַרפט מקבל זיין די תורה — האָט גאָט ברוך הוא פריער געוואָלט הייליקן די יידישע נשמות און זיי מכין זיין, אַז זיי זאָלן ווערט זיין זי אויפצונעמען. ניט פאַראַן אַ זאַך, וואָס מאַכט יידן הייליק ווי דער שבת. און דאָס איז דער סוד פון „מקדש השבת וישראל״, און דאָס געבן פון שבת פאַר מתן־תורה איז געווען אַ צוגרייטונג מקבל צו זיין די תורה.

## ר׳ יעקב המגיד (דער דובנער מגיד)

### שבתים און יום־טובים זיינען געגעבן געוואָרן צו פאַרבעסערן דעם מענטשנ׳ס מידות

גאָט ברוך הוא האָט אונז געגעבן די שבתים און יום־טובים צו פאַרפול־קאָמען אונזערע גוטע מעשים און זיך אויפצוהויבן צו אַ שענערן מצב אין טאָג פון יום־טוב. און אויף דעם באַווייזט דער פסוק: „די יום־טובים פון גאָט, וואָס איר זאָלט זיי אויסרופן פאַר הייליקע צענויפרופונגען — דאָס זיינען מיינע יום־טובים״. (ויקרא כ״ג, ב׳) ס׳הייסט: זאָלסט ניט מיינען, אַז די יום־טובים זיינען דערפאַר בלויז כדי דער גוף זאָל הנאה האָבן אַן אַ טעם, נאָר פאַרקערט:

גאָט ברוך הוא וויל אַרויסקריגן פון דיר מער עבודה און שלימות און קדושה, ווי מען קען אַרויסקריגן פון דיר אינדערוואָכן. און דאָס איז וואָס מיינט: דאָס זיינען גאָט׳ס יום־טובים, ווארן אויב ניט אַזוי האָט באַדאַרפט שטיין: „דאָס זיי־נען דיינע יום־טובים״. און דאָס איז וואָס ס׳שטייט, „זאָלסט געדענקען דעם טאָג שבת, אים צו האַלטן הייליק״. ס׳הייסט, געדענקען די פריערדיקע צייט און הייליק צו האלטן דעם טאָג שבת לויט זיין קדושה, וואָס ער האָט געהאט ביי מתן־תורה, אים צו האלטן הייליק מיט תורה ועבודה און יראת שמים. און דאָס איז, וואָס ס׳שטייט געזאָגט: „היט דעם טאָג שבת, אים צו האלטן הייליק, אַזוי ווי גאָט דיין גאָט האָט דיר באַפוילן״ (דברים ה׳ י״ב) דאָס מיינט, דו באַ־דאַרפסט היטן שבת אין דער אייגענער בחינה, ווי ער האָט דיר אָנגעזאָגט אין טאָג פון מתן־תורה. און דעריבער, ווען גאָט ברוך הוא האָט געזען, אַז מ׳גיט זיך אָפּ שבת מיט נארישקייטן, האָט ער געזאָגט: „און איך וועל פאַרשטערן איר גאַנצע פרייד, איר יום־טוב, איר ראש־חודש און איר שבת״. און מיר׳ן געבן צו פאַרשטיין דעם ענין דורך אַ משל: איינער, אַ גרויסער עושר, האָט געהאט א סך קינדער און זיי זיינען ניט דאָ געדאַכט אַלע געווען חולים. האָט ער אַריינגענומען אַ רופא ביי זיך אין הויז און ער האָט דעם רופא זייער ליב געהאט, נאָר דאָס איז אַלץ געווען, ווען די קינדער האָבן איינגענומען די רפואות. איינמאָל זיינען זיי געוואָרן מסוכן קראַנק און דער רופא האָט זיי געוואָלט געבן רפואות, אָבער זיי האָבן ניט געוואָלט נעמען, און דער פאָטער האָט אַ קוק גע־טאָן אויפן רופא מיט אַ צאָרנדיק פנים. „וואָס האָסטו צו מיר?״ — האָט דער רופא געפרעגט. „דורך דיר — האָט דער טאַטע געענטפערט — איז מיין צער פאַרטאָפּלט, ווייל ווען איך האָב פאר זיי קיין רופא ניט וואָלט איך זיי אַרויסגע־נומען פון הארצן, אָבער איצט, ווען איך זע אַזאַ קלוגן רופא ווי דו, וואָס דורך אַביסל רפואות דיינע וואָלטן זיי געקענט געזונט ווערן, טוט מיר זייער וויי דאָס הארץ״. דער נמשל איז: גאָט ברוך הוא האָט אונז געגעבן שבתים און יום־טובים, כדי צו היילן אונדזערע נשמות פון די אַלע חטאים וואָס קלעפּן זיך צו צו אונז אין די וואָכעדיקע טעג דורך פאַרשיידענע עסקים, און ווען ער זעט, אַז זיי ווילן ניט איינעמען קיין רפואות האָט ער טענות און זאָגט: „אייערע ראש־חודש׳ן און אייערע יום־טובים האָט פיינט מיין זעל; זיי זיינען מיר צו לאַסט געוואָרן, איך קען זיי ניט פאַרטראָגן״. (ישעיה א׳, י״ד) ס׳הייסט, ניט אַז די טעג גופא זיינען מיר צו לאַסט, נאָר בלויז אַז דורך יענע טעג, וואָס זיינען עלול צו היילן זייער בראָך און זיי ווילן ניט נעמען קיין רפואות, — זיי זיינען מיר צו לאַסט און איך קען זיי ניט פאַרטראָגן.

## ר׳ חיים טשערנאָוויץ

# פון „סדור של שבת״

### 1.

## די שבת־ליכט פאַרטרייבן דעם טרויער פון אונזערע הייזער

אַלץ וואָס מיר דאַרפן טאָן צו קריגן התעוררות פון הימל, ווערט דאָס אַנדערש ניט געקראָגן סיידן דורך דבור און מעשה לויט דער כוונה פון הארצן. דעריבער, ווען מיר ווילן קריגן התעוררות, אַז די סוכת־שלום זאָל אויסגע־שפרייט ווערן איבער אונז — האָבן די חכמים דערפאַר מתקן געווען וואָס צו זאָגן און וואָס צו טאָן. דאָס וואָרט איז וואָס מיר זאָגן אין דאַוונען „ופרוס עלינו״ און דאָס טאָן איז אָנצינדן די שבת־ליכט. דורך דער מצוה פון צינדן ליכט ווערט אָנגעצונדן אַ גרויס ליכט אין הימל. און דאָס אייגענע אויף דער ערד, דורך גאָט׳ס פרידן. דורך זייער ליכט ווערן פון אונזער הויז פאַרטריבן דאָס שלעכטס, דער טרויער און די דאגות פון די וואָכעדיקע טעג. ווייל די טבע פון שלעכטס איז צו רוען אין אַ פלאַץ פון עצבות, להיפך פון קדושה, אויף וועלכער עס שטייט: „שטאַרקייט און פרייד אין זיין פּלאַץ״. און ווען זיי לויכטן באַ־לייכטן זיי דאָס הויז מיט אַ ליכט פון שמחה, פרייד פון שבת און שטילקייט און שלוה אין אונזערע הייזער, און ס׳ווערן אויסגעראַמט פון זיי קריג און צאַנקערייי און פייער פון מחלוקת. און דאָס אָנצינדן פייער פון דער מצוה פון ליכט־בענטשן, ווערט אַ פייער וואָס פאַרצערט דעם פייער פון יצר־הרע און כעס.

### 2.

## „אַ גוטער און געבענטשטער שבת!״

און צוליב דעם שלום, וואָס איז אָנגעדייט אין די ליכט, זאָל אַ מענטש אַריינקומען נאָכן דאַוונען אין זיין הויז און זאָגן: „גוט־שבת!״ דאָס איז כדי מקבל צו זיין די מצוה פון ליכט און צו דערמאָנען דורך דעם שלום פון הויז צו דעם הויזגעזינט. און ווי שיין און פיין דאָס איז, אַז יעדער מענטש זאָל אַזוי זאָגן, און דערפון נעמט זיך אויך, וואָס מ׳הייבט באַלד אָן, תיכף ווי מ׳גייט אריין אין הויז, צו זאָגן „שלום עליכם״, ווייל עס אַנטהאַלט אויך דעם שלום וואָס ווערט איצט געמאַכט דורך די ליכט.

### 3.

## די שבת'דיקע סעודה האָט אין זיך רוחניות

זיי וויסן, אַז דאָס עסן אום שבת איז אינגאַנצן רוחניות, אינגאַנצן הייליק... און אויף דעם איז פאַראַן אַ אָנדייט אין פסוק: „און אויפן זיבעטן טאָג זאָל פאַר אייך זיין הייליק". און דער פירוש איז: אַז אויפן זיבעטן טאָג איז אפילו דער פ אַ ר א י י ך (לכם), וואָס דאָס איז עסן און טרינקען, דאָס גשמיות אויך הייליק, און דעריבער דאַרף דער מענטש נוהג זיין גרויס שמחה אין שבת, ניט אַרויסוויזן אין אים קיין שום עצבות און דאגות, נאָר האָבן תענוג אין גאָט און הנאה האָבן פון שבת מיט כל המינים תענוג, הן מיט עסן און טרינקען און הן מיט שיינע מלבושים, אַלץ לויט זיינע כחות. ווייל ס'איז באַוואוסט, אַז איטלעך מאכל וואָס אַ מענטש עסט איז דורך דער השגחה פרטית פון בורא־עולם, אַז דוקא אָט דער מאכל זאָל אַריינפאַלן דוקא צו יענעם מענטשן, ווייל דאָס געהערט צום שורש פון יענעמס נשמה. דאָס מיינט, אַז דאָס גייסטיקע חיות פון יענעם מאכל איז פון יענעם מענטשנ'ס שורש־נשמה, אויפן שטייגער פון „הונגעריקע און דאָרשטיקע, זייער זעל איז אין זיי פאַר'חלש'ט". אויף דעם פסוק האָט דער בעל־שם־טוב געזאָגט: דעם מענטשן דוכט זיך, אַז ער איז הונגעריק פאַר דעם ברויט און דאָרשטיק נאָך וואַסער און דעריבער וויל ער עסן, און דער אמת איז, אַז „זייער זעל איז אין זיי פאַרחלש'ט", ס'הייסט, די נשמה פון יענעם מענטשן איז פאַרטאָן און פאַרזונקען אין יענעם מאכל, און דעריבער גלוסט זיך אים דאָס אויפצועסן, כדי מתקן צו זיין זיין נשמה דורכן דאָזיקן עסן און טרינקען. פון דעם קומט אויס, אַז די שבת־ליכט צינדן זיך אויך אָן אין די אויבערשטע וועלטן און אַ ליכט באַלייכט אויך די נשמה פון מענטשן אויף דער ערד, ווייל הגם ער געפינט זיך אויף דער ערד — איז אָבער זיין קאָפּ אין הימל און ער איז פאַרבונדן און באַהאַפטן פון אונטן ביז אויבן. ממילא דערשיינט דאָס דאָזיקע ליכט און באַשטראַלט און דערגרייכט צו אַלץ וואָס איז שייך צו דעם שורש פון זיין נשמה, און אויך דאָס הייליקע חיות פון דעם עסן, וואָס האָט מיט אים אַ שייכות, דערשפירט דאָס ליכט פון ברכה.

# ר' לוי יצחק בערדיטשעווער

### 1.

## גאָט ברוך הוא האָט תענוג פון דער שמחה פון שבת

ס'איז קלאָר פאַר יעדן פאַרשטענדיקן מענטשן, אַז דער שבת איז אַן אָנרעגונג פאַר מענטשלעכע הערצער צו וויסן, אַז גאָט ברוך הוא איז דער באַנייער פון דער וועלט און אין יעדער צייט, אין יעדער שעה און אין יעדער רגע טוט ער באַנייען זיין וועלט, כדי גוטס צו טאָן מיט זיינע ברואים און משפיע

צו זיין זיין גוטסקייט אין אַלע וועלטן. דעריבער איז אים געקומען אויפן רצון צו באַשאַפן די וועלט, כדי ער זאָל גוטס טאָן מיט זיינע באַשאַפענע, און אויב, חס־ושלום, עס רוט אַ צער אויף זיי, דערגרייכט דער צער כביכול אויבן אין פאַרקערט, ווען זיי האָבן תענוג האָט ער אויך כביכול תענוג פון אונדזער שמחה.

## .2

## די רו פון שבת

„מיינע שבתים זאָלט איר היטן" — יידן זאָלן רוען שבת, ניט כדי זיך אָפּצורוען פון דער אַרבעט, נאָר מחמת גאָט ברוך הוא האָט באַפוילן שבת צו רו־ען. און דאָס איז וואָס שטייט: „און די ערד זאָל רוען אַ שבת צו גאָט". ווייל דער דרך־העולם איז צו אַקערן איין יאָר און צו לאָזן פוסטעווען צום צווייטן יאָר, כדי ס׳זאָל וואַקסן גוט. און אויף דעם קומט דער מאמר פון גאָט ברוך הוא „און די ערד זאָל רוען אַ שבת צו גאָט", אַז אין יאָר פון שמיטה זאָל די ערד רוען, ניט אַז דאָס רוען זאָל קומען דערפאַר, כדי צו פאַרבעסערן דעם באָדן — נאָר „אַ שבת צו גאָט", מחמת דעם אָנזאָג פון השם יתברך.

## נפתלי הערץ ווייזל

## ווען גאָט האָט פאַרענדיקט מאַכן די וועלט — האָט ער געמאַכט רוען אין איר די שכינה

און ווען גאָט האָט באַשאַפן זיין וועלט אין די זעקס טעג — זיינען יענע טעג אַנדערש פון אַלע אַנדערע טעג אויף דער וועלט, וואָס זיינען געקומען נאָך זיי, ווייל זינט דעמאָלט אָן איז קיין זאַך ניט באַשאַפן געוואָרן, און ווי ס׳איז געזאָגט: „ניטאָ קיין נייעס אונטער דער זון". (קהלת א׳ ט׳) אָבער דער זיבעטער טאָג — מיט וואָס טיילט ער זיך אָפּ פון אַלע אַנדערע טעג? ווייל זינט דעמאָלט און ביז היינט האַלט ער אין רוען. דעריבער שרייבט ער: „און גאָט האָט געענדיקט צום זיבעטן טאָג זיין אַרבעט וואָס ער האָט געמאַכט", ס׳הייסט, אַז אין יענעם טאָג איז אָפּגעטאָן געוואָרן זייער אַ טייערע זאַך, וואָס גאָט האָט געענדיקט זיין אַרבעט: און די דאָזיקע זאַך קען מען בעסער פאַרשטיין דורך אַ משל: אַמאָל האָט אַ מלך איבערגעבויט אַ שטאָדט דורך אַ משך פון זיבן יאָר און נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט איז ער געקומען און זיך באַזעצט אין איר און דערמיט האָט ער פאַרענדיקט זיין אַרבעט. דאָס אייגענע מיט גאָט ברוך הוא: נאָכדעם ווי ער האָט באַשאַפן זיין וועלט, האָט זי נאָך קיין תיקון ניט גע־האַט, ביז ער האָט געמאַכט רוען אין איר זיין שכינה און דאָס איז וואָס ס׳מיינט: „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און אים געהייליקט", ער האָט אים געהייליקט מיט זיין כבוד, אַז ער זאָל רוען אין זיין וועלט — און דערפאַר איז

דער זיבעטער טאָג באַהאַפטן מיט די זעקס טעג. נון, דאָס וואָרט „מנוחה" שליסט איין דעם דאָזיקן רעיון, און וויס, אַז אויב גאָט׳ס כבוד איז ניטאָ אויף דער ערד צו באַלייכטן דעם מענטשן — וואָלט דער מענטש קיין מנוחה ניט געהאַט. זיינע געדאַנקען וואָלטן אַלעמאָל געווען צעפלויגן און ס׳איז ניטאָ קיין האָפנונג סיידן דאָס געטליכע דבקות איז דאָ אויף דער ערד און זיין שכינה רוט צווישן די מענטשן — דאַן בלויז איז פאַראַן שמחה און רו. און ווען גאָט וואָלט געלאָזן זיינע מעשים נאָכדעם ווי ער האָט זיי באַשאַפן מיט זייער „טבע" וואָס ער האָט זיי געגעבן און וואָלט ניט געמאַכט רוען אויף זיי זיין שכינה, וואָלט קיין איינציקער מענטש ניט געפונען קיין מנוחה אויף דער וועלט, אָבער דערפאַר, וואָס נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט די אַרבעט האָט ער אויסגעווילט דעם זיבעטן טאָג זיך צו באַהעפטן מיט זיינע באַשאַפענע, אַז זיין שכינה זאָל רו־ען צווישן זיי, איז דורך דעם מעגלעך, אַז זיינע באַשעפענישן זאָלן געפינען מנוחה. און אַזוי האָבן געזאָגט אונזערע חכמים: מנוחה איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי נבואה, ווייל ס׳שטייט געזאָגט: „און ס׳האָט גערוט אויף זיי דער גייסט". און אַזוי איז אמת, אַז דורך רוח־הקודש און געטלעכע דבקות זאָל קומען די ענדגילטיקע רו, און אַזוי האָבן די חכמים דערקלערט, אַז ווען די אַרבעט איז פאַרענדיקט געוואָרן האָט נאָך געפעלט דאָס געטלעכע דבקות, וואָס איז דער עיקר און תכלית פון דער גאַנצער אַרבעט און מיט דער מתנה פון רו האָט גאָט פאַרענדיקט זיין אַרבעט, הייסט עס, אַז אַלץ איז פאַרענדיקט געוואָרן אויפן זיבעטן טאָג.

## ר׳ מרדכי טשערנאָבילער

## צוויי מינים רו

אין ענין פון שבת זיינען פאַראַן צוויי מינים רו: א) פון דער אַרבעט, וואָס דאָס באַגערט דאָך אויך דער מענטש, זיך אָפּצורוען פון זיין מי; ב) אים אָפּצוהיטן מיט אַלע פּרטים, כדי מקיים צו זיין די מצוה פון גאָט ברוך הוא אַליין, און דו ווייסט דאָך שוין פון לאַנג, וואָס אונזערע חכמים האָבן געזאָגט אויף „ישמח משה", אַז ער האָט געבעטן פּרעה׳ן אין מצרים, אַז ער זאָל די יידן לאָזן רוען אין טאָג פון שבת און זיי זאָלן זעקס טאָג אַרבעטן און פּרעה האָט מסכים געווען, אַז זיי זאָלן דורך דער וואָך אָפּטאָן אַלע אַרבעט. און דאָס איז וואָס ס׳שטייט געשריבן: „און דו רעד צו די קינדער פון ישראל", דו, וואָס דו האָסט זיי געזאָגט וועגן רוען פון דער אַרבעט, וואָס איז געווען אין דער בחינה פון רוען און זיך צוריקהאַלטן פון אַרבעט פון זייער נוצן וועגן, גיי צוריק און זאָג זיי: פון איצט אָן זאָל אַזוי ניט זיין, אַז זייער שבת איז באַפוילן פון מיר, ווייל דאָס איז אַ צייכן, צו וויסן, אַז „איך, גאָט, מאַך אייך הייליק" — און ניט בלויז זיך אָפּצורוען פון דער אַרבעט.

# ר׳ ישראל בעל שם-טוב (בעש״ט)

1.

## „זיי זאָלן זאַט ווערן און האָבן תענוג״

פאַראַן אין ספרי וועגן דעם וואָס מ׳זאָגט אין שבת׳דיקער תפלה „זאָלן זיך פרייען אין דיין מלכות די שומרי־שבת אאז״וו, זיי זאָלן זאַט זיין און האָבן תענוג פון דיין גוטס״, ווייל בדרך הטבע, איז דער וואָס איז זאַט קען שוין קיין תענוג ניט האָבן, אָבער אין הימלישע זאַכן איז פאַרקערט: דאָ קען זיין „זיי ווען זאַט זיין״ און „האָבן תענוג״.

2.

## דאָס אַוועקגיין פון דער נשמה־יתירה

איינמאָל איז דער בעש״ט געווען שבת אין אַ דאָרף, האָט ער צענויפגענומען די מענטשן פון דאָרף פאַר שלש־סעודות און זמירות און געזאַנג — האָט מען אים געפרעגט: וואָס איז דער טעם? האָט ער געענטפערט מיט א הלצה, אַז ער האָט געהערט, ווי מ׳זאָגט: „איך וויל שטאַרבן צווישן יידן״, און איצט, אַז ס׳קומט די צייט ווען די נשמה־יתירה האַלט ביים אויסגיין — בין איך מיך דעריבער משתדל צו זיין צווישן יידן.

3.

## וועגן לייענען מעשה־ביכלעך אום שבת

וועגן די מענטשן וואָס האָבן ליב שבת צו לייענען מעשה־ביכלעך אין יידיש, וואָס דער „שולחן־ערוך״ האָט וועגן דעם געפסקנט, אַז וויבאַלד זיי האָבן דערפון אַ תענוג, מעג מען זיי שבת לייענען — האָט דער בעש״ט געזאָגט אויף דעם אַ משל: אַ מלך וואָס איז געווען גרויס אָן אַ שיעור און רייך אָן א שיעור און גוט אָן אַ שיעור האָט זיך געלאָזט אויסבויען אַ פּאַלאַץ בתכלית ההידור, און דער פּאַלאַץ האָט געהאַט זאלן, יעדער איינער שענער פארן צווייטן אין פראַכט און קינסטלעכע אַרבעט וואָס מ׳האָט אַהין אַריינגעטאָן, און דאָרטן זיינען געווען געמעלן אאז״וו, און דאָרטן זיינען געווען קאַפּעליעס כלי־זמר, אאז״וו, און דאָרטן זיינען געווען די שענסטע מאכלים אאז״וו, האָט דער מלך געזאָגט: עפנט די טויערן און ווער ס׳וועט קומען זאָל קומען און גיט אים אַלץ וואָס זיין האַרץ געלוסט און בעט ביי אים קיין זאַך נישט. איינמאָל איז פאַרביי דעם דאָזיקן פּאַלאַץ דורכגעגאַנגען אַן אָרעמאַן, האָט ער געזען דעם פּאַלאַץ און איז אַריין אינווייניק. האָבן דעם מלך׳ס משרתים געאיילט און זיינען אים אַרויס אַנטקעגן און אים געפרעגט, וואָס ער באַגערט? און דער אָרעמאַן וואָס האָט ניט געהאַט

קיין אַנדער השגה ווי פון פּשוטע גראָבע מאכלים, וואָס ער איז געוואוינט געווען צו עסן תמיד — האָט געענטפערט, אַז ער וויל אַ גרויסן לאַבן ברויט און אַ טאָפּ אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפליעס. ווען די משרתים האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, זיינען זיי געגאַנגען און געפרעגט דעם מלך. האָט זיי דער מלך געענטפערט: איך האָב אייך דאָך געזאָגט, אַז איר זאָלט טאָן דעם רצון פון יעדן איינציקן מענטשן, דעריבער טוט ווי ער באַגערט; און אַנשטאָט וואָס יענער אָרעמאַן האָט געקענט האָבן גרויס תענוג פון די העכערע תענוגים, האָט ער אָפּגעגעסן דאָס שוואַרצע ברויט מיט די קאַרטאָפליעס און פאַרלאָזן דעם פּאַלאַץ.

## ר׳ חיים אריה לייב (פון יעדוואַבניע)

### 1.

## די שבת׳דיקע הוצאות מאַכן רייך דעם מענטשן

„און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג״ — ווייל דער מענטש מאַכט גרויסע הוצאות לכבוד שבת און פאַרדינען אין דעם טאָג פאַרדינט ער ניט... דעריבער האָט אים גאָט געבענטשט אין אָנהייב פון באַשאַף און האָט אונז מבטיח געווען, אַז אויב אַ מענטש וועט מאַכן גרויסע הוצאות לכבוד שבת, וועט מען אים מוסיף זיין פון הימל: „אַלע מזונות פון מענטשן ווערן אים באַשטימט ראש־השנה, חוץ די הוצאות פון שבת און יום־טוב״. (ביצה, ט״ז) און דאָס איז, וואָס דער מדרש זאָגט, אַז דאָס וואָס שטייט „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג״ גייט אויפן פּסוק „גאָט׳ס ברכה מאַכט רייך״ (משלי י׳ כ״ב). גאָט׳ס ברכה — מיינט שבת. דאָס הייסט, אַ מענטש זאָל זיך ניט שרעקן פאַר אָרעמקייט מחמת די שבת׳דיקע הוצאות, דעריבער האָט מען אונז מבטיח געווען, אַז די הוצאות גופא לכבוד שבת מאַכן דעם מענטשן רייך.

### 2.

## אַנטקעגן יענע, וואָס איילן זיך צו זייערע געשעפטן

פאַראַן מענטשן, וואָס באַגרייפן ניט די גרויסקייט פון דער קדושה פון שבת, פאַר זיי איז דאָס בלויז אַ טאָג וואָס מ׳טאָר ניט אַרבעטן און האַנדלען. און דער שבת לעגט זיך שווער אויף זיי מחמת דעם בטול פון זייער אַרבעט און זייער האַנדל. די דאָזיקע קומען אַריין שפּעט אין שבת און זיי איילן זיך פרי אַרויסצוגיין, און זיי שרייען, אַז ס׳זיינען שוין אַרויס די דריי שטערן און וואַרטן ניט, אַז ס׳זאָל שוין געוויס זיין נאַכט. און אויף דעם זאָגט דער נביא: „דורך איין קליינער רגע האָב איך דיך פאַרלאָזן״. (ישעיה נ״ד, ז׳) ווייל, ווען איר

וואָלט געוואָרט נאָך איין קליינע רגע און ניט מבייש געווען דעם שבת, וואָלט איך אייך אויסגעלייזט, אָבער צוליב אָט דער קליינער רגע האָב איך אייך פאַר־לאָזן. און דאָס איז וואָס ס׳שטייט: „ווי, די וואָס זאָגן אויף שלעכטס גוט און אויף גוט שלעכטס; וואָס מאַכן פינצטערניש פאַר ליכטיקייט און ליכטיקייט פאַר פינצטערניש״. (ישעיה ה׳, כ׳) ווייל אויפן שלעכטס, די וואָכעדיקע טעג, זאָגן זיי, אַז זיי זיינען גוט פאַר פרנסה און ריוח, און אויפן שבת׳דיקן טאָג, זאָגן זיי, שלעכט, ווייל זיי פאַרלירן אין אים. און דעריבער „מאַכן זיי פינצטער־ניש פאַר ליכטיקייט״, ווייל ערב־שבת ווען ס׳איז שוין פינצטער זיינען זיי נאָך עוסק אין מסחר און זאָגן, אַז ס׳איז נאָך ליכטיק און „ליכטיקייט צו פינצטער־ניש״, ווען דער שבת גייט אַוועק; עס איז נאָך טאָג און זיי איילן זיך צו דאַוונען מעריב.

## 3.

## „מנוחת אהבה ונדבה, מנוחת אמת ואמונה״

די שייכות צום שבת דאַרף זיין אין דער בחינה פון „מנוחת־אהבה״, ניט ווי פון אַ יאָך, וואָס אַ מענטש ווויל פון אים פטור ווערן און „נדבה״, מיינט, ער דאַרף צוגעבן צו דעם אַביסל מער: פון דער וואָכיקייט צו דער הייליקייט. „מנוחת אמת ואמונה״ — די רו פון שבת דאַרף זיין אַ רו פון אמת, ד. ה. „ניט צו היטן שבת אין דער עפנטלעכקייט און אים מחלל זיין, ווען קיינער זעט ניט. „מנוחת שלום ושלוה״ — אַז דער שבת׳דיקער טאָג זאָל ניט זיין קיין טאָג פון מחלוקה און צאַנקעריי. אַ רו פון „שטילקייט און זיכערקייט״ — אַ יידישער מענטש דאַרף זיך פאַרלאָזן אויף גאָט, אַז דער שבת וועט אים חס ושלום ניט ברענגען צו היזק און מאַטעריעלן שאָדן, נאָר אַדרבה פאַרקערט, גאָט וועט ממלא זיין זיין חסרון כפל־כפלים.

## ר׳ שמעלקע פון ניקלסבורג

## אַ מענטש דאַרף זיין צוגעגרייט פאַר דער קדושה פון שבת

גאָט ברוך הוא האָט געזאָגט צו משה׳ן: „איך האָב אַ טייערע מתנה אין מיינע אוצרות און איר נאָמען איז: שבת״. די טייערע מתנה פון שבת מיינט: דאָס ליכט און די קדושה און דאָס גייסטיקע חיות און דער פיינער שכל וואָס דער מענטש איז משיג פון דער אויבערשטער וועלט, אַ וועלט וואָס איז כולו שבת און כולו תענוג און געפינט זיך אין מיינע אוצרות, וואָס אין טאָג פון שבת עפענט זיך די וועלט אין וועלכער ס׳געפינען זיך די באַהאַלטענע אוצרות פון לעבן און באמת דאַרף יעדער קלוגער מענטש זיך דאָס נעמען צום האַרצן און

אַרויסקוקן אַלע וואָכעדיקע טעג און אַריינפּאַלן אין התלהבות: „ווען וועט שוין קומען דער טאָג שבת!" ער באַדאַרף האָפן אויף דער באַהאַלטענער מתנה, וואָס קומט מיטן שבת, אויף דער דערגרייכונג פון קדושה און דאָס גייסטיקע חיות, וואָס קומט אַרונטער פון אויבן, און אודאי דאַרף ער צו דעם האָבן הכנה אַלע זעקס אַרבעטס־טעג. און לויט דער כוונה פון זיין צוגרייטונג וועט אויך זיין זיין השגה, און דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט: „און זיי וועלן צוגרייטן וואָס זיי וועלן אַהיים ברענגען" — אַ מענטש דאַרף זיך מטריח זיין אינדערוואָכן, אַז ער זאָל האָבן פאַרן שבת'דיקן טאָג. און הגם דער מענטש איז זיך מטריח, זאָל ער ניט מיינען, אַז לויט זיינע הכנות איז ער שוין ווערט, אַז די קדושה פון שבת זאָל אויף אים קומען על־פּי־דין. דאָס ניט, ווייל נאָך אַלעמען, איז דאָס אַ גוטע מתנה מיט וועלכער גאָט איז מזכה דעם מענטשן, נאָר פונדעסטוועגן, דאַרף דער מענטש אויף דעם זיך גרייטן, אַז ער זאָל זיין די כלי אויפצונעמען די שפע פון דער דאָזיקער מתנה, ווייל וואָס קען די מתנה פון גאָט מוסיף זיין דעם מענטשן, אויב ער וועט ניט זיין די כלי אויפצונעמען די שפע פון קדושה? דעריבער דאַרף זיך דער מענטש מכין זיין אין די זעקס אַרבעט־טעג, אַז ער זאָל זיין ווערט מקבל צו זיין די קדושה וואָס קומט ווי אַ מתנה פון דעם מלך'ס אוצרות.

## ר' יוסף שאול נאַטאַנזאָן (רב אין לעמבערג)

# די מורא פון שבת

„ניט פאַרן שבת דאַרפסטו מורא האָבן, נאָר פאַר דעם, וואָס האָט געגעבן דעם שבת". (יבמות, ו') די אפיקורסים מיינען, אַז „שבתאי" מיינט, פאַרוויס־טונג און חורבן און ווען עמיצער טוט אין אים אַרבעט וועט עס קיינמאָל ניט מצליח זיין, און דעריבער איז אָנגעזאָגט געוואָרן ניט צו טאָן קיין אַרבעט אום שבת. און באמת גלויבן מיר פאַרקערט: אַז דער טאָג שבת איז אַ טאָג פון פרייד און תענוג און זייער אַ מזל'דיקער טאָג, און דאָס וואָס מיר זיינען באַפוילן געוואָרן צו רוען, איז דער פאַר, ווייל ס'איז אַ טאָג פון רו, און אַזוי האָט גאָט באַפוילן. און דאָס איז וואָס ס'מיינט: „ניט פאַרן שבת דאַרפסטו מורא האָבן, נאָר פאַר דעם, וואָס האָט געגעבן דעם שבת". און דאָס איז וואָס מ'האָט מתקן געווען אין שמונה־עשרה „זאָלן זיך פרייען מיט דיין מלכות די שומרי־שבת אאז"וו, דאָס פאָלק וואָס האָלט הייליק דעם זיבעטן טאָג". ד. ה. ס'פאָלק וואָס האלט הייליק דעם צאָל זיבן, וואָס דאן הערשט דאָס מזל שבתאי, און זיי רוען ניט דערפאַר, ווייל זיי האָבן מורא פאַרן מזל, וואָס באַטייט פאַרוויסטונג, ווייל דער אמת איז, אַז דער טאָג שבת איז תענוג.

ר׳ יוסף בריסקער

# מיטן שבת האָט זיך אָנגעהייבן אַ ניי־באַשאַף

אין די ערשטע זעקס טעג האָט גאָט באַשאַפן נייעס יעדן טאָג, וואָס דאָס ווערט אָנגערופן, אַז ער האָט געטאָן אין אים אַן ארבעט, ס׳הייסט, ער האָט באַ־נייט אַ נייע זאַך, וואָס איז פריער ניט געווען, בלויז דאַן האָט זיך אָנגעהייבן דאָס וועלט־באַשאַף אויף א נייעם אופן. היינו, ער באַשאַפט ניט אין אים קיין נייע זאַך וואָס ס׳איז פריער ניט געווען, נאָר ער קערט זיך צוריק און באַשאַפט אין יעדער רגע די מעשה־בראשית. קומט אויס, אַז יעדער רגע באַשאַפט ער נאָכאַמאָל זיין וועלט און אַן דעם וואָלט די וועלט קיין קיום ניט געקענט האָבן. אָבער דעם דאָזיקן באַשאַף רופט דער פסוק אָן שביתה, (רוען) ווייל אין אים האָט ער געוּרט. ס׳הייסט ער באַשאַפט די וועלט אָן שום באַנייאונג. און די דאָזיקע אַרבעט, ד. ה. דאָס באַשאַפן אָן קיין שום שנוי, ווערט אויפן לשון פון פסוק אָנגערופן „שביתה״, ווייל אַ מענטש שפירט ניט אין דעם אַ טועכץ פון אַן אַרבעט, און דער דאָזיקער ענין האָט זיך אָנגעהייבן שבת. קומט אויס, אַז דער שבת איז ביי אונז אַ צייכן און אַ זכר, אַז אפילו איצט, וואָס אויבן אויף זעט אויס די וועלט זיך צו פירן לויט אירע אייביקע געזעצן, פונדעסטוועגן האַלט זי זיך ניט פון זיך אַליין, ווי אַן אַרבעט פון אַ מענטשן, וואָס נאָכדעם ווי דער מייסטער האָט פאַרענדיקט זיין אַרבעט שטייט די כלי אין איר זעלבן געשטאַלט און אויסזען פון זיך אַליין און אָן דעם מייסטער, נאָר גאָט ברוך הוא שאַפט זי און געשטאַלט זי אין יעדער שעה און אין יעדער רגע.

און לויט דעם פאַרשטייען מיר נאָך איינעם אַ וויכטיקן ענין. ווייל ס׳איז דאָך באַוואוסט, אַז דאָס וואָס מיר ריידן און לויבן גאָט ברוך הוא איז דאָך דאָס אַלץ מצד פון זיינע פעולות, ווייל אים אַליין קען דאָך קיין געדאַנק ניט באַגרייפן און אַלע לויבן און רום זיינען בלויז לויט זיין באַהעפטונג מיט דער וועלט און זיינע פעולות, ווי דער רמב״ם האָט שוין וועגן דעם גערעדט באריכות. און אייגנטלעך איז דאָך אין שבח פון שבת אין וועלכן ער האָט גערוט קיין פעולה ניט פאַראַנען, און וועגן זיין עצם טאָר מען דאָך ניט ריידן און איבערטראַכטן. און לויט וואָס מיר האָבן אויבן געזאָגט איז רעכט, אַז דער פירוש פון שבת איז די פעולה, וואָס ער באַשאַפט איבער דער וועלט אויף איר פריערדיקן אופן, און מ׳זאָל חלילה ניט מיינען, אַז נאָכדעם ווי די וועלט איז איינמאָל באַשאַפן געוואָרן גייט זי שוין אַזוי בדרך הטבע — נאָר דו דאַרפסט דערקענען אַז ער האַלט זי אין איין שאַפן.

## ר׳ אהרן לעווין (רב פון ריישע)

# מיטן אָנקומען פון שבת ווערט געענדיקט דעם מענטשנ׳ס אַרבעט

די חכמים האָבן געזאָגט: דער וואָס דאַוונט ערב־שבת און זאָגט: „ויכולו״ — לייגען די צוויי מלאכים וואָס באַגלייטן דעם מענטשן זייערע הענט אויף זיין קאָפּ און זאָגן: „אָפּטאָן ווערט זיך דיין פאַרברעך און דיין זינד ווערט פאַרגעבן ווערן״. (ישעיה ו׳, ז׳) און כדי דאָס בעסער צו פאַרשטיין קען מען זאָגן, אַז ס׳זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס רוען יאָ שבת פון דער אַרבעט, אָבער זיי טוען עס פאַרדראָסיק, וואָס צוליבן שבת זיינען זיי געצוואונגען איבערצורייסן די אַרבעט און ס׳ווערט זיי דערפון ארויסקומען אַ היזק. און דאָס איז ניט ריכטיק, ווייל דער מענטש דאַרף אויפנעמען דעם שבת מיט דעם אויפריכטיקן געפיל, ווי אַלע זיינע אַרבעטן זיינען פאַרענדיקט ביז צום סוף און ער האָט מער גאָרניט וואָס צו טאָן און דאַן ווערט ער זיך פרייען מיט אַ צופרידן הארץ. און ווי טייער עס זיינען די רייד פון אונזערע חכמים אין מדרש: „די ברכה פון גאָט, זי מאַכט רייך, מען דאַרף צומאָל ניט צולעגן מי דערביי״. (משלי י׳, כ״ב) גאָט׳ס ברכה מאַכט רייך — דאָס איז דער שבת, מען דאַרף ניט צולעגן מי דערביי — דאָס איז דער טרויער. די כוונה איז, אַז דער מענטש זאָל חלילה ניט מיינען, אַז דער שבת ווערט אים פאַרשאַפן מי און אים ברענגען צו טרויער, אַז ער שטערט אים פון דער אַרבעט און לאָזט אים ניט פאַרענדיקן זיין ווערק — נאָר ער זאָל זיך פאַרשטעלן, אַז זיין אַרבעט איז פאַרענדיקט מיטן אָנקום פון שבת און אַז ער האָט מער קיין אַרבעט ניט און דעמאָלט ווערט דער שבת ניט פאַלן אויף אים צו לאַסט, נאָר ער ווערט זען אין אים אַ גרויסע ברכה, וואָס ברענגט אים רו נאָך זעקס טעג פון אַרבעט. און דאָס איז אויף וואָס יענער מאמר דייט אָן: דער וואָס דאַוונט ערב־שבת און זאָגט „ויכולו״ — ס׳הייסט, ער נעמט אויף דעם שבת ניט דורכן געפיל, אַז ער האָט איבערגעריסן זיין אַרבעט צוליבן שבת, ווייל ער איז געצוואונגען זי איבערצורייסן, נאָר ער זאָגט „ויכולו״, ווייל ער באַטראַכט זיך, ווי גאָר זיין ארבעט איז פאַרענדיקט און ער האָט שוין מער ניט וואָס צו־צוגעבן — אַזאַ מענטש איז ראוי, אַז אַלע ברכות זאָלן רוען אויף זיין קאָפּ.

און איך האָב געזען אַ מדרש, וואו ס׳ווערט געבראַכט דער אויבנדער־מאָנטער מאמר, נאָר מיט אַ קליינער הוספה. דאָרטן ווערט עס געבראַכט בזה־הלשון: דער וואָס דאַוונט און זאָגט „ויכולו״ מיט זיין גאַנצן כוח, זאָגן צו אים די צוויי מלאכים וואָס באַגלייטן דעם מענטשן: „אָפּטאָן ווערט זיך דיין פאַרברעך און דיין זינד ווערט פאַרגעבן ווערן״. און אויף יענעם וואָס זאָגט מיטן גאַנצן כח קען מען זאָגן, אַז דער וואָס גייט אַרום ליידיק אַ גאַנצע וואָך און טוט קיין אַרבעט ניט, איז דאָך ניט קיין גרויסער אויפטו וואָס ער נעמט אויף זיך די

קדושה פון שבת, ווייל דורך די אַנדערע טעג רוט ער דאָך אויך און טוט קיין אַרבעט ניט. אָבער דער, וועמענס הענט זיינען אַ גאַנצע וואָך פול מיט ארבעט, פונדעסטוועגן, ווען עס קומט דער ערב־שבת האַלט ער זיך צוריק פון יעדער אַרבעט און נעמט אויף זיך די קדושה פון שבת און ער רוט פון זיין אַרבעט — אַזאַ מאַן האָט אַ גרויסן שכר און דאָס איז וואָס זיי האָבן געזאָגט: ווער עס זאָגט „ויכולו" מיטן גאַנצן כח, ווייל ער האָט כח און אַרבעט די גאַנצע וואָך און ער רוט בלויז צוליב דער קדושה פון שבת.

## ר' שבתי אבן־בודד

# אַרבעטן אינדערוואָכן איז אַ מצוה

„זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן" (שמות ל"ד, כ"א) דאָס איז אַ מצוה. דיר צו זאָגן, אַזוי ווי דו ביסט באַפוילן צו רוען אין טאָג פון שבת, אַזוי ביסטו אויך באַפוילן צו אַרבעטן אין די זעקס אַרבעטטעג. אויב דו וועסט אַזוי טאָן, וועסטו פאַרגליכן ווערן צו דיין באַשאַפער, ווייל אַזוי האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד אין זעקס טעג און גערוט אויפן זיבעטן טאָג. און גוט ווערט געזאָגט אין בראשית־רבה: „ווען גאָט ברוך הוא האָט באַשאַפן אָדמ'ען — האָבן די מלאכים מיט אים זיך טועה געווען און זיי האָבן געוואָלט זאָגן: קדוש, קדוש, קדוש. וואָס האָט גאָט ברוך הוא געטאָן? ער האָט אַרויפגעוואָרפן אויף אים אַ טיפן שלאָף, האָבן אַלע געוואוסט, אַז דאָס איז אַ מענטש." און דאָס איז דער מיין פון דעם פסוק: פון אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן איז ניטאָ קיין איינציקס וואָס זאָל טאָן אַן אַרבעט, אויסער דער מענטש. וועסטו דאָך זאָגן, אַז די בינען טוען אויך אַן אַרבעט, אָבער זייער טאָן הייסט ניט קיין אַרבעט, ווייל די בין טוט ניט עפּעס אַזוינס, וואָס אַ צווייטע בין זאָל ניט קענען טאָן, און זינט די וועלט איז באַשאַפן און ביזן היינטיקן טאָג איז די אַרבעט פון די בינען די אייגענע און איז גאָרניט ניט באַנייט געוואָרן מיט עפּעס. אָבער ניט אַזוי איז די זאַך מיט מענטשן. יעדער איינער האָט זיין אייגענעם וועג אין זיין אַרבעט, און איינעמס אַן אַרבעט אונטערשיידט זיך פון אַנדערנס און דעריבער קען דאָס וואָרט „מלאכה" ניט געברויכט ווערן סיידן אויף מענטשלעכער אַרבעט. און דאָס איז וואָס דער מדרש זאָגט, אַז ווען די מלאכים האָבן דערזען דעם אָדם־הראשון, ווי ער טוט אַן אַרבעט, האָבן זיי דערזען אין זיין אַרבעט אַ שאַפן, ווייל ס'איז אין איר געווען אַ באַנייאונג, האָט זיך זיי אויסגעדוכט, אַז ער איז אַ באַשאַפער און זיי האָבן געמאַכט אין אים אַ טעות; נאָר ווייבאַלד ס'איז אים באַפאַלן דער טיפער שלאָף און ער האָט ניט געקענט אַרבעטן, האָבן אַלע געוואוסט, אַז ער איז אַ מענטש.

„שבת פאַר גאָט" — זיין מיין ווערט קלאָר פון דעם וואָס די חכמים האָבן געזאָגט: מאַך דיין שבת וואָכעדיק און זאָלסט ניט אָנקומען צו מענטשן. ווייל דער שבת פאַרמאָגט צוויי צדדים: פון איין צד איז ער אַ טאָג פון רו און הייליקייט, אַז דער מענטש זאָל זיין פריי פון אַלע זיינע עסקים און דער טאָג איז הייליק פאַר גאָט. פון דעם צד ווערט דער טאָג אָנגערופן: שבת פאַר גאָט. און פון צווייטן צד איז שבת אַ גרויסער פּראַקטיקער יום־טוב, אין וועלכן דער מענטש דאַרף רוען, עסן און זיין פריילעך און זיך אָנטאָן שיינע בגדים. און פון דאָזיקן צד, פון וועלכן ס'ווערט אין חומש ניט גערעדט, איז דער שבת אַ שבת פאַרן מענטשן, און דעריבער, ווען די חכמים זיינען געקומען זאָגן, אַז אַ מענטש מעג עסן און זיך אָנטאָן שבת דאָס אייגענע וואָס ער עסט און טוט זיך אָן אינדערוואָכן, כדי ער זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו מענטשן, האָט מען דעם שבת אָנגערופן „דיין שבת", אַרויסצונעמען פון כלל „שבת פאַר גאָט", און לויט די דאָזיקע רייד איז דער מיין פון „שבת פאַר גאָט" — אַ שבת פאַר גאָט'ס נאָמען און פון זיין כבוד וועגן — און שבת איז דיר ניט געגעבן געוואָרן, אַז דו זאָלסט קענען אויף אים מוחל זיין.

## ר' שמואל דוד לוצאַטו

# די מצוה פון שבת

אין דער מצוה פון שבת, דאַרף מען מאַכן אַ חילוק צווישן דעם רוען פון אידישן מענטשן און דעם רוען פון דעם קנעכט און דער בהמה. די לעצטע האָט בכוונה, אַז מ'זאָל האָבן מיט זיי איינזען און רחמנות, אָבער די ערשטע האָט ניט די אייגענע כוונה, ווייל דער וואָס איז אַ פרייער מענטש קען דאָך רוען ווען נאָר ער וויל, נאָר דאָס גייט אויף אַנדערע ענינים. גאָר צום ערשטן, מיינט די מצוה פון שבת, ווי אַלע איסורים פון קדושה, צו דערהויבן דאָס פאָלק ישראל, ביז זיי זאָלן זיך באַטראַכטן ווי אַ מלוכה פון כוהנים און אַ הייליק פאָלק, ווען זיי וועלן רוען אין דעם טאָג ווען גאָט האָט גערוט פון דער אַרבעט פון הימל און ערד; און פון דעם צד איז דער שבת אַ צייכן צווישן גאָט און צווישן אידן, ס'הייסט, ס'איז אַ צייכן און אַ סימן אויפן געשלאָסענעם בונד, וואָס צווישן אים און צווישן אונדז, און פון דעם צווייטען צד איז פאַראַן אין דער מצוה פון שבת אַ גרויסע נוץ פאַרן תיקון פון די מענטשלעכע מידות, פאַרן וואוילזיין פון דער גאַנצער אומה און פאַרן אויפהיטן פון אונדזער אמונה. ווייל דאָס איז דאָך באַקאַנט, אַז יעדער מענטש רוט זיך אָפּטמאָל אָפּ פון דער אַרבעט און האָט הנאה פון דעם אָפּרו — נון, אויב יעדער איינציקער וועט רוען אין וואָס נאָר פאַראַ טאָג ס'וועט זיך אים פאַרגלוסטן, וועט פון די דאָזיקע אינדיווידועלע רועניש

קיין אַנדער נוץ ניט אַרויסקומען אַחוץ די הנאה פון דעם איינצלנעם יחיד, אָבער ווען דאָס רוען פון גאַנצן פאָלק פאַלט אויס אין איין טאָג, קומט דערפון אַרויס אַז זיי קענען זיך צונויפקומען צוזאַמען, עסן און טרינקען און שמועסן איינע מיט די אַנדערע, און די ליבשאַפט צווישן זיי ווערט זיך פאַרמערן, און זיי וועלן קענען הערן תורה און מוסר פון די זקנים און חכמים. און דער שבת'דיקער טאָג גלייכט אויס רייך און אָרעם, האַר און קנעכט, קליין און גרויס און דער קנעכט איז פריי פון זיין האַר; און דאָס העלפט צו דערוויטערן די גאווה פון די רייכע און זיי צו דערמאָנען, אַז מיר זיינען אַלע קינדער פון איין טאַטן.

## ר' שמשון רפאל הירש

# די קדושה פון שבת איז אויף אייביק

פון אַלע גוטע מתנות, וואָס די אידישע תורה האָט געגעבן אירע נאָכפאָלגער — איז ניטאָ קיין בעסערע מתנה, וואָס גיט לעבנסגליק אין אַזאַ גרויסער שפע'דיקער מאָס, ווי די פריסטע מצוה, די מצוה פון שבת. נעמט פון אידן אַוועק דעם שבת — און איר נעמט־צו זיין טייערסטע פערל, און אַלץ נאָר וואָס איר וועט אים דערפאַר וועלן פאַרגיטיקן, קען זיין פלאַץ ניט פאַרנעמען. אַלע פריידן און שמחות וואָס איר וועט דעם אידן פאַרשאַפן וועלן אים ניט צופרידנשטילן און וועלן אים ניט געבן דאָס, וואָס ער געפינט אין דער ליבער רו און אין דער רואיקער שטילקייט פון טאָג שבת.

ווי אַ שיינע צנועה'דיקע כלה האָט גאָט אַרויסגעפירט דעם שבת אַנטקעגן פאָלק ישראל און האָט זייביידע פאַרקניפּט און פאַרבונדן. אויב דער איד שטייט אין געטריישאַפט מיטן שבת און איז איבערגעגעבן צו אים מיטן גאַנצן האַרצן און נשמה — איז דער שבת זיין געטרייסטער און נאָענט־סטער פאַרבינדעטער און ער גיט אים אין לעבן היילונג און טרייסט און נעמט אַוועק אַלע זיינע שווערקייטן. זיין אָרעם ביידל פאַרוואַנדלט ער אין אַ פּאַלאַץ און די פינצטערניש פון נאַכט אין טאָגיקער ליכטיקייט.

יענע אידן, וואָס קערן אָפּ זייער נאַקן פון דעם דאָזיקן האַרציקן פריינט, גיבן זיך ניט אָפּ קיין רעכענונג, וואָס פאַר אַ קוואַל פון גוטס און נחת־רוח זיי וואַרפן אַוועק. זיי פאַרטראַכטן זיך גאָרניט, וואָס פאַר אַ גרויס שלעכטס זיי באַגייען צו זייערע אייגענע קינדער, ווען זיי מאַכן זיי ניט ירש'ען דעם טאָג שבת. זיי באַרויבן זייערע קינדער פון גרעסטן גייסטיקן אוצר פון זייער פאָלק און שטאַם, וואָס זיי, די קינדער, האָבן אויף דעם זכות פון ירושה פון דור־דורות.

באַגייט ניט דעם דאָזיקן פאַרברעכן, איר טאַטעס און מאַמעס פון אידישן פאָלק. פאַראַרעמט ניט אייערע קינדער און נעמט ניט אַוועק פון זיי אויף אייביק דעם פאָלקס-פאַרמעגן, דעם שבת. איר זאָרגט זיך פאַר זייער צוקונפט, זייער פיין, מאַכט זיי פאַר געבילדעטע מענטשן, פאַר בכבודיקע מענטשן, געזונטע און שטאַרקע מענטשן. אָבער איר מוזט נאָך צוגעבן דערצו אייער פאָלקס פאַרבאַרגענע מתנה, דעם שבת פון דער אידישער תורה. לערנט זיי פון קליינוויז אָן אָפּצוהיטן שבת און זייט פאַר זיי אַ מוסטער אין אָפּהיטן דעם דאָזיקן וואונדערלעכן קנין, כדי זיי זאָלן זיך אָפּלערנען פון אייך און טאָן ווי איר טוט, און די דאָזיקע אייביקע נחלה זאָל אויפגעהיט ווערן אויך פון די קומענדיקע דורות.

די מלכה-שבת ברענגט אַריין אין אידנס הויז אַ נייע וועלט; קיין זכר ניט פון די זעקס אַרבעטטעג, די וועלט פון דאגה און פיין, טרויער און זיפץ. דער שבת מיט זיין צויבער פאַרוואַנדלט אים אין אַ עולם שכולו טוב, אַ וועלט פון שלום און פון שלווה. אפילו די ווענט פון הויז זאָגן, אַז היינט איז שבת, אַ טאָג פון קדושה און רו; דער איד וואַרפט אַראָפּ דעם יאָך פון אַרבעט פון זיינע פּלייצעס, טרייסלט אָפּ דעם שטויב פון די וואָכעדיקע טעג, די קנייטשן פון זיין שטערן ווערן אויסגעגלעט, זיין נשמה קערט זיך אום צו איר מנוחה און זיין פאַרשטאַנד ווערט לויטער און קלאָר. דאָס איז דער שבת-קודש ביי אידן און דאָס איז זיין חלק אין לעבן.

„זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן גאָר דיין אַרבעט" — זאָגט די תורה. זעקס טעג אין וואָך זיינען דיר געגעבן איינצופּרעסן אין זיי דיין כאַראַקטער און דיין געשמאַק, און אין די זעקס טעג זאָלסטו טאָן דיין אַרבעט ווי דיר אַליין געפעלט. זעקס טעג אַקער און זיי, שנייד און זאַמל צונויף, פלאַנץ און רייס אויס דאָס געפלאַנצטע; זעקס טעג דרעש און מאַל, שער און שפּין, ניי און צערייס, בוי און צעוואַרף, שרייב און מעק, צינד אָן און לעש אויס, פאַנג און שחט, קאָך און באַק און טו אַלע דיינע אַרבעטן, אָבער אויפן זיבעטן טאָג איז שבת ביי דיין גאָט — שבת-שבתון. אין טאָג פון שבת זאָל דער אַקערער פאַרלאָזן זיין אַקער, דער שניטער — זיין סערפּ, דער מילנער — זיין מיל, דער בעקער — זיין אויוון, דער שרייבער — זיין פעדער, דער מאָליער — זיין פּינזל, דער קרעמער — זיין קראָם, דער באַנקיר — זיינע פּאַפּירן, דער באַאַמטער — זיין אַמט, דער מייסטער — זיין ווערקהויז, דער שוסטער — זיין שוך, און דער שניידער — זיין נאָדל — ס'איז שבת היינט ביי דיין גאָט. און ניט בלויז פאַרן באַלעבאָס פון הויז און פאַר זיין זון און פאַר זיין טאָכטער, נאָר אויך „דיין קנעכט און דיין דינסט און דיין בהמה און דער פרעמדער, וואָס אין דיינע טויערן" — אַלע זאָלן רוען, איז דאָס געבאָט פון דער תורה, ווייל דעריבער „האָט גאָט געבענטשט דעם שבת-דיקן טאָג און האָט אים געהייליקט". און זאָל דיר ניט קומען אויפן זינען

דער שבת קודש גייט אַוועק

ש. ראַסקי

ברכה פון שבת

ש. ראַסקין

צו טראַכטן: דאָס געבאָט פון דער תורה וועגן שבת אין די עשרת־הדברות איז דאָך געזאָגט געוואָרן מיט איבער דריי טויזנט יאָר צוריק, און דורך דעם משך פון דער דאָזיקער לאַנגער צייט האָט זיך דאָס לעבן אַזוי פיל געביטן אויף יעדן געביט, צי דען דאַרפן מיר זיין אַזוי שטאַרק אָפּגעהיט מיט שמירת־שבת — חלילה וחלילה אַזוי צו טראַכטן. אונדזער געטלעכע תורה שטרייכט אונטער: „זאָלסט געדענקען דעם טאָג שבת, אים צו האַלטן הייליק" — אָן שום באַדינג פון צייט און פּלאַץ. די דאָזיקע באַהאַלטענע טייערקייט — דער שבת — איז געגעבן געוואָרן צום אידישן פאָלק אויף אייביק און זיין קדושה איז ניט אָפּהענגיק אָן צייט און אָרט. דאָס איז די צירונג פון אונדזער פאָלק און אַלע וואָס היטן אָפּ שבת זעטיקן זיך מיט אירע גוטיקייטן און איר גוטער אוצר איז פאַר זיי אַ ברכה.

## ר' משה נאַכט

## די שבת׳דיקע רו פרישט אָפּ דעם מענטשנס כוחות

וויפיל אַנדייטונגען זיינען אונדז געגעבן געוואָרן מכוח דעם גאָלדער־נעם מיטן און וועגן אָפּהיטן די כוחות אויף אַ מעסיקן שטייגער, און די בעסטע איבערוועגנדיקע ראיה וועגן דעם איז דער טאָג שבת, וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם אידישן פאָלק, כדי אים צו דערהאַלטן ביים לעבן.

מיר דאַרפן זיך אָפּשטעלן אויף דער דערציערישער זייט, וואָס איז פאַראַן אין שבת, ד״ה אַוועקשטעלן דעם מענטשן אָפּצוהיטן זיינע כוחות און זיין גלייכגעוויכט. וואָס אַזוינס איז אַרבעט? אַרבעט מיינט, די שטענדיקע אָנשטרענגונג צו שטייגן העכער און העכער, זיך צו דערווערבן איין קנין נאָכן צווייטן, רייכקייט אויף רייכקייט, גיטער אויף גיטער. דער מענטש איז קיינמאָל ניט מיד געוואָרן צו שטרעבן און אַרבעטן, ווייל דאָס איז שוין זיין טבע. איז געקומען די געטלעכע השגחה און געשטעלט אַ גרענעץ צו דער דאָזיקער שטרעבונג און די גרענעץ איז — דער שבת.

וואָס איז שבת? שבת הייסט פולשטענדיקע רו, וואָס איז דער פול־שטענדיקער היפך פון אַרבעט. דער שבת קומט צו מאַכן אַ תחום פאַר דער שטרעבונג נאָך אַרבעט, פאַרן שטענדיקן גלוסטן צו פאַרמערן גיטער. וועסטו דאָך וועלן זאָגן, אַז דער שבת קומט אַוועקצונעמען פון מענטשן די איני־ציאַטיוו פון דערגרייכונג און אומאויפהערלעכע שטרעבונג צום ציל? האָסטו אַ טעות! דער שבת היט אָפּ דעם מענטשנס כוחות, אַז זיי זאָלן ניט גיין לאיבוד, אַז ער זאָל זיי צופיל ניט צעטרענצלען. ס׳איז אַ פאַקט, אַז דער מענטש וואָס רוט נאָך אַ שווערער אַרבעט — קלייבט אָן נייע כוחות און קען ווידער אַרבעטן מיט מער פרייִדיקייט און פלייסיקייט; דער שבת

ווערט דערפֿאַר ווי אַ פֿאַנצער פֿאַר די צעשטערנדיקע כוחות אין דער אַרבעט. דער שבת קומט אומצוקערן צום מענטשן דאָס גלייכגעוויכט צווישן די פֿאַרשיידענע כוחות, וואָס זיינען צעשטערט געוואָרן דורך דער גרויסער אָנשטרענגונג.

און דאָס אייגענע איז מכוח דעם עירוב פֿון הויפֿן און עירוב פֿון תחום־שבת. אַ סך מענטשן זעען אין דער דאָזיקער תקנה אַן איבעריקע שווערקייט אויפֿן מענטשן, ווייל דער מענטש איז אַ געפֿאַנגענער אין זיין הויז, אין זיין הויף און אין זיין שטאָט און ער טאָר זיך ניט רירן פֿון אָרט, און ס׳קומט אויס, אַז דער דאָזיקער פֿאַרבאָט פֿאַראורזאַכט דעם מענטשן צער און ס׳איז כלל וכלל קיין עונג־שבת ניט. און טאַקע, פֿון דעם ערשטן בליק זעען אונדז די עירוב׳ן אויס ווי קייטן אַרויפֿגעלייגט אויפֿן מענטשן, אַז ער טאָר ניט גיין און איבערטראָגן זיינע זאַכן, פֿון איין פּלאַץ אויפֿן צווייטן, און דאָס אייגענע מיטן עירוב פֿון תחום־שבת׳ן, וואָרום גאַנץ אָפֿט האָט דאָך דער מענטש הנאה אַרויסצוגיין חוץ׳ן תחום, און דאָך האָט מען עס פֿאַרבאָטן. נאָר ווי מיר האָבן אויבן מסביר געווען דעם ענין פֿון שבת, ווערט דאָס אויך זייער פֿיין אויפֿגעקלערט: דער דאָזיקער איסור, וואָס קומט צו באַשרענקען די פֿרייע באַוועגלעכקייט פֿון מענטשן, קומט פֿאַר זיין אייגענער טובה, ווייל ער צווינגט דעם מענטשן אָפּצוהיטן זיינע כוחות און צו רוען אַ פֿולשטענדיקע רו פֿון אַלע וואָכעדיקע מעשים און צרות, ווייל בלויז די פֿולשטענדיקע און אַבסאָלוטע רו איז דער ערשטער באַדינג פֿאַר יעדער אָנשרענגונג פֿון אַרבעט דורך דער וואָך. און ווען ניט די הפסקה פֿון שבת, וואָס איז גוזר אַבסאָלוטע רו אויפֿן מענטשן וואָלט ער מיטן גוטן ווילן קיינמאָל ניט געמאַכט קיין חוקים פֿאַר זייער אייגענעם רוען — און וואָלט דורך דעם זיין אייגענע וועלט פֿאַרלאָרן.

## ר׳ ישראל מאיר הכהן (חפץ־חיים)

### .1

# דער שבת איז אַ צייכן פֿאַרן פֿאָלק ישראל

די תורה זאָגט: „זאָלסט געדענקען דעם טאָג שבת אים צו האַלטן הייליק“ אאַז״וו, „ווייל זעקס טעג האָט גאָט באַשאַפֿן“ אאַז״וו. דער פּסוק לערנט אונדז, אַז שבת איז דער יסוד פֿון גלויבן, אַז די וועלט איז ניי, און וויבאַלד גאָט האָט אַלץ באַשאַפֿן, איז ער דאָך דער האַר פֿון אַלץ און מיר זיינען זיינע קנעכט און זיינען מחויב צו טאָן זיין רצון און אים צו דינען, ווייל אַלץ איז זיינס. וועגן אָפּהיטן שבת האָט די תורה אָנגעזאָגט צוועלף מאָל. און אונדזערע חכמים ז״ל האָבן געזאָגט: דער וואָס איז מקיים שבת

איז ווי ער וואָלט מקיים זיין די גאַנצע תורה און דער וואָס איז מחלל שבת איז ווי ער וואָלט געלייקנט אין דער גאַנצער תורה. וועגן שבת זאָגט דער פסוק: „צווישן מיר או צווישן די קינדער פון ישראל איז ער אַ צייכן אויף אייביק". דאָס וואָרט „צייכן" לערנט אונדז וועגן דער גרויסקייט פון ענין שבת. צו וואָס איז דאָס געגליכן? צו איינעם אַ בעל מלאכה אדער אַ סוחר, וואָס שטעלט אַרויס שילד איבער זיין הויז, וואָס באַצייכנט פאַר אלעמען זיין מלאכה, אָדער זיין מסחר. כל־זמן דער שילד הענגט אינדרויסן, ווייסן אַלע, אַז דאָ אין הויז וואוינט א בעל־מלאכה אָדער א סוחר, און אפילו אַז ער פאָרט אַמאָל אַוועק אויף עטלעכע טעג, אָבער אַרויסגעקליבן פון הויז האָט ער זיך ניט. אָבער ניט אזוי איז, ווען דער שילד ווערט אינגאַנצן צוגענומען, וואָס מיינט, אז יענער וואָס האָט דאָ געוואוינט האָט זיך ארויסגעקליבן און איז שוין מער ניט פאַראַן דאָ. דאָס אייגענע איז מיטן ענין שבת, ווייל דאס איז אַ צייכן פארן יידן, וואָס טראָגט אויף זיך די פאָן פון האָפנונג, אז ער גלויבט אין גאָט ברוך הוא, אז ער איז דער בורא־עולם און באַנייער און מיר זיינען מחוייב אים צו דינען, און דורך זיין גלויבן אין גאָט גייט ארונטער אין זיין הארץ אויך די קדושה פון גאָט, ווי ס'שטייט געשריבן: „ווייל ס'איז א צייכן צווישן מיר און צווישן אייך אויף דור־דורות, אַז איך גאָט מאַך אייך הייליק" און אויף דעם האָט אָנגעוואונקען דער פסוק: „און זיי וועלן מיר מאַכן אַ מקדש און איך וועל רוען אין זיי", טאַקע ממש אין זיי, ווי די מפרשים האָבן דערקלערט. און דע־ריבער, אפילו אז ס'האָט געטראָפן, אז ער האָט עובר געווען אויף אַ מצוה, איז נאָך אַלץ פאראן דער צייכן עדות צו זאָגן אויף יענעם מענטשן, אַז ער וואוינט נאָך אַלץ אין זיין אייגענער דירה, ס'הייסט, ער איז נאָך א ייד ווי געוועזן, אז גאָטס קדושה רוט אין זיין האַרצן; אָבער אַנדערש איז אויב ער איז חס־ושלום מחלל שבת, דורך דעם נעמט ער פון זיך אַרונטער דעם צייכן און באַווייזט, אַז אין טיפעניש פון זיין האַרצן וואוינט שוין ניט קיין ייד וואָס גלויבט אין גאָט און גאָטס מקדש איז שוין אָפּגעטאָן פון זיין הארצן.

## 2.

# שמירת־שבת כהלכתה

און זע די האַרבע זינד פון חילול שבת, ווייל וועגן אַלע אַנדערע זינד, אַחוץ געצנדינערייַ, אויב ער זינדיקט אין איינער פון זיי — זינדיקט ער אָבער ניט לגבי דער גאַנצער תורה, אָבער אין איסור־שבת איז דאָס א בפירושער דין אין שולחן־ערוך, אַז דער וואָס איז א מופקר אין חילול־שבת בפרהסיא איז עובר אויף דער גאַנצער תורה און זיין דין איז ממש ווי אַ געצנדינער. און פאַרקערט, אויף די וואָס היטן אָפּ שבת איז פאַראַן אין מדרש־רבה פרשה בשלח: גאָט ברוך הוא האָט געזאָגט צו די יידן: אויב איר וועט זוכה זיין צו היטן שבת, וועל איך אייך דאָס פאַררעכענען, ווי איר וואָלט אָפּגעהיט אַלע

מצוות פון דער תורה, און אַזוי זאָגט ער: „דער וואָס היט שבת, אים ניט צו פאַרשוועכן און היט זיין האַנט פון צו טאָן בייז" ס'הייסט, דאָס לעצטע ווענדט זיך אָן דאָס ערשטע. אין גמרא ווערט זייער פיל גערעדט וועגן אָפּהיטן שבת כהלכה. דאָס קען מען דערקלערן מיט דעם, אַז די חכמים האָבן שטאַרק מדקדק געווען צו זאָגן „כהלכתו", ווייל ס'קען זיך גרייליך טרעפן, וואָס אַ מענטש היט ניט אָפּ שבת ווי דער דין איז, און דאָך זאָל מען אים ניט קענען אָנרופן מיטן נאָמען „מחלל־שבת". למשל, מכח דעם אַז זיין בהמה זאָל רוען, וואָס די תורה האָט באַדאַרפט אָנזאָגן, אַז זיין אָקס און אייזל זאָלן רוען, און ער האָט אַ סך פעלדער און בהמות און ער ווענדט אָן כל המינים תחבולות און חכמות און פאַרקויפט זיי צו אַ גוי פאַרן שבת'דיקן טאָג; און אויך למשל איינער וואָס האַלט אַ שענק און דאָס גלייכן און ער טוט זיך קליגען, כדי ער זאָל דורכן שבת'דיקן טאָג פאַרדינען, און נאָך און נאָך אַזעלכע זאַכן אין די דינים פון שבת, וואָס לויט דער תורה קען מען זיי ניט אָנרופן פאַר אַן אַבסאָלוטן אסור, און דאָך קענען מיר דעם מענטשן, וואָס טוט אַזעלכע זאַכן ניט אָנרופן קיין שומר־שבת כהלכה; ווייל סוף־כל־סוף קענען מיר ביי אַזאַ מענטשן ניט זען דעם ענין שבת־קודש, ווי ס'באַדאַרף צו זיין, און אין דער ווירקלעכקייט, האָט ער מבטל געווען דאָס וואָס שטייט געשריבן אין דער תורה אַז „דיין אָקס און דיין אייזל זאָל רוען" און דאָס גלייכן. און דעריבער האָבן די חכמים געזאָגט: דער וואָס היט שבת, ווי דער דין איז, ס'הייסט, יענער וואָס איז מיט אַן אמת אַ גאָטספאַרכטיקער מענטש, זוכט ניט קיין דערלייכטערונג, כדי זיך צו פּטר'ן פון דעם חיוב פון א מצוה, אדרבה, ער זוכט עצות ווי אַזוי צו נעמען אויף זיך די מצוות פון גאָט־ברוך־הוא, און דאָס איז דערפאַר, ווייל די עצם־מצוה איז אים ליב. און דאָס איז וואָס דער פּסוק זאָגט: „וואויל צו דעם מאַן וואָס האָט מורא פאַר גאָט, וואָס נאָך זיינע געבאָט טוט ער גאַרן זייער". (תהלים קי"ב, א') די כוונה דערפון איז: יענער וואָס דערקענט ניט גאָטס גרויסקייט און ער האָט מורא עובר צו זיין אויף דער תורה בלויז דערפאַר, ער זאָל ניט באַשטראָפט ווערן אויף דער וועלט, צו אויף יענער וועלט, יענער זוכט עצות, ווי אַזוי זיך צו פּטר'ן פון אַ מצוה על פי דין, ער זאָל ניט ליידן דורך דעם קיין עונש. אָבער ניט אַזוי איז יענער, וואָס האָט מורא פאַר גאָט, יענער וואָס דערקענט זיין גרויסקייט און זיין כבוד, ער וויל די מצוה גופא און ער ציטערט זי אָפּצוהיטן דערפאַר, ווייל גאָט האָט געבאָטן און ער זוכט אַן עצה צו נעמען אויף זיך די מצוה בחיוב.

### 3.

## שבת איז דער מיטלפּונקט פון דער גאַנצער וואָך

דער פּסוק זאָגט: „נאָר מיינע שבתים זאָלט איר היטן", אייגנטלעך האָט באַדאַרפט שטיין „דעם שבת זאָלט איר היטן", אַזוי ווי עס שטייט געשריבן „און די קינדער פון ישראל זאָלן היטן דעם שבת", נאָר עס שטייט שוין גע־

שריבען אין די ספרים פון די גאָטספּאָרכטיקע, אַז די קדושה פון שבת שפּרייט זיך אויף אַלע טעג, ווייל דער שבת'דיקער טאָג איז דער צענטראַלער פּונקט, וואָס די אַלע אַנדערע טעג פון דער וואָך ציען פון אים זייער יניקה. די טעג א' ב' ג' ווערן אַנגערופן די נאָכשבת'דיקע טעג, ווייל זיי באַקומען קדושה פון דעם פאַרגאַנגענעם שבת, און די טעג ד' ה' ו' — באַקומען קדושה פון דעם קומענדיקן שבת. פון דעם קומט אויס, אַז דער טאָג שבת איז ווי דאָס האַרץ, וואָס פון אים ציט זיך חיות פאַר אַלע אברים, און דעריבער זאָגט דער פסוק „מיינע שבתים", אין מערצאָל, ווייל די קדושה פון שבת שטעלט זיך ניט צו־פרידן מיט איין טאָג, ווייל זי גיט און איז משפיע אויף אַלע טעג פון דער גאַנ־צער וואָך. און אַזוי ווי שבת איז דער מיטלפּונקט פון דער גאַנצער וואָך — איז אַ גרויסע מצוה, אַז דורך דער גאַנצער וואָך און איבערהויפּט דורכן זעקסטן טאָג, זאָל דער מענטש זיך משתדל זיין אָנצוגרייטן אויף שבת, און אַפילו ווען ער האָט כמה משרתים, איז אַ מצוה ער זאָל אַליין אויך צולעגען אַ האַנט צו־צוגרייטן אויף שבת, ווייל די מצוה ליגט אויף אים מער ווי אויף זיין שליח; און ער זאָל זיך פאָרשטעלן אין דמיון, ווי אַ גרויסער שר גייט קומען צו אים צו גאַסט — ווי וואָלט ער אויסגעקערט דעמאָלט די שטוב, פאַרבעט די בעטן און וואָלט דאָס ניט באַטראַכט פאַר קיין שום פּחיתות־הכבוד — היינט ווי שוין דאַרף זיך דער מענטש גרייטן פאַר דער מלכה־שבת! און בפרט נאָך אין די קורצע טעג, ווען ער זעט אַז ס'איז שוין נאָענט צו ליכט־בענטשן, דעמאָלט איז ער מחוייב צו העלפן מיט אַלע זיינע כחות זיין ווייב און קינדער, אָדער, זיינע משרתים, כדי עס זאָל ניט קומען צו חילול־שבת.

## 4.

# מ'דאַרף הייליקן דעם שבת דורך לערנען תורה

און די קדושה פון שבת שטעלט זיך ניט צופרידן מיט רוען אַליין, אָדער מיט עסן און טרינקען אפילו לכבוד שבת. פאַראַן אין ירושלמי: שבתים און יום טובים זיינען געגעבן געוואָרן צו יידן בלויז דערפאַר, אַז זיי זאָלן אין זיי לער־נען תורה. די חכמים ז"ל האָבן געזאָגט, אַז די תורה האָט געפרעגט ביי גאָט: ווען יידן וועלן אַריינקומען אין לאַנד, וועט דער לויפן צו זיין איילבערטן־גאָרטן און דער צו זיין ווייגאָרטן — און וואָס וועט זיין מיט מיר? האָט גאָט ברוך הוא איר געענטפערט: דער טאָג שבת וועט זיין דיין בן־זוג. און דאָס איז אַזוי, ווייל דורך די וואָכעדיקע טעג זיינען אַלע מענטשן פאַרנומען מיט זייער מלאכה און מסחר און זיי האָבן קיין צייט ניט זיך אָפּצוגעבן רעגלמעסיק מיט תורה, נאָר שבת זיינען זיי פריי און קענען זיך אָפּגעבן מיט איר, ווי עס געהער צו זיין. און דאָ געפינען מיר אָפּענע שטראָפרייד צו יענע, וואָס זיי פאַרברענגען דעם גרעסטן טייל פון שבת'דיקן טאָג אין די מערק און גאַסן און פוסטע שמו־עסן אין דברים בטלים. און אַזוי ווערט געפסקנט אין אורח־חיים, סימן רצ"א,

אַז פּועלים און באַלעבאַטים, וואָס האָבן קיין צייט נישט צו לערנען אינדער־וואָכן — ליגט אויף זיי אַ גרעסערער חוב שבת צו לערנען תורה, ווי אויף יענע וואָס לערנען אַ גאַנצע וואָך.

**5.**

## דאָס געדענקען שבת פון אינדערוואָכן

וועגן שבת שטייט געשריבן אין דער תורה „געדענקען און היטן". דאָס היטן — מיינט, זיך אָפּצוהיטן פון אַרבעט אום שבת גופא. און דאָס געדענקען גייט אויף אויף די וואָכעדיקע טעג. היינו: ווען אַ מענטש פאָרט ערגעץ צוליב געשעפט, אָדער, ער טוט עפּעס אַן אַרבעט, זאָל ער זיין פאָרזיכטיק פון אָנהייב אָן און אויסרעכענען ווי לאַנג זיין נסיעה דאַרף נעמען, ווייל אויב ער וועט וואַרטן דאָס צו באַרעכענען דעם טאָג פון ערב־שבת, וועט אים אָפּטמאָל זיין פאָרזיכטיקייט אויך ניט העלפן, צוליב אַ שלעכטן וועג, אָדער צוליב עפּעס אַן אַנדער סבה. ביי די פורמאַנעס טרעפט גאַנץ אָפט, צוליב דעם וואָס זיי פוילן זיך, צו פאַרשפּעטיקן זיך אין די גרויסע שטעט פאַרן פאָרן אַהיים, און מחמת דעם קומען זיי סוף־כל־סוף צו חלול־שבת.

**6.**

## מ'דאַרף וואָרענען דעם עולם וועגן שמירת־שבת

און ס'איז ניט מער ווי רעכט, אַז די פרומע און גאָטספאָרכטיקע מענטשן זאָלן וואָרענען דעם עולם וועגן אַלע ענינים פון שבת אַז מען זאָל אין זיי נישט ווערן געשטרויכלט. און אפילו אויב יענער מענטש איז פאָרזיכטיק און אָפּגעהיט אין דער קדושה פון שבת, נאָר אויב ער קען וואָרענען און וואָרענט ניט, וועט ער אויך זיין מיטשולדיק אין זייער זינד. עס איז אַ חוב אויף די לומדים זיך ניט צו פוילן און מזרז זיין דעם עולם וועגן אָפּהיטן שבת. און כ'האָב געזען אין אַ סך הייליקע קהילות וואו ס'זיינען געגרינדעט געוואָרן חברות, וואָס ווערן אָנגערופן מיטן נאָמען „מזהירי־שבת", וואָס גייען אום איבער די מאַרקפּלעצער און איבער די גאַסן און געבן אַכטונג מ'זאָל פאַרשליסן די קראָמען און צינדן ליכט אין צייט. און ווי גרויס איז דער זכות פון די דאָזיקע מענטשן, וואָס זיינען מזכה דעם עולם מיט אַזאַ הייליקער מצוה און אויף זיי זאָגט דער פּסוק: „און די וואָס האָבן געבראַכט פיל צו גערעכטיקייט, אַזוי ווי די שטערן אויף אייביק און שטענדיק". (דניאל י"ב, ג') און ווי רעכט דאָס איז, אַז זיי זאָלן זיך תמיד צונויפקומען זיך האַלטן אַן עצה, ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין, אַז זיי זאָלן ניט ווערן אָפּהענטיק, ווייל, בעוונותינו הרבים זיינען פאַראַן אַ סך שטערער אין דעם דאָזיקן ענין און ס'איז גוט, זיי זאָלן מאַכן אַ חיזוק אין דער דאָזיקער מצוה. און אפילו אויב ס'זיינען פאַראַן מאַנ־

כע מענטשן, וואָס זיי וועלן דאָס ניט וועלן ליידן און זיי וועלן אים צוליב דעם מבזה זיין — זאָל אים גאָרניט ניט אָנגיין און זאָל טראַכטן, אַז ער ליידט בזיונות פאַרן כבוד פון השם־יתברך. און וועגן אַזוינס זאָגט דער פּסוק: „אָבער די וואָס משפטן ריכטיק, זיי איז וואויל, און אויף זיי קומט אַ ברכה פון גוטס". און מיר געפינען אויך ביי נחמיה'ן, אַז ער וואָרנט וועגן אָפּהיטן שבת און איז צוליב דעם געשטאַנען אין קריג מיט די האָרן פון יהודה.

## זאב יעבץ

### 1.

# די שבת'דיקע נשמה־יתירה

... אַ קליינער טייל פון אַלע אַנדערע מצוות זיינען געגעבן געוואָרן צו די בני־נח נאָכן מבול, אַביסל פון זיי — צו די אָבות, אַלע מצוות זיינען געגעבן געוואָרן צו די קינדער פון ישראל אויפן באַרג סיני און אויף די פּלוינעו פון מואָב, אָבער די מצוה פון שבת איז געגעבן געוואָרן אייניקע שעה'ן שפּע־טער, ווי אָדם־הראשון איז געבוירן געוואָרן. אָבער די באַזונדערע קדושה פון שבת איז געגעבן בלויז צום פאָלק וואָס האַלט דעם זיבעטן טאָג הייליק, אָט די דאָזיקע טיפע ליבע צווישן פאָלק ישראל און שבת, אַ פאַרבאָרגענע ליבע וואָס קען ניט געשפּירט און געזאָגט ווערן פון קיין אַנדערן, סיידן פון די דאָ־זיקע פריינט אַליין און קיין שום אַנדער מענטש קען ניט טועם זיין די שיינקייט און זיסקייט פון דער דאָזיקער באַשיידענער ליבע, ווי אונזערע חכמים זאָגן: אַלע מצוות וואָס גאָט ברוך הוא האָט געגעבן יידן האָט ער געגעבן בפרהסיא, אויסערן שבת, וואָס ער האָט זיי געגעבן באַהאַלטענערהייט, ווייל ס'שטייט: „צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל איז דאָס אַ צייכן". און די באַ־האַלטנקייט איז די הנאה פון יענער ליבע וואָס אַנטפּלעקט זיך בלויז צום פאָלק, וואָס האַלט דעם זיבעטן טאָג הייליק און ניט צו קיין אַנדער אומה אויף דער וועלט, און דאָס איז וואָס אונזערע חכמים האָבן גערופן מיטן נאָמען „נשמה יתירה", וואָס אויף איר ווערט געזאָגט, אַז גאָט האָט קיינעם פון די פרעמדע ניט באַקענט מיט דער נשמה־יתירה. די נשמה־יתירה איז א מין ריין ניי לעבן, וואָס קומט אריין אין מענטשן, ווען דער שבת האַלט אין אַריינקומען, ווי אונד־זערע קדמונים האָבן געזאָגט: „א נשמה־יתירה האָט גאָט אַריינגעגעבן אין מענטשן ערב־שבת" „אַ ברייט אָפּן האַרץ אויפצונעמען פרייד און רו" (רש"י) און דער פאָדים פון גנאָד וואָס איז געצויגען איבער דער דאָזיקער שיינער באַהעפטונג, איבערן שבת און פאָלק ישראל, איז באַשטימט בלויז פאַר דעם דאָזיקן פאָלק און דעם דאָזיקן טאָג אַליין.

.2

# דער שבת איז אַן אָנדענק למעשה־בראשית

דאָס לשון פון רו אין די ווערטער: „וישבות", „שבת" — זאָגט עדות, אַז די דאָזיקע וועלט מיט איר גאַנצער שיינקייט און מיט איר גאַנצער פּראַקטי־קייט, מיט איר גאַנצער פולקייט און פולקאָמנהייט — איז גאָרניט, און האלט זיך בלויז אויפן כח פון דעם, וואָס האָט געזאָגט און ס'איז געוואָרן וועלט. ער איז דער באַשעפער און ער איז די רו, אויב ער וויל האלט ער אויף די וועלט און אויב ער וויל, קערט ער זי צוריק צום תהו־ובהו. ניטאָ קיין אייביקער קיום ווי בלויז גאָטס קיום. און וויבאַלד אַזוי, וויבאַלד אַלץ האַלט זיך אויף זיין וואָרט און ער אליין איז אייביק און קיין אַנדער הויה מיט אים איז ניטאָ, קען דאָך קיין זאַך זיך ניט שטעלן אַנטקעגן אים, און קיין צוואַנג איז ניטאָ און איז כלל וכלל ניט מעגלעך, און אַלץ וואָס ער האָט באַשאַפן האָט ער באַשאַפן פון זיין כבוד וועגן, און אַלץ וואָס ער האָט געמאַכט האָט ער געמאַכט בלויז פון ליבע, און פון דער דאָזיקער פּראַכטיקייט, פון דער פּראַכט פון פרייהייט און די פּאַטענץ צו טאָן אַרבעט און אויפהערן, צו אַרבעטן און רוען לויט זיין רצון און אָן שום צוואַנג — האָט גאָט געגעבן בלויז צום מענטשן, וואָס בלויז אים אַליין האָט ער באַשאַפן אין זיין געשטאַלט, און וויל די פרייהייט, וואָס גאָט האָט געגעבן דעם מענטשן אויסצווויילן די אַרבעט וואָס ער וויל טאָן, איז דער עיקר פון אַלע עיקרים אין אונדזער תורה, דעריבער האָט ער אונדז געגעבן דעם שבת, וואָס איז אַ זכר למעשה־בראשית.

און דעריבער איז די מצוה פון שבת, וואָס איז צוויי טויזנט יאָר פריער פאַר מתן־תורה, געוואָרן ניט בלויז דער יסוד פון דער גאַנצער תורה, נאָר זי ווערט באַטראַכט ווי דער גרעסטער רוב פון דער תורה, און לויט די רייד פון אונדזערע חכמים איז טייערער דער שבת אַן די אַנדערע מצוות, איידער אַלע אַנדערע מצוות אָן שבת, ביז ס'איז זיי אַרויסגעקומען פון מויל: „ווען ער וואָלט אונדז געגעבן דעם שבת און וואָלט אונדז ניט דערנענטערט צו באַרג סיני וואָלט אויך געווען גענוג". און אַזוי האָט דער רמב"ם ז"ל גוזר געווען: „שבת און עבודה־זרה, יעדער איינער פון זיי איז וואָגיק אַנטקעגן אַלע אנדערע מצוות". (יד החזקה, שבת ט') ס'הייסט: אַזוי ווי דער וואָס דינט צו עבודה־זרה רייסט אויס די גאַנצע תורה, אַזוי איז דער וואָס היט שבת איז מקיים די גאַנצע תורה.

# יצחק ניסנבוים

## 1.

## דער כח פון שבת

אויב דער כח פון אלע אַנדערע יום־טובים איז גרויס, ווען זיי ווערן אָפּגעהיט ווי ס'דאַרף צו זיין, מיט זייער השפעה אויף אונדזער הויז און אונדזערע קינדער אין גייסט פון דער תורה, איינצופלאַנצן אין זיי גוטע מידות, שטאַרקן זייער אידעאַליזם און זיי צו פאַרבינדן מיט אונדזער פאָלק און זיינע היילִיקטימער — איז אָבער דער כח פון שבת נאָך פיל שטאַרקער, ווען ער ווערט אָפּגעהיטן לויטן דין דורך זיין פולשטענדיקער רו און דורך זיין רעגל־מעסיקייט וואָך־איין, וואָך־אויס. דער שבת איז די כלי וואָס אַנטהאַלט די נשמה פון יידנטום, די נשמה פון דער אומה. אַט דאָס האָבן דערשפּירט אונדזערע שונאים און צוררים, וואָס האָבן געוואָלט אונדז אומברענגען פון דער וועלט און האָבן גוזר געווען, אַז מיר זאָלן ניט היטן שבת און אונדז געצוואונגען אים מחלל צו זיין. און דאָס האָבן אויך אונדזערע עלטערן פאַרשטאַנען און זיי האָבן זיך מוסר־נפש געווען אויף דער קדושה פון שבת, און דער שבת איז אויפגעהאַלטן געוואָרן אין זייערע הענט, און זיי זיינען אויפגעהאַלטן געוואָרן דורכן שבת. דער שבת איז געווען די דערבאַרעמדיקע מוטער, וואָס אין איר שויס האָט דער געיאָגטער און געפּלאָגטער זון געפונען אַן אָפּרו פאַר זיין נשמה — און ער האָט ווידער אויפגעלעבט. די ריינקייט פון אונדזערע מידות, גערעכטיקייט און יושר, דאָס זיך אָפּגעבן מיט קהל'שע ענינים, עניוות און ברידערלעכקייט, וואָס די ריכע האָבן אַרויסגעוויזן צו די אָרעמע, דאָס גאַנצע ריינע לעבן, וואָס האָט געשטראָמט אין יעקבֿ'ס געצעלטן אין די אַמאָליקע צייטן — האָבן אַרויסגעקוועלט פון קלאָרן קוואַל פון שבת, וואָס האָט געמאַכט די שכינה רוען אין הארצן פון פאָלק.

## 2.

## שבת און זיינע מנהגים

די מנהגים, ווי יידן זיינען זיך נוהג אום שבת, האָבן אַלע איין ציל: צו לייטערן און רייניקן דעם יידן פון שמוץ, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו אים דורך די זעקס אַרבעט־טעג, קלאָר צו מאַכן און פאַרשענערן זיין נשמה, וואָס איז דורך דער וואָך געוואָרן שוואַרץ ווי סאַזשע, ביז זי זאָל קענען זאָגן: „שוואַרץ בין איך — אָבער שיין, שוואַרץ דורך די זעקס אַרבעט־טעג, אָבער שיין אין שבת". און אויך אַריינצוגעבן אין אים אַ נשמה־יתירה, דאָס איז די נשמה פון גאַנצן פאָלק, אַז ער זאָל ניט שפּירן אין זיך קיין שום איינזאַמקייט. די דאָזיקע נשמה־יתירה, וואָס קומט אַריין אין אים אין טאָג פון שבת, גיט אים גייסטיקע שטאַרקייט, אַז זיין פּרנסה זאָל אים ניט אָוועקנעמען פון די נויטן פון זיין פאָלק, און אים ניט אַראָפּפירן פון וועג און פון זיין גאָט.

# הרב א. י. קוק

## 1.

## דער זכות פון שבת איז דער וועג צו גאולה

וואָס איז דער פירוש, וואָס מיר זאָגן, אַז גאָט־ברוך־הוא האָט אונדז אָפּגעשיידט פון אנדערע פעלקער? דער פירוש איז, אַז נאָך אונדזער גרויסער צעוואָרפנקייט צווישן אנדערע פעלקער, לעבן מיר נאָך אַלץ מיט אונדזער האָפּנונג און זען די שפּראָצן פון גאולה, און דאָס איז אין אונטערשייד פון אַלע פעלקער, וואָס פיל פון זיי זיינען אָפּגעווישט געוואָרן פון דער וועלט. און דאָס איז דער געדאַנק פון פסוק: „און די פאַרביגייער זאָגן ניט: גאָטס ברכה אויף אייך". (תהלים קכ"ט, ח') — דאָס זיינען די אומות, וואָס גייען אַוועק פון דער וועלט, דערפאַר וואָס זיי האָבן ניט קיין אייביקן בונד, דאָס איז די קדושה פון שבת, וואָס ווערט דערמאָנט צוערשט אין פרשה בראשית, ווייל דער צענטראַלער פונקט פון שבת איז, אַז די וועלט וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דורכן רצון פון קוואַל פון גערעכטיקייט, זאָל סוף־כל־סוף קומען צו דער פאַרהאָפטער גערעכטיקייט. און דער צווייטער סימן פאַר דער דערפילונג פון דער האָפנונג אויף דעם גרויסן ליכט, וואָס וועט סוף־כל־סוף דערשיינען, איז דער אָנדענק פון יציאת־מצרים. די מצוה פון שבת ווערט איןביידע לוחות באַגלייט מיטן געדיינקען פון וועלט־באַשאַף און יציאת־מצרים, וואָס זיינען פאַרבונדן צוזאַמען און דורך זיי ביידע זיינען מיר בטוח אין גאולה און גערעכטיקייט, אַז זיי מוזן דערשיינען. און ווען יידן וואָלטן אָפּגעהיט דעם ערשטן שבת, ווי ס'געהער צו זיין, וואָלט קיין אומה ולשון אויף זיי ניט געהאָט קיין שליטה. און אויך היינט — איז דער וועג צו גאולה דער זכות פון שבת. ווייל אויב מיר וועלן אָפּהיטן שבת, וועלן אַלע פעלקער פון דער וועלט איינזען, אַז גאָטס נאָמען איז גערופן איבער אונדז, און זיי וועלן זען אין דעם אַ יראת־הכבוד און דער־הויבונג.

## 2.

## דער צייכן פון שבת

דער צייכן פון שבת איז אָפּגעשטעמפּלט אין אונדזער אינדיווידועלן כאַראַקטער. און זאָלן די מחללי־שבת, וואָס קומען ארויס פון אונדז, ניט מיינען, אַז זיי קענען פאַרלייקענען פון זיך אַליין דעם דאָזיקן צייכן, ווייל דער צייכן איז פאַר'חתמ'עט אין דער טיפעניש פון דער נשמה. זייער גאַנץ אינערלעך וועזן מאָנט ביי זיי די אַנטפּלעקונג פון דעם דאָזיקן צייכן. זייער פאַרחלש'טע נשמה ליידט אירע ווייטאָקן, און סוף־כל־סוף וועט זייער נשמה מנצח זיין. נאָך אַלע גרויסע ליידן מוז אַלץ זיך אומקערן צו זיין מקור: „און די קינדער פון ישראל זאָלן היטן שבת", און כל־זמן זיי קערן זיך ניט אום צום מקור, קעמפן זיי מיט זיך אַליין, זיך אַליין שלאָגן זיי און זיינען זיך אַליין מבזה.

**3.**

## דאָס דערוואַכן פון וואָכעדיקן לעבן

דער יחיד, דערוואַכט פון זיין וואָכעדיקן לעבן דורך אָפטע איינגע־שטעלטע צייטן, יעדן שבת. „קומט שבת — קומט רו". דער גייסט באַפרייט זיך פון זיינע קייטן און זוכט העכערע וועגן, גייסטיקע קנינים, לויטן טבע פון זיין מקור... אַ הייליקער טאָג, אין וועלכן עס אַנטפּלעקט זיך די נטיה פון פאָלק, די נטיה צו אַ געטלעך לעבן, ווי עס דריקט זיך אויס דורך די יחידים — איז אַ צייכן פאַר דער פאָלקס נשמה, אַז זי האָט דאָס באַדערפעניש און דראַנג צו גאָט, און די געטלעכע ליבשאַפט, וואָס קאָנצענטרירט זיך אין איין גייסטיקן פונקט פון דער נשמה־יתירה, רוט אין איטלעך האַרץ פון אירע קינ־דער.

**4.**

## ערב־שבת און מוצאי־שבת דאַרף דער מענטש טאָן תשובה

ערב שבת־קודש דאַרף אַ מענטש טאָן תשובה אויף אַלץ וואָס ער איז באַגאַנגען דורך די וואָכעדיקע טעג, כדי אויפצונעמען די קדושה פון שבת אָן קיין שום מניעה פון זינד און פאַרברעך. און שבת־צו־נאַכט דאַרף מען ווידער תשובה טאָן, אַז דער תוכן פון שבת׳דיקער באַלייכטונג, זאָל זיין ריין אָן שום צומיש פון שאטן, ווייל יענע זאַכן, וואָס ווערן בטל צוליב דער קדושה פון שבת און קענען צוליב דעם ניטווירקן און טאָן שאַדן, זאָלן ניט שטערן דעם גאַנג פון כשרות פון די וואָכעדיקע טעג, וואָס האָבן ניט יענע באַשיצונג.

### ר׳ משה אביגדור עמיאל

## דער אונטערשיד צווישן דעם יידישן שבת און דעם גוישן טאָג פון רו

מיר היטן דעם טאָג שבת — און זיי — דעם ערשטן טאָג. פאַרן יידנטום איז אוממעגלעך צו האַלטן הייליק אַן אַנדער טאָג ווי דעם זיבעטן, דעם לעצטן טאָג אין וואָך און ניט דעם ערשטן. ווייל מיר דאַרפן האָבן די „צוגרייטונג פון דער תורה", און כדי צו קומען צו דער קדושה פון איין טאָג — מוזן מיר זיך גרייטן גאַנצע זעקס טעג, און דאַן, בלויז דאַן, וועט די קדושה קומען...

ביי אונדז, וואָס אונדזער שבת איז קודש, באַווייזט דער סדר פון דער וואָך אויף דער דערנענטערונג פון קדושה. און ווען דער ערשטער טאָג איז נאָך ווייט פון קדושה, די קדושה פון שבת, גאַנצע זעקס טעג, איז שוין דער

צווייטער טאָג אָפּגערוקט פון קדושה בלויז אויף פינף טעג, און ביי די אַנדערע — איז דאָס פונקט להיפך...

און דאָס כנסת־ישראל איז דער בן־זוג פון שבת, וואָס זיין גאַנצער תוך איז געבויט אויף „בעסער דער סוף פון אַ זאַך איידער איר אָנהייב" (קהלת ז׳, ח׳) און זיינע אויגן זיינען תמיד אויפגעהויבן צום „עס וועט זיין אין סוף פון די טעג"... (ישעיה ב׳, ב׳).

ווען מ׳הויבט אָן מיט וואָכעדיקייט און מען ענדיקט מיט הייליקייט, ווי מיר זיינען זיך נוהג, באַווייזט עס, אַז וואָכעדיקייט איז דער מיטל און הייליקייט איז דער צוועק, ווייל דער צוועק קומט אַלעמאָל צום סוף, אָבער ווען מ׳הייבט אָן מיט קדושה און מען ענדיקט מיט חולין, באַווייזט עס פאַרקערט, אַז די גאַנצע קדושה איז ניט מער ווי אַ מיטל צום חולין.

## פראָפ. הערמאַן כהן

# וועגן שבת

גאָטס ליבע צום מענטשן — האָט דער מאָנאָטעאיזם געבראַכט צו אַנטפּלעקונג דורך אַ געהויבענעם געזעץ, וואָס איז געוואָרן אַ פונדאַמענטאַל־געזעלשאַפטלעכער געזעץ פון אַלע אייראָפּיאישע פעלקער. ווען די קריסטלעכע קירך זיך אָפּרייסנדיק פון איר יידישן מקור, האָט געענדערט דעם באַדייט פון דעם דאָזיקן געזעץ, האָט זי ניט בלויז דורך דער דאָזיקער ענדערונג גורם געווען זיך אָפּצורייסן רעליגיעז פון יידנטום אין איר געזעלשאַפטלעכן שורש, נאָר זי האָט אויך אַוועקגענומען פון געזעץ גופא זיין געזעלשאַפטלעכן מאָראַלן ווערט. דאָס דאָזיקע געזעץ איז דאָס געזעץ פון שבת, וואָס דאַרף באַטראַכט ווערן פאַרן תמצית פון מאָנאָטעאיסטישער עטיק.

און אויך די מחלוקה פון „באַבעל־ביבעל" האָט נאָך אַמאָל באַוויזן, אַז די כוונה פון דאָזיקן געזעץ לעבט כלל וכלל ניט אין גייסט און אין האַרצן פון דעם מענטש פון דער נייער גענעראַציע. און ס׳איז דאָך צום שטוינען, ווייל די גאַנצע סאָציאַלע פּאָליטיק שטרייכט דאָך אונטער די דאָזיקע כוונה, און נאָכמער, באַשיינפּערלעך, די כוונה פון דאָזיקן געזעץ. און פונדעסטוועגן, יענע וואָס משפּטן וועגן שבת גיבן זיך בלויז אָפּ מיט דער איינטיילונג פון די טעג פון וואָך און זיי מיינען, אַז זיי האָבן דורך דעם אַ גענוגנדע סיבה צו באַקעמפן די אָריגינאַליטעט פון דער דאָזיקער יידישער אינסטיטוציע, ווייל אין בבל איז אויך געווען איינגעשטעלט די וואָך און ס׳איז געווען געווידמעט צו איר אַ יום־טוב, הגם אַ יום־טוב וואָס האָט זיך געביטן פון וואָך צו וואָך. אָבער נאָך מאָווערס אַלע חקירות און כריסטיאַן באוער׳ס אָפּהאַנדלונג וועגן שבת

און יום־טוב איז דאָך ניטאָ קיינער וואָס זאָל צווייפלען, אַז דאָס איינשטעלן פון לוח לויט די זיבן באַגלייט־שטערן איז ניט קיין יידישע דערפינדונג. און אפילו ווען ס׳וואָלט געווען אַ יידישע דערפינדונג, שטעקט נאָך אַלץ ניט אין דעם קיין מאָנאָטעאיסטישע אינסטיטוציע. אין אַזאַ אינסטיטוציע איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן בלויז נאָכדעם ווי די נביאים האָבן זיך באַנוצט מיט דער איינטיילונג פון דער באַבילאָנישער וואָך, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן, און זי געמאַכט פאַרן ווינקלשטיין פון זייער סאָציאַלער עטיק. אָט דער דאָזיקער ווינקלשטיין — איז שבת.

די צוויי טעמים פאַר דעם דאָזיקן געזעץ, וואָס מיר געפינען אין די עשרת־הדברות — זיינען קלאָרע עדות אויף דעם פונדאַמענטאַלן ווערט פון שבת. אין ספר שמות ווערט געזאָגט: „זאָלסט געדענקען דעם טאָג שבת, אים צו האלטן הייליק. זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן גאָר דיין אַרבעט און דער זיבעטער טאָג איז שבת פאַר גאָט דיין גאָט. דו זאָלסט ניט טאָן קיין שום אַרבעט, דו און דיין זון און דיין טאָכטער, דיין קנעכט און דיין דינסט און דיין בהמה און דיין פרעמדער וואָס אין דיינע טויערן. ווייל זעקס טעג האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד, דעם ים און אַלץ וואָס אין אים, און גערוט אויפן זיבעטן טאָג. דעריבער האָט גאָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און אים געהייליקט". דאָ געפינסטו שוין די מצוה מכח דאָס רוען פון קנעכט און דינסט, נאָר דאָס רוען איז ניט דער טעם פאַר דעם געזעץ, ווייל דער טעם פון דעם גע־זעץ איז גאָטס רוען פון דער אַרבעט, ווי אין דער דערציילונג פון דער יצירה. (בראשית ב׳, ג׳) אָבער אויך לויט דעם דאָזיקן טעם, ווערט שוין דער שבת באַטראַכט ווי די השלמה פון דעם וועלט־באַשאַף. קיין ספק ניט, אַז גאָט׳ס רו — מיינט, די פאַרפולקאָמונג פון זיין ווערק.

נון, אין ספר פון משנה־תורה (דברים) אַנטפּלעקט זיך ספּעציעל דער פולער כאַראַקטער פון דאָזיקן געזעץ ווי אַ סאָציאַל־עטישער. אַחוץ דעם שינוי פון דער אזהרה פון „לא תחמוד", איז אין נוסח פון די עשרת־הדברות פון דאָ־זיקן ספר ניטאָ קיין ענדערונג, אַחוץ נאָר אין געזעץ פון שבת. ווייל באַלד נאָכדעם ווי ער רעכנט אויס די מענטשן און בהמות אויף וועלכע דאָס געזעץ איז חל, פירט ער אויס: „כדי דיין קנעכט און דיין דינסט זאָלן רוען, ווי דו אַליין. און דו זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מצרים און גאָט דיין גאָט האָט דיך אַרויסגעצויגן פון דאָרטן מיט אַ שטאַרקער האַנט און אויסגעשטרעקטן אָרעם. דעריבער האָט גאָט, דיין גאָט דיר באַפוילן צו מאַכן דעם שבת." (דברים ה׳, י"ד) אויך דאָס וואָרט ווי ער הייבט אָן איז דאָ פאַרענדערט געוואָרן: דאָרטן שטייט „זכור" און דאָ שטייט „שמור". און בעת אין די ערשטע דברות שטייט געשריבן „דעריבער האָט גאָט געבענטשט דעם טאָג שבת" גייט דאָס וואָרט „דעריבער" אויף דער מצוה, וואָס מיר האָבן אויבן דערקלערט דעם טעם פאַר איר: „כדי עס זאָל רוען דיין קנעכט און דיין דינסט

ווי דו אַליין״. דאָס וואָרט „ווי דו אַליין״ געפינסטו אויך אין דער מצוה פון ליב האָבן דיין חבר.

לערנען מיר דערפון, פון דאָזיקן ליטעראַרישן פאַקט אַליין, פון דער אַנדערשקייט פון די טעקסטן וואָס אין די ערשטע און די צווייטע דברות און בנוגע דעם דאָזיקן געזעץ און זיינע טעמים, אַז ס׳איז קלאָר אָן שום ספק, אַז דער צוועק פון שבת איז אויפצוהאַלטן גלייכקייט צווישן מענטשן, צו איגנאָרירן דעם אונטערשיד פון זייער געזעלשאַפטלעכן מצב. און דער דאָזיקער באַדייט פון שבת, וואָס איז אויף דעם אופן אונדז קלאָר גאָר אָן שום ספק, איז אַ טרייער עדות אויף דער פונדאַמענטאַלער עטיק פון געדאַנק פון אַן איין און איינציקן גאָט און זיין עטישער אָריגינאַליטעט.

געוויס איז דאָס אַ זעלטענע דערשיינונג צו געפינען אין געזעלשאַפט־לעכע רעפאָרמען אָריגינאַליטעט, אָבער דאָ געפינסטו זי גאָר אָן אַ שום ספק. דער פּרוּוו זי אָפּצולייקענען איז דורכגעפאַלן. און צו דער דאָזיקער אָריגי־נאַליטעט האָט געקענט גרייכן בלויז דער פאָלקס־גייסט נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַהאָפטן מיטן באַגריף פון גאָט, וואָס איז אויך איינאונאיינציק אין דער וועלט־געשיכטע. דער שבת דינט ווי אַ קלאָרע איבערצייגנדיקע באַשטעטי־קונג פון דעם מאָראַלישן ווערט פון מאָנאָטעאיזם. און כדי צו וואַרפן אויף אים ליכט, וועלן מיר זיך דאָ אָפּשטעלן אויף יענעם פונקט, וואָס אין אים אַנטפּלעקט זיך גאָטס ליבע צו דעם מענטשן. דער שבת איז דער תמצית פון דער דאָזיקער געטלעכער ליבשאַפט. אויך ער איז בעצם און גאָר צוערשט געגעבן געוואָרן צום יידישן פאָלק, נאָר די פעלקער האָבן אים איבערגענומען נאָכדעם ווי זיי האָבן געגעבן דערפאַר אַ דאָגמאַטישן טעם, וואָס איז אַנדערש פון דעם טעם פון גאָט׳ס רוען נאָך דער אַרבעט פון וועלט־באַשאַף. אַזוי צי אַזוי, נאָר די דאָזיקע אינסטיטוציע איז געוואָרן אַ געזעץ פאַר דער גאַנצער וועלט, על־כל־פנים ביי די אייראָפּייאישע פעלקער. און ווירקליך, אין שבת זיינען קאָנצענטרירט און פאַראייניקט אַלע דרכים פון גאָט׳ס ליבשאַפט.

און דעריבער איז דער שבת געוואָרן ביי די נביאים אין די מיילער ווי אַ סימבאָל פון עטישקייט. „וואָס היט שבת אים ניט צו פאַרשוועכן און היט זיין האַנט ניט צו טאָן קיין שום בייז״. (ישעיה נ״ו, ב׳) ישעיה פאַרגלייכט אַלזאָ דאָס היטן פון שבת ווי דאָס אָפּהיטן פון מאָראַל. און נאָך מער, ישעיה לערנט, ווי אַזוי זיך צו פרייען שבת: „און דו זאָלסט רופן שבת א תענוג״ (דאָרט, נ״ח, י״ג) ווי דער נביא וואָלט געוואָלט זאָגן: דער מענטש איז מחויב צו באַטראַכטן דעם טאָג שבת ניט בלויז ווי אַ פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן רע־פאָרם, נאָר אויך ווי דאָס העכסטע הויך פון רעליגיעזער כוונה. און ירמיה דערקלערט דעם געזעלשאַפטלעכן באַדייט פון שבת, וואָס קלערער קען ניט זיין: „און איר זאָלט ניט אַרויסטראָגן קיין משא פון אייערע הייזער אין טאָג פון שבת״. (ירמיה י״ז, כ״ב) גאָט׳ס ליבשאַפט צום מענטשן אַנטפּלעקט זיך

אין טאָג שבת פון זיין רחמנות אויפן מענטשן, וואָס ער האָט אים אַרויסגע־טריבן פון גן־עדן צו טאָן אַרבעט. דער שבת איז מבטל בתכלית הבטול דעם אונטערשייד צווישן מענטשן, וואָס איז אַנטשטאַנען צוליב זייער אַרבעט אפילו דער אַרבעטער ווערט יענעם טאָג זיין אייגענער באַלעבאָס. די וואָך און וואָכיקע רו אין אַ באַשטימטן טאָג פאַרוואַנדלט דעם אַרבעטער אין אַ האַר.

דער שבת איז געוואָרן דער באַשיצער און פארטיידיקער פון יידישן פאָלק, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט. דורך די גאַנצע לאַנגע יאָרן פון מיטלאַלטער האָבן זיי געלעבט כמעט ווי שקלאַפן. כמעט ביז צום היינטיקן טאָג איז דער דאָזיקער מצב נאָך ניט אינגאַנצן פאַרשוואונדן. אָבער ווי נאָר די שבת־ליכט זיינען אָנגעצונדן געוואָרן האָט דער ייד, דער זון פון געטאָ, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם טאָג־טעגליכן יאָך און זיך אָפּגעטרייסלט פון דער חרפה פון שפלות און קנעכטשאַפט. גאָט׳ס ליבשאַפט, וואָס האָט אים יעדן זיבעטן טאָג געבראַכט דעם שבת, האָט אין זיין אָרעמע וואוינונג צוריקגע־קערט זיין כבוד און זיינע מענטשלעכע רעכט.

די געלערנטע פירן נאָך אַלץ ויכוחים ביז היינטיקן טאָג, מאַכן זיך צום נאַרן און פאַרשטייען ניט די לעצטע אורזאַך, וואָס האָט גורם געווען, וואָס יידן עקזיסטירן נאָך ביז צום היינטיקן טאָג. זיי ווילן ניט אַנערקענען, אַז די דאָ־זיקע לעצטע אורזאַך איז איינגעשלאָסן אין דעם אמת פון אַן איינציקן גאָט, און זיינען תולה די זאַך אויף דער תורה און מצוות, וואָס זיינען ביי זיי אין די אויגן ניט מער ווי פאָרמאַליטעטן, וואָס באַזיצן ניט קיין שום גייסטיקייט און דעריבער איז ביי זיי ניט מער ווי רעכט דאָס מבזה צו זיין.

אָבער דער אמת איז, אַז דער שבת איז דער אמת׳ער און אינערלעכער פאַרשטייער פון דער תורה. און דורכן שבת האָט די תורה אין איינקלאַנג מיטן איינציקן גאָט, וואָס האָט ליב דעם מענטשן, אויפגעהאַלטן אויף דער וועלט אויך די יידישקייט און אויך די יידן. ביידן איז געגעבן געוואָרן דאָס שליחות צו פאַרשפרייטן דעם מאָנאָטעאיזם אויף דער ערד, צו פאַרטיפן זיין באַדייט און זיין גייסט, און איינוואָרצלען עכטע מענטשן־ליבע צווישן די אומות־העולם. דורכן שבת איז דער גאָט פון חסד אַנטפּלעקט ווי דער איינציקער און איינער גאָט פון ליבע.

מיר האָבן געפרעגט, וואָס איז דער כאַראַקטער פון דער געטלעכער ליבשאַפט, און אויף דער דאָזיקער פראַגע האָבן מיר איצט געפונען אַן ענט־פער. דאָס רחמנות אויף די אָרעמע, וואָס גאָט האָט דערוועקט אין אונדזערע הערצער דורך זיינע מצוות, איז פאַר אונדז אַ קלאָרער יסוד פאַרן באַדייט פון גאָט׳ס ליבשאַפט. דער שבת האָט אַראָפּגענומען פון מענטשן דעם קלאָגלעכן אויסזען פון אומפרייהייט און אומגלייכהייט. אַזוי ווי גאָט האָט אונדז געגעבן די מידת־הרחמים פאַר מענטשן, דורך וואוילטעטיקע מעשים מיט די אָרעמע, אַזוי האָט ער דורך דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעכער רעפאָרם אונדז אַנט־

פלעקט זיין ליבע צום מענטשן. די דאָזיקע געטלעכע ליבע איז דער שטערן־וועג־ווייזער אין דער וועלט־געשיכטע, אַז מ׳טאָר זיך ניט מיאש זיין פון איר באַשטימטן ענדציל, ווייל זי איז נאָך יונג אין יאָרן. „ווייל טויזנט יאָר ביי דיר אין די אויגן איז ווי דער נעכטיקער טאָג". (תהלים צ׳, ד׳) די וועלט־געשיכטע האָט זיך נאָר־וואָס אָנגעהויבן; זיינען דאָך נאָך קיין דריי טויזנט יאָר ניט אַריבער זינט דער צייט פון משה און די נביאים. און אַזוי הויבט איצט אָן דער מאָנאָטעאיזם גיין זיין וועג, זיין אייביקן וועג, וואָס איז פאַר אים באַשטימט געוואָרן. דער מאָנאָטעאיזם איז די אמת׳ע טרייסט אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

(רעליגיאָן דער פערנונפט, זייטן 181—185)

דער שבת, וואָס איז דער צענטראַלער פונקט פון אַלע יום־טובים, שטייט אויף דער גרענעץ, וואָס טיילט פאַנאַנדער צוויי וועלט־אַנשויאונגען, לויט איין אַנשויאונג איז ער דער סימבאָל פון באַשאַף אין זיין ענדגילטיקער פאַרפולקאָמונג, און לויט דער צווייטער וועלט־אַנשויאונג, איז ער דער סימבאָל פון אַלגעמיינע מענטשלעכע רעכטן, דער סימבאָל פון קנעכט־באַפרייאונג.

(דאָרט, זייט 401)

דער עיקר פון שמירת־שבת איז אַ צייכן פון געדיינקען פון דער געזעלשאַפטלעך־עטישער לערע פון יידנטום און אַ פּראָטעסט קעגן פאַרוואַנדלען דעם שבת פאַר אַ טאָג פון אָנדענק פון קריסטוסעס תחית־המתים. אָט די דאָזיקע פאַרוואַנדלונגען, וואָס געבן אַן אַנדער מיין צו דעם באַדייט פון שבת, איז האַרבער ווי דאָס אָפּשטויסן דעם שבת אויף אַן אַנדער טאָג.

(דאָרט, 432)

דער שבת דינט אויך ווי אַ צייכן פון שלום, ווי אַלע יום־טובים, און איז אַ אינסטיטוציע פון עכטער לעבנס־פרייד, פון געזעלשאַפטלעכער שמחה צווישן מענטשן. ווען דאָס יידנטום וואָלט געבראַכט אויף דער וועלט ניט מער ווי דעם שבת, וואָלט עס דורך דעם אַליין זיך שוין אָנטפּלעקט, ווי אַ ברענגער פון שמחה און ווי אַ שלום־מאַכער ביי דער מענטשהייט. דער שבת האָט געמאַכט דעם ערשטן טריט, וואָס האָט גורם געווען אָפּצעווישן קנעכטשאַפט. אָבער דער שבת האָט אויך געמאַכט דעם ערשטן טריט, וואָס לערנט, ווי אָפּצושאַפן די איינטיילונג פון אַרבעט אין צוויי קאַטעגאָריעס, גייסטיקע אַרבעט און פיזישע אַרבעט. דער שבת איז אַ צייכן פאַר דער שמחה וואָס וועט אַמאָל קומען אויף מענטשן, ווען אַלע מענטשן וועלן זיין פריי און פאַרשקלאַפט אין אַ גלייכער מאָס און וועלן אָנטייל נעמען אין אַ גלייכער מאָס אין תורה און חכמה, אין פאָרשן און וויסן, און אויך אין פיזישער מי צו געפינען זייער ברויט. וויבאַלד ס׳איז געלונגען דעם שבת איינצונעמען די וועלט, לאָזט שוין דער דאָזיקער זיג אונדז ניט פאַרלירן די האָפנונג און דעם בטחון, אַז די דאָ־

זיקע פרייד איז ניט קיין פוסטע פאַנטאַזיע, און אַז דער שלום, וואָס רייסט זיך דורך פון דער פרייד ווי אַ ליכטיקער שטראַל איז אַ כח פון די עלעמענטאַרע־כחות פון דער מענטשלעכער משפּחה און אַזוי וועט דאָס זיין אויף אייביק...

פאָרוואָר, ס'איז אַ וואונדער, אַז מיט אַלע פורעניות, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף יידן פון דור־דורות, האָט זיך אויפגעהיט אין אים אַ גייסטיקער גלייכגעוויכט און אַ עכטער הומאָר, וואָס אָן זיי וואָלט ער ניט געקענט זיך אויפהייבן פון דער טיפער געפאַלנקייט צו אַ הויך פון שטאָלץ און כבוד, אָט דעם דאָזיקן וואונדער האָבן אויפגעטאָן אונדזערע יום־טובים. דורך שבתים און יום־טובים האָט די שמחה געהערשט אין געטאָ, זיך ניט אומצוקוקען אויף די גרויסע צרות, וואָס האָבן דורך דער וואָך פאַרביטערט דעם יידנס לעבן. די שמחה פון יום־טוב איז געווען אַ רעליגיעזע מצוה און דעריבער איז זי געוואָרן אַ שטאַרקער לעבנס־כח אין דעם יידישן באַוואוסטזיין.

(דאָרט 41־540)

די ערשטע באַפעלן, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן צו די יידן, נאָכדעם ווי זיי זיינען אַרויס פון מצרים זיינען געווען די באַפעלן פון מרה: „דאָרט האָט ער אים געמאַכט חוקים און משפטים". (שמות ט"ו, כ"ה) די יידישע מסורה האָט געדרשנ'ט: „חק — מיינט שבת און משפט — דאָס זיינען די דינים". דורך שבת און דורך דין האָט זיך אַנטפּלעקט דער גאָט פון גערעכטיקייט, דער בונד צווישן שבת און צווישן די משפטים מאַכט אונדז קלאָר איינזען דעם בונד צווישן ערדישן משפט און צווישן דער געטלעכער גערעכטיקייט. שבת — איז דאָס ערשטע ווערק פון גערעכטיקייט. שבת און משפט זיינען פאַרפלאָכטן צוזאַמען.

(שריפטן וועגן אידנטום, ד' 145)

ווען די יידישע נביאים וואָלטן ניט געלערנט, אַז דער מענטש איז אַ תכלית פאַר זיך אַליין און ווען זיי וואָלטן זיך ניט מוסר־נפש געווען פאַר זייער דאָזיקער לערע, — וואָלטן זיי ניט ווערט געווען באַטראַכט צו ווערן ווי די גרינדער פון עכטער פאָליטישער מאָראַל, און זייער אויפטו — די געזעלשאַפטלעכע געזעצגעבונג, וואָס איז אריינגעטאָן אין די פינף חומשים פון דער תורה, חשוב'סטע שאַפונג פון געזעלשאַפטלעכע עטיק אויפן יסוד פון אידעאַליזם, — איז ניט געבליבן אַ פוסטער חלום. דער שבת האָט אַרויפגעלייגט זיין הערשאַפט אויף דער גאַנצער וועלט: דער שבת איז געוואָרן דער סימבאָלישער געדאַנק, אַז דער מענטש איז אַ תכלית פאַר זיך אַליין אפילו אין דער בחינה פון אַן אַרבעטער, וואָס פאַרלירט ניט זיין תכלית בלויז דורך דעם, וואָס ער ווערט אַ שרייפל אין דער קולטור־מרכבה, נאָר ער האָט אַ חלק אין דער גאַנצער ברייט און גאַנצן היקף פון דער קולטור, וואָס איז געגעבן געוואָרן צו יעדן מענטשן וואָס איז באַשאַפן אין גאָטס געשטאַלט. און דו

קענסט ניט זאָגן, אַז דער סימבאָל פון שבת, וואָס איז אויסגעדריקט אין פסוק „כדי עס זאָל רוען דיין קנעכט און דיין דינסט ווי דו אַליין" (דברים ה׳ י״ד) איז ווייניק קלאָר פון אַ פילאָזאָפישן באַגריף; דער כוח פון דאָזיקן פסוק אין פראַקטישן לעבן איז געוויס ניט ווייניקער פון דעם. אגב, מאַכט אַ פאַרגלייך, אַז דאָ איז געזאָגט געוואָרן מיטן אייגענעם לשון ווי מכח דער ליבשאַפט צו דיין חבר: ווי דיך אַליין.

(דאָרט, ז׳ 255)

## פראָפ. דוד ניימאַרק

# פון „תולדות העקרים בישראל"

אין די לעצטע דורות פון מלכות־יהודה האָבן דיביידע פראַקטישע מצוות פון שבת און מילה באַקומען אַ גרויסע באַדייטונג, אין באַצוג צום פרעמדן וואָס האָט געוואָלט זיך באַהעפטן מיטן ידישן פאָלק — אַ ווערט פון פראַקטישע עיקרים.

די מצוה פון שבת איז געווען פון גרויס חשיבות ביי יידן פון אַלטע צייטן אָן און האָט געפונען איר פּלאַץ אין די עשרת־הדברות און אין יעדן יידישן קאָדעקס פון געזעצן; און אין בונד פון משנה־תורה ווערט זי ספּעציעל אונטערגעשטראָכן אין פאַרבינדונג מיט זכר ליציאת־מצרים, וואָס איז צוגע־געבן געוואָרן אין די עשרת־הדברות (דברים ה׳, ט״ו). אין די צייטן וואָס נאָכן בונד פון משנה־־תורה זיינען די דאָזיקע צוויי מצוות געוואַקסן אין זייער ווערט און חשיבות. ירמיה שעצט הויך דאָס גרויסע ווערט פון דער מצוה פון שבת. אויך יחזקאל האַלט הויך די מצוה פון שבת און נאָך א סך מער, ווי ירמיה. אויך פאָדערט ער פון יעדן פרעמדן, וואָס וואוינט צווישן יידן אַז ער זאָל אָנ־נעמען די מצוה פון מילה. און אויך ביי ישעיה׳ן איז דער שבת ספּעציעל אונ־טערגעשטראָכן: „און די פרעמד־געבוירענע וואָס באַהעפטן זיך צו גאָט, אים צו דינען און ליב האָבן גאָטס נאָמען, איטלעכער וואָס היט שבת אים ניט צו פאַרשוועכן און האַלט זיך אָן מיין בונד". (ישעיה נ״ו, ו־ז) אויך די פאַרשער פון די אומות־העולם זיינען מסכים, אַז דער שבת לויט זיין גייסטיקן אינהאַלט איז אַ נייס אין דער יידישער תורה... און מיר האָבן שוין געזען, אַז דער שבת האָט זיין מקור אין דעם אָריגינעלן עטישן געדאַנק פון יידנטום; זיין עטישער אינהאַלט, דער געזעלשאַפטלעכער, איז שוין שטאַרק בולט אין דעם בונד פון משנה־תורה: „כדי עס זאָל רוען דיין קנעכט און דיין דינסט, ווי דו אַליין, און דו זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מצרים... דעריבער האָט גאָט דיין גאָט דיר באַפוילן צו מאַכן שבת". און אויך ירמיה וואָרנט וועגן שבת פון אַ געזעלשאַפטלעך־עטישן שטאַנדפּונקט, ווי ירמיה שטעלט זיך בכלל אייך אין דער פראַגע פון באַפרייען די קנעכט (ל״ד) און שטראָפט די מענטשן

פון זיין דור, ווייל זיי פאַרשקלאַפן די קנעכט און די דינסטן; און אויך יחזקאל גיט דעם טעם פון שבת פון זיין קולטורעל־עטישן שטאַנדפּונקט, פון זיין היס־טאָרישן יחוס. דורך דעם דאָזיקן באַגריף, ווערט דער שבת אַ צייכן צווישן יידן און גאָט, אַז גאָט ברוך הוא מאַכט דעם יידן הייליק דורך אַ עטישער היי־ליקייט: „און איך האָב זיי אַרויסגעפירט פון לאַנד מצרים... און האָב זיי געגעבן מיינע חוקים, און אויך מיינע שבתים האָב איך זיי געגעבן, וואָס זאָל זיין אַ צייכן צווישן מיר און צווישן זיי, צו וויסן, אַז איך גאָט מאַך זיי הייליק". (כ׳, י׳־י״ב). און עס לאָזט זיך שיקן, אַז דאָס זיצן פון די אידן אין גלות־בבל און זייער אָפּגעלאָזנקייט אין דער מצוה פון שבת האָט גורם געווען דערצו, וואָס יחזקאל און זיינע חברים האָבן אונטערגעשטראָכן אין דער מצוה פון שבת דעם באַגריף פון צייכן פון בונד, אונטערצושיידן צווישן די יידן און די אַנדערע פעלקער; אָדער, אונטערצושיידן צווישן דעם עטישן אינהאַלט פון דעם יידישן שבת און צווישן דעם געצנדינערישן אינהאַלט פון די באַבילאָנישע רו־טעג.

און באמת, פון אַ עטיש־קאָסמאָלאָגישן וועלט־באַגריף באַקומט די מצוה פון שבת אויך אַ קאָסמאָלאָגישן אינהאַלט. לויט דעם מקור פון וועלט־באַשאַף, וואָס טיילט איין די יצירה אין זעקס טעג, באַקומט די יידישע לערע פון יצירה אַ באַזונדער פּנים, וואָס געפינט זיך ניט אין קיין שום אַנדער קאָסמאָגאָניע אין דער וועלט. (דאָס איינטיילן די וואָך אין זיבן טעג איז נאָך פאַר דעם געווען אַן אָנגענומענער מנהג ביי יידן און אויך ביי אַנדערע פעלקער. די עטרורישע לעגענדע, אַז די וועלט איז געוואָרן דורך אַ משך פון זעקס טויזנט יאָר, איז אַן ספק באַאיינפלוסט פון דער מעשה־יצירה אין דער תורה) די מצוה פון דער תורה קומט מיט דער ספּעציעלער כוונה אַרויסצושטעלן דעם שבת, ווי אַ קאָסמאָלאָגישן צייכן פון בונד און אַזוי טאַקע פאַרענדיקט דער חומש די דער־ציילונג פון וועלט־באַשאַף: „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און אים געהייליקט". (בראשית ב׳, ג׳) און דעם דאָזיקן אינהאַלט האָט דער שבת באַקומען אין די עשרת־הדברות פון באַרג סיני. און דער חומש איז מוסיף: „ווייל זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די ערד, דעם ים און אַלץ וואָס אין זיי און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער גערוט, דאַרום האָט גאָט גע־בענטשט דעם טאָג פון שבת און האָט אים געהייליקט". (שמות כ׳, י״א) און נאָכדעם ווי גאָט האָט באַפוילן משה׳ן וועגן משכן, וואָס דאָס איז דאָס פּלאַץ פון בונד, איידער ער האָט אים געגעבן די לוחות שטרייכט ער אונטער די מצוה פון שבת ווי אַ צייכן פון בונד: „און די קינדער פון ישראל זאָלן היטן דעם שבת... צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל איז דאָס אַ צייכן אויף אייביק, ווייל זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די ערד און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער אויפגעהערט און גערוט". (שמות ל״א, י״ז־י״ח)

דיביידע באַגריפן פון שבת ווי אַ צייכן, דער עטיש־געזעלשאַפטלעכער באַגריף און דער קאָסמאָלאָגישער באַגריף — זיינען ניט נאָר ניט סותר איינע

די אַנדערע, נאָר פאַרקערט, זיי פאַרגאַנצן איינע די אַנדערע, ווייל אַזוי ווי דער עטישער שטאַנדפּונקט פון יידנטום האָט געמוזט זיך פאַרפולקאָמען אין אַ עטיש־קאָסמאָלאָגישן וועלט־באַנעם, אַזוי האָבן זיך אויך אין שבת פאַראייניקט זיינע צוויי באַגריפן, דער עטישער און קאָסמאָלאָגישער, און דער שבת איז געוואָרן די אָפּשפּיגלונג פון דער תורה פון יידנטום, און איר פולע געשטאַלטונג.

## פּראָפעסאָר באַרט

## דער אידישער שבת און דער באַבילאָנישער שבת

„צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל איז דאָס אַ צייכן אויף אייביק (שמות ל״א, י״ז). אין תנ״ך געפינט מען ניט דעם מינדסטן רמז, אַז די פעלקער מיט וועלכע דאָס פאָלק ישראל איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג, האָבן אויך געפייערט דעם טאָג שבת: בעת וואָס אָנבאַלאַנגט צו ברית־מילה, וואָס ווערט אויך אָנגערופן מיטן וואָרט „צייכן״ (בראשית י״ז, י״א) ווערט געזאָגט, אַז די ישמעאלים האָבן דאָס אויך אָנגענומען (דאָרט, י״ז, כ״ו) און ס׳איז באמת וואָר, אַז דער שבת איז אַ רינג אין קייט פון געזעצן, וואָס זיין יסוד ליגט אין דער קדושה פון מקור אידישקייט. און ס׳איז ניט קיין וואונדער, וואָס דער שבת קומט אויס אויפן זיבעטן טאָג. דער צאָל זיבן איז אַ געוויינלעכע דערשיינונג אין אידישער געזעצגעבונג און שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אַ סך צווייגן פון אידישקייט. און נאָכדעם ווי מיר זעען, אַז דער צאָל זיבן דינט ווי אַ סימבאָל פאַר אַ סך רעליגיעזע ענינים ביי אידן — וועלן מיר דען זיין באַרעכטיקט צו זאָגן, אַז דער טאָג שבת, די קדושה פון שבת, זיינען ניט מער ווי אַ פעראַמדער צוויגיג, פרעמדגעבאָרענער, אויב מירן דערצו ניט ברענגען קיין פעסטע גוטבאַגרינדעטע ראיות און איבערצייגונגען? נאָך מער, פון תנ״ך קען מען זיך איבערצייגן, אַז די באַבילאָנער האָבן ניט געהאַט קיין טאָג פון רו, אומגעפער, אַזאַ ווי שבת. אין ישעיה (מ״ו, מ״ז) רעדט דער נביא וועגן בבל און אירע אָפּגעטער, וועגן אַלע אירע מנהגים, ווי אַ מענטש וואָס איז אַ מומחה און אַ בקי אין די אַלע זאַכן, און דאָס גלייכן רעדט ער וועגן די אידן וואָס האָבן דאָרט געוואוינט. און דער נביא באַרירט אויך די פראַגע, צי דאָס אידישע פאָלק זאָל אַריינגעמען גרים און ער ענטפערט אויף אַ פּאָזיטיוון אופן, ווי זכריה האָט אַנטשיידן די דאָזיקע פראַגע, און ווי ישעיה דער ערשטער און ער זאָגט: (נ״ו, ג׳) „און ניט זאָגן זאָל דער פרעמדגעבאָרענער, וואָס באַהעפט זיך צו גאָט, אַזוי צו זאָגן: אָפּזונדערן וועט גאָט מיך אָפּזונדערן פון זיין פאָלק... און די פרעמדגעבאָרענע וואָס באַהעפטן זיך צו גאָט, אים צו טאָן דינסט און ליב צו האָבן דעם נאָמען פון גאָט, אים צו זיין פאַר קנעכט, איטלעכער וואָס היט שבת אים ניט צו

פאַרשוועכן און האַלט זיך אָן מיין בונד, זיי וועל איך ברענגען צו מיין הייליקן באַרג און וועל זיי דערפרייען אין מיין הויז פון געבעט, זייערע בראַנד־אָפּפער און זייערע שלאַכטאָפּפער וועלן זיין צו באַוויליקונג אויף מיין מזבח, וואָרן מיין הויז וועט גערופן ווערן דאָס הויז פון געבעט פאַר אַלע פעלקער. (דאָרטן, ג׳ ו׳ ז׳) דאָ ווערט דער שבת דערמאָנט ווי אַ צייכן, וואָס דורך אים ווערט דאָס פאָלק ישראל אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע פעלקער, און דער וואָס נעמט אויף זיך צו היטן שבת, ווערט באַהאַפטן צום פאָלק ישראל. אַזוינס וואָלט געווען אוממעגלעך, ווען דער שבת וואָלט שוין פון לאַנג אָן ניט געווען איינגעפירט אין בבל, וואו אידן זיינען שוין געווען דאָרט אין גלות דורך אַ משך פון זיבעציק יאָר. דעם דאָזיקן פאַקט האָט אויך אונטערגעשטראָכן דער פאָרשער ראָבערטסאָן־סמיט, ווי אַ באַווייז, וואָס מ׳קען ניט אָפּפרעגן. לגבי דער דאָזיקער ראיה ווערן בטל אַלע השערות פון די אַסיריאַלאָגן, וואָס הענגען אויף אַ האָר.

וואָס אַנבאַלאַנגט אַשוריש־באַבילאָנישע דאָקומענטן וועגן אַ באַבילאָנישן שבת, — האָבן זיי קיין יסוד ניט. די וואָס האַלטן פון דער מיינונג, אַז בבל האָט געהאַט אַ שבת, זיינען זיך סומך אויף די דאָזיקע ראיות:

א) זיי האָבן געפונען אַ וואָרט (אין דער רשימה פון אַסירישע ווערטער) וואָס מ׳קען לייענען schpatt אָדער Schabattu, און זיי האָבן דעם וואָרט געגעבן דעם מיין פון much libbi, וואָס הייסט, דער שבת איז אַ טאָג פון האַרצנס־רו. דערפון קומט אויס, אַז דער שבת איז געווען אַ טאָג פון רו פאַר די אַסיריער. אָבער דער דאָזיקער פירוש איז ניט קיין ריכטיקער. דאָס וואָרט schabattu איז אַ פאַרקירצונג פון um much libbi ilani — אַ טאָג אין וועלכן דער צאָרן פון די געטער ווערט איינגעשטילט. אין קעגנזאַץ צום „טאָג פון צאָרן" (פון די געטער) um uggati וואָס ווערט פריער דערמאָנט אין אַן אַנדער פלאַץ, וואָס באַצייכנט דעם נייַנצנטן טאָג אין חודש schapattu אָדער Schabattu איז אַלזאָ דער טאָג ווען די געטער זיינען איינגעשטילט, אַ טאָג פון תשובה און תפילה. אין דער אַסיריאַלאָגישער ליטעראַטור האָבן מיר נאָך ביז היינט ניט געפונען קיין שום ידיעה, ווען און וויפיל מאָל אַ יאָר אַזאַ טאָג איז געפייערט געוואָרן.

ב) דאָס אייגענע איז ניט ריכטיק די צווייטע ראיה וועגן מקור פון אַ באַבילאָנישן שבת. אין דעם צייט־לוח פון פלעקל־שריפט ווערן דערמאָנט יענע טעג פון חודש, וואָס זיינען געהייליקט פאַר די פאַרשיידענע געטער, און אויף וואָס פאַר אַן אופן מ׳זאָל מקריב זיין צו זיי קרבנות. נוך, בנוגע דעם זיבעטן טאָג (און דאָס אייגענע אויפן פערצנטן טאָג, דעם איין־און־צוואַנציקטן און דעם אַכט־און־צוואַנציקטן, נאָר איטלעך מאָל ווערן דערמאָנט אַנדערע נעמען פון די געטער פון יענעם טאָג) ווערט געזאָגט: „געהייליקט פאַר מרדוך און צאַרגאַניט. אַ טאָג פון אומגליק. דער מלך טאָר ניט עסן קיין געבראָטן

פלייש, טאָר ניט בייטן זיינע קליידער, טאָר זיך ניט אָנטאָן אין ווייסן, טאָר ניט טרינקען קיין וויין, זאָל ניט פאָרן אין קיין רייטוואָגן און זאָל ניט רעדן ווי אַ מלך... דער רופא זאָל ניט לייגן זיין האַנט אויפן חולה. אין אָוונט זאָל דער מלך מקריב זיין זיין קרבן צו מרדוך און צו ווענוס און גיסן פאַר זיי וויין. דאָס אויפהויבן פון זיין האַנט וועט באַוויליקט ווערן פון גאָט". לערנען מיר דערפון, אַז דורך די דאָזיקע פיר טעג זיינען געווען איינגעפירט ספּעציעלע געזעצן פאַר אָפּקומען און פּייניקונג. די דאָזיקע געזעצן זיינען אויך געווען אַ חיוב פאַרן ניינצנטן טאָג פון חודש. דאָס הייסט, אַז אין יעדן חודש זיינען באַשטימט געווען פינף אַזעלכע טעג, צווישן פערצנטן און ניינצנטן בלויז פינף טעג, צווישן פערצנטן און איינאונצוואַנציקטן בלויז צוויי, צווישן יום־טוב פון אַכט־און־צוואַנציקטן און דעם זיבעטן טאָג פון נאָכפאָלגנדיקן חודש זיינען קיין זיבן טעג קיינמאָל ניט געווען, בלויז ווען דער לבנה־חודש איז אַנטשטאַנען פון ניין־און־צוואַנציק אָדער דרייסיק טעג, איז צווישן זיי געווען אַ דיסטאַנץ פון אַכט אָדער ניין טעג. מיינט דאָס, אַז די יום־טובים זיינען אויסגעפאַלן רעגלמעסיק, לויט אַ געוויסער צאָל פון טעג, וויבאַלד זיי האָבן געהאַט נאָך אַ פינפטן פייערטאָג. און נאָך מער: די באַבילאָנישע טעג וואָס ווערן אויבן דערמאָנט זיינען פאַרבונדן מיט אַ געוויסן דאַטום פון חודש, הייסט עס, אַז זיי זיינען געווען אָפּהענגיק פון חודש, בעת די וואָך פון חומש און דער שבת איז ניט אָפּהענגיק פון חודש.

דער פאַקט, וואָס די באַבילאָנער האָבן איינגעטיילט דעם חודש פון אַכט־און־צוואַנציק טעג אין פיר אָפּטיילונגען פון זיבן טעג יעדע איינע, און געגעבן דעם לעצטן טאָג אַ ספּעציעלע חשיבות — באַווייזט ניט אויף קיין נאָענטער שייכות מיט אונדזער שבת. אַ זיבן־טאָגיקע וואָך אָן אַ יום־טוב איז פון די עלטסטע צייטן געווען איינגעפירט ביי אַ סך פעלקער, וואָס האָבן קיין געמיינשאַפטלעכעס צווישן זיך ניט געהאַט, ווי למשל, ביי די כינעזישע פעלקער, און אַנדערע. אייניקע פון בודאַ'ס נאָכפאָלגער פייערן פיר מאָל דורכן חודש אַ יום־טוב, וואָס ווערט אָנגערופן Uposatha — אין טאָג פון ראש־חודש, אויפן אַכטן טאָג, אאַז"וו. טשיקאַווע איז, וואָס די דאָזיקע פייער־טעג זיינען טעג פון תעניתים, ווי די פיר פייערטעג פון די באַבילאָנער זיינען באַטראַכט געוואָרן ווי טעג פון אומגליק. אויך ביי די רוימער איז דער זיבעטער טאָג געווען אַ טאָג פון אומגליק, דער טאָג פון סאַטורן. און אַזוי ווי קיינעם וועט ניט קומען אויפן זינען, צו פאַרגלייכן דעם בודיסטישן טאָג פון Uposatha מיטן אידישן שבת, אַזוי קען מען אים אויך ניט פאַרגלייכן צו די פיר טעג פון באַבילאָנישן חודש, ווייל זיי זיינען אומגליקסטעג umilimnu, ווי ביי די בודיסטן.

דער ניינצנטער טאָג, וואָס האָט דעם אייגענעם דין ווי פון זיבעטן טאָג, דעם אַכטן, דעם איינאונצוואַנציקטן, ווי מיר האָבן אויבן געזאָגט, ווערט

אַנגערופן מיטן נאָמען: אַ טאָג פון צאָרן. און ווייל ס׳איז אַ טאָג פון טרויער טאָר דער מלך ניט בייטן אין אים זיינע קליידער, טאָר ניט אָנטאָן קיין ווייסע בגדים און עסן פלייש, ווי אידן זיינען זיך נוהג אין טעג פון טרויער. און דאָס אייגענע איז אויך מיט אַלע אַנדערע מנהגים פון די פינף אויבנדערמאָנטע טעג, אַלע זיינען זיי טעג פון טרויער. ניט אַזוי אָבער איז דער אידישער שבת, וואָס איז אַ טאָג פון תענוג, שמחה און רו. דער נביא הושע וואָרנט דעם זינדיקן פאָלק מיט די ווערטער: „און איך וועל פאַרשטערן זיין גאַנצע פרייד, זיין יום־טוב, זיין ראש־חודש און זיין שבת און אַלע זיינע פייערטעג". (הושע, ב׳, י״ג) און ישעיה זאָגט: „און דו ועסט רופן שבת אַ תענוג". (נ״ח, י״ג) דער שבת׳דיקער טאָג איז ביי אונדז אַ חשובער גאַסט, וואָס נעמט אַרונטער פון אונדז דעם יאָך פון וואָכעדיקן לעבן; פון דעם פרייען מענטשן טוט ער אָפּ די שווערקייט פון דער אַרבעט און אַלע דאגות, און פון דעם קנעכט וואַרפט ער אַרונטער זיין קנעכטשאַפט און געפּאַלנקייט. און פאַר זיי אַלעמען צוזאַמען, אָן אַן אונטערשייד, איז דאָס אַ טאָג פון לויטער שמחה, ליבשאַפט, ברידערשאַפט און פריינטשאַפט. פון דעם זעען מיר די אוממעגלעכקייט, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל האָבן גע׳ירש׳נט דעם טאָג שבת פון די באַבילאָניער, ווייל זייער שבת איז פאַר זיי אַ טאָג פון פייניקונג און טרויער, בעת וועגן אונדזער שבת שטייט געזאָגט אין דער תורה: „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און אים געהייליקט". (בראשית ב׳, ג׳).

איבערהויפּט איז בולט דער אונטערשייד צווישן דיביידע דורך דעם דאָזיקן פאַקט: אידן טאָרן דורכן טאָג פון שבת זיך ניט פאַרנעמען מיט קיין שום האַנדל (עמוס ה׳ ח׳; ישעיה נ״ח, י״ג; נחמיה י׳, ל״א), אפילו קלייבן מן (שמות ט״ז, כ״ב) צונויפנעמען האָלץ (במדבר ט״ו, כ״ב) האָבן זיי ניט געטאָרט אין דאָזיקן טאָג, בעת ביי די באַבילאָניער איז ניט חל קיין שום פאַרבאָט אויף אַרבעט און האַנדל דורך יענע טעג (ז׳ י״ד, כ״א, כ״ח). לויט האָט אויסגעפאָרשט און אונטערזוכט 540 אַסירישע קאָנטראַקטן און האָט אויסגעפונען, אַז דורך די טעג פון זיבעטן, פערצנטן און איינאונצוואַנ־ציקטן פון חודש, וואָס דאָס זיינען די טעג פון זייערע שבתים, זיינען געמאַכט געוואָרן געשעפטן ניט ווייניקער ווי דורך די אַנדערע טעג. ווען אין זעקסטן טאָג פון חודש זיינען געשלאָסן געוואָרן עלף געשעפטן, דעם 8טן — פערצן — זיינען אין זיבעטן טאָג געמאַכט געוואָרן זיבעצן געשעפטן, דעם צוואַנ־ציקטן און צוויי און צוואַנציקטן אין חודש צוויי און דרייסיק געשעפטן און דעם איין־און־צוואַנציקטן אין חודש — פיר און דרייסיק געשעפטן. און אַט האָבן מיר נאָך אַ ראיה, ווי ווייט מיר קענען ניט מסכים זיין מיט דער מיינונג פון יענע וואָס האַלטן פון באַבילאָנישן שבת: אויב ס׳איז אמת, אַז די באַבי־

לאַניער האָבן באַשטימט דעם נאָמען Schabattu פאַרן זיבעטן טאָג, האָבן דאָך די טעג פון פערצנטן, איינאונצוואַנציקטן און אַכטאונצוואַנציקטן באַדאַרפט אָנגערופן ווערן מיט דעם דאָזיקן נאָמען אין די טאָבלען, וואָס האָבן זיך אויפגעהיט (וואו דאָרטן טאָקע איז געבליבן דער זכר פון יענע טעג און זייערע מנהגים). אָבער דער דאָזיקער נאָמען ווערט ניט דערמאָנט אפילו קיין איינציק מאָל. די אַסיריער, הייסט עס, האָבן כלל ניט געוואוסט פון דאָזיקן נאָמען אין שייכות מיט יענע טעג, און זיי זיינען דאָך גרעסערע מוסמכים וועגן דעם ענין ווי די וואָס האָבן דערפינדן דעם באַבילאָנישן שבת.

דער שלוס וואָס מיר קענען דערפון ציען איז דער פאָלגנדיקער: דער אידישער שבת איז אַ רינג אין קייט פון אונדזער הייליקער מסורה, וואָס איז באַגרינדעט אויף דער צאָל זיבן. די נביאים פריידיקן צו היטן שבת שוין נאָכן גלות־בבל, ווי אַ ציכן און אַ סימבאָל, וואָס מאַכט אַן אונטערשייד צווישן אידן און צווישן אַנדערע פעלקער. און וויבאַלד אַזוי, איז דאָך ניט מעגלעך, אַז די פעלקער צווישן וועלכע די אידן האָבן געלעבט, זאָלן אויך האָבן געמאַכט דעם טאָג שבת פאַר אַ פייערטאָג.

די באַבילאָנישע פייערטעג זיינען פאַרבונדן לויט דער ספּעציפישער ציילונג פון חודש; און דער אידישער שבת איז ניט אָפּהענגיק פון חודש. די באַבילאָנער האָבן געפייערט דעם ניינצנטן טאָג ווי דעם זיבעטן, דעם פערצנטן, דעם איינאונצוואַנציקטן און אַכטאונצוואַנציקטן, הייסט עס, זיי האָבן געפייערט פינף טעג דורכן מאָנאַט און ניט תמיד אָפּגערוקט זיבן טעג צווישן. די באַבילאָניער האָבן באַטראַכט די דאָזיקע טעג פאַר אומגליקסטעג, און דעם ניינצנטן פאַר אַ טאָג פון צאָרן, דעריבער האָבן זיי קיין פאַרבינדונג ניט מיט דעם אידישן „עונג־שבת". זיי האָבן קיין שום אָנונג ניט פון אַ פאָלקסרו, פון רו פון קנעכט און פון בהמה, פון אָפּשטעל פון אַרבעט און האַנדל — וואָס דאָס איז דאָך דער עיקר פון אונדזער שבת. דערפאַר איז די השערה, אַז אונדזער שבת איז אַנטליען פון די באַבילאָניער, אַ פוסטע השערה און האָט כלל ניט אויף וואָס זיך צו שטיצן.

## הרב צבי נאָבעל (פראַנקפורט אַם מאַין)

# דער שבת

די העברעאישע שפּראַך האָט ניט געשאַפן קיין נעמען פאַר די טעג פון וואָך. זיי ווערן אָנגערופן: דער ערשטער טאָג, דער צווייטער, דער דריטער אין וואָך, אאַז"וו, און זיי זיינען ניט מער ווי צאָל, ביז עס קומט צום זיבעטן טאָג. און דאָ האָט זיך אַנטפּלעקט דער שאַפונגס־כוח פון שפּראַך און זי האָט באַשאַפן דאָס שיינע וואָרט „שבת", וואָס מיינט: אַ טאָג פון רו.

די תורה וויקלט פאַר אונדז פאַנאַנדער דאָס פּראַכטיקע בילד פון הימל און ערד באַשאַף. כדי אונדז צו לאָזן וויסן, אַז אַלץ וואָס ס'איז געוואָרן און באַשאַפן געוואָרן און באַקומען בילדלעכקייט און געשטאַלט און געזעץ און גרענעץ, אַז גאָטס האַנט האָט דאָס אַלץ געמאַכט, גאָטס האַנט האָט אַריינ־געפּאַסט דאָס גרענעצלאָזע און דאָס געזעצלאָזע, אין דער פּראַכטיקער ראַם פון שיינקייט און געזעץ.

די תורה שילדערט דעם גאַנצן באַשאַף, ווי די פרייע שאַפונג פון גאָט, וואָס מאַכט אַלצדינג לויט זיין רצון. די פּראַכטיקע קרוין און דער העכסטער פּונקט פון אַזאַ שאַפונג — איז דער שבת, דער יום־טוב פון פרייהייט.

אַ גאָט, וואָס זאָל האָבן באַשאַפן די וועלט דורך אַ קאַמף מיט אַנדערע געטער, אָדער לויטן געצנדינערישן באַגריף פון דער תקופה פון דער גריכי־שער מיטאָלאָגיע, דורך אַ קאַמף מיט זיך אַליין, דורך אַ שטענדיקער אַנט־וויקלונג, פאַרבונדן מיט אַ סך מי און צער, אָדער אפילו דורך רעוואָלט אַנטקעגן זיין אייגענער טבע, — וואָלט ניט געקענט דערהויבן דעם שבת און דאָס היטן פון שבת צו אַ רעליגיעזן יום־טוב, צו אַ עיקר און יסוד פון גאַנצן רעליגיעזן לעבן. בלויז אַ רעליגיע, וואָס לויט איר, איז גאָט אַ פריי וועזן אומאָפּהענגיק פון וועלכע ניט איז תנאים — האָט געקענט אויפשטעלן אַ יום־טוב צו פייערן דעם וועלט־באַשאַף. און דערמיט האָט זי געמאַכט דעם שבת אַ יום־טוב פאַר גאָט און מענטשן. זי האָט געפייערט דעם שבת ווי אַ פייערטאָג און ניט בלויז ווי אַ טאָג פון אָפּרו פאַר די מידע. אַ פייערטאָג פון בלויז אָפּרו — וואָלט געווען צופיל ערדיש, מגושמ'דיק. ווען מיר לייענען די באַבי־לאָנישע שילדערונגען פון וועלט־באַשאַף, זעט מען באַלד, אַז דער באַבילאָ־נישער שבת, הגם ער איז געווען אַ יום־טוב, איז געפייערט געוואָרן מיט עצבות און טרויער, און האָט אויסגעזען מער ווי אַ טאָג פון תשובה איידער אַ יום־טוב.

די געשיכטע פון וועלט־באַשאַף, ווי זי ווערט דערציילט אין דער תורה, איז פול מיט רעליגיעזע יסודות, ווייל דער שבת גיט אַריין אין איר אַ נשמה. דער שבת דערהויבט די געשיכטע פון וועלט־באַשאַף צו דער געשיכטע פון געבורט פון רעליגיע.

דער שבת איז געווען די גרויסע התגלות פון געטלעכער פרייהייט, דעריבער איז ער געוואָרן אויך די התגלות פון מענטשלעכער פרייהייט. און אין די עשרת־הדברות, וואָס אין זיי איז געלייגט געוואָרן בלויז דער יסוד פון דער אידישער תורה, און האָבן דערפאַר אין זיך קיין זכר ניט פון פּראַק־טישע געזעצן, איז אָנגעזאָגט געוואָרן אַ האַרבער אָנזאָג בלויז וועגן איין פּראַקטישן געזעץ: „און דער זיבעטער טאָג איז שבת צו גאָט דיין גאָט, זאָלסט

ניט טאָן קיין שום אַרבעט, דו און דיין זון און דיין טאָכטער, דיין קנעכט און דיין דינסט און דיין בהמה און דיין פרעמדגעבאָרענער, וואָס איז אין דיינע טויערן."
(שמות כ', י').

די אַרבעט דערהויבט דעם אַרבעטער. אַזאַ מין בליק וועלן מיר זוכן אומזיסט ניט נאָר ביי די ערשטע דורות פון דער תנכישער תקופה, נאָר אפילו ביי די גרעסערע וואָרטזאָגער פון די אַנטיקע פעלקער. אַפילו די גרויסע שאַפער פון דער גריכישער גייסטיקער וועלט, האָבן, ווי אַ גאַנץ פאַרשטענדלעכע און אָנגענומענע זאַך פאַר יעדן איינעם, אויסגעדריקט די פאָדערונג, אַרויפצוּוואַרפן די אַרבעט אויף די פלייצעס פון די שקלאַפן, כדי דער פרייער מענטש זאָל זיך קענען אָפּגעבן מיט העכערע אינטערעסן — מיט באַשיצן דאָס לאַנד און מיט גייסטיקער אַרבעט. די קנעכטשאַפט — איז געווען אַן איינגעגעסענע מכה אין גוף פון דער אַנטיקער וועלט. די קנעכטשאַפט איז געווען אַ שטרויכלשטיין פאַר די אַלטע קלאַסישע פעלקער און זי האָט דערגענטערט זייער סוף, ווייל זי האָט חרוב געמאַכט זייערווירטשאַפטלעך און עטיש לעבן.

אין דעם אַריינפיר צו דער מצוה פון שבת זאָגט די פרשה פון עשרת־הדברות אָן: "זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן גאָר דיין אַרבעט". דאָס איז אַ געטלעכע פאָדערונג, וואָס איז אַ יסוד פון דעם גאַנצן ווירטשאַפט־לעבן, און אין דעם, האָט זיך די תורה מקדים געווען צו דעם וועלט־באַגריף פון דער מאָדערנער צייט, אַז אַרבעט, אַחוץ פון איר ווירטשאַפטלעכן ווערט, איז אויך דער יסוד און קרוין פון דעם מענטשנס עטיש לעבן.

דער פסוק: "זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן גאָר דיין אַרבעט" — איז שוין פאַר זיך אַליין גענוג צו געבן די עשרת־הדברות אַ געהויבענעם און ווירדיקן פּלאַץ אויף אייביקע יאָרן אין דער רעליגיעזער געשיכטע פון דער מענטשהייט. דער מאָראַלישער ווערט פון אַרבעט איז פאַרבונדן אין אַ פעסטער פאַרבינדונג מיט דער מנוחה פון שבת, פונקט ווי די מאָראַליטעט פון דער שבת־רו פליסט אַרויס און קומט פון דער פּראַצע פון וואָך. די פרייהייט פון אַרבעט אַנטפּלעקט זיך דורך דער רו וואָס וויקלט זיך אין פּראַקטיקער הייליקייט דורך דער רעליגיעזער פאַרטיפונג. דער יום־טוב פון רו ווערט פון דאָס ניי דערוואָרבן און ווערט תמיד פון דאָס ניי באַשטעטיקט דורך דער אַרבעט פון די וואָכעדיקע טעג.

די שבת־רו וואָס דורך איר באַקומען דער קנעכט און די דינסט בייע כוחות, גיט דעם קנעכט די דערהויבענע ווירדיקייט, וואָס אָן איר וואָלט איבערהויפּט דערנידעריקט געוואָרן זיין גאַנצע פּערזענלעכקייט. אויב דער אַרבעטטאָג, מיט גאָר זיין מי און שווערקייט, מיט זיינע דאגות און יסורים, טרייבט אָן ניט בלויז דעם קנעכט, נאָר אַפילו זיין באַלעבאָס, צו האָרעווען און אַריינבריינגען די ברכה אין הויז — איז דער טאָג פון רו מיט

זיין שלוה, מיט זיין אויפהויבן דעם מענטשן פון דער טיפעניש פון לעבן, און מיט זיין ליכט וואָס באַשטראַלט אַלע מעשים וואָס ווערן געטאָן אונטער דער זון, איז דאָך דאָס ניט בלויז פאַרן באַלעבאָס אַליין, נייערט אויך פאַרן קנעכט. און פונקט ווי שבת איז דער גרויסער באַזיגער, וואָס איז מחייב, לויט דער דערציילונג פון וועלט־באַשאַף, דעם מוז פון אַרבעט, און שטעלט אַוועק די פרייע שאַפונג פון דער געטלעכקייט אין בראשית פון וועלטס־לעבן — פונקט אַזוי באַזיגט ער דעם עצם מהות פון קנעכטשאַפט, וואָס איז פאַרוויקלט אין אַרבעט און באַזיגט זי מאָל נאָך מאָל און גיט צוריק דעם קנעכט זיין פרייהייט דורך דעם וואָס זי מאַכט אים פאַר אַ פערזענלעכקייט מיט רעכטן. אויב ס'איז אמת, וואָס דער גערמאַנישער פאָעט האָט געזאָגט: „דאָס פאָלק, ווי דער קנעכט, ווי דער קריגסהעלד אָנערקענען און גיבן־צו אין יעדער צייט, אַז אויף דער ערד איז ניטאָ קיין גרעסער גליק, ווי דאָס גליק וואָס פערזענלעכקייט קען געבן" — דאַן איז דער געדאַנק פון שבת אין זיין פולער טיפקייט גרעסער פון אַלע זיגער אין דער וועלט. ער לערנט אונדז, אַז דאָס רעכט פון פערזענלעכקייט איז ניט קיין הנחה פאַרן קנעכט, ס'איז ניט קיין גערעכטיקייט וואָס מען טוט מיט אים, נאָר ס'איז אַ פילפאַך געטאָפּלטער זכות פאַרן געבער. בלויז יענער מענטש וואָס עפנט די טויערן פון וואוינונג פון גערעכטיקייט פריי פאַרן קנעכט און פאַר דער דינסט און פאַר אַלץ וואָס ס'איז באַשאַפן אין גאָטס געשטאַלט, בלויז יענער קען וואוינען אין וואוינונג פון גערעכטיקייט.

שבת — ווערט די הנחה פאַרוואַנדלט אין אַ רעכט, „צדקה" — אין צדק (גערעכטיקייט). דער פרייער מענטש, וואָס גיט זיין קנעכט שבת, קריגט אַליין מער וויפל ער קען געבן. ניט גענוג וואָס ער גיט רעכטן, נאָר ער אָנערקענט די גערעכטיקייט פון אַגוטע זאַך. ער באַטראַכט דעם קנעכט פאַר אַ פערזענלעכקייט, און דורכדעם ווערט ער אַליין דערהויבן צו אַ העכערער מדרגה פון פערזענלעכקייט אין באַגריף פון גערעכטיקייט און עטיק.

ווי ס'איז דער אויפטו פון שבת לגבי דעם וועלט־באַשאַף, וואָס האָט אים דערהויבן פון ענגשאַפט פון מוז צו די ברייטקייטן פון געטלעכער פרייהייט, אַזוי איז אויך זיין אויפטו אין באַציאונג צו מענטשן: ער דערהויבט זיי צו די הייכן פון גערעכטיקייט און גלייכבאַרעכטיקונג. ער טיילט איין ווירדע צו דער אַרבעט און באַקרוינט די רו. ער ברייטערט אויס די גרענעצן פון דער פערזענלעכקייט. ער גיט דעם קנעכט, וואָס האָט קיין חלק ונחלה ניט צווישן מענטשן, דאָס רעכט אויף פרייהייט. ער זאָגט אָן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע מענטשן.

קומט אויס, אַז דער שבת איז אַ געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע אין דעם העכסטן זין פון וואָרט. ניט בלויז רחמנות און ניט בלויז אָנטיילצונעמען אין צוויטנס צער — פאָדערט ער פון מענטשן. אויב מיר שטעלן אַוועק די

מידת־הרחמים אין צענטער פון רעליגיע, וואָס פון אים ציען זיך אַלע שטראַלן פון רעליגיעזן לעבן, איז אויב מירן זיך צוקוקן געגוי צו אַלע זיינע רעזולטאַטן, — מוזן מיר פון אָנהייב אָן אָננעמען ווי אַן ערשטע הנחה, אַז דער צענטער פון דער וועלט איז דאָס שלעכטס. און נאָך מער, מיר וועלן מוזן מאַכן די הנחה, אַז אַלץ וואָס ס׳ווערט געטאָן אונטער דער זון איז שלעכט. לויט אַלע רעליגיעזע און פילאָזאָפישע שיטות, וואָס באַטראַכטן די מידת־הרחמים פאַרן צענטראַלן זייל פון דער עטישער לערע, זינגט דער לערע פון בודאַ ביזן קריסטנטום און ביז שאָפּענהאַוער׳ן — איז דער צער דער עיקר פון דער וועלט און קאַמף און נויט זיינען דער סאַמע תוך פון מענטשנס לעבן און זיינע דערפאַרונגען אין לעבן.

אָבער די תורה וואָס האָט ביים האַר פון דער וועלט אַריינגעלייגט אין מויל דאָס אויפמונטערנדיקע וואָרט: „און גאָט האָט געזען אַלץ וואָס ער האָט געמאַכט, און עס איז זייער גוט" — פאַר איר איז אוממעגלעך צו זען די וועלט און אַלץ וואָס ס׳געפינט זיך אין איר ווי אַ יאָמערטאָל. זי באַגנוגנט זיך ניט מיט דער מידת־הרחמים אַליין, כדי אויסצודריקן די עטישע באַציאונגען צווישן איין מענטשן און דעם צווייטן. אַזוי ווי דער קנעכט קערט זיך צוריק נאָך די זעקס אַרבעט־יאָרן, אויפן זיבעטן יאָר, צו זיינע ברידער, ווי אַ גלייכ־באַרעכטיקטער פרייער מענטש, אַזוי דערוואַרבט ער דורך איטלעכן שבת דאָס רעכט צו פרייהייט. דער טאָג שבת, וואָס נעמט אַרונטער פון דעם אידן דעם יאָך פון די אַרבעטטעג, דערפילט בשלמות זיין ווירקונג אין תיקון־המידות, דערפון וואָס ער איז גורם, אַז גוטע געפילן וואָס וואַכן אויף פון אַ לעבן פון גערעכטיקייט און יושר, אַנטוויקלען זיך אויך אין האַרצן פון קנעכט.

יעדער מין סאָציאַליזם איז פול מיט סתירות, ווען ער זוכט צו צאַמען די רעכטן פון יחיד פאַרן טובת־הכלל, אָדער, לאָמיר זאָגן, אויב דער יחיד שפּירט די דאָזיקע באַגרענעצונג ווי אַ דרוק. דער אמת׳ער סאָציאַליזם, ווי דער שבת לערנט אונדז, פאָדערט ניט צו באַרויבן אָדער באַגרענעצן דאָס פאַרמעגן פון יחיד צוליב דעם גרעסערן וואוילזיין פון דער גרויסער געזעל־שאַפט. ווייל בנוגע דער באַציאונג פון גערעכטיקייט צו אַנדערע, איבערהויפּט צום שוואַכערן, צום אָרעמען און קנעכט, באַשאַפט דער שבת אַ קרייז פון גערעכטיקייט, אין וועלכן עס אַנטוויקלט זיך און איטלעך מאָל ווערט דער־וואָרבן פון דאָס נייע די תביעה פאַר צדק און משפט און גליק.

דאָס איז דער מוסר־הצדק פון שבת. ניט די עטיק פון הערשאַפט און האַרנטום, וואָס שטעלט אויף זיין טריאומף־טויער אויף די רוקנס פון געבויגענע מענטשן — נאָר ס׳איז די הערשאַפט פון עטיק, וואָס די האַרן און קנעכט צוזאַמען בויגן זיך פאַר איר מיט שמחה.

און אַזוי זעען מיר דעם שבת, ווען ער אַנטפּלעקט זיך ביים סאַמע געבורט פון אונדזער געזעצגעבונג, ווי אַן עדות אויף מעשה־בראשית. אַנשטאָט

צו זיין אַ יום־טוב פון דער נאַטור, שטרעבט ער גאָר צו ווערן דער יום־טוב פון דער מענטשהייט. דורך דעם, וואָס דער שבת דערמאָנט דעם מענטשן זיין געטלעכן אָפּשטאַם, באַווייזט ער אים אויך זיין אייגענעם געטלעכן אָפּ־שטאַם. דער שבת, וואָס זיין יסוד ליגט אין דער דערציילונג פון וועלט־באַשאַף אין דער תורה, ווערט אַליין דער עטישער יסוד פון גאַנצן וועלט־באַשאַף.

דער וואָס וויל באַנעמען דעם פולן כאַראַקטער פון שבת, זאָל זיך צו־הערן צו משה'ס קול אין ספר דברים, ווען ער געזעגנט זיך מיט זיין פאָלק. משה רעדט צום פאָלק פון זיין געפאַלנקייט און זיין געהויבנקייט, פון זיין קנעכט־שאַפט און זיין באַפרייאונג. ער לאָזט וויסן זיין פאָלק, אַז זיין טאָג פון טויט איז נאָענט, און אַז זיין ווערק וועט בלייבן אויף אייביק. די געטלעכע אַנט־פּלעקונג אויפן באַרג־סיני באַצייכנט ער ווי אַ בונד פון פריינטשאַפט, וואָס דער גאָט פון הימל און ערד האָט מיט אים געשלאָסן און דעריבער זיינען זיי קינדער ביי גאָט. די דאָזיקע באַציאונג איז דער יסוד פון דער רעליגיע. ער וויל באַנייען ביים פאָלק וואָס הערט זיך צו צו זיין קול דעם אייגענעם געפ״ל פון מעמד הר־סיני און אים איינקריצן אין די הערצער פון די מענטשן לזכר־עולם, ווי אַ מעשה שהיה, און ווי די העכסטע טאַט, וואָס איז ווען עס איז געטאָן געוואָרן אונטער דער זון. ווער וועט ניט גלויבן, אַז די נשמה פון דעם מאַן, וואָס האָט אַזוי גערעדט האָט פון איר אינערלעך לעבן געגאָסן שטראָמען ליכט אויף זיין פנים, און אַז זיין פנים האָט געשטראַלט פון דער געטלעכער שמחה וואָס אין זיין האַרצן? נאָר משה, וואָס דאָס עניוות איז געווען די קרוין אויף זיין קאָפּ, האָט דאָס ניט געוואוסט. ניט צו זיך זיינען די געדאַנקען זיינע געווען געווענדט, נאָר צו די וויטקייטן פון די קומענדיקע דורות. צו זיי האָט ער ווידער געלאָזט וויסן דעם ענין פון שבת, מיט רייד וואָס דער שטעמפּל פון אייביקייט איז אויף זיי פאַר'חתמ'עט. אָבער דער געדאַנק, וואָס איז אין ערשטן נוסח פון דער מצוה פון שבת געווען אויסגעדריקט נאָר מיט אַ רמז, איז דאָס מאָל בולט אַרויסגעבראַכט געוואָרן. דאָס ווערט פון שבת, ווי אַ זכר צום וועלט־באַשאַף איז לגמרי אָפּגערוקט געוואָרן און דער טאָג שבת איז געוואָרן דעם יום־טוב פון דער מענטשהייט: „און דו זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מצרים און גאָט דיין גאָט האָט דיך אַרויסגעצויגן פון דאָרטן מיט אַ שטאַרקער האַנט און אויסגעע־שטרעקטן אָרעם; דעריבער האָט דיך דיין גאָט באַפוילן צו מאַכן שבת״. און אַזוי איז דער טאָג שבת דאָ פאַרצייכנט געוואָרן, ווי אַ טאָג פון אָנדענק ליציאת־מצרים. הגם פריער אין צייט, און לויט די דערציילונגען פון דער תורה, האָט דער טאָג שבת מיט דעם קיין שום שייכות ניט.

אָבער פאַרן טיפן בליק פון האַר פון די נביאים זיינען געווען אַנט־פּלעקט אויך די אינערלעכע באַציאונגען פון זאַכן; ווייל אין דעם ליגט דאָך דעם נביא'ס כוח אַריינצוקוקן אין זייערע טיפענישן. און די אינערלעכקייט

פון שבת איז תמיד געווענדט געווען מער צו דער ערד, ווי צום הימל, מער צו דעם מענטשנס באַפרייאונג פון פינצטערע אָבערגלויבנס, פון נאַרישער גאווה און פון געצנדינערישער דערהויבונג, איידער צו דעם מיסטעריעזן שטרעבן צו באַגרייפן גאָטס וועגן. וועגן שבת, און זיין אַנטוויקלונג וואָס איז זייער וויכטיק אין דער געשיכטע פון רעליגיע, קען מען זאָגן דאָס אייגענע וואָס משה האָט געזאָגט וועגן דער גאַנצער תורה: „זי איז ניט אין הימל!״ אָפּשטאַמען שטאַמט זיי אָפּ פון די העכערע וועלטן, נאָר זי זוכט אויס דעם מענטשן, וואָס איז געשניטן פון ליים, און וויל אים ברענגען דערהויבנקייט, פראַכטיקייט, שיין און קדושה, זי און איר ערשטער באַנער־טרעגער, דער שבת.

ווען דער אַפּאָסטאָל פּאָולוס און זיינע חברים האָבן אָפּגעשטויסן דעם שבת צוליב זייִנע חומרות און אויף זיין פּלאַץ אַוועקגעשטעלט דעם זונטיק, ווי אַ זכר פון אויפשטייג פון זייער משיח פון קבר צום הימל, האָבן זיי דורכ־דעם געהאַט בכוונה צו טרעפן ניט נאָר דעם גוף פון אידנטום, נאָר אויך זיין נשמה. און די אידישע חכמים האָבן באַלד דערשפּירט די פולע געפאַר פון דעם דאָזיקן קלאַפּ. מיר וועלן ניט זינדיקן צום היסטאָרישן אמת און ניט פוגע זיין אין כבוד פון די חכמים, אויב מיר וועלן וואָגן צו באַהויפּטן, אַז אין זייער קאַמף מיט פּאָולוסעס שיטה, וואָס האָט געזוכט אויסצורייסן די גאַנצע תורה, האָבן זיי געמאַכט סיגים און צאַמען, וואָס אין רואיקע צייטן און אין אַ צייט פון פרייער אַנטוויקלונג פאַרן אידנטום, וואָלט מען זיי ניט באַדאַרפט האָבן. אָבער ס׳זיינען געקומען צייטן, ווען די דאָזיקע סיגים און צאַמען זיינען געוואָרן די שוץ־מויער פון אידנטום. און דער וואָס קוקט זיך צו צום אידנטום פון מיטלאַלטער אָן אַ פאָראורטייל, וועט באַלד דערגיין און וויסן, אַז די דאָזיקע אויסערלעכע סיגים און צאַמען האָבן געהאָלפן פאַר־שטאַרקן און ראַטעווען די אינערלעכע פעסטונגען פון אידנטום אין טאָג פון שטורעם און צאָרן.

# פינפטער קאַפּיטל

# קבלה און חסידות

## פון „זוהר"

א. „און גאָט האָט געענדיקט צום זיבעטן טאָג". האָט ר׳ חזקיה געזאָגט: קום און זע, הגם אַלע מעשים זיינען פאַרענדיקט געוואָרן איינס נאָכן אַנדערן, אָבער די גאַנצע וועלט איז נאָך ניט געווען גאַנץ אין איר הויה ביז ס׳איז געקומען דער זיבעטער טאָג. ווי נאָר דער זיבעטער טאָג איז געקומען, האָבן זיך פאַרענדיקט אַלע מעשים און גאָט־ברוך־הוא האָט דורך אים פאַרגאַנצט זיין וועלט. דאָס איז וואָס דער פסוק מיינט „און גאָט האָט געענדיקט צום זיבעטן טאָג זיין אַרבעט וואָס ער האָט געמאַכט", אין יענעם טאָג איז פאַר־גאַנצט געוואָרן די גאַנצע אַרבעט וואָס ער האָט געמאַכט, אין איר הויה.

ב. אין פאַרהייליקונג פון טאָג מאַכן מיר די ברכה: „וואָס פאַר־שפּרייט די סוכה פון שלום איבער אונדז און איבער זיין גאַנצן פאָלק ישראל און איבער ירושלים". וואָס עפּעס איבער ירושלים? ווייל זי איז דאָס וואוי־נונג־פּלאַץ פון דער דאָזיקער סוכה און מ׳דאַרף איינלאַדן די דאָזיקע סוכה, אַז זי זאָל זיין אויסגעשפּרייט איבער אונדז און רוען איבער אונדז און אונדז באַשיצן, ווי אַ מאַמע אירע קינדער, און דערפאַר האָבן מיר קיין מורא ניט פאַר אַלע בייזע ווינטן און דער־יבער זאָגן מיר: „דער וואָס פאַרשפּרייט די סוכה פון שלום איבער אונדז". קום און זע: ווען אידן בענטשן און לאַדן איין די דאָזיקע סוכה פון שלום, די הייליקע אכסניה און זאָגן „הפורש סוכת־שלום" — נידערט אַרונטער די אויבערשטע קדושה און שפּרייט אויס אירע פליגלען אויפן פאָלק ישראל און דעקט צו איבער זיי, ווי אַ מאַמע וואָס שוועבט איבער אירע קינדער.

(פרשה בראשית)

ג. „זאָלסט געדענקען דעם טאָג שבת, אים צו האַלטן הייליק". האָט ר׳ יצחק געזאָגט: דער פּסוק זאָגט „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג", און ס׳שטייט געזאָגט ביים מן: „זעקס טעג וועט איר עס קלייבן, אָבער אויפן זיבעטן טאָג איז שבת, דעמאָלט וועט עס ניט זיין" — וויבאַלד מ׳געפינט ניט אין אים קיין עסן, טאָ וואָס פאַר אַ ברכה איז אין אים פאַראַן? נאָר מיר האָבן אַזוי געלערנט: אַלע ברכות פון אויבן און פון אונטן זיינען אָנגעהאָנגען אויפן זיבעטן טאָג. און מיר האָבן נאָך געלערנט: פאַרוואָס איז ניט געפונען געוואָרן קיין מן אין זיבעטן טאָג? ווייל פון דעם דאָזיקן טאָג ווערן געבענטשט

אַלע אויבערשטע זעקס טעג און יעדער איינציקער פון זיי גיט זיינע שפּייזן צו דער אונטערשטער וועלט, יעדער איינער אין זיין טאָג, פון יענער ברכה מיט וואָס ער איז געבענטשט געוואָרן אויפן זיבעטן טאָג. און דערפאַר: יענער וואָס שטייט אין דער מדרגה פון אמונה, באַדאַרף גרייטן זיין טיש פאַר דער סעודה פון שבת־נאַכט, כדי זיין טיש זאָל געבענטשט זיין אַלע זעקס טעג פון דער וואָך, ווייל אין יענער צייט איז די ברכה גרייט, אַז אַלע זעקס טעג זאָלן געבענטשט ווערן, און די ברכה רוט ניט אויף אַ ליידיקן טיש. און דעריבער דאַרף אַ מענטש גרייטן זיין טיש שבת־נאַכט מיט ברויט און עסנס. ר׳ יצחק זאָגט: שבת דורכן טאָג איז אויך אַזוי. ר׳ יהודה זאָגט: אַ מענטש דאַרף זיך לאָזן וואוילגיין אין יענעם טאָג און עסן שבת דריי סעודות, כדי ס׳זאָל זיין זעט און פאַרגעניגן אין דעם טאָג איבער דער וועלט. ר׳ אבא זאָגט: כדי ס׳זאָל זיין די ברכה פאַר די אויבערשטע טעג, וואָס ווערן געבענטשט פון דאָזיקן טאָג. אין דעם טאָג ווערט פול דער קאָפּ פון משיח מיטן טוי וואָס פאַלט פון דעם הייליקן עתיק־ימים, וואָס איז פון אַלעמען פאַרהוילן, און וואָס לאָזט אים שפּריצן אויפן פעלד פון די הייליקע עפּל דריי מאָל זינט דער שבת איז אַריינגעקומען, כדי זיי זאָלן אַלע אינאיינעם געבענטשט ווערן. און דעריבער דאַרף דער מענטש האָבן תענוג און זיך פרייען מיט די דאָזיקע דריי מאָל, ווייל אויף דעם הענגט אָפּ זיין העכערע אמונה אין הייליקן עתיק־ימים, אין משיח און אין פעלד פון עפּל. און דערפאַר דאַרף דער מענטש האָבן תענוג און זיך פרייען מיט זיי און ווער עס מינדערט אין סעודה — מאַכט אַ פּגימה אויבן און דער עונש פון יענעם מענטשן איז זייער גרויס. און דעריבער דאַרף אַ מענטש גרייטן דריי מאָל זיין טיש דורכן טאָג פון שבת, אַז זיין טיש זאָל ניט זיין ליידיק און די ברכה זאָל רוען אויף אים דורך אַלע טעג פון דער וואָך און דורכדעם וועט ער זאָגן עדות אויף זיין אמונה אין הימל. ר׳ שמעון זאָגט: ווער עס עסט גאַנצע דריי סעודות אום שבת — קומט אַרונטער אַ בת־קול און רופט אויס וועגן אים: „דעמאָלט וועסטו זיך קוויקן מיט גאָט״, (ישעיה נ״ח, י״ד) אַ רמז אויף דער ערשטער סעודה, וואָס איז כנגד דעם עתיק־ימים, דעם הייליקסטן פון אַלע הייליקע; „און איך וועל דיך אַרויפֿ־ זעצן אויף די הייכן פון דער ערד״ — איז אַ רמז אויף דער צווייטער סעודה, וואָס איז כנגד הייליקן עפּלפעלד און „דיך מאַכן עסן די נחלה פון דיין פאָטער יעקב״ — איז אַ רמז אויף דער שלימות פון משיח׳ן. און דערפאַר דאַרף דער מענטש משלים זיין זיין סעודה און זיך קוויקן מיט אַלע זיינע סעודות און זיך פרייען מיט יעדער איינציקער פון זיי, ווייל דאָס איז די שלימות׳דיקע אמונה. און דעריבער איז דער שבת מער אין כבוד פון אַלע אַנדערע שמחות און יום־טובים, ווייל אַלץ איז אין אים איינגעשלאָסן, וואָס אַזוינס איז ניטאָ אין די אַנדערע פייערטעג און יום־טובים. האָט געזאָגט ר׳ חייא: און צוליב דעם, וואָס אַלץ איז איינגעשלאָסן און פאַראַן אין שבת, ווערט

ער דריי מאָל דערמאָנט; ווייל ס׳ווערט געזאָגט: „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג״. ווען ר׳ אבא פלעגט זיצן און עסן די שבת׳דיקע סעודות, האָט ער זיך געפרייט מיט יעדער איינציקער פון זיי און געזאָגט: „דאָס איז די הייליקע סעודה פון עתיק־ימים, וואָס איז פון אַלעמען פאַרהוילן.״ ביי דער צווייטער סעודה פלעגט ער זאָגן: „דאָס איז די סעודה פון הקדוש־ברוך־הוא״; און אַזוי פלעגט ער זיך נוהג זיין ביי יעדער איינציקער סעודה און זיך געפרייט מיט יעדער איינער. און ווען ער האָט געענדיקט עסן, פלעגט ער זאָגן: „פאַרענדיקט די סעודה פון אמונה״. ווען ר׳ שמעון פלעגט קומען זיך זעצן עסן, פלעגט ער אַזוי זאָגן: „גרייט צו די סעודה פון אויבערשטער אמונה, גרייט צו די סעודה פאַרן מלך״. און ער פלעגט זיצן און זיך פרייען. ווען ער פלעגט ענדיקן די דריטע סעודה, פלעגט מען אויף אים אויסרופן: „דעמאָלט וועסטו זיך קוויקן מיט גאָט און איך וועל דיך אַרויפזעצן אויף די הייכן פון דער ערד און וועל דיך מאַכן עסן די נחלה פון דיין פאָטער יעקב״. האָט ר׳ אלעזר געזאָגט צו זיין פאָטער: „וואָס איז דער סדר פון די דאָזיקע סעודות?״ האָט ער אים געענטפערט: אויף דער נאַכט פון שבת שטייט געשריבן „און איך וועל דיך אַרויפזעצן אויף די הייכן פון דער ערד״, אין דער דאָזיקער נאַכט ווערט די שכינה געבענטשט און דאָס גאַנצע עפּלפעלד, און ס׳ווערט געבענטש דעם מענטשנס טיש און ס׳ווערט אים צוגעגעבן אַ נשמה; און די דאָזיקע נאַכט איז אַ נאַכט פון שמחה פאַר דער שכינה און אַ מענטש דאַרף זיין אין פרייד און עסן די סעודה לכבוד דער שכינה. אויף דער צווייטער סעודה פון שבת׳דיקן טאָג שטייט געשריבן: דעמאָלט וועסטו זיך קוויקן מיט גאָט״. „מיט גאָט״ — אַוודאי, ווייל אין יענער שעה אַנטפּלעקט זיך דער הייליקער עתיק־ימים, און אַלע וועלטן זיינען פול מיט שמחה און מיט שלימות און מיר זיינען טועם די שמחה פון עתיק־ימים, און יענע סעודה איז דאָך אַוודאי אינגאַנצן זיינע. אויף דער דריטער סעודה פון שבת שטייט אַזוי געשריבן: „און איך וועל דיך מאַכן עסן די נחלה פון דיין פאָטער יעקב״ — דאָס איז די סעודה פון משיח, וואָס רוט אין שלימות, און אַלע זעקס טעג ווערן געבענטשט פון דער דאָזיקער שלימות. און אַ מענטש דאַרף זיך פרייען מיט דער סעודה און משלים זיין די דאָזיקע סעודות, ווייל זיי זיינען די סעודות פון אמונה־שלימה פון דעם הייליקן זאָמען פון ישראל, ווייל די דאָזיקע אויבערשטע אמונה איז דאָך זייערע, און ניט פון די פעלקער וואָס דינען צו דער עבודה־זרה. און מחמת דעם שטייט געזאָגט: „צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל״. קום און זע: דורך די דאָזיקע סעודות ווערן אידן דערקענט, אַז זיי זיינען בני־מלכים, מענטשן פון קיניגלעכן היכל, קינדער פון אמונה. און אויב ער פאַרפעלט איינע פון די דאָזיקע סעודות — מאַכט ער אַ פגימה אין הימל און זאָגט אויף זיך אַליין עדות, אַז ער איז ניט פון די קינדער פון אויבערשטן מלך, אַז ער קומט ניט פון מלכ׳ס היכל,

אַז ער איז ניט פון הייליקן זאַמען פון ישראל, און דעריבער וואַרפט מען אויף אים די דריי שטראָפן, וואָס זיינען האַרבער פון דין פון גיהנום. (פייער, שניי און טויטלעכע פינצטערניש) און קום און זע: אין אַלע אַנדערע יום־טובים איז אַ מענטש מחויב זיך צו פרייען און דערפרייען אָרעמעלייט, און ווען ער איז נאָר זיך אַליין משמח און גיט ניט צום אָרעמאַן, איז זיין עונש גרויס, וואָס ער אַליין פרייט זיך און גיט ניט קיין שמחה צום אַנדערן. אויף אים זאָגט דער פסוק: „און איך וועל צעשיטן מיסט אויף אייערע פּנים׳ער, דעם מיסט פון אייערע יום־טוב קרבנות״. (מלאכי ב׳, ג׳) און שבת, ווען ער פרייט זיך, אַפילו ווען ער גיט דעם צווייטן ניט, וואַרפט מען אויף אים קיין שטראָף ניט, ווי אין די אַנדערע יום־טובים, ווייל ס׳שטייט געשריבן: „דער מיסט פון אייערע יום־טובים״, „אייערע ראש־חודש׳ן און אייערע יום־טובים״. און ווידער שטייט געשריבן: „אייערע ראש־חודש׳ן און אייערע יום־טובים האָט פיינט מיין זעל״ (ישעיה א׳, י״ד) און שבת שטייט דאָס ניט געזאָגט. און דערפאַר וואָס די גאַנצע אמונה איז אַריינגעלייגט אין שבת, גיט מען דעם מענטשן אַן אַנדער נשמה, אַ העכערע נשמה, וואָס די גאַנצע שלימות איז אין איר פאַרוויקלט, ווי אַ דוגמה פון עולם הבא. און דעריבער ווערט עס אָנגערופן שבת. וואָס איז שבת? דער נאָמען פון גאָט־ברוך־הוא, אַ נאָמען וואָס איז די קרוין פון שלימות פון אַלע צדדים. האָט געזאָגט ר׳ יוסי: אַוודאי איז דאָס אַזוי: ווי איז צו דעם מענטשן, וואָס האָט ניט משלים געווען די שמחה פון הייליקן מלך! און וואָס איז די שמחה זיינע? דאָס זיינען די דריי סעודות פון אמונה, די סעודות וואָס אברהם, יצחק און יעקב זיינען ביי זיי פאַראַנען, און אַלע זיינען זיי שמחה איבער שמחה, די אמונה שלמה פון אַלע אירע צדדים. מיר האָבן געלערנט: אין יענעם טאָג באַקרוינען זיך די אָבות און אַלע זייערע קינדער זויגן פון זייער קוואַל, וואָס ס׳איז ניט אַזוי דורך אַלע אַנדערע יום־טובים. אין יענעם טאָג רוען אַלע רשעים אין גיהנום; אין יענעם טאָג ווערן אָפּגעשטופּט אַלע דינים און זיינען ניטאָ אויף דער וועלט; אין דעם טאָג באַקרוינט זיך די תורה מיט די פּראַקטיקסטע שלימות׳דיקע קרוינען; אין דעם טאָג לאָזט זיך הערן אַ קול פון שמחה און יובל איבער די צוויי הונדערט און פופציק וועלטן. קום זע: אין אַלע זעקס טעג פון דער וואָך, וויבאַלד נאָר ס׳קומט אָן די שעה פון מנחה־דאַווענען, הערשט דער האַרבער דין און ס׳דערוועקט זיך דער משפּט, אָבער אין טאָג פון שבת, ווי נאָר ס׳קומט די שעה פון מנחה, הערשט דער ווילן וואָס איז דער העכסטער פון אַלע ווילנס, און דער הייליקער עתיק־ימים אַנטפּלעקט זיין רצון, און אַלע דינים ווערן אָפּגעשטופּט און גוטסקייט און שמחה געוועלטיקן איבער אַלץ. און מיט דעם דאָזיקן רצון איז משה דער טרייער און הייליקער נביא נסתלק געוואָרן פון דער וועלט, דערמיט צו לאָזן וויסן, אַז ער איז ניט נסתלק געוואָרן דורך דער מידת־הדין. און אין יענער שעה איז זיין נשמה

אַרויס מיטן רצון פון הייליקן עתיק־ימים און באַהאַלטן געוואָרן. און דעריבער שטייט וועגן אים געשריבן: „און קיין מענטש ווייס ניט זיין קבר". (דברים ל"ד, ו׳) אַזוי ווי דער הייליקער עתיק־ימים איז פאַרהוילן פון אַלע פאַרהוילענע און די אויבערשטע און די אונטערשטע ווייסן ניט פון אים, אַזוי איז דאָס אייגענע אויך מיט דער נשמה, וואָס איז באַהאַלטן געוואָרן דורך דעם רצון, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין דער שעה פון שבת׳דיקער מנחה, שטייט וועגן איר געשריבן: „און קיין מענטש ווייס ניט פון זיין קבר." און ער איז פאַרהוילן פון אַלע פאַרהוילנסטע אין דער וועלט און דער דין האָט אויף אים ניט געהאַט קיין שליטה. וואויל איז משה׳ס חלק! וואויל איז אייער חלק, אידן הייליקע, אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, וואָס דער שבת איז אייער ירושה און געהערט נאָר אייך אַליין פון אַלע פעלקער, וואָס דינען צו די שטערן און מזלות! און אויף דעם שטייט געשריבן: „צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל". און מחמת דעם, איז דער שבת וויכטיק ווי די גאַנצע תורה, און דער וואָס היט אָפּ שבת, איז גלייך ווי ער וואָלט אָפּגעהיט די גאַנצע תורה.

ד. מיר האָבן געלערנט: אין דעם טאָג וואָס די תורה טוט זיך מיט אים קרוינען, צירט זי זיך אויס מיט אַלע אירע צירונגען, מיט אַלע אירע באַפעלן, מיט אַלע אירע געבאָטן און שטראָף־אזהרות, מיט די זיבעציק צווייגן פון שטראַלונג, וואָס שיינען פון יעדער זייט. ווער קען דאָס זען די אָפּצווייגן, וואָס קומען אַרויס פון יעדן איינציקן צווייג. פינף (צווייגן) קומען אַרויס פון בוים און אַלע צווייגן ווערן אין זיי פאַראייניקט. ווער קען זען די טויערן, וואָס זיינען צעעפנט אויף יעדער זייט, און וואָס אַלע ליכטן און שיינען אין שטראָמענדיקן אומאויפהערלעכן ליכט? אַ קול פון אויסרוף ווערט געהערט איבער דער וועלט: דערוואַכט, הייליקע פון דער וועלט, דערוואַך, דו הייליק פאָלק, אויסדערוויילטס פון הימל און פון ערד, דערוואַכט מיט שמחה אַנטקעגן אייער האַר! דערוואַכט מיט אַ שמחה שלימה, זייט גרייט פאַר די דריי שמחות פון די דריי אָבות, זייט גרייט פאַר דער אמונה, וואָס איז די שמחה פון אַלע שמחות! וואויל איז אייער חלק, אידן הייליקע, אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, דאָס איז די ירושה אייערע, וואָס איז אויסגעטיילט צו אייך פון אַלע אומות, וואָס דינען צו דער עבודה־זרה, און אויף דעם זאָגט דער פסוק: „צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל". האָט געזאָגט ר׳ יהודה: געוויס איז דאָס אַזוי, און אויף דעם זאָגט דער פסוק: „זאָלסט געדענקען דעם טאָג פון שבת, אים צו האַלטן הייליק" (שמות כ׳ ח׳), ווידער שטייט: „הייליק זאָלט איר זיין, וואָרום איך, גאָט, בין הייליק" (ויקרא י"ט, ב׳) און נאָך שטייט: „און זאָלסט רופן שבת אַ תענוג, דעם הייליקן טאָג פון גאָט, געערלעכט". (ישעיה נ"ח, י"ג) מיר האָבן געלערנט: אין דעם טאָג צערטלען זיך די נשמות פון אַלע צדיקים

אין די צערטלעכקייטן פון הייליקן עתיק־ימים, וואָס איז פאַרהוילן פון אַלע פאַרהוילנסטע, און אַ שמחה גייט אַרויס פון די צערטלעכקייטן פון עתיק־ימים און שפרייט זיך אויס איבער אַלע וועלטן און גייט אויף און לאָזט זיך אַרונטער איבער אַלע קינדער פון די קדושים, אויף אַלע וואָס היטן אָפּ די תורה, און זיי רוען אין אַ מנוחה־שלימה און פאַרגעסן אָן אַלע זייערע ערגערנישן, אָן אַלע צרות און אַלע שווערע אַרבעטן. דאָס איז וואָס דער פסוק מיינט: „אין דעם טאָג וואָס גאָט באַרוט דיך, פון דיין פיין און פון דיין ציטערניש און פון דיין שווערער אַרבעט. (ישעיה י״ד, ג׳) און דעריבער איז שבת וויכטיק, ווי די גאַנצע תורה, און דער וואָס היט אָפּ שבת איז גלייך ווי ער וואָלט אָפּגעהיט די גאַנצע תורה. ווי ס׳שטייט געשריבן: „וואויל צו דעם מאַן וואָס טוט דאָס דאָזיקע, און צו דעם מענטשנקינד וואָס האַלט זיך אָן דעם. וואָס היט שבת, אים ניט צו פאַרשוועכן און היט זיין האַנט פון צו טאָן עפּעס שלעכטס.״ (ישעיה נ״ו, ב׳) פונדאַנען איז געדרונגען, אַז דער וואָס היט שבת, איז ווי ער וואָלט אָפּגעהיט די גאַנצע תורה.

(שמות, פרשה יתרו)

ה. ערב שבת, ווען עס קומט אַרויס דער ערשטער שטערן, פלעגט דער אַלטער רב המנונא זיצן אַ רגע, אויפהייבן די אויגן און זיך פרייען און זאָגן, אַז ער זיצט און קוקט זיך צו צו דער שמחה פון די מלאכים אין הימל, די גייען אַרויף און די קומען אַרונטער. און אין יעדן ערב־שבת רוט דער מענטש אין דער וועלט פון נשמות. וואויל איז דעם מענטשן, וואָס באַנעמט די סודות פון זיין האַר. ווען עס ליכטיקט אויף דער טאָג שבת, גייען אויף ניצוצות פון שמחה אין אַלע וועלטן, אין רו און אין פריידן, און דעמאָלט: „די הימלען דערציילן דעם כבוד פון גאָט און די ווערק פון זיינע הענט זאָגט דער הימל אָן.״ (תהלים י״ט, ב׳) וועלכע הימלען? אָט די הימלען, וואָס גאָטס נאָמען זעט זיך אָן אויף זיי, וואָס דער הייליקער נאָמען איז פאַרצייכנט אויף זיי. „דערציילן״ — וואָס הייסט, דערציילן? אפשר וועסטו מיינען, ווי אַ מענטש וואָס דערציילט סתם אַ מעשה? איז דאָס ניט אַזוי. נאָר זיי לויכטן און פינקלען מיט ניצוצות פון אויבערשטן ליכט.

ו. יעדן ערב־שבת, ווען דער טאָג ווערט געהייליקט, ווערן געהערט אויסרופן אין אַלע מדורות פון גיהנום: הערט אויף משפּט׳ן די רשעים, ווייל ס׳איז געקומען דער הייליקער מלך און דער טאָג איז געהייליקט און ער איז מגין אויף זיי אַלע. און באַלד הערן אויף די משפּטים און רו ווערט געגעבן צו די רשעים. און אפילו גוים, וואָס זיינען ניט באַפוילן געוואָרן צו היטן שבת און יום־טובים — היטן דאָרט שבת איבערגעוואָלט. אָבער דאָס פייער פון גיהנום גייט קיינמאָל ניט אויס פאַר יענע, וואָס האָבן קיינמאָל שבת ניט אָפּגעהיט. און אַלע רשעים פון גיהנום פרעגן וועגן זיי: וואָס זיינען די אַנדערש

פון אַלע אַנדערע רשעים דאָ, וואָס זיי האָבן קיין מנוחה ניט? און די מלאכי־חבלה ענטפערן זיי: די דאָזיקע רשעים האָבן געלייקנט אין גאָט־ברוך־הוא און עובר געווען אויף דער גאַנצער תורה, ווייל זיי האָבן אין יענער וועלט ניט אָפּגעהיט שבת, דעריבער האָבן זיי קיינמאָל קיין מנוחה ניט.

ר׳ יוסי זאָגט: אַוודאי איז דאָס אַזוי, ווייל שבת איז וויכטיק ווי די גאַנצע תורה און די תורה איז פייער, און דערפאַר, וואָס זיי האָבן עובר געווען אויפן פייער פון דער תורה, ברענט אין זיי דאָס פייער פון גיהנום און הערט אין זיי קיינמאָל ניט אויף.

ז. יעדן ערב־שבת, ווי נאָר אידן פאַרהייליקן דעם שבת אויף דער ערד, גייט אַרויס אַ בת־קול און רופט אויס אין אַלע פיר עקן פון דער וועלט: „פאַרזאַמלט זיך, מחנות קדושים, גרייט צו די הייליקע שטולן!" ווער קען באַנעמען די שמחה אין די דריי הונדערט און ניינציק הימלען און וויפל ממונים און וויפל הערשער עס נעמען זיך צונויף אין זייערע ערטער? ווי נאָר אידן פאַרהייליקן שבת אויף דער ערד, דערוועקט זיך באַלד דער עץ־החיים און קלאַפּט מיט זיינע בלעטער, און אַ ווינט בלאָזט פון עולם־הבא און די צווייגן פון בוים וויגן זיך און ריחות פון עולם־הבא קומען אויף און שפרייטן זיך...

ח. ביי שבת שטייט געשריבן „לדרתם" — פאַרוואָס? באַלד ווי דער טאָג ווערט פאַרהייליקט דאַרף אַ אידישע דירה האָבן געצונדענע ליכט, און געגרייטן טיש און די דירה דאַרף זיין צוגעגרייט, ווי אַ דירה פון אַ חתן אויפצונעמען זיין כלה. און איז דען ניט שבת די כלה פון דער וועלט? מען ברענגט זי ניט אַריין, סיידן אין אַ דירה וואָס איז צוגעגרייט פאַר איר כבוד וועגן און אויף דעם שטייט געשריבן „צו מאַכן דעם שבת." אַריינצוברענגען די הייליקע כלה אין זייער דירה, ווען דער טאָג איז געהייליקט. און אויב די דאָזיקע כלה קומט און געפינט ניט קיין אויפגעראַמטע דירה, מיט אַ געגרייטן טיש און געצונדענע ליכט, זאָגט די דאָזיקע כלה: דאָס איז ניט קיין אידישע דירה. „צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל" שטייט געשריבן, דאָס איז ניט פון קיין אידן, ס׳איז ניט קיין דירה פאַר קדושה, און דעריבער דאַרף אַ אידישע דירה האָבן קדושה און דערפאַר שטייט ביי שבת געשריבן: „לדרתם."

# פון „ספר־התגין"

## דער סמבטיון

דער טייך סמבטיון רוט אום שבת. דורך אַלע טעג פון דער וואָך שלאָגט זיין קוואַל און וואַרפט אַרויס פון זיך מיט גבורה גרויסע שטיינער און שבת רוט זיין קוואַל און שטיינער קומען ניט אַרויס פון טייך. און פאַראַן

אַ ברעג, וואָס מען ציט אַרויס זילבער פון זיין שטויב, און שבת געפינט מען אין זיין שטויב ניט קיין זילבער, און פאַראַן אַ פיש וואָס רוט שבת אויפן ברעג פון ים ביז שבת־צו־נאַכט, און דער נאָמען פון פיש איז שבתי, ווייל ער רוט אום שבת.

# פון „מדרש־כונן"

## משיח און די אבות פון דער וועלט

יעדן שבת און יום־טוב קומען די אָבות פון דער וועלט און משה און אהרן און דוד און שלמה און אַלע מלכים פון דודס הויז און די נביאים און צדיקים און זיינען משיח׳ן מקבל פנים און וויינען מיט אים און ער וויינט מיט זיי און זיי טרייסטן אים און זאָגן: פאַרלייד דעם דין פון דיין האַר, ווייל דער קץ איז נאָענט צו קומען.

## ר׳ יוסף גיקטיליה

(פון די מגורשים פון שפּאַניע, רנ״ב)

**1.**

## שבת איז דער טויער פון עולם־הבא

ווייס און גלויב, אַז שבת איז דער סוד פון דער גאַנצער אמונה און פון דער גאַנצער תורה. דאָס איז דער סוד פון דער נייקייט פון דער וועלט און קיום פון דער נאַטור און דאָס איז דער טויער דורך וועלכן דער מענטש גייט דורך צו זיין צוקונפטיקן לעבן, וואָס ווערט אָנגערופן שבת; און אויב אַ מענטש האָט ניט געהאַלטן שבת אויף דער וועלט, האָט ער קיין טויער ניט דורך וועלכן אַריינצוקומען אין דער צוקונפטיקער וועלט. ווייל שבת און עולם־הבא ווערן ביידע אָנגערופן מיטן נאָמען שבת, און דאָס איז וואָס ס׳שטייט געשריבן: „מיינע שבתים זאָלט איר היטן." (ויקרא כ״ו, ב׳) און דאָס איז וואָס אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: אַלע מצוות זיינען געגעבן געוואָרן פאַר אַלעמען אין די אויגן, אויסער שבת, וואָס איז געגעבן געוואָרן באַהאַל־טענערהייט, ווי ס׳איז געזאָגט: „דאָס איז אַ צייכן צווישן מיר און צווישן אייך." (שמות ל״א, י״ג) זיין באַלוינונג איז ניט צו אַנטפּלעקן, ווייל די באַלוי־נונג איז עולם־הבא. און אַזוי האָבן געזאָגט די חכמים: מזמור שיר ליום השבת — צו אַ טאָג וואָס איז דורכאויס שבת. און פאַרוואָס ווערט זיין נאָמען אָנגע־רופן שבת? ווייל אַזוי ווי דער מענטש מיט זיך דורך די טעג פון וואָך און גייט אום ליידיק אום שבת, עסט און טרינקט און דאַוונט און טוט ניט קיין

שום אַנדער אַרבעט, אַזוי איז אויף דער וועלט — אַ מענטש טוט תורה און מצוות און טוט זיך אײַן זיי מיען, וועט ער דערפאַר קיין שום טרחה ניט האָבן ווען ער גייט אַרויס פון דער וועלט, נאָר ער וועט געניסן אין דער קומענ־דיקער וועלט דעם שכר פון די מצוות, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אויף דער וועלט.

## 2.

## אויסברייטערן די גרענעץ פון הייליקייט

מ׳דאַרף מקבל־שבת זײַן, ווען ס׳איז נאָך טאָג, ווײַל דער שבת איז הייליק, און אַרום אים זײַנען די חילות פון דער וואָך, דעריבער זאָל דער מענטש ניט מקצר זײַן דעם גבול פון הייליקייט און זאָל ניט אַרײַנברענגען קיין טומאה אין היכל, מ׳זאָל אויף אים ניט זאָגן: „פאַרשאָלטן איז דער, וואָס פאַררוקט די גרענעץ פון דעם צוייטן.״ נייערט, ער זאָל אויסברייטערן די גרענעץ פון דער שכינה און ווען ער גיט צו צום שבת ביי זײַן אַרײַנקומען און זײַן אַוועקגיין פון וואָך צו דער הייליקייט, קומט אויס, אַז ער פאַרמערט און ברייטערט אויס די גרענעצן פון דער הייליקייט. און צוליב דעם זכות, ווען ער רופט גאָט אין אַ צרה, ברייטערט פאַר אים גאָט אויס די גרענעץ פון הייליקייט און ער פאַרקירצט די גרענעץ פון דער צרה און ער איז זוכה צו אַ נחלה, וואָס האָט ניט קיין גרענעצן, און וועגן דעם שטייט געשריבן: „אַצינד האָט גאָט אונדז געגעבן רחבות״. (בראשית כ״ו, כ״ב).

## 3.

## אַ מענטש דאַרף זיך אַליין מטריח זײַן לכבוד שבת

אָנצוגרייטן אַלץ פון ערב־שבת אויף שבת, מחמת דער שבת איז כולל אין זיך נײַן ליכטיקע אספקלריות, און ווען אַ מענטש איז מקבל־שבת איז ער דער מכניס־אורח פון מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, און דעריבער דאַרף ער אַליין צוגרייטן פאַרן קיניגלעכן כבוד. און דער מענטש וואָס טוט אַזוי גלויבט אַן אמונה־שלימה אין דער הייליקייט פון שבת, און ער גיט אָפּ כבוד דעם השם יתברך און אויף אים שטייט געשריבן: „די וואָס גיבן מיר אָפּ כבוד — וועל איך געבן כבוד״. (שמואל א׳, ב׳, ל׳).

## ר׳ אליהו דע־ווידאש

(אַ תלמיד פון ר׳ משה קאָרדאָוועראָ)

# פון „ראשית־חכמה״

שבת איז דער שורש פון אַלע הייליקייטן. די תורה האָט אָנגעזאָגט: „הייליק זאָלט איר זיין, ווייל איך בין הייליק״. אַז מיר זאָלן זיך הייליקן און אַרויפציען אויף זיך דורך יעדן טאָג און טאָג פון ליכט פון שבת. דורך די זעקס טעג פון וואָך דאַרף דער מענטש געדענקען די קדושה פון שבת, אויס־בעסערן זיינע מעשים, כדי ער זאָל קענען אויפנעמען די הויכע נשמה, וואָס קומט אַרונטער מיטן שבת.

שבת איז אַ דוגמא פון עולם־הבא, ווי די חכמים האָבן געזאָגט: ווער עס מיט זיך פון ערב־שבת וועט עסן שבת. און אַזוי דאַרף דער מענטש, נאָכדעם ווי ער האָט זיך צוגעגרייט מיט עסן און מיט טרינקען לכבוד שבת, זיך אַליין פרעגן: און וואָס האָב איך צוגעגרייט פאַר דער וועלט וואָס איז דורכאויס שבת? און דעריבער דאַרף מען אָפּגעבן אַ מקצת פון זעקסטן טאָג, צו זיין מיט זיך אַליין און זיך איבערטראַכטן, וואָס מ׳האָט אָפּגעטאָן דורך די זעקס טעג, כדי צו טאָן תשובה.

## ר׳ יוסף קאַרו

# פון „מגיד מישרים״

דער סוד פון עונג־שבת דורך עסן און טרינקען, איז, ווייל דער מלאך וואָס איז ממונה איבערן עסן פון שבת׳דיקן טאָג איז הייליק, און דער ממונה אין אַ וואָכעדיקן טאָג — איז וואָכעדיק, און ווען אַ מענטש האָט עונג־שבת דורך עסן און טרינקען, ווערט ער נתעלה דורכן הייליקן מלאך.

און דו זאָלסט זיך זייער און זייער היטן, אָפּצוגעבן כבוד דעם שבת מיט אַלע דיינע כוחות, מיט כל־המיני תענוגים וואָס דו קענסט און זאָלסט קיינמאָל ניט מבטל זיין די דריטע סעודה, און זאָלסט זי זייער אָפּהיטן, און דיין כוונה מיטן עסן און טרינקען זאָל זיין אויפצוהאַלטן דעם מענטשלעכן מין.

# אַמאָליקע מנהגים פון שבת אין ארץ־ישראל

### א

אַ סך בעלי־תורה און גאָטספאָרכטיקע מענטשן זיינען זיך טובל ערב־שבת, אָפּצושיידן צווישן הייליקייט און צווישן וואָך, טוען זיך אָן אין ווייסן דעם גאַנצן טאָג שבת. דורך אַלע דריי סעודות זינגען זיי און לויבן און זאָגן זמירות.

(ר׳ אברהם הלוי פון צפת)

ב

איטלעכן ערב־שבת גייט מען אַרויס אין פעלד אָדער אין פּאָליש פון שול, אַלע אָנגעטאָן אין בגדי־שבת און מ׳זאָגט דעם מזמור „הבו לה׳ בני אלים" (תהלים כ"ט, א׳) און אַ שבת׳דיקן פזמון און נאָכדעם „מזמור שיר ליום השבת" (תהלים, צ"ב).

אַנדערע זיינען זיך נוהג מקבל־שבת צו זיין נאָך מנחה, אָנגעטאָן אין בגדי־שבת, מ׳לייענט שיר־השירים און נאָכדעם דעם פיוט פון קבלת־שבת „בואי כלה". אין דער נאַכט פון שבת לייענט מען אַכט פרקים פון מסכתא שבת, אינדערפרי — אַכט און ביי מנחה — אַכט, ווייל צוליב דעם האָט רבנו הקדוש מכוון געווען, מסדר צו זיין כ"ד פרקים אין דער מסכתא שבת אַנטקעגן די כ"ד באַצירונגען פון דער כלה.

(ר׳ אברהם גאַלאַנטי פון צפת)

# די מנהגים פון אר"י הקדוש און זיינע תלמידים

א

דער אר"י ז"ל פלעגט זיך נוהג זיין מקבל־שבת צו זיין אַמאָל אין פעלד, אַמאָל ביי זיך אין הויז. אין הויז פלעגט ער גיין הקפות אַרום טיש און זאָגן „מזמור שיר ליום השבת" מיטן פיוט פון „לכה־דודי", און זיין טעם דערפאַר איז געווען, אַז דער טיש איז אין דער בחינה פון מזבח, און דערפאַר גייט ער אַרום אים הקפות, און אַזוי דאַרף מען טאָן לויט דער חכמת־הקבלה. און אַזאַ מנהג האָט געהערשט אויך אין דער קהילה בית־אל פון ירושלים, וואו מ׳דאַווענט אין נוסח פון אר"י הקדוש, און ווען מ׳זאָגט „מזמור לדוד" גייט מען הקפות אַרום בימה מיט גרויס כוונה און אַלע זיינען אָנגעטאָן אין ווייסן, איינגעוויקלט אין זייערע טליתים און זעען ממש אויס ווי די מלאכי־השרת.

(ווערט געבראַכט אין „כתר־שם־טוב", פון ר׳ שם־טוב גאַנין)

ב

איינמאָל פרייטיק פאַר נאַכט, נאָענט פאַרן אָנקומען פון דער כלה, איז דער אר"י אַרויס מיט זיינע תלמידים אויסערן שטאָט צפת, אָנגעטאָן אין פיר ווייסע בגדים: הילראָק, זשופּיצע און העמד־און־הויזן — כדי מקבל־שבת צו זיין. ער האָט אָנגעהויבן מיטן מזמור „הבו לה׳ בני אלים", מיט „לכה־דודי" און „מזמור שיר ליום השבת" און „אדוני מלך" מיט אַ שיינעם ניגון. און אַזוי זינגענדיק האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיינע תלמידים: „חברים מיינע, איר ווילט גיין קיין ירושלים נאָך איידער עס ווערט שבת און מיר וועלן

מאַכן שבת אין ירושלים?" און ירושלים איז איבער פינף־און־צוואַנציק מײלן װײט פון צפת. אַ טײל פון די תּלמידים האָבן געענטפערט: מיר זײנען גרייט צו גײן. און אַ טײל פון די תּלמידים האָבן געענטפערט און געזאָגט: לאָמיר קודם גײן און אָנזאָגן די װײבער. נאָר װיבאַלד זײ האָבן געזאָגט „לאָמיר קודם גײן אַהײם" — איז דער רבי אױפגעציטערט געװאָרן אַ גרױס ציטער־ניש, געפּאַטשט מיט די הענט און געזאָגט: װײ איז צו אונדז, װאָס מיר האָבן ניט געהאַט דעם זכות אױסגעלײזט צו װערן! מחמת, װען איר װאָלט אַלע געענטפערט מיט אײן קול, אַז איר װילט תּיכף גײן מיט שמחה, װאָלטן אַלע אידן אױסגעלײזט געװאָרן, װײל איצט איז געװען די גינסטיקע שעה דער־לײזט צו װערן, און מחמת איר האָט דאָס ניט געװאָלט — האָט דער גלות צוליב אונדזערע גרױסע זינד מנצח געװען.

### ג

האָט מיר געזאָגט מײן רבי זכרונו לברכה, אַז ער האָט בקבלה פון אַ גרױסן תּלמיד־חכם, װאָס האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט בקבלה פון זײנע רבײם, אַז דער װאָס קומט צו קבורה ערב־שבת נאָך דער פינפטער שעה פון פרימאָרגן, קומט ניט אָפּ קײן חיבוט־הקבר, מחמת פון דער פינפטער שעה אָן הײבט זיך אָן די הוספה פון דער שבת׳דיקער קדושה. און ער האָט מיר געזאָגט: אַז דאָ ליגט דער סוד פון איבעריקן ה׳ אין „יום הששי", מרמז צו זײן, אַז אין ה׳ שעה פון זעקסטן טאָג שטײט באַלד דערנאָך „ויכולו השמים והארץ", ס׳װערט באַלד פאַררעכנט, װי ס׳װאָלט געװען שױן שבת.
און מײן רבי ז"ל האָט צוגעשטימט און מסכים געװען אױף זײנע רײד.

(ר׳ חיים װיטאַל)

# פון „שני לוחות הברית"

## 1.

## שבת די מלכה און שבת די כלה

ר׳ חנינא האָט געזאָגט: קומט, לאָמיר גײן אַנטקעגן דער כלה דער מלכה און אַנדערע האָבן געזאָגט: אַנטקעגן שבת דער כלה דער מלכה. ר׳ ינאי פלעגט זיך אײנװיקלען, זיך אױפשטעלן און זאָגן: קום כלה, קום כלה!

אַװדאי איז פאַראַן אַ פאַרבינדונג פון ענינים צװישן די דרײ, װאָס ער האָט דערמאַנט. דער ערשטער האָט דערמאַנט דער כלה דער מלכה און דער צװײטער: שבת, כלה און מלכה, און דער דריטער: כלה. דער ערשטער רעדט פון לױפן אַנגרײטן אױף שבת און זאָגט, אַז מ׳באַדאַרף אַרױסגײן אַנטקעגן דער כלה און מלכה. מחמת, שבת װערט אָנגערופן כלה און װערט

אָנגערופן מלכה. כלה — ווען זי ווערט געהייליקט, נאָכדעם ווערט זי אָנגע־רופן מלכה, ווייל זי פאַראייניקט זיך מיטן אויבערשטן מלך. וואָס דאָס איז איין טעם פאַרוואָס די חכמים האָבן מתקן געווען דריי תפילות פאַר שבת, וואָס זיינען פאַרשיידן איינע פון די אַנדערע: „אתה קדשת", „ישמח משה" און „אתה אחד". מחמת דעם, וואָס שבת ווערט אָנגערופן כלה, האָבן זיי מתקן געווען „אתה קדשת" אויף דעם שטייגער פון קדושין, וואָס מען גיט דער כלה, און נאָכדעם „ישמח משה", צוליב דער שמחה פון חתן מיט זיין כלה; און נאָכדעם מוסף, מחמת דעם צוגאָב וואָס דער חתן דערגיט צו דער כלה'ס כתובה. און נאָכדעם „אתה אחד" מחמת דעם, וואָס דער חתן מיט דער כלה זיינען זיך מיחד. איז דערפאַר דאַרף מען ערב־שבת אָנגרייטן אַ סעודה לכבוד דעם טאָג און לכבוד דער נאַכט, ווי מיר וואָלטן זאָגן, פאַר דער סעודה פון קנס־מאָל און דער סעודה פון דער חתונה... דערצו גייט דער דרך פון זיך גרייטן צו דער סעודה, און דאָס איז וואָס מען מיינט מיטן גיין אַנטקעגן „שבת דער מלכה" און דאָס צולייגן צום שבת באַווייזט אויף דער הוספה פון וועלכער כ'האָב געשריבן. און נאָכדעם, דער שטייגער ווען די צייט קומט פון דער כלה'ס אָנקומען, דעמאָלט טוט זי אויס די קליידער אין וועלכע זי האָט געקאָכט אין קיך, און וויקלט זיך איין אין אַ טייערן מלבוש. און דאָס איז וואָס מ'וויקלט זיך איין און מ'זאָגט: "קום כלה, קום כלה!"

**2.**

## דאָס גרייטן זיך צו דער קדושה פון שבת

ס'איז אַ מידה פון חסידות, זיך צו גרייטן אויף שבת און פון האַלבן טאָג אָן זיך צו פאַרנעמען בלויז מיט דער קדושה פון שבת: היינו, מיט געדאַנקען פון תשובה, מיט אויסבעסערן די מעשים, און מיט לימוד־התורה. און אַזוי זאָלן אויך טאָן אַלע בני־בית ביז דער שעה פון ליכט־צינדן. און דער סימן דערפאַר דאַרף זיין: „זאָלסט ניט טאָן קיין שום אַרבעט", ווייל אין דער התחלה פון דער הייליקייט, פון האַלבן טאָג אָן און ווייטער און מיטן צוגעבן צייט שבת־צו־נאַכט, זיינען פאַראַן איין־און־דרייסיק שעה, און דער סימן דערפאַר איז: „אַלע מלכים — איין און דרייסיק". (יהושע י"ב, כ"ד) און נאָך אַ סימן „חסד „אל" כל היום" (תהלים נ"ב, ג') ווייל דער טאָג פון שבת דאַרף זיין אין חן און חסד, אין שלום און גרויס ליבשאַפט, ווייל אין דעם טאָג רוען אפילו די רשעים אין גיהנום, און דערפאַר איז אַ טאָפּלטע עבירה אַרויסצואווייזן כעס אום שבת. און מ'האָט שוין פון לאַנג געגעבן אויף דעם אַ סימן: „איר זאָלט ניט אָנצינדן קיין פייער אין אַלע אייערע וואוינפּלעצער אין טאָג פון שבת". (שמות ל"ה, ג') און דאָס איז דאָס פייער פון מחלוקת און אויפגעברויזטן כעס. און מ'דאַרף זיך זייער און זייער אָפּהיטן פון דעם

פון האַלבן טאָג אָן פון ערב־שבת, וואָס ס׳מיינט איין־און־דרייסיק שעה, און דאָס הייסט: "לא תבערו אש..."

3.

## שבת איז דער שורש פון אַלע טעג

אַפילו אַ פשוט׳ער מענטש האָט מורא און ציטערט אין טאָג פון שבת מער ווי דורך די אַנדערע טעג פון וואָך און האַלט אים הייליק, הייַנט ווער רעדט שוין, יענער וועמען גאָט האָט באַשאָנקען מיט וויסן און פאַרשטאַנד, ווער עס פאַרשטייט זיך אויף דער קדושה פון שבת און פון סוד פון דער נשמה יתירה און איז זיך מכין צו דער קדושה, דעמאָלט פאַרבינדן זיך נפש, רוח און נשמה... און כ׳האָב שוין אויבן מאריך געווען וועגן דעם, ווייל שבת איז דער שורש פון אַלע טעג און זיי זיינען די צווייגן פון שבת און דער שבת מיט די אַנדערע טעג פון וואָך זיינען געגליכן צו אַ מנורה, דריי רערן אויף איין זייט און דריי רערן אויף דער צווייטער זייט און אַלע קערן זיך צום מיטלסטן רער, וואָס איז דער גוף פון דער מנורה. אַזוי זיינען די דריי טעג, וואָס פאַרן שבת, ווען דער מענטש הייליקט זיך און גרייט זיך אין זיין נשמה, און די דריי טעג וואָס נאָכן שבת, ווען ס׳בלייבט אין אים דער רושם פון גייסט און נשמה. און נאָכדעם ווידער דאָס אייגענע, דאַרום פאַר־טראַכט ער זיך יעדן טאָג אין זיין קדושה, אין וועלכן ס׳איז פאַראַן עפּעס פון דער קדושה פון שבת.

4.

## יעדער טאָג איז געהייליקט מיט דער קדושה פון שבת

דער כלל וואָס קומט דערפון אַרויס, איז, אַז יעדער טאָג איז געהייליקט מיט דער קדושה פון שבת, פאַרוואָר, דער שבת איז כולו קודש, און דאָ איז דער רמז פון "אַ בראַנדאָפּפער פון שבת אין שבת, אַחוץ דעם שטענדיקן בראַנדאָפּפער און זיין גיסאָפּפער". (במדבר כ"ח, י׳) ס׳הייסט: תמיד, טאָג אין טאָג, דאַרף דער מענטש זיין "אַ בראַנדאָפּפער צו גאָט" און דאַן איז דער בראַנדאָפּפער פון שבת העכער אין מעלה פון דעם שטענדיקן בראַנד־אָפּפער. און ווען דער מענטש מיט שכל טראַכט פון דעם און הייליקט זיך אַ געווייסע צייט דורך יעדן טאָג, און שיידט זיך אָפּ פון די עסקים פון עולם־הזה און באַהעפט זיך אָן בורא יתברך, זיינען זיינע זעקס וואָכעדיקע טעג חולין, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן על טהרת־הקודש, די מסכתא חולין און סדר קדשים... און דאָס איז דער רמז, וואָס איז פאַראַן אין דער הבדלה: "דער וואָס שיידט פאַנאַנדער צווישן הייליקייט און וואָכיקייט, צווישן פאָלק ישראל און אַנדערע פעלקער", ער מיינט צו זאָגן, אַז הגם ס׳איז פאַראַן אַן

אונטערשייד צווישן הייליקייט און וואָכיקייט, זאָלסטו ניט מיינען, אַז ס׳איז דורך און דורך וואָכיקייט, דער אונטערשייד איז בלויז צווישן פאָלק ישראל און די אַנדערע פעלקער. ביי די אַנדערע פעלקער איז וואָך כולו וואָך, אוןביים פאָלק ישראל, איז דאָס חולין, געמאָכט אויף טהרת־הקודש, און אין יעדן איינציקן טאָג איז פאַראַן אַ חלק פון שבת.

## רייד און וואונדער פון ישראל בעל שם־טוב

„און די קינדער פון ישראל זאָלן היטן דעם שבת, צו מאַכן דעם שבת" (שמות ל״א, י״ז). אַ משל צו אַ בן־מלך, וואָס איז געווען געפאַנגען צווישן מינדערווערטיקע מענטשן. איז אים אָנגעקומען אַ בריוו פון זיין פאָטער און ער וויל זיך מיט אים פרייען. וואָס טוט ער? גיט ער די מענטשן טרינקען ווייַן, און ווייל זיי פרייען זיך מיט דער שמחה פון וויין — פרייט ער זיך מיט זיין פאָטערס שמחה. דאָס איז דער טעם וואָס מ׳גיט תענוג דעם חומר לכבוד שבת: מ׳דאַרף הנאה געבן דעם חומר, אַז זיין עצבות זאָל ניט פאַר־האַלטן די שמחה פון דבקות מיטן השם יתברך.

אַז ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט איינמאָל מקבל־שבת געווען אין פעלד — האָבן די רינדער און שאָף, וואָס האָבן זיך געפיטערט אין פעלד אויפ־געהויבן זייערע פאָדערשטע פיס און געבליבן שטיין אויף די הינטערשטע פיס, אַזוי ווי מענטשן שטייען.

צדיקים האָבן די זאַך געגעבן צו פאַרשטיין: די גרויסע קדושה און ליכטיקייט, וואָס ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט געבראַכט אין דער וועלט מיט זיין קבלת־שבת, האָבן אויפגעהויבן אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אין פעלד צו זיין ערשטן מקור; און וויבאַלד דאָס ביסל חיות וואָס איז פאַראַן אין די דאָזיקע בעלי־חיים איז נתעלה געוואָרן צו זיין ערשטן מקור, האָבן זיי ממילא זיך אַליין אויפגעהויבן.

## ר׳ יעקב יוסף הכהן

(תלמיד פון בעש״ט)

## פון „תולדות יעקב יוסף"

### א

ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט: ווען אידן וואָלטן אָפּגעהיט צוויי שבתים — וואָלטן זיי באַלד אויסגעלייזט געוואָרן, אאַז״וו. און גאָר אַ סך פרומע מענטשן האָבן שוין געפרעגט: וואָס עפּעס דווקא צוויי שבתים? און נאָכמער: פריער זאָגט ער, ווען זיי וואָלטן אָפּגעהיט דעם ערשטן שבת, וואָלטן זיי געווען באַפרייט, מער פון יעדער אַנדער אומה ולשון? און נאָך

איז מכוח דעם ענין פון שבת: דער וואָס גיט אָפּ דעם שבת תענוג — גיט מען אים אַלץ וואָס זיין האַרץ גלוסט. און אוודאי איז, אַז קיין מענטש שטאַרבט ניט, און זאָל האָבן באַקומען ביים לעבן אַ העלפט פון דעם, וואָס ער האָט באַגערט, אויב ער האָט הונדערט — האָט ער זיך געוואונטשן צוויי הונדערט. און דער תענוג וואָס דער מענטש האָט פון דער מצוה פון שבת — דאָס איז זיין שכר, ווייל ער זוכט קיין אַנדער שכר ניט, מער ווי דעם תענוג פון דער מצוה גופא, הגם ס׳איז באמת פאַראַן זייער און זייער אַ גרויסער שכר, אָבער דער חכם אין דער עבודה פון השם יתברך, מאַלט זיך אַ בילד אין זיין געדאַנק, אַז ס׳איז ניטאָ קיין שכר פאַר דער דאָזיקער מצוה, ווי בלויז דער תענוג פון דער מצוה פון וועלכער ער האָט הנאה. און וויבאַלד דאָס ווערט פאַררעכנט פאַרן שכר פון שבת׳דיקן תענוג, איז דאָס ווי אַ האַלבער באַגער, ווייל ער באַגערט צו נאָך שבת, גיט מען אים אַלץ וואָס זיין האַרץ גלוסט, אַז ער זאָל אָפּהיטן און האָבן תענוג פון אַ צווייטן שבת. הייסט עס, ווען זיי וואָלטן אָפּגעהיט דעם ערשטן שבת, וואָס דער עיקר פון שבת כהלכה איז זיין תענוג, ווי ס׳שטייט געשריבן: „און דו זאָלסט רופן שבת אַ תענוג״ — וואָלט ער געגלוסט צו נאָך אַ שבת און וואָלט געהאַט אין האַנט צוויי שבתים. איז דערפון געדרונגען, אַז אפילו דעם ערשטן שבת האָבן זיי אויך ניט אָפּגעהיט.

(פרשה ויקהל)

## ב

„זעקס טעג זאָלסטו טאָן אַן אַרבעט און אויפן זיבעטן טאָג איז שבת״ (שמות ל״ה, ב׳), ווייל ס׳איז באַקאַנט, וואָס ס׳שטייט געשריבן אין זוהר: דער תלמיד־חכם ווערט אָנגערופן „שבת״, און דער המון עם ווערט אָנגערופן „ימי־המעשה״. און ווי דער מענטש גרייט צו דורך די וואָכעדיקע טעג, אַז ער זאָל האָבן וואָס צו עסן שבת, אַ טאָג ווען מ׳טוט קיין אַרבעט ניט, אַזוי זאָלסטו זעקס טעג יאָ טאָן אַרבעט, כדי מפרנס צו זיין דעם תלמיד־חכם, אַז דער זיבעטער טאָג זאָל זיין שבת ביי גאָט. און ס׳איז פאַראַן אַ סמיכות און אַ פאַרבינדונג צווישן די טעג פון אַרבעט און צווישן שבת, וואָס איינער אָן די אַנדערע איז ניט מעגלעך, אַזוי ווי דער המון־עם האָט קיין תקנה ניט אָן דעם תלמיד־חכם.

כ׳האָב געהערט אין נאָמען פון מגיד ר׳ מענדל אויף דעם וואָס ס׳שטייט געזאָגט, אַז ווען אידן וואָלטן אָפּגעהיט צוויי שבתים וואָלטן זיי באַלד אויס־געלייזט געוואָרן. וואָס עפּעס דווקא צוויי שבתים? האָט ער געגעבן אַ פירוש, אַז דער מענטש פון שלימות דאַרף אָפּהיטן צוויי שבתים, איינעם — אין זאַכן וואָס זיינען נוגע זיין גוף און דעם צווייטן — פאַר זיין נשמה. אַ משל צו אַ מלך, וואָס זיין זון איז געפאַנגען געוואָרן און ס׳איז אַריבער אַ לאַנגע־לאַנגע צייט און ער האָט כמעט פאַרלאָרן די האָפענונג אים אויסצולייזן און

אים ברענגען צוריק אַהיים. נאָך לאַנגע טעג און יאָרן איז אים אָנגעקומען אַ בריוו פון זיין פאָטער דעם מלך, אַז ער זאָל זיך ניט מייאש זיין און ניט פאַרגעסן זיינע מלכות׳דיקע מנהגים צווישן די וועלף, ווייל זיין האַנט איז נאָך אַלץ אויסגעשטרעקט אים צו ברענגען צוריק דורך כמה תחבולות, דורך מלחמה, דורך שלום, אאַז״וו. און באַלד האָט זיך דער בן־מלך זייער און זייער געפרייט, נאָר ער האָט זיך געמוזט באַהאַלטן מיט דער מגילה און ער האָט ניט געקענט זיך פרייען בפרהסיא. וואָס האָט ער געטאָן? איז ער געגאַנגען מיט זיינע בני־עיר אין אַ ווייַנהויז און זיי האָבן זיך געפרייט מיטן ווייַן אַ גשמיות׳דיקע שמחה און ער האָט זיך געפרייט מיטן פאָטערס בריוו. און ממש דאָס אייגענע איז די מצוה פון עונג־שבת פאַרן גוף, דעם חומר, מיט עסן און מיט טרינקען, כדי דער צדיק זאָל האָבן צייט זיך צו פרייען מיט אַ צווייטער שמחה, וואָס איז די שמחה פון דער נשמה מיט איר דבקות אין השם־יתברך. און דאָס איז, וואָס זיי האָבן געמיינט: ווען אידן וואָלטן אָפּגעהיט צוויי שבתים, שבת פאַרן גוף און שבת פאַר דער נשמה — און אַלץ גייט אויף איין שבת, וואָלטן זיי אַוודאי באַלד אויסגעלייזט געוואָרן.

## ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער

(תלמיד פון מעזריטשער מגיד)

### א

שבת איז פון עולם־המחשבה; די זעקס טעג פון וואָך — פון עולם־המעשה, וואָס דאָס וואָרט איז אין אים נתגלה געוואָרן. מ׳קען דאָס מסביר זיין אַזוי: פאַראַן אַ מענטש, וואָס רעדט דיבורים איינע נאָך די אַנדערע, אָן אַן אָפּשטעל; ווידער איז פאַראַן אַ מענטש וואָס לייגט זיך איבער אין געדאַנק וואָס ער האָט צו זאָגן, וואָס פאַר אַ וואָרט אַרויסצוברענגען.

און אַזוי ווי שבת קומט פון עולם־המחשבה, וואָס איז פאַרהוילן און באַהאַלטן אין אין־סוף, אין דער מחשבה פון בורא יתברך, דעריבער קען קיין שום גשמיות׳דיקע זאַך אין אים ניט נתגלה ווערן. דעריבער איז שבת אין מדבר ניט אַרונטערגעפאַלן קיין מן, וואָס איז פון עולם־המעשה, דאָס איז בלויז אַרונטער אינדערוואָכן.

געוויס האָט די מחשבה איר השפעה אויפן וואָרט. און אַלץ וואָס ס׳קומט אין די אַרבעטסטעג איז ניט מער ווי אַ תולדה פון געדאַנק, די השפעה פון שבת אויף די זעקס טעג פון אַרבעט. און אַזוי האָבן זיי געזאָגט: „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און ער האָט אים געהייליקט״ — ער האָט אים געבענטשט מיט מן און אים געהייליקט מיט מן. די ברכה פון פאַלן פון מן אין די וואָכעדיקע טעג איז געקומען פון שבת׳דיקן טאָג.

און מחמת אינדערוואַכן אַנטפּלעקט זיך דער עולם־המעשה איז דער חלק פון געטלעכקייט ניט אַזוי קענטיק בחוש. אָבער שבת איז אַנדערש, דעמאָלט קערט זיך אַלץ צוריק צו דער העכסטער הויכקייט און מ׳זעט בחוש, אַז אַלץ איז באַהאַפטן מיטן געטלעכן חלק אויבן. „זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן גאָר דיין אַרבעט און אויפן זיבעטן טאָג איז שבת ביי דיין גאָט" (דברים ה׳, י״ג—י״ד).

ב

„און די קינדער פון ישראל זאָלן היטן שבת" — אין גמרא האָט מען געזאָגט, אַז ווען אידן וואָלטן אָפּגעהיט צוויי שבתים, וואָלטן זיי תיכף אויס־געלייזט געוואָרן, ווייל, ווען אַ מענטש היט אָפּ איין שבת כדת וכדין, האָט ער פון דעם דאַזיקן שבת חיות און שפע פאַר דער גאַנצער וואָך, צו דינען גאָט דורך דער וואָך, און ווען אַ מענטש דינט צו גאָט די גאַנצע וואָך, איז אים אויפן קומענדיקן שבת גרינג אָפּצוהיטן ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, און אַזוי אויף ווייטער. דערמיט איז פאַרענטפערט די קשיה, וואָס אין איין פּלאַץ ווערט געזאָגט: ווען זיי וואָלטן אָפּגעהיט איינאיינציקן שבת, און דאָ ווערט געזאָגט: צוויי שבתים. ווייל דער עיקר איז אַן איינציקער שבת, און ווען אַ מענטש היט אָפּ איין שבת דינט ער גאָט אַ גאַנצע וואָך מיט אַ ריין האַרץ און מחמת דעם איז אים לייכט אָפּצוהיטן דעם צווייטן שבת, און דאָס איז דער רמז פון פּסוק: „און די קינדער פון ישראל זאָלן היטן שבת, צו מאַכן דעם שבת".

ג

„און אויפן זיבעטן טאָג זאָל זיין ביי אייך הייליק" — לויטן מאמר חז״ל: „איין העלפט פון אים פאַר גאָט, און איין העלפט פון אים פאַר אייך," און דאָס איז „זאָל זיין פאַר אייך" הייליק, אַז דער „פאַר אייך" אייערער זאָל אויך זיין הייליק.

ד

דער מענטש, הגם ער געפינט זיך אויף דער ערד, איז זוכה דורך זיינע מעשים אַרומצוגיין זיין גאַנץ לעבן אין די עולמות־העליונים, בפרט שבת. די קדושה פון שבת איז אַזוי גרויס, אַז דורך איר קען דער מענטש זיך באַהעפטן מיט דער אויבערשטער קדושה. קומט אויס, אַז שבת קערט זיך דער מענטש אום צו זיין שורש. דאָס איז דער „כי בו שבת", פון לשון „שיבה" זיך צוריקקערן „פון גאָר זיין אַרבעט, וואָס גאָט האָט באַשאַפן צו מאַכן". באַגרייפט דאָס וואָרט „צו מאַכן", אַז אַפילו די מלאכה וואָס גאָט האָט באַשאַפן אין דעם עולם־המעשה, דער מענטש, קערט זיך שבת אום דורך זיין מחשבה צו די עולמות־העליונים, מחמת דער גרויסער ליכטיקייט פון שבת און זיין קדושה.

## ר׳ דוב מעזעריטשער

(אַ תלמיד פון בעש״ט)

נאָך בריאת־העולם האָט גאָט גערופן דעם זיבעטן טאָג ש ב ת, אַ לשון פון צוריקקער, ווען אַלע באַשאַפענע קערן זיך צוריק צו זייער שורש. דער וואָרצל, כביכול האָט געלויכטן איבער די צווייגן, און זיי האָבן גע־גלוסט און געהאַט אין אים תענוג און געגאַרט נאָך אים. אַ משל צו אַ קינד, וואָס פאַרגעסט זיין פאָטער און ס׳האַרץ לעכצט נאָך קינדערשע שפּילערייען, נאָר ווען ער טוט אַ קוק און דערזעט זיין פאָטער — וואַרפט ער אַלץ אַוועק, לויפט און באַהעפט זיך אָן אים, מחמת, ס׳איז פליש פון זיין פלייש.

## ר׳ פנחס קאָרעצער

(אַ תלמיד פון בעש״ט)

## פון „מדרש פנחס״

„האָט אויפגעהערט און גערוט, ווי נאָר ער האָט אויפגעהערט, וויי, איז פאַרלוירן געגאַנגען אַ נפש״. איז דאָך אַ קשיא, אַט דעם פסוק האָט מען באַדאַרפט זאָגן שבת־צונאַכט און ניט שבת, אַפילו אַז מען זינגט אים יאָ מיט אַ שיינעם ניגון. פון דעם קען מען פאַרשטיין, אַז דער חולה גמור שפּירט ניט קיין שום ווייטיק, ווייל ער האָט ניט קיין געזונט גליד, וואָס זאָל דערשפּירן דעם ווייטיק, אָבער דער געזונטער מענטש ביי וועמען איין אבר טוט וויי, דערשפּירט מיט אַלע אברים דעם ווייטיק פון יענעם איינציקן אבר. דער מענטש דורך אַלע טעג פון וואָך איז קראַנק אויף אַלע אברים פון זיין נשמה און שפּירט דאָס כלל ניט, מחמת דעם אויבנדערמאָנטן טעם, און שבת, ווען ער קומט צו זיך אַביסל הויבט ער אָן דערשפּירן זיין גרויס ווייטיק און די קראַנקייט פון זיין נשמה און דאָס מיינט, אַז וויבאַלד ער האָט גערוט, ווי ער דערשפּירט די קדושה פון שבת, וויי, איז פאַרלוירן געגאַנגען אַ נפש, ווייל ער דערוויסט זיך און דערשפּירט זיין ווייטיק און זיין קראַנקייט.

## ר׳ נחום טשערנאָבילער

## פון „מאור־עינים״

„דער וואָס גיט דעם שבת תענוג גיט מען אים אַ נחלה, וואָס האָט גאָר ניט קיין גרענעצן״. למשל, אַ מענטש האָט אַ קליינעם זון, איז הגם דאָס קינד טוט אָפּ אַ סך קינדערשע נאַרישקייטן, איז ער דאָך גורם דער־מיט אַ תענוג זיין טאַטן און ער האָט נחת פון זיין ליבשאַפט, מחמת דער

טאַטע פאַרשטייט, אַז דאָס קינד וועט אויסוואַקסן, וועט ער טאָן זאַכן מיט שכל און פאַרשטאַנד, און דאָס וואָס עס פאַרנעמט זיך אַצינד מיט קינדערשע טועכצן, איז דאָס בלויז אַ צוגרייטונג פאַר אַ לעבן אין דער צוקונפט, און דעריבער האָט ער אים ליב. דאָס אייגענע איז מיטן מענטשן וואָס דינט גאָט, הגם זיין שכל איז קליין, פונדעסטוועגן האָט דערפון הקדוש־ברוך־הוא אַ נחת־רוח, ווייל ער געדענקט, אַז ווען דער מענטש וועט גרייכן צו גדלות־המוח, וועט ער אַלץ מתקן זיין און אַלץ וועט זיין גוט. און דאָס ווערט אָנגע־רופן „אַ געצערטלט קינד, וואָרום ווי נאָר איך רייד פון אים — בענקען בענק איך ווידער נאָך אים״, ס׳הייסט, איך געדענק, אַז ער וועט קומען צו גרויסקייט און וועט אַלץ מתקן זיין. ווייל אַלע טעג פון וואָך ציען זייער יניקה פון בורא׳ס כוח, נאָר דאָס אַלץ מיט אַ צמצום און קלייניקייטן און פאַרקליידט אין מלבושים. אָבער שבת „איז אַ נחלה גאָר אָן גרענעצן״, ווען ס׳איז קיין צמצום ניט פאַראַן, ווי למשל אין אַ שעה, ווען דער טאַטע שטייט איבערן קינד און האַלט אים צוריק פון קינדערשע נאַרישקייטן און איז אים מדריך אין וועג פון שכל און פאַרשטאַנד.

## ר׳ ישראל דער קאָזשעניצער מגיד

### א

ניטאָ קיין מלך אָן אַ פאָלק. דער כביכול ווערט ניט אָנגערופן מיטן נאָמען מלך און האָט קיין תענוג ניט, סיידן ווען אידן דערהויבן זיך צו אים דורך זייער עבודה. קומט אויס, אַז ווען אידן מאַכן שבת אויף דער ערד און דערהויבן זיך אין טאָג פון שבת — אין זיין שבת דערהויבן זיי זיך, ווייל ער איז דער שורש פון שבת און פון תענוג. דאָס מיינט „די עולה פון שבת״ (עולה פון לשון עליה) צו דער דאָזיקער מדרגה גרייכט אַ איד דורך די יחודים און הכנות פאַר קדושה, וואָס ער טוט דורך דער גאַנצער וואָך, ווייל יחוד־האל און יחוד־שבת זיינען זיך מצרף איינע מיט די אַנדערע אים צו דערהויבן.

### ב

דאָס ליכט פון חכמה און די השגחה פון בורא שיינען תמיד אויף די קינדער פון ישראל מיט גרויס קלאָרקייט אין שבת קודש. דעריבער האָבן די אַלטע מתקן געווען אַז יעדן ערב שבת, איידער זיי באַקומען די דאָזיקע קלאָרקייט, זאָל יעדער תשובה טאָן, זיך וואַשן און טובל׳ען און זיך אָנטאָן אין ווייסן לכבוד־שבת, וואָס אין אים אַנטפּלעקט זיך דאָס ליכט פון חכמה און מיר הויבן זיך אויף צו קדושה, ביז צו דער בחינה וואָס ווערט אָנגערופן „הייליק איז ישראל ביי גאָט״.

# ר׳ שמחה בונים פון פשיסכע

## די צירונג פון שבת

ווען אידן האָבן אַרויסגעזאָגט נעשה ונשמע, זיינען געקומען זעכציק רבוא מלאכים און יעדן איינציקן אידן באַקרוינט מיט צוויי קרוינען. און ווען זיי האָבן געזינדיקט, זיינען אַרונטערגעקומען הונדערט און צוואַנציק רבוא מלאכי־חבלה און זיי אַרונטערגענומען, ווי ס׳שטייט געשריבן: (שמות ל״ג, ו׳) „זיינען די קינדער פון ישראל אויסגעליידיקט געוואָרן פון זייער צירונג, פון באַרג חורב אָן״ (שבת, פ״ח).

דער מיין פון די קרוין־צירונגען, וואָס די מלאכי־השרת האָבן באַקרוינט די אידן, איז דאָס וואָס גאָט פלעגט ענטפערן די אידן נאָך אידער זיי האָבן צו אים מתפלל געווען. די בחינה פון „און ס׳וועט זיין, אידער זיי וועלן רופן — וועל איך שוין ענטפערן״ (ישעיה ס״ה, כ״ד) און ווען אידן האָבן געזינדיקט דורכן עגל איז די דאָזיקע צירונג פון זיי אַראָפּגענומען געוואָרן, און יעדער איינציקער איד דאַרף טאָן תפילה מיטן מויל, ניט בלויז מיטן האַרצן. די כוונה פון פסוק: „און איצט נעם אַראָפּ דיין צירונג פון זיך און איך וועל באַטראַכטן, וואָס איך זאָל טאָן מיט דיר״ (שמות ל״ג, ה׳) איז, ווען דיין צירונג איז פון דיר אַרונטערגענומען געוואָרן צוליב דער זינד פון עגל, וועל איך ניט געבן דיר דיינע באַדערפענישן ביז דו וועסט זיי אויסדריקן אין דיין תפילה.

נאָר אין טאָג פון שבת קערט משה אום צו קינדער פון ישראל זייער פריערדיקע צירונג און זיי קומען צוריק צו זייער מדרגה פון נאָכן מעמד פון באַרג סיני. און דאָס איז וואָס מיר זאָגן שבת אין דער פרי אין דאַווענען: משה זאָל זיך פרייען מיט דער מתנה פון זיין חלק, ווען ער איז געשטאַנען פאַר דיר אויפן באַרג סיני. דעריבער האָבן די חכמים ז״ל געזאָגט: „אַ מענטש זאָל שבת ניט בעטן פאַר זיינע באַדערפענישן,״ ווייל זיי וועלן ממילא אים געגעבן ווערן. און ר׳ יהושע בן לוי האָט אויך געהאַט אויף דעם בכוונה, ווען ער האָט געזאָגט: „דער וואָס גיט אָפּ שבת תענוג — גיט מען אים אַלץ וואָס זיין האַרץ באַגערט״. ס׳הייסט, מ׳גיט אים אויך אַלע זיינע פאַרבאָר־גענע פאַרלאַנגען, וואָס זיינען ניט אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון אים אין זיין תפילה.

ר׳ שמחה בונעם פון פשיסכע האָט געזאָגט: ס׳איז ניטאָ קיין בעסערע מצוה פון סוכה, מחמת אַ מענטש גייט אַריין אין איר מיט אַלע זיינע אברים, מיט זיינע מלבושים און שטיוול אין דער מצוה אַריין.

האט געענטפערט און געזאגט ר׳ שלמה ליב פון לענטשנע: גרעסער פון דעם איז די מצוה פון שבת: מחמת אַ מענטש קען ניט טאָן קיין שום פעולה און קען ניט מאַכן די מינדסטע באַוועגונג — קומט נאָר אָן די צייט פון שבת איז ער אין דער מצוה. און נאָך מער: ער גייט אַפילו קיין איין רגע ניט אַרויס פון דער מצוה.

## ר׳ נחמן בראַצלאַווער

(אַן אייניקל פון בעש״ט)

## שמחה איז דער עיקר פון כבוד־שבת

דורך אָפּהיטן שבת איז מען זוכה צו אמונה. און אַלע צדקות וואָס מענטשן טוען האָבן קיין שלימות ניט, סיידן נאָר דורכן שבת. און אַלע ברכות און השפעות וואָס קומען דורך צדקות, האָבן קיין שלימות ניט, סיידן דורך שבת, וואָס איז אין דער בחינה פון שלימות פון אַלץ אין דער וועלט. און אַלצדינג באַקומט זיין שלימות דורכן שבת־קודש, דאָס אייגענע מיט פאַר־שטאַנד און מיט תורה. דאָס שבת׳דיקע עסן איז טייער און זייער הייליק, ווייל דאָס שבת־עסן איז הייליק אָן קיין צומיש פון פסולת. און די סטרא־אחרא האָט כלל וכלל קיין שום חלק ניט אין שבת׳דיקן עסן, ווייל ס׳איז אינגאַנצן הייליק און דורכן שבת׳דיקן עסן ווערט דער כעס בטל און אונטער־טעניק און אַלץ — איז לויטער ליבשאַפט און שלום. און דער שבת גיט זיין השפעה אין אַלע וועלטן און מאַכט רוען זיין ליכטיקייט אויף אַלע מדרגות און היילט אַ רפואת הגוף און רפואת הנפש. דורך דער קדושה פון שבת איז מען זוכה צו אמת׳ער עניוות, היינו: זען די אייגענע קליינקייט און דערקענען דאָס חשיבות פון פאָלק ישראל, און זיך מוסר־נפש זיין פאַר אידן, ווי משה רבינו, עליו השלום.

דורך דער שמחה פון שבת איז דער מענטש זוכה צו פרייהייט, און מ׳באַדאַרף זיך זייער און זייער היטן צו זיין פריילעך און גוט־אויפגעלייגט אום שבת. און די עיקר־מצוה פון כבוד שבת איז די שמחה, ניט אַרויסווייזן חס־ושלום קיין עצבות און קיין שום דאגה און זיך משמח זיין הן מיט עסן און מיט טרינקען, הן מיט מלבושים, ווייל דאָס שבת׳דיקע עסן איז כולו קודש, כולו רוחניות, און גייט אויף לגמרי אין אַן אַנדער פלאַץ, ווי דאָס וואָכעדיקע עסן. וואויל איז דעם וואָס מיט זיך שבת זיך צו פרייען, ווייל דער עיקר פון כבוד־שבת איז די שמחה.

## ר׳ מנחם מענדל קאָצקער

בעסער איין שעה פון תשובה און מעשים־טובים אויף דער וועלט פון גאַנצן לעבן פון עולם־הבא״ — דאָס מיינט, די דריטע סעודה פון שבת.

## ר׳ אברהם סאָכאַטשאָווער

## וועגן „זכור״ און „שמור״

שבת איז די מידה פון דבקות אין השם יתברך, און איז אין דער בחינה פון „זכור״. און דער וואָס שפירט, אַז ער איז ווייט פון דער דאָזיקער דבקות און האָט דערפון צער — איז אין דער בחינה פון „שמור.״ „זכור ושמור — אַלץ וואָס ס׳איז פאַראַן אין היטן, איז פאַראַן אין געדענקען״ (ברכות כ׳). אַז דער מענטש קומט אין דער בחינה פון היטן, ווען ער דערשפירט זיין דערווייטערונג פון שבת, קומט ער שוין ממילא צו דבקות אָן שבת.

## ר׳ יהושע בעלזער

## די מלאכי השרת און די מלאכי־השלום

ערב שבת, ווען די מלאכים קומען אַריין אין הויז פון אַ אידן — זיינען זיי אין דער בחינה פון מלאכי־השרת, דאָס הייסט זיי זיינען אין דער מדרגה העכער פון מענטשן. נאָכדעם, ווען זיי זעען, אַז די ליכט זיינען אָנגעצונדן ביים אידן אין הויז און דער טיש איז געגרייט לכבוד־שבת, ווערן זיי אָנגערופן מלאכי־השלום, ס׳הייסט, דער באַלעבאָס שטייט העכער פון זיי אין מדרגה. און אַזוי זאָגן מיר אין אָנהייב: שלום עליכם מלאכי השרת, און נאָכדעם: „בואכם לשלום, ברכוני לשלום, צאתכם לשלום, מלאכי־השלום.״

## פון „תפילה למשה״

מיטן אַריינקום פון שבת גייט אַרונטער אויפן מענטשן אַ גרויס ליכטיקייט און דערהויבונג פון די עולמות־העליונים. נאַרישע מענטשן מיינען, אַז דורך דער דאָזיקער באַלויכטונג האָבן זיי געפונען אַ תיקון אין זייער צדקות, דעריבער בלייבן זיי אין זייער גאווה פון האַרצן אינדערפינצטער און מער זיינען זיי ניט משיג. נאָר ווען די דאָזיקע באַלייכטונג קומט אויף צדיקים שעמען זיי זיך זייער, וואָס אין זייער שפל׳ער מדרגה זיינען זיי צוגעקומען צו אַ גרויסער בחינה. דאָס מיינט דאָס וואָרט „שבת״ די אייגענע אותיות ווי בשת. דערפון גרייכן זיי צו נאָך העכערע מדרגות, ביז גאָר אָן אַ סוף.

## ר׳ מרדכי טשערנאָבילער

# שבת מיינט שלימות

קומט שבת — קומט רו״. — ווייל מנוחה מיינט שלימות, און די זאַך וואָס מען דאַרף טאָן איז אין דער בחינה פון חסרון. דעריבער זיינען די זאַכן, וואָס פעלן תמיד אויס דעם מענטשן, ווי געלט אָדער כבוד, אין דער בחינה פון די וואָכעדיקע טעג, און ניט אין דער בחינה פון שבת, וואָס מיינט שלימות.

די אותיות פון „בראשית״: „ירא שבת״. (האָב מורא פאַרן שבת.) אַ מענטש באַדאַרף זיך אַנקליידן מיט אימה און פחד דורך אַלע זעקס טעג פון אַרבעט און זיך דאגה׳ן: ווי וועל איך אַריינקומען אין טאָג פון שבת, ווייל דער שבת האָט זיין השפעה אויף די זעקס טעג פון וואָך, נאָר דער אינדער־וואָכן גרייט אַן אויף שבת.

# וועגן חלול־שבת

שבת און ישראל זיינען אין דער בחינה פון צוויי ליבהאָבער, וואָס זיינען פאַרבונדן איינער מיטן צווייטן מיט לייב־און־לעבן. דער שבת זאָגט: איך בין מבטל זיך אַליין און מיין כבוד צוליב אַ אידישן נפש. אדרבה, אַז אַ איד ווערט קראַנק, איז יענער געלויבט, ווער עס איז מיך מחלל וואָס גיכער. (יומא, פרק ד׳, עמוד ב׳) און ישראל זאָגט: איך שענק אַוועק מיין לעבן צוליב דעם כבוד פון שבת — דער וואָס איז מחלל־שבת איז חייב־מיתה.

דעריבער איז חלול־שבת פאַר אַלעמען אין די אויגן האַרבער ווי אַ באַהאַלטענער חלול־שבת. ווייל באַהאַלטענערהייט איז בלויז פאַראַן דער חלול־הכבוד פון שבת, ווען אָבער אַן אָפענער חלול־שבת איז שוין אין דעם פאַראַן אַ חלול־השם אויך, וואָס דער שבת קען אויף דעם ניט מוחל זיין.

## ר׳ יוסף סאמיגה

# פון „מקראי קודש״

**1.**

# שבת אַנטפּלעקט זיך דאָס באַהאַלטענע ליכט

אין דעם ערשטן טאָג איז באַשאַפן געוואָרן דאָס ליכט, וואָס איז באַהאַלטן פאַר צדיקים אויף דער קומענדיקער וועלט, ווי ס׳איז פאַראַן אין בראשית רבה: אַ משל צו אַ מלך, וואָס האָט געהאַט אַ שיינעם חלק און האָט דאָס אָפּגעטיילט פאַר זיין קינד. און ס׳איז באַוואוסט, אַז אין טאָג פון שבת אַנטפּלעקט זיך אַביסל פון יענעם ליכט און די פאַר׳משפּט׳ע אין גיהנום קומען אַרויס און רוען זיך אָפּ פון זייער צער און עונש, און אַלע אידן באַקומען

אַ נשמה־יתירה פון דאַזיקן ליכט אין טאָג פון שבת, ווייל ס׳איז אַ דוגמא פון קומענדיקער וועלט, וואָס איז כולו־שבת, און אין זוהר פון פרשה בראשית: „שבת איז אַ דוגמא פון דער קומענדיקער וועלט” (פרק ב׳).

**.2**

## פאַרוואָס די תורה איז געגעבן געוואָרן שבת

משה האָט אין זיין חכמה געזען, אַז ס׳איז ראוי די תורה זאָל געגעבן ווערן צום פאָלק ישראל אין טאָג פון שבת. פאַרוואָס? מחמת אידן זיינען אין טרדות דורך אַלע טעג פון וואָך און שבת רוען זיי און זיינען שטיל און זיי באַקומען אויך אַ נשמה־יתירה. און די חכמים האָבן געזאָגט: אַז שבתים און יום־טובים זיינען געגעבן געוואָרן צו אידן בלויז דערפאַר, כדי צו לערנען תורה. און נאָך, ווייל אידן ביי מתן־תורה זיינען געשטעלט געוואָרן אויף דער מדרגה פון בעלי־תשובה. און דער שבת איז אויך בייגעשטאַנען אדם־הראשונ׳ען, אים מציל צו זיין פון גיהנום, ווי ס׳איז פאַראַן אין בראשית־רבה: אדם־הראשון האָט געטראָפן קינ׳ען. זאָגט ער צו אים: וואָס איז געוואָרן מיט דיין משפט? זאָגט ער צו אים: כ׳האָב געטאָן תשובה און באַפרייט געוואָרן. האָט אָדם־הראשון גענומען פאַלן אויף זיין פנים. האָט ער געזאָגט: אַזוי גרויס איז דער כוח פון תשובה און איך האָב ניט געוואוסט. האָט ער תיכף אָנגעהויבן און געזאָגט: מזמור שיר ליום השבת... און אָדם הראשון איז ניצול געוואָרן פון דין פון גיהנום צוליב דעם זכות פון שבת... און גאָט־ברוך־הוא האָט מסכים געווען מיט משה׳ס דעה און די תורה איז געגעבן געוואָרן אין טאָג פון שבת.

# ר׳ ברוך פון מעזבוזש

(אַן אייניקל פון בעש״ט)

**.1**

## שבת איז גרעסער פון עולם-הבא

שבת איז גרעסער פון עולם־הבא, מחמת שבת איז דער קוואַל, וואָס פון אים ווערט דער עולם־הבא גענומען.

**.2**

## שבת טאָר מען ניט זיך מצער זיין

איינמאָל איז ביי ר׳ ברוך מעזבוזשער איינגעשטאַנען איינער אַ חשובער און בכבודיקער מענטש, וואָס איז צוריקגעקומען פון ארץ־ישראל, און זיין חשיבות ביים רבי׳ן ר׳ ברוך האָט זיך שטאַרק אָנגעזען, ווייל ר׳ ברוך האָט

אים זייער מקרב געווען און פרייטיק־צו־נאַכט פלעגט ער עסן ביים רבינ׳ס טיש. דער דאַזיקער מאַן איז געווען איינער פון יענע, וואָס טרויערן תמיד אויף ציון און ירושלים, וואָס זייער דרך איז תמיד צו זיפצן און וויינען. און ווען דער רבי האָט געזונגען „כל מקדש" מיטן געוויינטלעכן ניגון און איז געקומען צו די ווערטער „די ליבהאָבער פון גאָט וואָס וואַרטן אויפן אויפבוי פון בית־המקדש" — האָט דער רבי אַ קוק געטאָן אויפן אורח און דערזען, אַז ער איז טרויעריק און זיפצט ווי אײנעדרוואַכן. האָט דער רבי אָפּגעלאָזן דעם ניגון פון זמר און האָט זיך אויף אים אָנגעבייזערט: „ליבהאָבער פון גאָט, וואָס וואַרטן אויפן אויפבוי פון בית־המקדש, אין טאָג פון שבת־קודש זייט אויפגעלייגט און פריילעך"! און גלייך נאָכדעם זיך צעזונגען מיטן געוויינט־לעכן ניגון.

## ר׳ נפתלי ראָפּשיצער

# פון „אהל נפתלי"

ר׳ נפתלי ראָפּשיצער (דער רבי פון גאון ר׳ חיים סאַנדזער און אַ תלמיד פון לובלינער צדיק) פלעגט שטאַרק מאריך זיין אין די נגינות און זמירות פון שבת׳דיקן שלש־סעודות, ווען אויף מאָרגן איז אויסגעפאַלן תשעה־באב. ער פלעגט זאָגן: שבת איז ביי אונדז אַ טייערער בכבודיקער אורח — לאָמיר אים נאָך אַביסל פאַרהאַלטן; און דו, תשעה־באב, מעגסט וואַרטן און הלוואַי וואָלסטו צו אונדז אינגאַנצן ניט געקומען. דו ביסט ביי אונדז ניט קיין חשוב׳ער אורח. וואַרט אַביסל און מירן זיך פאַרברענגען מיט דער מלכה־שבת און זינגען זמירות פון איר כבוד וועגן.

## ר׳ יחיאל מיכל זלאָטשאָווער

(אַ תלמיד פון בעש"ט)

# פון „מים רבים"

די באַשאַפענע אויף דער וועלט האָבן ניט געוואוסט פון פרייד, ווען זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן, מחמת יעדער איינער איז אָפּגעריסן געוואָרן פון זיין פלאַץ און די עולמות־העליונים, בלויז שבת קערן זיי זיך צוריק צו זייערע פלעצער. דאָס איז דער פירוש פון די ווערטער: „וואָס האָט דער וועלט געפעלט — מנוחה; געקומען שבת — איז געקומען מנוחה".

## ר׳ יצחק מאיר פון גור

שבת איז ווי אַ מנורה מיט באַזונדערע רערן, איטלעכער רער איז געמאַכט געוואָרן ס׳זאָל זיך אַריינפּאַסן און זיך אויפשטעלן אין אַ גאַנצע מנורה, און אַזוי טאַקע איז זיין אויסזען. אַזוי זיינען די זעקס טעג באַשאַפן געוואָרן כדי זיי זאָלן זיך אָנשליסן אָן שבת, און לויט די הנהגה פון מענטשן דורך די זעקס טעג פון אַרבעט, אַזוי איז זיין אויסזען אין טאָג פון שבת.

## ש. מ. גשורי

## דאָס שבת׳דיקע זינגען ביי די מקובלים און די חסידים

קבלה און חסידות — אין ביידע איז פאַראַן הייליקע פּאָעזיע פון אידנטום בכלל, און אין ביידע האָט דער שבת בפרט געפונען אַ שטאַרקן שטיצפּונקט צו באַקעמפן די אויסערלעכע שוועריקייטן פון גלות לעבן, האָט אַנטפּלעקט די ליכטיקייט פון שבת און דערגרייכט צום שלימות׳דיקן אויסדרוק. נאָר דער כוח פון חסידות איז גרעסער פון כוח פון דער קבלה, ווייל דאָס חסידות האָט מער אויפגעטאָן אויף דעם געביט, אַריינגעמענדיק אין דער וועלט פון שבת דאָס געזאַנג, ניט בלויז ווי אַ גורם פון תענוג און שמחה, נייערט, ווי אַן עלעמענטאַרן יסוד, וואָס אָן אים לאָזט זיך די השפעה פון דער נשמה־יתירה ניט שפּירן. דאָס חסידות האָט אַריינגעגעבן די קדושה פון שבת אין זינגען און אין תענוג פון געזאַנג אויך אויפן שבת.

שבת און וואָך זיינען תמיד געווען ביי אידן צוויי פאַרשיידענע באַזונ־דערע וועלטן. די זעקס טעג פון וואָך זיינען געווען דער סימבאָל פון חומריות און גשמיות, און דער שבת — אַ סימבאָל פון רוחניות און דערהויבונג. אַפילו די וואָכעדיקע טעג זיינען געווען ווי אַ פּרוזדור צום היכל פון שבת, וואָס האָט זיי געגעבן גייסטיקייט און געהאָלפן פאַרמינדערן די האַרטקייט פון אינדערוואָכיקער פאַרשקלאַפטקייט.

די קבלה מאָלט דעם טאָג שבת אין אַ הימליש געשטאַלט. דער שבת איז משפיע פון זיין גרויסער שפע אויך אויף אַלע טעג פון דער גאַנצער וואָך, „וואָס פון דעם טאָג ווערן געבענטשט אַלע זעקס אויבערשטע טעג״, און וויסנדיק דעם סוד פון נגינה און איר השפעה אויפן לעבן, האָבן די מקובלים זיך געפלייסט שבת צו זינגען וואָס מער. די קרוין פון זייער געזאַנג איז ביי זיי קבלת־שבת, וואָס ווערט באַגלייט מיט אַן אויבערשטער קדושה און ליכטיקער פּאַטריאַרכאַלישקייט. דאָס איז די פּרעלודיע פון דער גרויסער סימפאָניע, וואָס ציט זיך העכער פון פיר און צוואַנציק שעה.

דורך דער השפעה פון קבלה האָט ר׳ יצחק לוריא, וואָס האָט געלעבט אין צפת, מחבר געווען זמירות פאַר שבת פאַר אַלע דריי סעודות. דורך זיין השפעה האָט דער משורר ר׳ שלמה אַלקבץ געשריבן דעם הימן „לכה דודי״. פון צפת, דעם צענטער פון קבלה, האָט זיך פאַרשפּרייט דער מנהג צו זינגען ביי קבלת־שבת, אַזוי ווייט אַז ס׳איז געקומען דערצו, אַז מ׳האָט אָנגעהויבן זיך באַנוצן מיט כלי־זמרים מקבל־שבת צו זיין אין די שולן. צפת איז געוואָרן דער ליכט־טורעם פאַר אַלע אייראָפּעאישע אידן. נאָך ביים סוף פון זיבעצנטן יאָרהונדערט איז געווען דער מנהג אין איטאַליע „מקבל־שבת צו זיין מיט גרויס שמחה און מיט זיסע ניגונים, און אין כמה קהילות איז מען מקבל־שבת אין שול מיט כלי־זמרים און משוררים, און עצבות איז פאַרווערט געוואָרן אום שבת״. („כבוד חכמים״, ווענעציע) דער צערעמאָניאַל פון זינגען פלעגט אָנהאַלטן אַ לאַנגע צייט. נאָך ביים סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט האָט מען זיך נוהג געווען מקבל־שבת צו זיין מיט געזאַנג און צו באַגלייטן די קאַפּיטלעך תהלים, פון „לכו נרננה״ ביז „בואי בשלום״ מיט מוזיק־אינסטרו־מענטן. עדות אויף דעם זיינען די רייד פון ר׳ הערץ שייער פון מאַינץ (אין זיין ספר „אלה דברי הברית״): „אין דער קהילה קדישא פון פּראַג זיינען פאַראַן ניין שולן, און אין דער גרעסטער פון זיי איז מען זיך נוהג מקבל־שבת צו זיין מיט כלי־זמרים, און בלויז ביז „בואי בשלום״. אַמאָליקע צייטן איז געווען דער מנהג אין אונדזער קהילה מקבל־שבת צו זיין אין שול מיט כלי־זמרים.״ נאָר מיט דער צייט האָט זיך ביי די דייטשישע אידן אָנגענומען דער קוק פון דער קבלה־מעשית, וואָס צייכנט זיך אויס מיט איר פּעסימיזם און פייניקונג פון גוף. אין די תקנות פון ווערמייזע (וואָרמז) פון יאָר ת״א שטייט פאַרשריבן: „דער אָרטיקער חזן זאָל שבת ניט זינגען קיין ניגונים, סיידן אין די גוטע שבתים איז דערלויבט צו זינגען בלויז איין ניגון״. (בלע־טער פיר יודישע געשיכטע אונד ליטעראַטור, 1905 ז׳ 10) דער דאָזיקער קוק האָט זיך אַלץ מער און מער אַנטוויקלט אין פּוילן, ווי אַ היסטאָרישער מוז, נאָך די צרות פון די גזירות פון ת״ח ות״ט. אין בריסקער ועד פון יאָר שפ״ג האָט מען געמאַכט אַ תקנה, אַז „קיין שום חזן זאָל שבת ניט זינגען מער פון דריי ניגונים; שבת ראש־חודש און פון ד׳ פרשיות — האָט ער רשות צו זינגען פיר ניגונים.״ דאָס חסידות האָט געפונען דעם שבת אין אַ מצב פון פרישות און ירידה און האָט באַנייט די יוגנט פון שבת, דורכדעם, וואָס עס האָט ווידער געעפנט פאַר איר דעם היכל־הנגינה. דאָס געזאַנג האָט ווידער געפונען זיין פּלאַץ אין שבת. פון יענער צייט אָן איז דער שבת אינ־גאַנצן כבוד און שמחה. און דעם אידנס הויז איז פול געוואָרן מיט געזאַנג און ניגון. דורכן ניגון איז נתעלה געוואָרן די דריטע סעודה צום קרוין פון אַלע סעודות, ווייל דורך אים קומען צו אַנטפּלעקונג די געפילן פון בענקשאַפט

נאָך דער שכינה פון דער נשמה־יתירה, ווען ס׳איז שווער זיך צו שיידן מיטן שבת, ביז כלות־הנפש. דאָס חסידות האָט איינגעטיילט פון שבת׳דיקן גייסט אויך אויף דער סעודה פון „מלווה־מלכה״ און האָט צוגעגעבן פון וואָך צו דער הייליקייט.

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט צוריקגעקערט צו דער מלכה־שבת איר נשמה שמחה און געלייגט דעם ווינקלשטיין פאַרן חסידישן ניגון, וואָס איז אָנגעזאָפּט מיט די גלוסטונגען נאָכן שבת. ווען ער איז אַרויס אין דער אידישער גאַס, האָט ער געפונען, אַז דאָס פאָלק לעבט אין עצבות און פייניקונג, און מער פון אַלץ, ער האָט געפונען די געווירצן פון גאָט־ברוך־הוא׳ס אוצרות, דעם טאָג שבת, אין נידעריקן געפאַלענעם מצב. דער כבוד פון שבת איז פאַר־טריבן געוואָרן פון אידן. דער שבת׳דיקער גייסט האָט זיך ניט אָנגעזען מער פון דעם וואָכעדיקן גייסט. דער עיקר האָט געפעלט: אַ שבת לשמה, אַ שבת־דיק געפיל, וואָס זאָל פאַרזיסן דעם טרויער פון דער וואָך און זיי געבן הרחבת־הדעת. דעם שבת האָט געפעלט זיין עיקר׳דיקע פּאָעזיע, דעם מזמור שיר ליום השבת. דאָס ביסל נגינה, וואָס איז נאָך געווען געבליבן, איז געווען אַ טרויערדיקע, אַן עצבותדיקע. דער שבת האָט אויסגעזען ביים בעל־שם אין די אויגן, ווי אַ ברייטער, גערעמער זילבערנער פּאַלאַץ, פול מיט אַלע תענוגים פון לעבן און ליכטיקייטן, נאָר איז אויסגעליידיקט געוואָרן פון זיינע באַוואוי־נער, און מען הערט ניט קיין קול פון געזאַנג און פריילעכקייט. די גרעסטע מערהייט פון אידישן ציבור האָט געגאַרט זיך אַרויסצורייסן פון מצב פון עצבות און לעבנס־פאַרמינדערונג און געוואַרט אויף אַ לערער וואָס זאָל קומען צו איר און זאָל וויסן ווי אַזוי צו פאַרזיסן איר ביטער לעבן, וואָס זאָל געפינען אַ דערלייכטערונג פאַרן וואָכעדיק לעבן, און אַ דערהויבונג און אַ נשמה־יתירה פאַרן טאָג פון שבת. און דעם דאָזיקן געגאַרטן לערער האָט דאָס פאָלק געפונען אין בעל־שם־טוב, וואָס האָט אומגעקערט די קרוין פון שבת איר אַמאָליקן גלאַנץ. דער בעש״ט האָט צוריקגעגעבן דעם ערב־שבת די שמחה פון גרייטן זיך פאַר דער מלכה, ווי ר׳ יצחק לוריא אין זיין צייט האָט געטאָן. ערב־שבת נאָך האַלבן טאָג פלעגט ער דאַווענען מנחה מיט זיינע תלמידים אין אַ מנין און באַלד נאָכדעם — מקבל־שבת זיין. לכבוד שבת פלעגט ער זיך אָנטאָן אין ווייסע בגדים און פלעגט האָבן פאַרגעניגן צו זינגען זמירות מיט זיינע בני־בית. דער ניגון איז ביי אים געווען „אין דער בחינה פון אהבה און יראה, וואָס פאַרשפּרייט זיך פון אויבן ביז אונטן, ביז די אונ־טערשטע מדרגות״. אין דער נאַכט פון שבת איז ער געווען אין גרויס קדושה אין וואונדערלעכער דבקות און געזונגען זמירות מיט ניגונים צוגעפּאַסט צום פייערלעכן שבת׳דיקן געמיט. און יעדן שבת אין שבת פלעגט ער זאָגן תורה פאַר זיינע תלמידים אין דער דריטער סעודה.

אַזוי האָט דער בעש״ט אומגעקערט צום שבת זיין נשמה׳דיקע שמחה. און ס׳איז ניטאָ קיין שום גאווה אין זיינע רייד, אַז דער וואָס האָט געהאַלטן ביי אים שבת און געגעסן אויף זיין טיש, אין יענעם האָט ער אַריינגעגעבן אַ סם־חיים, אים אויסצוהיילן און אים העלפן פון אַלע זיינע תאוות, און נאָך מער, די דאָזיקע רפואה האָט אויף יענעם משפיע געווען, אַז ער זאָל זיך פירן פון דעמאָלט אָן מיט קדושה און מיט טהרה ביי זיך אין הויז.

# זעקסטער קאַפּיטל

## פראָפ. א. מאַרמאָרשטיין

# שבת אין גלות אין די צייטן פון די אַמוראים

אין אַ סך פלעצער פון תלמוד ווערט געזאָגט און איבערגע'חזר'ט, אַז אידן אין גלות זיינען זוכה צו רייכקייט אין זכות פון אָפּהיטן שבת. אַזוי ווערט דערציילט די מעשה פון ר׳ חייא בר אבא, וואָס איז איינמאָל איינגעשטאַנען ביי איינעם אַ באַלעבאָס אין לודקיא, וואָס האָט געהאַט גילדערנע טישן מיט זילבערנע קייטן אַריינגעפּאַסט אין זיי, אַאַז״וו. (שבת, קי״ט) און דער דאָזי־קער מאַן האָט זוכה געווען דערצו, ווייל ער פלעגט דעם שבת אָפּגעבן כבוד. אומגעפער דאָס אייגענע ווערט דערציילט פון ר׳ יוסף „מוקיר שבת״, דער־פאַר ווייל ער האָט טייער געהאַלטן שבת האָט ער זוכה געווען צו עשירות. אויך די אידן פון רוים האָבן זייער שטאַרק אָפּגעהיט שבת, ווי מיר זעען דאָס אַרויס פון דער מעשה מיטן אידישן שניידער, ווי ס׳ווערט געבראַכט אין מדרש־רבה. דער טאָג שבת איז געווען דער אַנטשיידנדיקער צייכן צווישן אידן און אַנדערע פעלקער. און דאָס ווערט אויך באַשטעטיקט פון היסטאָרישע קוואַלן. צווישן די בריוו פון דעם קריסטלעכן בישאָף, סינעזיוס פון קוריני, געפינען מיר אַ בריוו, וואָס איינער אַ בישאָף, וועלכער האָט געלעבט ביים סוף פון פערטן יאָרהונדערט און אָנהייב פון פינפטן, לויט זייער צייט־רעכע־נונג, האָט געשריבן. דער בריוו איז אַדרעסירט צום בישאָפס ברודער, קיין אַלעקסאַנדריע, וואו ער דערציילט פון זיין נסיעה פון מצרים קיין קוריני. לויט דער מיינונג פון די מערסטע פאָרשער האָט ער זיך געלאָזט אויפן ים אין צווייטן חודש פון יאָר 404. זיי זיינען אָפּגעשוואומען פון ברעג פריטיק, ערב־שבת. דער קאַפּיטאַן פון שיף איז געווען אַ איד, אַחוץ אים זיינען געווען נאָך צוועלף מאַטראָסן, וואָס אַ העלפט פון זיי זיינען געווען אידן. ערב־שבת, פאַרנאַכט, האָט זיך צעשפּילט אַ גרויסער שטורעם און די שיף און אַלע וואָס האָבן זיך אויף דער שיף געפונען — זיינען געווען אין גרויס געפאַר. דאָס איז געווען אין טאָג, ווען די אידן האַלטן זיך אין „גרייטן״, ווי זיי רופן דאָס, און לויט זייערע רייד, טאָרן זיי ניט טאָן קיין שום אַרבעט, ניט אין דער נאַכט פון טאָג פון זייער „גרייטונג״ און ניט אויפן מאָרגנדיקן טאָג. דעם דאָזיקן טאָג פאַרהייליקן זיי, זיי שיידן זיך אָפּ פון אַנדערע מענטשן און האַלטן זיך צוריק פון אירגענד וועלכער אַרבעט. פאַרנאַכטצו, האָט דער קאַפּיטאַן אַוועק־געוואָרפן זיין שטריק און איז געפאַלן אויף זיין פּנים. אַלע מענטשן אויף דער שיף זיינען צוגעקומען צו אים מיט געבעט, אַז ער זאָל זיי ניט פאַרלאָזן —

אָבער ס׳האָט גאָרניט געהאָלפֿן. איינער, אַ היציקער אַראַבער, האָט אים געוואָלט אָפּהאַקן דעם קאָפּ מיטן שווערד, אָבער דער איד האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט. אַרום האַלבער נאַכט אָבער, האָט ער זיך אויפגעהויבן, אָנגעכאַפּט די שטריק און גענומען אַרבעטן, זאָגנדיק: מיר געפינען זיך איצט אין גרויס געפֿאַר און פיקוח־נפש איז דוחה שבת, און אין אַזאַ פאַל איז ביי אונדז אַ מצוה מחלל־שבת צו זיין. פון דעם זעען מיר, אַז די אידן פון מצרים פון יענער צייט זיינען געווען שומרי־שבת און אַלע בקשות און דראָאונגען פון די גוים האָבן ניט געהאָלפֿן צו רירן דעם אידישן קאַפּיטאַן פון פלאַץ מחלל־שבת צו זיין, און בלויז אין דער מינוט פון סכנה האָט ער זיך אַליין אויפגעהויבן און גענומען אַרבעטן, ווייל סכנת־נפשות איז דוחה שבת. בישאָפּס עדות זאָגן, וואָס דערציילט אַ מעשה ווי זי איז זיך פאַרלאָפֿן, אַז קיין שום מיין, באַווייזט, אַז דער שיפּס־קאַפּיטאַן, איז ניט געווען דער איינציקער פון זיין מין צו היטן שבת, נאָר, אַז אַלע אידישע מאַסן האָבן זיך געהאַלטן אַן דער דאָזיקער מידה.

# די דינים פון שבת פון אַן אַלטער אידישער סעקטע אין דמשק

אַ מענטש זאָל אויפן זעקסטן טאָג ניט טאָן קיין אַרבעט, ווי נאָר די זון רוקט זיך אָפּ פון טויער. שבת זאָל אַ מענטש ניט ריידן פון קיין וואָכעדיקע זאַכן. ער זאָל ניט מאָנען קיין חובות ביי זיין חבר. ער זאָל זיך ניט משפּט׳ן איבער געלט און זאַכן. ער זאָל ניט ריידן פון דעם וואָס ער דאַרף מאָרגן טאָן, אָדער מאָכן. אַ מענטש זאָל ניט אַרויס אין פעלד צו טאָן אַן אַרבעט וואָס ס׳האָט צו טאָן מיט שבת. ער זאָל ניט אַרויסטרעטן פון שטאָט סיידן ניט מער ווי טויזנט איילן. אַ מענטש זאָל שבת ניט עסן קיין אַנדערע עסנס ווי יענע וואָס זיינען צוגעגרייט פון ערב־שבת. אויב ער איז אין וועג און וויל זיך אַרומוואַשן — זאָל ער זיך וואַשן און טרינקען וואו ער שטייט און ניט אָנשעפּן קיין וואַסער אין עפּעס אַ כלי. ער זאָל ניט שיקן דעם פרעמדגלויביקן צו טאָן פאַר אים אַן אַרבעט אום שבת. אַ מענטש זאָל ניט אָנטאָן אויף זיך קיין שמוציקע קליידער, סיידן ער האָט זיי פריער געוואַשן אין וואַסער, אָדער געשוועבקט אין ווייריעך. אַ מענטש זאָל שבת זיך ניט לאָזן אויסהונגערן מיט זיין אייגענעם רצון. אַ מענטש זאָל ניט גיין פּאַשען זיין בהמה אויסערן שטאָט, ניט ווייטער ווי צוויי טויזנט איילן. ער זאָל ניט הייבן אויף איר קיין האַנט, זי אַ קלאַפּ טאָן מיטן פויסט, אויב זי איז איינגעשפּאַרט. ער זאָל זי ניט אַרויספירן פון שטאַל. אַ מענטש זאָל ניט אַרויסטראָגן אָדער אַריינטראָגן (עפּעס אַ זאַך) פון הויז אין גאַס און פון גאַס אין הויז. און אויב פון אַ געסל, — זאָל ער ניט אַריינטראָגן און ניט אַרויסטראָגן. ניט עפֿענען קיין פאַר־

קלעפּטע כלי אום שבת. ער טאָר ניט טראָגן אויף זיך קיין רפואות אום שבת, ניט אַריין און ניט אַרויס. ער טאָר אין הויז ניט רירן קיין שטיין אָדער ערד. די אָם זאָל ניט אַרומטראָגן, אַריין און אַרויס, קיין קינד. אַ מענטש זאָל שבת ניט בייטן זיין קנעכט און דינסט און זיין געדונגענעם אַרבעטער. אַ מענטש זאָל שבת ניט העלפן דער בהמה צו געבירן. אויב זי וועט אַריינפאַלן אין אַ גרוב, אָדער אַ נעץ, טאָר ער זי ניט אַרויסציען אום שבת. אַ מענטש זאָל ניט ברענגען שבת קיין אַנדער קרבן צום מזבח, ווי דעם שבת'דיקן קרבן, ווייל אַזוי שטייט געשריבן: „אויסער גאָטס שבתים".

(פון אַ כתב־יד, וואָס פּראָפ. שעכטער האָט אין 1910 געפונען אין דער קאָ־אירער „גניזה", און וועלכן מ'שרייבט צו צו אַן אַמאָליקער אידישער סעקטע פון דמשק. לויט אַ השערה, איז דאָס געשריבן געוואָרן אַ שטיקל צייט פריער פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. דאָ איז פאַראַן אַ רעכט ביסל פון דער צדוקים־לערע, און אין פיל פרטים זיינען די דינים די אייגענע ווי די שבת־דיקע דינים ביי די קאַראַאימען.)

## דעם רמב"מ'ס מנהגים דורך אַ שבת'דיקן טאָג

קיין איד קען ניט קומען צו מיר פאַרברענגען, אָדער זיך אָפּ־שליסן מיט מיר אין קיין אַנדער טאָג פון וואָך, סיידן דורכן שבת'דיקן טאָג. דעמאָלט קומט זיך קהל, צי אַ קליינער טייל פון קהל, צונויף ביי מיר. איך שטעל איין פאַרן ציבור ווי זיך צו באַגיין דורך דער וואָך, און איך לייען אַביסל ביז מיטיקצייט, און זיי גייען אַהיים. אייניקע פון זיי קומען צוריק און זיי לייענען ווידער, פון נאָך מנחה ביז מעריב־דאַווענען.

(פון זיין בריוו צו ר' שמואל אבן־תבון)

## פון מסעות ר' בנימין

(1187—1165)

## אידן אין קאַפּרי

... און פון דאָרטן פיר טעג פאָרן ביז קאַפּרי. און דאָרטן זיינען פאַראַן אידן־ראַבאַניטן. און נאָך איז פאַראַן דאָרט אַ קיבוץ פון קאַפּרישע אידן, וואָס געהערן צו אַ געוויסער סעקטע, וואָס היטן אָפּ שבת פון זיבעטן טאָג באַגינען, און ניט פון פרייטיק־צו־נאַכט. און אידן האַלטן זיי איבעראַל אין חרם. זיי זיינען מחלל פרייטיק־צו־נאַכטן און היטן־אָפּ די נאַכט פון ערשטן טאָג. (שבת־צו־נאַכטן).

# פון ר׳ פתחיה׳ס נסיעות

(1185—1175)

...און אין די אַראַבישע לענדער זיינען קיין אידן (ראַבאַניטן) ניטאָ, אָבער, דאָרטן זיינען דאָ די קאַראַאימען, און ר׳ פתחיה האָט צו זיי געזאָגט: פאַרוואָס גלויבט איר ניט אין די רייד פון די חכמים? האָבן זיי געענטפערט: דערפאַר, וואָס זייערע עלטערן האָבן זיי ניט געלערנט. ערב־שבת שניידן זיי אָן דאָס גאַנצע ברויט, וואָס זיי דאַרפן האָבן פאַרן גאַנצן טאָג שבת, און זיי זיצן אינדערפינצטער און זיצן אויף איין פלאַץ דעם גאַנצן טאָג און זיי דאַווע־נען ניט, זיי זאָגן בלויז מזמורים.

(פרק א׳)

און אין עכו זיינען פאַראַן אידן און פאַראַן דאָרטן אַ קוואַל, וואָס פליסט אַ גאַנצע וואָך, און דורכן שבת׳דיקן טאָג איז ניט צו געפינען אין אים קיין איינציקן טראָפן.

(פרק י׳)

# פון מסעות ר׳ יצחק חילו

(1333)

...פון דאָרטן קומט מען קיין עלמא, אין צפון־מזרח פון צפת, און דאָרט איז פאַראַן אַ הייליקע קהילה אידן, און פאַראַן דאָרטן דריי קברים פון אידישע חכמים, וואָס אַלע דריי האָבן געטראָגן דעם נאָמען רבי אליעזר. שיינע מילגרוים־ביימער באַשיצן איבער די דאָזיקע דריי אַלטע קברים. די אידן און די מחמד׳אַנער גיבן אָפּ כבוד דעם דאָזיקן פלאַץ און יעדן ערב־שבת צינדן זיי ליכט אויף די דאָזיקע קברים. איין פרייטיק־צו־נאַכט האָט זיך געטראָפן אַ מעשה, אַז מ׳האָט אָנגעצונדן אַזוי פיל ליכט ביז עס האָט זיך אָנגעצונדן אַ מילגרוים־בוים ביי ר׳ אליעזר בן ערך. דער גאַנצער עולם האָט זיך צוריקגעהאַלטן פון איינלעשן דאָס פייער. די אידן האָבן זיך צוריק־געהאַלטן כדי ניט מחלל־שבת צו זיין און די מחמד׳אַנער — דאָס אייגענע, ווייל זיי האָבן נאָכגעטאָן די אידן. האָט דער בוים געברענט אַ גאַנצע נאַכט, און אויף מאָרגן, ווען מ׳איז געקומען באַזוכן דעם דאָזיקן הייליקן קבר, האָבן זיי געזען צו זייער גרויסן וואונדער, אַז דער בוים איז ניט געשעדיקט געוואָרן, ניט דעם שטאַם און ניט די צווייגן, דאָס איז געווען אַן אָפענער נס, ווי עס שטייט געשריבן.

# פון „מסעות רבי עובדיה מברטנורא"

(1487—88)

## א

איך בין געווען אין פּאַלערמאָ פון 22טן תמוז, יאָר רמ"ז, ביז שבת־בראשית, יאָר רמ"ח. ווען איך בין אַהין געקומען — האָבן די גבאים פון דער קהילה מיך געבעטן, אַז איך זאָל שבת דרשנ'ען אין שול, נאָענט צו דער צייט פון מנחה־דאַווענען, און אַזוי האָב איך געטאָן. איך האָב אָנגעהויבן דרשנ'ען שבת, ראש־חודש אָב פון יאָר רמ"ז, און גאָט האָט מיך געמאַכט אויסנעמען ביי זיי אין די אויגן און כ'האָב געמוזט זאָגן פאַר זיי שבת אין שבת. ס'איז אַזוי פאַרבליבן און כ'האָב גע'דרשנ'ט פאַר די מאַנסלייט, ווייבער און קינדער יעדן שבת גענויע דריי שעה פאַר מנחה.

## ב

### שבת'דיקע מנהגים פון די אידישע קהילות אין די אַראַבישע לענדער

און דאָס איז דער שטייגער פון דער סעודה, וואָס אידן איבער אַלע אַראַבישע לענדער זיינען זיך נוהג צו מאַכן אין טאָג שבת. מ'זעצט זיך אויס אין אַן עיגול אויף די טעפּיכער און די משקה שטייט אויף אַ קליין טישטעכל, וואָס איז איז אויסגעשפּרייט אויפן טעפּיך, ווייל זיי האָבן קיין טישן ניט, און מע ברענגט אַריין כל־המינים פּירות וואָס גיבן אין יענער צייט פון יאָר, און מ'שטעלט אַוועק אויפן טישטעכל. און דער באַלעבאָס נעמט אַ כוס־ווייַן און מאַכט קידוש און טרינקט אויס דעם ווייַן אינגאַנצן. און אַ סאַרווער נעמט דעם כוס פון באַלעבאָס'עס האַנט און גיט טרינקען יעדן איינציקן פון די אַנוועזנדיקע כסדר, איינעם נאָכן אַנדערן. און יעדער איינער טרינקט אַ פולן כוס ווייַן. נאָכדעם נעמט דער באַלעבאָס אַ צוויי־דריי פּירות און עסט און טרינקט אַ צווייטן כוס און אַלע אַנוועזנדיקע זאָגן: „רפואה וחיים!" נאָכדעם, נעמט דער נאָנטער צו אים אויך פון די פּירות און דער סאַרווער גיט אים אַ כוס ווייַן און ער זאָגט: „בשמחתך!" און מען ענטפערט אים אָפּ: „רפואה וחיים!" און אַזוי מיט יעדן איינציקן פון די אַנוועזנדיקע, איינער נאָכן אַנדערן. נאָכדעם, נעמט מען אַ צווייטן מין פּירות און מ'גיסט אָן אַ כוס און אַזוי כסדר ביז זיי טרינקען לכל־הפּחות זעקס אָדער זיבן כוסות. און אַמאָל טרינקט מען אויך איבער אַ ריח, מ'ברענגט אַריין בלומען, אָט יענע וואָס רש"י האָט דער־קלערט, וואָס רופן זיך אין אַראַביש־לשון מיטן נאָמען יאַסמין. דאָס איז אַ בוים וואָס וואַקסט ניט מיט קיין שום אַנדער זאַך ווי מיט בלומען, און זיי האָבן זייער אַ וואַרעמען און געשמאַקן ריח, און מ'שמעקט די דאָזיקע בלומען

און מ׳טרינקט אַ כוס־וויין. און דער ווין אין די דאַזיקע פּראָווינצן איז זייער שטאַרק און מ׳טרינקט דעם ווין רויערהייט. נאָכדעם, ווי מ׳האָט זיך אָנגעטרונקען וויפל זיי האָבן באַגערט, ברענגט מען אַריין אַ גרויסע שיסל געקעכטס מיט פלייש, און יעדער איינציקער שטעקט אַריין די האַנט אין שיסל און נעמט וויפל ער וויל, און מען עסט האַסטיקערהייט און מ׳פאַרהאַלט זיך ניט צופיל צייט איבערן עסן. אין דער דאַזיקער סעודה האָט אונדז דער אויבנדערמאָנטער ר׳ משה אַריינגעבראַכט אַרבולאַנער קאָנפעקטן און געפּרעגלטן נאָסן אינגבער, טייטלען, ראָזשינקעס מיט מאַנדלען און קאָנפעקטן באַשאָטן מיט וויסע קערעלעך. און ביי יעדן איינציקן מין פון זיי אַ כוס־ווין, און אַמאָל אויך ראָזשינקע־ווין, וואָס איז זייער אַ גוטער ווין, און אַמאָל מאַלאַגע, און אַמאָל פון היים־געוואַקסענעם ווין און כ׳האָב געטרונקען מיט זיי און זיך גוט באַרוישט.

נאָך אַ מנהג האָבן די אַראַבישע אידן: ערב־שבת גייען זיי אַלע אין באָד אַריין, און ווען זיי קומען צוריק — שטעלן די ווייבער פאַר זיי ווין און מ׳טרינקט גאַר אַ סך נאָכדעם ברענגט מען אַריין דאָס געקעכטס, וואָס מ׳האָט צוגעגרייט פאַר דער אָוונט־סעודה און מען עסט ווען ס׳איז נאָך ליכטיק ביז עס ווערט פינצטער, און נאָכדעם ווי מ׳האָט אָפּגעגעסן און זיך גוט אָנגעטרונקען גייען אַלע אין שול אַריין אין שיינע ריינע און געפּוצטע מלבושים און מ׳היבט אָן מיט געזאַנג און לויב און מ׳דאַוונט לאַנג דאָס מעריב׳דיקע דאַוונען צוויי שעה נאָכדעם ווי ס׳איז נאַכט געוואָרן און מען גייט אַהיים און מען מאַכט קידוש און מען עסט אַ כזית חלה און מען בענטשט ברכת המזון. און אין יענע אַלע פּראָווינצן דאַוונט מען ניט מנחה בציבור ערב־שבת, אַחוץ אין ירושלים איז דער דאַזיקער מנהג בטל געוואָרן; די אַשכנזישע אידן האָבן דאָס בטל געמאַכט, און דאָרטן דאַוונט מען מנחה און מעריב בציבור, לויט אונדזער מנהג, און מ׳דאַוונט ניט מעריב ביז די שטערן קומען ניט אַרויס און נאָכדעם עסט מען די סעודה ביינאַכט. און מ׳היט אָפּ שבת אין די דאַזיקע פּראָווינצן מער ווי אין אירגענד וועלכע אַנדערע פּראָווינצן. אַ מענטש גייט ניט אַרויס מפתח־ביתו אום שבת, ניט פאַר שפּאַציר און ניט פאַר קיין שום אַנדער זאַך, סיידן צו טאָן עפּעס אַ דבר־מצוה, אָדער צו דער שול, אָדער צום בית־מדרש, און ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז ס׳איז ניטאָ קיין איינציקער, וואָס זאָל אָנצינדן אַ ליכט אום שבת, און אַז אַ ליכט האָט זיך אויסגעלאָשן — וועלן זיי אַפילו דורך אַ גוי, אַ קנעכט אָדער אַ דינסט, עס ניט לאָזן אָנצינדן. און דער וואָס קען לייענען לייענט אַ גאַנצן טאָג, נאָכדעם ווי ער האָט זיך איבערגעשלאָפן פון ווין.

## דער טייך סמבטיון

און אין יענער צייט זיינען אהער געקומען אידן פון לאנד עדן, וואס ליגט אין דרום־מזרח פון עטהיאפיע, נאר דער ים־סוף ליגט צווישן די צוויי לענדער. האבן אונדז די דאזיקע אידן דערציילט, אז ביי זיי איז דאס א באַוואוסטע קלארע זאך פון באגלויבטע מחמד׳אנישע סוחרים, אז וויט פון יענעם לאנד, א מהלך פון וואסערע פופציק טעג רייזע אין מדבר, געפינט זיך דער באוואוסטער טייך סמבטיון און ער כאפט ארום ווי מיט א שנור דאס גאנצע יענע לאנד, וואס איז באוואוינט פון אידן, און א גאנצע וואך ווארפט ער מיט שטיינער און זאמד, און רוט נאר אין טאג פון שבת, און דאס איז גורם, אז ווען א איד קומט אין דאזיקן לאנד — איז ער ניט מחלל־שבת. און זיי האבן א מסורה, אז זיי שטאמען אפ פון די בני־משה, ריין און אומשולדיק ווי די מלאכים פון גאט און קיינער פון זיי באגייט ניט קיין עבירה. און אויף דער צווייטער זייט פון סמבטיון זיינען פאראן א סך אידן, ווי דאס זאמד פון ים, מיט מלכים און שרים, אבער זיי זיינען שוין ניט אזעלכע קדושים וטהורים, ווי די יעניקע וואס דער טייך רינגלט ארום. נון, די דאזיקע אידן זאגן אט די אלע זאכן מיט זיכערקייט און מיט אלע איינצלהייטן, און זיי זאגן, אז ס׳איז ניט פאראן אין דעם דער מינדסטער ספק און דאס איז ביי זיי קלאר ווי די זון.

(פון צווייטן בריוו ר׳ עובדיה׳ס צו זיין ברודער)

# פון די רייזע באשרייבונגען פון קאראאים שמואל יעמש״ל

(1641—42)

## אין דער קאראאימען־קהילה פון דמשק

שבת אויף דער נאכט פון פרשה בשלח נאכן דאווענען — האט זיך אויפגעשטעלט דער חזן ר׳ משה פירוז און האט געלייענט עטלעכע מזמורים און עטלעכע פסוקים וואס געהערן צו פרשה בשלח און יציאת־מצרים. נאכדעם, האט זיך אויפגעשטעלט א אינגל, א זון פון דעם אויבנדערמאנטן ר׳ בנימין, און געלייענט די פרשה, פון אנהייב ביזן סוף, אויף אויסנווייניק. אויך אויף מארגן, שבת, האט ער אונדז גענומען צו זיך אין הויז אריין, און צום דריטן מאל, מחמת זיין שמחה מיט אונדז, האט ער געלייענט די פרשה, און האט איינגעבעטן איניקע מענטשן פון די אנגעזעענסטע לייט פון קהל און מיר האבן געגעסן ביי אים, דערנאך זיינען מיר אוועק צו זיך אויף דער אכסניה. און דאן האט דער באלעבאס ר׳ ידיד, צונויפגערופן עטלעכע מענטשן,

צווישן זיי אויך ר׳ אליהו פירוז און ער האָט געמאַכט אַ סעודה און מיר האָבן געגעסן און געטרונקען און גוט פאַרבראַכט. אַזוי איז דער מנהג זייער דורך יעדן טאָג און דורך יעדער נאַכט. — אין די צוויי שבתים, אין פרשה בשלח און פרשה יתרו, לייענען זיי די פרשה פרייטיק־צו־נאַכט נאָכן דאַווענען און אויך מזמורים און פסוקים וואָס געהערן צו די דאָזיקע פרשות, צו צוויי־דריי שורות, און באַגינען שטייען זיי אויף און זאָגן סליחות און תחנונים ביזן דאַווענען, און נאָכדעם הייבט זיך אָן די תפילה פון טאָג. אין די דאָזיקע שבתים עסט און טרינקט דער גאַנצער עולם אַזוי ווי אין טאָג פון פורים. אַזוי איז דער מנהג פון די אַראַבישע קהילות.

## פון די רייזע באַשרייבונגען פון קאַראַאים משה ירושלמי

### (1654—55)

און מיר האָבן געמאַכט עשרה בטבת אין טאָג שבת. און מיר האָבן געפאַסט אין ירושלים און ניט אָפּגעשטופּט דעם תענית אויף זונטיק, ווייל אַזאַ מנהג האָבן זיי צו פאַסטן שבת, אויב ס׳פאַלט אויס אין אים אַ תענית, און ניט אים מדחה צו זיין. און אַזוי האָט גע׳פסק׳נט ר׳ יהודה האבל, זכר צדיק לברכה.

(פרק ג׳)

## פון די רייזע־באַשרייבונגען פון ר׳ שמחה בר׳ יהושע

### אין דער צפת׳ער קהילה

די גאַנצע צייט וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין צפת, האָב איך געהאַט צער, וואָס ערב־שבת דאַוון איך מנחה ביחידות און כ׳האָב ניט געקענט מכוון זיין די צייט ווען דער ציבור דאַוונט. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז ס׳איז דאָ אַן אָפּמאַך, אויף זייער לשון: אַ חרם, פרייטיק־פאַר־נאַכט ניט צו דאַווענען מנחה בציבור, מיטן אויסנאַם פון דער גריכישער שול, זינט די צייטן פון אר״י הקדוש, און ווייטער. דער טעם דערפאַר איז, וואָס אין אר״י׳ס צייטן האָט גאַנץ קהל געדאַוונט אין יענער שול, וואָס שטייט אין צפון־זייט פון שטאָט, און נאָך מנחה האָבן זיי געזאָגט: „קום, געליבטער, לאָמיר אַרויס אין פעלד״ און זיי פלעגן גיין פון שול אין פעלד אַרויס, וואָס איז געווען אָפּגעצאַמט מיט געהאַקטע שטיינער ביז אַ העלפט פון אַ מענטשנס הייך, און דאָס ווערט אָנגע־רופן אַ פעלד, און ס׳איז פונקט אַנטקעגן און מ׳זעט אים פון ר׳ שמעון בן יוחאי׳ס קבר, און דאָרטן פלעגט דער אר״י הקדוש מקבל־שבת זיין צוזאַמען

מיט דער גאַנצער צפת'ער קהילה. דעריבער איז די תקנה געבליבן אויפן פלאַץ, פרייטיק־פאַר־נאַכט ניט צו דאַווענען מנחה אין קיין שום אַנדער פלאַץ, ווי נאָר אין דער גריכישער שול. איינמאָל האָב איך געדאַוונט מיט זיי אין יענער שול, וואָס איז ווייט פון מיין הויז, און דאָרטן דאַוונט מען מנחה־גדולה, און פאַר דער שקיעה קומט מען זיך צונויף אין גרויסער שול אָנגעטאָן אין שבת'דיקע בגדים און מ'הייבט אָן מיטן מזמור: הבו לד' בני אלים, לכה־דודי, אאז"וו, אאז"וו.

# יעקב ספיר הלוי

## פון „אבן־ספיר"

### 1.

### דער סדר פון דאַווענען ביי די מצרישע אידן

דער סדר פון דאַווענען אין דער קהילה פון קאַאיראָ אין מצרים און זייערע מנהגים אין שול — זיינען די אייגענע ווי ביי ספרדים, די אייגענע אויסשפּראַך און ניגונים, אָן קיין שום אונטערשייד. פרייטיק ביינאַכט, אָדער אין אַ יום־טוב'דיקער נאַכט, זאָגט דער חזן די שטילע תפילה פון „אַתה קדשת", אָדער „אַתה בחרתנו", אויפן הויכן קול, צוליב די עמי־הארצים, וואָס קענען ניט די תפילה אויף אויסנווייניק און קענען ביינאַכט ניט זאָגן די תפילה פון סידור, און דער גאַנצער קהל זאָגט נאָך די תפילה שטילערהייט, ביזן סוף פון דער ברכה.

### 2.

### מנחם־אבל זיין אום שבת

כ'האָב געזען דאָ אַ נייעם גוטן מנהג פון מנחם־אָבל זיין. שבת איני־דערפרי, קומען זיך צונויף אין שול וואו דער אבל דאַוונט, אַלע זיינע קרובים און פריינט און דער רב און אַלע וואָס ווילן נעמען אַ חלק אין דער מצוה שטעלן זיך לעבן אים און דאַווענען. מ'רופט אויס אין שול: „דאָ איז פאַראַן אַ נחום־אַבלים!" ביז די שול ווערט איבערגעפּאַקט מיט מענטשן, און נאָכן דאַווענען שטעלן זיך אַרום דעם אָבל: דער רב, דער חזן און די גבאים פון שול און טרייסטן אים און זאָגן אים פּסוקים פון נחמה. און נאָכדעם גייען דער חזן און זיינע פריינט צום אבל אין הויז אַריין און מאַכן אויך די צערע־מאָניע מיט די אַנדערע אבלים פון הויז און ס'הייבט זיך אויף אַ געוויין און יאָמער. (און דאָס איז, וואָס די חכמים האָבן געזאָגט, שבת ל"ג, אַז מיט שווערקייט האָט מען מתיר געווען מנחם־אבל צו זיין אום שבת.)

## 3.

## לערנען תורה דורכן שבת'דיקן טאָג

טאָג אין טאָג, און בפרט אין טאָג פון שבת־קודש, זיינען אַלע צען שולן פול מיט מענטשן, אינדערפרי און אָוונט. און שבת קלייבן זיך די יודעי־ספר צונויף אין ספּעציעלע הייזער צו לערנען תורה און מוסר מיט אַ רבי'ן. דאָס ווערט אָנגערופן „משמרת", און איינער העלפט דעם אַנדערן, און זאָל הערשן שלום ביי אידן.

## 4.

## די קאַראַאימישע קהילה אין קאַאיראָ

און ס'איז אמת, אַז על־פּי־רוב לייענען זיי (די קאַראַאימישע קהילה) שבת אין שול פון חומשים, אָדער תנ"כ'ן, וואָס זיינען געשריבן מיט נקודות און טראָפּ. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס זיי האָבן איצט ניט קיין ריכטיקע ספרי־תורה, ווייל זיי האָבן ניט קיין סופרים, און די רבנים'שע אידן פאַרקויפן זיי ניט קיין ספר־תורה, סיידן פאַר גאָר אַ הויכן פּרייז. אָבער ווען זיי האָבן אַ כשר'ע ספר־תורה — לייענען זיי פון ספר־תורה, ווי ביי די רבנים'שע אידן. און דער רמב"ם האָט שוין גע'פסקנ'ט אין זיינע בריוו און תשובות, אַז אויב אין אַ שול איז ניט פאַראַן קיין כשר'ע ספר־תורה — מעג מען לייענען פון אַ חומש און מאַכן די ברכות כדין, הגם גאָר פיל האָבן אים באַקעמפט דער־פאַר, האָט מען אָבער פאַרט אָנגענומען דעם רמב"ם'ס דעה.

## 5.

## דער שבת'דיקער טאָג אין די תימנ'ער קהילות

זיי היטן אָפּ דעם טאָג שבת ווי דער דין איז. פרייטיק נאָך האַלבן טאָג קומט יעדער איינער פון דער אַרבעט און זיי גרייטן זיך צו קבלת־שבת. זיי גייען טובל'ען זיך אין מקוה און גאָלן אָפּ דעם קאָפּ יעדן ערב־שבת, און אַלע קענען זיי די דאָזיקע מלאכה. און פאַרן טובל'ען זיך גאָלן זיי איינע די אַנדערע. נאָכדעם גייען זיי אין שול דאַווענען מנחה־גדולה און מ'גייט אַהיים. זיי כאַפּן עפּעס איבער און טוען זיך איבער אין די ווייסע שבת'דיקע בגדים. די שבת־דיקע זיינען ווי די וואָכעדיקע, נאָר פריש און ווייס, אַחוץ דער אויבערשטער בגד, אין וועלכן ס'זיינען פאַראַן די ציצית, וואָס שוואַרצער און דיקער — אַלץ בעסער. און זיי טוען זיך ניט אָן אין ווייסע טליתים מיט בלויע פּאַסן, ווי אונדזערע, ווייל אַזוי איז זייער הילוך ביי טאָג און ביינאַכט. און מ'קלייבט זיך צונויף אין בית־מדרש אין גרויסן טאָג און מ'זינגט שיר־השירים מיטן

שיינעם ניגון אַלע צוזאַמען און מ׳זאָגט זוהר מיט קדושה און ניגון אַלע צו־זאַמען, ביז קבלת שבת. און מ׳זאָגט בלויז „לכו נרננה" און „מזמור לדוד הבו", „לכה דודי" און „מזמור שיר ליום השבת". ניט לאַנג צוריק זיינען דאָ אָנגעקומען נייע סידורים, נוסח־ספרד, און דאָרט איז פאַראַן אַ נייער שיר פון בר־יוחאי. און אַזוי ווי אַ ספר (אַ געדרוקטס) איז דאָ אַ זעלטנהייט, האַלטן זיי פון איטלעך געדרוקט וואָרט, ווי פון אַ הלכה למשה מסיני, און אַזוי ווי זיי פאַרנעמען זיך זייער שטאַרק מיט זוהר און קבלה — האַלטן זיי אַז דער שיר איז פאַרפאַסט געוואָרן פון ר׳ שמעון בן יוחאי, צי פון איינעם פון זיינע תלמידים. דעריבער איז פרייטיק־צו־נאַכט דער דאָזיקער שיר ביי זיי קודש־קדשים און זיי געפינען אין אים גאַנצע בערג מיט סודות און רמזים. עס שטעלט זיך אַוועק אַ זקן, אַ גרויסער מקובל, אין טלית און זאָגט דעם שיר מיט היילקייט און געוואַלדיקער מורא און מיט גרויס התלהבות און דער גאַנצער קהל ענטפערט אָפּ: „בר יוחאי!" נאָך יעדן חרוז. דערנאָך, ווען די שטערן באַוויזן זיך, דאַוונט מען מעריב און מ׳גייט אַהיים. קידוש און עסן, ווי דער מנהג איז.

דריי שעה פאַרטאָג (איך בין דאָרט געווען ווינטער־צייט) שטייען זיי אַלע אויף אויפן רוף פון שמש און קומען זיך צונויף אין שול צו זאָגן זוהר און תיקון־רחל און ספּעציעלע שירים. יעדער איינציקער ברענגט מיט זיך אַ ליימענע פלאַש וואַרעמע קאַווע, וואָס שטייט פון נעכטן אָן אין דער הרובע. מ׳טרינקט און מ׳איז מכבד איינע די אַנדערע און מ׳זאָגט און מ׳זינגט ביז עס נעמט שאַריען אויף טאָג און מען דאַוונט שחרית איידער די זון גייט־אויף. נאָר דער שחרית׳דיקער קדושה פאַרלאָזן זיי איינציקווייז די שול און גייען צו זייערע היימען (וואָס זיינען ניט ווייט פון שול) איבערצוכאַפּן דאָס האַרץ נאָך קידוש מיט וואַרעם געבעקס וואָס איז געשטעלט אין אויוון, און נאָכדעם קומט מען צוריק אין שול אַריין צו הערן קריאת־התורה. זיי זיינען זייער מאריך מיטן לייענען, איבער צוויי שעה צייט, מחמת יעדער איינער פון די אויפגערופענע לייענט אַליין די פרשה און זיי זיינען שטאַרק ממשיך מיטן לייענען און מיטן זינגען. און אַ אינגל, אומגעפער ניין יאָר אַלט, (יעדן שבת אַן אַנדער אינגל) שטייט ביי דער בימה און זאָגט דעם תרגום פון יעדן פסוק און איז אויך זייער שטאַרק מאריך. דער תרגום־זאָגער וואַרט ביז דער בעל־קריאה ענדיקט לייענען און דער בעל־הקריאה וואַרט פאַר דעם תרגום־זאָגער. און אַזוי איז אויך מיט דער הפטורה, אין אַ תרגום וואָס זיי האָבן אין אַ כתב־יד, און איז געמישט מיט דרוש. דער תרגום פון דער תורה איז אויך פון אַ כתב־יד. און מען איז שטאַרק מדקדק מיטן בעל־קריאה און אויך מיטן תרגום־זאָגער מיט יעדער איינציקער תנועה און טראָפּ. כ׳האָב שוין אויבנגעזאָגט, אַז זיי זיינען שטאַרק בקי אין תנ"ך און אין תרגום, אַז כמעט זיי קענען זיי אויף אויסווייניק. איצט וועל איך ברענגען אויף דעם אַ געטרייען

עדות. דאָס אינגל, דער משרת, וועמען כ׳האָב דאָ געדונגען, און איז אַרום אַכצן יאָר אַלט, איז אַ שוסטער ביים פאַך און ער טראָגט אַרום זיינע שיך פאַרקויפן איבער די מערק און דערפער. שבת־קודש פרשע מצורע זיינען מיר געווען אין חילא, אַ קליין שטעטל, און אַלע שטאָטלייט זיינען געווען יענעם שבת צעלאָפן פון דער היים מחמת דעם קיניג׳ס צינזמאַנער, און מיט שווער־קייטן האָבן מיר געקענט צונויפשטעלן אַ מנין צום דאַווענען אין שול און מיר האָבן געליינט אין ספר־תורה און תרגום, ווי דער מנהג איז. ווען מיר זיינען געקומען צו מפטיר איז ניט געווען דער תרגום, (ווייל אין די געדרוקטע חומשים איז דער תרגום צו די הפטורות ניטאָ) מחמת דער גבאי האָט באַהאַלטן אַלע ספרים, מען זאָל זיי ניט פאַרנעמען. זיי האָבן בלויז מיט־געבראַכט מיט זיך אַן איינציקע ספר־תורה, זיינען זיי געשטאַנען באַטריבטע און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. האָט זיך אויפגעשטעלט דאָס אינגל, מיין משרת, סעדיה דער שוסטער, און געזאָגט: לייענט פאַר מיר און איך וועל זאָגן דעם תרגום אויף אויסווייניק. און אַזוי איז טאַקע געווען. דער מפטיר האָט געליינט אַ פסוק פון חומש און ער האָט געזאָגט דעם תרגום פסוק אין פסוק, מיטן ניגון און דקדוק. און נאָך מער: די הפטורה פון „וארבעה אנשים״, וואָס איז זייער אַ לאַנגע, האָט נאָך דערצו אַ גרויסע הקדמה צום תרגום, אַ מין דרוש: ווער זיינען געווען די פיר מענטשן און וואָס, אאַז״וו, און ער האָט דאָס אַלץ געליינט אויף אויסווייניק. ווען כ׳זע דאָס ניט — וואָלט איך דאָס ניט געגלייבט.

נאָך מוסף דאַווענען זאָגט פאַר זיי דער רב אַ שיעור אין הלכה, אָדער אגדה, און מען גייט אַהיים, ווען ס׳איז שוין אַ דריטל טאָג אַוועק. מען עסט און מען טרינקט, ווי זייער מנהג איז, פירות, קערלעך, און וואַרעמעס. נאָכ־דעם ווי מ׳האָט זיך אַביסל אָפגערוט — קומט מען זיך ווידער צונויף אין שול, פון קליין ביז גרויס, און מ׳לערנט בציבור. און דער וואָס קען ניט לערנען זיצט און האָרכט זיך צו, אָדער דער רב זאָגט און דרשנ׳ט. מ׳זיצט אין שול ביז ס׳נעמט שוין ווערן אָוונט און מ׳דאַוונט מנחה און מ׳גייט אַהיים עסן שלש־סעודות. פאַר יעדער סעודה טרינקט מען בראַנפן, מען עסט פירות און קערעלעך און מ׳דאַוונט מעריב אַהיים.

דאָ, אין די אידישע שטעט, זעט מען ממש ווי אַ בת־קול רופט אויס: „היינט איז שבת ביי גאָט!״ זיצט יעדער אויף זיין אָרט, קיינער זאָל ניט אַרויסגיין פון זיין פלאַץ! דער שבת זעט זיך אָן ביי יעדן איינעם. שטיל און רואיק. די קראָמען און די הייזער זיינען צוגעשלאָסן, קיין מענטשן אין די גאַסן זיינען ניטאָ. די ווייבער און די קינדער זיצן פאַרמאַכט אין די הייזער און די מאַנסלייט מיט די אינגלעך זיינען אין שול. נאָר אַרום דער שול לאָזט זיך הערן אַ האַלבע נאַכט און אַ גאַנצן טאָג דאָס קול פון תורה און תפילה. כ׳האָב געזען און דאָס האַרץ האָט זיך געפרייט. וואויל איז אייך, אידן!

## 6.

## אַ שבת פון טרויער אין צענא

(הויפּט־שטאָט פון תימן)

שבת מברכים פון ראש־חודש אָב איז אַ שבת פון טרויער און נאָכן עסן לייגט מען זיך ניט צו אַביסל שלאָפן, ווי דער שטייגער איז יעדן שבת. מ׳קלייבט זיך צונויף פון גרויס ביז קליין אין די גרויסע פיר שולן תפילה צו טאָן אויף די דריי אָנשיקענישן: פּעסט, הונגער און דעם קיניגלעכן צאָרן. פריער זאָגט מען מזמורים פון תהלים, תפילות און תחנונים, מ׳שרייט אויפן הויכן קול און עס פליסן באַכן טרערן פון די אויגן. נאָכדעם האָבן זיך אויפגעשטעלט די זקנים און מר אברהם, דער רב פון שול „בית צאליח״, וואו כ׳האָב געדאַוונט, און זיי האָבן גערעדט דברי־תורה און מוסר פון מדרש און אגדה, האָבן צעבראָכן איטלעך האַרץ און געבויגן איטלעכנס הייך, און דער עולם האָט נאָך מער געוויינט. די חדר־אינגלעך זיינען געזעסן אויף דער ערד אינמיטן שול אין אַן עיגול, אָנגעשפּאַרט איינס צום אַנדערן מיט זייערע מלמדים צווישן זיי וואָס האָבן מיט זיי געזאָגט. און דער דרשן האָט זיך געווענדט צו די יונגע קינדער און געזאָגט: „הייליקע קינדער, וואָס טוט איר טאָן שוויגן? רופט צום דערבאַרעמדיקן פאָטער מיט אַלע כוחות! אפשר וועט ער פאַרנעמען אייער קול, דאָס קול פון די שעפעלעך וואָס זיינען ריין פון זינד!״ דעמאָלט האָבן די מלמדים אָנגעהויבן, און די תלמידים נאָך זיי, און געשריען מיט האַרצרייסנדיקע קולות: „יא רבנא אירחימנא!״ „גאָט אונדזער האָר האָב רחמנות!״ אַז די ווענט פון דער שול און די באַלקנס האָבן זיך אַזש געטרייסלט. אַזוי האָבן זיי אַ סך מאָל געשריען אין איין קול ביז זיי זיינען מיד און אַנטשוויגן געוואָרן. זיי האָבן מאריך געווען מיט זייערע תפילות און געוויין, און די אינגלעך מיט זיי, ביז ס׳איז געוואָרן פאַרנאַכט. האָבן מיר געדאַוונט מנחה און אַרויסגעקומען פון שול, ווען ס׳האָבן זיך שוין באַוויזן די ערשטע שטערן און מיר האָבן שוין ניט געקענט עסן די דריטע סעודה.

## 7.

## שבת, ווען מ׳בענטשט ראש־חודש אלול

שבת, וואָס מען בענטשט ראש־חודש אלול, איז דאָ, אין צענאָ דער מנהג, אַז דער רב און די דיינים גייען אַרום אינעדפרי צום דאַוונען, איבער אַלע שולן און זיי האָבן מיט זיך מגילות פון מוסר און אַזהרות צו דערוועקן די הערצער פאַר די אָנטקעגנקומענדיקע ימים־נוראים. (דאָס אייגענע אין שבת־הגדול, זיי אויפקלערן די דינים פון חמץ בפסח.) איך בין

אויך מיט זיי אַרומגעגאַנגען, מחמת דער דאָזיקער מנהג איז ביי מיר זייער טייער, און מיר האָבן ניט געקענט באַזוכן אַלע צוואַנציק שולן, אַפילו, ווען זיי וואָלטן מאריך געווען פון באַגינען ביז שפּעט בייטאָג — און מיר האָבן געענדיקט מנחה־צייט. צו מוסף, זיינען מיר צוגעקומען צו דער שול פון רב און מקובל מר יחיא כהן, נ״י. דאָרט, האָט מען מיך געבעטן דאַווענען פאַר זיי מוסף, ווייל כ׳בין שוין געווען פאַרטיק אַוועקצופאָרן פון דאָרטן באַלד נאָך שבת. ווען כ׳בין מיט צעבראָכן האַרץ געקומען אין חזרת־הש״ץ צו די ווער־טער: „יהי רצון, אַז דו זאָלסט אונדז ברענגען מיט שמחה צו דיין לאַנד און אונדז איינפלאַנצן אין אונדזער גרענעץ״ — האָט זיך מיר ס׳האַרץ גע־עפנט, און כ׳האָב מיך ניט געקענט אָפּהאַלטן פון וויינען, און כ׳האָב גערופן מיט אַלע כוחות, ביז כ׳האָב ניט געקענט מער אַרויסברענגען קיין ווערטער. און דער גאַנצער הייליקער קהל האָבן מיט אַ צעבראָכן האַרץ געגאָסן טרערן און פון שבת — איז ביי אונדז געוואָרן אַ יום־כפּור.

## ישראל בן יוסף בנימין

## פון „ספר מסעי־ישראל״

### 1.

### ביי די קורדיסטאַנער אידן

אינדערוואָכן טוען זיך די מענטשן אָן אַ העמד פאַרגאַרטלט מיט אַ קרייקע, קורצע לייוונטענע הויזן ביז די קני, און אַ קליין מיצל אויסגעפלאָכטן פון אַ שוואַרץ טיכל אויפן קאָפּ, און זיי גייען אַרום באָרוועס. שבת טוען זיי זיך אָן אַ לאַנגען וואָלענעם מלבוש מיט שיך אויף די פיס.

### 2.

### ביי די באַגדאַדער אידן

פרייטיק, דריי נאָך האַלבן טאָג, ווערט אָפּגעשטעלט יעדער האַנדל און די טירן פון אַלע געשעפט־הייזער שליסן זיך צו. יעדער איינציקער גייט אַהיים, טוט זיך איבער און איילט אין בית־מדרש אַריין מקבל־שבת צו זיין מיט שירים און תפילות ביז אַ שעה פאַר זונענאונטערגאַנג — דעמאָלט גייט ער צוריק אַהיים. אין דער געזעלשאַפט פון זיין הויזגעזינט זינגט מען שירים און זמירות לכבוד שבת און מ׳נעמט אַביסל ווייַן אויפצוהייטערן ס׳האַרץ. אַזוי גיך ווי די לעצטע שטראַלן פאַרגייען — זאָגט מען „שמע״ און מען זעצט זיך עסן. די סעודה פאַרציט זיך אָפּט ביז האַלבער נאַכט. שבת אינדערפרי גייט מען אין שול אַריין דאַווענען, נאָכדעם קומט מען אַהיים עסן און מ׳לייענט

די נביאים. על־פי־רוב קומען זיך צונויף אויף איין פּלאַץ עטלעכע משפּחות און איינער לייענט פאַר און דערקלערט פאַר זיי גאָטס וואָרט און אַלע האָרכן אויפמערקזאַם און מיט גרויס כוונה. נאָכדעם גייט איטלעך איינער צו באַזוכן זיינע פריינט, און נאָך האַלבן טאָג גייט מען אַביסל שפּאַצירן און כאַפּן פרישע לופט. די רייכע אידן האָבן שיינע זומער־וואוינונגען און מילגרוים־גערטנער אויפן ברעג פון טייך חדקל, און דאָרט פאַרברענגען זיי דעם גאַנצן זומער.

## אפרים דיינאַרד

# די שבת־מנהגים פון די קרימער קאַראַאימען

און דער דאָזיקער חכם, יהודה האבל, אָדער הדסי, דער מחבר פון „אשכול הכופר", האָט גוזר געווען, אַז מ'טאָר ניט מחלל־שבת זיין צוליב אַ געפערלעכן קראַנקן, ווייל אויב דער חולה וועט זיך שטעלן אויף די פיס און בלייבן לעבן — איז דאָך איבעריק מחלל־שבת צו זיין איבער אים, ווייל ער וואָלט דאָך געבליבן לעבן אָן דעם אויך, און אויב ער וועט שטאַרבן, וועט מען דאָך מחלל־שבת זיין פונוועגן אַ טויטן. אַזוי האָט ער אויך גע'אסר'ט אויף די קאַראַאימען אַריינצוקומען ביי אַ רבנישן אידן אין הויז אום שבת, ווייל דער איד צינדט אָן ליכט אין הויז ערב־שבת און דער פּסוק זאָגט: „איר זאָלט ניט אָנצינדן קיין פייער אין אַלע אייערע וואוינערטער", דאָס מיינט צו זאָגן, אומעטום וואו איר זיצט, וכדומה, אַזעלכע נאַרישקייטן אָן אַ סוף.

שבת לייענט מען די תורה אין דער סדרה פון דער וואָך פון אַ געדרוקטן חומש. נאָר ווען ס'קומט צו זיי אַ חשוב'ער אורח פון זייער סעקטע, נעמט מען אויס פון זיין כבוד־וועגן אַ ספר־תורה. ווען זיי דאַווענען — האַלט יעדער איינער פון זיי אַ סידור אין האַנט. זינגען זינגט מען ניט. זיי האָבן איין ניגון פאַר שבת און יום־טוב, פאַר טרויער און פרייד, וואָס זיי בייטן קיינמאָל ניט איבער. שבת און יום־כפור צינדט מען אין שול קיין ליכט ניט אָן און זיי דאַווענען אינדערפינצטער. נאָכן דאַווענען קערט דער חזן אום זיין פּנים צום עולם און בענטשט זיי: „אייער תפילה זאָל אָנגענומען ווערן!" אַזוי דריי מאָל נאָכאַנאַנד, און דער עולם ענטפערט אָמן.

די קאַראַאימען, ווי די שומרונים, האָבן מחמיר געווען אין די דינים פון שבת, לויט דעם פּשוט'ן אות פון דער מצוה פון תורה. אַזוי ווי די שומרונים צינדן זיי קיין ליכט ניט אָן פרייטיק פאַרנאַכט, און אַזוי ווי זיי, האָבן זיי גע'אסר'ט אַרויסצוגיין פון הויז אין שבת'דיקן טאָג, אַחוץ נאָר צום

דאַוונען, ווייל זיי טייטשן אויס דעם פּסוק: „קיינער זאָל ניט אַרויסגיין פון זיין פּלאַץ אויפן זיבעטן טאָג" — אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט.

# די געזעצן פון שבת ביי די קאַראַאימען

די קאַראַאימען, אָדער די בעלי־מקרא, זיינען אַ אידישע סעקטע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין אָנהייב פון אַכטן יאָרהונדערט, לויט דער קריסט־לעכער צייט־רעכענונג, אין בבל און אין פּערזיע. זיי לייקענען אין דער תורה שבעל־פּה און אירע מקורות, די משנה און דער תלמוד, און האַלטן בלויז פון תורה־שבכתב. זייער צאָל — איז אַרום צען טויזנט נפשות, זייער גרעסטע מערהייט איז אין רוסלאַנד און זייער מינדערהייט אין פּוילן, טערקיי און מצרים, ביים טייך פּרת און אַ זייער קליינע צאָל אויך אין ארץ־ישראל. (ירושלים) אין די געזעצן פון שבת זיינען זיי מחמיר מער פון אַלע אַנדערע אידן. זיי האָבן אויך איינגעשטעלט די ל"ט מלאכות וואָס זיינען פאַרבאָטן אום שבת, אָבער ניט אַלע פון זיי זיינען ווי די יעניקע וואָס ווערן אויסגערעכנט אין משנה. וויבאַלד די קאַראַאימען רעכענען זיך ניט מיט דער מסורה, באַמיען זיי זיך צו באַווייזן, מיט ראיות פון דער תורה און דורך אַנדערע מידות מיט וועלכע זיי דרש'ען, די פּעולות וואָס זיינען ביי זיי אין כלל פון „מלאכה", וואָס איז פאַרבאָטן אום שבת. פון די „אב־מלאכות" — דרינגען זיי אַרויס פיל מער תולדות און חומרות ווי די ראַבאַניטן, וואָס האַלטן זיך אָן דער תורה שבעל־פּה. אַפילו אַרבעטן וואָס מ'האָט אָנגעהויבן אָן ערב־שבת און זיי פאַרפאַרטיקן זיך פון זיך אַליין אום שבת — ווי, למשל, אָנצינדן אַ ליכט, אָדער הייצן דעם אויוון — מוז מען דאָס אויסלעשן מיט זון אונטערגאַנג, ווי די שומרונים און פלאַשן זיינען זיך נוהג. נאָר די לעצטע קאַראַאימישע חכמים זיינען מתיר אָנצוצינדן אַ ליכט פריטיק פאַרנאַכט אויף דער נאַכט פון שבת, כדי מ'זאָל ניט זיצן אינדערפינצטער. עסנוואַרג, ווי ברויט און פליש, און דאָס גלייכן, טאָר מען ניט שניידן מיט קיין מעסער, נאָר מיט דער האַנט. די קאַראַאימען טיילן זיך ביז היינט אין „ליבהאָבער פון ליכט" און „שונאים פון ליכט", לויט דעם ווי זיי באַציען זיך צום אָנצינדן פון ליכט. ווער עס טוט אַ מלאכה ערב־שבת, וואָס קען ניט פאַרענדיקט ווערן ביז שבת — יענער איז עובר אַן עבירה, לויט זייער מיינונג, ווי ער וואָלט געטאָן אַן אַרבעט אום שבת. געשלעכטלעך־פאַרקער איז ביי זיי פאַרבאָטן אין דער נאַכט פון שבת. זייערע חכמים ברענגען מכוח דעם דאָזיקן פאַרבאָט וויטלויפיקע ראיות פון דער תורה. (זע ר' אברהם אבן־עזר'ס פירוש אויף שמות ל"ד, כ"א) דער איסור פון מוקצה און טראָגן אום שבת איז אויך נוהג ביי די קאַראַאימען; נאָר זיי האַלטן ניט פון דער תקנה פון עירוב, וואָס די חכמים האָבן איינגעפירט כדי לייכטער צו מאַכן. אין אַ קאָנפליקט צווישן שמירת־שבת און אַן אַנדער

מצוה, ווי למשל מל'ן אַ קינד שבת, איז פאַראַן אַ מיינונגס־פאַרשיידנהייט צווישן די קאַראַאימישע חכמים, אייניקע זיינען מתיר מחלל־שבת צו זיין צוליב דער מצוה, און מאַנכע — ניט.

(פון מאַריס צאַבעל'ס Der Sabbat, בערלין, 1935)

## צבי כשדאי

# שבת אין סיביר

ווערכני־אודינסק (סיביר) חודש אדר תר"ן: ערב־שבת פאַר זונאונטערגאַנג בין איך געגאַנגען אין שול אַריין צו קבלת־שבת. כ'האָב אַ שטיקל צייט שפּאַצירט צווישן די קראָמען און ווערהייזער, אַאַז"וו, און כ'האָב געזען אַ סך פון זיי געשלאָסן, מיט אידישע נעמען און פאַמיליע־נעמען איבער זיי. כ'בין אַריינגעקומען אין אַ פּראַכטיקן בנין פון שול, געבויט מיט אַ פיינעם געשמאַק און פּראַכטיק באַלויכטן. ס'איז ביי מיר געווען אַ פרייד צו זען דעם דאָזיקן בנין, וואָס האָט ניט זיינס גלייכן אין אַלע שטעט פון מערב און מזרח־סיביר. פרייטיק־צו־נאַכט זיינען געווען ווייניק דאַווענער, מחמת דער טאָג איז דאָ זייער אַ קורצער (צוויי נאָכמיטאָג איז די זון אונטערגאַנגען.) און אַ סך האָבן ניט באַוויזן צו קומען נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אָפּגע'פּטר'ט מיט זייערע געשעפטן, נאָר אויף מאָרגן אינדערפרי, צו שחרית, איז דאָס הויז געווען געפּאַקט מיט מענער און פרויען.

סוחרים און גרויסע געשעפטסלייט פון ווייטע פלעצער האָבן אָוועקגעוואָרפן אַלע זייערע געשעפטן און געקומען דאַווענען אין הויז וואָס זיי האָבן אויפגעבויט פאַר גאָט, אַ מקדש־מעט, ביים עק פון מזרח־סיביר, אויף דער צווייטער זייט פון באַיקאַל! אידן אָנגעטאָן און אויסגעפּוצט אין דער לעצטער מאָדע, וואָס ס'איז גאָר קיין שיעור ניטאָ צו זייער רייכקייט און האַנדל פילן אָן גאָטס הויז, אין אַ „גרויסן קאָכעדיקן" מאַרקטאָג, ווען אַלע הענט זיינען פאַרנומען און אַלע פיס לויפן אימפּעטיק צו קויפן און פאַרקויפן. איבערהויפּט איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן, וואָס אויף דער בימה איז געשטאַנען אַ הויכער קרעפּטיקער מאַן, מיט אַ שיין פּנים און מיט אַ גרויסער גאָלדענער קייט אויפן ברוסט, געפּאַסט מיט טייערע שטיינער, און אויפן האַלדז האָט ער געטראָגן אַ גרויסע מעדאַל פון דער רעגירונג, פאַר זיין פלייסיקן האַנדל און פאַר זיין צדקה. און ער איז דאָס געווען דער חזן, וואָס האָט געדאַוונט פאַרן עמוד אין דער פרעמדער שטאָט.

דורך דער צייט פון קריאת־התורה האָבן די אויפגערופענע אָנגעהויבן צו שנדר'ן פאַר דער שול, וואָס אַלע אירע הכנסות קומען פון די אורחים, וואָס פאָרן זיך צוזאַמען, יאָר אין יאָר, צום יריד. די נדבות דורך דער צייט פון יריד, באַטרעפן אומגעפער טויזנט רובל יעדן איינציקן שבת.

נאָך מוסף און קדושה האָט זיך קיינער ניט אויפגעהויבן פון פּלאַץ, (ווי ס'איז געווען דער שטייגער פון די פריערדיקע סיביריאַקעס, וואָס די ווייניקע דאַווענער פלעגן זיך באַלד צעלויפן נאָך דער צווייטער קדושה, און אַנדערע פלעגן זיך צעלויפן נאָך זייער מפטיר) מ'איז געבליבן זיצן אויף די פּלעצער און געענטפערט אָמן נאָך יעדער ברכה, ביז דער חזן האָט געענדיקט חזרת־הש"ץ און ביז נאָך „אנעים זמירות" און „אדון־עולם" מיט אַ פיינעם זיסן ניגון, וואָס כמעט אַלע האָבן מיטגעזונגען מיט גרויס געפיל. דאַן זיינען אַלע צוגעקומען צום חזן און אים אויסגעדריקט זייער דאַנק און ברכה.

## שלמה ריינמאַן

# שבת אין עדת „בני ישראל" פון באָמביי (אינדיע)

אין באָמביי געפינען זיך אַרום דריי הונדערט משפחות (פון די „בני־ישראל") און זיי האָבן צוויי שולן און צוויי שוחטים, און זיי היטן אָפּ שבת. אין פּאַנוויל איז פאַראַן איין שול און בלויז צוואַנציק הייזער היטן אָפּ שבת. אין די ווינדעראַ איז פאַראַן אַ שול, אָבער זייער ווייניק היטן אָפּ שבת. די אָרעמע וואָס מאַכן חיונה פון אַרבעט ווילן ניט אָװעקוואַרפן זייער אַרבעט דורכן טאָג שבת. זייער טענה איז, אַז אויב זיי וועלן שבת ניט אַרבעטן וועלן זיי ניט האָבן מיט וואָס צו לעבן. דעריבער, האָבן זייערע מנהיגים ביז צום היינטיקן טאָג ניט געקענט זיי מקרב זיין צו דער דאָזיקער מצוה. און מען באַטראַכט זיי ניט דערפאַר, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעזונדערט פון קהל, און זיי גופא פאַרהייליקן שבת מיטן מויל און האַרץ, און גלייך מיט יענע וואָס היטן אָפּ שבת, קומען זיי אויך פרייטיק פיר אַזייגער בייטאָג אַהיים, וואַשן זיך אַרום און טוען אָן פיינע בגדים און זיי קומען אין שול אַריין מקבל־שבת צו זיין מיט שמחה, און זיי דאַווענען מעריב, לויטן מנהג פון דער שטאָט קוטשין. און נאָכן דאַווענען זינגט דער חזן שבת'דיקע שירים, דערנאָך מאַכט ער קידוש אויף ראָזשינקע־ווײַן און טרינקט אויס זיין כוס און יעדער איינער פון די דאַווענער באַקומט אַ קליינעם כוס ווײַן און זיי גייען אַהיים מונטער און פריילעך און זיי עסן זייער סעודה: ברויט, ווײַן און פּירות און זיי זינגען אַ לאַנגע צייט הייליקע לידער. אין דער פרי הייבן זיי זיך אויף צו גיין אין שול אַריין. צו דער תורה רופט מען אויף בלויז די יעניקע, וואָס היטן אָפּ שבת מיט אַלע דינים, און די וואָס היטן אים ניט אָפּ כדין גייען אַהיים, מאַכן קידוש און עסן פרישטיק און צען אַזייגער גייען זיי צו דער אַרבעט.

## ד״ר י. פייטלאָוויטש

# שבת ביי די אידן-פאַלאַשן

מיר (פאַלאַשן) פייערן דעם טאָג שבת, ווי ס׳שטייט געשריבן אין דער תורה: „ווייל אין זעקס טעג האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער אויפגעהערט און גערוט.״ מיר צינדן ניט אָן קיין פייער אין דער נאַכט פון שבת ביז מוצאי־שבת. — —

(זיי) האָבן תענוג פון כל־המינים גוטע מאכלים לכבוד דעם טאָג. שבת איז דוחה אַ תענית, אַפילו יום־כפור וואָס פאַלט אויס אין אַ שבת, עסט מען זיך ניט אָן צו זאַט, ווי אין אַ געוויינלעכן שבת. אָבער מ׳פאַרזוכט עפּעס, כדי צו באַווייזן, אַז שבת איז גרעסער פון יום־כפור.

ראש־השנה וואָס פאַלט אויס שבת דאַוונט מען ווי אין יעדער נאַכט פון שבת, נאָר מ׳גיט צו שירים און לויבן און מען איז מאריך די גאַנצע נאַכט. בייטאָג זאָגט מען ספּעציעלע תפילות, מער ווי אין אַ געוויינלעכן שבת, מען לייענט די תורה, און אַ באַזונדערן פּרק וועגן „אַברהמס לעבן״ און זיין צוואה צו זיין זון יצחק. — —

אַז זיי האָבן אַמאָל געזען, ווי צוויי אידישע טוריסטן זיינען געקומען צופאָרן שבת זיינען זיי געוואָרן מלא־כעס אויף ד״ר פייטלאָוויטשן און צו אים געזאָגט: „ליגנער זענט איר און ניט קיין אידן. איר ווילט, ווי אייערע רבנים שרייבן, באַקערן אונדזערע קינדער צום אידנטום. און די דאָזיקע טוריסטן זיינען דאָך אייערע ברידער, אידן, טאָ פאַרוואָס פאָרן זיי אום שבת? וואָס ווילט איר לערנען אונדזערע קינדער? איר ווילט זיי אויסלערנען מחלל־שבת צו זיין און זיי אָפּ׳שמד׳ן?״

די פאַלאַשן האָבן אַ מנהג צו פאַרהייליקן יעדן זיבעטן שבת מיט אַ גרעסערער קדושה. אין דער נאַכט פון שבת קומען זיי זיך צונויף אין שול צום דאַוונען, זיי זיינען מפסיק בלויז פאַר דער נאַכטיקער סעודה, דערנאָך דאַוונען זיי אַ צווייטן מאָל און זיי זינגען שירים און לויבן די גאַנצע נאַכט און דעם גאַנצן טאָג אויף מאָרגן.

(פון ד״ר פייטלאָוויטשעס בוך „דורך אַבעסיניע״)

## אליעזר הלוי

(משה מאָנטיפיאָריס סעקרעטאַר)

# די שבת-מנהגים ביי די שומרונים

שבת האָב איך באַזוכט דעם כוהן, צו זען זייער סדר־העבודה, האָב איך געטראָפן זיין זון, ווי ער וואַשט זיינע הענט און פיס, זיין שטערן, אויערן און באָרד, נאָכדעם האָט ער זיך אָנגעטאָן אין אַ ווייסן מאַנטל, איבערן מאַנטל

אַ צונויפגעלייגטע אין דער לענג קלייד, מיט אַ ריינע מיץ אויפן קאָפּ. דער כוהן איז געווען זייער פריינטלעך און גערעדט צו מיר מיט ליבשאַפט: היינט וועסטו זען, אַז כ׳האָב דיך אויסדערוויילט, כ׳וועל דיך מיטנעמען מיט מיר צו לייענען מיט אונדז אין דער תורה. כ׳האָב אים באַדאַנקט פאַר זיינע גוטע רייד און געגאַנגען מיט אים צו איינעם אַ שומרוני אין הויז, וואו איך בין פאַרדעם ניט געווען, איך און דער כוהן און זיינע צוויי זין. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אויף שטולן און מ׳האָט אונדז דערלאַנגט צוויי כתב־יד׳ן פאַר־וויקלטע מיט אַ סך טיכער, איינעם פאַרן כוהן און דעם צווייטן — פאַר מיר. דער כהן האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ משונה׳דיק קול פון האַלדז און געגאַרגלט אומגעפער צוויי שעה נאָכאַנאַנד אין אַ משונהדיק געזאַנג אין דער סדרה פון „ואלה מסעי״, אַז ס׳האָט אַזש געקלונגען אין די אויערן פון זיין נגינה. דערנאָך זיינען מיר אַוועק אין שול און ער האָט געזאָגט צו מיר: די קדושה פון דער תורה איז צו גרויס, אַז מ׳זאָל לייענען די גאַנצע סדרה פאַרן עולם, דערפאַר לייענען מיר פאַר זיי ניט מער ווי דריי פסוקים און מיר קערן צוריק די תורה אין אָרון־קודש. מיר פאַרענדיקן די תורה יעדעס יאָר און מיר פייערן דעם סיום־התורה אויפן באַרג־גריזים מיט דאַנק און מיט שמחה. נאָכדעם האָבן זיי מיך געבעטן איבערזעצן איניקע פסוקים פון דער תורה, צו זען, אויב ס׳שטימט מיט די ספרים וואָס זיינען צו זיי צוגעקומען פון דער ברי־טישער געזעלשאַפט, דורך זייער מיסיאָנער וואולף. און ווען מיר זיינען צו־פעליק געקומען צום ספר־עזרא, האָט ער געקריצט די ציינער און אויסגע־רופן מיט גרויס צאָרן: „פאַרשאָלטן זאָל זיין עזרא און זיינע ספרים!״ זיי האָבן פיינט עזרא׳ן, דערפאַר וואָס ער האָט זיי מחרים געווען, און מיט רעכט: ווייל ער האָט ביי זיי, אויפן באַרג גריזים, געפונען די געשטאַלט פון אַ טויב, און נאָך אין אונדזערע צייטן, פאַר דער הערשאַפט פון איבראַהים פּאַשאַ האָט זיך די געשטאַלט פון טויב געפונען אין זייער בית־תפילה. אויפן דיל פון שול זיינען געווען אויסגעשפּרייט שטרויענע ראָגאָזשעס און איין טייל פון הויז איז געווען אָפּגעצאַמט מיט אַ פאַרהאַנג. דער אַלטער כוהן איז אין שול ניט אַריינגעקומען, ווייל ער האָט יענע נאַכט געזען קרי, און זיין זון האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ, און געווען איז ער אָנגעטאָן, ווי איך האָב אויבן דער־מאָנט. ווען דער עולם איז זיך צונויפגעקומען — האָט ער אומגעקערט צו זיי זיין פנים און צוויי מאָל אויסגערופן: „שמע ישראל איו אלא איו אחד״ (דעם שם־הקדוש רופן זיי „איו״) און די עדה האָט אָפּגעענטפערט מיטן זעלביקן ניגון און אויף אַן אַכטל קול, די אייגענע ווערטער. דערנאָך האָט ער געלייענט פון בראשית, אַלץ מיט פתח׳ן און מיט דער זעלבער נגינה און זיי האָבן געקניט אויף די קני און געלייענט און איבערגע׳חזר׳ט אַרום אַ האַלבע־שעה צייט, ביז ס׳האָט אַזש געקלונגען אין די אויערן פון זייער משונה׳דיק געשריי אַ־אַ־אַ. ווען זיי האָבן נאָך געהאַלטן אין שרייען — האָט דער כוהן

אַרויסגענומען די ספר־תורה און ווען ער האָט זי געעפנט איז דאָס גאַנצע פאָלק געפאַלן צו דער ערד און זיי האָבן זיך ניט אויפגעהויבן ביז ער האָט געענדיקט זינגען אין דער תורה דריי פּסוקים און זי צוריקגעקערט אין אָרון. נאָכדעם האָט דער כוהן אַרויסגענומען די תורה צום צווייטן מאָל און געלייענט פאַר זיי פון „בראשית" ביז „ויכולו", „ושמרו בני־ישראל", „שמע", און נאָך, און דער עולם איז געפאַלן אויף דער ערד אויף דינע פּאַטשיילקעס, וואָס זיי האָבן פאַר זיך אויסגעשפּרייט, און אַזוי איז געווען צום דריטן מאָל, און מיט דעם האָט זיך געענדיקט זייער גאָטעסדינסט.

## י. בן־צבי

## פון „ספר־השומרונים"

שבת פייערן די שומרונים מיט ספּעציעלער חומרא, פון אָונט ביז אָונט און זיי זיינען מחמיר, פונקט ווי די קאַראַאימען, ניט צו עסן קיין וואַרעם געקעכטס און ניט אַרויסצוגיין אַ טריט פון פּלאַץ. „אַ מצוה וואָס די כותים האָבן אָנגענומען, האַלטן זיי שטרענגער פון אידן". דעם גרעסטן טייל פון טאָג פאַרברענגען זיי אין זינגען און דאַווענען, צי אין שול, צי אין זייער ענגן פאַמיליענקרייז.

## נחום סלושץ

## שבת ביי די אנוסים

### א. ליכט־בענטשן

(ווען מ׳גרייט צו די קנייטלעך פאַר די שבת־ליכט)

„ליבקייט פון גאָט, זייער הייליקע ליבקייט!"

איך בעט דיך, גאָט, איך האָב ניט געוואוסט ווי אָפּצוהיטן דיין הייליקע תורה, אָבער איצט, אַז איך וויס *), בעט איך דיך, דו זאָלסט פאַרמערן מיך צו טרייסטן, דערמיט וואָס איך וועל היטן דיין הייליקע תורה. דו זאָלסט מיך אָפּהיטן און באַשיצן און גיב מיר, וואָס איך וויס ניט, ווי צו בעטן ביי דיר: הילף פאַר מיין נשמה און חסד, כדי איך זאָל דינען און לויבן דעם גאָט פון הימל, אָמן.

א. די ברכה אויף די ליכט: געבענטשט ביסטו גאָט, מיין האַר, וואָס האָט אונדז באַפוילן מיט זיינע געבענטשטע און געהייליקטע מצוות, אָנצוצינדן דאָס

*) די אַלטע לערנט דאָס מיידל די מצוות פון דער תורה, בלויז ווען זי קומט צו יאָרן פון פאַרשטאַנד און דעריבער בעט זי אַ סליחה וואָס זי האָט פריער פון די מצוות ניט געוואוסט.

דאָזיקע ליכט, כדי צו באַלייכטן און פייערן די הייליקע נאַכט פון זעקסטן טאָג, פאַר דעם הייליקן און געהייליקטן שבת, אויף פרישן ביימל און מיט אַ פלאַק־סענעם קנויט.

ב. די ברכה אויף די ליכט: געבענטשטע מלאכים, נביאים, אָבות, מלכים, איר זאָלט אונדז דינען פאַר גאָט, צו ברענגען פאַר אים דאָס דאָזיקע קנייטל אין כבוד און ליב פון האַר אין נאָמען פון זעקסטן ביזן הייליקן און פאַרהייליקטן טאָג פון שבת.

ג. דאָס דאָזיקע קנייטל זאָל געבענטשט זיין מיט די ברכות, וואָס דער האַר האָט איינגעטיילט צו זיינע הייליקע קנעכט און דינסטן, פון גאָט זאָל דאָס זיין צו אַברהם יצחק און יעקב און גאָטס רחמים זאָל רוען אויף אונדזערע נשמות.

## ב. שבת־מנהגים ביי די מאַראַנען

די מצוה פון אָפּהיטן שבת איז געווען באַקאַנט ביי אַלע מאַראַנען, הגם אין אונדזער דור זיינען זיי ניט שטאַרק אָפּגעהיט אין דעם. אַמאָל האָבן זיי זיך אַלע אָפּגעהיט פון חילול־שבת, און גאָר פיל זיינען פאַרברענט געוואָרן, אָדער געפּייניקט געוואָרן אין די קעלערן פון דער אינקוויזיציע. אין אונדזערע צייטן זיינען זיי אָפּגעהיט מיט שבת, בלויז פערציק טעג פאַר פסח און דאָס אייגענע פאַר יום־כפור (פון ראש־חודש אלול). אָבער עס געפינען זיך אַ סך סוחרים און בעלי־מלאכה וואָס טוען קיין שום אַרבעט ניט אום שבת. שוואַרץ (דאָס איז דער אינזשעניר שוואַרץ וואָס מיט זיך שוין צענדליקער יאָרן לטובת די אַנוסים) דערציילט, אַז אין יאָר 1918, האָט ער זיך צונויפגעטראָפן אין אַ האָטעל מיט איינעם אַ סוחר אין בעלמאָנט, וואָס האָט שבת בשום־אופן ניט געוואָלט אָפּשליסן אַ געשעפט מיט איינעם אַ גוי. הגם דאָס געשעפט האָט צוליב דעם געהאַלטן ביים בטל ווערן — האָט ער ניט געוואָלט אָפּשליסן דאָס געשעפט ביז שבת אויף דער נאַכט.

ערב־שבת רייניקט מען און מ׳קערט אויס די הייזער און מ׳רוט פון אָונט ביז אָונט. פאַר שקיעה צינדן די ווייבער אָן אַ לעמפּל מיט קלאָרן ביימל, דאָס קנייטל איז געמאַכט פון וואָל און איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר דעם צוועק. און דאָס איז די ברכה פון ליכט־בענטשן: „געבענטשט ביסטו גאָט, מיין גאָט, מיין האַר, וואָס האָט אונדז דערמאָנט און באַפוילן מיט זיינע הייליקע מצוות, אָנצוצינדן דאָס דאָזיקע הייליקע ליכט, צו באַלייכטן און פייערן גאָטס הייליקע נאַכט, כדי גאָט זאָל באַלייכטן אונדזערע נשמות און אונדז באַשיצן פון זינד, שטראָף און פאַרברעכן״.

דאָס שבת׳דיקע ליכט ווערט אָנגערופן „גאָטס ליכט״, און אין איי־ניקע פלעצער פון צפון שטעלט מען אים אַריין אין אַ טאָפּ, ווייל אַזוי פלעגן זיי זיך נוהג זיין אַמאָל, כדי עס צו באַהאַלטן פון דער שפּיאָנירנדיקער אינקווי־

זיציע, מ׳טאָר דאָס ליכט ניט אויסלעשן, ביז ס׳ברענט זיך אויס. שבת קומט זיך צונויף דאָס הויזגעזינט און קרובים און מ׳דאַווענט דריי מאָל. די שבת־דיקע עסנס גרייט מען צו פריטיק, און בדרך כלל עסט מען בלויז פיש און גרינסן, כדי זיך אָפּצוהיטן פון טרפ׳ע עסנס אין הייליקן טאָג. זיי וואונדערן זיך ווען זיי הערן, אַז אידן עסן פלייש אין טאָג פון שבת.

### ג. מנהגים פון אבלות אום שבת

דורכן פאַרלויף פון טרויער־יאָר זייגען זיי זיך נוהג אויפצוראַמען דעם טויטנס צימער לכבוד שבת און מ׳צינדט אָן אַ לעמפּל מיט ביימל, כדי דעם טויטנס נשמה זאָל קענען מקדש־שבת זיין, ווי ס׳דאַרף צו זיין. נון, דער דאָזיקער מנהג ווערט דערמאָנט אין ספר יוחסין (ז׳ 230) וואָס אַזוי פלעגט מען זיך נוהג זיין אין שטאָט־כיגאַר, זיי פלעגן אַפילו צוגרייטן ברויט פאַרן טויטן.

(„די מאַראַנען אין פּאָרטוגאַל״)

## צבי כשדאי

# שמירת-שבת ביי די רוסישע גרים

אין דאָרף פּריוואָלינאָ, אויפן קאַספּישן ים (באַקו׳ער גובערניע), וואָס ציילט אַרום אַכט טויזנט נפשות, האָב איך מיט זיי גערעדט וועגן דער סיבה פאַרוואָס די האָבן אָנגענומען אידישקייט און וועגן די יסורי־גיהנום וואָס איז אויסגעקומען דערפאַר אויסצושטיין, אאַז״וו, ספּעציעל, דורך דער צייט פון קיסר דעם „קצב״ (אַזוי רופן זיי אים צוליב זיין טפּשות און גראָבקייט) אַלעקסאַנדער דעם דריטן, וואָס האָט זיי שטאַרק גע׳רודפ׳ט, איבערהויפּט, דעם דאָזיקן דאָרף, וואָס ער האָט געזוכט אָפּצואווישן פון דער ערד, אָבער זיי האָבן זיך ניט געקלאָגט אויף זייערע העלישעליידן, זיי האָבן זיך בלויז געקלאָגט אויף דעם, וואָס מ׳האָט זיי געצוואונגען מחלל־שבת צו זיין. און דאָס וועלן זיי קיינמאָל דער ממשלת־זדון ניט מוחל זיין.

און ווירקלעך, זיי היטן אָפּ שבת מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט, וואָס שטרענגער איז ניט פאַראַן אין אַלע אידישע קהילות. און דערמיט, פאַר־שעמען זיי אונדז, די אמת׳ע אידן, איבערהויפּט, די „אַשכנזים״ (ד״ה די אידן פון רוסלאַנד און פּוילן, מיט דעם אויסנאַם פון די קאַווקאַזער אידן, וואָס זיינען זייער שטאַרק אָפּגעהיט מיט שבת) וואָס האָבן זיך לעצטנס באַזעצט אין די קאַווקאַזער שטעט, און די מערסטע פון זיי מאַכן דעם שבת וואָכעדיק...

אַלע זייערע קראָמען און סקלאַדן, פאַבריקן און וואַרשטאַטן, פאַרמאַכן זיי פּרייטיק נאָך האַלבן טאָג. און פאַר קיין געלט אין דער וועלט — טוען זיי ניט קיין שום אַרבעט, און זיי וועלן ניט טאָן קיין מסחר, אַפילו אין יענע שעה׳ן, צווישן האַלבן טאָג און זון־אונטערגאַנג, און אַפילו ווען זיי וואָלטן דורכדעם געליטן אַ סך שאָדן.

פאַראַן צווישן זיי, ספּעציעל אין די גרויסע שטעט, פורמאַנעס און אָנ־טרייבערס און סתם משא־פירער, וואָס ציען זייער פּרנסה פון די פערד, און דאָס איז זייער איינציקער קוואַל פון חיונה. און פונדעסטוועגן, ווען ס׳קומט פּרייטיק האַלבער טאָג, אַפילו אינמיטן וועג און אינמיטן דער אַרבעט, וואַרפן זיי אַוועק די אַרבעט אינמיטן גאַס אין מאַרק און איילן זיך צוריק אַהיים מיט זייערע פערד און וועגענער, אאַז״וו. און זיי לאָזן ניט ענדיקן די אַרבעט אַפילו דורך זייערע קריסטלעכע משרתים און די מחמד׳אַנישע קאַלמיקן, מחמת זיי זיינען זייער אָפּגעהיט מיט די ווערטער פון פּסוק: „זאָלסט ניט טאָן קיין שום אַרבעט, דו, און דיין זון, און דיין טאָכטער, און דיין קנעכט, און דיין דינסט... כדי עס זאָל רוען דיין קנעכט און דיין דינסט, ווי דו אַליין״. און ער פאַרגלייכט זיין קנעכט און זיין דינסט — צו זיך אַליין... און פאַר קיין געלט אויף דער וועלט וועט מען זיי ניט אַראָפּפירן פון זייער וועג און זיי וועלן זיך ניט רירן וואָס אַ האָר איז ווערט פון דעם פּשוט׳ן געזונטן מיין פון די דאָזיקע ווערטער.

(„המתיהדים״ פון צבי כשדאי)

# לערנען תורה בשבת

## א. אין איטאַליע

פּרייטיק, פלעגט יעדער איינער (אין די איטאַליענישע ישיבות) לער־נען פאַר זיך. און שבת נאָך מנחה פלעגן די תלמידים לערנען מיטן רבי׳ן, איך מיין, מיטן ראש־ישיבה, הלכה מיט תוספות, און דאָס אייגענע, אַלע אַנדערע תלמידים מיט זייערע רביים.

(ר׳ אליהו קאפסאלי)

חודש ניסן ה׳ ש״ם (1580) האָט מיין פאָטער מיך געשיקט קיין פעראַראַ. כ׳האָב געלערנט אַכט חדשים ביי הרב ר׳ חזקיה פינצי. זיין מנהג איז געווען, אַז אַלע תלמידים וואָס לערנען אלפסי זאָלן מחבר זיין אַן אייגענעם דרוש אויף דער סדרה פון וואָך און שבת, אין בית־מדרש, פלעגט ער צונויפנעמען אַ מנין און דאָס אינגל פלעגט פאַר זיי דרשנ׳ען.

(ר׳ אריה ממדינא)

שבת נאָכמיטאָג, ווינטערצייט, לייענט דער מלמד פאַר זיינע תלמידים פון ספר „תפוחי־זהב״, אָדער פון אַן אַנדער ספר, וואָס רעדט פון גאָטספאָרכטיקייט. זומערצייט — פרקי־אָבות און די פינף מגילות אין זייער צייט, אָדער דעם „מנורת־המאור״, אָדער מדרש־תנחומא. און נאָך יענעם לימוד, איידער מ׳גייט אין שול אַריין צום דרוש — זאָל ער זיי לייענען דעם ספר „ראשית־חכמה״, אָדער אַן אַנדער ספר, וואָס גיט אַריין יראת־שמים אין די הערצער פון די תלמידים.

(תקנות בית תלמוד־תורה בווערנא, ניסן תמ״ח)

שבת־קודש זאָלן זיי איבער׳חזר׳ן די לימודים פאַר די גבאים פון תלמוד־תורה. אין די צוויי שבתים, שבת־תשובה און שבת־הגדול זיינען זיי מחויב צו זיין אין שול, וואו דאָרט ווערט געזאָגט דער דרוש. אַלע קליינע אינגלעך מיטן מלמד און שמש, צוויי שעה פאַרן דרוש.

(תקנות פון תלמוד־תורה פון מעדינא)

שבת, ווינטערצייט, ווען מ׳קומט צוריק פון מנחה, זאָל ער (דער מלמד) לייענען מיט זיי פון „תפוחי־זהב״ און גוט דערקלערן, אָדער פון אַן אַנדער מוסר־ספר, ביז די גבאים וועלן פאַרהערן די אַנדערע כיתות. און זומער, באַלד נאָכן עסן, זאָל ער לייענען מיט זיי די קליינע פרשה, וואָס מען לייענט צו מנחה מיט די טראָפּ און באור, און נאָכדעם זאָל ער זיי דערציילן „מעשיות״ און שמועסן מיט זיי פון זאַכן, וואָס ברענגען צו יראת־שמים.

(תקנות פון תלמוד־תורה, ווענעציע, פון יאָר תע״ד)

אין די זומערדיקע ערב־שבתים זאָלן זיי (די קינדער) זיין אין תלמוד־תורה נאָכמיטאָג אויך און זאָלן לייענען שיר־השירים. שבת זאָלן זיי זיין אין תלמוד־תורה צוויי שעה דורכן זומער, און איין שעה דורכן ווינטער, פאַר מנחה, און זיי זאָלן לערנען די תפילות פון מנחה און מעריב.

(תקנות פון תלמוד־תורה אין פעראַראַ, תקכ״ז)

## ב. אין אַנדערע לענדער

דורכן טאָג שבת, נאָכן עסן, קומען די אינגלעך ביים רבי׳ן אין הויז און לערנען דאָרט אַביסל, און ניט קיין באַשטימטן לימוד; נאָר וויפל ער וויל, ער זאָל נאָר ניט לערנען מיט זיי צו ווייניק, כדי יוצא צו זיין פאַר גאָט.

(פון ספר־המנהגים פון ווערמייזע [וואָרמס])

די מלמדים זיינען מחויב דורך יעדן שבת צו לערנען מיט די תלמידים. און דער וואָס וועט אויף דעם עובר זיין, וועט באַשטראָפט ווערן, אָן קיין שום אויסנאָם.

(תקנות פון אַלטאָנאַ־האַמבורג, תצ״ב)

אויף די גבאים און געלט־מאַנער ליגט דער חוב אָוועקצוגעבן די יתומים צו די בעסטע מלמדים, כדי זיי זאָלן באַקומען אַ גוטע דערציאונג, הן אין פרומקייט און הן אין וועלטלעכע זאַכן, און יעדן שבת־קודש דאַרפן די גבאים שיקן די קינדער צו לומדים, זיי צו פאַרהערן אין זייערע לימודים.

(תקנות פון דער חברה „מגדלי־יתומים", געגרינדעט אין יאָר תצ"ח)

אַצינד, בעוונותינו הרבים, לויפן די קינדער אום אין די גאַסן און שפרינגען ווי די קעלבער און זיינען מחלל־שבת און קיינער קוקט זיך אויף דעם ניט אום. דעריבער מוז יעדער פאָטער אַכטונג געבן אויף זיינע קינדער. אויב דער פאָטער איז אַ למדן — זאָל ער איבער׳חזר׳ן מיטן קינד זיינע לימודים און מיט אים לערנען די דינים פון שבת. און אויב ער איז דאָס ניט — זאָל ער אים פירן צו אַ למדן פון שטאָט, וואָס זאָל אים פאַרהערן, וואָס ער האָט די לעצטע וואָך געלערנט. אויך זאָל דער מלמד מזהיר זיין די תלמידים יעדן ערב־שבת וועגן די דינים פון שבת. און אַזוי האָב איך מיך תמיד געפירט מיט מיינע תלמידים.

(דאָרט, פון ספר „אומר יהודה", ברין תק"ו)

## ג. דאָס פאַרהערן די קינדער

נאָכפאָרשן ווי אַזוי די תלמוד־תורה אינגלעך לערנען יעדן שבת און שבת. זען, וואָס פאַר אַ פעולה זיי האָבן אין לערנען, אַכטונג געבן אויף זיי אין זייערע לימודים.

(פון פנקס־קאַסאַלי, שפ"א)

און אַזוי זאָלן זיי איינפירן, אַז די פרנסים פון שטאָט, זאָלן באַשטימען צוויי מענטשן, גאָט זייער גואל זאָל זיי היטן, אַז זיי זאָלן אַרומגיין איבער די חדרים און הערן ווי די קינדער לערנען, און זיי וועלן דערפאַר האָבן דעם שכר פאַר זייער גיין און הערן. און קיין מענטש טאָר זיך ניט אָפּזאָגן פון גיין און הערן.

(דאָרט, י"ב שבט, שצ"ב)

יעדן שבת־קודש נאָך האַלבן טאָג זאָלן די משגיחים פון יענעם חודש גיין איבער די חדרים פון תלמוד־תורה זיך צוהערן צום לימוד פון וואָס פאַר אַ כיתה זיי ווילן, און אין וואָס פאַר אַ לימוד זיי פאַרלאַנגען, כדי די אינגלעך זאָלן זיך נעמען צום האַרצן, צו וויסן און קענען ווי ווייט מעגלעך, און צו שטאַרקן זייערע הענט אין דער הייליקער אַרבעט.

(תקנות פון דער תלמוד־תורה אין וועראָנאַ, פון יאָר תמ"ח)

דאַנערשטיק און פרייטיק זאָלן זיי איבער׳חזר׳ן דאָס וואָס זיי האָבן געלערנט דורך די פריערדיקע פיר טעג. גרייט פאַרן טאָג שבת, ווען די משגיחים וועלן קומען הערן זייערע לימודים, אַז זיי זאָלן קענען עדות זאָגן פאַרן עולם, אַז די אַרבעט גייט אָן אויפן בעסטן אופן.

(דאָרט))

דריי ממונים דאַרפן אומגיין יעדן סוף וואָך, און איבערהויפט שבת, אַלע אינאיינעם, אָדער איינציקווייז, צו פאַרהערן די תלמידים.

(תקנות פון פּאַדוא, תע״ה)

כדי אויסצופאָרשן דעם פאַרשריט וואָס די קינדער מאַכן אין זייערע לימודים — דאַרפן די ממונים קומען יעדן שבת־קודש, מנחה־צייט אין תלמוד־תורה, און אויב זיי וועלן חס־ושלום געפינען, אַז די תלמידים טוען קיין פעולה ניט אין לערנען, זאָלן זיי גוט נאָכפאָרשן, וועמעס שולד דאָס איז.

(דאָרט)

## א. מ. לונץ

# שבת אין ירושלים און אין אַנדערע שטעט פון ארץ־ישראל

### א. ערב־שבת אין דער אַלטער שטאָט פון ירושלים

פון איטלעך הויז וואָס מיר גייען פאַרביי דערטראָגט זיך אַ רעש און אַ טומל. יעדער איינציקער טוט זיין אַרבעט האַסטיק, כדי וואָס גיכער צו זיין ביים כותל־מערבי. פון אַלע גאַסן שטראָמט אַ ים מענטשן, אָנגעטאָן אין שבת׳דיקע בגדים מיט סידורים אין די הענט. זקנים און זקנות גייען אָנגעשפּאַרט אויף זייערע שטעקנס, קליינע קינדער ווערן געפירט ביי די הענטלעך, אַלע ציען זיך פאַראויס. די זומערדיקע ברענענדיקע זון און די קאַלטע ווינטערדיקע שנייען און רעגנס — האַלטן ניט אָפּ דעם עולם פון גיין צום כותל־מערבי.

די מקובלים וואָס דאַוונען אין „ישיבת בית־אל" זיינען זיך נוהג מתיר צו מאַכן די קללות, וואָס מענטשן האָבן געשאָלטן דורך דער וואָך, יעדן ערב־שבת. צו קבלת־שבת וויקלען זיי זיך איין אין טליתים, און דעם „מזמור לדוד הבו" זאָגן זיי דריי מאָל, און איטלעך מאָל מאַכן זיי הקפות אַרום בימה.

ווען ס׳קומט די צייט פון ליכט־בענטשן גייט דער שמש פון דער ספרד׳ישער קהילה אַרום איבער אַלע גאַסן, וואו אידן וואוינען, און

ער רופט אויס: „אסינדיר!“ (ליכט־צינדן) און אין איין מינוט־צייט פינקלען די שבת־ליכט פון אלע פענצטער פון אידישן קווארטאל.

די ליכט — זיינען קליינע גלעזערנע שיסעלעך, וואס הענגען אויף דינע קופערנע קייטלעך פון שטוביקן באלקן. ארום שיסעלע איז פאראן א בלעכענער רינג מיט זעקס אדער זיבן לעכלעך, און דורך זיי ווערן דורכגעשטעקט באוולנע קנייטלעך, אין שיסעלע גיסט מען אן ביימל מיט אביסל וואסער, ס׳זאל ברענען ביז איבערן עסן. אנדערע צינדן אן די שבת־ליכט אין גלעזער, אריינגעטאן אין די קופערנע לייכטער.

אין די ספרדישע שולן פון צפת און טבריה, איז דער מנהג, אז פרייטיק־צו־נאכט און די נעכט פון יום־טוב, זאגט דער חזן די מיטלסטע ברכה — צווישן די דריי ערשטע און צווישן די לעצטע — אויפן הויכן קול. אין יעדער ספרדישער שול שטייען די שמשים ביים טיר מיט שמעקעדיקע גראזן און פירות וואס גיבן ארויס א גוטן ריח, און יעדער איינער וואס גייט ארויס נעמט אין די הענט אביסל פון די בשמים און די פירות און מאכט איבער זיי א ברכה, און פאר דער ברכה זאגט ער: „ברוך מקדש השבת“, און דער אייגענער מנהג גייט אויך אויף דער תפילה פון שחרית און מנחה פון מארגעדיקן טאג.

אין צפת איז א מנהג, אז א שמש ברענגט אין שול אריין א בינטל מיט מירטן (הדסים) און יעדער איינער נעמט מיט צו זיך אין הויז א פאר ריטלעך, און פאר קידוש מאכט ער איבער זיי די ברכה פון בשמים.

## ב. דורכן שבת׳דיקן טאג

שבת פארטאג — איבערהויפט ווינטערצייט — קומען א סך פון די ספרדים אין שול „ציון“, און אויך די אינגלעך פון בית־מדרש „דורש־ציון“, און דער שמש פון שול מיט אן אראבער, וואס טראגט א לאמטערן, גייט וועקן די אינגלעך און ברענגט זיי אין שול אריין און זיי זינגען תהלים און שירים ביז ס׳ווערט ליכטיק.

די ספר־תורה ביי די ספרדים איז אריינגעשטעלט אין א קליין הילצערן קעסטל, אמאל פון קופער, צי פון זילבער און דאס קעסטל איז צוגעדעקט מיט א זיידן מענטל, אפן פון ביידע זייטן; בשעת׳ן לייענען, שטעלט מען אוועק דאס קעסטל אויפן שולחן פון דער בימה און מ׳נעמט ניט ארונטער דאס מענטעלע, מען עפנט בלויז די טירלעך און מ׳לייענט פון אינעווייניק. און ווען מ׳נעמט אויס די ספר־תורה — צעעפנט מען זי און מ׳מאכט מיט איר א הקפה ארום בית־מדרש און דער בעל־קריאה גייט לעבן דעם אויסנעמער, וואס טראגט די ספר־תורה און טייטלט מיט דעם זילבערנעם יד אויפן פלאץ וואו ער וועט אנהייבן לייענען, און די דאווענער צייגן מיט די פינגער צום מויל. אין א טאג ווען מ׳לייענט אין צוויי ספרי־תורה — מאכט

מען די הקפה מיט בידיע. די וואָס זיינען עולה־לתורה רופט מען ניט אויף ביי די נעמען, צום כוהן זאָגט מען: „כוהן העולה, ברוך יהיה, יעמוד בכבוד", דאָס אייגענע צום לוי און צו די אַנדערע וואָס זיינען עולה לתורה, נאָכדעם ווי מ'האָט געמאַכט „מי־שברך" צו דעם פון פריער אָנגערופענעם. בלויז צום שישי און צום אַחרון, זאָגט מען: „סמוך העולה", „משלים־העולה" אאַז"וו. און פאַראַן אַנדערע, וואָס זיינען זיך נוהג צו זאָגן פאַר דער ברכה: ה' עמכם, און די וואָס שטייען אויף דער בימה — ענטפערן אָפּ: יברך ה'. ווען דער רב איז עולה לתורה, שטעלט זיך גאַנץ קהל אויף די פיס, ביז מען ענדיקט לייענען די פרשה. אויך קינדער שטייען אויף די פיס ווען זייער פאָטער און קרובים זיינען עולה לתורה, ביז זיי קומען צוריק אויף זייער פלאַץ, דעמאָלט קומען זיי צו און קושן זיי די הענט, און אויך ווען די זין זיינען עולה לתורה קושן זיי די הענט פון זייער פאָטער און קרובים ווען זיי קומען צוריק. ווען דער עולה־לתורה קומט אַרונטער פון בימה זאָגט מען אים „חזק וברוך" און ער ענטפערט אָפּ: „חזקו ואמצו". אין פרשה פון „כי תשא" לייענט דער בעל־קריאה די פסוקים, וואו ס'ווערט דערמאָנט די מעשה העגל, אויף אַ נידעריקן קול און דאָס אייגענע די פרשה פון „ויהי העם כמתאוננים" און צו דער פרשה פון עגל רופט מען אויף אַ לוי. (ווייל דער שבט־לוי האָט ניט געהאַט קיין האַנט אין דער מעשה־העגל).

נאָך שחרית — דרשנ'ט איינער פון די לומדים אַ דרוש וועגן דער סדרה פון דער וואָך. און אין די פיר שבתים פון יאָר: פרשה זכור, שבת־הגדול, שבת פאַר עצרת, און שבת־תשובה — דרשנ'ט אין בית־הכנסת „ציון" דער רב אַ דרוש וועגן יום־טוב. דעמאָלט קומען זיך צונויף אַלע איינוואוינער פון שטאָט.

## ר' יצחק יחזקאל יהודה

# שבת ביים כותל־מערבי

אין יאָר תר"א ביים לעבן פון מיין זיידע דעם חסיד ומקובל ר' עבדאללה בהגאון ר' משה חיים ז"ל, פלעגט מיין באָבע די רבנית, גיין צום כותל־מערבי דורך ווינטער און דורך זומער, יעדן פרייטיק נאָכמיטאָג, און זי פלעגט בלייבן דאָרט ביז ליכט־בענטשן, צו זאָגן גאַנץ תהלים און שיר־השירים. אין יענע צייטן איז די שטאָט געווען וויסט און פאַרלאָזן, קיין איינציקער איד האָט זיך דאָרט נאָכמיטאָג ניט געפונען. נאָר פון דער צייט פון מנחה־קטנה און ווייטער פלעגט מען קומען צו קבלת־שבת; און אַזוי פלעגט זי פאַר לאַנגע שעה'ן זיין איינע אַליין. זי האָט קיינמאָל ניט געהערט קיין באַליידיקונג פון קיינעם, פאַרקערט, די שכנים וואָס האָבן געוואוינט אין יענער געגנט פלעגן איר אָפּגעבן כבוד. ווען איך בין אַלט געוואָרן זעקס יאָר — פלעגט מיין פאָטער

מיך פירן יעדן ערב־שבת, מיט זיין רבי׳ן דעם גאון החסיד ר׳ אלעזר הלוי, ז״ל, דער מחבר פון „פקודות אלעזר״ צום כותל־מערבי. מיר פלעגן ענדיקן מעריב, ווען די זון האָט נאָך געשיינט אין הימל. דאָרט זיינען געשטאַנען טישן מיט גרויסע לאַמטערנעס אויף זיי פון די אַשכנזים אַנגעצונדן לכבוד־שבת. ווען מיין פאָטער פלעגט זיך אַמאָל פאַרשפּעטיקן צוליב זיינע געשעפטן פלעגן מיר דאַווענען צוזאַמען מיט די פרומע אשכנזים און זייער רב, רב אלעזר מענדל בידערמאַן און מיר פלעגן ענדיקן מעריב גאַנץ שפּעט, ווען ס׳איז שוין געווען פינצטער. אַ גוי פלעגט טראָגן פאַר אונדז לאַמטערנעס, כדי צו באַלייכטן פאַר אונדז דעם וועג.

(„תזכיר על הכתל המערבי״, ז׳ 34)

## י. מ. סופר

ערב־שבת־קודש פון האַלבן טאָג אָן, גייען מענער און פרויען, אַהין און צוריק, צום און פון כותל־מערבי, אין שבת׳דיקע בגדים, צו זאָגן שיר־השירים און זאָגן דעם פּרק משניות פון שבת. די ווייבער גייען צוריק אַהיים ליכט־בענטשן, און אַ סך פרויען גייען נאָך ליכט־בענטשן צום כותל־מערבי. די שפּאַניאָלישע אידן קומען אין עטלעכע מנינים צו דאַווענען מנחה און קבלת־שבת, מיט אַ האַרציקן ניגון, וואָס פאַרכאַפּט דאָס האַרץ פון צוהערער, זיי זינגען „לכה־דודי״ מיט אַ שיינעם ניגון, אָבער זיי האָבן אַ מנהג אָפּצודאַווענען שנעל, און על־פּי־רוב, ענדיקן זיי מנחה און קבלת־שבת און מעריב, ווען ס׳איז נאָך גרויסער טאָג. קריאת־שמע לייענען זיי ביי זיך אין הויז שפּעטער...

אָבער די פרומע אַשכנזים זיינען מאריך אין דער תפילה פּרייטיק־צו־נאַכט, זיי טוען אָן טליתים און דאַווענען בנחת, לאַנגזאַם, באימה ויראה. זומערצייט, קומען זיך אָפּטמאָל צונויף אַרום טויזנט, פופצן הונדערט מענטשן אין אַ פרייטיק־פאַר־נאַכט. ווי גרויס דאָס פאַרגעניגן איז צו זיין אין דער צייט צוזאַמען מיט אידן, וואָס שטייען מיט ליבשאַפט און יראה, מענער אויף איין זייט און ווייבער אויף דער צווייטער זייט, דאַווענען מיט גרויס געפיל, זיינען מקבל־שבת אויפן הויכן קול פון טיפן האַרצן אַרויס און פאַרענדיקן קבלת־שבת, אַלע מאָל, איידער די שטערן באַווייזן זיך אין הימל. נאָכדעם, ווען די שטערן באַווייזן זיך, דאַווענט מען מעריב, און נאָכדעם ווי מ׳האָט אָפּגעדאַוונט, בענטשט מען איינער דעם צווייטן מיט ליבשאַפט און מיט שמחה מיט דער ברכה פון שבת. די ספרדים בענטשן איינע די אַנדערע אויף זייער לשון: „שבת־שלום!״ און גייען אַהיים. ווען דער פרימאָרגן פון שבת־קודש קומט אָן — געפינט מען שוין דאָרטן מענער און פרויען, וואָס זאָגן תפילות פאַרן דאַווענען און נאָכן דאַווענען. נאָר פון די קהילות חסידים — קומט מען אַהין דאַווענען מוסף בציבור, צו דערמאָנען ביים כותל מערבי דעם קרבן־מוסף פון שבת.

און אַמאָל דאַוונט מען דאָרט אין גאָר פיל מנינים, און די כוהנים דוכנ׳ען. נאָך מוסף זיינען פאַראַן נאָך אַ סך אידן וואָס בלייבן ביים כותל מיט תפילות און בקשות, צו זאָגן תהלים און אַנדערע לימודים, יעדער איינער לויט זיינע ידיעות.

## צבי הירש מאַסליאַנסקי

# שבת אין ווילנע

אויב איינדערוואָכן מאַכט ווילנע דעם איינדרוק פון אַ פשוט׳ער הענדלערקע, וואָס איז ניט איבעריקס קיין שטילע און ניט איבעריקס קיין ריינע — מאַכט זי אָבער שבת דעם איינדרוק פון אַן עכטער פרינצעסין. און ווער ס׳האָט ניט געזען די ווילנער שבת־רו אין יענע צייטן, און ספּעציעל, קבלת־שבת פּרייטיק פאַרנאַכט, און דווקא אין די ענגע פינצטערע געסלעך אַרום שול־הויף, יענער האָט קיין שענער הייליקער בילד ניט געזען אין זיין לעבן. די נשמה־יתירה שפירט זיך אין דער לופט. אַלע קראָמען ווערן מיט איינמאָל געשלאָסן און מ׳זעט ניט קיין מענטשן אין גאַס. אָבער עטלעכע מינוט שפּעטער און גאַנץ ווילנע, יונג און אַלט, מענער און ווייבער, געוואַשן און געצוואָגן, אָנגעטאָן אין שבת׳דיקע בגדים, שטראָמען צום שול־הויף...

אין איינעם אַ פרייטיק אויף דער נאַכט בין איך אַרונטערגעגאַנגען אין אַן ענגן קעלער זען ווי אַזוי אונדזערע אָרעמסטע פון די אָרעמע פּראַוועז שבת. אין יעדן פון די פיר ווינקלען זיינען געשטאַנען געגרייטע טישן, אויף וועלכע ס׳האָבן געברענט שבת־ליכט, אַ סימן, אַז דער דאָזיקער קעלער איז אַ דירה פאַר פיר משפחות. אַרום יעדן טיש איז געזעסן דער מאַן און ווייב און קינדער. די פּאָדלאָגע איז געווען באַשאָטן מיט ווייסן זאַמד. דער סופיט איז געווען געקאַלעכט און אינדערלופטן האָבן געשוועבט די מלאכי־השלום. איטלעך פּנים האָט געלויכטן, די אויגן האָבן געגלאַנצט, און די אידישע נשמה, די נשמה־יתירה, האָט זיך אָנגעזען אויף יעדן איינציקן אין קעלער, אַפילו אויף די קינדער. (זכרונות, חלק ג׳)

## שמואל ראַפּאָפּאָרט

# שבת אין גאַליציע

שבת איז דער צענטער פון אידיש־רעליגיעזן לעבן פון די מזרח־אייראָפּעאישע אידן. שבת איז ניט בלויז אַ טאָג פון רו, וואָס מ׳דאַרף אים אָפּהיטן מיט אַלע פּרטים און דקדוקים, אַפילו ווען ער איז גורם שאָדן (למשל, אין לענדער וואו ס׳איז איינגעפירט דאָס געזעץ פון זונטיק־רו) — נאָר איז אויך אַ טאָג פון פאַרגעניגן, אַן אומאויפהערלעכער קוואַל, וואָס גיט דעם מענטשן

מאַראַלישע כוחות און מוט צו פאַרטראָגן די מי און ליידן פון דער גאַנצער וואָך. אויב שבת אומעטום איז אַ טאָג פון רו און קדושה און אַ צייט פון דבקות צו גאָט — איז ער דאָ, אין גאַליציע, אַ טאָג פון שמחה און גייסטיק פאַרגע־ניגן פאַר דער נשמה, וואָס שטראָמט מיט גאָטס גענאָד אויף די פאַרכטיקע. די אַלטע לעגענדע, אַז דער איר פאַרוואַנדלט זיך אין דעם טאָג, ווי דורך אַ כישוף, אין אַן אַנדער מענטשן — וואָס האָט געפונען איר אויסדרוק אין היינע׳ס ליד „פרינצעסין שבת״ — איז דאָ באמת די פולע ווירקלעכקייט. פרייטיק פאַרנאַכט ווערט אַריינגעגעבן אין אידישן מענטשן, לויט דער תלמודישער לעגענדע, (ביצה, ט״ז) אַ נשמה יתירה. די דאָזיקע נשמה מאַכט אים פאַרגעסן זיין לייד און מאַטעריש און מאַכט דעם צעבראָכענעם און פאַר־מוטשעטן אידן פון אַ גאַנץ־וואָך פאַר אַ פרייען גליקלעכן מענטשן. אין צפת האָב איך געזען די פראַכטיקע גערטנער, אין וועלכע ר׳ יצחק לוריע און זיינע תלמידים פלעגן פרייטיק נאָכמיטאָג אַרויסגיין מקבל־פנים זיין דער געגאַרטער שבת־מלכתא, איינגעוויקלט אין ווייסע־ווי־שניי לייוונטענע בגדים, און זיי פלעגן זינגען אויפן קול. אין די וואוינפלעצער פון די אידן אין מזרח־אייראָפּע זיינען קיין גערטנער ניטאָ, נאָר ביים פרייטיק־צונאַכטיקן דאַווענען, ווען דער עולם זינגט מיטן ניגון דעם שיר „לכה־דודי״ און זיי קערן אום די פּנים׳ער צו דער טיר און רופן אויס מיט געזאַנג דעם פערז „בואי בשלום״ און ענדיקן מיט „בואי כלה, בואי כלה!״ (די פרומע שפּאַניאָלן גיבן צו „שבת־מלכתא״) שפּירט יעדער איינער אַ גייסטיקע דערהויבונג, פון דער גייסטיקער וועלט פון דעם זינגער פון שבת, ר׳ שלמה אַלקבץ, אין יענער שעה, וואָס ער האָט געזונגען זיין ליד פון „לכה־דודי״.

שוין פרייטיק באַגינען שפּירט מען די גרויסע צוגרייטונג, וואָס הערשט אין אַ אידיש הויז, אַז זיי ריכטן זיך פאַר אַ טייערן גאַסט, פאַרן טאָג שבת. מיטאָג עסט מען פרייטיק פאַר צוועלף אַזייגער, און דאָס עסן איז אַ לייכטס און אָרעמס, כדי זיי זאָלן קענען מער הנאה האָבן פון דער ביינאַכטיקער סעודה. נאָכן עסן גייט מען אין מרחץ לכבוד שבת, און קומענדיק צוריק — פאַרזוכט מען עפּעס פון די שבת׳דיקע פיש. ווי נאָר מען דערהערט דאָס קלאַפּן פון שמש׳עס האַמער — ווערט אָפּגעשטעלט יעדע אַרבעט. מ׳פאַר־מאַכט די קראָמען — און דער האַנדל שטעלט זיך אָפּ. אין די גאַסן ווערט שטיל — און שבת צעלייגט זיך איבער אַלע אידישע הייזער. די וואָכעדיקע קליידער ווערן פאַרביטן אויף די שבת׳דיקע זיידענע, אויך די קינדער ווערן געוואַשן און געצוואָגן און איבערגעטאָן אין אַנדערע קליידער. די באַלעבאָסטע צינדט אָן ליכט מיט אַ ברכה און מיט אַ צוגאָב פון אַ תחינה אויף אידיש. דער איד אין מזרח־אייראָפּע דערוווייטערט זיך שבת פון גאָס, אויסער ווען ער גייט אין שול אַריין און בעת ער קומט צוריק אַהיים. דער איד האָט מער הנאה פון שבת אין שול און אין זיין ענגן משפּחה־קרייז.

דערהויפּט רוט אויף אים דער גייסט פון שבת בשעת׳ן דאַווענען אין שול, ווען ער זינגט קאַפּיטלעך תהלים אויפן קול, אָדער, אַנדערע פּיוטים. אַ איד פון מזרח־אייראָפּע איז פול מיט התלהבות אין שול. ער קען ניט דאַווענען שטילערהייט און זיך צוריקהאַלטן ווען ער קומט צו דער תפילה פון „אל אָדון על כל המעשים״, וואָס דערציילט פון גאָטס גרויסקייט און זיין מעכטיקייט, אין די קורצע שטאַרקע פּסוקים. דאָס לעבעדיקע וואָרט און דער כוח־הניגון וועקן אויף און דערוועקן זיין גייסט און זיין האַרץ דערוואַרעמט זיך און ער קען ניט בלייבן קאַלט און רואיק.

אייניקע גייען פּרייטיק־צו־נאַכט ניט אַרויס פון שול, ביז זיי געפינען אַן אורח, מיטצונעמען אַהיים צום עסן. און אַן אורח איז תמיד פאַראַן אין די אידישע שטעט און שטעטלעך פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער. וועגן אורח אויף שבת זיינען ביים פאָלק געשאַפן געוואָרן ספּעציעלע לעגענדעס. אליהו הנביא, אַזוי גייען די לעגענדעס, אַנטפּלעקט זיך, אין דער צורה פון אַ נע־ווענד׳ניק, אָדער ווי אַן אָרעמאַן אין שמאַטעס, וואָס וואַנדערט אַרום איבער די דערפער, און קומט צו אידן מכניסי־אורחים, און גיט זיי זיין ברכה. די דאָזיקע לעגענדע האָט געשאַפן די חסידישע מעשה וועגן ר׳ אליעזרן, דעם בעל־שם׳ס פאָטער, אַז אליהו הנביא איז געווען ביי אים אַן אורח אויף דער נאַכט פון שבת, און האָט אים געבענטשט, אַז ער זאָל זוכה זיין צו האָבן אַ זון, וואָס זאָל זיין אַ גדול בישראל.

ווען דער באַלעבאָס קומט צוריק פון שול אין הויז אַריין, וואָס איז פול מיט ליכט און מיטן גייסט פון שבת־קודש — איז ער מקדם די מלאכים, וואָס קומען לויט דער אַלטער לעגענדע, אין הויז פון יעדן איינציקן אידן אין דער נאַכט פון שבת. ער בענטשט זיי מיטן שיר: „שלום־עליכם, מלאכי השלום״. אין דער סעודה פון דער מלכה־שבת קומען אויפן טיש, אין איינ־קלאַנג מיט דער טראַדיציע, „פלייש און פיש און אַלע געריכטן״, און חלה, „לחם־משנה״. און די סעודה ווערט באַגלייט מיט שבת׳דיקע זמירות. דער טאָג שבת איז געהייליקט פאַר תפילה, פאַר רו און פאַר קדושה. דורך גאָטס וואָרט — תפילה און תורה — ווערט דערהויבן און געהייליקט די נשמה אין טאָג שבת. נאָך דער פרימאָרגנדיקער סעודה מיט די זמירות — גייען די חדר־אינגלעך צום רבי פון שטאָט, אָדער צו אַ למדן, און זאָגן פאַר אים די לימודים, וואָס זיי האָבן געלערנט דורך דער וואָך. אָפטמאָל איז דאָס אינגל וואָך די גאַנצע נאַכט צווישן דאָנערשטיק און פרייטיק און חזר׳ט איבער דעם שיעור וואָס ער האָט דורך דער וואָך געלערנט, כדי ער זאָל וויסן גוט דעם שיעור פאַרן שבת׳דיקן פאַרהער. באַלעבאַטים לערנען שבת בייטאָג תורה און תלמוד. און די פאָלקסמאַסן קומען זיך צונויף אין די שולן צו הערן אַ מגיד, תורה און אַגדה און אַ פּרק מוסר. די ווייבער לייענען נאָכ־מיטאָג דעם „צאינה וראינה״, אָדער דעם טייטש־חומש, אָדער ביכלעך פון

מוסר און אַגדה, אויך אין אידיש. דאָס איז פאַר אונדזערע מאַמעס געווען אַ קוואַל פון גייסטיק לעבן, פון אים האָבן זיי געשעפּט מאָראַל און גוטע מידות, וואָס האָט זיי געגעבן כוחות בייצושטיין אַלע נסיונות פון לעבן.

נאָך מנחה — עסט מען „שלש־סעודות". ביי זיך אַהיים, אָדער בציבור, אין די קלענערע שולן און קלויזן, אין חסידישער שטיבל. ווען אַ „צדיק" קומט אין שטאָט — שטראָמען אַלע חסידים צו אים אויף שלש־סעודות. צו דער דאָזיקער סעודה דערלאַנגט מען אויפן טיש — חלה, פיש (אַז ס׳איז ניטאָ קיין פיש — איז הערינג) און ווייַן און ביר, על־פי־רוב איז דאָס אויף די קאָסטן פון אַ רייכן חסיד, וואָס מ׳האָט צוגעגרייט פון נעכטן, אָדער ס׳ווערט באַצאָלט דערפאַר מאָרגן. אויב צווישן עולם איז דאָ אַ „יאָרצייט" — באַצאָלט ער די הוצאות פון דער סעודה. אויף דער דאָזיקער סעודה — זאָגט מען „תורה". אַ למדן זאָגט אַ דרוש אין דער סדרה פון דער וואָך מיט ביאורים און איינגעפלאָכטענע אַגדות, און ווען מ׳ענדיקט תורה — זינגט מען זמירות. „צדיקים" און מקובלים זאָגן סתרי־תורה און דער עולם „זעט ממש וואונדער".

די שיינקייט פון דער דריטער סעודה דערוועקט דאָס האַרץ און דער־הויבט די נשמה. אַ גייסט פון אַן אַנדער וועלט, פון אַ וועלט פון וויזיע, פון אַ הייליקער מיסטעריע, שוועבט איבער איר, און איבער די אַנטיילנעמער פון דער דאָזיקער סעודה. פאַרנאַכטצו, זינגט מען שירים דורכגעזאַפּט מיט אמונה און קדושה און די גרויסקייט פון דער מלכה־שבת. דער שיינער מזמור: „ה׳ רועי לא אחסר" — ווערט געזונגען אין כאָר און אויך די פיוטים פון אר"י הקדוש, פול מיט סודות און ניצוצות פון הייליקן פייער.

דער „שלש־סעודות" פאַרציט זיך גאַנץ אָפט ביז שפּעט אין דער נאַכט. די שבת־רו שפּרייט זיך אויס איבער די גרענעץ פון טאָג, לויט דער מצוה פון צוגעבן פון הייליקייט צו דער וואָך. מען שיידט זיך מיטן שבת אַן חשק, ווי אַ מענטש וואָס שיידט זיך פון זיינע ליבסטע און טייערסטע.

נאָך דער דריטער סעודה און מעריב־דאַווענען, צינדט מען אָן אַ ליכט און מ׳זינגט המבדיל און דעם אומעטיקן זמר פון אליהו הנביא. דער שבת גייט אַוועק און די טעג פון אַרבעט און דאגות קערן זיך אום. די נשמה־יתירה קערט זיך צוריק אין איר הויכער וואוינונג, אין די ליכטיקע הימלען — כדי זיך צוריקצוקערן דעם קומענדיקן שבת.

אין די חסידישע קרייזן עסט מען אַ פערטע סעודה לכבוד דעם אַוועק־גייען פון שבת, וואָס ווערט אָנגערופן „מלוה־מלכה", ביים צדיק, אָדער ביי איינעם פון די חשוב׳ע חסידים אין הויז. די דאָזיקע סעודה איז באַגלייט מיט אַ ריקוד אין אַ עיגול. די חסידים זינגען די נייע ניגונים וואָס זיי האָבן געהערט ביים רבינס טיש. די סעודה פון מלווה־מלכה פאַרציט זיך על־פי־רוב ביז האַלבע נאַכט און זי ווערט געפּראַוועט מיט גרויס פרייד, געזאַנג און טומל.

ווען דער שבת גייט אַוועק — קערט זיך דער איד אום צו זיין אַרבעט מיט אַ פריילעך געמיט, ער האָט זיך אויסגערוט און זיינע הענט און זיין האַרץ זיינען געשטאַרקט דורכן שבת, מיט זיין קדושה און האַרציקייט.

## בן-מנחם

# שבת ביי די אידישע פויערים פון מאַרמאַרעש

שטאַרקע, הויכע, ברייטפּלייציקע זיינען די טיפּיש־אידישע פויערים פון מאַרמאַרעש. און ניט דערפאַר, וואָס ער האָט אַ רייכן טיש און עסט פעטע מאַלצייטן, ווייל ער שטעלט זיך צופרידן מיט אַביסל. אַ שטיקל קאָרנ־ברויט מיט מילך, בעבלעך און קאַרטאָפל איז זיין שטענדיקע דיעטע. בלויז אין טאָג פון שבת־קודש עסט ער ווייסע חלה און פלייש. אַ גאַנצע וואָך זיצט ער ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל אין די גרויסע הרי־חושך און געדיכטע וועלדער — און בלויז שבת קומט ער צווישן מענטשן, צום מנין. די אידן פון מאַרמאַרעש בכלל צייכענען זיך אויס מיט זייער פרומקייט, מיט זייער ליבשאַפט צו תורה און טראַדיציע. די גאַנצע וואָך, ווי געזאָגט, אַרבעטן זיי כל עבודות־פרך. אָבער, ווען דער הייליקער שבת קומט — ווערן אַלע אַרבעט אָפּגעשטעלט. דער פשוטער פויער ווערט פלוצים פאַרוואַנדלט אין אַ פריץ — ער ווערט לגמרי אַן אַנדער מענש. סענדערל פון אַ גאַנץ וואָך — ווערט אַצינד אַ ר' סנדר. אַנגעטאָן אין קאַפּטאָן און שטריימל שפּאַצירט ער אום אין זיין גאָרטן און שעפּט נחת פון זיין פּראַצע. ווער קען זיך גלייכן צו אים אין יענע מינוטן? אַ פרק משניות, אָדער אַ בלאַט גמרא, די סדרה פון דער וואָך מיט אירע פירושים, אַ שטיקל „אור החיים הקדוש", אָדער, „כלי־יקר" זיינען זיין הייליקער תענוג אין טאָג פון שבת.

## יוסף בן פנחס עוזיאל

### 1.

# שבת אין סאַלאָניקי

פרייטיק־צו־נאַכט. מיין גוטער באַקאַנטער, מיין באַגלייטער, פירט מיך צו זיין משפחה, צו דער שבת'דיקער סעודה. עס לייגן זיך שוין אָוונטלעכע שאָטנס, און דורך דער הויפּט־גאַס, וואָס מיר זיינען דורכגעגאַנגען — זיינען שוין אַלע קראָמען געווען געשלאָסן. מיר זיינען דורכגעגאַנגען דורך דער „פּלאַסה", דער אידישער מאַרק, וואָס האָט מיך דורך די וואָכעדיקע טעג פאַר־טומלט און מיר פאַרשאַפט שפּאַס, מיט זיין טומל און רעש און געוואַלדן, מיט די קולות און געשרייען פון די קרעמער און קאַראַבעלניקעס און אין דער

צעמישעניש פון די קאַלירפולע שילדן — און איצט — סאַראַ גרויסע שטילקייט!

אין די גאַסן פון די קוואַרטאַלן וואָס מיר גייען דורך, דורך די פענצטער פון די וואוינונגען וואָס מיר גייען פאַרביי זעט זיך פאַר די אויגן אַן איינטאָניק בילד: טישן געדעקט מיט ווייסע טישטעכער און ליכט ברענען אין פּשוט׳ע בראָנזענע און ניקלנע לייכטער. אין דעם דאָזיקן קילן און קלאָרן פאַרנאַכט גייען אידן צוריק פון שול שטיל און רואיק און שמועסן איינע מיט די אַנדערע, און די דורכגייער וואָס טרעפן זיך צוזאַמען באַגריסן איינע די אַנדערע מיט אַ וואַרעמען „שבת־שלום". ס׳הערט זיך אין זייער קול דער אויסגעצויגענער קלאַנג, וואָס כ׳האָב געהערט דורך דער צייט פון אַרבעט, נאָר היינט אָוונט איז אָפּגעפאַלן די גאַסן־גראָבקייט און האָט באַקומען אַ סטרונקע פון האַרציקער אינטימיטעט.

מיין באַקאַנטער, דער באַגלייטער מיינער, האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ צווייגשטאָקיק הויז און האָט מיך דורכגעלאָזט פאַראויס. מיר זיינען אַריינגעקומען אין אַ געראַמען חדר. פאַרן שיין פון די צוויי ברענענדיקע ליכט אויפן טיש האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר אַ בילד, וואָס איז ווערט געווען דעם קינסטלערס פּינזל.

אויף אַ קושעט צוגעדעקט מיט ווייסן לייוונט זיינען געזעסן צוויי פרויען. איינע איז געווען אַלט, נאָר מיט אַ יונג, פריש פּנים. זי איז געווען אָנגעטאָן אין „סאַייו" מיט ברייטע פאַסן און אויפן קאָפּ — די געבלומטע „קעפּיאַ". אירע הענט פאַרלייגט אונטער פאַרביקן פאַרטעך, און די אויגן אירע, גרויסע לעבעדיקע אויגן, האָבן געקוקט גראָד אין די אויגן פון דער צווייטער פרוי, וואָס האָט איר געהאַלטן אין דערציילן עפּעס פון גרויס אינטערעס. די איז געווען אַ סך אינגער פון איר, אַנשטאָט דעם דינעם „סאַייו" איז זי געווען אָנגעטאָן אין אַ האַלבן פוטערנעם מאַנטעלע, וואָס האָט צוגעדעקט אירע פּלייצעס און אָרעמס. די דאָזיקע פרוי איז געווען אַ טיפּישע סאַלאָניקער פרוי, אירע באַוועגונגען — פלינקע, אָבער צנועה׳דיקע, איר גאַנג — געלאַסן, מיט אַן ערנסטן אויסדרוק אויפן פּנים אָן דער מינדסטער קאָקעטעריי — האָט דיך געצוואונגען זי צו באַטראַכטן מיט אַ געפיל פון כבוד. אויפן קאָפּ און איבער די צעפּ האָט זי געטראָגן אַ בלוי זיידן טיכל, דורכגעוועבט מיט קליינע קרעלן, וואָס פאַרן שיין פון די ליכט האָבן זיי געפינקלט ווי פּערל. צופוסנס פון די צוויי פרויען איז אויף אַ נידעריק ביינקל געזעסן אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן און די שוואַרצע אויגן אירע האָבן אַרויפגעקוקט צו זיי. דאָס פּנים — ברוין, געזונט און ליכטיק, מיט אַ לייכטן רויז־קאָליר אויף די רונדע בעקלעך.

ביים געגרייטן טיש איז געזעסן אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, די הענט פאַרלייגט אויפן האַרצן און לעבן אים אַ אינגל, ענלעך צו דער יונגער פרוי

— וואָס האָט אַריינגעקוקט אין אַ ספר, אַ צעעפנטן אויפן ווייסן טישטעך. אָבער מער פון די אַלע האָט צוגעצויגן מיין בליק דער אַלטער, וואָס האָט אַרומגעשפּאַצירט לענגאויס פון חדר און אַרויסגעזונגען פון זיך פסוקים אין העברעאיש.

דאָס איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָר זעכציק, מיט אַ לאַנגע באָרד וואָס האָט אַרומגעכאַפּט זיין מאָגער שיין־געשניצט פּנים און אַרונטערגעפאַלן אויף זיין ברוסט. ער האָט געטראָגן אַ טאַרבוש אויפן קאָפּ, וואָס האָט געוואָרפן אויף זיין ברייטן ווייסן שטערן אַ רויטלעך ליכט, און פון הינטער זיינע ברילן האָבן אַרויסגעקוקט צוויי בלויע קלאָרע אויגן. מיין באַקאַנטער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר דער גאַנצער משפחה און זיי האָבן מיך אַלע פריינט־לעך אויפגענומען, כמעט ווי מיט אַ כאָר, איבערהויפּט די פרויען, מיט אַן אויסגעצויגענער מוזיקאַלישער אויסשפּראַך. מ׳האָט מיר דערלאַנגט אַ שטול זיך צו זעצן און מיך געבעטן, כ׳זאָל ניט אויסטאָן דעם הוט. דער אַלטער האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט מיר אַנטקעגן. זיין שלאַנקער גוף און דער לאַנגער קאָלירטער „אַנטרי״, וואָס האָט אים געגרייכט ביז צו די פיס, האָבן אים געגעבן אַ ריטערלעכן אויסזען. ניט איבעררייסנדיק זיין לייעניש האָט ער מיר פעסט געדריקט די האַנט, אויפגעהויבן זיין רעכטע האַנט צום שלייף אין אַ אָריענטאַלישער פּראַכטפולער באַגריסונג. מיר האָבן זיך געזעצט און דער אַלטער האָט אויפגעהויבן זיין קול אין אַ שיין זמר, וואָס אין יעדן פּערז האָבן זיך איבערגע׳חזר׳ט די אייגענע ווערטער. נאָר זיין קול האָט זיך אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזן, אַמאָל האָט עס זיך געשטאַרקט מיט התלהבות און ברען, און אַמאָל איז עס געוואָרן שטיל און קאָנצענטרירט, ווי אַ דבקות צו גאָט דורך ליבשאַפט און באַוואונדערונג. ס׳האָבן זיך אָפּגעשטעלט די געשפּרעכן און אין צימער איז געוואָרן שטיל — און מ׳האָט בלויז געהערט דעם אַלטנס קול. פון מויל אַן ציינער, האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט אַרויסקומען קיין פולשטענדיק האַרמאָניש געזאַנג. אָבער די האַרציקייט פון אָריענטאַלישן געזאַנג, וואָס אפשר האָט זיך צוגעגעבן צו דעם די נאַטירלעכע וואַרעמקייט פון אַ פילנדיק האַרץ, האָבן צוגעגעבן צום געזאַנג אַ זיסקייט און אַ ברייט־קייט, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם גאַנצן צימער. אַ שטילע רו, אָנגעזאַפּט מיט מיסטעריע, האָט געפלאָסן אין דער נשמה מיטן צנועה׳דיקן זינגען. כ׳האָב זיך צוגעקוקט צו די פּנימ׳ער פון אַלע אַנוועזנדיקע; ניט קיין פריילעכקייט, נאָר אַ טיפער ערנסט האָט גערוט אויף די אַלע פּנימער. דאָס איז געווען אַ נאַטירלעכער אויסדרוק פון אַ רעליגיעזער קדושה, אַ שטילע און אַרואיקע, פון מענטשן, ביי וועמען זייער גאָט איז אַ לעבעדיקער גאָט, דער גאָט פון דער נשמה, וואָס איז באַליבט און פאַרערט צוזאַמען.

און פּלוצים האָבן זיי זיך אַלע אויפגעשטעלט אויף די פיס. דער אַלטער איז געשטאַנען מיט אַ כוס־ווין אין האַנט. דער קאָפּ פאַרוואָרפן אַהינטער

און די ברוסט אויסגעשטעלט, די אויגן אויפגעהויבן איבער די קעפ פון די אַנווענזנדיקע, ווי ער וואָלט זיך צוגעקוקט צו אַ מיסטעריעז בילד, וואָס איז אַנטפּלעקט בלויז צו אים אַליין. כ׳האָב פּייערלעך זיך צוגעהערט צו די קלאַנגען פון קדוש, וואָס האָבן ניט קוקנדיק אויף זייער שטילקייט, אַנגעפילט דעם גאַנצן צימער. כ׳האָב מיך צוגעקוקט און געזען ווי די גאַנצע משפחה שטייט אַרום אַלטן מיט כבוד און מיט אַ הייליקער שמחה. דאָס איז די לעבעדיקע קייט פון דעם אַלטן גרויען פאָלק: דער זיידע, די זין און מיט זיי די בליענדיקע אייניקלעך.

געענדיקט די צאַרטע תפילה. מ׳דערלאַנגט מיר דעם כוס און מ׳ווינקט צו כ׳זאָל נעמען אַ זופּ. די גאַנצע משפחה קומט צו און רינגלט אַרום דעם אַלטן, זיי בויגן איין די קעפּ פאַרן שלאַנקן אַלטן און מ׳שטעקט צו אים אויסביידע אָרעמס און יעדער איינער זאָגט צו אים מיט אַ קול פון ליבשאַפט: „דימי לי ביזארי לה מאנו". (דערלויבט מיך אַ קוש טאָן אייער האַנט).

מיר האָבן זיך געזעצט עסן. און דאָס געשפּרעך ביים עסן איז געווען אַ לעבעדיקס און אַ פריילעכס. אָ, ווער האָט עס געזאָגט, אַז בלויז ביי גאַז־ליכט און עלעקטריש־ליכט איז ליכטיק און אַנגענעם, און אַז בלויז זיי קענען משפיע זיין אויפן מענטשן מיט שמחה און נחת־רוח? אָט ברענען צוויי מאָגערע ליכטלעך אין קופערנע לייכטער, און ס׳איז אונדז אַלעמען ליכטיק און פריילעך, און די פּנימער אַרום שטראַלן פון אַ צאַרטער וואַרעמער שמחה. דער אָרעמער געקאַלכטער צימער מיט זיינע אַלטע מעבל — זאָגט עדות אויף אַ צנועה׳דיקער ציכטיקער אָרעמקייט. אָבער די דאָזיקע אָרעמקייט איז פאַרזיסט און באַשיינט דורך דער אַחדות און ליבשאַפט פון איינעם צום צווייטן און דורכן כבוד וואָס זיי ווייזן אַרויס צו די עלטערע, און דורך דער גאַנצער התנהגות פון דער משפחה. דורכן פאַרלויף פון געשפּרעך, האָב איך מיך דערוואוסט, אַז די משפחה האָט שוין געזען בעסערע צייטן, נאָר די גרויסע שריפה האָט זיי בדיל־הדל געשטעלט, און דאָך, אפילו היינט, האָבן זיי פּרנסה בכבוד פון זייער מי, הגם ניט בהרחבה.

די שבת־ליכט, וואָס האָבן שוין גענומען אויסגיין, האָבן מיך געצוואונגען זיך צו געזעגענען מיט דער משפחה. גייענדיק צוריק צום האָטעל דורך די שטילע גאַסן, וואָס די לבנה האָט זיי באַזילבערט, האָב איך ניט באַגעגנט קיין שום דורכגייער. ס׳איז געווען שטיל, ווי די גאַנצע שטאָט וואָלט איצט אָפּגעכאַפּט איר אָטעם נאָך אַ וואָך פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט. דורך די פענצטער־פאַרהאַנגען פון די נידעריקערע עטאַזשן, און חדרים באַלויכטן מיטן צנועה׳דיקן ליכט פון פּשוטע ליכטלעך, האָבן דאָ און דאָרט דורכגעבליצט בילדער ענלעכע צו דעם, וואָס כ׳האָב געזען. און פון די הייזער, און אַפילו פון די דירות־קעלערן, האָט זיך געריסן און אַרויסגעקומען דאָס ליד פון שבת: קינדערשע זילבערנע קול׳כלעך, אויסגעמישט מיט שטאַרקע

מענערשע שטימען, מענער וואָס מיען זיך, וואָס דאַנקען גאָט, דערפאַר, וואָס צוזאַמען מיטן ברויט, די פרוכט פון זייער זעקס־טאָגיקער אַרבעט, האָט ער זיי אויך געגעבן דעם הייליקן טאָג, דעם טאָג שבת, טאָג פון רו און גייס־טיקן פאַרגעניגן, אַ צויבערטאָג, וואָס איז איינאיינציק.

**.2**

## די שטאָט פון שבת

אַזוי, לויט מיין מיינונג, באַדאַרף מען אָנרופן די שטאָט סאַלאָניקי. אויב דורך דער גאַנצער וואָך זאָגט דער טעמפּאָ פון דער אַרבעט עדות אויפן איינפלוס פון די סאַלאָניקער אידן אויפן שטאָטישן לעבן — איז שבת קענטיק די גאַנצע שטאַרקייט, די גאַנצע טיפקייט פון אידישן לעבן. און ניט בלויז מחמת דער שטילקייט, וואָס פאַרנעמט דאָס פּלאַץ פון דער רעש׳יקער באַוועג־לעכקייט. געוויס, אויב מ׳פאַרבלאָנדזשעט אין פּוסטן האַפן און מ׳כאַפּט אַ קוק אויף זיין מוטנעם וואַסער, וואו פולע באַרזשעס שטייען און וואַרטן אויף די אַרבעטער זיי אויסצולאָדן, און אויב מ׳וואַנדערט אום אין געשעפט־קוואַרטאַל — זעט מען, לאַנגע שורות פון פאַרמאַכטע קראָמען און די לעבנ־לאַזע גאַסן (ניט נעמענדיק אין באַטראַכט די גריכישע קראָמען, וואָס שטייען פּוסט, אָן קונים) — דאַן דערשפּירט מען בחוש, דעם עקאָנאָמישן כוח און צאָל און טעטיקייט פון די דאָזיקע אידן. אָבער פון דעם אַלעם האָט מען נאָך אַלץ ניט באַנומען דעם כאַראַקטער פון דעם סאַלאָניקער שבת. מ׳באַדאַרף דורכגיין די אידישע קוואַרטאַלן וואו די שטילע רו וואָס הערשט אין זיי, פאַרוויקלט דיך אין אַ באַזונדער געווירצטער לופט און באַרואיקט אַלע נערוועןץ, אַז אַפילו דעם מענטשנס געוויינטלעכער גאַנג ווערט פון זיך אַליין שטילער, געלאַסענער. מ׳דאַרף פאַרבייגיין די שולן, צו זען ווי די מאַסן מענטשן קומען אַרויס און ווינטשן איינע די אַנדערע אַ האַרציקן וואַרעמען „שבת־שלום״. מ׳דאַרף אַריינקוקן אין די הויפן, וואו די קינדער, וואָס זיינען היינט פריי פון חדר, שפּילן זיך פריידיק, און וואו דו הערסט היינט דאָס ערשטע מאָל דאָס קלינגענדיקע געלעכטער פון מיידלעך און פרויען, וואָס זיינען היינט פריי פון דער שטוביקער אַרבעט. איבערהויפּט דאַרף מען זיך נאָכמיטאָג אויסמישן צווישן די מאַסן שפּאַצירגייער אויפן ברעג פון ים, אָדער אויפן וועג פון די „קאָמפּאַניאָס״, און זיך צוקוקן צו די פּנים׳ער... דאַן ערשט קען מען דערשפּירן דעם סאַלאָניקער שבת און דעם איינדרוק וואָס עס מאַכט אויף דורכרייזנדיקע מענטשן.

די פּנים׳ער זיינען מיר ניט אומבאַקאַנט. דורך דער וואָך צייט, וואָס איך פאַרברענג דאָ — זיינען מיר זייערע געזיכטסשטריכן געוואָרן באַקאַנט און נאָענט. אָבער פריער האָבן די פּנים׳ער אַרויפגעקוקט צו מיר אין שווע־

רער פיזישער אַרבעט, אָדער פון די רעכנביכער. היינט זע איך זיי אין אַן אַנדער צורה. די שטערנס טריפן ניט מיט שוויס און די ברעמען זיינען ניט גע־קנייטשט פון האַנדל, אָדער פון קאָנצענטרירטן טראַכטן. די פּנימ׳ער פון די שווערע אַרבעטער לייכטן ניט בלויז דערפאַר וואָס זיי זיינען אָפּגעוואַשן, נאָר דערפאַר, וואָס די גאַנצע שיינקייט פון פיינער באָרד און פון די פיין־געשניצטע פּנימ׳ער — ווערן באַלויכטן מיטן ליכט פון די גרויסע אויגן, וואָס זיינען פול היינט מיט שטילקייט און רו און אַן חוצפּה און אַן גאווה. דער רוקן איז אויסגעגליכט, די באַוועגונגען פון די מוסקולדיקע הענט, וואָס אַרבעטן אין אייזן און שלעפּן די קאַנאַטן פון די באַרזשעס, זיינען היינט שטיל און געצוימט. און דאָס איז ניט מחמת דעם וואָס זיי גייען היינט אום ליידיק; אַ גרעסערע טיפערע שלווה, וואָס פליסט אַרויס פון דער נשמה, — טיילט זיי איין מיט אַ באַזונדער צאַרטקייט און איידלקייט. מידקייט און דאגות וואַרפן ניט קיין שאָטן, און די שטימען קלינגען מיט אַ פריי געלעכטער, און דאָס געלעכטער איז ניט גראָב און מאַכט ניט קיין חוזק — נאָר פאַראַן אין אים קינדערשע תמימות און גוטהאַרציקייט.

דער קוק איז פריי, דורכגעדרונגען מיט אינערלעכער שטילקייט און אַבסאָלוטן בטחון, ווי די דאָזיקע מענטשן וואָלטן געשעפּט שטאָלץ און כוח פון זייער באַגריפן, אַז די דאָזיקע שטאָט, וואָס לעבט פון זייער באַוועג־לעכקייט און וואָס רוט אין טאָג פון זייער שבת, וואָלט ניט געווען דאָס וואָס זי איז — וואָלט אַוודאי געווען אויפן בעסטן אופן ניט מער ווי אַ גרויסער טערקישער דאָרף — ווען זיי וואָלטן פאַרבליבן אין שפּאַניע... יעדער איינער פון זיי, אָן אונטערשייד פון קלאַסן, אָרעם ווי רייך, אַלט ווי יונג, האָבן זיך געהאַלטן מיט זיכערקייט און פרייער רואיקייט, אָן דער מינדסטער גאווה און ביטול צום פרעמדן, צום ניט זייעריקן. ס׳איז געווען אין זיי עפּעס פון דעם שטאָלץ פון Civis Romanum Sum לגבי דעם פרעמד־גלויביקן, וואָס האָט זיך דורכגעוואָרפן דאָ און דאָרט צווישן די שפּאַצירגייער. די אויגן האָבן ניט געוואונקען מיט חשד, אָדער שרעק, אָדער מיט באַהאַלטענער ליצנות. אַ פרייער קוק, אַ נאַטירלעכער, ריין פון קנאה־שנאה, און אָפּט אויך איז דער בליק געווען אַ פריינטלעכער, ווי ער וואָלט געזאָגט: ס׳איז גאַר־נישט, מיין גוטער גוי, דו שטערסט אונדז ניט, דו האָסט דאָס רעכט צו שפּאַצירן צווישן אונדז, צו רוען אין טאָג פון אונדזער רו, אין אונדזער טאָג שבת.

יאָ, וואָרהאַפּטיק, די שטאָט פון שבת. דער דאָזיקער נאָמען פּאַסט זיך פאַר דער דאָזיקער ליבער שטאָט!

# אַלעקסאַנדער קײלאַנד

## שבת אין סאַלאָניקי

(לויטן עדות־זאָגן פון אַ קריסטלעכן שרײַבער)

װען אונדזער שיף איז צוגעקומען צום ברעג — האָבן מיר אויסגעפונען, אַז ס׳װעט זײַן אוממעגלעך אויסצולאָדן די גאַנצע משא פון שיף, מחמת הײַנט איז שבת, און די אידישע מאַטראָסן און לאַסט־טרעגער רוען פון דער אַרבעט. מיט גרויס שװעריקייט האָבן זיך אָפּגעזוכט אײניקע קריסטלעכע אַרבעטער און שיפלעך, נאָר ס׳איז באַלד געװען קענטלעך, אַז די דאָזיקע זײַנען ניט געניט אין דער אַרבעט, און דאָס האָט גורם געװען, אַז די אויסלאָדונג פון שיף האָט זיך שטאַרק פאַרשפּעטיקט. נאָכמיטאָג, װי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ לײכט־װינטל פון ים, האָט זיך די גרופּע אַרבעטער דערשראָקן און האָט זיך אָנטזאָגט פאַרצוזעצן די אַרבעט; זיך צוריקגעקערט מיט האַסט צום ברעג, ניט פאַרענדיקנדיק אַפילו אַ דריטל פון דער אַרבעט.

...אַ גרויסער עולם מענטשן, אָנגעטאָן יום־טוב׳דיק, האָט געשפּאַצירט לענגאויס פון ברעג אויף די טראָטואַרן און אויפן ברעג ים. רואיק און געלאַסן, מיט פּנים׳ער װאָס שלווה און שמחה האָבן אויף זײ גערוט, — זײַנען זײ געגאַנגען אויף דער זוניקער זײַט און געשמועסט אויפן הויכן קול, אָפּטמאָל האָבן זײ אויפגעלאַכט. מענער מיט רויטע טאַרבושן, אָדער יונגעלײַט אין אײראָפּעאישע היט, און פרויען מיט דער גרין־רויטער „קפּיה“ אויף די קעפּ. אידן אָנגעטאָן אין קאַפּטאַנען (אַנטרי) אָדער „גיובי“ (אַ קלײד) פון אַ פלאַקסענעם בלויעם מאַטעריאַל, מיט ברײטע אַרבל, װאָס האָט צוגעגעבן זײערע באַװעגונגען אַ אײגנאַרטיקע אײדלקייט. מענער מיט שװאַרצע בערד, אויף די ברוינע אָדער װײסע פּנים׳ער, װאָס דריקן אויס בטחון אין זײערע אײגענע כוחות. דאָס זײַנען די אידישע מאַטראָסן און לאַסט־טרעגער, װאָס האָבן הײַנט, צוליב שבת ניט געװאָלט קומען און אויסלאָדן די שיף.

װען איך װאָלט געװען אַ איד און װאָלט געװאוינט אין צפון־אײראָפּע, װאו אידן שפּירן זיך געװיס, אַז זײ זײַנען שװאַרץ(?) און קלײנגעװאַקסן, מיט קרומע פיס, װאָלט איך יעדן יאָר זיך אָנגעטאָן דאָס פאַרגעניגן צו מאַכן אַ נסיעה קיין סאַלאָניקי, װי אַ מענטש װאָס נעמט אַ װאַנע פאַר זײַן גוף אין װאַרעם, רײנמאַכנדיק װאַסער. איך װאָלט געבעטן דאָן בײַ מײַנע ראַסן־קרובים זײ זאָלן מיר לײַען אויף אַ פּאָר טעג דעם ברײטן קאַפּטאַן און זײער דורכזיכטיקע קלאָרע „אַנטרי“, און מיט דער שמחה און שטאָלץ אויף דער באַזונדערער שײנקייט פון אויסדערװײלטן פאָלק, װי עס אַנטפּלעקט זיך דאָרטן, — װאָלט איך אויסגעגלײכט מײַנע פיס, אויסגעגלײכט מײַן רוקן און װאָלט

ארונטערגעקוקט פון אויבן־אראָפּ אויף די איינוואוינער פון צפון מיט די הויכע היטלען און די וואַסערדיקע אויגן. כ׳האָב אויך מיין לעבן ניט געזען קיין שענערע אידן, ווי די סאַלאָניקער אידן, ווען זיי גייען שבת אַרויס שפּאַצירן אין די גאַסן, אָדער אויסערן שטאָט. און כ׳האָב אויך מיין לעבן ניט געזען קיין שענערע אידעלערע פּנים׳ער. זיי לעבן שיין — ניט שריי־ענדיק וועגן דעם אין די גאַסן. זיי האָבן אַ געפיל פון זעלבסטווערדע, וואָס איז אָן אַ שיעור העכער פון דער ענגלישער בלאָסער גאווה. מיט וועלכער מיר זיינען אַלע אָנגעשטעקט, ווער מער און ווער ווייניקער, ספּעציעל, ווען מיר לאָזן זיך אַרויס אויף אַ נסיעה אין פרעמדע לענדער. אַ ספּעציעלן איינ־דרוק האָבן אויף מיר געמאַכט צוויי יונגע לייט. זיי זיינען געווען הויך גע־וואַקסן, ווי אַלע פּאָרטוגעזער, די האָר פון זייערע בערד און קעפּ זיינען געווען וואונדערלעך־שיין, דאָס הויט פון די פּנים׳ער — ברוין און שוואַרצלעך, די אויגן — טיפע, און אויף אַלץ איז געווען אויסגעגאָסן אַ מין שטילקייט און גלויבן אין די אייגענע כוחות, וואָס איז לגמרי אַנדערש פון דעם, וואָס מיר זיינען געוואוינט צו זען ביי אידן. נאָכדעם ווי איך האָב געמאַכט באַזוכן ביי די קינדער פון די אַלטע העברייער, האָב איך סוף־כל־סוף גענומען פאַרשטיין יאָזעפוסעס געשיכטע, וואָס כ׳האָב דעם ווינטער געלייענט, און וואָס מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ס׳איז אַן אומגלויבלעכע מעשה. אין די סאַלאָניקער אידן געפינען מיר ווידער דעם אומבאַזיגטן כוח, וועגן וועלכן יאָזעפוס רעדט, אַ פאָלק פון העלדן, וואָס אַפילו די רוימער האָבן באַדאַרפט אָנגורטן אַלע זייערע כוחות, ביז ס׳איז זיי געלונגען זיי צו מאַכן אונטערטעניק.

(אַלעקסאַנדער קיילאַנד, אַ באַקאַנטער נאָרוועגישער שריפט־שטעלער, וואָס האָט מיט פערציק יאָר צוריק פאַרבראַכט אַ־ניקע טעג אין סאַלאָניקי)

# א. י. ברור

## שבת אין חלב (ארם־צובא)

דאָס אידישע חלב (ארם־צובא) איז ווי אַן אָאַזיס אין דער דיאַספּאָראַ פון נאָענטן־מזרח. דעם אונטערשייד קען באַלד זען דער רייזנדער וואָס קומט דירעקט פון דמשק, אָדער, אַנטיאָכאַ. דעם שבת׳דיקן טאָג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין דער נייער אידישער פאָרשטאָט, לעבן דער אַלטער שטאָט, האָט מיך דערמאָנט אָן די סאַלאָניקער שבתים, נאָענט אידער זי איז אַרונ־טערגעפאַלן אונטער דער גריכישער הערשאַפט: מענטשן פון ברייטע האַרי־זאַנטן וואָס זייערע געצאַמטע מעגלעכקייטן האָבן נאָך ניט באַוויזן צו צאַמען זייערע השגות און אַריינברענגען אין זיי דאָס געפיל פון מינדערווערטיקייט. שבת, מנחה־צייט, קומען זיי אין בית־מדרש לערנען. די גרופּעס לערנער

זיינען צונויפגעשטעלט ניט בלויז פון אַלטע און מיטליעריקע מענטשן, נאָר אויך פון בחורים, וואָס לויט זייער אויסזען און פון דעם נסיון וואָס איך האָב געהאַט אין ארץ־ישראל — וואָלט מיר קיינמאָל אויפן זינען ניט געקומען, אַז זיי וועלן זיך אינטערעסירן מיט חקירה־ און מוסר־ספרים. אויך דאָס קאַפע־הויז איז געווען פול און דער גוי האָט געגעבן די אידן אויף באָרג, צו באַ־קאַנטע און אַפילו צו אומבאַקאַנטע. ווען די שטערן זיינען אַרויסגעקומען אין הימל — האָבן זיי געדאַווענט מעריב אין גאָרטן און נאָכדעם האָבן זיי פאַר־רויכערט סיגאַרעטלעך.

## וו. י. פישל

# שבת ביי די אנוסים פון פערזיע

די אַנוסים פון פערזיע פלעגן זיך נוהג זיין צו האַלטן אָפן די קראָמען אום שבת, אָבער אינווייניק פלעגן זיי אַוועקזעצן אַ קינד, וואָס פלעגט דער־קלערן אַן אַריינקומענדיקן קונה, אַז דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן, אָדער, די פאַרלאַנגטע סחורה איז ניטאָ אויפן לאַגער, און דאָס אַלץ, כדי ניט צו טאָן קיין שום מסחר אום שבת.

## ר׳ בנימין

# שבת אין קאַאיראָ

אין קאַאיראָ — איז נאָך שבת — שבת, און די „חכמים" זיצן און דרשנ׳ען פאַר די צוהערער אין אַ שיינעם געפליגלטן אַראַביש אין דער פרשה פון דער וואָך, ציטירן פסוקים און מדרשים אין אָריגינאַל מיט אַ שיינער אָריענטאַלישער אויסשפּראַך. אין צענטער פון שטאָט איז פאַראַן אַ פּראַכט־פולע שול, אַ טעמפּל. פרייטיק־צו־נאַכט שטראַלט זי אין פּראַכט מיט מאַסן עלעקטרישע לאַמפּן. די שול איז געווען כמעט אינגאַנצן פול. די ארץ־ישראל־דיקע געסט האָט מען באַזעצט אויבנאָן. דער כאָר האָט געזונגען מיט אַ סך שטימען, געצויגן פאַרשיידענע ניגונים — עטוואָס מעכאַניש. דער רב־הראשי האָט גע׳דרשנ׳ט אין דער נאַכט פון שבת אין ריינעם געציקלטן פראַנצויזיש און מיט אַ סך העברעאישע ציטאַטן.

## פראָפ. נחום סלושץ

# שבת אין ראָדאָס

זינט די ערשטע טעג, וואָס די איטאַליענער האָבן פאַרנומען דעם אינזל ראָדאָס (1912) זיינען זיי געווען פריינטלעך צו אידן. זיי האָבן לעגאַ־ליזירט די רעכטן פון די קהילות און חברות און האָבן געשטאַרקט די הענט

פון די רעליגיעזע אידן. וואָס אידן האָט זיך ניט איינגעגעבן צו באַקומען אין ארץ־ישראל — האָט זיך איינגעגעבן די פּרנסים פון ראַדאָס: שבת איז דער געזעצלעכער טאָג פון רו פאַר אידן, און זיי טאָרן אין דעם טאָג ניט עפענען די קראָמען, דערפאַר מעגן זיי האַלטן אָפן די קראָמען זונטיק און די קריסטן אין דעם טאָג רוען פון יעדן מסחר און אַרבעט. דאָס דאָזיקע געזעץ קערט אום צו ראַדאָס דעם אידישן כאַראַקטער, מיט וועלכן זי האָט זיך אויסגעצייכנט אין די פאַרגאַנגענע דורות.

## י. אלימלך

# שבת אין בערלין

### א

פרייטיק־צו־נאַכט און שבת האָב איך באַזוכט, אין דער באַגלייטונג פון מיינע בערלינער גוטע פריינט, אין די שולן, און די יוגנטלעכע אָרגאַניזאַציעס, און אין אַ סך פּריוואַטע וואוינונגען, וואו די אידישע יוגנט קלייבט זיך שבת צונויף, צו פאַרברענגען און שמועסן מכוח ענינים וואָס האָבן צו טאָן מיט ארץ־ישראל, מיט שבת, און בכלל, וועגן די גייסטיקע ענינים פון אידנטום. הונדערטער אידישע יונגעלייט און סטודענטן קומען זיך שבת צונויף צו די מסיבות פון „עונג־שבת״, מ׳זינגט זמירות און מ׳לערנט אַ פּרשה חומש.

ווי באַקאַנט, איז דער שבת׳דיקער טאָג פּראָקלאַמירט געוואָרן אין דייטשלאַנד, אַלס אַ טאָג פון דער היטלער־יוגנט. אין דעם טאָג שטייען די אָרגאַניזירטע שילער אין רשות פון דער היטלער־אָרגאַניזאַציע. פאַר די שילער האָט מען איינגעפירט נאַציאָנאַל־פּאָליטישע קלאַסן, כדי זיי צו געבן די מעגלעכקייט, זיך צו באַקענען מיט דער נאַצישער תורה.

די אידישע שילער זיינען באַפרייט פון די דאָזיקע לימודים און זיי האָבן די מעגלעכקייט אויסצונוצן דעם טאָג פאַר אַ טאָג פון רו.

די אידישע פירער פון דייטשלאַנד האָבן אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו אידישע טאַטע־מאַמעס, אַז זיי זאָלן ניט שיקן זייערע קינדער צו די לימודים פון „ראַסן־לערע״, האַלטן הייליק דעם טאָג שבת, דורך דעם וואָס זיי וועלן זייערע קינדער געבן די מעגלעכקייט, זיך צו באַקענען מיט די גייסטיקע אוצרות פון אידנטום דורך פאַרשיידענע רעפעראַטן, זיצונגען פון „עונג־שבת״ און דאָס גלייכן. אין געוויסע נאַציאָנאַלע קרייזן האָט מען אָנגעהויבן אַרבעטן דערפאַר, אַז שבת זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טאָג פון „אידישער יוגנט״.

די צייטונג „אידישע רונדשוי" האָט אָנגעפירט אַ ספּעציעל ווינקל, אונטערן קעפּל: „וואו וועל איך פאַרברענגען שבת?" — אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג איז פאַראַן אַ פראַגמענט פון דער פּרשה פון דער וואָך און אויך אַ פּראָגראַם פון דער שבת'דיקער זיצונג. אַ סך יונגעלייט פאַרברענגען איצט דורכן שבת'דיקן טאָג אין פאַרשיידענע צוזאַמענקונפטן פון „עונג־שבת". די יוגנט קלייבט זיך צונויף אין געוויסע שולן און פאַרזאַמלונגען, וואו מען פייערט שבת ביי געגרייטע טישן, און דורך זמירות.

דאָס ווענדן זיך צוריק צו אידישקייט, ניט בלויז צו דער רעליגיעזער פילאָזאָפיע, נאָר אויך צו די לימודים פון אידישקייט, צום לימוד פון דער העברעאישער שפּראַך, חומש מיט רש"י — ווערט אַלץ שטאַרקער, און דווקא אין קורפירסטנדאַם, אין דעם בערלינער אַריסטאָקראַטישן צענטער.

## ב

מיר דוכט, אַז דאָס איז געווען אין שול פון קייזער־שטראַסע. ס'האָט זיך מיר געמאַכט צו זיין אַנוועזנד, ווען די יוגנטלעכע האָבן געדאַוונט בציבור. פאַרשיידענע יונגעלייט, די מערסטע פון זיי, קינדער פון אַסימי־לירטע עלטערן, פאַרזאַמלען זיך יעדן שבת צו דער „יוגנטלעכער תפילה". דער חזן, דער כאָר און דער בעל־קריאה — זיינען אַלע געווען בר־מצוה אינגלעך. נאָכמיטאָג איז דאָרט פאָרגעקומען אַ צוזאַמענקונפט פון „עונג־שבת" און ד"ר ראַב האָט גערעדט מכוח דער פּרשה פון דער וואָך. נאָך אַ קורצער הקדמה האָט דער דאָקטאָר אָנגעהויבן לייענען רש"י'ס פּירוש אויף דער פּרשה.

דער חשק צום לימוד פון חומש האָט געבראַכט דערצו, אַז אין יאָר 1935 האָט אַ פראַנקפורטער בוכפאַרלעגער אַרויסגעגעבן רש"י'ס פירוש אויף דייטש, און דאָס האָט מיטגעבראַכט, אַז רש"י איז געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער אין גאַנץ דייטשלאַנד.

אין אַן אַנדער שול האָב איך געטראָפן אַ דרייסיק יונגעלייט. די טישן זיינען געווען געגרייט מיט חלה, צוקערלעך און פרוכטן. די אָנטייל־נעמער האָבן געזונגען „שיר־המעלות" און „אין כאלהינו". נאָכדעם, האָט איינער פון די אַנוועזנדע גערעדט וועגן דער פּרשה פון דער וואָך, נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן ריידן מיט התלהבות פון ארץ־ישראל, וואָס איז דערמאָנט אין איינעם פון די פסוקים פון דער סדרה. אַנדערע קינדער האָבן באַוויזן זייער קענטשאַפט אין העברעאיש, דעקלאַמירט לידער און פאָרגעלייענט, און אַזוי ווייטער.

אַן אַנדער מאָל — בין איך געווען בייוועזנד צו אַן „עונג־שבת" אין אַ העברעאישער שולע. דאָ פאַרגייט די צייט אין זינגען שבת'דיקע זמירות און אין מעשה'לעך פון חומש וואָס דער לערער דערציילט די קינדער. די

קינדער אַליין שטעלן פראַגעס. דער לערער גרייט צו אַ פּראָגראַם פאַרן „עונג־שבת" לויט דער פאָדערונג פון די קינדער.

## ג

אַזוי האָב איך אומגעשפּאַצירט פון איין עונג־שבת צום צווייטן, און אויך באַזוכט די אָרגאַניזאַציע פון אידיש־דייטשער יוגנט, די קבוצה פון די „הבונים" און געהערט אַ סך מיינונגען און פּלענער, ווי אַזוי אויסצוברייטערן און פאַרשענערן די צוזאַמענקונפטן פון „עונג־שבת". ס'האָט זיך מיר אַפילו געמאַכט צו הערן אַן עוואַנגעליסטישן פּאַסטאָר, וואָס איז געווען אין ארץ־ישראל, און וואָס האָט גערעדט מיט גרויס באַגייסטערונג פון תל־אָביב'ער „עונג־שבת".

דער פּאַסטאָר האָט דערציילט, אַז ער איז געווען צו אַן „עונג־שבת" אין תל־אָביב, וואו טויזנט מענטשן זיינען געווען איניווייניק און טויזנט מענטשן זיינען געשטאַנען אינדרויסן ביי די אָפענע טירן. ער האָט דערציילט פון זיין התפעלות, ווען ער האָט געהערט ווי „יונגע קערלע" האָבן געזונגען לידער אין דער הייליקער שפּראַך, וואָס איז אים זייער טייער. דער דאָזיקער פּאַסטאָר, וואָס האָט זיך צוגעקוקט צו דעם בערלינער „עונג־שבת" — איז געקומען מיט אַ פאָרשלאָג, אַז יעדן שבת זאָל מען זינגען אַ קאַפּיטל תהלים אין פאַר־בינדונג מיט דער פרשה פון דער וואָך. ער האָט שוין ערגעץ וואו געזען אַזאַ מין זאַמלונג, וואו ס'זיינען פאַראַן צוויי־און־פופציק מזמורים פון תהלים און פאַר יעדער איינציקער סדרה פון די וואָכן פון יאָר.

אָבער דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט מיין באַזוך אין אַ פּריוואַטער דערציאונגס־אינסטיטוציע. אַהין האָט מיך געפירט מיינער אַ גוטער פריינט, אַ בערלינער תושב.

אין יענער אינסטיטוציע לערנען קינדער, אין די יאָרן פון ניין ביז פערצן, און דאָרט איז איינגעפירט צו ריידן יעדן פרייטיק אויף דער טעמע פון „שבת". דערהויפּט איז אינטערעסאַנט דער אופן, ווי אַזוי זיי לערנען די העברעאישע שפּראַך. אַט נעמען זיי אַרויס פון די זעקלעך: מעל, זאַלץ, היווון און שטעלן זיך קנעטן חלה... אַגב רופן זיי יעדע זאַך מיטן העברעאישן נאָמען און בשעת דער אַרבעט זינגען זיי אַזאַ מין ליד:

„שבת־קודש קומט מאָרגן דאָ
און שבת'דיקע חלה איז נאָך ניטאָ".

אָבער, ווי געזאָגט, דאָס איז בלויז די שעה פון לערנען און האָט ניט צו טאָן דירעקט מיט שבת. נאָך דער „שעה" נעמען די מיידלעך אַוועק די אויסגעקנאָטענע חלות אין אַ בעקעריי און ברענגען זיי אויף מאָרגן אין דער שולע, צו דער צוזאַמענקונפט פון עונג־שבת. דאָס אַלץ איז פּראָפּאַ־גאַנדע פאַרן שבת.

נאָכדעם האָב איך באַזוכט די פּריוואַטע וואוינונג פון איינעם אַן אַד־וואָקאַט, וואוהין די שטודירנדיקע יוגנט קומט זיך יעדן שבת צונויף. כ׳האָב דאָרט באַגעגנט אַ טוצן יונגעלייט, וואָס זיינען ביז איצט געווען פרעמד צו אידן און אידישקייט. זיי הייבן אָן זוכן אַן אינהאַלט, אַ שטיקל אידישקייט. זיי קלייבן זיך יעדן שבת צונויף און פאַרטיפן זיך אין אַקטועלע אידישע לעבנס־פראַגן, מ׳לייענט פאַרשיידנאַרטיקע רעפעראַטן און אַ פרשה חומש אין משה מענדלסאָנס דייטשישער איבערזעצונג.

## דער אידישער וועלט־קאָנגרעס וועגן שבת

ראָש־חודש אלול, ה׳תר״ץ (1930) האָט אין בערלין זיך געעפנט דער קאָנגרעס פאַר׳ן שבת, אונטערן פאָרזיץ פון ד״ר ש. גרינבערג. דער קאָנגרעס האָט זיך געצויגן דריי טעג צייט. די רעפעראַטן זיינען באַשטאַנען פון דריי קאַטעגאָריעס: דין וחשבון פון די אָרגאַניזאַציעס מכוח זייערע ביז־איצטיקע אויפטוען אויפן געביט פון פאַרשטאַרקן דעם שבת, אין פאַרבינדונג מיטן צושטאַנד פון שבת אין יענע לענדער; אַקאַדעמישע רעפעראַטן וועגן ווערט פון שבת; און, רעפעראַטן וועגן פּאָליטישע און אַקטועלע פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אָפּהיטן שבת.

דער פאָרזיצער, ד״ר שמואל גרינבערג, האָט געזאָגט: די טעג פון שבת זיינען אַלט ווי די טעג פון פאָלק ישראל גופא. איינער פון די גדולי אומות־העולם האָט אָנגערופן דעם טאָג שבת: „די קרוין פון דער אידישער אמונה״. די הייליקייט פון שבת איז אַן עלעמענטאַרע פאָדערונג אין די עשרת־הדיברות און פון אַלע גרעסערע נביאים. דער געדאַנק פון שבת איז אַ געזעל־שאַפטלעך־מאָראַלישע רעוואָלוציע אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט, דער קוואַל פון אידישן לעבן. אונדזערע אָבות האָבן שווער געקעמפט, כדי אָפּצוהיטן שבת. היינט איז די מלחמה ביטערער און שווע־רער ווי ווען ניט איז פריער. דער קאַמף היינט צווישן די קולטורעלע פעל־קער האָט זיין מקור ניט אין רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען — נאָר אין עקאָ־נאָמישן לעבן. ביז אין דער נשמה רירט אונדז דער מצב פון פרומען אידן, וואָס וויל היטן שבת. אין אַ סך פאַלן שטייט ער פאַר דער דילעמע: אונטער־צוגראָבן זיין חיונה, אָדער, מחלל־שבת זיין. דער דאָזיקער מצב ווערט שווע־רער דורך די זונטיק־געזעצן, וואָס אַן שום באַרעכטיקונג, ווערן זיי אָרויפ־געצוואונגען אין די מערסטע לענדער אויך אויף דער אידישער באַפעלקע־רונג. וויבאַלד אַז דער דאָזיקער צוואַנג איז אַן עקאָנאָמיש־געזעצלעכער, דאַרף דאָך אַזאַ איבל באַזייטיקט ווערן דורך עקאָנאָמיש־געזעצלעכע אַרבעט. ס׳איז צייטיק געוואָרן דאָס פאַרשטענדעניש, אַז עס מוזן פאַר דער דאָזיקער אַרבעט פאַראייניקט ווערן אַלע אידישע כוחות. און פאַר דעם צוועק איז איינגערופן געוואָרן דער דאָזיקער קאָנגרעס.

הרב ד"ר לאַנגער פון פּאַריז האָט רעפערירט וועגן מצב פון שבת אין פראַנקרייך. אין אַ סך געביטן איז פאַר אַ אידן כלל אוממעגלעך צו היטן שבת, למשל, פאַר אידישע אַרבעטער אין די קוילנגרובן אָדער, אין דער אַטאָמאָביל־אינדוסטריע. אָבער אַפילו אין די פרייע פּראָפעסיעס איז אויך דער צושטאַנד זייער טרויעריק. צווישן טויזנט אידישע דאָקטוירים זיינען פאַראַן ניט מער פון פיר שומרי־שבת, צווישן פינף הונדערט דריי און צוואַנציק אַדוואָקאַטן — בלויז דריי. צווישן די פילע לערער אין די מיטלשולן — בלויז זעקס. צווישן די גרויסע געשעפטן און די באַנקן — זיינען נאָך פאַראַן גרויסע פירמעס וואָס האַלטן שבת געשלאָסן. אין איין שולע, וואו עס לערנען זיך הונדערט אידישע תלמידים — און בלויז צען פון זיי שרייבן ניט אום שבת. אין פראַנקרייך איז ניטאָ קיין שום געזעץ, וואָס פאָדערט צו שליסן זונטיק די קראָם, אָדער ווערקשטאָט, און דאָך אַפילו אין אידישן קוואַרטאַל אַרבעטן אידן אום שבת און רוען זונטיק. אַפילו אין אַנדערע צווייגן פון פרנסה, וואָס בלויז אידן זיינען אין זיי באַשעפטיקט — היטן זייער ווייניק אידן אָפּ דעם שבת. ניטאָ, למשל, קיין איין־איינציקער אידישער בעקער, וואָס זאָל שבת האַלטן צוגעמאַכט די קראָם.

די פראַגע פון שבת אין פראַנקרייך, איז אַלזאָ בעיקר, אַ דערציאונגס־פראַגע. מ'דאַרף דערציען דעם יונגן דור צו היטן שבת. און מיט דער כוונה — האָט זיך די אַרבעט אָנגעהויבן. עס מערן זיך אגודות אויף אָפּצוהיטן שבת. די יוגנט־אָרגאַניזאַציע „שמע־ישראל" — באַטייליקט זיך אין דעם.

וועגן צושטאַנד פון זאַכן אין האָלאַנד האָט רעפערירט ד"ר אשר. די ערשטע אגודה אין האָלאַנד פאַר שמירת־שבת איז געגרינדעט געוואָרן נאָך מיט פינף־און־דרייסיק יאָר צוריק. אַזאַ אגודה האָט ד"ר ניישטאַדט געגרינדעט אין בריסל נאָך אין יאָר 1881. אין 1895 איז געגרינדעט געוואָרן אַ פאַרבאַנד פון אידישע אַרבעטער, וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער אַל־געמיינער אָרגאַניזאַציע, בלויז דערפאַר, כדי ער זאָל קענען ווירקן מכוח שבת. אין אָנהייב האָט ער געהאַט אַ ווידערשטאַנד מצד דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע, אָבער צום סוף האָט „בצלאל" געזיגט. און איצטער, מאַכט די וועלט־אָרגאַניזאַציע פון דימענט־שלייפער פּראָפּאַגאַנדע פאַרן דאָזיקן געדאַנק.

אין האָלאַנד עקזיסטירן פאַרשיידענע אגודות פון שמירת־שבת, וואָס מיען זיך משפיע צו זיין אויף אַלע געזעלשאַפטלעכע קרייזן, און ספּעציעל, אויף דער יוגנט. די קהילה פון אַמשטערדאַם האָט באַשטימט אַ ספּעציעלן קאָמיטעט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַלע פראַגעס בנוגע שמירת־שבת.

וועגן מצב אין דענמאַרק האָט רעפערירט דער הויפּט־ראַבינער ד"ר פרידיגער. די אַרטיקע אידן וואָס זיינען שוין דריי הונדערט יאָר איינגעביר־גערט אין לאַנד — זיינען פאַרזונקען אין אַ שווערער אַסימילאַציע, און פונ־דעסטוועגן מיען זיי זיך אָנצוהאַלטן רעליגיעזע אינסטיטוציעס פון טראַדי־

ציאַנעלער פרומקייט. דאַגעגן אָבער, האָבן מיט אַ יאָר פינף־און־צוואַנציק צוריק אָנגעהויבן אַריינקומען אין לאַנד אידן פון מזרח־איראָפּע. די דאָזיקע זיינען בעיקר געווען אַרבעטער פון פאַרשיידענע פאַכן, וואָס האָבן געאַרבעט פלייסיק און עקאָנאָמיש זיך איינגעאָרדנט. אין די הייזער ביי זיי — הערשט נאָך דאָס כשרות, נאָר דער שבת ביי זיי האָט זיך ניט איינגעהאַלטן צוליב עקאָנאָמישע סיבות. די פראַגע פון שבת איז אַ פראַגע פון דערציאונג. דווקא דער אינגערער דור לאָזט זיך צו באַקומען אַ השפעה. אויך ביי די אָרטיקע אידן קומט אויף און פאַרמירט זיך אַ נייער דור, וואָס שטעלט זיך אויף דער באַזע פון טראַדיציאָנעלער אידישקייט.

ד״ר מאיר הילדעסהיימער האָט איבערגעגעבן איינדרוקן פון ז׳ין באַזוך אין דרום־אַפריקע. ער האָט פיל געלויבט די דאָרטיקע אידן, אָבער שבת דאָרטן האָט כמעט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

וועגן צושטאַנד אין ארץ־ישראל האָט גערעדט ר׳ בנימין. דער געזעץ אָנערקענט דאָס רעכט פון שבת. די רעגירונגס־אַנשטאַלטן אין אידישע מערהייטן זיינען געשלאָסן — און דאָך זיינען פאַראַן שאַטנס. די רעגירונגס־באַאַמטע האָבן ניט די גענוגנדע פאַרשטענדעניש און האָבן ניט קיין ליבשאַפט פאַר אונדזער שבת — און טרעטן איבער דאָס געזעץ. דאָ שטייט דער הויפּט־ראַבינאַט אויף דער וואַך.

און מצד דער געזעלשאַפט? דאָ געפינען מיר זיך אין אַן אויסער־געוויינטלעך בעסערן מצב. די אידישע ארץ־ישראל, אַלס אַ כלל, היט אָפּ שבת. און אויב ס׳זיינען פאַראַן פּרטים וואָס טרעטן אַרויס פון כלל — שטעלט זיך די געזעלשאַפט אַנטקעגן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען. דער שבת לאָזט זיך שפּירן אַפילו צווישן ניט־אידן. ניטאָ קיין האַנדל, ניטאָ קיין אַרבעט און ניטאָ קיין פּרעסע. שבת איז אַ טאָג פון לערנען און תפילה און פאַרברענגען און שפּאַצירן און באַזוכן. דער רב פון פּאַריז האָט געזאָגט, אַז דאָרט איז ניטאָ קיין איין אידישער בעקער, וואָס זאָל האַלטן שבת פאַרמאַכט זיין קראָם, ביי אונדז איז ניטאָ קיין איין אידישער בעקער וואָס זאָל שבת האַלטן זיין קראָם אָפן.

און דאָך איז אונדזער שמחה ניט קיין פולע. אויב אין די גלות־לענדער קעמפן די שומרי־שבת פאַר דער מעגלעכקייט צו היטן שבת — קעמפן מיר ביי אונדז פאַר אַ סביבה פון שמירת־שבת, פאַר דעם געזעלשאַפטלעכן קאָלאָריט פון שבת. אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט אַרבעט טאַקע ניט אום שבת, אָבער ער פאַרשטייט ניט דעם ווערט פון שבת. ער איז ווייט פון פאַרשטיין אידישקייט. ער קומט פון גלות, וואו דאָרט איז ער געשטאַנען אונטער פרעמדע שעדלעכע השפעות. און נאָך וואָס: אין גלות איז ער געווען געוואוינט, אַז דער זונטיק איז געווידמעט צו פאַרשיידענע שפּילן, פוטבאָל, וכדומה. ביי אונדז איז קיין זונטיקדיקע רו ניטאָ. שבת איז דער איינציקער טאָג פון רו

— און דעריבער ווילן זיי דורכן טאָג אויך הנאה האָבן מיט זאַכן וואָס פאַר־שאַפן צער און ווייטיק דעם רעליגיעזן אידן, וואָס פאַרשטערן די קדושה פון שבת און מאַכן אים בלויז פאַר אַ טאָג פון רו.

אַביסל האָט שוין אויך דער דאָזיקער מצב זיך געענדערט צום גוטן. ביאַליק האָט אַ סך משפיע געווען צום גוטן סיי דורכן „עונג־שבת" און סיי דורך אַנדערע וועגן. אונטער זיין איינפלוס געפינען זיך אַ סך אויפן וועג צום שבת.

אַ סך ווענדט זיך אָן דער פאַרשטאַרקונג פון גייסט פון אַחדות־האומה. די דאָזיקע אַחדות שאַפט אַ שותפות'דיקע שפראַך צווישן אַלע דורות. און קודם־כל: דאַרף מען פאַרשטאַרקן די עליה פון אַ פרומען עלעמענט אין לאַנד און זייער אַנטייל אין אויפבוי פון לאַנד. אין דער מאָס וואָס אַזעלכע עלעמענטן וועלן צוקומען אין לאַנד, אין דער מאָס וועלן אָפגעשאַפן ווערן די פגימות פון דער מלכה־שבת אין לאַנד, און אַזוי וועט אויך אונדז מקויים ווערן: „און ער וועט צוריקקערן דאָס האַרץ פון טאַטעס צו די קינדער, און דאָס האַרץ פון די קינדער צו די טאַטעס".

# זיבעטער קאַפּיטל

# לעגענדעס און תענוגים פון שבת

## ר׳ גרשון ב״ר אליעזר

**(1624)**

### דער טייך סמבטיון

און ס׳איז געווען, אז מיר זיינען געקומען נאענט צו דער נאענטער שטאט פון סמבטיון, האבן מיר דערהערט א גרויסן טומל און א רויש, ווי פון א דונער, און וואס נענטער מיר זיינען צוגעקומען צו דער שטאט, אלץ גרעסער איז געווארן דער רעש, האב איך געפרעגט: וואס איז דאס פאר אזא רעש? האט מען מיר געענטפערט, אז דער רעש קומט פון סמבטיון. האב איך ווייטער געפרעגט: וויבאלד מ׳קען דעם טייך ניט אריבערגיין צוליב דער גרויסער טומלעניש און צוליב דעם, וואס ערווארפט מיט שטיינער — טא צו וואס און פארוואס האט מען נאך באדארפט ארומשטעלן ארום טייך שומרים? האט מען מיר געענטפערט: דער אמת איז טאקע, אז א גאנצע וואך היט מען ניט דעם ברעג טייך, זיי לויפן דארט ארום בלויז צו באראַ־בעווען און בא׳גזל׳נען יעדן איינעם וועמען זיי טרעפן אויפן ברעג. בלויז צוויי שעה איידער דער שבת קומט אריין, ווען דער טייך ווערט שטיל און רואיק — קומען די שומרים באוואכן דעם ברעג, ווייל דעמאלט קומען די אידן פון יענער זייט טייך. אבער די שומרים קומען ניט אהין כדי צו פארפירן מיט זיי מלחמה, נייערט, ווען זיי זעען פון ווייטן אז די אידן קומען — לויפן די שומרים צו די באפעסטיקטע שטעט און לאזן זיי וויסן, אז זיי זאלן פארשליסן די טויערן, מחמת די אידן קומען אויף זיי. שבת היטן זיי אויך ניט, מחמת זיי וויסן, אז שבת וועלן אידן ניט אריבער דעם טייך. און ס׳איז געווען, אז ס׳האט געהאלטן צוויי שעה פאר שבת — האב איך מער ניט געהערט שוין קיין טומל און קיין רעש — האט מען מיר געזאגט, אז אזוי איז דער שטייגער פון טייך, א גאנצע וואך האלט ער אין איין שטורעמען, און ווי עס קומט נאענט צו שבת ווערט ער שטיל און רואיק ביז שבת־צו־נאכט — און ווען ער שטורעמט, ווארפט ער גרויסע שטיינער, ווי א שטוב די גרויס... אויך האט מען געזאגט, אז פון לאנד פרוסטער־יאן זיינען פאראן צוויי מדינות ביזן טייך סמבטיון, און אין די דאזיקע מדינות, אז א מענטש הרג׳עט א בהמה — פאר׳משפט מען אים צום טויט, ווי א

רוצח... און יענער טייך — איז זיבעצן מייל די ברייט, און אַ גאַנצע וואָך שטורעמט ער און וואַרפט מיט שטיינער און דער טומל הערט זיך פון וויטן אויף אַ מהלך פון צוויי טעג צייט, און פרייטיק פאַרנאַכט ווערט ער אַנט־שוויגן און דער טייך ווערט טרוקן און רוט, און מ׳זעט ניט אַפילו דעם מינדסטן שטיינדל, בלויז אַ וויסן דינעם זאַמד, ווייס ווי שניי — און שבת־צו־נאַכט הייבט ער ווידער אָן שטורעמען און רוישן, ווי פריער. און אַזוי האָב איך געהערט, אַז די אַרומיקע גוים טרינקען ניט די וואַסערן פון טייך, און לאָזן ניט קיין חיות און בהמות קומען אַהין טרינקען, מחמת די וואַסערן זיינען הייליק... און מ׳זאָגט, אַז אויף דער צווייטער זייט פון טייך — געפינען זיך בלויז אידן און זיי האָבן פיר־און־צוואַנציק מלכים, און יעדער מלך האָט זיין באַזונדערע מדינה און דאָרט זיינען פאַראַן גרויסע באַפעס־טיקטע שטעט און דערפער — גאָר אָן אַ צאָל. און די אַלע האָבן איבער זיך אַ העכסטן מלך און ער איז אַ גרויסער גבור־חיל... און דער נאָמען פון דאָזיקן מלך איז אליעזר, וואָס האָט אין יענער צייט, אין שצ״א, געקיניגט, און ווען ער גייט אַרויס אין מלחמה — איז זיין מנהג, אַז ער גייט אַרויס מיט ק״ן אלפים רייטער, און דאָס פאָלק, די פוסגייער — זיינען ווי אַ היישעריק לרוב. און צוויי שעה פאַר שבת גייען זיי אַריבער דעם טייך סמבטיון, ווייל די פערד לויפן אַזוי שנעל, אַז ס׳איז ניט צו גלויבן, אַז אין צוויי שעה לויפן זיי אַריבער אַזאַ ברייטן טייך און מאַכן שבת אויף דער זייט, וואָס איז די מדינה פון פּרוסטער־יאַן. און דאָרט זיינען פאַראַן אַ סך מדינות און שטעט און קהילות, וואָס ציען זיך ביז גרויס־אינדיע. פון דער צווייטער זייט פון סמבטיון היטן די אידן, אַז די שונאים (די קריסטן) זאָלן צו זיי ניט אַריבערקומען, און יעדער איינער, וואָס קומט צו זיי אַריבער, ווערט דער׳הרג׳עט, אַחוץ די מוסולמענישע סוחרים... און נאָך האָבן זיי אַ מלך צווישן זיי און זיין נאָמען איז דניאל החסיד, און ער איז אַ גרויסער עניו, אַ מאַן אַ ריז, און אַ גרויסער גבור־חיל, וואָס הרג׳עט אויס טויזנט זעלנער (פון די שונאים) מיט איין קלאַפּ... און מ׳האָט מיר דערציילט, אַז דער מלך דניאל האָט אַ טייערן דימענטשטיין אין זיין אוצר, וואָס ווערט אָנגערופן גאַרפינקל, אַ גאַנצע וואָך ליגט דער שטיין באַהאַלטן אין אוצר און איידער ס׳ווערט שבת ווערט דער שטיין אויפגעהאַנגען ביי אים אין פּאַלאַץ און דער שטיין לייכט טאָג און נאַכט ווי די זון אין הימל. דאָס טוט ער אַזוי לכבוד־שבת, פאַר באַלייכטונג, מקיים צו זיין דאָס וואָס ס׳איז געזאָגט: „איר זאָלט ניט אָנצינדן קיין פייער אין אַלע אייערע וואוינפלעצער אין טאָג פון שבת״. אין יאָר שפ״ח זיינען אַכט אידן פון די איירָאָפּעאישע לענדער אַרי־בערגעגאַנגען דעם סמבטיון, און אַז זיי זיינען אַהין געקומען — זיינען זיי געבראַכט געוואָרן פאַרן מלך. האָט דער מלך צו זיי געזאָגט: ווי אַזוי זענט איר אַהער געקומען און ווי אַזוי זענט איר דורכגעגאַנגען די אַלע גרויסע

פירכטערלעכע מדבריות און דורך די מעכטיקע לענדער פון אונדזערע שונאים? און נאָכמער, ווי אַזוי האָט איר דאָס מחלל־שבת געווען אַריבער־צוגיין דעם טייך — און איר זענט חייב־מיתה, האָבן אים די אידן אָפּגע־ענטפערט און געזאָגט: אַדוני מלך! אידישע קינדער וועלן חלילה ניט מחלל־שבת זיין במזיד, נייערט, מיר זיינען געפאַנגען געוואָרן צווישן די אומות און זיי האָבן אונדז געפירט אין שווערער געפאַנגענשאַפט ביז נאָענט צום סמבטיון, און מיר האָבן געהערט, אַז איר זענט אידן און איר וועט געוויס ניט איבערענטפערן דעם קנעכט צו זיין האַר, האָבן מיר אַראָפּ־געוואָרפן זייער יאָך פון האַלז און מיר זיינען אַנטלאָפן צו געפינען ביי אייך שוץ. האָט זיי דער מלך געפרעגט, צי זיי זיינען תלמידי־חכמים, און צי זיי האָבן געלערנט תנ״ך און משנה? האָבן זיי געענטפערט: געוויס, אדוני מלך! האָט זיי דער מלך געגעבן אַ ספר — און זיי האָבן געלייענט, האָט דער מלך זיי געגלויבט, אַז זיי זיינען באמת אידן. האָט דער מלך באַפוילן און מ׳האָט זיי אונטערגעטראָגן גרויסע מתנות — און זיי האָבן חתונה געהאַט מיט דאָרטיקע פרויען.

(פון אייזנשטיינס „אוצר המסעות״)

## ר׳ משה ריישער

# אריאל

מעשה. איינמאָל, מיט הונדערט צוואַנציק יאָר צוריק, האָט מען אין ארץ־ישראל אויסגעקליבן איינעם אַ חכם, וואָס זאָל פאָרן איבער דער וועלט, צו די ברידער וואָס וואוינען אין חוץ־לארץ, דערוועקן ביי זיי רחמנות, צו העלפן די אַרעמעלייט. וויסנדיק, אַז מ׳וועט דורכשניידן דורך אַ מדבר, אַ מהלך פון צוועלף טעג און מער, צווישן וועלכע עס פאַלט אויס דער טאָג פון שבת־קודש, האָט דער רב דער תמים אויסגענומען אַ תנאי מיטן פירער פון קאַראַוואַן, אַז מ׳וועט זיך אָפּשטעלן און רוען דורכן הייליקן טאָג. דער פירער האָט געקראָגן באַצאָלט פאַרן דאָזיקן אָפּשטעל. פרייטיק, ווען די זון האָט שוין געהאַלטן ביי שקיעה — האָט דער פירער ניט געוואָלט זיך אָפּ־שטעלן, זיך ניט צוגעהערט צום רב׳ס אַלע בקשות, און געהייסן גיין ווייטער. זיך איין מינוט ניט צו פאַרהאַלטן. דער רב איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער, אַ באַטריבטער און אַ פאַרטרויערטער; ס׳האָבן זיך געשלאָגן אין אים פאַר־שיידענע מחשבות, צי זאָל ער מחלל־שבת זיין און פאָרן ווייטער מיטן קאַראַ־וואַן, אָדער, ער זאָל בלייבן דאָ אין מדבר צווישן די ווילדע חיות. אָבער, ווען ער האָט זיך גוט דורכגעטראַכט — האָט ער זיך אַזוי אויסגערעכנט: אויב איך בלייב איבער דאָ אין מדבר, קען זיין און אפשר וועט מיר אויסקומען צו שטאַרבן, אָבער אויב איך וועל מחלל־שבת זיין, וועל איך דאָך אַוודאי

פאַרשפּילן מיין נשמה אויף אייביק, און וועל דאָס קיינמאָל ניט קענען גוט־מאַכן. איז דער רב אַרונטער פונעם זאַטל פון מוילאייזל, גענומען זיין פּעקל זאַכן אויף די פּלייצעס און פאַרלאָזן דעם קאַראַוואַן. אייניקע פון די מענטשן האָבן געלאַכט פון אים, ווי פון אַ משוגע און חסר־דעה, און אייניקע האָבן אויף אים געהאַט רחמנות, ווי אויף איינעם, וואָס גייט צו אַ זיכערן טויט. די זון האָט זיך געזעצט, און דער רב האָט געווענדט זיין פּנים צום מזרח, געדאַוונט און מקבל־שבת געווען מיט גרויס כוונה. נאָכן דאַוונען האָט ער אַרויסגענומען פון זאַק ברויט מיט וויין, געמאַכט קידוש און געגעסן און געזונגען זמירות לכבוד שבת. אָבער אַ טויט־שרעק איז אים באַפאַלן ווען ער האָט דערזען, ווי אַ מעכטיקער לייב האָט פאַר אים זיך צעברומט. דער רב האָט שוין מער ניט געגלויבט אין זיין לעבן — דאָס לעבן איז אים געהאַנגען אויף אַ האָר. נאָר דער לייב האָט זיך אַוועקגעלייגט פאַר אים אויף דער ערד און געקוקט אויף אים מיט טרייסטנדיקע און רחמנות׳דיקע אויגן. האָט זיך דעם רב׳ס שרעק אַפּגעטאָן פון אים און האָט זיך געזעצט צוריק צום עסן און צו זיינע זמירות לכבוד־שבת, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז דער לייב איז אַנדרעמלט געוואָרן און אויך דער רב איז אַנדרעמלט געוואָרן אין די זאַמדן פון מדבר. זיך אויפכאַפּנדיק אינדערפרי פון שלאָף האָט דער רב ווידער דערזען זיין מעכטיקן שומר ווי ער ליגט און קוקט אויף אים מיט רחמנות און פריינטלעכקייט, ווי נעכטן. האָט דער רב פאַרשטאַנען, אַז דער לייב איז זיין שומר, וואָס טוט אים באַוואַכן. און אַזוי איז אים אַוועק דער טאָג פון רו אין זמירות און לויבגעזאַנגען צו גאָט. נאָך הבדלה, האָט דער לייב, וואָס איז אַ גאַנצן טאָג געלעגן רואיק, זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ, ווי אַ טרייער הונט געקלאַפּט מיטן עק אַן זאַמד און געלעקט דעם רב׳ס האַנט מיט דער צונג. צום סוף האָט ער זיך אַוועקגעלייגט דעם רב צו די פיס, ווי ער וואָלט זיך געבעטן ביי אים, ער זאָל זיך זעצן אויף אים רייטן. דער רב האָט פאַרשטאַנען, וואָס דעם לייבס לייגן זיך מיינט, האָט ער גענומען זיין פּעקל, אַוועקגעלייגט אויפן לייב און ער אַליין האָט זיך אויך אַוועק־געזעצט אויף אים און דער לייב האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען לויפן אין אַ מעכטיקן געלאָף. און אַזוי איז ער אַ גאַנצע נאַכט געלאָפן און דער רב האָט זיך אַנגעהאַלטן אַן לייבס גריווע, וואָס איז געווען אין זיינע הענט, ווי דער צוים ביי אַ פערד. דורכן גאַנצן וועג האָט ער געהערט אַ מורא׳דיק גע־ברום פון חיות. ווען דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען האָט דער רב אַנגע־יאָגט דעם קאַראַוואַן, וואָס איז געלעגן און גערוט מיט זיינע קעמלען און מוילאייזלען. זיי האָבן דערזען — און נשתומם געוואָרן. דער לייב האָב זיך געקניט און זיך אַוועקגעלייגט, ווי אַ קעמל, אַז דער רייטער זאָל פון אים אַרונטערגיין. און דער רב איז אַרונטער פון לייב מיט אַ גרויסער שמחה. נאָכדעם האָט זיך דער לייב תיכף אויפגעהויבן אין אַ גרויס געבריל, פאַכנדיק

מיטן עק און אָנשפּיצנדיק די פליענדיקע גריווע — צוריק אַנטלאָפן אין מדבר אַריין. און באַלד איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן פון די אויגן פון קאַראוואַן — און ניט געוואָרן. די מענטשן פון קאַראוואַן האָבן גלייך באַנומען דעם רב׳ס גרויסקייט און אים באַטראַכט פאַר אַ הייליקן מאַן, אַ קדוש וטהור. דער פירער דער רשע האָט ביים רב געבעטן מחילה פאַר זיין רשעות.

זינט יענעם טאָג און ווייטער — האָט מען דעם רב גערופן: אריאל. און ביז צום היינטיקן טאָג בליט נאָך די טייערע און בכבודיקע משפחה פון אריאל אין דער שטאָט חברון.

(„שערי־ירושלים״, לעמבערג, תרל״ז)

## ברוך עוזיאל

# אַ מעשה מיט אַ רב און אַ טערק אַ פרוכטהענדלער

אַ מעשה מיט איינעם אַ רב פון סאַלאָניקי, (אייניקע שרייבן צו די געשעעניש צו ר׳ שמואל דע־מעדינא, דער ערשטער סאַלאָניקער רב נאָכן גירוש־שפּאַניע) וואָס פלעגט זיך נוהג זיין, אַרויסצוגיין פרייטיק־פאַר־נאַכט אין מאַרק אַריין און אונטעריאָגן די אידישע קרעמער צו שליסן זייערע געוועלבער. איינער אַ טערקישער קרעמער, אַ פרוכטהענדלער, האָט געהאַט אַ אידישן אינגל אַ משרת אין קלייט, און יעדן ערב־שבת אין סאַמע ברען פון האַנדל — ווי נאָר דער רב פלעגט זיך באַווייזן, פלעגט דאָס אינגל נעלם ווערן פון קלייט און לויפן אַהיים, און צו זיין באַלעבאָס פלעגט דערפון אַרויסקומען אַ היזק. דאָס האָט דעם פרוכטהענדלער שטאַרק דערצאָרנט, און ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף דערצו. איינמאָל, אַ פרייטיק־פאַר־נאַכט, ווען דער רב איז אַרויסגעקומען אין מאַרק, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט דער טערק געכאַפּט זיין האַק, צוגעלאָפן צום רב מיט באַנומענע קולות און קללות און זיך פאַרמאָסטן אויף אים מיט דער האַק — און פלוצים איז דער טערק געבליבן שטיין מיט דער אויפגעהויבענער האַק און זי ניט געקענט אַראָפּלאָזן. דער רב האָט געזאָגט אַ „שם״ און דעם מענטשנס אברים זיינען אָפּגענומען געוואָרן. אַזוי איז דער טערק געבליבן שטיין און ניט געקענט רירן מיט קיין גליד. דעם טערקס משפחה האָבן זיך דערוואוסט פון דער מעשה, זיינען זיי געלאָפן צום רב זיך בעטן פאַר אים רחמים. דער רב האָט זיך געלאָזט איבערבעטן, האָט אַראָפּגענומען פון מענטשן דעם חרם, און דער טערק איז צו זיך געקומען, נאָכדעם, ווי ער איז לאַנגע שעה׳ן נאָכאַנאַנד געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער מיט דער האַק אין האַנט.

(רשומות, כרך ה׳)

## בערטאָלד אויערבאַך

# אַ מעשה מיט אַ פרומען מאַן

מיט אַ סך דורות צוריק האָבן די שפּאַנישע גלחים איינגעפירט דאָס געריכט, וואָס ווערט אָנגערופן מיטן נאָמען אינקוויזיציע; דאָס דאָזיקע געריכט, האָט געצוואונגען אידן זיך צו שמד׳ן אויב ניט — זיינען זיי אריינגעוואָרפן געוואָרן אין די קעלערן פון אינקוויזיציע און דערנאָך פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. איינמאָל האָט מען אין דעם קעלער אריינגעוואָרפן זייער אַ פרומען מאַן; קיין שטראַל ליכט איז אַהין ניט צוגעקומען און ער האָט ניט געקענט וויסן, ווען ס׳איז טאָג און ווען ס׳איז נאַכט. דער צדיק האָט זיך אויף זיין גורל ניט געקלאָגט. ער האָט בלויז געהאַט צער, וואָס ער וועט ניט קענען פאַרהייליקן דעם שבת און אים פּייערן מיט תפילה און זמירות, ווי ער איז געוואוינט געווען צו טאָן פון זיין פריסטער קינדהייט. אויך האָט ער געליטן דערפון וואָס ער האָט ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו רויכערן: ווייל רויכערן טאַבאַק איז ביי אים געווען אַ נויטווענדיקע זאַך, ממש ווי לופט צום אָטעמען. אויך איז ער געווען אין כעס אויף זיך אַליין, פאַרוואָס ער קען ניט זיך שטאַרקן איבער דער דאָזיקער תאווה און זי בייקומען. נאָר פּלוצים האָט ער דערשפּירט, אַז זיין לוסט צו רויכערן האָט זיך איינגעשטילט און אַן אינערלעכער קול האָט צו אים אויסגערופן: די נאַכט פון שבת איז דאָ! דעריבער ווילסטו ניט קיין זאַך וואָס איז אָסור! האָט ער זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס מיט גרויס שמחה און געלויבט גאָט אויפן הויכן קול און ער האָט געמאַכט דעם שבת׳דיקן קידוש. און אַזוי האָט ער זיך תמיד נוהג געווען פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז געזעסן אין תפיסה: דורך די זעקס טעג פון אַרבעט האָט ער געליטן פון זיין תשוקה צום רויכערן, נאָר ווי נאָר ס׳איז געוואָרן שבת — האָט ער אָנגעוווירן די דאָזיקע תשוקה.

(פון „אפרים קוה״)

## מרדכי בן-יחזקאל

# פאַר די שבת׳דיקע הוצאות

### א

איינער אַ מאַן אַ גרויסער מופלג און ירא־שמים, וואָס פלעגט עוסק זיין אין תורה לשמה און האַנדל באמונה — איז געווען נעבעך אַ גרויסער אָרעמאַן און אַ קבצן אין זיבן פאַלעס. דער מענטש האָט געלעבט אין גרויס דחקות; און ער פלעגט אָפּגעבן אַדאַנק און לויב צום השם־יתברך פאַר יעדן איינציקן טאָג לעבן: געלויבט איז גאָט טאָג איין טאָג...

איינמאָל איז געקומען דער ליבער דאַנערשטיק אויף פרייטיק און דעם מענטשנס קעשענע איז ליידיק. ניטאָ קיין פרוטה ביי זיין לייב און לעבן צו געבן זיין ווייב, צוצוגרייטן שבת פאַר זיין הויזגעזינט. איז די אידענע געגאַנגען שלאָפן זייער אַ פאַרביטערטע, ווייל אַט קומט שוין אָן דער הייליקער טאָג שבת און ס׳איז ניטאָ וואָס צו בייסן און וואָס צו ברעכן: ניטאָ קיין חלה, ניטאָ קיין פיש, און ליכט אויף וואָס צו בענטשן איז אויך ניטאָ. אָבער דער מאַן אירער האָט איר לייכטער געמאַכט ס׳האַרץ מיט דער תורה וואָס דערפרייט אַ מענטשנס האַרץ; ער האָט זיך צוגעזעצט צום טיש פאַר דער גמרא, און אָנגעהויבן לערנען מיט גרויס חשק און האָט זיך פאַרגעסן אָן זיין אָרעמקייט. עס זיינען אַריבער עטלעכע שעה און דער גוף זיינער האָט אָנגעהויבן מאָנען זיינע באַדערפעגישן — האָט ער פאַרמאַכט דעם ספר און איז אַרויס אין דרויסן, פאַר זיינע מענטשלעכע צרכים. זיצנדיק אַזוי אין בית־הכסא — דערשפּירט ער אונטער די פיס עפּעס אַ האַרטע קיילעכדיקע זאַך. בויגט ער זיך איין און הייבט אויף פון שמוץ אַ זילבערנעם רובל. האָט ער אים אָפּגעוואַשן און אָפּגערייניקט, איז אַריין אין שטוב און דערזען, אַז ס׳איז אַן עכטער גוטער רובל, אַ כשר׳ע מטבע.

זיך אַוועקגעזעצט צוריק אויף זיין אָרט פאַר דער גמרא, האָט ער גענומען טראַכטן פון דער מציאה וואָס איז אים געקומען בהיסח־הדעת, — אַ כשר׳ע מציאה לויטן דין, און האָט אָנגעהויבן זיך שלאָגן מיט דער דעה: וואָס טוט מען מיטן רובל? געבן דער ווייב אויף שבת — איז ער ניט צופרידן. דאָס האַרץ דערלאָזט ניט. רבונו של עולם! אויב דו ווילסט מיר צושיקן אויף שבת — שיק מיר צו אויף אַן אַנדער אופן, אויף אַ שיינעם ריינעם וועג; קדושה טאָר ניט אַרויסקומען פון טומאה. נאָר ס׳האַרץ ציטערט אים: אויב ער וועט דעם דאָזיקן רובל ניט אויסגעבן אויף איינקויפן לכבוד־שבת — טאָ פונוואַנען וועט ער נעמען אַנדערע געלטן? ער האָט דאָך ניט אַפילו קיין איינציקן גראָשן. אָבער נאָך אַלעמען האָט ער באַשלאָסן זיך ניט צו באַנוצן מיטן דאָזיקן געלט איינצוקויפן אויף שבת. אויב השם־יתברך וויל — האָט ער געטראַכט — אַז איך זאָל ניט האָבן קיין פאַרשטערטן שבת, וועט ער מיר צושיקן מיין פרנסה פון אַ שיינעם ריינעם קוואַל, און ניט אויף דעם אופן. און מחמת ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט ער ניט קענען ביישטיין דעם נסיון און זיין ווייבס טענות דאָס דאָזיקע געלט אויסצוגעבן אויף שבת — האָט ער מיטן מויל זיך געגעבן אַ נדר, אַוועקצוגעבן דאָס געלט אויף צדקה פאַר אָרעמעלייט און ער וועט פון דעם קיין הנאה ניט האָבן. געגעבן דעם נדר און זיך געזעצט לערנען.

זיין ווייב האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף — האָט ער איר דערציילט אַלץ וואָס מיט אים האָט זיך געטראָפן, און אַז ער האָט אַוועקגעגעבן דאָס געלט פאַר אָרעמעלייט. האָט דאָס ווייב געשריען און זיך געקלאָגט, פאַרוואָס

ער האָט אַזוינס געטאָן, ווען זיי האָבן פאָרן רובל געקענט איינקויפן אין הויז פאַר שבת. אָבער ער האָט איר מסביר געווען, אַז אירע טענות זיינען אומזיסטע טענות, ער קען שוין אויף זיין נדר ניט חרטה האָבן און אַז „אויב גאָט וויל, — האָט ער פאַרענדיקט זיינע רייד צו זיין אויפגערעגטער ווייב — וועט ער אונדז צושיקן אונדזערע באַדערפעניש לכבוד דעם הייליקן טאָג אויף אַן אַנדער וועג, און אויף אַ שיינעם ריינעם אופן". די פרוי האָט צוגענומען זיינע רייד מיט צער און טרויער און איז געגאַנגען צוריק שלאָפן; און ער האָט זיך צוריקגעקערט צום לערנען.

אין הימל האָט מען געזען די דאָזיקע שיינע מעשה — און מ'האָט דאָס אים פאַררעכנט פאַר אַ זכות; און דערפאַר וואָס ער איז בייגעשטאַנען דעם נסיון האָט מען באַשטימט אים צוצושיקן אויף שבת אויף אַן אַנדער אופן, און מיט דער ברייטער האַנט.

## ב

צוויי גרויסע סוחרים זיינען געפאָרן פון יאַריד צוריק אַהיים, און זיי זיינען דורכגעפאָרן דורך יענער שטאָט. זיי זיינען אַריינגעפאָרן אין שטאָט אין דער זייער פינצטערער נאַכט, און אָפּגעמאַכט ביי זיך איבערצושטיין די נאַכט אין שטאָט, זיך אויסצורוען, און מאָרגן פרי פאָרן צו זיך אַהיים, אויף שבת, מחמת ס'איז שוין געווען נאָענט צו זייער היים. זיינען די סוחרים געגאַנגען זוכן אַ פלאַץ וואו איבערצונעכטיקן, און געפונען דאָס הויז וואו ס'האָט זיך געזען ליכט פון פענצטער. זיינען זיי צוגעקומען צום הויז, זיי מיט זייערע וועגענער, און אָנגעקלאַפּט, און די טיר האָט זיך געעפנט — און זיי זיינען אַריינגעקומען. האָט זיי דער מאַן געגעבן שלום, און זיי האָבן אים דערציילט אַז זיי זיינען סוחרים, נגידים און פיינע לייט. און די מענטשן האָבן צו אים געזאָגט: „מיר פאָרן פון יאַריד, דער וועג איז אַ שווערער און מיר זוכן אַ פלאַץ זיך אויסצורוען פון וועג. לאָזט אונדז זיך אויסרוען ביז אינדערפרי און דאַן וועלן מיר פאָרן ווייטער". האָט זיי דער באַלעבאָס אויפגענומען בכבוד גדול, און ער האָט זיי אויסגעבעט אויף דער ערד מיט קישנס און פערענעס. האָבן זיך די צוויי סוחרים געלייגט שלאָפן, און ער האָט זיך גענומען צום לערנען. די סוחרים ליגן אויף דער ערד איינער לעבן דעם אַנדערן און קענען ניט שלאָפן. זיי הערן דעם באַלעבאָס' ניגון און לערנען און עס געפעלט זיי: אַ איד אַ תלמיד־חכם זיצט אַ גאַנצע נאַכט און לערנט תורה. אַ ביסל שפּעטער, זאָגט איין סוחר צו דעם צווייטן: הער אויס, וואָס איך האָב צו זאָגן: מיר האָבן דאָך אַ שטיקל סכסוך אין אונדזער מסחר, און יעדער איינער פון אונדז האַלט, אַז ער איז גערעכט, וואָלט געווען אַ גוטער פלאַן, אַז מיר זאָלן דורכקומען איידער מיר קומען אַהיים. דו קענסט דאָך אונדזערע ווייבער, אַז מירן קומען אַהיים, און זיי וועלן זיך דערוויסן

פון סכסוך, וועט זיין צווישן זיי אַ פּירוד־הלבבות, און זיי וועלן ניט קענען הויזן צוזאַמען אין קראָם און דער גאַנצער מסחר אונדזערער וועט דערפון ליידן. דעריבער וואָלט איך געזאָגט, אַז מיר זאָלן אויסלייגן פאַר אונדזער באַלעבאָס אַלע אונדזערע טענות; ער איז אַ איד אַ תלמיד־חכם, און דערצו אַ פרומער מענטש און ער וועט אונדז ביידן ניט נושא־פּנים זיין — און ווי ער וועט זאָגן, אַזוי וועלן מיר טאָן. האָט זיין חבר מסכים געווען און געזאָגט: מיר געפעלט דיין עצה — ווי ער וועט פּסקנ׳ען אַזוי וועלן מיר פאָלגן. האָבן זיי זיך אויפגעהויבן פון די געלעגערס, צוגעגאַנגען צום באַלעבאָס און האָבן אים דערציילט זייער סכסוך; אויך האָבן זיי אים געזאָגט, אַז זיי ווילן אַרויס־ברענגען פאַר אים אַלע זייערע טענות, און וואָס פאַר אַ פּשרה ער וועט צווישן זיי מאַכן — וועלן זיי אָננעמען זיין וואָרט. האָט דער באַלעבאָס צוגעשטימט און יעדער איינער פון זיי האָט פאַר אים אויסגעלייגט זיינע טענות. נאָכדעם ווי ער האָט זיי אויסגעהערט האָט ער צו זיי געזאָגט: איר לייגט זיך צוריק שלאָפן און איך וועל האָבן אַ ישוב־הדעת; אַז איר וועט אויפשטיין פון שלאָף — וועל איך אייך זאָגן מיין מיינונג. האָבן די שותפים אַזוי געטאָן און זיך געלייגט שלאָפן.

ווען ס׳האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג און די מענטשן האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף — האָבן זיי זיך געשטעלט פאַרן באַלעבאָס און ער האָט פאַר זיי אַרויסגעבראַכט זיין פּסק־דין. דער פּסק־דין איז זיי ביידן געווען געפעלן, און זיי האָבן ביידע אויף אַ נגידישן שטייגער אים פיין באַלוינט, זיך אָפּגעזעגנט מיט אים און געפאָרן לשלום אַהיים.

אַז דאָס ווייב איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי האָט ער איר דערציילט, אַז גאָט־ברוך־הוא האָט אים צוגעשיקט אויף שבת בכבוד און מיט אַ ברייטער האַנט; ער האָט איר געגעבן געלט איינצוקויפן אויף שבת און ס׳איז אים נאָך געבליבן אין האַנט געלט פאַר דער וואָך. האָט ער געדאַנקט און געלויבט גאָט פאַר אַלע חסדים וואָס ער האָט מיט אים געטאָן; און ער האָט געררוט אויפן זיבעטן טאָג מיט זמירות און לויב אויף אַ טיש פול מיט אַלע גוטקייטן מיט לויב און פּראַכט צו דעם וואָס לעבט אייביק, זיינען נאָמען זאָל געבענטשט ווערן אויף אייביק און אויף אייביק.

## יוסף מיוחס

# חלול־שבת און די שטראָף דערפאַר לויט דער אַראַבישער לעגענדע

אמר שיך אבן עבאש בן אבי וקאץ: אין די צייטן פון דאַהוד (דוד) דער מלך פון אישראַיל און זיין נביא, עליו התפילה והשלום, איז געזעסן אַ גרויסער המון פון די קינדער פון „עם־הספר״ אין דער שטאָט אילת, וואָס

אויפן ברעג ים, צווישן מצרים און צווישן מדין, און זייער צאָל איז געווען טויזנט מאָל פינף הונדערט טויזנט. און זיי זיינען אַלע געווען גאָטספּאַרכטיקע מענטשן און געהיט זיין תורה, אָפּגעהיט די מינדסטע מצוה ווי די האַרבסטע און מער פון אַלץ האָבן זיי אָפּגעהיט די מצוה פון שמירת־שבת, ווייל הייליק איז דער טאָג צו אַללאַה. ניט נאָר האָבן זיי אין יענעם טאָג ניט געטאָן קיין שום מלאכה — נאָר זיי האָבן אויך באַשטימט יענעם טאָג פאַר תפילה, פאַר רו, פאַר פאַרגעניגן. איין האַלבער טאָג איז פאַר זיי געווען פאַר „עלית־נשמה״, צו לייענען און זיך פאַרטיפן אין אַללאַה׳ס תורה און די צווייטע העלפט — פאַר עסן, טרינקען און תענוג, ווייל אַזוי האָט אַללאַה אין זיין הייליק בוך אָנגעזאָגט: „דעמאָלט זאָלסטו זיך קוויקן מיט גאָט״ — און דער מיין דערפון איז, דער תענוג פון גוף און דער תענוג פון דער נשמה, ווייל ביידע צוזאַמען, אי דער גוף און אי די נשמה זיינען זייער גרויס און חשוב ביי אַללאַה אין די אויגן.

און זעט נאָר אַ וואונדער: אַפילו די פיש פון ים ביי די ברעגעס פון אילת זיינען געווען אָפּגעהיט מיט שמירת־שבת. יעדן זעקסטן טאָג אין וואָך האָבן זיי געטאָן אַזוי: צוויי שעה נאָכמיטאָג האָבן אַלע פיש, די קלענסטע און די גרעסטע, זיך געטראָגן פון אַלע ברעגעס ים און זיינע טיפסטע תהומ׳ען — צום ברעג ים, זיך צונויפגעדרענגט אַלע אינאיינעם אין געשלאָסענע שורות, פיל ווי די שטערן אין הימל, און זייערע אַלעמענס אויגן אויפגעהויבן צום הימל, „ווי זיי וואָלטן דערציילט דעם כבוד פון אַללאַה״, דעם גוטן און דערבאַרעמדיקן, און זיינע גרויסע חסדים מיט אַלע זיינע ברואים, וואָס ער האָט איינגעשטעלט איין טאָג אין וואָך פאַר אַ פולער מנוחה פון גוף, פריי פון יעדער אַרבעט און פאַר דער רו פון דער נשמה, פריי פון יעדער דאגה. און אויך די מיילער זייערע, וואָס זיי האָבן תמיד אַ טבע צו פאַרזינקען אין וואַסער, אין קוואַל פון זייער לעבן, האָבן זיי אַלע מיט איין מאָל אַרויסגעהויבן פון וואַסער, ווי זיי וואָלטן אויסגעדריקט זייער שמחה און דאַנק, וואָס דאָס איז דער גרויסער הייליקער טאָג, דער טאָג פון פולער רו.

אין יעדן שבת־צו־נאַכט, אַ לאַנגע שעה נאָך זונאונטערגאַנג, ווי זיי וואָלטן געהאַט בכוונה צוזוגעבן פון וואָך צו הייליקייט — פלעגן זיי איינזינקען אין די תהומ׳ען און פאַרשוואונדן ווערן. זיי פלעגן זיך ניט באַווייזן מער פאַר די אויגן פון מענטשן, ביז ס׳פלעגט אַריבער אַ גאַנצע וואָך, ביז דעם זעקסטן טאָג אין וואָך, נאָכמיטיק. אַזוי פלעגן זיי טאָן וואָך־איין, וואָך־אויס.

אָבער ווי, יענע גוטע צייטן, די צייטן פון איבערגעבנקייט און געטריישאַפט פון די קינדער פון אילת, די גרויסע שטאָט פון אַללאַה, וואָס מען האָט מיט רעכט געַרופן „די שטאָט פון יראה און אהבה צום וועלט־באַשעפער״ — האָבן לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. מחמת, „איבליש״, דאָס איז דער „שטן המשחית״, דאָס איז דער „יצר־הרע״ — האָט אָפּגעקערט גאָר פיל

הערצער, פון אירע איינוואוינער צום שלעכטן, צו ווידערשפעניקן אין אַללאַה, צו לייקענען אין אים און צו פאַרשוועכן זיין הייליקן טאָג, צו זייער בושה און חרפּה, צו טאָן אַלע אַרבעטן, און זיי האָבן ניט געוואָלט זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר פון די „פיש", וואָס זיי האָבן געהאַט פאַר זייערע אויגן, צו טאָן ווי זיי טוען אין טאָג פון רו, וואָס אויף אים האָט אַללאַה אָנגעזאָגט דורך „מוסאַ" זיין נביא אין זיין הייליק בוך מיט די ווערטער: זאָלסט היטן דעם טאָג שבת אים צו הייליקן, זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און אויפן זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען.

וואָס האָבן זיי געטאָן? — זיי האָבן אָנגעהויבן זייער אַרבעט מיט כאַפּן די פיש, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען פאַר זיי ווי די „דערמאָנער פון זינד", וואָס זיי פאַרשוועכן דעם הייליקן טאָג; און כדי לייכטער צו מאַכן דעם פיש־פאַנג — האָבן די נידערטרעכטיקע מענטשן, די לייקענער פון אַללאַה, אויף דער גאַנצער לענג פון ברעג אויסגעגראָבן טיפע גריבער, וואָס זיי האָבן צוגעפירט צום ים, כדי דאָס ים־וואַסער זאָל דורכגיין דורך זיי און מאַכן אַריינשטראָמען אין זיי די פיש, און דערנאָך, ווען דאָס וואַסער פאַלט אָפּ און זינקט אַריין אין דער ערד דורכן משך פון דער נאַכט זאָלן די פיש ניט קענען אַרויסשווימען. און שבת אינדערפרי האָבן זיי געאיילט צו די דאָזיקע גריבער, זיי און זייערע זין און זייערע טעכטער און אויפגעקליבן די פיש, וואָס האָבן נאָך געזשיפּעט און געמאַכט פון זיי געריכטן פאַר דער גאַנצער וואָך.

מאַנכע פון זיי האָבן געוואָרפן נעצן ווייט־ווייט אין ים אַרויס יעדן זעקסטן טאָג, כדי צו כאַפּן די גרויסע פעטע פיש, וואָס זייער שטייגער איז זיך צו דערווייטערן פון ברעג, וואו דאָרטן לעבן בלויז די קליינע פיש; ווען די נעצן פלעגן זיך אָנפילן, פלעגן זיי אַרויפציען אויפן ברעג מיט דינע פעלענע רימענס, אָדער מיט שטאַרקע שטריק מיט וועלכע זיי זיינען געווען אָנגעבונדן — און פלעגן זיך אָנגרייטן מיט עסן פאַר דער גאַנצער וואָך, וויל בלויז דורכן טאָג פון שבת פלעגן די פיש זיך באַווייזן, ווי מיר האָבן געזאָגט אויבן.

און נאָך אַנדערע האָבן זיך געקליגט צוצובינדן די קליינע פיש מיט פעדים פאַר די עקן אויף לאַנגע הילצערנע שטאַנגען, וואָס זיי האָבן אָנגעשטעלט לענגאויס פון ברעג, כדי די פיש זאָלן זיך האַלטן לעבעדיקערהייט אין ים־וואַסער דורך דער גאַנצער וואָך, און ווען ס'פלעגט זיך זיי פאַרגלוסטן — האָבן זיי זיי אַרויסגעצויגן פון וואַסער און זיי געפּרעגלט און געקאָכט צום עסן.

און דער שייך והב בן מנבה דערציילט אַזוי:

איינמאָל איז אַ אישראַילי פון די „עכטע שומרי־שבת" פאַרבייגעגאַנגען ס'הויז פון זיין שכן, אַ מחלל־שבת, איז אים געקומען צו דער נאָז דער

ריח פון אַ געבראָטן פיש, איז ער צוגעקומען צו זיין שכן און זיך אויף אים אָנגעבייזערט: ווײ־געשריען, מיין גוטער שכן! וואָס טוסטו, אַז דו ווידער־שפּעניקסט דאָס מויל פון אַללאַה, דעם גוטן און דערבאַרעמדיקן, אַז דו פּרעגלסט פיש אין הייליקן טאָג? ווייסטו דען ניט, אַז דאָס איז אַ אומדער־טרעגלעכע זינד מחלל־שבת צו זיין און עובר זיין אויף דער מצוה פון אַללאַה, געלויבט און געבענטש זאָל ער זיין, וואָס זיינע אויגן קוקן אַרונטער אויף די וועגן פון איטלעכן מענטשן, און וועט יעדן איינעם אָפּצאָלן ווי ער פאַר־דינט? אָדער, האָסט קיין מורא ניט פאַר זיין גרימיקן צאָרן, וואָס וועט באַשטראָפן די אַלע וואָס פאַרלייקענען זיין הייליקן נאָמען?

אָבער דער מאַן האָט זיך צו אים ניט צוגעהערט און געזאָגט: דו זאָגסט ליגן, מיין שכן! אַללאַה וועט מיך ניט באַשטראָפן און אויך וועט ער ניט באַשטראָפן אַלע יענע וואָס גייען אין מיין וועג. בלויז אונדזערע עלטערן האָט ער באַשטראָפט, און אַרויפגעוואָרפן אויף זיי דעם טאָג פון שבת, ווייל זיי האָבן גע׳הרג׳עט אונדזערע נביאים, וואָס האָבן זיי אויפגעפאָדערט נאָכאַנאַנד זיך צוריקצוקערן צו אַללאַה. אָבער ניט אונדז, וואָס אין אונדזער צייט זיינען ניט פאַראַן קיין „אמת׳ע נביאים" און מיר האָבן זיי ניט געטאָן קיין שלעכטס. און דעריבער מעגן מיר טאָן אַן אַרבעט אום שבת און מבטל זיין דעם טאָג, וואָס איז געלייגט געוואָרן אויף אונדזערע עלטערן ווי אַן אָפּקומעניש פאַר זייערע שלעכטע מעשים, וואָס זיי האָבן דער׳הרג׳עט פרומע און גוטע נביאים. און אַנשטאָט אויפצוהערן זינדיקן, האָט נאָך דער נידער־טרעכטיקער מענטש מער געזינדיקט דורך די קומענדיקע שבתים. ער האָט זיך שוין ניט באַגנוגנט מער צו כאַפּן פיש צום עסן פאַר זיך און פאַר זיין הויזגעזינט פאַר דער גאַנצער וואָך, נייערט, ער האָט צונויפגענומען גאַנצע בערג פיש, ער מיט זיין הויזגעזינט און אַלע זיינע קרובים, און זיי האָבן זיי איינגעזאַלצן און זיי אויפגעהיט זיי זאָלן האָבן וואָס צו עסן און אויך פאַרן פאַרקויף צו אַ סך אַנדערע פאַר דער גאַנצער וואָך, און ער איז דורכ־דעם רייך געוואָרן.

האָבן אַ סך אַנדערע געזען די מעשים פון מאַן און זיין הצלחה — האָבן זיי אים נאָכגעטאָן. און ס׳איז ניט אַוועק קיין סך צייט און אַלע איינ־וואוינער פון אילת האָבן זיך צעטיילט אין דריי כיתות, בנוגע צום שבת: די צדיקים, און זיי זיינען געווען די מינדסטע כיתה, זיינען געבליבן טריי צו אַללאַה און צו דער תורה פון זיין נביא מוסא, און ניט נאָר האָבן זיי ניט געטאָן קיין אַרבעט אין הייליקן טאָג, נייערט, זיי האָבן אויך צוריקגעהאַלטן אַנדערע ניט צו טאָן קיין אַרבעט. די פּחדנים און שרעקעוודיקע האָבן זיך באַנוגנט מיט דעם, וואָס זיי אַליין האָבן זיך צוריקגעהאַלטן פון אַרבעט, און פאַר די אַנדערע האָט זיי ניט געאַרט. נאָר דער גרעסטער טייל פון די מענטשן האָבן נאָכגעטאָן די מעשים פון זייערע ברידער די רשעים, די „מחללי־

שבת״ און זיי האָבן געפאַנגען פיש און געגעסן, און זיי האָבן צונויפגעזאַמלט גאַנצע בערג פיש, זיי איינגעזאַלצן און פאַרקויפט צו אַנדערע און זיי האָבן ניט מורא געהאַט פאַר אַללאַה און פאַר זיין שטראָף.

איז די צאָל פון די ״אמתע צדיקים״ און די ״מיטלמעסיקע פחדנים״ — וואָס האָבן געהיט שבת, געווען ניט מער ווי צוועלף טויזנט און די איבע־ריקע זיינען אַלע געווען מוטווילּיקע ״מחללי־שבת״.

און אַז די ווייניקע צדיקים האָבן געזען די מעשים פון די מערסטע ברידער זייערע, די רשעים, וואָס זייער הארץ איז געגאַנגען נאָך פאַרדינסטן און די אויערן זייערע האָבן זיי פאַרשטאָפּט, כדי ניט צו הערן זייערע רייד, וואָס האָבן נאָכאַנאַנד ניט אויפגעהערט צו רופן זיך צוריקצוקערן צו אַללאַה — און האָבן זיך שוין פון זיי מייאש געווען, האָבן זיי אַלע איינשטימיק באַ־שלאָסן זיך אָפּצוטיילן פון דער שלעכטער עדה, איינמאָל פאַר אַלעמאָל.

וואָס האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן אויפגעשטעלט דורך דער גאַנצער בריים פון שטאָט אַ הויכע דיקע וואַנט פון גרויסע שטאַרקע שטיינער, ווייל זיי האָבן געזאָגט: נאָכוואָס זאָלן מיר האָבן הארצווייטיק צו זען פאַר די אויגן אָט די שלעכטע מעשים פון אונדזערע ברידער, די כפויי־טובה׳ניקעס — און מיר קענען דערצו גאָרניט העלפן?

געזאָגט און געטאָן און זיי האָבן זיך אָפּגעשיידט פון זייערע ברידער אויף אייביק. זיי האָבן אַפילו ניט געפרופט אַ קוק טאָן אויף יענער זייט וואַנט, פאַר לאַנגע טעג. זיי האָבן בלויז געהערט דעם טומל און געפילדער פון דער צווייטער זייט, צו זייער גרויס פאַרדרוס.

ווען דאַהוד, דער מלך פון אישראיל האָט דאָס דערזען, דער נביא און זינגער און מחבר פון ספר ״המזאמיר״, דאָס איז דער וואונדערלעכער און געהויבענער ספר תהלים — וואָס האָט ניט זיינס גלייכן אין שיינקייט אין דערהויבנקייט — ווען ער האָט געזען וואָס די בייזווילּיקע פּרעכע מענטשן האָבן געטאָן, צו לייקענען אין אמת׳ן גאָט און פאַרזינקען אין נאַריש־קייט און אין יאָגעניש נאָך געלט פאַר זייער גראָבער קערפּערלעכער הנאה — האָט זיין הארץ אויפגעשפּרונגען פאַר ווייטיק פונוועגן דעם פּאַנאַדערשייד, וואָס האָט זיך געשטעלט צווישן זיי און זייערע ברידער די צדיקים. ער האָט פאַרשאָלטן די לייקענער מיט אַ שטאַרקער קללה און געזאָגט: אַללאַה וועט זיי דאָס קיינמאָל ניט מוחל זיין און פאַרשאָלטן זאָלן זיין די אַלע, וואָס זייער הארץ גייט נאָך זייער געלט און זייער אייגננוץ, זיך ניט רעכענענדיק מיטן ריס צווישן ברידער און מיטן ביטול פון פאָלקס־אייניקייט, וואָס אַן איר הענגט אָפּ דער קיום און די הצלחה פון פאָלק. און מיט גרויס צער האָט ער אויסגעשריען: ווי צו דער פאָן פון ליבשאַפט, וואָס איז מער ניט פאַראַנען! די פאָן, וואָס אויף איין זייט זיינען געווען איינגעקריצט מיט גילדערנע אותיות די ווערטער: ״ווער איז נאָך ווי דיין פאָלק אישראיל אַ

פאָלק אויף דער וועלט, די פּראַכט פון גדולה און די קרוין פון הילף!" און אויף דער צווייטער זייט: „כל אישראיל זיינען ערב איינער פאַרן אַנדערן". ווי צו דער דאָזיקער פאַן וואָס איז געפאַלן און די הענט פון די רשעים, איז שולדיק אין זיין פאַלן און אין דעם ברידער־ריס — די האַנט פון אַללאָה זאָל זיין אין זיי צו פאַרניכטן זיי פון דער ערד.

און ווי, די קללה פון מלך, דער נביא און משורר פון גאָטס גענאָד — האָט ניט פאַרשפּעטיקט צו קומען. ווייל אויף מאָרגן פון „טאָג פון קללה" האָבן די צדיקים און די פרומע לייט, אָט די וואָס היטן גאָטס געבאָט און וואָס האָבן אויפגעשטעלט די וואַנט, — אויפגעהערט צו הערן די שטימען פון זייערע ברידער פון יענער זייט וואַנט און אַנדערע שטימען, ווילדע און אומפאַרשטענדלעכע, זיינען צו זיי דערגאַנגען און דאָס האַרץ ביי זיי איז אויפגעציטערט געוואָרן.

אַז זיי האָבן געפּרואווט אַריבערקריכן די וואַנט, צו זען וואָס אַזוינס ס'איז געשען, האָט זיי פאַרנומען ס'האַרץ פון זען און הערן; זיי האָבן דערזען, אַז אַלע זייערע ברידער, וואָס פון יענער זייט וואַנט זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַפּן און חזירים, די אַפּן האָבן געהאַט יונגע פּנימער, און די חזרים — אַלטע. און די אויערן זייערע זיינען פאַרטויבט געוואָרן פונעם קוויטש פון די אַפּן און פונעם כרוקן פון די חזירים, און זיי האָבן מיט אַ פאַרציטערט האַרץ געשריען: ווי צו די אויגן וואָס טוען אַזוינס זען און ווי צו די אויערן, וואָס טוען אַזוינס הערן. ווי געשריען אויף אונדזערע אומגליקלעכע ברידער, וואָס זיינען פאַרלוירן געגאַנגען, און אויף וועלכע ס'איז מקויים געוואָרן דער פּסוק: „די נאַראַנים האָבן געזינדיקט און באַשטראָפט געוואָרן" (משלי כ"ז, י"ב). מיר האָבן צו זיי נאָכאַנאַנד גערופן זיך צוריקצוקערן צו אַללאָה, מיר האָבן זיי געבעטן זיך צו דערווייטערן פון דעם שמוץ פון חילול־שבת, און פון זיך נאָכיאָגן נאָך געלט — אָבער זיי האָבן זיך ניט צוגעהערט. האָט גאָט פאַרוואַנדלט די יונגע זייערע אין אַפּן, ווייל זיי האָבן געטאָן ווי די אַפּן, נאָכצומאַכן די מעשים פון די אַנדערע ניט טראַכטנדיק, און די עלטערע זייערע זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חזירים, וואָס גאָר זייער פאַרלאַנג איז געווען צו עסן יעדע אומווירדיקע זאַך כדי פעט צו ווערן און צוצונעמען לייב.

אַז זיי זיינען צוגעקומען נענטער צו זיי, זיינען זיי נשתומם געוואָרן צו זען, ווי די חזירים און אַפּן וואָלטן זיי, די קרובים זייערע, דערקענט. זיי זיינען אַליין צוגעקומען צו זיי, זיי האָבן זיך געגראַבן אין שטויב, ווי ס'וואָלט זיי באַנג געטאָן וואָס זיי האָבן ווידערשפּעניגט דאָס מויל פון אַללאָה, זיי האָבן באַשמעקט זייערע קליידער מיט אָפענער ליבשאַפט, ווי אַ הונט וואָס שמעקט די קליידער פון זיין באַלעבאָס נאָך אַ לאַנגער צעשיידונג און גרויסע טרערן זיינען געפלאָסן פון זייערע אויגן, ווי זיי וואָלטן געוויינט אויף זייער

ביטערן גורל. און ווען די „מענטשן" האָבן געפּרואווט זיי טרייסטן און גע־רעדט צו זיי: מיר האָבן אייך דאָך געזאָגט, אַז איר וועט באַשטראָפט ווערן פאַר אייערע מעשים און פאַרוואָס האָט איר ניט געוואָלט הערן? האָבן זיי אַלע איינגעבויגן די קעפּ, ווי אַ צייכן פון חרטה אויף דעם וואָס זיי האָבן געטאָן שלעכטס — און צום גרויסן צער און טרויער איז גאָר קיין סוף ניט געווען.

און אַז די שטאָט, אַט די וואָס פון די „שומרי־שבת", האָט דאָס דער־הערט וואָס אַזוינס ס'איז געשען — זיי זיינען אַלע געקומען זען די מחללי שבת, אין וועלכע אַללאַה'ס האַנט איז געווען צום שלעכטן, טאָג נאָך טאָג, דריי טעג נאָכאַנאַנד, ביז אויפן פערטן טאָג האָבן זיי געפונען טויטע פּגרים און זייערע גופים זיינען געווען אַנגעוואָרפן ווי מיסט איבער די גאַסן און די אַרומיקע פעלדער, אַ מאכל פאַר חיות און פויגלען. האָבן זיי אויפגע־הויבן זייער קול און ביטער געוויינט אויפן מוראַ'דיקן סוף פון זייערע ברידער און מיט אַ צעוויטיקט האַרץ אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און אויסגעשריען: ניטאָ נאָך אַ גאָט ווי אַללאַה! דו ביסט גערעכט און דיין משפט איז גערעכט!

פון יענעם טאָג אָן האָבן זיי זיך געשטאַרקט אין דער אמונה פון אַללאַה, דעם גרויסן און דערבאַרעמדיקן, און האָבן געטאָן דאָס גוטע און רעכט־פאַרטיקע אין זיינע אויגן. און אָפּגעהיט מער פון אַלץ האָבן זיי זיך אָפּגעהיט מיטן טאָג שבת, און די שטאָט אילת איז צוריק געוואָרן דאָס וואָס זי איז געווען „די שטאָט פון יראה און אהבה צו אַללאַה" און „פעסטונג פון אַחדות און התקרבות" צווישן אירע איינוואוינער פאַר אַלעמענס גוטס און הנאה.

גערעדנק זיי דאָס, אַללאַה, צום גוטן!

## ר' מרדכי ששון

# דער עונש פאַר חילול־שבת

„און ס'איז שוין געקומען פאַר מיר אַ פרוי מיט אַ שווער געמיט, אין וועלכער אַ דיבוק איז אַריין, און אירע קרובים האָבן געמיינט, אַז זי איז אַ קראַנקע פון כמה יאָרן, מחמת זי האָט געהאַט אַן אויסטערליש גרין פּנים — האָט איך געזאָגט איינעם פון אירע קרובים, אַז זי איז קראַנק פון אַ בייזן גייסט. ווען איר פאָטער און מוטער האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי פאַר מיר געוויינט און געשריען און מיך געבעטן אַרויסצוטרייבן פון איר דעם רוח. בין איך אַוועק אַהין און זי האָט זיך אויפגעשטעלט אויף אירע פיס, און דער רוח האָט צו מיר געזאָגט: קום, געבענטשטער פון גאָט, וואָס היילט אויס צעבראָכענע הערצער! האָב איך אים געפרעגט: ווער ביסטו? האָט

ער מיר געענטפערט: פלוני בן פלוני פון ירושלים. האָב איך אים געפרעגט: מיט וואָס האָסטו זיך פאַרזינדיקט, צו באַקומען אַזאַ ביטערן עונש? האָט ער מיר געענטפערט: ווייל איך האָב געריכערט אום שבת און פינף יאָר נאָך איידער איך בין אַריינגעקומען אין דער דאָזיקער פרוי בין איך געווען נע־ונד אין גרויס צער און איך האָב קיין מנוחה ניט. האָב איך אים געפרעגט: וואָס עפּעס ביסטו מגולגל געוואָרן אין דער דאָזיקער פרוי און ווער האָט דיר געגעבן רשות דערפאַר? האָט ער מיר געענטפערט: דערפאַר, וואָס די דאָזיקע פרוי פאַרבט זיך און פוצט זיך אום שבת, מער ווי אינדערוואָכן, און איר זינד איז זייער שווער, מחמת אירע חבר׳טעס האָבן זי געשטראָפט דער־פאַר און זי האָט ניט צוגענומען זייערע שטראָפרייד, דעריבער איז איר פּנים צוגעדעקט געוואָרן מיט דער דאָזיקער אויסטערלישער גרינקייט. דעמאָלט האָב איך געזאָגט צו דער פרוי: ווי גרויס דיין זינד איז! ניטאָ פאַר דיר קיין אַנדער תרופה, סיידן, ווען דיין שיינקייט וועט צערינען. אירע אויגן האָבן געפלאָסן טרערן און זי האָט זיך אָנגערופן: האָט רחמנות אויף מיר, אאַז״וו. דאַן האָב איך צו איר געזאָגט: דו גלויבסט אַלע רייד פון די חכמים מיט אַן אמת׳ער תשובה? האָט די פרוי געענטפערט: אָמן ואָמן! און זי האָט געוויינט אַ גרויס געוויין, און דאַן האָב איך גוזר געווען אויפן גייסט, ער זאָל אַרויסגיין, און האָב אים צוגעזאָגט אים צו געבן אַ תיקון פאַר זיינע זינד — און ער איז אַרויס און אַוועקגעפלויגן און די פרוי איז געוואָרן אַ נייער מענטש און זי האָט שוין מער ניט געהאַט איר שלעכט פּנים״.

(„דבר בעתו״, ליווערנא, תרכ״ב)

## מיכה יוסף בערדיטשעווסקי

# דער כוח פון שבת׳דיקן דאַווענען

דאָרטן, אין פינצטערן חדר פון דער תפיסה, זיצט אַ צדיק־תמים, וואָס האָט זיך פאַרשולדיקט פאַרן מלכות, מחמת אַ בלבול וואָס שלעכטע מענטשן האָבן אויף אים געמאַכט, אַז ער האָט געהאַט אַ האַנט אין טויט פון זיינעם אַ קנעכט, ווען יענער האָט גאָר אַליין גענומען זיך ס׳לעבן.

דער הערשער האָט געמאַכט אַ טעות, און ער, דער צדיק, ווערט דער־פאַר געשלאָגן און געפייניקט, פאַרוואונדעט ביז אין דער נשמה, ליגט אויפן קראַנקבעט און נעמט צו זיינע יסורים מיט ליבשאַפט. אויך זיינע שלעכטע זינדיקע שכנים, וואָס טוען אים אָן נגישות טאָג אין טאָג, ווען ער נעמט אויף זיך דעם יאָך פון מלכות־שמים, גייען אים ניט אָן, ווען ער גייט זיכער אין זיין גייסטיקן וועג.

און דאָרט איז געזעסן מיט אים אין תפיסה איינער, אַ רשע גמור, און יענער, ווען ער פלעגט צוזען די הייליקע עבודה — פלעגט ער ווערן

אויפגעקאָכט ביז גאָר, און ס׳האַרץ זיינס פלעגט אים אָנרייצן אים מבלבל צו זיין.

דאָס איז געווען איינמאָל, ערב־שבת פאַרנאַכט:

אינדרויסן איז געווען אַ זאַווערוכע, חושך־פינצטער אין וועלטיקן תהום, און אינווייניק — האָט אַ קליין ליכטל באַלויכטן דעם העכסטן קאַמער פון דער תפיסה, און ס׳האָט געברענט אין פלאַטערניש, ווי ס׳וואָלט דער־שפירט די טריט פון דער אָנקומענדיקער מלכה־שבת...

דעם צדיק׳ס פּנים לויכט, ער גרייט זיך אויפצונעמען די נשמה־יתירה און מקבל־שבת זיין אין הייליקער מנוחה. און די אַרעסטאַנטן, אָנגע־רייצט פון יענעם רשע, שרייען און טומלען, כדי צו שטערן דעם צדיק, און מבלבל זיין זיין געדאַנק.

ער בעט זיך ביי זיי מיט הייליקער עניוות דאָס ניט צו טאָן, אָבער זיי טומלען נאָך שטאַרקער, אַזש עס טרייסלען זיך די ווענט.

דער שבת האָט זיך שוין אָנטפּלעקט אין זיין פולער קדושה, און די פּוחזים האָבן קיין מורא ניט און טוען זיך ניט שעמען. זיי שפּרינגען מיט ווילדע געשרייען ווי די פּראים אין מדבר, ווי באַנומען פון משוגעת.

ווען וועלן אופהערן די געשרייען?

דעמאָלט שטעלט זיך דער צדיק אויף זיין בעטל, זיך אָנגענומען מיט אַלע כוחות און אויף אַ גרויס שטאַרק קול אַרויסגעשריען: „קומט, לאָמיר זינגען צו גאָט, לאָמיר שאַלן צום פעלז פון אונדזער הילף!“

און דאָס קול איז ווי גאָט׳ס קול איבער די גרויסע וואַסערן, און זיין פּחד איז געפאַלן אויף די פאַרפירטע מענטשן. זיי האָבן זיך געבויגן און געקניט, די קני האָבן זיך אָנגעקלאַפּט איינס אָן אַנדערן — און ער איז מקדם גאָטס פּנים מיט דאַנק, מיט געזאַנג טוט ער צו אים שאַלן:

„מאַכט ניט האַרט אייער האַרץ!“

און דאָס האַרץ פון דער אידישן מענטשן, דעם גרעסטן רשע פונצווישן זיי אַלעמען, איז פּלוצים אויפגעציטערט געוואָרן און דערשפּירט אין זיך אַ גרויסן ריס, ער דערזעט פאַר זיין גייסטיקן בליק עפּעס אַזוינס וואָס ער האָט ביז איצט ניט געזען. —

„ליבהאָבער פון גאָט, האָט פיינט שלעכטס!“

און ווי אַ גרויס ליכט וואָלט אויפגעגאַנגען אין יענעם רשע, דאָס ליכט פון אמת! ווי אַלץ דאָס האַרטע און דאָס שלעכטע אין אים וואָלט אַפּגעווישט געוואָרן, און ער זעט זאַכן וואָס ער האָט פריער קיינמאָל ניט געזען, הערט זאַכן וואָס ער האָט פריער ניט געהערט...

„טרייסל אָפּ זיך פון שטויב, שטיי אויף!“

און דער רשע האָט זיך אָפּגעטרייסלט און זיך אויפגעשטעלט אַביסל שפּעטער. פאַרלאָזנדיק די תפיסה — איז ער אויך באַפרייט געוואָרן פון זיין רשעות, פוןביידע אינאיינעם —

ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין פאָטער אין הימל, מיט זיין גאַנצן האַרצן און נשמה, און אים געדינט מיטן גאַנצן האַרצן.

און נאַכט־איין נאַכט־אויס בויגט ער זיך, שיט אַש אויפן קאָפּ און זינגט די קאַפּיטלעך תהלים פון דוד בן־ישי.

## א. ל. גראָסמאַן

# אַ חסידישע מעשה וועגן בעש״ט

אַ מעשה מיט איינעם אַ גאָטספאַרכטיקן חסיד, וואָס האָט אומגערן מחלל־שבת געווען.

ער איז געווען געוואוינט מקבל־שבת צו זיין צוויי שעה פאַר דער שקיעה.

דורך די זעקס טעג פון וואָך איז ער געווען אַ הענדלער: פלעגט אומגיין פון דאָרף צו דאָרף, און פרייטיק פלעגט ער זיין פאַרזיכטיק צו קומען פרי אַהיים. איינמאָל אין וועג איז אים די זון אונטערגעגאַנגען און ער האָט פאַרשפּעטיקט קומען צו קבלת־שבת. האָט ער געגאַרט נאָך תיקון, נאָך תשובה. דער צער פון חרטה אויפן פגם וואָס ער האָט געמאַכט האָט אים געדריקט אויף דער נשמה. איז ער אַוועק צום צדיק ר׳ מיכל זלאָטשאָווער, און דער צדיק איז געווען אַ גרויסער מחמיר. האָט ער אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אויגן וואָס האָבן געוואָרפן אַ גרויסע מורא און געזאָגט:

— — כדי מתקן צו זיין דעם פגם וואָס דו האָסט געמאַכט אין די הויכע וועלטן — מוזסטו אַ סך פאַסטן, זיך קייקלען ווינטער אין שניי און זיצן אין קאַלט וואַסער.

„יסורים ווישן אָפּ אַ מענטשנס זינד״ — נאָר דעם חסיד׳ס שוואַכער גוף און טרדת־פרנסה האָבן אים ניט געלאָזן דורכפירן דעם צדיק׳ס גזירה, האָט ער זיך אויפגעהויבן און געפאָרן צום בעל־שם־טוב.

ווען ער איז געשטאַנען פאַרן בעל־שם־טוב בעטנדיק אַ תיקון פאַרן חטא וואָס ער איז באַגאַנגען מיט חילול־שבת — האָט דער בעל־שם אַ קוק געטאָן אויף אים מיט זיינע קלאָרע דורכדרינגענדיקע אויגן און געזאָגט:

פאָר אַהיים און שטעל ליכט אין בית־מדרש.

אָבער דער חסיד האָט זיך ניט באַרואיקט. ווען ער האָט דערהערט דעם לייכטן תיקון וואָס דער בעל־שם האָט אים אַרויסגעגעבן פאַר זיין שווערן חטא; אַ מחשבה האָט אים געפּיקט: אפשר האָט דער בעל־שם־טוב זיך

טועה געווען. און ווען ער האָט דערציילט פאַרן בעש״ט פון תיקון וואָס ר׳ מיכל זלאָטשאָווער האָט אויף אים אַרויפגעלייגט, האָט אים דער בעל־שם ווידער אָנגעקוקט און געזאָגט:

— גיב ליכט אין שול אַריין! און ר׳ מיכל זלאָטשאָווער זאָלסטו זאָגן: איך בין אויף אים גוזר, אַז אויפן קומענדיקן שבת זאָל ער קומען צו מיר.

פרייטיק אינדערפרי האָט זיך ר׳ מיכל זלאָטשאָווער אויפגעהויבן, גענומען דעם טלית־זאַק מיטן שטעקן, און איז אַוועק צום בעל־שם קיין פאַסטאָוו. שוין ניט ווייט פון שטאָט איז אים באַפאַלן די שקיעה און ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט. נאָך קבלת־שבת, ווען דער בעל־שם־טוב האָט זיך גע־שטעלט מאַכן קידוש — איז אַריינגעקומען ר׳ מיכל זלאָטשאָווער.

— שלום־עליכם, ר׳ מיכל! — האָט דער בעל־שם־טוב אַרויסגע־רעדט, אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ פּאָר גרויסע לאַכעדיקע אויגן און צוגעגעבן:

— איצטער זעסטו, ר׳ מיכל, וואָס דער עונש איז פון אַ צו גרויסן מחמיר, פון יענעם וואָס גיט אַרויס אַ צו האַרבן תיקון פאַר איינעם וואָס האָט מחלל־שבת געווען בשוגג.

און דער הייליקער בעל־שם האָט געשמועסט מיטן צדיק ר׳ מיכל זלאָטשעווער און אַזוי געזאָגט:

— דו, רב מיכל זלאָטשעווער, האָסט קיינמאָל ניט טועם געווען קיין טעם־חטא און דעריבער ווייסטו ניט פון שבירת־הלב, פון צער פון אַ נשמה וואָס באַגייט אַ חטא און זי לעכצט נאָך תשובה. דו דאַרפסט וויסן, אַז דורך שבירת־הלב און חרטה אויף חילול־שבת — ווערט די עבירה וואָס איז באַ־גאַנגען געוואָרן בשוגג אָפּגעווישט און אָפּגעמעקט.

(„הארץ״, תרצ״ב)

# די שטראָף פון לענשיצער קהילה

איינמאָל, פרייטיק נאָך האַלבן טאָג, זיינען קיין לענשיץ אָנגעקומען אָרעמע לייט, איבער־די־הייזער־גייער, און מחמת קיינער אין שטאָט האָט זיך אויף זיי ניט געריכט — האָט מען ניט אָנגעגרייט גענוג עסן און די באַלע־באָטים האָבן ניט געוואָלט פאַרבעטן די אורחים לשבת. זיינען זיי געקומען צום רב ר׳ חיים און אויסגעלייגט פאַר אים זייערע טענות: רבי, קיינער נעמט אונדז ניט אַריין אויף שבת! ווען ר׳ חיים האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך אויפגעהויבן, אָנגעטאָן זיין שבת׳דיקע קאַפּאָטע און געזאָגט צו די אָרעמע לייט: קומט, מיר וועלן האַלטן שבת אין דער נאָענטער אַזערקאָוו. ווען די שטאָטלייט האָבן דערזען, ווי דער רב גייט אַוועק מיט די אָרעמע לייט, און זיי האָבן זיך דערוואוסט פאַרוואָס, האָט יעדער איינער פון זיי אַריינגע־נומען אַן אורח אויף שבת.

# א ברייטהאַרציקער מכניס-אורח

ר׳ ישעיה זשוכאָוויצער איז געווען אַ צדיק־תמים, ער האָט געהאַלטן אין אַרענדע די מיל און גוראַלניע פון זשוכאָוויץ, ניט ווייט פון מיר. איינ־מאָל זיינען צו אים געקומען אורחים פּרייטיק, שפּעט פאַרנאַכט — און ר׳ ישעיה האָט זיי צוגענומען זייער פּריינטלעך, און ווען זיי האָבן זיך געגרייט צו קבלת־שבת — איז ער אַריינגעקומען צו זיי און געזאָגט: אַזוי ווי איר קומט פון דער פרעמד און איר ווייסט ניט וואָס די אַכסניה וועט אייך קאָסטן — בין איך אייך לכתחילה מודיע, אַז ס׳וועט אייך קאָסטן פיר גילדן פּער מאַן; אפשר רעכן איך אייך טייערער ווי אַן אַנדערער, אָבער איר מעגט עסן און טרינקען אַ גאַנצן טאָג שבת פון בעסטן און שענסטן, אַריינגערעכנט אויך די סעודה פון מלווה־מלכה. האָבן די סוחרים געהאַלטן שבת ביי ר׳ ישעיה׳ן אין הויז, געגעסן פון בעסטן און געטרונקען די טייערסטע ווינען — זיי עסן דאָך עפּעס זייער אייגנס און דאָס עסן איז זייער טייער. אויף מאָרגן, ווען זיי זיינען געקומען אים באַצאָלן פאַרן שבת, האָט ר׳ ישעיה געלאַכט און אַ זאָג געטאָן: וואָס הייסט, איך וועל פאַרקויפן אַזאַ טייערע מצוה ווי הכנסת־אורחים פאַר פיר גילדן? און האָט פון זיי גאָרנישט גענומען.

# דער ריח פון שבת׳דיקן טשאָלנט

אַ מעשה מיט איינעם אַ צדיק, וואָס איז שבת געגאַנגען צו אַ צווייטן צדיק, וועמען ער האָט שטאַרק ליב געהאַט, און מחמת זיין גרויסער ליב־שאַפט האָט ער ליב געהאַט צו עסן ביים צווייטן צדיק׳ס טיש. נאָר אַזוי ווי ער איז ניט געווען איינגעבעטן צום עסן, נאָר איז אַליין געקומען האָט ער מיטגענומען מיט זיך אַ טעפּל טשאָלנט, וואָס זיין ווייב האָט געמאַכט. אַז ס׳איז געקומען צום עסן האָט מען געשטעלט פאַרן באַלעבאָס זיין אייגענעם טשאָלנט און אויך דעם טשאָלנט פון צדיק דעם אורח, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט. האָט דער באַלעבאָס געפונען, אַז דעם אורח׳ס טשאָלנט שמעקט בעסער אַן אַ שיעור פון זיין אייגענעם טשאָלנט. האָט דער באַלעבאָס געזאָגט צום אורח: פונוואַנען נעמט זיך אָט דער פיינער זעלטענער ריח וואָס שמעקט פון דיינע געקעכטסן? האָט דער אורח אים געענטפערט: מיין ווייבס ליפּן טריפן מיט מור און דאָס געקעכטס האָט זיך דורכגעדרונגען מיט איר ריח, אָבער דיין געקעכטס ווערט געקאָכט דורך משרתים, וואָס זאָגן ניט ביי יעדן קער און ווענד פון מאַכן דעם טשאָלנט: לכבוד דעם הייליקן שבת, ווי מיין ווייב איז זיך נוהג — דעריבער שמעקט דיין געקעכטס ניט ווי מיינס.

(ספר „משל ונמשל“ פון ר׳ יוסף חיים ראש גולה דבבל רבתי)

# צוליבן כבוד פון אַן אורח

דער ריזשינער צדיק איז איינמאָל אַ שבת איינגעשטאַנען ביים אַפּטער צדיק. ווען זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש, האָט דער ריזשינער צדיק באַמערקט, אַז דער רבי עסט זייער ווייניק. האָט ער צו אים געזאָגט: אמת, איך בין ניט קיין גרויסער עסער, אָבער איר, רבי, עסט דאָך תמיד מערער, טאָ פאַרוואָס זייט איר משנה פון אייער מנהג? האָט דער רבי געענטפערט: די דאָזיקע זאַך לערנען מיר פון שבת גופא. אַז עס מאַכט זיך אויף שבת אַ פיינער אורח, ווי למשל, ראש־חודש, איז אים דער שבת מכבד מיט איין תפילה. ווען עס קומט צו אים נאָך אַ שענערער אורח — אַ יום־טוב — איז אים דער שבת מכבד מיט אַלע תפילות. אָבער, ווען עס מאַכט זיך אים אַ געהויבענער און וואַגיקער אורח פון די אַלע — יום־כפור — דעמאָלט זאָגט דער שבת צום אורח: הגם אין מיין טאָג איז שיין צו עסן פון דאָס בעסטע און טרינקען פון דאָס שענסטע, אָבער מחמת מיין גרויס ליבשאַפט צו דיר וועל איך גאָרניט פאַרזוכן.

(„מגבורי החסידות" להרב גוטמאַן)

# נאָך אַ מעשה מיטן ריזשינער צדיק

דער קאָברינער צדיק איז איינמאָל געקומען קיין ריזשין, צום הייליקן רבין, אַ פּריטיק פאַרנאַכט. האָט ער זיך אָנגעטאָן די שבת׳דיקע בגדים און איז אַוועק נעמען שלום פון הייליקן רבי׳ן. אַז ער איז אַריינגעקומען אין רבינ׳ס חדר האָט ער געטראָפן דעם רבין שטיין מיט דער ליולקע אין האַנט און לאָזן רויך ווי פון אַ קאַלכאויוון און האָט באַלד אָנגעהויבן צו דערציילן: אַ מעשה מיט איינעם, וואָס האָט פריטיק שפּעט פאַרנאַכט פאַר־בלאָנדזשעט אין אַ וואַלד, און ווייס ניט ווי אַזוי פון דאָרט אַרויסצוקומען. פּלוצים דערזעט ער אַ הויז פונווייטן — איז ער אַריין אינוויניק, זעט ער אַ גזלן זיצט און פאַר אים אויפן טיש ליגט אַ פּיסטויל. האָט ער זיך דער־שראָקן און אָנגעהויבן טראַכטן: וואָס טוט מען? אַנטלויפן? — טאָמער וועט דער גזלן אים נאָכשיסן מיטן פּיסטויל. בלייבן דאָרטן? — איז דאָך זיין נפש אין סכנה. האָט ער זיך מיישב געווען, צו נעמען דעם פּיסטויל אין האַנט און אַליין צו שיסן. ממה־נפשך, וועל איך אַוועק׳הרג׳ען דעם גזלן — איז דאָך מה־טוב, און אויב ניט, וועט דאָך ס׳הויז פול ווערן מיטן רויך פון דער שיסעריי און ס׳וועט לייכט זיין צו אַנטלויפן. ווען ער האָט פאַרענדיקט די מעשה, האָט ער אַוועקגעשטעלט די ליולקע און אַ זאָג געטאָן: שבת!

# ס'איז ניט פאַסיק תפילה צו טאָן פאַר אַ חולה אום שבת

איינמאָל אין אַ שבת איז זיין זון קראַנק געוואָרן, האָט אים זיין ווייב געפרעגט, פאַרוואָס ער טוט ניט תפילה פאַרן קינד? האָט ער צו איר געזאָגט: סאיז אַ משל צוטקעגן איינעם, וואָס האָט צווי זין, איינער איז ביי אים אין שטוב און דער צווייטער איז אינדערפרעמד, נאָר דער טאַטע שיקט אים אויף אַלץ וואָס ער באַדאַרף. וואָס איז דער חילוק צווישן זיי? דער וואָס איז ביים טאַטן אין שטוב, נעמט זיך אַלץ וואָס ער וויל אַליין, אָבער, דער צווייטער מוז אָנקומען צום טאַטן, ער זאָל אים שיקן אויף וואָס ער באַדאַרף האָבן. אַזוי איז מיט אונדז: שבת זיינען מיר זיך מתייחד מיט גאָט־ברוך־הוא און מיר דאַרפן ניט זאָגן קיין אַנדער תפילה, ווי בלויז די תפילה פון „הבו גודל לאלוקינו". (אין מדרש: „הבו גודל לאלוקינו" — דאָס זיינען שבתים און יום־טובים).

# אַ מעשה מיטן סאַווראַנער רבין

דער סאַוראַנער רבי איז איינמאָל געקומען אין אַ שטאָט צו האַלטן שבת. אין יענער שטאָט איז געווען אַ וויינשיינקער און ביי אים אין שטוב איז איינגעשטאַנען אַ מאַן וואָס האָט געהאַט ביי זיך פופציק זילבערנע רובל. שבת — האָט דער מאַן ניט געוואָלט באַהאַלטן ס'געלט ביי ווענען ס'איז, מחמת, ער האָט קיינעם ניט געטרויט, איז ער געגאַנגען און באַהאַלטן ס'געלט צווישן די פעסלעך וויין. שבת־צו־נאַכט — איז ער געגאַנגען נעמען דאָס געלט — און דאָס געלט איז ניטאָ. האָט ער אויפגעהויבן אַ גרויס געשריי, אַז דאָס איז געווען אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט אין דער וועלט. די זאַך האָט דערגרייכט צום רבינס אויערן — האָט ער געשיקט רופן דעם באַלעבאָס, נאָר דער האָט גע'טענה'ט, אַז ער ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן. אויב אַזוי, האָט דער רבי געזאָגט, איז דיין גאַנצער וויין יין־נסך, מחמת, דער גנב איז מן־הסתם געווען אַ גוי... האָט דער רבי געהייסן דעם שמש אויסרופן אין אַלע שולן, אַז יענעמס וויין איז יין־נסך. ווען דער באַלעבאָס האָט דאָס דערזען, איז ער געקומען צום רבין און זיך מודה געווען, אַז ער האָט גע'גנב'עט דאָס געלט, און ער האָט אויף דעם גענומען אַ שבועה. אָבער דער רבי האָט ניט מתיר געווען דעם וויין, ביז ער האָט אומגעקערט דאָס גאַנצע געלט.

# ר' נטע אָריטשער'ס מנהג

דער הייליקער רבי, ר' נטע אָריטשער, פלעגט ניט שלאָפן דעם גאַנצן שבת'דיקן מעת־לעת, און פלעגט זאָגן: ווי אַזוי שלאָפט דאָס אַ מענטש שבת? האָט דאָך דער מלך נאַפּאָליאָן קיינמאָל דורכן טאָג ניט געשלאָפן, מחמת ער

פלעגט זאָגן: ווען איך שלאָף — בין איך דאָך קיין מלך ניט, און ס'איז מיר אַ גרויסער שאָדן צו פאַרלירן עפּעס פון מיין מלכות דורך שלאָפן. און שבת איז דאָך געוויס אַ מלכה, און אַזוי ווי זי איז אונדזער בת־זוג, זיינען מיר דאָך מלכים.

(פון „אוהל נפתלי")

## אַ טשיקאַווע דין־תורה

ר' שמשון איז געווען אַ באַלעבאָס אין בוטשאַטש, און לעבן אים אין שכנות האָט געוואוינט איינער אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט אַ שיינק און האָט ניט אָפּגעהיט שבת, ווי ס'געהער צו זיין. האָט אים דער אויבנדער־מאָנטער ר' שמשון מתרה געווען, און אַזוי ווי ער האָט געזען, אַז יענער הערט זיך צו אים ניט צו — איז ער אַוועק צום דאָרטיקן רב און אים גערופן צו אַ דין־תורה. דער שכן האָט זיך זייער שטאַרק געוואונדערט, מחמת, ער האָט קיינמאָל מיטן דאָזיקן ר' שמשון ניט געהאַט קיין געשעפטן, פונדעסטוועגן איז ער אַוועק צום רב. ווען ער איז אַהין געקומען — האָט ר' שמשון גע'טענה'ט, אַז אַזוי ווי די חכמים האָבן געזאָגט, אַז צוליב חילול־שבת פאַלט אַריין אַ שרפה אין הייזער, דעריבער מאָנט ער אים צום דין, אַז ער זאָל טאָן איינס פון די צוויי, ענטוועדער, ער זאָל אויפהערן מחלל־שבת צו זיין, אָדער, ער זאָל אָפּקויפן ביי אים דאָס הויז, ווייל ער האָט מורא פאַר אַ פייער, מחמת, ער וואוינט אין שכנות פון אַ מחלל־שבת. ווען דער שכן האָט דאָס אויסגעהערט — האָט ער זיך שטאַרק פאַרשעמט און האָט צוגעזאָגט אויפהערן מחלל־שבת צו זיין.

(דאָרטן)

## דער שכר פון פוצן ערב־שבת די שיך

אין נאָמען פון אַפּטער צדיק: מדרש פליאה: אידן ווייך ניט, וואָס פאַר אַ שכר עס קומט זיי פאַר פוצן ערב־שבת די שיך; עס שטייט געזאָגט: „ווי שיין דיינע טריט זיינען אין די שיך". (שיר־השירים) דאָס איז וואָס ס'שטייט געשריבן: „און גאָט צבאות האָט אין יענעם טאָג גערופן צו געוויין און צו קלאָג און זיך צו רייסן די האָר פון קאָפּ און זיך אָנצוגורטן אַ זאַק" — אַזוי זאָגט דער טשיקאַווער מדרש. און דער אַפּטער רבי האָט דערקלערט דעם דאָזיקן מדרש דורך אַ משל. איינער אַ גרויסער גביר איז געוואָרן אַ יורד, ניט פאַר אונדז געדאַכט, ביז ער איז געוואָרן אַ בעטלער און אָרעמאַן, וואָס גייט פון דאָרף צו דאָרף און פון שטאָט צו שטאָט. איינמאָל, גייענדיק אין וועג איז ער צוגעקומען צו אַ באַרג און דאָרט זיינען געווען זייער שיינע שטיינדלעך, האָט ער אויפגעקליבן אַ סך פון די דאָזיקע שטיינדלעך און זיי

אַריינגעוואָרפן ביי זיך אין טאָרבע. גייט ער זיך אַזוי צו פוס און די משא אויף די פּלייצעס פאַלט אים שווער, נעמט ער און וואַרפט אַראָפּ פון זיך די שטיינדלעך, שטיינדל נאָך שטיינדל. צום סוף איז ער געקומען צו אַ גרויסן ישוב און האָט זיך איינגעקוואַטירט ביי איינעם אַ אָרעמען מלמד, און איז געווען זייער פאַרמאַטערט, הונגעריק און דאָרשטיק. האָט ער אָנגעהויבן אַרומזוכן אין טאָרבע, אפשר וועט ער דאָרטן געפינען עפּעס אַ מטבע, זיך עפּעס דערפאַר צו קויפן. האָט ער געפונען אין טאָרבע איינס פון די שטיינ־דלעך, וואָס ער האָט אַזויפיל אַוועקגעוואָרפן, אָבער, ער האָט ניט געפונען אַפילו קיין איינציקע פרוטה — האָט ער זיך גענומען פאַרענטפערן פאַרן אָרעמען מלמד. נאָר ווען דער מלמד האָט ביי אים אין האַנט דערזען דעם שטיין, האָט ער זיך אָנגערופן: הער נאָר, וואָס איך וועל דיר זאָגן: איך וועל אַריבערגיין מיט דיר צו אַ דימענטהענדלער, ווייל, ווי מיר דוכט, איז דאָס אַ טייערער שטיין. דער אָרעמאַן האָט אָפּגעשטופּט דעם מלמד מיט ביידע הענט, מחמת ער האָט ניט געוואָלט הערן קיין נאַרישקייטן, נאָר יענער איז צו אים צוגעשטאַנען, ביז ער איז מרוצה געוואָרן צו גיין מיט אים. געקומעןביים סוחר אין הויז און דער אָרעמאַן ווייזט אים דעם שטיין — האָט אים דער סוחר אָנגעבאָטן טויזנט דוקאַטן פאַרן שטיין, און זעענדיק אַז דער אָרעמאַן איז געבליבן שטיין אַ פאַרוואונדערטער, האָט ער געמיינט אַז יענער ווייס דעם ווערט פון שטיין — האָט ער צוגעלייגט נאָך אַ טויזנט און נאָך אַ טויזנט, ביז ס'איז דערגאַנגען צו זייער אַ גרויסן סכום. דעמאָלט איז דער אָרעמאַן געפאַלן צו דער ערד, זיך גענומען פליקן די האָר פון קאָפּ און גענומען שרייען: אַזויפיל טייערע שטיינער האָב איך געהאַט ביי מיר אין די הענט, און זיי זיינען געווען גרעסערע און שענערע פאַר דעם, און איך האָב זיי אַוועקגעוואָרפן פון די הענט, ווי זאַכן וואָס האָבן קיין ווערט ניט.. אַזוי איז אויך ווען דער מענטש קומט אויף יענער וועלט און באַקומט זיין שכר פאַר פוצן די שיך זיינע לכבוד־שבת, און דער שכר זיינער איז זייער גרויס, דעמאָלט: „און גאָט צבאות האָט אין יענעם טאָג גערופן פאַר געוויין און קלאָג".

## אַ מעשה מיטן ווילנער גאון און דעם רב ר' ישראל

אין די צייטן פון ווילנער גאון — איז אין ווילנע געווען רב ר' שאול'קע, אַ גאון וצדיק, פון די אַלטע רבנים, און אַ תקיף בדעתו.

איינמאָל האָט דער גאון ר' אליהו גע'פסקנ'ט אַ שאלה, ניט ווי ר' שאולקע, נאָר שפּעטער האָט ער מודה געווען, אַז דער דין איז ניט ווי ער האָט גע'פסק'נט.

די מעשה איז געווען אַזוי:

אין דער שכונה וואו דער גאון האָט געוואוינט — האָט געוואוינט אַן אָרעמער שניידער. פרייטיק־צו־נאַכט האָט זיך ביים שניידער געמאַכט אַ

שאלה: ווען דער שניידער איז געזעסן ביים טיש, ער מיט זיין הויזגעזינט און זיינע צוויי שניידער־געזעלן און זיך געזונגען זמירות, וואָרטנדיק, אַז דאָס ווייב זאָל דערלאַנגען דעם שבת׳דיקן צימעס. האָט זיך געטראָפן אַן אומגליק מיטן צימעס, ס׳איז אַריינגעפאַלן אַ שאלה מכוח פליישיקס און מילכיקס.

האָט דער שניידער געשיקט איינעם פון זיינע באַהעלפערס צום רב פרעגן אַ שאלה. דער רב האָט געוואוינט ווייט פון שניידערס דירה, און דער שניידער מיט זיין הויזגעזינט זיינען מיד וואַרטנדיק. אַ פאַרשטערטער שבת.

האָט זיך דעם שניידערס ווייב דערמאָנט, אַז ניט ווייט פון זיי וואוינט ר׳ אליהו און אַז ער איז אויך אַ מורה הוראה ביי אידן. האָט דער שניידער געשיקט דעם צווייטן באַהעלפער פרעגן ביי ר׳ אליהו׳ן די שאלה.

נעמט ניט קיין סך און דער ערשטער באַהעלפער קומט צוריק, דער רב האָט געזאָגט: כשר!

האָט זיך דער שניידער באַרואיקט און הייסט זיך דערלאַנגען דעם צימעס. און אין דער מינוט עפנט זיך די טיר, דער צווייטער באַהעלפער קומט אַריין; ר׳ אליהו האָט געזאָגט: טריף!

דער שניידער און דאָס גאַנצע הויזגעזינט זיינען צעטומלט. וואָס זאָלן זיי טאָן און וועמען זאָלן זיי פאָלגן?

האָט דער שניידער אָנגעטאָן די קאַפּאָטע, אַליין אַוועק צום רב און אים דערציילט די גאַנצע מעשה.

— גיי אַהיים — האָט אים ר׳ שאול׳קע געזאָגט — און איך און ר׳ אליהו וועלן באַלד קומען ביי דיר אין הויז אַריין, פאַרזוכן דיין צימעס.

איז דער שניידער געלאָפן אַהיים מיט דער פלוצימדיקער בשורה: דער רב און ר׳ אליהו קומען אַהער פאַרזוכן דעם צימעס!

איז געוואָרן אַ מהומה אין שטוב: עפּעס אַ קלייניקייט — אַזעלכע געסט! באַלד האָבן זיך דערוואוסט דערפון די שכנים, וואָס האָבן געוואוינט אין יענער שכונה, אַז דער רב און ר׳ אליהו בכבודו ובעצמו, קומען ביים שניידער אין הויז און די קליינע ענגע דירה איז געוואָרן איבערגעפּאַקט מיט מענטשן.

און ר׳ שאולקע איז אַריינגעקומען צום גאון ר׳ אליהו און געזאָגט:

— קומט, ר׳ אליהו, פאַרזוכן פון שניידערס כשר׳ן צימעס.

— אויב דער רבי הייסט — האָט דער גאון געענטפערט — בין איך מוכן ומזומן צו פאָלגן. איר זענט דאָך דער מרא־דאתרא.

אַביסל שפּעטער זיינען ר׳ שאולקע און דער גאון אַריינגעקומען ביים שניידער אין הויז. דער עולם האָט געמאַכט פּלאַץ פאַר זיי ביראה ובכבוד. זיי זיינען אַריינגעקומען און זיך געזעצט צום טיש. ר׳ שאולקע האָט זיך געהייסן דערלאַנגען דעם צימעס.

האַט דעם שניידערס ווייב גענומען אַ נייעם פּסח׳דיקן טעלער, אַריינ־געלייגט אין דעם אַ פּאָר לעפּל צימעס און דאָס געטראָגן צום טיש. פאַרביי־גייענדיק די ליוסטערס מיט די אָנגעצונדענע ליכט — האָט פּלוצים אַ ליכט זיך אַ שאָקל געטאָן און אַריינגעפאַלן אין טעלער. דער גאַנצער עולם איז אַ פאַרצאַפּלטער געבליבן.

האָט זיך ר׳ שאולקע אויפגעשטעלט אויף די פיס און געזאָגט צום גאון: איר זענט גערעכט, פון הימל האָט מען מיר אויפגעוויזן, אַז דער דין איז ווי איר האָט געזאָגט...

## די מידה פון הכנסת־אורחים ביי סהל בן נטירא

וועגן סהל בן נטירא פון באַגדאַד (פון צענטן יאָרהונדערט לויט דער קריסטלעכער ציטרעכענונג) ווערט דערציילט:

ער פלעגט יעדן טאָג רייטן פון זיין וואוינונג צום קאַליפס פּאַלאַץ און פלעגט אַליין פאַר זיך די מינדסטע זאַך ניט נעמען פון מלכות׳דיקן שאַצ־קאַמער. די שכירות וואָס זיינען פאַר אים געווען באַשטימט — פלעגט ער צעטיילן צווישן די וויזירן — און פאַר זיך פלעגט ער גאָרנישט איבערלאָזן. מיט אידן האָט ער אַ סך גוטס געטאָן, מיט גרויס און קליין, און ס׳איז ניט באַקאַנט קיין איינציקער מענטש, מיט וועמען ס׳האָט געטראָפן עפּעס אַן אומגליק, אַז סהל זאָל אים ניט העלפן. ער האָט דערוויטערט פון אים זיין צרה און אים געהאָלפן מיט געלט, אַחוץ וואָס ער האָט געטאָן זייער פיל צדקה, עפנטלעך און פאַרבאָרגענערהייט, מיט געלט און מיט בגדים. יעדן שבת׳דיקן טאָג פלעגן מענטשן קומען דאַווענען ביי סהל׳ען און ער פלעגט פאַרבעטן צום עסן איטלעך איינציקן וואָס איז געווען ביי אים אין הויז; אַ יונג אַ משרת פלעגט שטיין אַנטקעגן אים און דעם, וואָס ער פלעגט וועלן זעצן ביי זיין טיש — פלעגט ער אַ קוק טאָן אויפן משרת, און דער יונג פלעגט שוין פאַרשטיין זיין כוונה און פלעגט אים פאַרהאַלטן. נאָכן דאַווענען פלעגן די מענטשן אַרויס דורך אַ צווייטער טיר, ניט דורך דער טיר דורך וועלכער זיי זיינען אַריינגעקומען; צוערשט, גייען עסן אָרעמעלייט, צווישן צוויי הונדערט (די קלענסטע צאָל) ביז פיר הונדערט מאַן. זיי זיינען אויס־געזעצט צען מענטשן אַרום איין טיש. סהל פלעגט זיך נוהג זיין צו באַשטעלן אַלע נייטיקייטן פאַרן שבת׳דיקן טיש פון דריי קראָמען. און די אַריינקומענ־דיקע אָרעמעלייט פלעגן נעמען מיט זיך שטילערהייט ברויט און פלייש צו זיך אַהיים. און אַלץ וואָס פלעגט איבערבלייבן פון שבת׳דיקן טיש — פלעגט מען אָוועקגעבן צו אָרעמע לייט, צו יעדן איינעם אַ ברויט און צוויי שטיקער פלייש, נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעגעסן ביים טיש. סהל אַליין פלעגט שטיין איבער זיי מיט אַ פּעכער, ביז זיי פלעגן ענדיקן עסן און ער פלעגט זיי דער־

לאַנגען ווייַן און פּירות און אַנדערע גוטע זאַכן; ער פלעגט נעמען מיט זיי אַ ביסן און פלעגט בענטשן פאַר זיי ברכת־המזון און פלעגט זיי פאַנאַנדערלאָזן. נאָכדעם פלעגט ער גייִן צום טיש מיט זיינע איינגעלאַדענע מענטשן. נאָכן עסן, ווען מ׳האָט אַראָפּגענומען פון טיש, פלעגט ער הייסן ברענגען פאַרשיי־דענע משקאות און פלעגט טרינקען מיט די איינגעלאַדענע, און די געלאַדענע פלעגן ביי אים בלייבן נעכטיקן שבת־צו־נאַכט.

(דינאַבורג, „ישראל בגולה״, ספר שני)

## די נשמה־יתירה

ביי רב ברוכ׳לען אין הויז, שלש־סעודות צייט, נאָכדעם, ווי ער האָט געענדיקט זאָגן תורה און די חסידים זיינען געזעסן אַרום געגרייטע טישן, גרייט זיך צו נעמען צום שלש־סעודות — האָט זיך פּלוצים געעפנט די טיר און אין הויז איז אַריינגעקומען ר׳ חייקל דער חקרן, וואָס איז געווען אַ מוחזק פאַר אַן אַפּיקורס.

— עסט און טרינקט, גוטע חסידים — האָט ער זיך געווענדט צו די חסידים מיט אַ ווינק — איצט איז די שעת־רצון פאַר דער נשמה יתירה.

— פאַרוואָס נעמסטו קיין חלק ניט אין דער סעודה — האָט אים הערשעלע געפרעגט — דו האָסט דאָך אויך אַ נשמה יתירה, ווי אַלע אידן...

— חלילה — האָט דער חקרן אים געענטפערט, ווי אַן אָפּגעבריטער — איך האָב בלויז איין נשמה.

— און די איינע איז אויך איבעריק פאַר דיר — האָט אים הערשעלע געענטפערט...

(אליעזר שטערמאַן, „הערשעלע אָסטראָפּאָלער״)

## ר׳ שניאור זלמן און ר׳ ברוך פון מעזבוזש

ווען ר׳ שניאור זלמן, דער „בעל־התניא״, האָט אָנגעהויבן פּראָווען רבנות און צוציען צו זיך אַ קהל חסידים — האָט ר׳ ברוך מעזבושער, דעם בעל שם־טוב׳ס אייניקל אַרויסגעוויזן צו אים אַ העפטיקע קעגנערשאַפט, מחמת ער איז געווען אַ גרויסער קפּדן און ער האָט געקוקט אויף ר׳ שניאור זלמנען, ווי אויף אַ מסיג־גבול.

איינמאָל איז ר׳ שניאור זלמן געפאָרן קיין מעזבוזש אויפן בעל־שם־טוב׳ס קבר. איז ער אַריינגעקומען מקבל־פּנים זיין ר׳ ברוכ׳ן. ר׳ ברוך האָט אים ניט אויפגענומען פריינטלעך און אים אויפגעוואָרפן, אַז ער ברעכט די צוימען פון חסידות און ער ענדערט די מטבע וואָס דער בעש״ט האָט געפורעמט.

— וואָס אַזוינס האָב איך געטאָן — האָט זלמן געפרעגט.

— וואָס הייסט — איז ר׳ ברוך אַריינגעפאַלן אין כעס — איר באַפוילט אייערע חסידים ניט צו זאָגן „ושמרו" אין פרייטיק־צו־נאַכטיקן דאַווענען.

— דאָס איז על־פי־דין, האָט ר׳ שניאור זלמן געלאַסן געענטפערט, כדי ניט מפסיק צו זיין צווישן גאולה לתפילה.

— צי דען ווייס ער ניט — האָט ר׳ ברוך אויף אים געשריען — אַז ווען אידן זאָגן „ושמרו" אויף דער ערד ווערט אַ „יאַריד" אויפן הימל?

נו — האָט ר׳ שניאור זלמן לאַכנדיק געזאָגט — אויב אַ מענטש אַ סוחר פאָרט ניט אַמאָל צו אַ יאַריד — איז ער דעריבער קיין סוחר ניט? און בכלל, וואָלט איך ניט וועלן, אַז מיינע חסידים זאָלן פרייטיק אויף דער נאַכט מאַכן „יאַרידן"...

(מ. ליפסאָן, „מדור לדור")

# יהודה עלזעט

## I

## די שבת׳דיקע מאכלים

באַלד מיטוואָך, ווען מ׳זאָגט ביים דאַווענען אינעם „יום" די פסוקים „לכו נרננה" — הייבט שוין אָן אָנצוקומען דער ריח פון שבת און צוזאַמען מיט אים די זאָרג: פונוואַנען נעמט מען אויף שבת?

די עכטע הכנות הויבן זיך אָבער אָן ערשט דאָנערשטיק, אַזוי גיט אונדז איבער איזיק מאיר דיק. דאָס „איינער האָט זיך בדרך הלצה באַקלאָגט דאָס ער האָט קיינמאָל קיין גוטן דאָנערשטיק ניט געהאַט. אַלס ער וואָר נאָך ביי דער מוטער אין בויך פלעגט ער ווערן אום דאָנערשטיק האַרט געדריקט פון די קרוצקע, מעל און פלייש, וואָס די מוטער האָט אָנגעראַצעט אין פאַר־טעך אויף שבת; אַלס ער איסט געבאָרן געוואָרן, פלעגט ער דאָנערשטיק בלייבן אָן גאָל שרייענדיק פון הונגער, ווייל די מוטער איז אַוועק אין גאַס צו מאַכן אַן איינקויף אויף שבת און פלעגט זיך פאַרגעסן צו קומען צוריק, און נאָכהער, אַלס איך בין געוואָרן אַלט אַ יאָר פינף און האָב אָנגעהויבן צו גיין אין חדר, פלעגט מיר דער רבי אָראָפּנעמען די הויט דאָנערשטיק, דאָס איך זאָל קענען וואָס איך האָב געלערנט אַ גאַנצע וואָך. און אַלס איך האָב חתונה געהאַט, פלעגט די וויב בעטן אום דאָנערשטיק אויף דעם הייליקן שבת. און אַז מ׳האָט שוין געהאַט „אויף שבת", האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער אידישער פרוי צוצוגרייטן „אַ שבת — ווער צו גאָט האָפּט"...

„פאַר די שבת׳דיקע מאכלים אין פוילן, וואָלטן די ווייבער זיך געלאָזט מקריב זיין. אַז עס טרעפט זיך אַמאָל, אַז איין מאכל ווערט חלילה קאַליע

— איז דער סלוטשיי אַזוי טרויעריק ביי זיי, גליך ווי זייער בן־יחידל וואָלט זיך אויסגעוויכניעט אַ פיסעלע... די מאכלים זיינען דאָרט אַזוי פּאַרהיי־ליקט, אַז זיי גלויבן אַז דאָס גאַנצע שבת׳דיקע עסן, דעם טשאָלנט מיטן קוגל קאָכט אָפּ אַ מלאך... (מאַני דלוגאַטש).

און נישט קיין וואונדער; מען מוז קענען דאָס דעמאָלטדיקע אידישע לעבן אום צו פאַרשטיין דעם אידישן שבת.

אַט שילדערט אונדז א. מ. דיק דאָס לעבן פונעם שטעטל:

„דאָס שטעדטכען איז אַ גאַנצע וואָך ווי אויסגעשטאָרבן און זעט אויס ווי אַ ווייבער־רייך, דאָס הייסט, ווי איין מלוכה, וואָס ס׳לעבן אין איר נאָר ווייבער, ווייל די מאַנסלייט זיינען די גאַנצע וואָך ביז פרייטיק אַלץ אויף דעם לאַנד, גייען אום איבער די דערפער און היפּן מיט אַלערהאַנד גאַלאַנטערי זאַכן און בייטן עס דאָרט איין אויף פלאַקס, זוימען, פעלכלעך פון האָזן און פון קעלבער, אויף חזיר־האָר, אויף פעדערן, אין שטעטל בלייבן נאָר די פרויען, קינדער, כלי־קודש, די ישיבה.

דערפאַר אָבער פרייטיק ווערט די שטעטל באַלעבט און זעט אויס ווי עס וואָלט געוואָרן אין איר אַ „קיבוץ־גליות״ ..

אַ גאַנצע וואָך איז מען געווען פאַרוואָגלט, פאַריאָגט און פאַרצאָגט, נישט־דערעסן, נישט־דערשלאָפן. שבת איז מען נאָך אַ וואָך ליידן צוזאַמען געקומען און אין היילקער רו געוואָלט ווי אַמשענסטן געניסן פון די פּאָר שווער־אויסגעהאָרעוועטע, פון מויל אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס. און נישט גרינג איז דאָן אָנגעקומען „שבת־צו־מאַכן״, ווי עס געהער צו זיין.

די געברויכן פון קהל זיינען דעמאָלט געווען זייער גרויס, זיך אויס־צוקויפן פון כל־המיני גזרות, אַציגד נאָך די מוסטערהאַפטעווירטשאַפט פון די ראשי הקהל, פון די פרנס־חודש׳ס, און דעריבער „זיינען דאַן געווען פאַרזעצט אין די פוילישע שטעטלעך נישט נאָר די ענגלייכטערס פון די בתי־מדרשים, די ספר־תורות און דער כתר, עס זיינען אויך געווען פאַר־זעצט און פאַרדונגען די היוון, מעל, ליכט, פלייש, זאַלץ און וואָס נישט?״ (מאַני דלוגאַטש).

און אַזוי איז געווען אויף יעדע זאַך, וואָס אַ איד האָט געברויכט, אַ בלוט־יקרות, שרעקלעך שווער האָט באַלאַסטעט דאָס אידישע לעבן די קאַ־ראַבקע. כאָטש איך בין חושד, אַז דאָס וואָס די דעמאָלטדיקע משכילים האָבן אַזוי מרעיש עולם געווען אויף דער „טאַקסע״, איז דאָס נישט אַזוי געווען פון ליבע צו די פאָלקסמאַסן, נאָר ווייל די קאַראָבקע־געלדער האָבן געגעבן די פרנסים דעם כוח צו פירן זייער ממשלה אויף דער אידישער גאַס.

אַ גאַנצע וואָך האָט מען קיין פלייש נישט געגעסן, אָבער אויך אויף שבת איז עס גרינג נישט אָנגעקומען.

יצחק בער לעווינזאָן דערציילט אונדז, ווי מען האָט זיך געמוזט הרג׳נען און שלאָגן ביז בלוט, ביז מ׳האָט זיך דערריסן צו באַקומען געקויפט אַ שטיקל פלייש אויף שבת. און ער לאָזט אויס מיט אַ קרעכץ:

„אַ בושה, אַ חרפה פאַר אומות־העולם, וואָס עס טוט זיך פאַר אַ געוואַלטן און הריגות דאַנערשטיק נאָך וואַרימעס ביי דער יאַטקע."

דאָס איז געווען אויף אַ געוויינלעך שטיקל פלייש, אַצינד אום צו באַקומען אַ „פוס" אויף שבת, „אויף דעם הרגנ׳ען זיך אין פוילן די אַלע טובי־העיר יעדן פרייטיק ביז אין בלוט אַריין איבער די פיס אויף דער פעטשאַ. יעדער זאָגט, אַז די פיס געהערן צו אים."

דאָס איז דאָס אַלגעמיינע בילד, וועגן באַקומען די צרכי־שבת, אַ־צט וועלן מיר כסדר באַטראַכטן דאָס צוגרייטן אַלץ.

לכבוד שבת באַקט מען חלות. אָפט פלעגט טרעפן, דאָס מען האָט פאַרזעצט אַ משכון, כדי צו קויפן מעל אויף שבת׳דיקער חלה.

אין די קלענערע שטעטלעך, באַזונדערס אין ליטע, פלעגט די באַלעבאָסטע אַלע פרייטיק אויסהייצן דעם אויוון און באַקן די חלות, אויך ברויט, אויף אַ גאַנצע וואָך. ווינטער פלעגט מען קנעטן נאָך דאַנערשטיק אין אָוונט און לאָזן ס׳טייג ליגן איבערגעדעקט מיט אַ קישן ביז פרי, ס׳זאָל יערן.

אין וואָלאָזשין פלעג איך זען באַקן אויך „באַנדעס" ד״ה אַזעלכע „גריזקעס", העלפט מעל און העלט אָנגעריבענע בולבעס.

דאָרט אַפילו וואו מען באַקט שוין נישט אין דערהיים אַליין פלעגט מען אָבער אויך נזהר זיין צו קנעטן חלות אינדערהיים און שיקן צום בעקער באַקן, און נישט קויפן גרייט פון בעקער. די אַפילו וואָס פלעגן שוין קויפן פון בעקער פאַרטיק געבאַקענע חלה, פלעגן קויפן אַ קליין ספּעציעל־געבאַקן בולקעלע — אַ חלה־נעמער — אום מ׳זאָל קענען דערפון חלה נעמען, און נישט ברויכן אָפּצוברעכן פון די גאַנצע חלות.

חלות באַקט מען פון ווייס ווייצנמעל מיט צוקערמעל, אייער און ביימל.

אין פוילן הייסן סתם „חלות" — געפלאָכטענע חלות, וואָס ווערן אויסגעפלאָכטן פון אַ זעקס־אַכט אויסגעוועלגערטע טייג־צעפּלעך. און אויסער דעם באַקט מען נאָך אין פוילן אַ „קוכן" אַ רונדיקן, וואָס ווערט געבאַקן אין אַ פענדל אויסגעשמירט מיט אייל, דעם קוכן הייבט מען אָן צו דער סעודה פון פרייטיק־צו־נאַכטס און אויף דער נאַכט פון יום־טוב. די „חלות" דאַגעגן הייבט מען אָן ביי די טאָג־סעודות.

דרויאַנאָוו שרייבט אָבער, אַז אין ליטע רופט מען חלות — ניט־געפלאָכטענע חלות, וואָס זיינען ברייט אינדערמיט און שמאָל ביי די עקן (דאָס הייסט אין פוילן „סטריצלעס") און געפלאָכטענע חלות הייסן אין ליטע: „קידקעס". און מען באַקט זיי נאָר אויף שבועות און סוכות און פורים צו

דער סעודה. מ׳רופט זיי אויך „פורים־קוילעטשן״. ספעקטאָר שרייבט אָבער אויך וועגן „אויסגעמאַכטע, אויסגעפּלאָכטענע חלות לכבוד־שבת״.

„אום די חלה זאָל באַקומען אַ שיינעם ניעט ביים באַקן — דערציילט ספעקטאָר — מוז מען זיי אָפּשמירן מיט אַ געלעכל״. אויך מענדעלע מוכר־ספרים דערציילט, דאָס די חלות האָבן געהאַט מיט געלעכלעך אָפּגעשמירטע פּנים׳לעך און שוואַרצע אייגעלעך פון טשערנישקע. אויך די שבת־קוילעטשן האָט מען אָפּגעשמירט מיט אַ געלעכל.

ספעקטאָר דערציילט אויך וועגן „פייגעלעך״, וואָס זיינען געוועזן געמאַכט אויף דעם שבת־קוילעטש. באַזונדערס איז די אידישע חלה גערימט ביי כל־המיני שבת־גויים.

פרייטיק נאָכמיטאָג, כידוע, איז אַ מנהג־ותיקים, טועם צו זיין פון די שבת׳דיקע מאכלים, בכן עס שטייט דאָך געשריבן „טועמיה חיים זכו.״

עס האָט זיך אָבער געשאַפן אַ מין ספעציעלער פרייטיק־מיטאָג, אין וועלכן די הויפּט־ראָלע האָבן געשפּילט, אויסער פיש און צימעס אויך עפּעס פון די פריש־געבאַקענע זאַכן און דער עיקר — דאָס ראָסל־פלייש, וואָס איז געווען שטאַרק נודע לשבח.

קינדער פלעגן באַקומען אַ פלעצל. און זומער, ווען ס׳איז דאָ אויבס, באַקט מען פאַר זיי „שטאָניקעס״, ד״ה אַזעלכע בולקעס וואָס זיינען איניוויינינג אָנגעפילט מיט יאַגדעס, קאַרשן, און אַמאָל מיט אַ באַרנע.

נאָכן קידוש וואַשט זיך דער פאָטער, מאַכט אַ ברכה און טיילט יעדן אויס אַ „מוציא״. דערפון ווען די הוצאות ביי אַ געשעפט שלינגען איין דעם ריווח, זאָגט מען: „די גאַנצע חלה גייט אַוועק אויף דער „מוציא״. מען זאָגט אויך: „פון אַ גרויסע חלה איז גוט צו שניידן מוציא׳ס״. ד״ה אַ גוט געשעפט געגונגט פאַר אַלע אַרומיקע, אַזוי דאָס אַלע זאָלן זיין צופרידן.

פרייטיק־צו־נאַכטס עסט מען פיש, פיש־יויך, לאָקשן, פלייש און צימעס. פיש האָט דער עולם ליב באַזונדערס געפילטע, און אויך ביי די גוים זיינען זיי שטאַרק באַרימט געוועזן: אַ שררה, פריסטאַוו און נאָך אַזעלכע גדולים האָט מען פשוט געקויפט מיט אַ שטיקל אידישע געפילטע פיש.

לויט ווי מענדעלע מוכר־ספרים גיט איבער, האָט מען די פיש געפילט נישט בלויז מיט ציבעלעס, אייער, פעפער, נאָר אויך מיט קנאָבל.

אין ליטע עסט מען די פיש מיט כריין.

באַזונדערס גערימט זיינען די קאַרפּן־קעפּ, אַזוי, אַז די ראשי־העדה, די מיוחסים, די גבירים, רופט מען: די „קאַרפּן־קעפּ״. דאַגעגן ווייסט מען, דאָס דער העכט שטינקט פונעם קאָפּ.

רביים פלעגן מהדר זיין און עסן סענדאַקן, בכן, ס׳דערמאָנט אין קדושת „סנדק״, אָבער דעם קאָפּ פון אַ סענדאַק פלעגט מען נישט עסן, ווייל אינעם קאָפּ פון דעם דאָזיקן פיש געפינט זיך אַ ביינדל, זעט עס ממש אויס ווי

אַ צלם. אין פראַנקפורט האָבן זיי אָבער אַמאָל געהאַט אַן אַנדער געשמאַק בנוגע פיש, און דאָרט האָט מען געזאָגט: „קאַרפּע איז קיין חרפּה, העכט איז מיט רעכט, סאַלעס איז איבער אַלעס.“

היינט איז דער עולם געוואוינט צו עסן לאָקשן מיט אייער אויך אין אַ גלאַטן מיטוואָך, און נישט איינער פון די לייענער, וועט זיך מסתמא וואונדערן, וואָס איך האָב די לאָקשן אַריינגערעכנט אין די ספּעציפיש־שבת־דיקע מאכלים.

אַזוי איז אַמאָל געווען. אויף דעם זאָגן עדות אַ גאַנצע רייע שפּריכ־ווערטער און רעדנאַרטן, למשל: „אַ סך זמירות ווינציק לאָקשן פאַרן שבת“. און ווען איינער קומט אַהיים צופאַרן פרייטיק צו נאַכט שוין אום שבת, זאָגט מען. ער איז אַריינגעפאַרן מיטן דישל אינעם שיסל לאָקשן.“

עס ווייזט אויס, דאָס שוין ערב יום־טוב האָט מען זיך דערלויבט צו פאַרזוכן פון די לאָקשן. און דעריבער זאָגט מען: „געכאַפּט ווי ערב־יום־טוב׳דיקע לאָקשן.“ דען לאָקשן איז געווען אַ לאַקאָמע מאכל, אַזוי אַז מען זאָגט: „אַלע סוחרים כאַפּן אים ווי לאָקשן“. און ווען איינער כאַפּט עפּעס, זאָגט מען אים: „כאַפּ נישט, ס׳איז ניט קיין לאָקשן!“ אַבי ווער האָט זיך אויף לאָקשן נישט געקענט פאַרגינען, דעריבער זאָגט מען: „דלות קאָך לאָקשן — ניטאָ קיין אייער“.

מען דערציילט, איינער איז אין אַ תענית געקומען צו אַ קאַרגן, טרעפט ער אים איבער אַ שיסל לאָקשן מיט יויך און פלייש. פרעגט ער: סטייטש, תענית?

ענטפערט דער קאַרגער: וואָס פאַסט מען דען? — מ׳זאָל האָבן צער. איך, אַז כ׳עס אַזאַ מיטאָג, לאָקשן מיט פלייש, איז דאָס מיין צער. פרעגט אים יענער: אויב אַזוי, טאָ עס שוין אויך פיש און צימעס? — אויף סכנת־נפשות בין איך שוין ניט מחויב צו גיין — ענטפערט דער קאַרגער.

ווי ווייט איינער קען, איז ער מהדר צו האָבן אַן עוף אויף שבת. צימעסן זיינען געווען פאַרשיידענע מינים. אַ פלאָמען־צימעס, אַ מייערן־צימעס, אַ פאַסטערנאַק־צימעס, פון בארעלעך, אַן עפּל־צימעס, פון ראָזשינקעס, פון שעפּטאַל, פון געווירצן מיט לאַרבערבלעטלעך. דער עיקר איז געריכט אַ צימעס פון גאָלע ראָזשינקעס. ספּעקטאַר דערציילט אויך וועגן אַ פאַסאָליעס־צימעס — אין בעסאַראַביע איז אויך פאַראַן — „צימעס־נאַהוט.“ עס ווערט געקאָכט מיט צוקער, און מען עסט עס הויפּטזעכלעך פרייטיק נאָכן מרחץ מיט „מאַלאַי“.

מאַלאַי ווערט געבאַקן פון מעל, פון מאַיס מיט צוקער, בוימל און אייער.

מען האָט געגלויבט, אַז צו מערידן איז אַ רפואה צו עסן מערנצימעס, אָדער פלאָמען־צימעס מיט צענעס.

אויף דעם ראַפינירטן געשמאַק פונעם עולם, זאָגט אויך עדות דער כלל, וואָס מ׳האָט געהאַט, אַז פאַסטערנאַק פאַרלירט דעם טעם באַלד ווי ער הערט דעם ערשטן דונער.

שבת ביי טאָג עסט מען נאָך די פיש רעטעך און פעטשאַ, לעבער און ציבעלעס מיט אייער. די מאכלים פון רעטעך און ציבעלעס זיינען געווען פאַרשיידנאַרטיק צוגעגרייט. שלום־עליכם דערציילט, דאָס מען נעמט רעטעך דווקא שוואַרצן און ציבעלעס מאַכט מען אויף פאַרשיידענע אופנים: אַ ציבלקע מיט שמאַלץ, מיט רעטעך, מיט אייער, מיט הערינג, אַ ציבלקע מיט לעבערלעך, אַ ציבלקע מיט גריוון און גלאַט ציבעלעס.

ספעקטאָר דערציילט אויך, דאָס מען עסט ציבעלעס, רעטעך מיט ציבעלעס, ציבעלעס מיט רעטעך, לעבערלעך מיט ציבעלעס, איינגעהאַקטן בייליק מיט ציבעלעס, אייער מיט ציבעלעס, ציבעלעס מיט שמאַלץ, ציבעלעס מיט בוימל...

פאַראַן אַ איד אַ הולטיי, וואָס נעמט אויך אין אַ סתם וואָכנטאָג און זעצט זיך אַוועק איבער אַ שיסל רעטעך מיט ציבעלעס צוגעשמאַלצן מיט פרישער שמעקנדיקער היגער־שמאַלץ... רעטעך מיט ציבעלע ווערן גערעכנט צווישן די בעסטע מאכלים. אויף איינעם וואָס איז געשטאָרבן, זאָגט מען מיט ליצנות „ער האָט זיך איבערגעפעקלט, וואו מען עסט ניט קיין רעטעך מיט שמאַלץ.״

שלום־עליכם האָט געזען אין געהאַקטע לעבערלעך מיט שמאַלץ דאָס נאַציאָנאַלע אידישע מאכל.

איך האָב אַמאָל געגעסן שבת ביי אַ וואָלינער איד, האָט מען געגעבן גוט־צעהאַקטע ציבעלעס, צוזאַמען מיט קאַרטאָפל און רעטעך, גוט צעריבן אויף אַ ריבאייזן מיט שמאַלץ און לעבערלעך אויך צעריבן אויף אַ ריבאייזן.

פעטשאַ מאַכט מען אין וואָלין אַזוי: פרייטיק־צו־נאַכטס נאָכן עסן נעמט מען דעם גאַנצן „דרויב״ פון די שבת־עופות, די פיסלעך, קעפלעך, קראַגנדלעך, העלזלעך, אאַז״וו, מען צערייסט דאָס אַביסל, און מען גיסט דערויף אַרויף די איבערגעבליבענע יויך און איבערנאַכט שטייט דאָס אַזוי און ס׳ווערט געגליווערט.

אין בעסאַראַביע מאַכט מען פעטשאַ אויף אַזאַ אופן: מ׳נעמט אַ פוס פון אַ בהמה, מ׳בראָט אים אָפּ, אָדער מ׳זענגט אים בלויז איבער קוילן, דער־נאָך צעשניידט מען אים אויף שטיקלעך, מ׳האַקט דאָס פלייש אַדורך זייער דין, אויך די ביינער שפּאַלט מען און מ׳שטעלט עס צו קאָכן מיט אייער, עסיק, פעפער, צוקער, קנאָבל, בלעטער און מ׳קאָכט אַזוי לאַנג, ביז ס׳ווערט גוט דורכגעקאָכט און איינגעקאָכט, דערנאָך גיסט מען עס אויס אין אַ פלאַכע כלי, און עס ווערט געגליווערט.

גענוי אויפן זעלבן אופן מאַכט מען אויך אין פוילן אַמאָל אין אַ שמיטה, אַ „פוס" אויף שבת. מ'רופט דאָס אויך אין פוילן אַ „כאָלאָדיעץ", „אַ גליווער". אין פוילן איז דאָס אָבער, ווי געזאָגט, לגמרי ניט קיין שטענדיקער שבת־מאכל.

אַמאָל, און באַזונדערס אין ליטע, איז אַ פוס אויף שבת געווען אַ מוז־זאַך. דעריבער, נאָך היינט, ווען איינער דערציילט כסדר וועגן זיינע פיס־שמערצן אד"גל זאָגט מען אים אויף קאַטאָוועס: באַהאַלט די פיס אין טשאָלנט אַריין.

אַ געוויינלעכער טשאָלנט איז על־פי־רוב באַשטאַנען פון אויסגעפּריעטע קאַשע מיט אַ פעטן מאַרכביין דערינען.

איצט קומען מיר צו דער קרוין פון די שבת'דיקע מאכלים, צו דעם קוגל:

קוגלען זיינען געווען כל־ערליי מינים: אַט שרייבט שלום־עליכם: קוגלען אַליין זיינען דאָ מער ווי אַ צענדליק: אַ לאָקשנקוגל, אַ געבלעטערטער קוגל, אַ געקנעטענער קוגל, אַ קוגל פון רייז, אַ קוגל מיט ראָזשינקעס, אַ קרעפּל־קוגל, אַ שטרודלקוגל, אַ מאַנדלקוגל, אַ קוגל מיט העלזעלעך און קישקע, און נאָך.

באַזונדערס גערימט איז געווען אַ לאָקשענער קוגל. מ'זאָגט: „אַ היימישער שידוך, איז אַ לאָקשענע קויל", מחמת, אַ לאָקשענער קויל אַז ער געראָט נישט אַפילו — איז דאָ כאָטש לאָקשן, און אַ היימישער שידוך, ווען ער גיט זיך נישט איין אַפילו — איז דאָך יעדער אינדערהיים.

און אויך אַ געבלעטערטער קוגל איז גערימט. עס איז נאָך געווען אַן עפּלקוגל און אַ מוסקאַט־קויל.

מענדעלע מוכר־ספרים דערציילט נאָך, וועגן אַ לאָקשנקוגל מיט אַ „גנב" — אַן אָנגעפּילט העלזל אינעווייניק. וועגן דעם „גנב" — אייניקע ווערטער: די „אינוניתא דורדא" פון דער ריאה, פון דער לונג, רופט מען אויך „גנב", ווייל ער איז באַהאַלטן הינטערן בייטל פון דער ריאה, ווי אַ גנב במחתרת; דעם דאָזיקן גנב עסן אָבער אידן ניט. בכן איז ער מיאוס.

סאַפּיר אין זיין האַלב־ליצנות'דיקע אָפּהאַנדלונג „די גאַסטראָנאָמיע דער יודן" — דערציילט אונדז בפרטות וועגן דעם שבת'דיקן גנב: דאָס איז לויט זיינע רייד אַ פאַראייניקונג פון קוגל און טשאָלנט צוזאַמען. דאָס איז אַ רויע טויגמאַסע, וואָס ווערט אַריינגעלייגט אין דערמיט פון רייז, אַרבעסן, גאַנדז־ברוסט, גענדזענע לעבערלעך און נאָך אַזעלכע מעדנים און פּריעט זיך אויס אין אַ פאַרמאַכטן טאָפּ פיר און צוואַנציק שעה. עס רופט זיך דעריבער גנב, ווייל ער גנב'עט אין זיך אַריין דעם טעם פון די אַלע גוטע זאַכן.

איך גלויב אָבער, אַז סאַפּיר׳ס טעם איז נישט קיין ריכטיקער און עס רופט זיך „גנב״, ווייל עס איז אין דערמיט באַהאַלטן, ווי דער „גנב״ ביי דער לונג און דער „גנב״ — דאָס אָנגעפּילטע העלזל און דעם לאָקשנקוגל.

ספּעקטאָר דערציילט אונדז, דאָס לכבוד אַ גאַסט האָט מען שבת געמאַכט צוויי קוגלען „אַ זיסן אַ לאָקשענעם און אַ געבלעטערטן אַ ווייניקן״. איך שלום־עליכם דערציילט, דאָס מען מאַכט איינעם אַ לאָקשענעם קוגל לכבוד שבת און איינעם אַ בלעטערנעם אָן אָנגעקנאָטענעם מיט ראָזשינקעס, לכבוד דעם גאַסט. אַז מען נעמט אַרויס דעם קוגל פון אויוון זאָגט מען: „נו, לאָמיר זען, צי איז דער גאַסט אַ געראָטענער, צי ניין? אָט וועלן מיר באַלד האָבן אַ סימן פון קוגל!״

איבערן קוגל איז דאָ אַ מיינגע פאָלקס־לידלעך. ווי באַקאַנט, גלויבט מען, דאָס די מלאכים קאָכן דעם טשאָלנט און דעם קוגל.

נאָך דעם קוגל פלעגט מען נאָכטרינקען בראַנפן, אַזוי ברענגט א. בערנשטיין אַ שפּריכוואָרט: „ווער עס עסט קוגל — מוז טרינקען פיל בראַנפן.״ דאָס זעלבע ברענגט אויך טענדלוי נומער 712, ער גיט נאָך צו, דאָס אין נאָרד־דייטשלאַנד זאָגט מען: „עס קיין קוגל — ברויכסטו קיין בראַנפן״.

מאַני דלוגאַטש (דער עולם־התוהו׳ניק) דערציילט גאָר עפּעס וועגן אַ „שוואַרצן שלש־סעודות קוילעטש״ ביי גוטע אידן. אין בעסאַראַביע ווידער באַקט מען נאָך אַ „הבדלה־חלה״, געפלאָכטן ווי אַ לאַנגע הבדלה, דאָס איז ספּעציעל פאַר דער „מלווה־מלכה״.

עס וועט זיין ניט אָן אַ אינטערעס צו געבן דאָ אַן אַלטן צעטל פון צרכי־שבת:

טשאָלנט — אַ פונט פלייש — האָט געקאָסט פופצן קאָפּיקעס. גרויפּענע קאַשע — דריי קאָפּיקעס. אַ ביין מיט מאַרך אויף פּעטשאַ — צוויי קאָפּיקעס. אַ קוגל פון אַ בלעטל לאָקשן — דריי קאָפּיקעס. אַ פלאָסטער ס׳זאָל זיין פעט — צוויי קאָפּיקעס. דאַרע באַרעלעך מ׳זאָל האָבן אויף נאָכן טשאָלנט — איין קאָפּיקע. אָט דאָס זיינען געווען די גאַנצע אויסגאַבן אויף שבת.

וועגן די „באַרלעך־יויך״ אויף אַ שבת־טרונק, זע אויך ביי פּרץ׳ן: „טרינקט באַרלעך־יויך נאָכן געזאַלצענעם טשאָלנט.״ („חתונה געהאַט״).

פרייטיק־צונאַכטס נאָכן עסן, האָט מען אָוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ קרוג מיט עפּלקוואַס, אַ טעלער מיט באָבעס און אַ טעלער מיט ניסלעך. איך שבת פאַרנאַכט פלעגט מען קייען באָב, קינדער פלעגן שבת עסן גע־פּרעגלטע יאַגדעס.

צום סוף פון דאָזיקן פּרק געפין איך פאַר נישט איבעריק צו געבן אַ קורצן אויסצוג פון דעם דערמאָנטן פּרק פון סאַפּיר „די גאַסטראָנאָמיע דער

יודן", ווייל אַלע וואָס האָבן עפּעס געשריבן וועגן אידישע מאכלים האָבן אים אינגאַנצן פאַרזוען.

היינע רופט טשאָלנט אָן Schalet , סאַפיר אָבער רופט עס Scholet און ער מאַכט זיך אַ ווערטל, דאָס היינע האָט בשעת'ן טשאָלנט־עסן אויס־גערופן „אָ!" — ער, סאַפיר, האָט אָבער אויסגערופן „אָ!" דעריבער שרייבט דער ערשטער „שאַלעט" און ער שרייבט „שאָלעט". ער באַשרייבט די „ברוינע קאַרפּן מיט די יודן־זויזע", זייערע אידישע פיש, „טשאָלנט־איי", „טשאָלנט", „קוגל", אַ „גנב" און אַ „געפילט העלזל."

וועגן דעם גנב האָבן מיר שוין זיינע רייד געבּרענגט. עס וועט זיין אינטערעסאַנט צו וויסן אויך, וואָס דאָס איז אַזוינס, דאָס „טשאָלנט־איי."

מ'פלעגט דאָן אין דייטשלאַנד שטעלן אין טשאָלנט, אויסער כל־המינים טשאָלנטן, אויך אַ טשאָלנט פון אייער. דאָס האָט מען אַזוי געמאַכט: מ'האָט גענומען אַ טאָפּ מיט אַש, אין דעם אַש האָט מען אַריינגעלייגט אַ גע־ווייסע צאָל גאַנצע אייער. דערנאָך צוגעדעקט דעם טאָפּ מיט אַ שטערצל, דאָס שטערצל פאַרקלעפּט מען מיט טייג, און אַזוי, האָט מען עס אוועקגעשטעלט אין אויוון פון פרייטיק פאַרנאַכט ביז בייטאָג צום עסן. דאָן האָט מען די אייער אַרויסגענומען פון אַש און דאָס איז געווען מאכל־מלכים.

## א.

## פיש אויף שבת

א. פון מנהג צו עסן שבת פיש האָבן אידן שוין געהאַלטן פון די אַלטע צייטן אָן. דער ערשטער קוואַל דערפון איז דער תלמודישער מאמר: „וקראת לשבת עונג" — מיט וואָס גיט מען אים תענוג? ר' יהודה, דער זון פון ר' שמואל בר שילת האָט געזאָגט פון רב'ס נאָמען: מיט אַ געקעכטס פון גרינסן און גרויסע פיש און קעפּלעך קנאָבל. רב חייא בר אשי זאָגט פון רב'ס וועגן: אַפילו מיט אַ קלייניקייט וואָס איז צו־געגרייט געוואָרן לכבוד שבת — מיינט עס שוין אַ עונג־שבת. וואָס אַזוינס? אַפילו מיט קליינע פישלעך געפּרעגלט אין זייער פעטס. (שבת קי"ח).

ב. יוסף מוקיר־שבת האָט זוכה געווען צו דעם דאָזיקן נאָמען, מחמת, ער פלעגט דעם שבת אָפּגעבן כבוד דורך פיש.

ג. זיין נאָמען ווערט דערמאָנט אין די שבת'דיקע זמירות: „יוסף האָט גע־שפּאָלטן אַ פיש און געפונען אַ פּערל אין זיין פלייש".

ד. אַזוי ווערן אויך דערמאָנט אין זמירות „אַ וואַכטל און פיש", „פלייש און אויך פיש," „וויין און פיש".

ה. פון אַלע מינים פיש איז דער העכט געווען צום מערסטן באַליבט.

ו. לויט אַ ווערטל פון די פראַנקפורטער אידן איז דער פּאַרצוג פון די פישן געגאַנגען אַזוי: „קאַרפּע — איז קיין חרפה, העכט איז מיר רעכט, סאַלעס — איבער אַלעס".

(טענדלוי, 699)

ז. ס'פלעגט זיין אַ מנהג צו שיקן צו אַ חשובן מענטשן אַ פיינעם פיש לכבוד שבת. ספּעציעל פלעגט מען מכבד זיין דעם שטאָט־פרנס מיט דער דאָזיקער מתנה. און אַפילו גוים פלעגן טייער האַלטן דעם דאָזיקן מנהג צו זייערן אַ אידישן וואוילטעטער. פאַראַן אַ שאלה: איינער אַ שטאָטישער מענטש האָט געשיקט דעם פרנס, וואָס איז ביי אים געווען שטאַרק אַנגעזען, אַ גרויסן זייער פעטן קאַרפּ, צעשפּאַלטן אין העלפט — האָט מען מיך מיך געפרעגט די שאלה: צי מעג אים אַ איד עסן?

(שאלות ותשובות „חות־יאיר")

ח. צוליב דער חשיבות פון דער מצוה — פלעגט מען זיך נוהג זיין צו פאַרזוכן די פיש מערב־שבת. „און דאָס וואָס דו פרעגסט מיך, וועגן יענעם וואָס פאַרזוכט פון דעם פיש ערב־שבת צוליב דעם טעם פון „טועמיה חיים זכו" — איז ניטאָ אין דעם קיין כזית, אַז ער זאָל דאַרפן מאַכן אַ ברכה־אחרונה. (שאלות ותשובות „חות יאיר").

ט. פון דער דאָזיקער מצוה האָבן געהאַלטן כמעט אַלע אידן. „איך זאָל אַזוי זוכה זיין צו עסן שבת פיש, ווי דאָס איז אמת". (טענדלוי, שפּריכווערטער) דער נוסח פון דער דאָזיקער שבועה, וואָס איז געווען אין דייטשלאַנד אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך, באַווייזט, ווי די מצוה פון עסן פיש איז געווען אַ נויטווענדיקייט, וואָס מ'קען זיך אַנדערש ניט באַגיין.

י. אין אַן עלזאַסער אידיש ליד לכבוד שבת שטייט אַזוי: „זעטץ איש אָם ערב־שבת אַן מיין טעש — אונד העש חס ושלום אַמאָל קיין פיש — זאָ פעלט דער סעודה דער גאַנצער גלאַנץ — און גלייכט איינער חתונה אָהנע טאַנץ."

י"א. די פיש פלעגט מען קאָכן מיט וויין, אָדער מיט עסיק, אָדער מיט פעפער.

י"ב. פיש האָט דער עולם באַזונדערס ליב געהאַט געפילטע, און אויך ביי די גוים זיינען זיי שטאַרק באַרימט געווען. אַ שררה, אַ פּריסטאַוו און נאָך אַזעלכע גדולים — האָט מען פשוט געקויפט מיט אַ שטיקל אידישע געפילטע פיש.

י"ג. חסידישע רביים זיינען זיך נוהג צו עסן פיש מיט קאָרנברויט, און זיי האָבן דערפאַר אַ סימן מחמת „דגים" — איז אין דער גמטריה פון „דגן".

י״ד. דער צדיק ר׳ מאיר׳ל פון פרעמישליאַן פלעגט אינדערוואָכן עסן פיש נאָר ביז מיטוואָך. פון מיטוואָך אָן פלעגט ער קיין פיש ניט עסן, כדי ער זאָל שבת האָבן אַפּעטיט צו עסן פיש.

ט״ו. פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן אינדערוואָכן אינגאַנצן קיין פיש ניט געגעסן: „ס׳איז אַ גרויסע מצוה צו קויפן פיש לכבוד שבת פאַר אַלע דריי סעודות, בפרט צו שלש־סעודות. און כ׳האָב געזען, אַז אין דער וואָכן דאַרף מען כלל קיין פיש ניט עסן. דער טעם דערפאַר איז: די וואָך האָט ניט דעם כוח אַרויסצוברענגען די ניצוצות, אַלץ איז בלויז אין זכות פון שבת״.

ט״ז. אַנדערע האָבן מקפּיד געווען צו זוכן גרויסע פיש, ווייל „פיש איז אַ רמז אויף די העכסטע עולמות, אויף יענער אָפענער אויג וואָס דרעמלט ניט און שלאָפט ניט. ווי ס׳שטייט געשריבן: עס דרעמלט ניט און שלאָפט ניט דער היטער פון ישראל.״

י״ז. און אַנדערע האָבן פאַרגעצויגן די קלענערע מינים פיש. „אויב אַ מענטש קען קריגן פיש, צוזאַמען מיט די פליישיקע געריכטן, סיי גרעסערע סיי קלענערע, איז דאָס זיין עונג־שבת, און אַלץ לויטן מענטשן און לויט זיינע כוונות, צי מער, צי ווייניקער, — דער מענטש זאָל נאָר מכוון זיין זיין האַרץ צום הימל.

י״ח. ר׳ ישראל בעל־שם־טוב פלעגט זאָגן: פון הימל האָט מען מיר געגעבן די ברירה צו וואוינען אין נעמיראָוו, אָדער מעזבוזש... און איך האָב אויסגעקליבן מעזבוזש, וואו ס׳זיינען פאַראַנען פיש און מ׳קריגט זיי לייכט לכבוד־שבת.

י״ט. דער טעם פון עסן פיש לכבוד שבת: אין מעשה־בראשית געפינען מיר אַ ברכה אין דריי זאַכן, און זיי קומען אין דריי טעג, וואָס גייען איינער נאָכן אַנדערן: אין פינפטן טאָג אַ ברכה אויף די פישן, אין זעקסטן טאָג אַ ברכה אויפן מענטשן און אויפן זיבעטן טאָג אַ ברכה אויפן שבת. און דער סימן דערפאַר איז „בנאות־ד׳ש׳א׳״, די ראשי־תיבות פון דגים, שבת, אדם. דער וואָס עסט פיש לכבוד שבת, ווערט געבענטשט מיט דער דרייפאַכער ברכה, וואָס קען ניט גיך זיך איבעררייסן.

(דער רבי צבי אלימלך פון דיינאָוו)

כ׳. פיש — זייער חיות איז פון וואַסער, און דאָס חיות פון אידן איז אין דער תורה, וואָס איז געגליכן צו וואַסער. און אַזוי ווי פיש, וואָס הגם זיי לעבן תמיד אין וואַסער, עפּענען דאָך די מיילער צו יעדן טראָפּן רעגנוואַסר, ווי זיי וואָלטן קיינמאָל קיין טראָפּן וואַסער ניט פאַרזוכט, אַזוי זיינען אויך אידן: הגם זיי לעבן אין דער תורה אַ גאַנצע וואָך —

פונדעסטוועגן, ווען מ׳זאָגט פאַר זיי שבת תורה בייגן זיי צו די אויערן צו הערן. און ס׳איז ידוע, אַז דער שבת׳דיקער טאָג איז מסוגל פאַר חידושי־תורה.

כ״א. אין מיטלאַלטער און אין אַ צייט שפּעטער האָט מען אַ סך מאָל גוזר געווען אויף אידן, אַז זיי טאָרן ניט קויפן קיין פיש. דער גלח גרעגואַר, איינער פון די הויפּט־קעמפער פאַר אידישער גלייכבאַרעכטיקונג אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דערציילט אין זיין בוך Essai sur la Regeneration פון אַ גזירה, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף אידן פון מעץ, (1698) ניט צו קויפן און ניט צו פאַרקויפן קיין פיש. ער פרעגט, וואָס איז געווען דער טעם פאַר דער דאָזיקער גזירה? און ער ענטפערט, זיך שטיצנדיק אויף מאָנטעסקיע׳ס ריידן, אַז „פיש גיט דעם מענטשן אַ סך זרע, און די רעגירונג פון מעץ האָט אויף אידן אַרויסגעגעבן די דאָזיקע גזירה צוליב דעם טעם פון „טאָמער וועלן זיי זיך פאַרמערן?״

כ״ב. אַזוי ווי מיטן עסן פיש — אַזוי איז אויך געווען דאָס טרינקען בשעת׳ן עסן אַ ענין מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען. דער גאון רב שרירא זאָגט: אַזוי האָבן אונדזערע רביים געלערנט: אַ טאָפּ וואַסער און ניט קיין טאָפּ וויין, אָבער די „פסקי־תוספות״ האָבן גע׳אסר׳ט צו טרינקען וואַסער ביים עסן פיש, צוליב האַרץ־קלעמעניש. די חסידים מאַכן אַ פשרה: „ביי פיש איז מען זיך נוהג צו טרינקען אַ גלעזל בראַנפן פריער און אַ גלעזל בראַנפן דערנאָך״.

כ״ג. אין אַ סך פלעצער זיינען די חשובע באַלעבאַטים זיך נוהג אַליין צו קויפן זייערע פיש, וואָס אַזוינס שטייט זיי ניט אָן צו טאָן דורך די אַנדערע טעג.

כ״ד. דער רש״ל האָט באַקעמפט יענע וואָס עסן פיש אין דער ערשטער שבת׳דיקער סעודה, פרייטיק־צו־נאַכטס, ווייל דורך דעם איז מען מזלזל די סעודה פון שבת אינדערפרי. (ים של שלמה, גטין) אויך האָט ער אויף זיך אַליין עדות געזאָגט, אַז ער היט זיך אָפּ פרייטיק־צו־נאַכט, ניט צו עסן קיין פיש, ווייל אַזאַ חשובע סעודה עסט ער בלויז בייטאָג. נאָר זיין דעה איז ניט אָנגענומען געוואָרן און מ׳איז זיך נוהג צו עסן פיש אויך פרייטיק־צו־נאַכט.

(בערלינער, דאָס לעבן פון די אידן אין מיטלאַלטער)

כ״ה. שבת נאָכמיטאָג פלעגט מען על־פּי־רוב גיין שפּאַצירן ביים טייך, אָדער ביים ברעג ים, צוצוקוקן ווי די פיש שפּילן זיך, ווען מ׳וואַרפט זיי שטיקלעך ברויט — זיי פלעגן הנאה האָבן זען, ווי די פיש שווימען אַרויס אויפן וואַסער צו כאַפּן די ברעקלעך. אויך ר״י איסערלין דערציילט, אַז ווען

ער האָט פאַרנומען אַ שטעלע פון רבנות — פלעגט ער אין דער באַגלייטונג פון די ראשי־הקהל אַרויסגיין אויפן ברעג טייך שפּאַצירן.

(דאָרטן)

## ב.

## קוגל

און איך געדענק, אַז אין מאַרפורג פלעגט דער גרעסטער טייל פון דער קהילה קאָכן אַ קוגל, וואָס מ׳רופט אין עסטרייך אַ „ברייטלינג״, פרייטיק אינדערפרי, ווינטערצייט, כאָור. און אַזוי האָב איך געפונען אין „אורח חיים״, מיט דעם לשון: ער פלעגט אויפשטיין פרייטיק אינדערפרי און עסן ברייטלינג (פלאָדן) און ער אַליין (דער גאון, דער בעל „תרומת הדשן״, ר׳ י׳ איסערלין) פלעגט פרייטיק עסן אַ ווייס געפילעכץ וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר שבת, און אַ קליין שטיקל פיש וואָס ער האָט איינגעקויפט אויף שבת.

(פון ספר „לקט־יושר״ פון רב יוסף בר׳ משה, בערלין)

דער קריסטלעכער מלומד אדאם רודאָלף געאָרג מאַטיאַ בייזערט זיך אויף די אידן, וואָס טרייבן איבער דעם ווערט פון עסן שבת קוגל (קוגל אָדער, ווי מאַנכע רופן עס „קוכל״). די עלטערן, אַזוי זאָגט ער אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן שבת (נירנבערג, 1751) פרייען זיך מיט דעם וואָס די קינדער עסן אַ סך קוגל און זיי האָבן אויף דעם אַ שפּריכוואָרט: „געלאָבט זיי גאָט, דאָס דו גערנע קוכל איסעסט, דו בלייבסט געוויס איין יודע״.

(זע: יעלינעק, דער אידישער שטאָם)

## ג.

## אַ מעשה מיט אַ קוגל

די קוגל־קוכנס פון פרייטיק אין דער נאַכט פון מנהג־אשכנז — איז אַ פיינער און אַ שיינער מנהג, עס שטעקט אין אים דער כבוד־שבת פאַר גרויס און קליין. און כ׳האָב געהערט, אַז אַמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז דורכן אויבנדערמאָנטן קוכן איז געשען אַ נס מיט אַ אידיש אינגל, און איז ניט געפאַנגען געוואָרן צווישן גוים. איינמאָל איז אַ אידיש קינד געפונען געוואָרן און די גוים האָבן אים אָוועקגעפירט אין אַ פלאַץ וואו ס׳וואוינען אידן. פרייטיק אויף דער נאַכט אין דער אַכסניה וואו דאָס קינד און זיינע כאַפּערס האָבן זיך געפונען, איז זיך דאָס קינד פאַרגאַנגען אין אַ ביטער געוויין נאָכן עסן. ער האָט געוואָלט אַ חלק פון דעם אויבנדערמאָנטן קוכן און די כאַפּערס האָבן אים ניט געקענט איינשטילן ביז מ׳האָט אים אָוועקגעפירט צו אידן — און די אידן האָבן אים אויסגעלעזט. דעריבער דאַרף מען זיין מיט דעם זייער אָפּגעהיט.

(פון „יוסף אומץ״)

## ד.

# דער מלאך־ממונה איבער די שבת־מאכלים

דער מלאך ממונה איבער די שבת׳דיקע מאכלים — איז קודש. און דער מלאך פון וואָכעדיקע עסנס — איז חול. און ווען אַ מענטש האָט תענוג פון שבת דורך עסן און טרינקען — ווערט ער נתעלה דורכן הייליקן מלאך, וואָס איז ממונה איבערן עסן, און דאָ שטעקט דער סוד פון „בקרבך קדוש״.

(הרב אברהם כהנא)

## 2.

# בלומען און בשמים לכבוד שבת

א. מ׳פלעגט זיך נוהג זיין צו באַפּוצן דעם שבת׳דיקן טיש מיט בלומען, מיט רויזן: די דאָזיקע רויז איז צוגעפּאַסט פאַר שבתים און יום־טובים (שיר־השירים רבה) אָדער מיט מירטן: „בינטלעך מיט מירטן צו שמעקן לכבוד־שבת״.

(רש״י שבת במה־מדליקין)

ב. שבת און יום־טוב „באַמיט זיך דער מענטש און פילט אויס די הונדערט ברכות מיט שמעקן בשמים״.

(רש״י מנחות מ״ג)

ג. ר׳ חייא בר אבא דערציילט: איינמאָל בין איך אַ שבת איינגע־שטאַנען ביי אַ באַלעבאָס אין לודקיא, האָט מען געבראַכט פאַר אים אַ טיש און אויף אים זיינען געווען כל המינים עסנס און כל המינים בשמים.

(שבת קי״ט, א׳)

ד. און מען מוז טראָגן ריטלעך פון בשמים, פון זיי צו שמעקן.

(ביצה ל״ג, ב׳)

ה. ביי די ספרדים איז מען זיך ביז היינט נוהג, צו דערלאַנגען יעדן איינציקן מענטשן, ווען ער גייט אַרויס פון שול, שמעקעדיקע בלומען.

ו. דער דאָזיקער מנהג איז אויך אין דייטשלאַנד געווען איינגעפירט אין אַכצנטן יאָרהונדערט, נאָר ס׳זיינען געווען רבנים וואָס האָבן זיך געווערט אַנטקעגן דעם: „און דער נייער מנהג צו מאַכן אַ ריח אין שול מיטן אָנקומען פון שבת — געפעלט מיר ניט, מחמת דעם טעם פון „לפני עור לא תתן מכשול״ אין ביטול־ברכה, ווייל מען איז מחויב צו מאַכן „בורא מיני בשמים״, ווייל דער ריח ווערט געמאַכט פון „נעגעלעך וואָס ברענגט אַרויס אַ רויך.״

(ר׳ יוזפא האן)

ז. ס׳איז אַ מנהג, אַז דער גבאי פון שול לייגט שבת אַוועק אַ פּושקע שמעק־טאַבאַק אויפן שולחן — און ווער עס וויל, קומט און נעמט לכבוד שבת.

ח. דער ריח פון שבת האָט זיך אויך געלאָזט שפּירן פון די בגדים. זיי פלעגן זיך נוהג זיין צו פאַרפומירן די קליידער לכבוד שבת. „ווײַרעך און כל המיני בשמים ווערט אַנגעשאָטן אויף אַ פייער און מ׳ציט אָן דערמיט די קליידער, כדי זיי זאָלן שמעקן.״ (רש״י).

ט. און דער דאָזיקער מנהג האָט זיך איבערהויפּט פאַרשפּרייט אין טבריה (ערב־שבת) און אין ציפורי (מוצאי־שבת) ביז זיי האָבן באַדאַרפט מאַכן דערפון אַ הלכה למעשה. „דער וואָס גייט ערב־שבת אין טבריה און מוצאי־שבת אין ציפורי און ער דערשמעקט אַ ריח פון בשמים — מאַכט אויף דעם קיין ברכה ניט, ווייל דער ריח קומט ניט פון קיין אַנדער זאַך, ווי כדי אָנצוציען דערמיט די קליידער״.

(ברכות נ״ג, א׳)

י. די דאָזיקע חושים, (פון זען און הערן) מיט וועלכע די נשמה־יתירה איז אָנגעזאַפּט ווערן אַלץ שוואַכער און שוואַכער ווען די נשמה־יתירה האַלט אונדז אין פאַרלאָזן שבת־צו־נאַכט און דעריבער שמעקן מיר פאַרן חוש־הריח און מיר מאַכן די ברכה פון „מאורי האש״ פאַרן חוש הראיה.

(ר׳ שלמה הלוי)

יא. שבת־צו־נאַכט גייט די נשמה־יתירה אַוועק און דער מענטש איז אומעטיק — דעריבער איז גוט דאָס שמעקן צו דערפרייען די אומעטיקע נשמה, ווען דער מענטש גייט אַרויס פון מנוחה אין די שווערע טעג פון מי און דאגות. און מען מאַכט ניט קיין ברכה אויף בשמים — נייערט שבת־צו נאַכט אויב אינדערוואָכן און ניט צווישן שבת און יום־טוב, ווייל דאָס אַרייג־קומען פון דער נשמה אין יום־טוב איז אויפן פלאַץ פון בשמים, מחמת די נשמה פרייט זיך און האָט הנאה.

(כל־בו, די דיניט פון תפילה)

**3.**

## טענץ אום שבת

אונדזערע אָבות האָבן אונדז דערציילט, אַז ס׳איז געווען אַן אַלטער מנהג אין מאָלדאַוויע: אַז שבת נאָכמיטיק פלעגן בחורים און מיידלעך זיך צונויפקלייבן אַרום דער גרויסער שול און געגאַנגען טאַנצן. אָבער ווען די זאַך איז געקומען צו אויסגעלאַסנקייט — האָט ר׳ אברהם יהושע העשל פון אַפּטע (ווען ער איז געווען רב אין יאַסי) און ר׳ חיים טשערנאָוויצער (ווען ער איז געווען רב אין באַטושאַק) דעם דאָזיקן מנהג מבטל געווען. און דאָס

פאַלק האָט זיך ביטער באַקלאָגט: „די צוויי רביים האָבן אונדזערע שמחות פאַרשטערט״.

אַזעלכע טענץ זיינען אויך, ווי ס'זעט אויס, געווען איינגעפירט אין אַנדערע ערטער. אין עלזאַס האָבן די פרנסים: ר' אהרן פון מוטשני, לימאַ נעטער פון ראָסהיים און הערץ פון עדעלסהיים אַרויסגעגעבן אַ גזירה אויף דעם דאָזיקן מין טענץ און האָבן געשריען אויף דעם: „ממש יעדן שבת און יום־טוב טענץ, ס'איז דאָ אין דעם ניט נאָר אַ חילול שבת ויום־טוב, זאָנ־דערן אויך פריצות״.

(„אידן אין שטראַסבורג״, פון איזידאָר לעב, 1883)

## 4.

# בענטשן די קינדער

דורכן טאָג פון שבת פלעגט די גאַנצע משפחה זיך פאַרזאַמלען אַרום פאָטער מיט ליבשאַפט און ברכה. נאָר אָט איז נאָך אַ פּראַכטפול בילד מיט שלום און שלוה און גאָטס גענאָד, ווי אין די געצעלטן פון אונדזערע הייליקע אָבות אין די אוראַלטע צייטן. אין שול וואָס איז באַלויכטן מיט אַלע לאָמפּן און ליכט, ווען דער חזן ענדיקט מאַכן קידוש איבערן ווייַן, פלעגט דער שמש געבן אַלע קינדער פאַרזוכן פון כוס של ברכה. נאָכדעם פלעגן זיי צוגעפירט ווערן צום רב און ער פלעגט פאַרשפּרייטן איבער זיי זיינע הענט און זיי בענטשן. און אַזוי איז דער מנהג ביז היינט אין אַ סך קהילות פון דייטשלאַנד און עלזאַס. דאַן פלעגט איטלעך קינד צוגיין צו זיין פאָטער און ער פלעגט אים באַזונדערס בענטשן.

(גידעמאַן, „התורה והחיים״)

ס'איז אַ מנהג ביי אידן צו בענטשן די קינדער אויף דער נאַכט פון שבת, (סיי די טאַטעס און סיי די רבנים) נאָכן דאַווענען, אָדער באַלד ווי מען קומט אַריין אין הויז, ווייל דאַן רוט די שפע, און ס'איז ווערט זי אַרויפ־צוציען אויף די קינדער, ווייל זיי זיינען ניט אַליין בכוח צו באַקומען די דאָזיקע שפע מיט זייערע אייגענע מעשים, אָבער דורך אַ דערוואַקסענעם פאַרמיטלער גייט די שפע אַרונטער און פאַרשפּרייט זיך איבער די קליינע, וואָס ווייסן ניט פון קיין חטא. אָבער אַפילו די גרויסע קינדער זיינען מקבל אַ ברכה פון זייערע עלטערן און ס'איז רעכט אַזוי. מ'לייגט אַוועק ביידע הענט אויפן קאָפּ, ווי מיר געפינען ביי אַלע וואָס האָבן געבענטשט, ווי משה רבינו האָט זיך נוהג געווען מיט אַ גוט אויג, אַזוי דאַרף דער וואָס בענטש תמיד טאָן, ווייל דער וואָס האָט אַ גוט אויג דאַרף געבן זיין ברכה — און דאָס אייגענע די כוהנים אין שול מיט ביידע הענט, און ניט ווי יענע חסרי־דעה,

וואָס מיינען, אַז מ׳דאַרף מקפיד זיין צו בענטשן מיט איין האַנט. און די בענטשער זאָגן: „גאָט זאָל דיך מאַכן ווי אפרים און ווי מנשה!״ און יעדער איינער קען מוסיף זיין פון דאָס זייניקע, ווי ער פילט און קען זיך אויסדריקן.

(סדור ר׳ יעקב עמדין)

אַנדערע זיינען זיך נוהג צו בענטשן אַ חתונה־געהאַטן מיט ביידע הענט און אַ ניט־חתונה־געהאַטן מיט איין האַנט.

(„פחד־יצחק״)

**.5**

## קורדיסטאַנער אידן

די קורדיסטאַנער אידן פייערן איינמאָל אין יאָר אַ ספּעציעלע חגיגה אין שבת ויקרא, וואָס ווערט אָנגערופן אויף זייער לשון „שבתית דילונכי״, ס׳הייסט, דער שבת פון קינדער. די הכנות פאַרן דאָזיקן שבת הייבן זיך אָן מיט אַ וואָך פריער. דער מלמד חזר׳ט איין מיט די קליינע קינדער די ברכות צו דער תורה, און די אַביסל גרעסערע קינדער גרייטן זיך צו צו לייענען אין דער תורה אייניקע פסוקים. די מיטעלע קינדער לערנען זיך אויס צו לייענען די דריי פסוקים: ד׳ ה׳ ו׳ פון ויקרא ב׳, ווייל די נגינה דאָרטן איז לייכט. די הכנות אין די הייזער זיינען אויך געווען זייער גרויס. מ׳קויפט פאַר די קינדער נייע בגדים, לויט ווי איינער קען זיך לאָזן קאָסטן און מען פוצט זיי אויס. די קינדער קוקן אויס די אויגן אויפן דאָזיקן שבת און אויף דער נאַכט פון שבת איז ביי זיי אַ גרויסע שמחה. אינדערפרי קומען זיי זיך אַלע צונויף אין שול. אין זאַכו, וואו ס׳זיינען פאַראַן צוויי גרויסע שולן — דאַווענען די קינדער פאַר זיך אין דער צווייטער שול. יעדער מלמד מיט זיינע תלמידים זיצט אויף אַ באַזונדערן פלאַץ. אויב ס׳איז פאַראַן אַ אינגל, וואָס איז פעאיק צו דאַווענען פאַרן עמוד — דאַוונט ער אין יענעם שבת, אויב ניט — דאַוונט איינער פון די מלמדים. נאָכן דאַווענען לויפן די קינדער צו זיך אַהיים, מ׳עסט אַ לייכטע סעודה, נאָכדעם גיט מען זיי מיט אַ טעלער מיט עסן און טרינקען: אַ געבראָטענע הון, פיש, אייער און פרוכטן. אויך גיט מען יעדן קינד מיט אַ פלעשל בראַנפן. דאָס אַלץ נעמט דאָס קינד מיט ביים מלמד אין הויז. מ׳מאַכט אַ קינדער יום־טוב, מ׳זינגט לידער, פאַרפאַסט צום דאָזיקן טאָג. צוויי אַזעלכע שירים אויף דער פרשה ויקרא געפינען זיך אין דער זאַמלונג פון „שירי־זמרה״ פון ברוך שמואל מזרחי, וואָס אַ מלמד פון שטאָט זאַכו, החכם החסיד ר׳ משה יצחק ז״ל, האָט זיי מחבר געווען.

(ד״ר יוסף ריבלין)

## 6.

# אורחים אויף שבת

יעדער איינציקער ירא־שמים זאָל פּרייטיק־צו־נאַכט זיך ניט זעצן עסן ביז ער וועט געבן אָדער שיקן אַ חלק פון זיינע בעסטע מאכלים צו אַ אידן אַן אָרעמאַן. און איך האָב געשריבן אין צווייטן חלק פון מיין ספר, אַז ס'וועגדט זיך ווער דער אָרעמאַן איז: פאַראַן אַן אָרעמאַן, וואָס שעמט זיך צוצונעמען אַ געקאָכט חלק, אָבער, שעמט זיך ניט צו נעמען געלט, און אויף אַזוינעם, ווערט געזאָגט: „אשרי משכיל אל דל". און דער וואָס האָט אַ ישיבה־בחור, אָדער אַן אָרעמען יתום ביי זיין טיש — איז חשובער פון אַלעמען.

(„יוסף אומץ")

הכנסת־אורחים — איז וויכטיק ווי הכנסת־שבת.

(„ספר המדות" פון ר' נחמן בראַצלאַווער)

„מהר"י איסערלין פלעגט צונויפנעמען אַלע זיינע ישיבה־בחורים יעדן שבת ביי זיין טיש".

(„לקט־יושר")

די גבאים פלעגן שיקן צעטעלעך צו די באַלעבאַטים, איינצובעטן אָרעמע אורחים צום עסן. די דאָזיקע צעטלעך ווערן אָנגערופן „פּלעטן".

אין גראָדנער גרויסער שול איז געהאַנגען אויף אַ זייל פון דער בימה אַ הילצערנער שוואַרצער טאָוול גע'כתיבה'ט מיט ווייס פאַרב: „דער וויל ניט נעמען קיין פּלעט אויף שבת". אַזוי האָט מען מפרסם געווען לגנאי יעדן קאַרגן מענטשן, וואָס האָט ניט געוואָלט צונעמען דעם פּלעט פאַר אַן אָרעמען אורח לכבוד שבת.

(גידעמאַן, התורה והחיים, חלק ג')

אויב גאָט־ברוך־הוא האָט איינעם מזכה געווען צו האָבן אַ סך געריכטן און גוטע זאַכן צום עסן — זאָל ער זען איינצובעטן אָנשטענדיקע אָרעמעלייט ביי זיין טיש: הגם ס'איז אַ גרויסע מצוה, אַז אַ מענטש זאָל זיך אַליין און זיין נשמה־יתירה אָנטאָן תענוג און עס קומט אים קיין עונש ניט, אויב ער גיט ניט דערפון צו עניים ואביונים, איז פונדעסטוועגן ניטאָ קיין גרעסערע שמחה און הנאה ווי צו האָבן אַרום טיש מיטעסער. וואָרום איז יענעם, וואָס איז זוכה צו געבן אָרעמע מענטשן עסן, זיי דערקוויקן און אויפמונטערן צע־בראָכענע הערצער און זיי דערפרייען מיט גוטע עסנס און מיט פיינע גוטע טרייסטווערטער.

ווער בעט ביי אייך אָפּגעבן דעם שבת כבוד מיט אַ בויך וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט תענוגי־חול, און איר פאַרשוועכט מיין הייליקן נאָמען, ניט

אַכטונג צו געבן אויף אומגליקלעכע אָרעמעלייט, און קיינער פון אייך העלפט זיי ניט און שטיצט זיי ניט און איר טוט נאָך ערגער דורך גאַטס שבתים, ווען די גאַנצע וועלט איז זאַט און פעט און די קינדער פון די באַליבטע אָבות זיינען אין צער, אאַז״וו. ווען זיי וואָלטן חס־ושלום זען אַ ספר־תורה אויף דער ערד, וואָלטן זיי געשריען אַ גרויס ביטער געשריי, זיי וואָלטן גערופן צו טרויער און קלאָג פאַר אַלע אידן. טאַ פאַרוואָס זאָלן זיי ניט אויפציטערן אויף יענע אידן, וואָס זיינען נעבעך זאַט מיט שאַנד, און זיינען נאַקעט און באָרוועס, און דורכדעם ווערט זייער חכמה בזויה׳דיק און זייערע רייד ווערן ניט אויסגעהערט? דעריבער איז מען זיך נוהג אין אַ סך פלעצער צו מאָנען אַ חלק פון יעדן הויז פון די געקעכטסן וואָס ווערן דאָרט צוגעגרייט. און דער וואָס גיט ניט קיין געקעכטס — גיט ברויט צו פאַרטיילן צו די אָרעמעלייט, און אויב ער גיט קיין ברויט ניט — גיט ער געלט... נאָר פון גרעסערער מעלה זיינען יענע וואָס פאַרבעטן אָרעמעלייט צו זייער טיש פאַר אַלע דריי סעודות, בפרט, צו שטיצן די לערנער פון תורה שבת אין שבת.

און ער זאָל געבן פון זיין שבת׳דיקן עסן צו אָרעמעלייט, מער צי וויי־ניקער, ווייל דאָס איז דער עיקר תענוג און שמחה צו דערפרייען אָרעמע אומגליקלעכע מענטשן — און זיין אכילה זאָל ניט זיין בלויז זיך אַליין אָנצו־פּאַקן דעם בויך. דער צדיק עסט צו זאַט און ער גיט אויך אַ חלק צו די פאַרביטערטע און געפּלאָגטע מענטשן, כדי אַלע זאָלן זיך פרייען אין דאָזיקן הייליקן טאָג.

(עניני שבת, סדר היום)

דער וואָס גיט הונגעריקע עסן ביי זיין טיש (שבת) איז דאָס אַ דוגמא פון די קרבנות פון מזבח, און מ׳דאַרף אים געבן מיט שמחה און נחת־רוח. און בפרט ווען ער באַטראַכט זיך, ווי דער אָרעמאַן האָט צער און דחקות די גאַנצע וואָך. על־כל־פנים, זאָל ער שבת אים דערקוויקן מיט גוטע עסנס און מיט אַ פריינטלעך פנים, און פון בעסטן און שענסטן זאָל ער אים געבן, צו באַווייזן, אַז ער טוט די מצוה פון גרויס ליבשאַפט און מיטן גאַנצן האַרצן. און דורך דעם, וועט זיין טיש אויף אים מכפר זיין, ווי די חכמים ז״ל האָבן געזאָגט. אָבער אויב ער גיט אים עסן, מחמת דעם, וואָס ער האָט קיין אַנדער ברירה ניט און ער באַוויזט ניט קיין פריינטלעך פנים, גייט ער, חס ושלום, אַריין אין גדר פון אַ צר־עין, און ער גיט אים פון די ביליקסטע עסנס און ער וואַרט נאָר, ווען וועט שוין דער אורח אַוועק פון טיש, ווייל ס׳גייט אים ניט איין דאָס עסן, ווען דער אורח זיצט אַנטקעגן אים און ער באַטראַכט די דאָזיקע מצוה פאַר אַ שווערע משא... דאָס איז אַ דוגמא פון קין, וואָס האָט געבראַכט אַ קרבן פון ערגסטן און דעריבער שטייט: „און צו קין און זיין מתנה האָט ער זיך ניט געווענדט״.

## 7.

# די כלה שבת

„איך שטיי צווישן גאָט און צווישן אייך (דברים ה׳ ה׳) ווי אַ מענטש וואָס נעמט אַ כוס פון קדושין בין איך געווען ביי אים אין האַנט. און דער שבת מאַכט זיי היליק, ווייל ס׳שטייט געשריבן: „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און אים געהייליקט״. (בראשית ב׳ ג׳) דאָס קומט אונדז צו לערנען, אַז דער שבת האָט מקדש געווען דעם השם יתברך. ווי מיר זאָגן: „מזמור שיר ליום השבת״ — און די שכינה איז ווי אַ געקרוינטער חתן און די כנסת־ישראל ווי אַ כלה, און די תורה ווי די כתובה, און די שרפים און מלאכים שטייען ווי דאָס פאָלק ביים טויער אין דער צייט פון חופה, און די זקנים — זיינען ווי עדות.

(מדרש־השכם)

ר׳ ינאי פלעגט זיך איינוויקלען, זיך אויפשטעלן און זאָגן: קום כלה, קום כלה!

(בבא קמא, ל״ב, ב׳)

קום, כלה, צו דער חופה, קום, כלה, צו דיין מאַן אין הויז, ווייל שבת גופא איז די פרוי פון ישראל, אָבער ערב־שבת — איז דאָס ווי מען פירט די כלה אונטער דער חופה, און אַזוי ווי דורך קדושין, דורכדעם וואָס זי גייט אַרונטער אונטער דער חופה — ווערט די כלה זיין פרוי, אַזוי איז מיט דער מלכה שבת, ווען זי הערט דעם קידוש פון טאָג — ווערט זי גענומען פון ישראל.

(מהרש״א)

„שבת־כלה״ — דאָס איז דער שבת פאַר שבועות, און ווערט אָנגערופן אַזוי, ווייל די תורה איז אין דער בחינה פון אַ כלה. און ס׳איז אַ מנהג אין די שטעט פון מערב אין די טעג פון שבועות ביים אויסנעמען די ספר־תורה צו לייענען אַ נוסח פון אַ חתונה־כתובה, ווי די תורה וואָלט חתונה געהאַט מיטן פאָלק ישראל.

(„כתר שם טוב״ להרב ר׳ שם־טוב גאַגין)

## 8.

# מנהגים מיט חתנים שבת אין שול

דער מנהג פון די ספרדים אין אַלזשיר מיט חתנים איז אַזוי: שבת אינדערפרי קומט דער חתן אין שול אַריין באַגלייט פון אונטערפירער און דער שמש וואַרפט אים אויפן הוט אַש (אַ זכר לחורבן) ווען ער איז עולה־

לתורה — װאָרפֿן דער חתן און זײַנע אונטערפֿירער צוקערלעך און די קינדער קלײַבן זײ אױף. נאָך דער עליה, זאָגט דער פּײטן, אָדער דער חזן די פּסוקים פֿון „אברהם זקן".

(„כתר שם־טוב")

שבת פֿאַר דער חתונה — פֿלעגט דער חתן עולה־לתורה זײַן און די װײַבער פֿלעגן װאָרפֿן אױף זײַן קאָפּ (פֿון װײַבערשער שול) ראָזשינקעס מיט מאַנדלען. אַזױ איז דער מנהג אין מזרח־אײראָפּע. דער חזן זינגט לכבוד דעם חתן, װען ער איז עולה־לתורה, אַ ספּעציעלן זמר. און די ספֿרדים האָבן אױף דעם אַן אָנגענומענעם װערטל: װער ס'װיל זיך אױסקלײַבן אַ װײַב — זאָל ער זי אױסקלײַבן אין טאָג פֿון שבת.

(זע: יעלינעק, „דער אידישע שטאָם")

## 9.

# שבת־צו־נאַכט

„מיר געפֿינען אין די סידורים: פֿאַראַן אײן אבר אין אַ מענטשן מיטן נאָמען „נסכוי", װאָס האָט קײן הנאה ניט פֿון עסן, װי בלױז אין שבת־צו־נאַכט". און מיר זעט אױס, אַז דאָס איז דאָס באַקאַנטע בײנדל, װאָס װערט אָנגערופֿן „לוז", װאָס איז דער עיקר און דער שורש, און װאָס פֿון אים װערט דער מענטש. און װען דער מענטש שטאַרבט, װערט דאָס דאָזיקע בײנדל ניט צעריבן און ניט צעפֿוילט... און בשעת תחית־המתים, װעט דאָס דאָזיקע בײנדל זיך אָנציען מיטן טױ פֿון אױפֿלעבונג און פֿון אים װעלן זיך אָנציען אַלע אברים און אַלע אָדערן און װעלן מגולגל װערן קײן ארץ־ישראל, און דאָרט װעלן זײ באַקומען זײער גײַסט אין רײנעם לאַנד. און כּדי צו פֿאַרפֿלאַנצן אין האַרץ פֿון פֿאָלק די אמונה פֿון שכר ועונש און די אמונה אין תחית־המתים עסט מען שבת־צו־נאַכט װײניק, כּדי צו לערנען, אַז אַזױ װי דאָס דאָזיקע בײנדל האָט פֿון עסן קײן הנאה ניט ביזן סוף װאָך, אַזױ אױך װעט דאָס דאָזיקע בײנדל האָבן הנאה און תענוג פֿון די תענוגים פֿון עולם־הבא, נאָכדעם, װי ס'ענדיקן זיך דעם מענטשס יאָרן, װאָס זײַנען זיבעציק יאָר... און דעריבער, דער װאָס היט אָפּ די דאָזיקע סעודה, און ער זעטיקט אָן דאָס דאָזיקע בײנדל װעט זוכה זײַן, אַז זײַן נשמה זאָל זיך זעטיקן מיט גרױס תענוגים װאָס זײַנען באַהאַלטן פֿאַר די צדיקים, װאָס אױף זײ האָט דער משורר תפֿילה געטאָן: „װעסט מיך מאַכן װיסן דעם װעג פֿון לעבן, אַ זעטיקײט פֿון פֿרײדן איז פֿאַר דײַן פּנים, תענוגים אין דײַן רעכטער האַנט אײביק".

(„מטה משה")

דעריבער זאָגט מען „גאָט פון אברהם" אין אַ לשון־חול, ווייל שבת, צוליב דער קדושה פון טאָג, איז ניט פּאַסיק צו ריידן דברי־חול און שבת־צו־נאַכט איז מותר. און ווי קומט מען אַרויס פון איין זאַך צו זיין היפוך? מ'זאָגט די דאָזיקע תּפילה, וואָס איר חיצוניות איז וואָכעדיק און איר תּוך איז הייליק.

(ר' לוי יצחק בערדיטשעווער)

די ווייבער זיינען זיך נוהג מוצאי־שבת, באַלד נאָכדעם, ווי זיי האָבן געהערט „ברכו" צו שעפּן וואַסער, ווייל מיר געפינען אין דער אַגדה: מרים'ס ברונים איז אין ים פון טבריה און יעדן שבת־צו־נאַכט קומט זי אין אַלע קוואַלן און אין אַלע ברונימער, און ווער ס'איז אַ חולה און ס'מאַכט זיך אים צו טרינקען וואַסער, אַפילו אויב ער איז אינגאַנצן אויסגעשלאָגן מיט קרעץ — ווערט ער באַלד אויסגעהיילט. ס'איז געווען אַ מעשה מיט איינעם אַ מענטשן, אַ מוכה־שחין, וואָס זיין ווייב איז שבת־צו־נאַכט געגאַנגען שעפּן וואַסער און זיך פאַרזאַמלט אַביסל לענגער און זי האָט אָנגעטראָפן מרים'ס ברונים און האָט אָנגעפילט איר קרוג מיטן דאָזיקן וואַסער. ווען זי איז צוריקגעקומען צו איר מאַן איז ער געווען אויף איר זייער אין כעס און מחמת זיין גרויסן כעס איז איר קרוג אַראָפּגעפאַלן פון איר פּלייצע און זיך צעבראָכן און אַ פּאָר טראָפּנס וואַסער האָבן זיך צעשפּריצט אויף זיין לייב, און וואו נאָר דאָס וואַסער איז געפאַלן אויף אים האָט זיך דאָס קרעץ אויסגעהיילט. דעריבער האָט מען זיך נוהג געווען יעדן שבת־צו־נאַכט צו שעפּן וואַסער.

(„כל־בו", מוצאי שבת)

**.10**

## אַ צימער פון אַ רייכן אידן אין אַ שבת פון פופצנטן יאָרהונדערט

אַ פּראַכטיק בילד פון וואוינונג פון פּרנס שמואל בילאָסאָן פון רעגנס־בורג אין פופצנטן יאָרהונדערט, מאָלט פאַר אונדז דער היסטאָריקער אַנדילאַמוס דער סאַרינגער (ווערט געבראַכט אין ווערטהיימער'ס יאָרבוך, 1856): פונדרויסן זעט דאָס הויז אויס ווי אַ קופּע שוואַרצע שמוציקע שטיינער, פאַרוואַקסן מיט מאָך, פון וועלכער ס'זעען זיך גרויסע און קליינע פענצטער, פאַרמאַכט מיט אייזערנע לאָדנס. דאָס הויז האָט אַ לאַנגן קאָרידאָר, העכער אַכטציק פון די לענג, וואָס בלויז שבת ווערט זיין פינצטערניש באַלויכטן און פירט צו די פינצטערע טרעפּן, וואָס האַלטן זיך אין שאָקלען. פון דאָרטן טאַפּן מיר אינדערפינצטער ביז מיר קומען צו צו אַ טיר. אָבער ווען מיר עפענען די טיר — געפינען מיר זיך אין אַ פּראַכטיקן צימער אַ באַצירטן מיט בלומען. די ווענט זיינען קינסטלעריש געשניצט מיט בליטן און בלומען,

מיט טייערע טאַפּעטן. דער דאָזיקער צימער איז געווען דער חדר צו דאַווענען, דאָרט האָט מען געפּראַוועט שבת מיט תּפילה און תּענוגים. טעפּיכער האָבן צוגעדעקט דעם ריינעם דיל און אַ ווייסער טישטוך האָט צוגעדעקט דעם פיינעם טיש. פון באַלקן איז אַראָפּגעהאַנגען אַ פינקלדיקע אַכטעריקע מנורה אויף קופּערנע קייטן — און באַלויכטן דעם חדר. אויפן טיש זיינען געשטאַנען זילבערנע בעכערס, די אַרבעט פון אַ קינסטלער — און אַרום טיש, שטולן מיט הויכע אָנלענס באַדעקט מיט סאַמעט. אין אַ ווינקל פון חדר איז געשטאַנען אַ זילבערנע האַנטפאַס אויף צו וואַשן די הענט און טייערע לייוונטענע האַנטעכער, אַ דעמבענער טיש באַקראַנצט מיט בלומען, טייערע עסנס און קרוגן וויין, אַ טייערע קושעט פון אָריענטאַלישן סטיל מיט זיידענע קישנס, אַ הויכער אַלמער פול מיט גילדערנע צירונג און איידלשטיינער, זילבערנע כלים, אַנטיקן פון גרויסן ווערט, האָבן אָנגעפילט דעם גאַנצן חדר, וואָס איז געווען הערלעך. אמת, ניט אַלע הייזער זיינען געווען אַזוי פּראַכטיק; אָבער אַפילו דער אָרעמסטער איד האָט זיך געמיט אָפּצוגעבן דעם שבת כבוד מיט וואָס פאַר פּראַכט און שיינקייט ער האָט פאַרמאָגט.

(בערלינער, „דאָס לעבן פון די אידן אין מיטלאַלטער")

# וויצן און גלייכווערטלעך

## אַ מיטל פאַר דער מחלה פון יאוש

נעם די וואָרצלען פון שבת, די עיקרים פון ליב און דאַנק און די עיקרים פון שמחה און בטחון, נעם אַרויס פון זיי די קערנדלעך פון טרויער און דאגה, און נעם די בליעכצן פון וויסן און פאַרשטאַנד, און די וואָרצלען פון וואַרטן און זיך באַנוגענען, און שטויס דאָס אַלץ אין שטייסל פון שפלות, און קאָך דאָס אַלץ דורך אין דער כלי פון ענוות, און קנעט דאָס אויס מיט דער זיסקייט פון וואָרט, און באַנעץ דאָס מיט די וואַסערן פון חן און חסד — און גיב דעם חולה וואָס איז קראַנק פון יאוש צוויי לעפעלעך יעדן פרימאָרגן און יעדן אָוונט. מיט דריי לעפעלעך פון די וואַסערן פון אויפקלערונג, און דו זאָלסט אָלצדינג רייניקן פון דעם פסולת פון כעס און אויפרעגונג, און דו זאָלסט פאַרזיסן דאָס אַלץ מיטן תמצית פון געדולדיקייט צו זיין רצון, געבענטשט זאָל ער ווערן, דער האַר פון ליב און דאַנק, און גיב אים דערפון טרינקען אין אַ כלי פון ליוב צו גאָט — און דער חולה וועט זיך באַרואיקן און איינשטילן.

(פון רמב"ם'ס הקדמה צום „ספר הנמצא")

אין באַמביי, נאָכן שבת׳דיקן דאַווענען אין שול האָט זיך אויפגעשטעלט איינער אַ זקן און האָט אויסגערופן: היינט איז אַ „תענית־ציבור“, ס׳מיינט, מ׳טאָר. ניט ריידן פון וואָכעדיקע זאַכן, בלויז פון דברי־תורה.

(ש. אסף)

מ׳האָט געפרעגט אַ אידן, אַן אכל׳ער: פאַרוואָס האָט מען איינגעפירט צו זאָגן צו די מלאכי־השבת: „צאתכם לשלום“ פאַרן עסן? האָט דער אכל׳ער געענטפערט: דאָס איז דערפאַר, ווייל בשעת׳ן עסן איז אַפילו אַ מלאך איבעריק.

(א. דרויאַנאָוו, „ספר־הבדיחה“)

יעדע איינציקע חברה פון אַלע אידישע שטעט און שטעטלעך האָט זיך אירן אַ ספּעציעלן שבת, וואָס איז דער יום־טוב פון דער חברה. אין אַזאַ שבת געהערן אַלע כיבודים און עליות פון שול צו די מיטגלידער פון דער חברה און קיין זייטיקער האָט אין דעם קיין חלק ניט. די פּרשה „לך לך“ געהערט צו דער שניידערשער חברה. איך האָב געוואוסט פון דעם, אָבער קיינמאָל ניט געוואוסט דעם טעם דערפאַר, וואָס עפּעס פּרשה „לך לך“? איך האָב מיך נאָכגעפרעגט ביי קלוגע מענטשן — און זיי האָבן אויך ניט געוואוסט. ביז גאָט־ברוך־הוא האָט מיך צונויפגעפירט מיט ר׳ ראובן מגיד פון שניידערשער שול און איך האָב אים אַ פרעג געטאָן: ילמדנו רבנו: „וואָס האָט דער ענין פון שמיטה צו טאָן מיטן הר־סיני און די פּרשה „לך־לך“ מיט דער שניידערשער חברה? האָט ער מיר געענטפערט: מיין זון, ס׳איז אַ בפירושער פּסוק אין דער תורה: „קוק אַרויף צום הימל און ניי די שטערן.“ (אַ וואָרט־שפּיל: „ספור“ — צייל, און „תפור“ — נייט.

(יהודה לייב גאָרדאָן)

„פאַרוואָס זאָגט מען שבת צוויי מאָל „תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם“? ווייל שבת איז אַ מענטש פריי פון אַרבעט און ער פאַרנעמט זיך מיט קהל׳שע געשעפטן און ער קען דורכדעם קומען צו אַ מחלוקה. דעריבער האָט מען צוויי מאָל אָנגעזאָגט ס׳זאָל זיין שלום.

(פון אונדזער אַלטן אוצר, יאושזאָן)

ר׳ יוסף בער, דער בריסקער רב, איז איינמאָל געווען אין וועג און געהאַלטן שבת אין אַן אַכסניה. פאַר „שלש־סעודות“ איז ניט געווען קיין „לחם־משנה“. דער רב האָט געהאַט דערפון גרויס צער. איינער פון די אורחים האָט דאָס באַמערקט — רופט ער זיך אָפּ: וואָס נעמט זיך דער רבי דערפון עגמת־נפש? אַ מענטש קען דאָך יוצא זיין די דריטע סעודה מיט תורה? האָט אים דער רב געענטפערט: „לחם־משנה ליגט פאַר דיר אויפן טיש און מ׳קען דערמיט מקיים זיין די מצוה. אָבער, אויב איך וועל

זאָגן תורה — קען קומען איינער אַ למדן און דאָס אָפּפרעגן, וועט ביי מיר ניט בלייבן ניט קיין „תורה“ און ניט קיין „שלש־סעודות“.

(פון אויבנדערמאָנטן בוך)

## פון איגנאַץ בערנשטיינס „אידישע שפּריכווערטער“

א. אַז דער שבת־קודש גייט אַהין, קומט די ליבע וואָך אַהער.

ב. אַז מען האָט ניט אויף שבת, האָט מען ניט אויף זונטיק.

ג. אַז מען עסט שבת טשאָלנט, איז מען ביז מיטוואָך זאַט.

ד. אַז מען פּאַרט אום שבת, זיצט מען אינדערוואָכן אין דער היים.

ה. אַז מען קלערט אום שבת צופיל, אַרבעט מען וויניקער אינ־דערוואָכן.

ו. וואָס מען האַנדלט אום שבת, גייט אינדערוואָכן צוריק.

ז. מאַך שבת דערפון!

ח. שבת אָן אַ קוגל, איז ווי אַ פויגל אָן פליגל!

ט. שבת איבער דער גאַנצער וועלט!

י. שבת גערעדט — פיר וואָכן פריי!

יא. שבת האָט אַפילו דער רשע אין גיהנום אויך רו.

יב. „שבת“ לערנט ער — „מכות“ קען ער.

יג. שבת־שטעך האַלטן ניט.

יד. שבת־שירה, איז דאָס אייז גלייך ווי אַ ווירע.

טו. שבת־שירה ווארפט מען די פייגעלעך קאַשע.

# אַכטער קאַפּיטל

# שמירת־שבת ביי די אומות העולם

## גוים שומרי־שבת

אין אַמאָליקע צייטן זיינען אידן געווען דאָס ערשטע פאָלק איינצו־טיילן די צייט אין אַ זיבן־טעגיקע וואָך. דער לעצטער טאָג פון די זיבן איז געווען אַ טאָג פון רו, רו פון יעדער אַרבעט. אַלע אַנדערע פון די אַמאָליקע פעלקער האָבן ניט געוואוסט פון אַן אַלגעמיינעם טאָג פון רו, וואָס קומט רעגלמעסיק אין אַ באַשטימטער צייט, און ווען זיי זיינען דאָס ערשטע מאָל געקומען אין קאָנטאַקט מיט אידן, האָבן זיי באַטראַכט דאָס אָפּהיטן פון שבת, ווי אַ באַזונדערע אייגנאַרטיקע כאַראַקטעריסטיק פון אידישן פאָלק. דער רעליגיעזער צד, ווי אויך דער געזעלשאַפטלעך־מאָראַלישער צד פון דעם אידישן וועכנטלעכן טאָג פון רו האָט אויף די אַמאָליקע פעלקער געמאַכט אַ טיפן רושם. צו די דרשות, וואָס מ׳פלעגט שבת דרשנ׳ען אין די שולן פון די גריכישע לענדער — פלעגן קומען גאָר אַ סך ניט־אידן, און דעריבער פלעגט דער דרשן אָנהייבן זיינע רייד מיט דעם דאָזיקן איינגעשטעלטן נוסח: „מענטשן־אידן און גאָטספאָרכטיקע גריכן!" אומגעפער מיט הונדערט יאָר פריער פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, איז שוין געווען פאַרשפּרייט אין זייער אַ גרויסער מאָס, די ציילונג פון דער אידישער וואָך, צווישן די דעמאָלטדיקע פעלקער, און אינאיינעם מיט דער ציילונג פון וואָך, האָבן זיי על־פּי־רוב איבערגענומען פון די אידן דאָס פאַרערן פון זיבעטן טאָג און זיין פאַרהייליקונג. לויט די רייד פון אַלעקסאַנדרינישן פילאָ איז דער טאָג שבת „אַ יום־טוב ניט בלויז פאַר איין שטאָט, אָדער, איין פּראָווינץ — נייערט, פאַר דער גאַנצער וועלט". אויך יאָזעפוס דערציילט: „ניטאָ קיין איינציקע גרי־כישע אָדער באַרבאַרישע שטאָט און ניטאָ קיין איינציק פאָלק, וואו דער מנהג פון זיבעטן טאָג איז ניט אַריינגעדרונגען, דעם טאָג אין וועלכן מיר רוען". („אַנטקעגן אַפּיאָן") דאָס אייגענע געפינען מיר אין די שריפטן פון די רוימישע שרייבער, אַז דאָס אָפּהיטן פון שבת האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער וועלט אין אַ גרויסער מאָס. דער פּאָעט האָראַציוס (8—65 לויט דער קריסטלעכער צייטרעכענונג) דערציילט מיט ליצנות וועגן זיין גוטן פריינט פוסקוס אַריסטיוס, וואָס האָט אים געזאָגט, אַז ער פייערט דעם טאָג שבת, „ווי איינער פון פיל".

דער פילאָזאָף און שטאַטסמאַן סענעקאַ (געשטאָרבן אין יאָר 65, לויט דער קריסטלעכער צייטרעכענונג) באַשימפּט דעם טאָג שבת מער פון אַלע

אַנדערע מצוות פון דער אידישער אמונה, ווייל דורך דעם פֿאַרלירט אַ מענטש אומזיסט און אומנישט אַ זיבנט־חלק פון זיין לעבן. און ער דריקט אויס זיין צער, „וואָס די מנהגים פון דער דאָזיקער פֿאַרפֿלוכטער אומה... האָבן זיך פֿאַרשפּרייט איבער אַלע לענדער", און דורכדעם זעט אויס, ווי די באַזיגטע וואָלטן געמאַכט געזעצן פֿאַר די זיגער. (דאָס ווערט געבראַכט אין אַווגוסטינוסעס בוך: (De Civitate Dei. אין זיינע בריוו ערגערט ער זיך אויף די רוימער, „די האַלבע אידן", וואָס צינדן שבת־ליכט. דער סאַטיריקער פּערסיוס (34—63, קריסטלעכע צייטרעכענונג) לאַכט אָפּ מיט אַ שטעכיק געלעכטער וועגן די מנהגים פון שבת, ווי למשל, אָנצינדן רויכערדיקע אויל־לעמפּלעך, פון עסן פיש און טרינקען וויין. (סאַטירעס, 5, 179—184) אויך דער סאַטירישער פּאָעט יואוועננאַל (אין אָנהייב פון צווייטן יאָרהונדערט) גרייפט אָן די פּאַראַדישטע רוימער, וואָס „פֿאַרהייליקן שבת" (סאַטירעס 14, 96—106). אַפילו אין די שריפטן פון דעם רוימישן היסטאָרקער טאַציטוס (אין אָנהייב פון צווייטן יאָרהונדערט) געפינען זיך האַרבע זידלווערטער אַנטקעגן שמירת־שבת. אויף דער פֿאַרשפּרייטונג פון שבת אין דער רוימישער וועלט אין דער תקופה פון די ערשטע צעזאַרס — זאָגט עדות דער דאָזיקער וואונדערלעכער צופֿאַל וואָס האָט פּאַסירט מיט צעזאַר טיבעריוס אין ראָדאָס. ער האָט געוואָלט באַזוכן איינעם אַ גראַמאַטיקער מיטן נאָמען דיאָגענעס, נאָר יענער האָט אים ניט געוואָלט אויפנעמען, ווייל ער פלעגט זיך נוהג זיין צו האַלטן עפנטלעכע פֿאָרטראָגן אין טאָג שבת; ווי ס'זעט אויס, האָט ער זיך אַזוי געפירט לויטן שטייגער פון די אידישע חכמים אין די גריכישע לענדער, וואָס פלעגן דרשנ'ען בציבור איבער תורה און נביאים שבת אין די שולן. (סוועטיניוס) אין פּראָווינץ פון אַליאַסא אין מערב־קילקיא איז געווען אַ חברה פון שומרי־שבת. דער אַפּאָסטאָל פּאָולוס פלעגט שבת דעבאַטירן מיט די גריכישע פילאָזאָפן אין דער אידישער שול פון אַטענס. אַ קורצע צייט שפּעטער פלעגן גאָר אַ סך רוימער קומען אין שול אַריין הערן די דרשות. דער דאָזיקער מנהג האָט זיך אַזוי ווייט פֿאַרשפּרייט, אַז די איראָנישע פראַגע: „וואוהין פירן דיינע פיס, און אין וואָס פֿאַראַ שול וועל איך דיך טרעפן?" (יואוועננאַל, סאַטירעס) איז געוואָרן אַ פֿאָלקסווערטל.

אויך אין די שריפטן פון די ערשטע פּאַטערס פון קירך געפינען מיר איבערצייגנדיקע באַווייזן, אַז דער שבת איז זייער שטאַרק באַליבט געווען צווישן די גוים. אַזוי, למשל, שרייבט טעאָפילוס פון אַנטיאָך (אין צווייטן יאָרהונדערט): „אויך איבערן זיבעטן טאָג, וואָס אַ סך וויסן זיין נאָמען, אָבער גאָר ווייניקע פֿאַרשטייען זיין ווערט, האָבן די פילאָזאָפן גערעדט. דער גאַנצער מענטשלעכער מין רופט אין נאָמען פון דאָזיקן טאָג, נאָר ער ווייסט ניט, פֿאַרוואָס מ'רופט אים אַזוי." אויך אין דריטן יאָרהונדערט האָבן די גוים

על־פי־רוב אָפּגעהיט שבת, ווי ס׳דערציילט דער רוימישער קירך־היסטאָרי־קער טערטוליאַן.

(פון מאָריס צאבעל׳ס „ספר־השבת״, אין דייטש)

## רייד פון רוימישע שרייבער

דורכן אָפּהיטן פון שבת, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אויך צווישן די רוימער זיינען די זיגער (די רוימער) אַרונטערגעקומען אונטערן יאָך פון געזעץ פון די באַזיגטע (די אידן).

(סענעקאַ)

ווי די פירער פון די אַלטע רוימער זיינען נידעריק געזונקען!

דער פאָטער רוט דורכן שבת׳דיקן טאָג און עסט ניט קיין חזיר־פלייש... און די זין קומען דערצו, אַז זיי לאָזן זיך מל׳ע זיין.

(יוּאווענאל)

## קלמן שולמאַן

## גריכישע און רוימישע שרייבער וועגן שבת

אַלע וואָס קענען דעם אידישען לעבנסשטייגער און זיינע מנהגים, ווייסן גענוי, און אויך זיי זעען מיט די אויגן, אַז זיי רופן דעם שבת אַ תענוג, מאַכן קידוש אויף ווייַן, עסן פיש און פלייש און מאַכן דעם טאָג שבת פאַר אַ טאָג פון שמחה און פרייד. און דאָך האָבן כמעט אַלע גריכישע און רוימישע שרייבער באַשלאָסן, אַז שבת איז אַ תענית ביי אידן, און פון גרויס ביז קליין פייניקן זיי זייערע נפשות פון אָוונט ביז אָוונט. אַזוי שטאַרק איז געווען זייער גלויבן אין דעם דאָזיקן ליגן, אַז אַפילו דער אויפגעקלערטער צעזאַר אָווגוסטוס, וועלכער האָט זייער גוט געקענט אידן, האָט אויך תמימות׳דיק אין דעם געגלויבט, און אין איינעם אַ בריוו זיינעם צו טיבעריוס׳ן שרייבט ער דאָס פאָלגנדיקע: „קיין איין איינציקער פרומער איד פאַסט ניט אַזוי און פייניקט ניט אַזוי זיין נפש אין טאָג שבת, ווי איך האָב געפאַסט און זיך געפייניקט אין דאָזיקן טאָג״. די שרייבער פון יענער צייט האָבן אַפילו ניט געוואוסט דעם באַדייט פון וואָרט שבת און אים געגעבן אַ פאַלשן באַגריף, וואָס ס׳איז בלויז צו לאַכן; פּלוטאַרך, וואָס זיין שנאה צו אידן האָט אים פאַרפירט אויסצוטראַכטן אויף זיי ליגנס, אַז זיי דינען צום אָפּגאָט באַקכוס, זאָגט, אַז שבת ווערט אָנגערופן אויפן נאָמען פון יענעם גאָט, ווייל אין אַ סך פלעצער ווערן די דינער פון באַקכוס אָנגערופן מיטן נאָמען „שבים״ ביז היינטיקן טאָג. אין דער מיסטעריעזער עבודה פון יענעם אָפּגאָט געפינט מען אַ סך מאָל, אַז זיינע דינער רופן אים אָן „שבאי״. און אַנדערע שרייבער האָבן

אַרויסגעבראַכט די מיינונג, אַז דער באַדייט פון וואָרט שבת מיינט אַ טומל און גרויס געפּילדער, ווייל די עבודה פאַר באַקכוס, דעם גאָט פון ווייַן און שכרות, איז פאַרגעקומען מיט גרויס טומל און געפּילדער. און לויט פּלוטאַרכ׳ס מיינונג, מאַכן די אידן שבת לכבוד דעם גאָט באַקכוס, אַזוי אויך אַלע זייערע אַנדערע יום־טובים. דער שרייבער אַפּיאָן האָט דעם שבת געגעבן אַן אַנדער באַדייט. ער זאָגט, אַז דאָס שטאַמט אָפּ פון עגיפּטן, פונעם וואָרט סאַבאַזוס, וואָס מיינט: קרעץ. ווייל דער דאָזיקער עגיפּטישער צורר־היהודים און אַלע זיינע חברים אין רשעות, האָבן אויסגעטראַכט, אַז די אידן אין מצרים האָבן געליטן פון שלעכטע קרעץ, דעריבער האָבן זיי די מצרים אַרויסגעטריבן פון לאַנד, כדי זיי זאָלן זיך ניט אָנשטעקן מיט דער דאָזיקער קראַנקייט. דער שרייבער יואווענאַל לאַכט אָפּ פון די אידן, וואָס טוען שבת קיין שום אַרבעט ניט און ער ווילט זיך, אַז משה איז געווען אַ פוילענצער דורך דער גאַנצער וואָך, און נאָך מער, איין טאָג אַ וואָך, אין וועלכן ער האָט גערוט פון יעדע אַרבעט, און געזעסן אויף אַן אָרט, און זיין פוילקייט האָט ער איבערגעגעבן בירושה צו זיין פאָלק, וואָס האָט פיינט יעדער אַרבעט, און ער האָט זיי באַפוילן צו היטן דעם טאָג שבת און זיצן מיט פאַרלייגטע הענט אַ גאַנצן טאָג דורך יעדער איינציקער וואָך. אויך האָט דער שרייבער סענעקאַ געלאַכט פון אונדזערע שבתים און האָט אויף אונדז געוואָרפן די שולד פון פוילקייט, אַז מיר פאַרברענגען אַ זיבנט־חלק לעבן אין פוילקייט, אַז מיר האָבן ליב אַרומ־צוגיין ליידיק. און האָבן פיינט צו טאָן אַן אַרבעט. דער שרייבער טאַציטוס זאָגט, אַז דער טאָג שבת איז אַ טאָג פון זכרון ביי אידן, אַן אָנדענק פון אַ גרויסער ישועה וואָס ס׳איז די אידן געשען דורך אַ סטאַדע אייזלען. גייענדיק דורכן מדבר האָבן זיי זעקס טעג נאָכאַנאַנד ניט געפונען קיין וואַסער צום טרינקען, ביז זיי זיינען פאַר׳חלש׳ט געוואָרן פון דורשט ביז צום שטאַרבן, נאָר אויפן זיבעטן טאָג האָט זיך אַנטפּלעקט צו משה׳ן דורך אַ סטאַדע אייזלען אַ גרויסער קוואַל וואַסער און דאָס פאָלק האָט זיך אָנגעטרונקען און ניי־באַלעבט געוואָרן. קומענדיק אין אַ באַזעצט לאַנד, און ניט מורא האָבנדיק שוין מער אויסצוגיין פון הונגער און דורשט — רוען זיי אויפן זיבעטן טאָג פון יעדער אַרבעט און זיי פאַסטן דעם גאַנצן טאָג, זיי עסן ניט קיין ברויט און טרינקען ניט קיין וואַסער, אין אָנדענק פון יענע שווערע געפערלעכע טעג, ווען זיי זיינען געווען הונגעריק און דורשטיק אין גרויסן מורא׳דיקן מדבר. אַחוץ די דאָזיקע שרייבער זאָגן אויך עדות נאָך גרויסע און באַקאַנטע שרייבער, ווי סטראַבאָ, פּעטראָניוס, רוסיליוס, נימאַטיאַנוס און יוסטינוס, אַז דער טאָג שבת איז אַ תענית ביי אידן, אין וועלכן זיי פאַסטן פון אָוונט ביז אָוונט. און ווער זעט דאָס ניט איין און פאַרשטייט דאָס ניט, אַז די דאָזיקע פּלוידערייען קומען דערפון, וואָס זיי האָבן קיין ידיעה ניט אין דער תורה און נביאים, און ווען זיי האָבן געהערט עפּעס פון יום־כפור, וואָס ווערט

אַנגערופן שבת־שבתון, האָבן זיי געגלויבט, אַז יעדן שבת פון די שבתים פון יאָר — פאַסטן די אידן און פייניקן זיך פון אָוונט ביז אָוונט.

## א. יעלינעק

### 1.

## דער שבת האָט באַצוואונגען די וועלט

קיין זאַך אין דער וועלט, שרייבט פּרודאָן, קען זיך ניט גלייכן צום שבת, וואָס איז געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני, און האָט זיין יסוד אין גלייכהייט, פרייהייט, און קומט צוערשט אין רעליגיע. פון שבת נעמט זיך די געזעלשאַפטלעכע עוואָלוציע פון מאָראַל, געזונטקייט פון גוף און נשמה, אייביק גליק.

מאָנטעסקיע רעדט ניט וועגן שבת, מחמת ער האָט אים ניט באַגריפן. רוסאָ האָט באַנומען בלויז אַ קליינעם טייל פון זיין ווערט. די מאָדערנע צייט מיט אַלע אירע לערן פון פּאָליטישע און בירגערלעכע רעכטן, און מיט אַלע אירע אָנהייבן צו ברענגען פרייהייט און גלייכהייט פאַרן מענטשן, האָט אויף אַ האָר ניט באַנומען די גרויסע דערהויבנקייט פון טאָג שבת.

דער שבת האָט דעם אידישן פאָלק געגעבן דעם ערשטן פּלאַץ אין דער אַנטוויקלונג פון מענטשלעכקייט און מאָראַל. גריכנלאַנד און רוים, די גערמאַניער און די סלאַוון האָבן ניט באַאיינפלוסט דעם מענטשנס מאָראַל אין דער מאָס, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט אויף אים געווירקט. איך וואָג צו זאָגן: גאַנצע מחנות ביסמאַרקס מיט זייערע פּרוּוון צו פאַרלייכטערן דעם יאָך פון די אַרבעטער — זיינען ניט וואָגיק לגבי דעם איינאיינציקן סעמיט, משה׳ן, דעם באַשאַפער פון טאָג שבת.

גריכן און רוימער זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון שבת, און פון זיי (ספּעציעל פּרויען און שקלאַפינס) האָבן גענומען אַן אָנטייל אין דער אידישער שבת׳דיקער סעודה. ס׳איז געקומען דערצו, אַז דער סאַטירישער פּאָעט פּערסיוס בייזערט זיך אין איינס פון זיינע לידער אויף יענע רוימער, וואָס לאָזן זיך וואוילגיין מיט פיש וואָס אידן קאָכן לכבוד־שבת און אויף יענע, וואָס הייליקן דעם טאָג דורך וויין, לויטן אידישן מנהג.

עסן שבת פיש, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט דעם צאָרן פון רוימישן פּאָעט, רייצט דעם גויאישן גומען ביז צום היינטיקן טאָג, ניט קוקנדיק אויף דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג. אויך האָבן זיי ליב די שבת׳דיקע חלה. און איך געדענק נאָך פון מיינע קינדער־יאָרן, ווי די גויים האָבן געהאַט דערצו חשק, דערהויפּט האָט זיי פאַרשמעקט דער קוגל. דער פרומער קריסט קריסטאָף מאַטיאָ (נירנבערג 1751) אין זיין בוך וועגן שבת — ערגערט זיך

אויף די אידן, וואָס זיינען מרבה בשבחים מכוח קוגל און האָבן אַ ווערטל: „אַז דער וואָס עסט קוגל — יענער וועט שוין בלייבן אַ איד". פונדעסטוועגן גיט ער אַליין רעצעפּטן, ווי אַזוי צוצוגרייטן אַ מאכל וואָס זאָל זיך אויס־גלייכן מיטן אידישן קוגל.

מירן זיך אומקערן צו די גריכן און רוימער: זייערע שרייבער, ווי פּלוטאַרך און דיאָקאַסיוס, פּעטראָניוס, טאַציטוס, סוויטאָניוס, יואַווענאַל, יוסטיניוס און נומענטיוס האָבן ניט באַגריפן דעם מהות פון שבת און געמאַכט פון אים חוזק, און אָנגערופן די אידן לײדיקגייער, וואָס לאָזן דורכן טאָג שבת זיך פּייניקן דורך תעניתים און קעלט. און נאָך מער, אין רוימישן טעאַטער פלעגט מען פאַרשטעלן קאָמעדיעס פון אידישן שבת — און דאָך, איז דער אידישער שבת, פון וועלכן די רוימער האָבן געמאַכט אַזויפיל ליצנות, געוואָרן דער ווינקלשטיין אין דעם מאָראַלישן בנין פון דער גאַנצער מענטשהייט.

## 2.

# שבת אין די גויאישע גלייכווערטלעך

ביי די מחמד'אַנער אין די אויגן איז שבת געווען דער ריכטיקער סימן צו דערקענען אַ אידן, און דעריבער רופן זיי אָן אידן מיטן נאָמען: „די קינדער פון שבת". אויך די קריסטן האָבן געוואוסט, וואָס פאַר אַ ווירדע אידן לייגן אויפן שבת. אַזוי, למשל, האָט דער קלוגער אַלפאָנס איינגעפירט אַ געזעץ אין שפּאַניע, ניט צו אַרעסטירן קיין איד אום שבת, סיידן ער האָט באַגאַנגען אַ הארב פאַרברעכן.

אין די שפּריכווערטער פון די פעלקער זעט זיך דער רושם פון שבת ניט פיל אָן. אין ניי־גריכיש איז פאַראַן אַ ווערטל: „דער איד איז אַרויס אין וועג, האָט אים דער שבת פאַרהאַלטן". און דאָס אייגענע זאָגט דער רומענער: „דער איד האָט זיך געוואָלט לאָזן אין וועג אַריין — און נאָדיר שבת".

ביסמאַרק דערציילט מיט ליצנות וועגן איינעם אַ איד אַ מלומד, וואָס האָט אויף זיך קיין זאַך ניט געטראָגן אום שבת. אַפילו אַ טאַשנטיכל האָט ער ניט געוואָלט טראָגן, סיידן, ער האָט פריער אָפּגעקויפט פאַר איין טאַלער דאָס פּלאַץ, וואו ס'האָט געוואוינט אַ רעגירונגס־באַאַמטער. אין זכות פון דער דאָזיקער קניה, פאַרן פּרייז פון איין טאַלער, האָט ער זוכה געווען צו באַקומען דאָס פּלאַץ און די גאַנצע רעגירונגס־סביבה... און ביסמאַרק האָט פאַר־געסן, אַז אַזאַ מין מנהג איז געווען איינגעפירט אויך ביי די אַלטע רוימער. מיר לייענען אין גאַיוסעס קאָדעקס־בוך, אַז ווען ביי די רוימער פלעגט פאָר־קומען אַ מחלוקה פאַר אַ פעלד אָדער אַ ירושה־הויז, פלעגט דער בעל־דין ברענגען פאַרן ריכטער אַ שטיין פון הויז, אָדער אַ הויפן ערד פון פעלד, און

דער דאָזיקער קלײנער טײל פּלעגט באַטראַכט װערן, װי מ׳װאָלט פּאַרגע־בראַכט דאָס גאַנצע פעלד, אָדער הױז פאַרן געריכט.

און לגבי דעם איז שטאַרק האַרב דאָס שפּאַנישע װערטל: „איך קויף ניט און פאַרקויף ניט, װי אַ איד אין טאָג פון שבת". זײ (די שפּאַנישע קריסטן) האָבן געװאוסט, װי װײט די אידן האַלטן טײער זײער שבת, און אַז אַ איד איז גרײט צו פאַרלירן אַלע זײנע פאַרדינסטן, און זיך גורם זײן אַ סך שאָדן, אײדער מחלל־שבת צו זײן.

און דאָס אײגענע מײנט דאָס טשעכישע װערטל:

„די זון פאַרגײט, דער שבת קומט, פּלינקער, יאַהאַן, שנעלער!"

דאָס אָנקומען פון שבת באַטײט דאָ זיך צוצואײלן און דערגרײכן שנעל צו דעם געװינטשטן ציל.

## 3.

# שמירת־שבת צװישן קריסטן

ס׳איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז דאָס פריאיקע קריסטנטום, װאָס שטאַמט אָפּ פון אידנטום, און װעמעס װאָרצלען עס שטעקן אין תנ״ך, איז געװען אונטערגעװאָרפן צו דער מצוה פון אידישן שבת אין אַ גרעסערער מאָס װי די גריכן, רוימער און די מענטשן פון אָריענט, װאָס זײנען געװען פאַרן אױפקום פון קריסטנטום, אָדער יענע, װאָס האָבן ניט אָנגענומען די קריסטלעכע רעליגיע. אין דער תקופה פון די אַפּאָסטאָלן און אין די שפּעטער־דיקע דורות — איז דער שבת געװען הײליק בײ די קריסטן אין די מערסטע לענדער, ניט בלױז בײ די אידן־קריסטן אַלײן, נאָר אױך בײ די גױים־קריסטן. ביז דער קיסר קאָנסטאַנטין האָט אין יאָר 321 געמאַכט אַ געזעץ, אַז אין אַלע שטעט פון דער רוימישער אימפּעריע זאָל מען האַלטן הײליק דעם ערשטן טאָג אין װאָך אָנשטאָט דעם טאָג פון שבת. אָבער אױך אַפילו נאָכדעם, װי דאָס דאָזיקע געזעץ איז אַרױס איז שמירת־שבת געװען שטאַרק פאַר־שפּרײט צװישן די קריסטן, װאָס האָבן באַװאױנט די מזרח׳דיקע פּראָװינצן. אין יאָר 364 האָט די פאַרזאַמלונג פון די עלטסטע פון דער קירך אין דער שטאָט לאָודאקיא אַרױסגעגעבן אַן עדיקט, אַז קריסטן „זאָלן ניט פאַראידישט װערן און ניט רוען אין טאָג פון שבת, נײערט, זײ זאָלן אָנגײן מיט אַלע זײערע אַרבעטן אין דאָזיקן טאָג. און אױב ס׳װעט דערגאַנגען װערן, אַז זײ האַלטן זיך אָן אידישקײט — װעלן זײ אױסגעשלאָסן װערן פון דער קריסטלעכער קירך". אָבער אַפילו אױך נאָך דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג האָבן זיך געפונען גאָר פיל קריסטלעכע סעקטעס, װאָס האָבן אָפּגעהיט שבת, װי למשל, די קהילה פון אידן־קריסטן מיטן נאָמען „בני־נצרת", װאָס האָבן געלעבט אין אײניקע שטעט פון סיריע און האָבן עקזיסטירט ביזן פינפטן יאָרהונדערט.

דורך יענער צייט זיינען אויך געווען די „היפּסיסטאַרן" (פאַרהייליקער פון איינציקן גאָט) וואָס האָבן געהאַלטן אַז גאָט איז איינאונאיינציק. זיי האָבן אָפּגעהיט שבת און זיך געהיט פון אַלע עסנס וואָס זיינען פאַרבאָטן מן־התורה, בלויז די מצוה פון מילה האָבן זיי אויף זיך ניט גענומען. פון אַ ענציקליק, וואָס דער פּויפּסט גרעגאָר דער ערשטער האָט אין יאָר 603 אַרויס־געלאָזט צו די איינוואוינער פון רוים, לערנען מיר, אַז אין רוים האָבן זיך ביי יענער צייט געפונען קריסטן שומרי־שבת. גרעגאָר רופט אָן די יעניקע, וואָס פאַרשפּרייטן די דאָזיקע תורה מיטן נאָמען „די פּריידיקער פון שטן." דער קירכן־צוזאַמענפאָר פון יאָר 791 אין פריאַלי, איטאַליע, בייזערט זיך אויף די איטאַליענישע פּויערים, וואָס רוען אין לעצטן טאָג פון וואָך, אויפן אידישן שטייגער. אין צוועלפטן יאָרהונדערט האָבן זיך איינגעפונען אין די בערג פון דער אויבערשטער איטאַליע „פּאַסאַגינען", דאָס זיינען געווען קריסטלעכע „אַפּיקורסים", וואָס האָבן אָפּגעשטאַמט פון אָריענט, וועלכע פלעגן פּריידיקן, אַז דאָס אָפּהיטן די מצוות פון דער תורה, און ספּעציעל, די דינים פון שבת און מאכלים, און מאַנכע זאָגן, אַז אויך די מצוה פון מילה, איז אַ חוב אויף קריסטן. דער פּויפּסט לוציוס דער דריטער, אין הסכם מיטן קיסר פרידריך באַרבאַראָסאַ, האָט אין יאָר 1183 אויף דעם צוזאַמענפאָר פון וועראָנאַ, געלייגט אויף זיי און אויף אַנדערע אַפּיקורסים פון זייער מין אַן „אייביקן חרם". אינאיינעם מיט דעם האָט אויך די רעגירונג זיי מחרים געווען. אין באַפעל פון קיניג אַלפאָנס פון אַראַגאָן פון 1192, ווערן דערמאָנט צווישן אַנדערע אַפּיקורסים און אַפּטריניקעס אויך די שומרי־שבת. די „פּאַסאַגינען" ווערן אַ סך מאָל דערמאָנט דורכן משך פון דרייצנטן יאָרהונדערט: אין דעם עדיקט פון פּויפּסט גרעגאָר דעם ניינטן פון 1236, אין דעם באַפעל פון קיסר פרידריך דעם צווייטן פון 1243 (וואָס איז געצילט אויך אַנטקעגן דער סעקטע וואָס פּראַקטיצירט מילה) און אין דעם עדיקט פון פּויפּסט אינאָצענץ דעם פערטן פון יאָר 1253.

### 4.

## די „סובאָטניקעס" פון מאָראַוויע

צוליב די גרויזאַמע רדיפות, הן מצד דער קירך און הן מצד דער וועלטלעכער מאַכט — האָבן דורכן צוועלפטן און דורכן דרייצנטן יאָרהונ־דערט אויסגעוואַנדערט אַ סך קריסטן־אַפּיקורסים, שומרי־שבת, פון די אַל־פּישע פּראָווינצן, קיין מערן און בעמען. נאָך אַנדערע האָבן נאָך זיי אויס־געוואַנדערט אין די קומענדיקע יאָרהונדערטער. זיי ווערן אָנגערופן „סובאָט־ניקעס", שומרי־שבת. אינאיינעם מיט שמירת־שבת האָבן די מערסטע פון זיי געהאַלטן פון דער מצוה פון טאָפּלטער טבילה פאַר די דערוואַקסענע

מענטשן, און דעריבער זיינען אין זעכצנטן יאָרהונדערט באַטראַכט געוואָרן די נעמען „אַנאַבאַפּטיסטן“ און „סובאָטניקעס“ — ווי סינאָנימען. אין פופצנטן און זעכצנטן יאָרהונדערט זיינען קיין מערן געקומען סובאָטניקעס פון בייערן, טיראָל, שטייערמאַרק, עסטרייך, שווייץ, שלעזיע און פוילן. אין די לענדע־רייען פון די אַדעליקע ליכטענשטיין און קויניץ אין בריק, ניקלסבורג און אַנדערע האָבן זיי געגרינדעט קהילות, וואָס אין אַ גאָר קורצער צייט האָבן זיי דערגרייכט צו דער צאָל זעכציק. דער קיניג פערדינאַנד האָט באַשלאָסן אויסצוראָטן די אַנאַבאַפּטיסטן און פאַר דעם צוועק האָט ער אַרויסגעשיקט אַן אָפיציר מיט זעלנער איבערן לאַנד. דורך זיין וואָרט זיינען אַ סך געטויט געוואָרן און די קעפּ זייערע האָט מען אויפגעהאַנגען איבער זייערע טירן פון די הייזער. יענע וואָס האָבן זיך געקענט ראַטעווען האָבן זיך באַהאַלטן אין די וועלדער און די בערג. נאָר די אַדעליקע, די באַלעבאַטים פון די מאַיאָנטקעס האָבן אינגיכן אָפּגעשטעלט די רדיפות; איבערהויפּט האָבן באַ־שיצט די פאַרפאָלגטע די צוויי אַדעליקע, לינהאַרט און האַנס פאָן ליכטענשטיין. אויף דער ערד פון לינהאַרטס מאַיאָנטעק אין ניקלסבורג האָט זיך באַזעצט אַ גרויסע עדה סובאָטניקעס, וועלכע ער האָט שטאַרק מקרב געווען. פון זייער צענטער אין מערן האָבן זיי אַרויסגעשיקט שליחים איבער פאַרשיי־דענע אייראָפּעאישע לענדער צו פּראָפּאַגאַנדירן זייער גלויבן. דערהויפּט האָבן די שליחים אָנגעפירט אַ מעכטיקע פּראָפּאַגאַנדע אין די נאָענטסטע מדינות, ווי מערן און אונגאַרן, אין מזרח־פריזלאַנד, וואו די אַנאַבאַפּטיסטן זיינען געווען זייער שטאַרק, האָט מען פאַר אַ לאַנגער צייט אויפגעהערט פייערן זונטיקס און די קריסטלעכע יום־טובים. אויך אין האָלאַנד זיינען געווען גרופּעס „סובאָטניקעס“. אין ערשטן דריטל פון זעכצנטן יאָרהונדערט זיינען דאָרט פאַר׳משפּט געוואָרן אַ סך סובאָטניקעס, מענער און פרויען, צום טויט. אין פראַנקרייך פון יענער צייט, שרייבט איינער אַ שרייבער, מ. דע־לאַ־ראָק, אַ בוך, וואו ער פאַרטיידיקט שבת אַנטקעגן דעם עפּיסקאָפּ בוסע. אַנטקעגן די שומרי־שבת פון מערן, האָט לוטער פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1538 „אַ בריוו וועגן די ,סובאָטניקעס׳, אין וועלכן ער מיט זיך מיט ראיות פון חומש צו באַווייזן „די פאַרפירטע מיינונג, אַז מ׳דאַרף היטן שבת“. דער שטראַסבורגער טעאָלאָג קאַספּאַר שווינקפעלד האָט אין יאָר 1531 פאַר־עפנטלעכט אַ פּאָלעמישע שריפט אַנטקעגן די סובאָטניקעס, „וועגן דעם קריסטלעכן רו־טאָג און דעם אונטערשייד צווישן דעם אַלטן טעסטאַמענט און דעם נייעם“, און געווידמעט זיין בוך צום אויבנדערמאָנטן אַדעליקן לינהאַרט ליכטענשטיין.

די ליידן פון דער דרייסיק־יאָריקער מלחמה, וואָס האָט זיך אָנגע־הויבן ביי יענער צייט און די רדיפות אויף די אַפּטריניקעס, וואָס האָבן זיך געשטאַרקט נאָך דער מלחמהביים ווייסן באַרג (1621) האָבן דערנענטערט

דעם סוף פון די סובאָטניקעס אין מערען. צום סוף זיינען זיי אַרויסגעטריבן געוואָרן פון לאַנד; זיי האָבן נאָך געלעבט אַ שטיקל צייט אין אונגאַרן און זיבנבערגען אַ געפלאָגט און געמוטשעט לעבן. אייניקע פון זיי זיינען צוגעשטאַנען צו די אוניטאַריער אין זיבענבירגען און די מערסטע האָבן זיך ביס־לעכווייז אַסימילירט צווישן די קאַטאָליקן. קליינע רעשטלעך פון זיי האָבן זיך באַוויזן ביים סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט ווען דער קיסר יאָזעף דער צווייטער האָט פאַרעפנטלעכט זיין „טאָלעראַנץ־שריפט". מ'האָט זיי גערופן „אַבראַ־האַמיטן" און „איזראַעליטן". זיי האָבן זיך באַזעצט צווישן די אידן, אָדער אין זייער נאָענטשאַפט. אייניקע פון זיי האָבן זיך געוואָלט מל'ן און פּראַק־טיצירן אידישקייט אין דער עפנטלעכקייט. נאָר מיט אַזעלכע איז מען זיך ניט באַגאַנגען מיט טאָלעראַנץ, און אויפן קיסרס באַפעל פון 11טן מערץ 1783, האָט מען זיי אַלעמען, יונג און אַלט, געזונט און שוואַך, צוגענומען פאַר סאָלדאַטן אין די אונגאַרישע גרענעץ־חיילות.

5.

## די רוסישע סובאָטניקעס

בערך 1470 האָבן די רוסישע גייסטלעכע דיאָניסיוס און אַלעקסעי און שפּעטער איז צוגעקומען צו זיי אויך דער אַרכיערעי גאַבריעל, געגרינ־דעט אַ סעקטע „זשידאָווסטוואויעשציע"; די מיטגלידער פון דער דאָזיקער סעקטע האָבן אָפּגעהיט דעם טאָג שבת מיט אַלע זיינע חומרות פון דין. דיאָניסיוס און אַלעקסעי זיינען געווען באַאיינפלוסט פון דער משיח־באַוועגונג, וואָס דער אידישער מלומד זכריה (זכ"ה בן אהן הכהן?) האָט אויפגערו־דערט אין יענער צייט, אין קיעוו. אין יאָר 1480 האָט דער גרויספירשט יאָאַן דער דריטער גערופן די דאָזיקע צוויי גייסטלעכע קיין מאָסקווע, און זיי אָנגעשטעלט אָנצופירן מיט דער גלחות. ער האָט ניט געוואוסט, אַז זיי זיינען נוטה צו אָפּטריניקייט. דאָרט האָבן זיי באַהאַלטענערהייט אָנגעפירט פּראָפּאַגאַנדע לטובת דער נייער סעקטע און דערוואָרבן אַ סך אָנהענגער פון אַלע שיכטן פון פאָלק. צווישן די אַנדערע וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער נייער סעקטע — זיינען געווען: דער אַרכימאַנדריט פון מאָנאַסטיר, סימאָנאָוו, זאָסימאַ, דער סעקרעטאַר פון גרויספירשט פיאָדאָר קוריצין, און זיין ברודער איוואַן און די פּרינצעסין יעלענאַ, די כלה פון גרויספירשט. אויך צווישן די ברייטע מאַסן האָט זיך שטאַרק פאַרשפּרייט די נייע תורה. דער נאָווגאָראָדער אַרכיעפּיסקאָפּ, גענאַנדי און דער הויפּט פון מאָנאַסטיר יאָסיף וואָלאָצקי פון וואָלאָקאָלאַמסק האָבן זייער שטאַרק גענומען רודפ'ן די נייע סעקטע, און הגם איר השפּעה האָט שוין געהאַט דערגרייכט אַזש אין קיניג־לעכן הויף, האָט זיך זיי דאָך איינגעגעבן אויפצורייצן אַנטקעגן זיי דעם

דעת־הקהל און צוויי צוזאַמענקונפטן פון דער קירך זיינען פאָרגעקומען אין מאָסקווע, מיטן צוועק צו באַקעמפן די נייע סעקטע. די ערשטע צוזאַמענ־קונפט, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1491 האָט געלייגט אין חרם אַ צאָל גלחים, און אַנדערע אַפּטריניקעס פאַר׳משפּט צו גלות. אָבער די צווייטע צוזאַמענ־קונפט, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1504 האָט די מיטגלידער פון דער דאָזיקער סעקטע פאַר׳משפּט צו האַרבערע און שטרענגערע שטראָפן. די אָנגעזעענסטע מענטשן פון דער סעקטע האָט זי פאַר׳משפּט צום טויט; דער סעקרעטאַר קוריצין, דער אַרכימאַנדריט קעסיאַן און נאָך צוויי גדולים פון דער סעקטע זיינען עפנטלעך פאַרברענט געוואָרן אין מאָסקווע און אַנדערע חשובע פּערזענלעכקייטן פון נאָווגאָראָד זיינען פאַר׳משפּט געוואָרן לשרפה. כמעט אין יעדער איינציקער גרויסער שטאָט פון מאָסקאָוויע — האָט מען גע׳הרג׳עט „אַפּטריניקעס", וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ נטיה צום אידנטום. די איבעריקע זיינען אַנטלאָפן קיין ליטע און די שטעט אַרום די גרענעצן. און דאָך האָט זיך די באַוועגונג פון שמירת־שבת אינגאַנצן ניט אָפּגעשטעלט און אין יאָר 1050 האָבן זיך נאָך געפונען אין פינלאַנד אַ סך קהילות פון די סובאָטניקעס. אין אַכצנטן און ניינצנטן יאָרהונדערט זיינען סעקטעס פון מאָלאָקאַנעס און דוכאָבאָרן געווען פאַרשפּרייט אין די גובערניעס פון וואָראָ־נעזש און סאַראַטאָוו. אין דער צווייטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט האָט די רוסישע רעגירונג אָנגעהויבן שטאַרק רודף׳ן די מיטגלידער פון די דאָזיקע סעקטעס, אָבער ס׳האָט זיך איר ניט איינגעגעבן זיי אויסצוראָטן. דורך דער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטנס מלוכה (1801—1825) האָבן זיך די רדיפות צייטווייליק אָפּגעשטעלט און די סעקטאַנטן האָבן ווידער עפנטלעך זיך אומגעקערט צו די עיקרים פון זייער אמונה, און נאָכמער, אין יאָר 1825 האָבן זיי אַרויסגעשיקט פּריידיקער אין די סטעפּעס פון דאָן, צו באַקערן מענטשן צו זייער תורה. ווען דאָס איז באַקאַנט געוואָרן אין דער עפנטלעכקייט, זיינען אַ סך פון זיי פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר און נאָך קאַווקאַז און אַ סך זיינען געווען געצוואונגען זיך אָפּצוזאָגן פון זייערע איבער־צייגונגען דורך אַ שבועה. אין דער צייט פון ניקאָלאַי דעם ערשטנס ממשלה — (1825—1855) האָבן זיך באַנייט אויף זיי די שווידערלעכסטע רדיפות. זיי זיינען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר און אין דער פּראָווינץ סאַליאַני, וואָס אויף יענער זייט קאַווקאַז, וואָס איז שווער פאַרן געזונט, אָדער זיי זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר סאָלדאַטן פאַרן פינף־און צוואַנציק יאָריקן משך. אין דער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן איז זייער מצב אַביסל בעסער געוואָרן און מ׳האָט זיי דערלויבט זיך צו האַלטן אָן זייערע איבערצייגונגען און גלויבנס; און בלויז אין יאָר 1905 האָבן זיי באַקומען פולשטענדיקע גלויבנס־רעכטן. אַ סך פון זיי ווערן אָנגערופן מיטן נאָמען „סובאָטניקעס", און זיי היטן שבת, מל׳ען זייערע קינדער און זיינען אָפּגעהיטן מיט זייערע

מאכלים, על פי תורת־משה. אַנדערע ווערן אָנגערופן „גרים" און זיי היטן אָפּ אַלע חוקים פון אידנטום. די מענטשן פון די דאָזיקע צוויי גרופּעס וואוינען אין די דערפער פון די גובערניעס טאַמבאָוו, וואָראָנעזש און סאַראַטאָוו, אין די פּראָווינצן פון סטאַווראָפּאָל און אַרום טערעק פון צפון־קאַווקאַז, אין סאַליאַני און אין פאַרשיידענע פּלעצער פון סיביר. אַרום פופציק משפחות פון די דאָזיקע רוסישע גרים האָבן אויסגעוואַנדערט קיין ארץ־ישראל און פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט.

## 6.

## די סובאָטניקעס פון זיבנבירגען

פון די יודאַאיזירטע קרייזן פון זיבנבירגען, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם אוניטאַרישן עפּיסקאָפּ פראַנץ דאַוויד, איז צום סוף פון זעכצנטן יאָרהונדערט אַרויסגעקומען די סעקטע סובאָטניקעס. דער ערשטער גרינדער און פירער פון דער סעקטע איז געווען אַנדרעאַס עסאַי, אַ רייכער אונגאַרישער גוטבאַזיצער. ער איז ניט געווען קיין טעאָלאָג און ניט געקענט העברעאיש, נאָר ער איז געווען אַ בקי אין תנ"ך אין דער אונגאַרישער איבערזעצונג און גוט געקענט די געשיכטע פון דער קריסטלעכער קירך. ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס איז צוגעשטאַנען צו פראַנץ דייווידן, נאָר מיט דער צייט האָט ער איינגעפונען, אַז אין יענעמס תורה ליגט ניט „דער גאַנצער אמת" און ער האָט אָנגעהויבן פּריידיקן רעליגיע אויף זיין אייגענעם שטייגער. היטן שבת איז געוואָרן דער ווינקלשטיין פון זיין לערע. ער האָט פאַרפאַסט אַ גרויסע צאָל אָפּהאַנדלונגען און תפילות און געשריבן רעליגיעזע פיוטים. גאָר אינגיכן זיינען צו דער נייער סעקטע צוגעקומען גאָר אַ סך אוניטאַריער. דער פירשט זיגמונד באַטאָרי האָט אין יאָר 1595 געגעבן אַ באַפעל צו רודפ'ן די דאָזיקע סעקטע, נאָר דער דאָזיקער באַפעל איז ניט דורכגעפירט געוואָרן, ווייל אונטערדעסן איז דאָס שטיק לאַנד אין וועלכן די שומרי־שבת האָבן זיך אויפגעהאַלטן, אַרונטערגעפאַלן אונטער דער הער־שאַפט פון מאָלדאַווישן וואָיעוואָדאַ מיכאַאיל. דורך דער הערשאַפט פון דעם קאַטוילישן פירשט גאַבריעל באַטאָר האָט דער רעגירונגס־ראַט אין יאָר 1610 באַשלאָסן, צו געבן די סובאָטניקעס צייט צו טאָן תשובה, און זייערע פריי־דיקער פאַרזעצן אין תפיסה. אָבער צוליב די אומרוען און מהומות אין לאַנד איז דער דאָזיקער באַפעל אויך ניט דורכגעפירט געוואָרן. דער רעפאָרם־פירשט גאַבריעל בעטלען האָט אין חודש נאָוועמבער 1618 צונויפגערופן אַ פאַרזאַמ־לונגס־ראַט פון גלחים, און די דאָזיקע פאַרזאַמלונג האָט אינסטרואירט דעם עפּיסקאָפּ יאַהאַן דייקאַ און די רעפאָרמירטע גלחים, אַז זיי זאָלן די פאַר־פירטע שומרי־שבת צוריק אַרויפפירן אויפן דרך־הישר. דייקאַ, אין דער

באַגלייטונג פון זעלנער, האָט קאָנפיסקירט די קירכן פון די סובאָטניקעס, זייערע פרייידיקער פאַרזעצט אין תפיסה און אָנשטאָט זיי אָוועקגעשטעלט רעפאָרמירטע גלחים. אָבער די דאָזיקע שטרענגע מיטלען האָבן ניט דער־גרייכט זייער ציל, און די נייע סעקטע האָט אַלץ ווייטער און ווייטער זיך פאַרשפרייט איבערן לאַנד. זי האָט געפונען אַ נייעם מנהיג, דעם מלומד און שטאַטסמאַן דעניעל פעיכי, וועמען אַנדרעאַס עסאַי האָט אַדאָפּטירט פאַר אַ זון, נאָכדעם ווי זיינע אייגענע זין זיינען ביי אים געשטאָרבן. פעיכי, וועלכער איז געווען גוט באַקאַנט מיט די מערסטע אייראָפּעאישע לענדער דורך זיינע נסיעות, געווען אין ארץ־ישראל, אין מצרים און אין צפון־אַפריקע — האָט געהאַט גרויסע ידיעות אין דער העברעאישער ליטעראַטור, אין דער לאַטיינישער און דער גערמאַנישער. דורך דער הערשאַפט פון פירשט גאַבריעל בעטלען האָט ער עולה לגדולה געווען און איז געוואָרן קאַנצלער פון לאַנד. שפּעטער האָט דער פירשט אים אַרונטערגעזעצט און אַ שטיקל צייט אים געהאַלטן פאַרשפאַרט אין תפיסה. נאָכדעם ווי ער איז באַפרייט געוואָרן, האָט ער זיך מיט אַלע כוחות אָפּגעגעבן צו פאַרשפרייטן די לערע פון די שומרי־שבת און האָט באַקערט אַ סך מענטשן, ניט בלויז פון די ברייטע מאַסן, נאָר אַפילו גאָר פיל פון די הויכע אַדעליקע. נאָך דער פירשט געאָרג ראַקוצי דער ערשטער האָט ווידער גענומען רודפ׳ן די נייע סעקטע מיט אָן איי־זערנער האַנט, האָט קאָנפיסקירט פעיכי׳ס אַלע גיטער און אים אַליין אַריינ־געשליידערט אין תפיסה, וואו ער איז אין יאָר 1640 געשטאָרבן. אויפן שטאַטס־ראַט פון 1635 איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס, אַז אויב די שומרי־שבת וועלן אין אַ קורצער צייט ניט אָננעמען איינע פון די פיר דער־לויבטע רעליגיעס אין לאַנד — וועלן זיי געטויט ווערן און זייער פאַרמעגן וועט קאָנפיסקירט ווערן. די שומרי־שבת זיינען גערופן געוואָרן קיין דייעס, וואו דער משפט איז פאַרגעקומען אין דער קריסטלעכער רעפאָרם קירך. די איינגעשפּאַרטע, וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט צוריקקערן צו דער קירך זיינען פאַר׳משפט געוואָרן צו תפיסה, קאָנפיסקירט זייער אייגנטום, אָדער זיי זיינען פאַרשיקט געוואָרן אויף שווערער אַרבעט אין פאַרשיידענע פונקטן פון לאַנד; אַנדערע האָט מען איבערגעוואָלט געצוואונגען זיך צוריקצוקערן צו דער קירך. זייערע ספרים און כתבים האָט מען צונויפגענומען אין קאַרלסבורגער קירך און די מערסטע פון זיי האָט מען שפּעטער פאַרברענט. מאַנכע פון זייערע ביכער און רעליגיעזע פיוטים אין אונגאַריש האָבן זיך אויפגעהיט ביז היינטיקן טאָג און געפינען זיך אין די פאָלקס־אַרכיוון.

פון מיטן פון זיבעצנטן יאָרהונדערט און ווייטער, איז די דאָזיקע סעקטע כמעט אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון לאַנד. נאָר אָט איז אונטערגעקומען דאָס יאָר 1728, און ווידער זיינען אייניקע מיטגלידער פון דער דאָזיקער סעקטע גע׳משפט געוואָרן ווי פאַררעטער פון לאַנד. אין יאָר 1750 האָט

מאַריאַ טערעזאַ געשיקט צו זיי קאַטוילישע גלחים, באַגלייט פון זעלנער, זיי מחזיר למוטב צו זיין. די דערפער פון דער דאָזיקער סעקטע, אַרום 70 אָדער 72 אין צאָל, האָבן אין גרעסטער צאָל אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן און אייניקע קהילות האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן די אוניטאַריער. בלויז אין דאָרף ביזידו־פאַלו האָבן זיך אויפגעהאַלטן איבער דרייסיק משפחות פון שומרי־שבת ביז אין די זעכציקער יאָרן פון נײַנצנטן יאָרהונדערט און אין יאָר 1868 האָבן זיי אַלע אָנגענומען דעם אידישן גלויבן. די דאָזיקע „קהל־גרים" זײַנען געבליבן ביז היינטיקן טאָג טיפּישע פּויערים לויט זייער לעבנס־שטייגער און מלבושים, און זיי ציען זייער פּרנסה בצמצום פון ערדאַרבעט. די צאָל זייערע איז עפּעס מער פון הונדערט. זיי פירן זיך ווי עכטע גאָטס־פאַרכטיקע אידן און היטן אָפּ שבת און אַלע אידישע ימים־טובים מיט גרויס טריישאַפט.

## 7.

# באַפּטיסטן און אַדווענטיסטן

גאָר פיל צווייגן פון דער באַפּטיסטישער סעקטע זײַנען זיך נוהג צו היטן שבת אָנשטאָט זונטיק. איבערהויפּט זײַנען זיך אַזוי נוהג יענע, וואָס ווערן אָנגערופן „שבת־באַפּטיסטן" Sabbatarian און אויך די באַפּ־טיסטן פון זיבעטן טאָג Seventh Day Baptists די דאָזיקע סעקטע שטאַמט פון ענגלאַנד, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען שומרי־שבת נאָך ביים סוף פון זעכצנטן יאָרהונדערט. בערך אין יאָר 1618 זײַנען דזשאָן טראַסק און זיין ווייב (אין לאָנדאָן) אַרויסגעקומען מיט'דלעך און שריפטלעך פאָדערן דאָס רעכט פון שבת־רו. אויפן באַפעל פון דער קירך איז טראַסק געשטעלט געוואָרן צום שאַנד־קלאָץ. מ'האָט אים באַשטראָפט מיט דער קנוט און אים פאַרשפאַרט אין תפיסה. נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעזעסן איין יאָר, האָט ער צוריקגעצויגן זײַנע רייד. זיין ווייב איז געבליבן פופצן אָדער זעכצן יאָר אין תפיסה און איז דאָרטן געשטאָרבן. אַ פּאַסטאָר פון דער ענגלישער קירך, טעאָפיל ברייבוירן, האָט אין יאָר 1628 און 1632 פאַרעפנטלעכט צוויי פּאַמפלעטן לטובת שבת. דער נאָמען פון צווייטן פּאַמפלעט איז געווען „צו באַשיצן דאָס געטלעכע אַלטע געזעץ און דאָס הייליקסטע, דאָס געזעץ פון שבת". אויפן באַפעל פון קאַרל דעם ערשטן האָבן ד"ר ווייס, עפּיסקאָפּ פון עלי און ד"ר היילין פון וועסט־מינסטער אָנגעשריבן צוויי טראַקטאַטן צו ענטפערן אויף ברייבוירנ'ס פּאַמ־פלעט. דער דאָזיקער פּאַסטאָר איז גערופן געוואָרן צום געריכט און ער האָט זיך געמוזט בויגן פאַר דער ענגלישער קירך, כדי זיך צו ראַטעווען פון אַ שווערער שטראָף. נאָך אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט ער ווידער פאַרעפנטלעכט בייע ביכער וועגן שמירת־שבת. אין יענער צייט האָבן אין ענגלאַנד זיך

געפונען נאָך מענטשן, וואָס האָבן טיכטיק פאַרשפּרייט צווישן דער באַפעל־קערונג דעם געדאַנק פון היטן שבת. דאָס זיינען: פיליפּ טאַנדי, דזשייקאָב אָאוקפאָרד, (זיין בוך „וועגן דער פערטער דברה" פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1642, איז פאַרברענט געוואָרן אויפן באַפעל פון דער ענגלישער קירך) עדוואַרד סטינעס און ב. טעליערס. צו די גרינדער פון די שבת־באַפטיסטן קען מען צורעכענען אויך פראַנסיס באַמפילד, וועלכער איז צוערשט געווען אַ פּאַסטאָר אויף דער פּראָווינץ. נאָכדעם ווי ער האָט אין יאָר 1662 רעזיגנירט פון זיין אַמט צוליב רעליגיעזע צווייפלען, איז ער געווען ניין יאָר צייט פאַרשפּאַרט אין תפיסה. נאָך זיין באַפרייאונג איז ער געקומען קיין לאָנדאָן און געגרינדעט אַ באַפּטיסטישע קהילה. אין די יאָרן 1672 און 1677 האָט ער פאַרעפנטלעכט צוויי טראַקטאַטן צו באַשיצן דאָס רעכט פון שבת־רו. אין יאָר 1682 האָט מען אים צום צווייטן מאָל פאַרשפּאַרט אין תפיסה, מ'האָט קאָנפיסקירט זיין אייגנטום און אים פאַר'משפט צו אייביקער תפיסה. אין אָנהייב פון יאָר 1683 איז ער געשטאָרבן אין דער „ניו־געיט" תפיסה. זיין ברודער, טאָמאַס באַמפילד, האָט אויך געשריבן חיבורים לטובת שבת־רו און איז אויך פאַר'משפט געוואָרן צו תפיסה פאַר זיינע רעליגיעזע אָנשויאונגען. אַ באַפּטיסטישער פּאַסטאָר, דזשאָן דזשיימס, איז פאַר'משפט געוואָרן צום טויט, דערפאַר וואָס ער האָט געפּריידיקט שמירת־שבת און אין נאָוועמבער פון יאָר 1661 איז דורכגעפירט געוואָרן איבער אים דער משפט. און ניט קוקנדיק אויף די אַלע רדיפות זיינען אין ענגלאַנד דורכן זיבעצנטן יאָר־הונדערט געווען זייער פיל באַפּטיסטישע קהילות, וואָס האָבן אָפּגעהיט דעם טאָג שבת. אָביסל שפּעטער זיינען די „באַפּטיסטן פון זיבעטן טאָג" געוואָרן וויניקער אין ענגלאַנד און זייער צאָל איז שטאַרק געפאַלן. דערפאַר אָבער האָבן זיי זיך פאַרשפּרייט איבער צפון־אַמעריקע. אין יאָר 1664 איז אַהין געקומען דער שליח סטיפען מאַמפאָרד פון לאָנדאָן. נאָך ביז היינטיקן טאָג זיינען זיי פאַראַן אין גרויסע צאָלן, איבערהויפּט אין ראָוד־איילאַנד און אין דעם דרום'דיקן טייל פון שטאַט ניו־יאָרק. אויך איז מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק געגרינדעט געוואָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין פּענסילוועניע, אַ דייטשע קאָנגרעגאַציע פון שומרי־שבת. קאָנראַד בייזל האָט אין יאָר 1728 געגרינדעט אַ קהילה פון דייטשע שומרי־שבת, וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער די פּראָווינצן פון לאַנקעסטער, יאָרק, פרענקלין און בעדפאָרד, און די מערב'דיקע טיילן פון שטאַט פּענסילוועניע. צוליב דער שמירת שבת זיינען זיי שטאַרק גערודפ'ט געוואָרן. אין ענגלאַנד און אירע קאָלאָניעס האָט ביזן לעצטן דריטל פון ניינצנטן יאָרהונדערט עקזיסטירט די באַוועגונג פון „נייע אידן", וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך יאָהאַנאַ סודקאָט.

אין צווייג פון דער סעקטע אַדווענטיסטן, וואָס ווערט אָנגערופן „די אַדווענטיסטן פון זיבעטן טאָג" — האָט איבערגענומען די שבת־רו פון די

באַפּטיסטן שומרי־שבת, נאָכדעם ווי זיי האָבן מיט זיי פאַרקערט. דער גרינדער פון דער דאָזיקער קהילה איז געווען דער שיפס־קאַפּיטן דזשאָזעף באַטיס פון וואַשינגטאָן, וועלכער האָט אין יאָר 1846 אָנגעהויבן באַקערן מענטשן לטובת דעם שבת־געדאַנק און האָט אַ סך אויפגעטאָן אויף דעם געביט. אָבער די אמת׳דיקע גייסטיקע פירערין פון דער דאָזיקער באַוועגונג איז געווען די „זעערין", שוועסטער עלין ג. ווהייט, (געשטאָרבן אין יאָר 1917) מיט אירע טראַקטאַטן, רעליגיעזער התלהבות און מאַראַלישע כוחות איז זי איבער־געשטיגן איר מאַן דזשיימס ווהייט (1821—1881) וואָס האָט זיך געשאַפן אַ נאָמען מיט זיינע אויסגאַבן פון אַדוועגטיסטישע ביכער און צייטשריפטן.

אין קעגנזאַץ צו די באַפּטיסטן שומרי־שבת — האָבן די „אַדוועגטיסטן פון זיבעטן טאָג" פאַרשפּרייט זיך אויך אין אַנדערע לענדער מחוץ לאַמעריקע אין אַ גרויסער מאָס. דזש. נ. אַנדריוס, וואָס האָט געשריבן אַ בוך מכוח דער געשיכטע פון שבת האָט אין יאָר 1874 אויסגעוואַנדערט קיין שווייץ, זיך באַזעצט אין ניישאַטל און פון דאָרט האָט ער אָרגאַניזירט און אָנגעפירט מיט די אַדוועגטיסטישע קהילות פון די אייראָפּעאישע לענדער. אין דייטש־לאַנד, וואו אַ קליינע גרופּע שומרי־שבת האָט שוין עקזיסטירט אויפן רהיין אין יאָר 1867 — האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָרגאַניזירטע אַקציע ביי די אַדוועג־טיסטן אין יאָר 1889 אונטער דער לייטונג פון ל. קאָנאַרדי אין האַמבורג. ביי היינטיקן טאָג איז די דייטשע אָרגאַניזאַציע פון די אַדוועגטיסטן אַ פאַר־באַנד פון מזרח און מערב־דייטשלאַנד און צענטראַל אייראָפּע, וואָס נעמט אַריין האָלאַנד, די דייטשע שווייצאַריע און עסטרייך. בראש פון די אַדוועגטיסטן פון זיבעטן טאָג שטייט די אַלגעמיינע קירך, וועמעס הויפּט־פלאַץ איז אין וואַשינגטאָן און האָט „אַפּטיילונגען" איבער אַלע פינף וועלט־טיילן. אין יאָר 1925 איז די צאָל פון אַלע מיטגלידער פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, לויט דער פאַרזיכטיקער רעכענונג פון די אַדוועגטיסטן גופא — געווען אַרום צוויי הונדערט און דרייסיק טויזנט. די צאָל פון די דייטשע מיטגלידער אַרום פינף און דרייסיק טויזנט.

## .8

# גערמאַנישע שומרי־שבת אין אַכצנטן יאָרהונדערט

אין אָנהייב פון אַכצנטן יאָרהונדערט — האָט יאָהאַן טאַנהאַרד, אַ פּשוטער סוחר פון נירנבערג, אָנגעהויבן אַגיטירן צווישן די מאַסן וועגן דער הייליקייט פון טאָג שבת און אָפּגעדרוקט מכוח דעם פאַרשיידענע שריפטן אין ערפורט. ער האָט זיך אויך געמיט צו פאַרשפּרייטן דעם דאָזיקן געדאַנק דורך בריוו, וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט אין פאַרשיידענע לענדער. זיינע אַגיטאַציע־נסיעות האָבן אים געפירט איבער פאַרשיידענע דייטשישע

פראָווינצן. צוליב זיינע אָנשויאונגען איז ער וויפיל מאָל אַרעסטירט געוואָרן און אין יאָר 1720 איז ער געשטאָרבן אין קאַסעל, וואוהין ער איז געקומען צו דערוועריבן מיטגלידער פאַר זיין געדאַנק. טאַנהאַרד׳ס ווירקונג, האָט אַרויסגעבראַכט פאַרשיידענע חיבורים, סיי אַזעלכע וואָס האָבן אים באַקעמפט און סיי אַזעלכע וואָס האָבן פאַרטיידיקט זיין שטאַנדפונקט. ביז היינטיקן טאָג געפינען זיך נאָך אין די פּראָווינצן פון ווירטעמבערג און העסן יחידים, וואָס זיינען געבליבן טריי צו זיין תורה און היטן אָפּ שבת. אין אַכצנטן יאָרהונדערט איז אין דייטשלאַנד געווען אַ מענטש, וואָס האָט געקעמפט פאַרן געדאַנק פון שבת, דאָס איז גראַף ניקאָלאַס צינצענדאָרף, דער גרינדער און ערשטער עפּיסקאָפּ פון דער סעקטע „הערנהוטער". נאָך איידער ער איז אַוועק קיין אַמעריקע, זיך צו באַזעצן דאָרטן, (1738) האָט ער יאָרנלאַנג געהיט שבת. אויף זיין פאַרלאַנג האָט דער שטאָט־ראַט פון בעטלעהעם (פּענ־סילווייניע) אין יאָר 1741 אָנגענומען דעם באַשלוס צו פּראָקלאַמירן שבת, ווי אַ טאָג פון רו. צינצענדאָרף האָט אין זיין הויז איינגעפירט שבת׳דיקע צוזאַ־מענקופטן, פאַר די חברים און חברות פון זיין קהילה. און אין זיינע אַנשטאַלטן פאַר קינדער פלעגט ער מאַכן שבת׳דיקע סעודות. אָבער די „הערנהוטערס", וואָס זיינען געקומען שפּעטער — האָבן אויפגעהערט היטן דעם טאָג שבת.

## 9.

# שמירת־שבת ביי די קריסטן פון די מזרח־לענדער

די קריסטן פון עטהיאָפּיע היטן פון אַלטע צייטן אָן דעם טאָג שבת צוזאַמען מיטן זונטיק. ביים סוף פון זעכצנטן יאָרהונדערט, ווען די יעזואיטן זיינען אַהין געקומען, האָבן זיי זיך געמיט מבטל צו מאַכן די שבת־רו, און אויף זייער עצה, האָט דער קיניג סיגעד אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, צו אַקערן די ערד און טאָן אַלע אַרבעטן אין טאָג שבת. יענע וואָס פאָלגן ניט דעם קיניג־לעכן דעקרעט זיינען אויסגעזעצט צו האַרבער שטראָף. אָבער דאָס פאָלק האָט רעוואָלטירט אַנטקעגן דעם און נאָך אַ סך בלוטיקע מלחמות איז דער קיניג געצוואונגען געווען מבטל צו זיין די גזרה און צוריק איינצופירן פריי־הייט פון רעליגיע. זינט דעמאָלט היטן די עטהיאָפּישע קריסטן דעם טאָג שבת אומגעשטערט. אויך די „יאַקאָבינער" אין מזרח־טערקיי און די קריסטן, וואָס רופן זיך אויפן נאָמען פון טאָמאַס, וואָס וואוינען אין מאַלאַבאַר (אינדיע) האַלטן הייליק דעם טאָג שבת צוזאַמען מיטן זונטיק. אין די פריערדיקע יאָרהונדערטער האָבן אויך די סירישע מאַראָניטן אָפּגעהיט די דאָזיקע צוויי טעג צוזאַמען.

# אַ באַגריסונג

## פון

## אידיש־נאַציאָנאַלן בוך־פאָנד

## (פאַרבאַנד ענדאומענט פאָנד)

▼

מיט גרויס צופרידנהייט באַגריסן מיר דעם ביכער־פאַרלאַג פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אין פאַרבינדונג מיט זיינע טעטיקייטן אַרויסצוגעבן וויכטיקע ווערק, וואָס האָבן אַ אַ גרויסע קולטור באַדייטונג.

דער פאַרבאַנד ענדאומענט פאָנד העלפט דעם ביכער־פאַרלאַג אויף יעדן מעגלעכן אופן, אַרויסצוגעבן ווערק אין דער אידישער, העברעאישער און ענגלישער שפראַך, וואָס זאָלן באַרייכערן און באַפעסטיקן אונזער נאַציאָנאַלע קולטור.

מיט באַזונדערער צופרידנהייט דריקן מיר אויס אונזער טיפע אָנערקענונג צו די חברים און פריינט וואָס האָבן געהאָלפן גרינדן דעם פאַרבאַנד ענדאומענט פאָנד, וועמעס קרן עס ווערט אָפּגעהיט הונדערט פראָצענט, און וועמעס פאַרדינסטן וועלן, לויט די כללים פון דעם פאָנד, פאַרווענדעט ווערן צו העלפן אַרויסגעבן וויכטיקע ווערק אין אידיש, העברעאיש און ענגליש.

▼

אונזער חבר׳שע אָנערקענונג גייט צו די פאָלגנדע
מיטגלידער פון דעם פאַרבאַנד ענדאומענט פאָנד :

סאל לעווינסאָן — פילאַדעלפיע
י. ווינער — היוסטאָן, טעקס.
ב. פרידמאַן — אסבורי פארק
יוסף שולמאַן ע״ה — ניו־יאָרק
משה שייוועכ — דעטראָיט
ב. מילינסקי — דעטראָיט

מ. גארפינקעל — סאַן פראַנציסקאָ
ז. רעזניק — אסבורי פּאַרק
דזש. כראמאָוו — ניו־יאָרק
י. אייבראמס — ניו־יאָרק
יהואש בר. 150 — אסבורי פּאַרק
דוד גרינבערג — יוניאָן סיטי, נ. דזש
איליי שטראַוס — שיקאַגאָ
דזש. י. זעווין — סטארק, פלא.

ס. י. זעלדיס — ריטשמאָנד
י. נעד — היוסטאָן, טעקס.
סאל מוראווין — אָלבאַני
מ. סאפראן — אָלבאַני
פ. אטענשטיין — העמטאָן, וואַ.
י. אטענשטיין — וואַשינגטאָן
א. ניכאמין — דעטראָיט
הערמאַן גודמאַן — אָלבאַני
ה. שומער — דעטראָיט

חבר און חברה דזש. פישמאַן — מיאַמי ביטש
י. קראוואיעף — דאָרטשעסטער
פ. סיגאַל — סט. פּאָל, מינ.
י. שעכטער — ניו־יאָרק
ב. מ. לייקין — דעטראָיט
ב. צ. מילער — סיראַקיוז
משה איידמאַן — עקראָן
מ. ראגאווי — עקראָן

ה. ארקוש — יוניאָן סיטי, נ. דזש.
י. סינגער — קעמדען, נ. דזש.
מאַקס לעפקאָוויץ — ראקסבורי
ס. בערק — וועסט ניו־יאָרק, נ. דזש.
מ. סילווער — ווילקעס באַר, פּא.
י. גוטערמאַן — ניו־יאָרק
א. שוגערמאַן — טשאַטאַנוגאַ
דזש. מ. מאלדאוו — אטלאַנטא
דזש. דאנסקי — נאָרפאָלק, וואַ.

מאַקס יורעצקי — אַטלאַנטיק סיטי
מ. ל. גיל — טשאַטאַנוגא
נ. גוטערמאַן — נאָרפאָלק, ווא.
בען גאַראַב — אמאהא
עמאַנועל קאַפּלאַנד — קענזעס סיטי

ס. פאַלאַרד — טשאַטאַנוגא
נ. איזראַעלאָף — ניו־יאָרק
א. קאַפּלאַן — ברוקלין
מאַקס מענסאָן — טאָראָנטאָ
מ. אַדעסקי — נאָרפאָלק

דזש. ל. העכט — נאָרפאָלק
ה. אַטלאַס — פילאַדעלפיע
מ. לערמאַן — ניו־יאָרק
מ. לאַנגער — קליוולאַנד
ראובן לעווין — לאָס אַנדזשעלעס

▼

פון דערפאַרונג ביז איצט, זעען מיר אַז דער ענדאַומענט פאָנד וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ פינאַנציעלן זיכערן פונדאַמענט, וועט מיט דער צייט זיך אַנטוויקלען אַלס איינע פון די וויכטיקסטע קולטור אינסטיטוציעס וואָס דער פאַרבאַנד האָט געשאַפן, און וועט העלפן אַנטוויקלען אַ פאַרצווייגטע קולטור־אַקטיוויטעט אויפן וועג פון אַרויסגעבן וויכטיקע ווערק, און העלפן אָפּהיטן אונזערע אידישע קולטור אוצרות פון אַלע צייטן.

**פאַרבאַנד ענדאַומענט פאָנד**

ד ו ד פ י נ ס ק י , פרעזידענט
ל ו א י ס ס י ג א ל , סעקרעטאַר

ניו־יאָרק, יולי, 1947.